STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10248

KESOVIM FUN GETO

Emanuel Ringelblum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עמנואל רינגעלבלום

כתבים פון געטאָ

יידישער היסטארישער אינסטיטוט

עמנואל רינגעלבלום

כתבים פון געטאָ

באנד איינס

טאָגבוך פון ווארשעווער געטאָ

(1942 — 1939)

פארלאג: יידיש בוך ווארשע

ŻYDOWSKI INSTYTUT HISTORYCZNY

EMANUEL RINGELBLUM

DZIENNIK WARSZAWSKIEGO GETTA

Tom I (1939—1942)

Do druku przygotowali i uwagami zaopatrzyli:
A. EISENBACH, T. BERENSTEIN, B. MARK
i A. RUTKOWSKI

צוגעגרייט צום דרוק און מיט הערות פון:
א. אײזענבאך, ט. בערענשטײן, ב, מארק און א. רוטקאָווסקי

Okładka i obwoluta: R. CHWOLES
הילע און אָבוואָלוטע: ר. כוואָלעס

All rights reserved.

WYDAWNICTWO „IDISZ BUCH" WARSZAWA, NOWOGRODZKA 5

Nr zam. 1036. Nakład 4000 egz. Druk ukończono w październiku 1961 r.
Arkuszy druk. 28, wyd. 22. Papier rotogr. III kl. 70 × 100, 90 g.
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. S-72

עמנואל רינגעלבלום איז געווען איינע פון די שענסטע געשטאַלטן נישט נאָר פון פאַרמלחמהדיקן יונגן דור יידישע היסטאָריקער, נאָר אויך פון געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן און קולטור־אַקטיוו אין דער צייט פון דער לעצטער וועלט־מלחמה. דער „יונגער" היסטאָריקער איז שוין אין די דרייסיקער יאָרן שטאַרק אויסגעוואַקסן אַ דאַנק זיינע פאַרטיפטע אָפּהאַנדלונגען און סטודיעס אויפן געביט פון יידישער געשיכטע. דער אויסברוך פון דער מלחמה האָט נישט איבערגעריסן זיין שעפערישע אַרבעט. אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן, וואָס איז געווען מעגלעך אין יענע טראַגישע לעבנס־באַדינגונגען פון וואַרשעווער געטאָ, האָט רינגעלבלום קאָנטינואירט זיין אַרבעט. זיינע אינטעלעקטועלע פאַראינטערעסירונגען, זיינע היסטאָרישע פאָרשונגען פלעכטן זיך איצט צונויף און זענען שטאַרק פאַרבונדן מיט זיין ברייטער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער אַקטיווקייט. ער ווערט דאָס געוויסן פון דער צייט. שוין אין די מלחמה־יאָרן לייגט ער די פונדאַמענטן פון אַ וויסנשאַפטלעכער געשיכטע פאָרשונג וועגן דער אָקופּאַציע־צייט. אַדאַנק רינגעלבלומען ווייסן מיר פיל מערער און בעסער נישט נאָר וועגן די אָנהויבן פון יידישן ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וועגן די פויליש־יידישע באַציאונגען, אָדער וועגן אומקום פון דער יידישער אינטעליגענץ, נאָר בכלל וועגן דער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק פון די נאַציס און אינערלעכן לעבן פון די יידן אין די געטאָס.

די אָקופּאַציע־צייט האָט אַרויסגעבראַכט אין דער פולער מאָס די אײַדעלע, הומאַנע שטריכן פון רינגעלבלומען, זיין גרויסע ליבע צום פאָלק, זיין קאָמפּראָמיסלאָזע שנאה צום פאַשיזם, אין קאַמף קעגן וועלכן ער האָט אוועקגעגעבן זיין לעבן. רינגעלבלום איז באַקאַנט קודם כל אלס היסטאָריקער. מען טאָר אָבער נישט אַרויסלאָזן פון אויג זיין געזעלשאַפטלעךפּאָליטישע טעטיקייט, וואָס האָט משפיע געווען די ריכטונג פון זיינע וויסנשאַפטלעכע פאַראינטערעסירונגען.

עמנואל (מנחם) רינגעלבלום איז געבוירן דעם 21 נאָוועמבער 1900 אין בוטשאַטש (מזרח־גאַליציע), וווּ ער האָט געענדיקט 4 קלאַסן פאָלקסשול און די ערשטע קלאַסן גימנאַזיע. נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך זיין גאַנצע משפחה באַזעצט אין נייסאָנץ. דאָרט האָט

עמנואל אין יאָר 1919 געענדיקט גימנאַזיע. אין האַרבסט דעם זעלבן יאָר האָט ער זיך פאַרשריבן אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט, וווּ ער האָט אויפן הומאַניסטישן פאַקולטעט שטודירט געשיכטע. זיינע לערער אויפן אוניווערסיטעט זענען געווען די פּראָפעסאָרן י. קאָכאַנאָווסקי און מ. האַנדעלסמאַן. אונטער זייער אָנפירונג האָט רינגעלבלום געשריבן די ערשטע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. זיין פּאַקטישער מדריך אויפן געביט פון יידישער געשיכטע־פאָרשונג איז אָבער געווען יצחק שיפּער. אין די צוואַנציקער יאָרן האָט י. שיפּער, אַדאַנק זיין פּיאָנערישקייט אין דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, קודם כל דורך ווענדן די אויפמערקזאַמקייט אויף סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָצעסן אין דער יידישער געשיכטע, אַדאַנק זיין התלהבות און חברישער באַציונג, שטאַרק באַווירקט און דערמוטיקט די יונגע גרופּע יידישע היסטאָריקער אין וואַרשע — ער האָט זיי אָנגערעגט אויסצופאָרשן נייע, נישט באַאַרבעטע פּראָבלעמען פון יידישן עבר. רינגעלבלום איז אין יענע יאָרן, ווען ער האָט צוגעגרייט זיין דיסערטאַציע וועגן דער געשיכטע פון יידן אין וואַרשע בעתן מיטלאַלטער, געווען אונטערן שטאַרקן איינפלוס פון י. שיפּער. לויט די אָנווייזונגען פון זיין מדריך האָט ער אויפסניי איבערגעאַרבעט אייניקע קאַפּיטלען פון זיין אַרבעט.

אויפן סמך פון דער דערמאָנטער דיסערטאַציע האָט רינגעלבלום אין יאָר 1927 באַקומען אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט דעם דאָקטאָר־טיטל. דאָס איז געווען זיין ערשטע, גרעסערע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. זי איז דערשינען אין דרוק ערשט אין 1932 י. אין די ראַמען פון דער באַקאַנטער ביבליאָטעק א. נ. ט. קאַרזאָן, וועלכע עס האָט אַרויסגעגעבן און גיט נאָך היינט אַרויס די וואַרשעווער אָפּטיילונג פון דער פּוילישער היסטאָרישער געזעלשאַפט. נאָך פריער זענען אייניקע קאַפּיטלעך פון זער אַרבעט דערשינען אין יידיש אין די היסטאָרישע און עקאָנאָמישע שריפטן פון ייוואָ.

ע. רינגעלבלום האָט מיט זיין אַרבעט אויסגעפילט אַ בלויז אין דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע. וואַרשע, די גרעסטע דעמלט יידישע קהלה אין פּוילן און אין אייראָפּע, האָט אייגנטלעך נאָך נישט געהאַט קיין געשיכטע פון איר פריפעריאָד. ערשט רינגעלבלום האָט אָנגעשריבן די מיטלאַלטערלעכע געשיכטע פון די יידן אין וואַרשע ביז צום גירוש פון 1527, ד. ה. ביזן יאָר, ווען די פּראָווינץ מאַזאָוויע איז נאָך געווען א זעלבשטענדיק פירשטנטום. רינגעלבלום שטיצט זיך דאָ פונקט ווי אין זיינע שפּעטערדיקע היסטאָרישע אַרבעטן אויף רייכע אַרכיוואַלע מקורות. ער האָט פון זיי אַרויס געבראַכט אומבאַקאַנטע פאַר די פריערדיקע פאָרשער פון וואַרשע ידיעות וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן, וועגן זייערע האַנדלס־באַציונגען מיט אַנדערע שטעט פון פּוילן און ליטע, וועגן יידישן קרעדיט, מלאכה און יידישן לאַנד־באַזיץ. רינגעלבלום האָט אויך באַשריבן די רעכטלעכע פאַרהעלטענישן פון יידן אין וואַרשע און אין דער מאַזאָווער פּראָווינץ און

ארויסבאקומען אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן אינערלעכן לעבן פון די יידן אין מיטלאַלטערלעכן וואַרשע.

ע. רינגעלבלום האָט זייט דאַן גענומען אויספאָרשן די געשיכטע פון יידן אין וואַרשע אין דער שפּעטערדיקער צייט. אַזוי אָבער ווי צוליבן פאַרבאָט פאַר יידן צו וווינען אין דער הויפּטשטאָט מערקט זיך אַ וווּקס פון וואַרשעווער יידישן ישוב ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 18 י״ה, האָט רינגעלבלום, דער עיקר, זיך קאָנצענטרירט אויף יענעם פּעריאָד. כדי אלזייטיק צו באַלייכטן די געשיכטע פון יידן אין וואַרשע האָט רינגעלבלום אויסגעבערייטערט און פאַרטיפט זיינע שטודיעס וועגן דער געשיכטע פון יידן אין גאַנצן לאַנד. ער האָט אָנגעזאַמלט אַ ים אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן, ער האָט אויסגענוצט די דעמאָלטדיקע פּרעסע און פּובליציסטישע ליטעראַטור. אין רעזולטאַט פון די ברייט פאַרמאָסטענע פאָרשונגען האָט רינגעלבלום אין די דרייסיקער יאָרן געגעבן אַ ריי סינטעטישע אַרבעטן, אָפּהאַנדלונגען און אַרטיקלען, וואָס זענען פון גרויסער וויכטיקייט פאַר דער ווי‌סנשאַפטלעכער סאָציאַלער און קולטור־געשיכטע פון יידן אין פּוילן אין יענעם פּעריאָד.

מען דאַרף דאָ קודם כל דערמאָנען די אַרטיקלען, אין וועלכע רינגעלבלום שטעלט זיך די אויפגאַבע צו באַלייכטן די שטעלונג פון פאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן און פּאָליטישע ריכטונגען אין פּוילן צו דער יידן־פראַגע. דאָס איז דער אַרטיקל „אַ יידישע דעבאַטע אין פּוילישן סיים פון יאָר 1775״ (1931). אַ גרעסער אַרטיקל „יידן אין ליכט פון דער וואַרשעווער פּרעסע״ (1932) און די שטודיע וועגן „די פּראָיעקטן און פּרוּוון איבערצושיכטן יידן אין דער עפּאָכע פון קיניג סטאַניסלאַוו אויגוסט״ (1934). רינגעלבלום האָט דאָ אַרויסגעבראַכט נייע ידיעות וועגן מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג, ספּעציעל וועגן דאָרפישן עלעמענט, וועגן דער שווערער לאַגע פון די קרעטשמער און אַרענדאַרן און וועגן דער באַציאונג פון די פריצים צו זיי ער רוקט אויך אַרויס נייע טענות וועגן יידן אין דער לאַנדווירטשאַפט.

אַדאַנק זיינע פאַראינטערעסירונגען מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען האָט רינגעלבלום געוווּסט אַרויסצובאַקומען, בפרט פון די אַרכיוון, נייע פאַקטן וועגן דער קריסטאַליזירונג פון נייע קלאַסן אין דער דאַמאָלטדיקער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. אין אַרטיקל „אָפּקלאַנגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע״ (1932) האָט ער דער ערשטער אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער פאָרמירונג פון דער יידישער בורזשואַזיע, אויף איר קלאַסן־באַוווּסטזיין און אירע באַשותפותדיקע אינטערעסן מיטן פּוילישן בירגערטום.

שטופנווייז האָט ע. רינגעלבלום אויסגעברייטערט זיינע פאָראינטערעסירונגען און פאָרשונגס־געביטן. ער אינטערעסירט זיך מיט פּראָבלעמען פון דער צענטראַלער יידישער אויטאָנאָמיע פון אַמאָליקן פּוילן, זאַמלט דערביי נייע מאַטעריאַלן אין די מלוכה־אַרכיוון פון וואַרשע און ווילנע.

רינגעלבלום האָט אָנגעשריבן אַ קורץ־געפאַסטע געשיכטע פון דער יידישער אויטאָנאָמיע, וואָס איז פאַרעפנטלעכט ווי אַ הקדמה צו י. באָרנשטיינס: „בודזשעטן פון יידישע קהלות אין פוילן״ (1928).

רינגעלבלום האָט צוזאַמען מיט רפאל מאהלער ארויסגעגעבן אין יאָר 1930 אַ בוך „מקורים צו דער געשיכטע פון יידן אין פוילן און מזרח־אייראָפּע״. די קוועלן־אויסגאבע, וואָס איז דער עיקר געווען באַשטימט פאר יידישע מיטל־שולן, איז דערשינען אין יידיש און פויליש.

אין די יאָרן 1932—1934 האָט רינגעלבלום פאַרעפנטלעכט אין די ייוואָ־בלעטער סקיצן *צו דער געשיכטע פון יידישן בוך און דרוק אין פוילן אין דער צווייטער העלפט פון* 18 י״ה. (אין יאָר 1936 זענען זיי דערשינען צוזאמען אין אַ בוך־פאָרמאַט). די אָפּהאנדלונגען זענען גלייכצייטיק אַ וויכטיקער צושטייער צו דער פראַגע וועגן די רעכטלעכע באַגרענעצונגען און שטייער־לאסטן פון די יידן, ווי אויך צו די אָנהויבן פון השכלה אין פוילן. זייט 19 האָט רינגעלבלום מיטגעאַרבעט אין דער דייטשער *Encyklopedia Judaica* ער האָט דאָרט פאַרעפנטלעכט עטלעכע צענדליק קורצע מאָנאָגראַפיעס וועגן יידישע קהלות אין פוילן, געשטיצט דער עיקר אויף נייע ארכיוואַלע מאטעריאלן. אַ געשיכטע פון יידן אין קרעמעניץ האָט רינגעלבלום פארעפנטלעכט אין דער צייטשריפט „לאנד־קענטעניש״ (1934). א גרעסערע אָפּהאנדלונג וועגן דער „אינעווייניקסטע געשיכטע פון יידן אין אַמאָליקן פוילן״ האָט ער אויך אָפּגעדרוקט אין דער קאָלעקטיווער אויסגאַבע *Żydzi w Polsce Odrodzonej* 1־טער באַנד (1932). חוץ דעם האָט רינגעלבלום פארעפנטלעכט אַן ארטיקל וועגן יידישע מלבושים אין פוילן אין סוף 18 י״ה. („פון נאָענטן עבר״, 1937) און אַ סעריע אַרטיקלען אין „סאָציאַלע מעדיצין״ (1931—1938) וועגן יידישע דאָקטוירים אין אַלטן פוילן.

גלייכצייטיק מיט די דערמאָנטע פאָרשארבעטן האָט ע. רינגעלבלום געגרייט זיין צווייטן באַנד געשיכטע פון יידן אין וואַרשע, וואָס האָט אַרומגענומען דעם צייט־פעריאָד ביז סוף 18 י״ה. זייט 1935 האָט ער פארעפנטלעכט אין די אויבן דערמאָנטע צייטשריפטן אייניקע פראַגמענטן פון דאָזיקן באַנד און חוץ דעם א ריי ארטיקלען און שטודיעס, וואָס שטיצן זיך אויף זיינע פאָרשונגען וועגן וואַרשעווער יידן. מען דאַרף דאָ דערמאָנען די ארטיקלען „וועגן ווארשעווער גאסן״ (1935), וועגן „יידישן טאָג־צעטל אין ווארשע״ (1936) וועגן „אינעווייניקסטן לעבן פון די ווארשעווער יידן אין 18 י״ה פון דער פאַרקערטער זייט״ (1937), און וועגן „חסידות און השכלה אין ווארשע אין 18 י״ה.״ (1938).

ע. רינגעלבלום האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן „שמואל זביטקאָווער דעם מנהיג און באנקיר״ („ציון״ 1938). ער מאָלט אונדז דאָ אַ בילד פון דער עקאָנאָמישער טעטיקייט פון יידישע סוחר־

רים און ליווראַנטן אין פּוילן אין דער צווייטער העלפט 18 י״ה. א באַזונדערן אָרט פאַרנעמט די גרעסערע אָפּהאַנדלונג: „יידן אין וואַרשע אין 18 י״ה. און זייער רעכטלעך-געזעלשאַפטלעכע לאַגע" (היסטאָרישע שריפטן ייוואָ, 1937). די גלענצענדע אָפּהאַנדלונג איז, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, אַ פראַגמענט פון צווייטן באַנד „געשיכטע פון יידן אין וואַרשע". רינגעלבלום האָט דאָ אַרויסגעבראַכט נייע מאַטעריאַלן וועגן יידישע סינדיקעס, זייערע פונקציעס און קאָנטראָל-אַפּאַראַט, ווי אויך וועגן די מעטאָדן פון זייער הפקר-ווירטשאַפט אין דער האַלב-לעגאַלער קהלה אין וואַרשע.

מען דאַרף דאָ אויפקלערן, אַז אין אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט (אין צווייטן טייל פון אונטערערדישן געטאָ-אַרכיוו) האָבן זיך אויסגעהיט 5 העפטן פאַרשריבן מיט רינגעלבלומס אייגנהענטיקן כתב, וואָס בילדן דעם צווייטן באַנד פון זיין געשיכטע פון יידן אין וואַרשע. דאָס איז וואַרשיינלעך די ערשטע רעדאַקציע פון רינגעלבלומס אַרבעט. זי באַהאַנדלט די ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן פון די וואַרשעווער יידן פון 1527 ביז סוף 18 י״ה. חוץ דעם האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט נאָטיצן וועגן שטייערלאַסטן פון יידן אין וואַרשע.

אין ענגן שייכות מיט די פאַרשונגען וועגן יידן אין וואַרשע איז רינגעלבלומס אַרבעט וועגן „די פוילישע יידן אין אויפשטאַנד פון קאָשטשושקאָ אין 1794" (1937). די אַרבעט איז דערשינען אין פויליש און יידיש. דאָס איז די ערשטע וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג וועגן אָנטייל פון די וואַרשעווער יידן, באַזונדערס פון די אָרעמסטע עלעמענטן, אין אַפּריל-אויפשטאַנד, וועגן דער קעגנזייטיקער דערנענטערונג פון די יידישע און פוילישע מאַסן, וועגן דינסט פון יידן אין דער בירגערלעכער מיליץ, זייער הילף פאַר דער אויפשטענדיקער מאַכט דורך ליפערונג, צושטעלן טראַנספּאָרט-מיטלען א. ד״גל.

אין די פאַרמלחמה-יאָרן האָט רינגעלבלום זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט יידישע פּראָבלעמען פון 19 י״ה. ער האָט שוין דעמלט געזאַמלט מאַטעריאַלן צו דער ווירטשאַפטלעכער און סאָציאַלער געשיכטע פון יידן אין פוילן אין יענער תקופה און בכלל פלאַנירט ברייט-פאַרמאָסטענע היסטאָרישע פאָרשונגען פון 19 י״ה.

שווער זענען געווען די באַדינגונגען אין וועלכע עס איז אויסגעקומען רינגעלבלומען צו גרייטן זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. די פרנסה-אַרבעטן און געזעלשאַפטלעכע פונקציעס האָבן אים פאַרשלונגען די גאַנצע פרייע צייט. נישט איינמאָל פלעגן מיר אים נאָך אַ שווערן אַרבעטס-טאָג זען לויפן אין מלוכהשן הויפּט-אַרכיוו, אין קראַשינסקי-אַרכיוו, אָדער שפּעט אין אָוונט, נאָכן צוגרייטן זיך צו די שול-לעקציעס זען ביים אַרבעטס-טיש איבער אַ קאַפּיטל געשיכטע.

פיל צייט האָט רינגעלבלומען פאַרנומען מלמדות. אין 1927 האָט ער פאַרבראַכט אין ווילנע, וווּ ער האָט געאַרבעט אַלס לערער פון געשיכטע

אין די יידישע מיטל-שולן. נאָכן צוריקקומען קיין וואַרשע, האָט ער במשך פון 10 יאָר געאַרבעט אַלס לערער פון געשיכטע אין די פּוילישע מיטל־שולן פאַר יידישע מיידלעך (זאַקסאַווא, יהודיה). ערשט אין 1938, ווען רינגעלבלום איז אריינגעצויגן געוואָרן אין דער **הילפס־טעטיקייט** פון „דזשוינט" האָט ער פאַרלאָזן די שול־אַרבעט.

רינגעלבלום האָט געפירט אַ ברייטע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. ער איז געווען אַן אַקטיווער טוער פון דער לינקער פּועלי־ציון־באַוועגונג, מיט וועלכער ער איז געווען פאַרבונדן פון די יונגסטע יאָרן. נאָך זייענדיק אין גימנאַזיע האָט ער אָנגעפירט מיט אַ שילער־קרייז און איז געווען אַ לערער אין די בילדונגס־קרייזן פון דער דאָרטיקער פּ"צ־פּאַרטיי. אין וואַרשע איז רינגעלבלום אין די יאָרן 1920—1927 שוין געווען אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער „יוגנט"־אָרגאַניזאַציע און זיך אַקטיוו באַטייליקט דער עיקר אין דער בילדונגס־אַרבעט. ער האָט מיטגעאַרבעט אין די זשורנאַלן און צייטשריפטן, וועלכע די „יוגנט" האָט ארויסגעגעבן. ער איז געווען טעטיק אין דער פאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט „אָוונט־קורסן פון אַרבעטער", זייענדיק גלייכצייטיק אַ לערער אין אירע אָוונט־שולן.

ע. רינגעלבלום איז געווען ענג פאַרבונדן מיטן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ) פון אָנהייב פון זיין אַנטשטייונג. ווי אַ מיטגליד פון דער היסטאָרישער סעקציע איז ער געווען איינער פון אירע אַקטיווסטע וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטער. ער געהערט צו די גרינדער פון וואַרשעווער ייוואָ־אָפּטיילונג און פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן, וואָס האָט אַדורכגעפירט אַ רעגיסטראַציע פון קהלה־פּנקסים אין גאַנצן לאַנד. שוין אין יאָר 1923 האָט רינגעלבלום אָרגאַניזירט אין וואַרשע אַ היסטאָריקער־קרייז (ביי דער אַקאַדעמישער־היים, שפּעטער ביי דער וואַרשעווער ייוואָ־אָפּטיילונג), וואָס האָט מיט דער צייט קאָנצענטרירט אַלע יונגע יידישע היסטאָריקער אין וואַרשע. דאָס איז געווען אַ קוזשניע פון אַ פּראָגרעסיווער יידישער געשיכטע־פאָרשונג. אַדאַנק רינגעלבלומס איניציאַטיוו און ענערגיע האָט דער היסטאָריקער־קרייז ארויסגעגעבן אַן אייגענעם וויסנשאַפטלעכן אָרגאַן „יונגער היסטאָריקער", שפּעטער „בלעטער פאַר געשיכטע". צו זיינע טראַדיציעס האָט נאָך דער מלחמה אָנגעבונדן דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט.

וואָס נוגע אַנדערע טעטיקייטס־געביטן דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז רינגעלבלום האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די אַרבעטן פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע (ציש"אָ), אין די דרייסיקער יאָרן, ווען אויף דער יידישער גאַס איז געשאַפן געוואָרן דער יידישער קולטור - פראָנט מיטן אָנטייל פון דעמאָקראַטן, קאָמוניסטן, לינקע פּועלי־ציון און אַנדערע סאָציאַליסטישע עלעמענטן, האָט זיך רינגעלבלום ארויסגערוקט אין פאָדערגרונט פון די אַקטיווע טוער פון קולטור־פראָנט. רינגעלבלום איז אויך

געווען טעטיק אין דער „יידישער געזעלשאפט פאַר לאַנדקענטעניש", מיט ארבעטנדיק אין אירע וויסנשאפטלעכע אויסגאבעס און אויף אירע קורסן. רינגעלבלום איז אויך געווען אקטיוו אין פּראָפעסיאָנעלן פאריין פון יידישע מיטל־שול לערער.

אַ דאנק רינגעלבלומס באַמיונגען האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל יידישע היסטאָריקער באַטייליקט ווי אַ באַזונדערע סעקציע אין אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון היסטאָריקער, וואָס איז פּאָרגעקומען אין 1933 אין וואַרשע. רינגעלבלום האָט אויפן קאָנגרעס געלייענט אַ רעפעראַט: „די סאָציאַלע אוןווירטשאַפטלעכע געשיכטע פון די יידן אין פוילן בעתן 18 י"ה." ער האָט אויך אַקטיוו זיך באַטייליקט אין די דיסקוסיעס איבער אַנדערע רעפעראַטן.

גלייכצייטיק מיט דער ארבעט אין שול איז רינגעלבלום זייט 1929 אריינגעצויגן געוואָרן אין דער טעטיקייט פון דער צענטראלע פון די גמי־לות־חסדים ־ קאסעס (צעקאבע). ער האָט רעדאַגירט דעם אָרגאַן פון די ג"ח־קאסעס „פּ אָ ל ק ס ־ ה י ל ף". אויף דעם פּאָסטן האָט רינגעלבלום אַ סך אויפגעטון פאַר דער אידעע פון אליינהילף און פּראָדוקטיוויזאַציע פון דער יידישער באפעלקערונג. רינגעלבלום איז געווען אַ פּרעכטיקער אָרגאַניזאַטאָר. ער איז תמיד געווען פול מיט ענערגיע און איניציאַטיוו. אויף יעדן ארבעטס־פעלד האָט ער געוווסט ווי צו קומען מיט נייע רעאַלע פּראָיעקטן.

די פּאָליטישע געשעענישן אין הארבסט 1938 האָבן אוועקגעשטעלט רינגעלבלומען אויף אַ נייעם פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן, צו וועלכן עס האָט אים אַנגאַזשירט דער „דזשוינט" אין פוילן. ווי באַקאַנט, האָט די היטלע־רישע רעגירונג אין סוף אָקטאָבער 1938 ארויסגעטריבן פון דייטשלאַנד העכער 17 טויזנט יידן — פוילישע בירגער, באַרויבטע פון זייער האָב און גוטס. די פוילישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן אין דער ערשטער צייט נישט גע־וואָלט די יידן אַריינלאָזן אין לאַנד און קאָנצענטרירט זיי דערווייל אויף דער גרענעץ אין אַ לאַגער ביי זבאַנשין. רינגעלבלום האָט דאָרט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער הילפס־טעטיקייט פאַר די גולים. גלייכצייטיק אָבער האָט ער ווי אַ פאָרשער פאַרשטאַנען צו אָרגאַניזירן צווישן די אַרויסגעטריבענע אַן אַקציע פון פאַרשרייבן גביות־עדות וועגן זייערע לײדן, וועגן די אכזריות פון די נאַציס און וועגן זייער עקסטערמינאַציע־מעטאָדן. אין רעזולטאַט פון דער ארבעט האָט מען — ווי עס גיט איבער מ. קאַזשען, רינגעלבלומס מיטארבעטער אין זבאַנשין — צונויפגעזאַמלט פול ווערטפולע מאַטעריאַלן. נאָך אין סוף 1939 האָבן זיי זיך געפונען אין רינגעלבלומס דירה און עס איז וואַרשיינלעך, אז ער האָט די מאַטעריאַלן געוואָלט אויסנוצן פאַר פאָר־שונגס־צוועקן וועגן דער לאַגע פון יידן אין דייטשלאַנד פאַרן אויסברוך פון דער וועלט מלחמה.

ראַפּידע פּאָליטישע ענדערונגען — די היטלעריסטישע אַגרעסיע און אַ חודש שפּעטער די אָקופּאַציע פון פוילן, האָבן פאַר רינגעלבלומען אַוועקגעשטעלט נייע אויפגאַבן. נאָך אין אויגוסט 1939 האָט זיך רינגעלבלום געפונען אין דער שווייץ, ווו ער איז געווען אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס. שוין נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה האָט ער זיך דורך אומוועגן צוריקגעקערט קיין וואַרשע און געשטעלט זיך אין גאַנצן אין דינסט פון דער סאָציאַלער הילפס־טעטיקייט. רינגעלבלום האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט נאָך פאַר דער באַלאַגערונג פון וואַרשע און אויך שפּעטער בעת דער אָקופּאַציע פאַרלאָזן די שטאָט. עס האָבן אָבער נישט געהאָלפן די צורעדענישן פון זיינע פריינד ער זאָל אַרויספאָרן פון וואַרשע. רינגעלבלום האָט שוין געהאַט ביי זיך אַ פעסטן באַשלוס, אז ער בלייבט און וועט אָרגאַניזירן די הילפס־טעטיקייט, מיט וועלכע ער איז געווען שטאַרק פאַרבונדן, זיין שטאַרק אחריות־געפיל האָט אים נישט געלאָזט פאַרלאָזן זיין פּאָסטן.

רינגעלבלום ווערט די נשמה פון דער פאַרצווייגטער הילפס־טעטיקייט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. שוין בעת דער באַלאַגערונג פון וואַרשע, אין סעפּטעמבער 1939 אָרגאַניזירט רינגעלבלום די ערשטע הילף פאַר יידישע נשרפים און פּליטים, ער אָרגאַניזירט פאָלקס־קיכן, ער איז טעטיק אין צענטראַלן רעטונגס־קאָמיטעט און שפּעטער אין קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון יידישע אינסטיטוציעס פאַר סאָציאַלער הילף. אין די יאָרן פון אָקופּאַציע איז רינגעלבלום געווען דער לייטער פון געזעלשאַפטלעכן סעקטאָר ביי דער געזעלשאַפט פאַר סאָציאַלער אַליינהילף. און ווידער האָבן מיר דאָ אַ מערקווירדיקע דערשיינונג — רינגעלבלומס אינטערעס פאַר אַקטועלע סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען, זיין אַנגאַזשירן זיך אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, האָבן אים געגעבן דעם אימפּולס פאַר נייע היסטאָרישע פאָרשונגען. דאָ ווערט ביי אים געבוירן דער געדאַנק צו זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן די לויפנדיקע געשעענישן, וועגן לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג בעת דער היטלערישער אָקופּאַציע. עס איז אַ קאָנטינואַציע פון דער פאָרש־און זאַמלאַרבעט, וועלכע רינגעלבלום האָט אָרגאַניזירט אין נאָוועמבער 1938 יאָר, אָבער אין אַ פיל ברייטערן פאַרנעם. דאָס איז דערווייל געווען דער איינציקער אופן, אויף וועלכן ער האָט אין די געענדערטע לעבנס־באַדינגונגען געקאָנט ממשיך זיין היסטאָרישע פאָרשונגס־אַרבעט.

דאָ דאַרף מען זוכן די גענעזע פון דעם דורך רינגעלבלומען אָרגאַניזירטן אונטערערדישן אַרכיוו פון וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָט צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים געטראָגן דעם נאָמען „עונג־שבת". שוין אין אָקטאָבער 1939 האָט רינגעלבלום אָנגעהויבן פאַרשרייבן זיינע נאָטיצן. אַ דאַנק זיין ברייטער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין וואַרשעווער געטאָ האָט רינגעלבלום געהאַט אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט מענטשן פון פאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן. — „אַלץ וואָס איך האָב זיך אין משך פון טאָג אָנגעהערט האָב איך אין אָוונט פאַרנאָטירט פאַרזען מיט מיינע הערות" — שרייבט

רינגעלבלום אין דער אָפּהאַנדלונג „עונג שבת“, אין וועלכן ער גיט אָן אָפּשאַצונג פון אונטערערדישן ארכיוו, פון זיינע פּלענער און אַרבעטס־מעטאָדן. ווען די געשעענישן האָבן זיך געענדערט, און די באַדערפענישן אויסגעוואַקסן, האָט רינגעלבלום געהאַלטן פאַר נויטיק אין מאי 1940 צו געבן דער זאַמלאַרבעט אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. עס האָט זיך אים איינגעגעבן מיט דער צייט צו געווינען פאר דער קאָנספּיראַטיווער ארבעט אַ שטאַב פון צענדליקער איבערגעגעבענע מיטאַרבעטער פון שרייבער, לערער, געזעלשאַפטלעכע טוער. די מיטאַרבעטער האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו זאַמלען מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, וואָס זאָלן געבן אַן אַל־זייטיקן בילד פון יידישן לעבן אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה, פון דעם אַלעם, וואָס עס האָבן איבערגעלעבט, געטראַכט און געוויינט די יידישע פאָלקס־מאַסן. „מיר האָבן געשטרעבט דערצו — שרייבט רינגעל־בלום — אַז עס זאָל געגעבן ווערן אין אונדזערע אַרבעטן דער גאַנצער אמת, ווי ביטער עס זאָל נישט זיין“. דעריבער האָט מען זיך באַמיט, אַז די זעלבע געשעענישן זאָלן פאַרשריבן ווערן דורך עטלעכע פּערזאָן. „דורך פאַרגלייכן די פאַרשיידענע באַשרייבונגען — מאַכט אויפמערקזאַם רינ־געלבלום — איז דעם היסטאָריקער נישט שווער אויסצושיילן דעם היס־טאָרישן אמת, דעם ווירקלעכן פאַרלויף פון די געשעענישן“.

די זאַמל-ארבעט איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן. אין ארכיוו האָט זיך אָנגעזאַמלט אזא ווערטפולער מאַטעריאַל, אז ער האָט שוין געקענט דינען פאַר אַ יסוד צו מאַכן סך הכלען פון געוויסע פּראָצעסן און דערשיינונגען אין יידישן לעבן. דעמלט האָט רינגעלבלום אָנגעצייכנט פּלענער פון ברייטע פאָרשונגען. ער האָט פאר זיינע מיטאַרבעטער צוגעגרייט טעזן און געגעבן מינדלעכע אָנווייזונגען ווי אזוי צו באַאַרבעטן די געגעבענע טעמע. עס האָבן זיך אין אונטערערדישן ארכיוו אָפּגעהיט רינגעלבלומס אייגנהענטיק אָנ־געשריבענע טעזן צו אַזעלכע טעמעס, ווי יידישע יוגנט, יידישע פּרוי, פּויליש־יידישע באַציונגען א. אַ. וו. חוץ דעם זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן טעזן און אנקעטעס פאר אנדערע מאָנאָגראַפישע פאָרשונגען, למשל וועגן לעבן פון יידן אין די שטעט און שטעטלעך, א ספּעציעלע אנקעטע איז דורכ־געפירט געוואָרן צווישן יידישע שרייבער וועגן פּראָבלעמען פון יידישן קיום, אַן אנדערע ווידער צווישן פארשידענע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג וועגן פאַרברויך פון שפּייז־פּראָדוקטן: עס זענען דורכגעפירט געוואָרן אינטערוויוען מיט פאַרשטייער פון פאַרשיידענע סאָציאַלע גרופּן, קודם כל פון דער אינטעליגענץ. עס זענען אויך אויסגעאַרבעט געוואָרן ספּעציעלע אינסטרוקציעס „אָריענטירונגס־פּראָגן“, ווי זיי ווערן דעמלט אָנגערופן, וואָס אנטהאַלטן אָפּטמאָל צענדליקער פּונקטן און זאָגן עדות וועגן דעם ברייטן פאַרנעם פון די פאָרשונגס־אַרבעטן. מען דאַרף נאָך דער־מאָנען, אַז כדי צו געבן דער ארבעט לעגאַלע פאָרמען, איז אויסגעשריבן געוואָרן אַ קאָנקורס אויף באַשטימטע טעמעס פון יידישן לעבן.

עס זענען שוין אַלגעמיין באַקאַנט די פאָרשונגס־געביטן און אפילו טעמעס פון וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, וואָס זענען אין יאָרן 1941—1942 דורך רינגעלבלומס מיטאַרבעטער צוגעגרייט געוואָרן און צום טייל זיך אָפּגעהיט אין אַרכיוו. די טעמאַטיק איז גאָר אַ ברייטע. זי נעמט אַרום אַלע געביטן און די וויכטיקסטע דערשיינונגען אין יידישן לעבן: רעכטלעכע פאַרהעלטענישן, ווירטשאַפטלעכע לאַגע, סטרוקטורעלע ענדערונגען שול־און־קולטור פּראָבלעמען, רעליגיעזע לעבן, דערנערונג און געזונטהייטס־פראַגן, דערשיינונגען פון קאָרופּציע און דעמאָראַליזאַציע אין די געטאָס, די ראָל פון די יודענראַטן און יידישע פּאָליציי, מאַטעריאַלן צו דער גענעזע פון יידישן ווידערשטאַנד, אַרבעט־לאַגערן פאַר יידן, וועגן דער באַציִונג פון דער דייטשער מאַכט צו יידן, פויליש־יידישע באַציִונגען. „עס איז אוממעג־לעך אויסצורעכענען די אַלע געביטן, וועלכע עס נעמט אַרום די ע״ש אַר־בעט—שרייבט ע. רינגעלבלום—זיי זענען אַזוי צאָלרייך און אַזוי פילפאַכיק, ווי פאַרשידנאַרטיק עס איז אונדזער לעבן... מען קאָן דרייסט באַהויפּטן, אַז נישטאָ קיין וויכטיקערע דערשיינונג אין יידישן לעבן בעת דער מלחמה, וואָס זאָל נישט האָבן קיין אָפּשפּיגלונג אין די מאַטעריאַלן פון „עונג שבת.״

וועגן פאַרנעם פון די פאָרשונגען קאָן עדות זאָגן דער פאַקט, אַז דער פּלאַן „צוויי אַ האַלב יאָר״, וואָס האָט געזאָלט אונטערפירן אַסך הכל פון יידישן לעבן אין וואַרשע אין די ערשטע מלחמה־יאָרן, איז געווען פאַר־מאָסטן אויף העכער 100 דרוקבויגן. אַ גרויסע צאָל מאַטעריאַלן צו דעם קאָמפּלעקס פּראָבלעמען האָט זיך אָפּגעהיט אין אַרכיוו. עס איז כדאי נאָך צו דערמאָנען, אַז די מיטאַרבעטער פון אַרכיוו האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן אָפּצוראַטעווען די יידישע היסטאָרישע קולטור־אוצרות אין פּוילן (כתב־ידן, דרוקן, מוזעאַלע חפצים).

דער אונטערערדישער אַרכיוו, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט רינגעל־בלומס נאָמען, איז אַן איינציקער אין זיין מין. דאָס איז בכלל איינע פון די מערקווירדיקסטע דערשיינונגען אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער אַרכיוו איז דאָך נישט אַנטשטאַנען ווי אַ פּועל־יוצא פון אַ נאָרמאַלער טעטיקייט פון אַ באַשטימטער אינסטיטוציע. ער איז גלייך אָר־גאַניזירט געוואָרן ווי אַ דאָקומענטאַציע־צענטער, וואָס דאַרף היסטאָריש פאַרפיקסירן די טראַגישע תקופה פון פּוילישן יידנטום אונטער דער היט־לעריסטישער אָקופּאַציע. די מאַטעריאַלן זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין באַדינגונגען פון שטרענגער קאָנספּיראַציע. דער רייכער היסטאָרישער און סאָציאָלאָגישער מאַטעריאַל האָט שוין די מיטצייטלער, די פאָרשער אין וואַרשעווער געטאָ, געגעבן אַ מעגלעכקייט צו אָריענטירן זיך אינעם קנויל פון די פּראָצעסן, וועלכע עס האָט אין די געענדערטע לעבנסבאַדינגונגען דורגעמאַכט די יידישע באַפעלקערונג. רינגעלבלום און זיינע מיטאַרבעטער האָבן אויך פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון דער זאַמל־און פאָרש־אַרבעט פאַר צוקונפטיקע דורות. מען האָט געגלויבט, אַז אויב דער אַרכיוו וועט

אמאָל דערגיין צו די לעבנגעבליבענע, וועט דאָס אפשר זיין דער וויכ־טיקסטער — אויב נישט דער איינציקער — מקור וועגן דעםליידנס־וועג פון מיליאָנען יידן.

מען דארף דאָ אונטערשטרייכן, אז רינגעלבלום און זיינע מיטארבעטער האָבן אויך געוווּסט אויסצונוצן דעם אָנגעזאמלטן מאַטעריאַל פאַר פּאָלי־טישע אויפגאבן — צו אינפאָרמירן די וועלט וועגן די גרויל־טאַטן איבער דער יידישער באַפעלקערונג. בפרט אין דער צווייטער העלפט 1942, נאָך דער גרעסטער אויסזידלונג פון וואַרשע, האָט מען די ידיעות וועגן די פאַר־ניכטונגס־אקציעס, וועגן טרעבלינקע און אנדערע טויט־לאגערן אויסגע־נוצט אין ראדיאָ־ביולעטינען, איבערגעשיקטע קיין אויסלאַנד, בפרט אין ראַפּאָרט פון 15 נאָוועמבער 1942, וואָס איז געווען אדרעסירט צו דער דאַמלטיקער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן און צו די רעגירונגען פון די פאַרבינדעטע מלוכות. נאָך דער מלחמה איז דער רינגעלבלום —ארכיוו געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע מקורות־זאַמלונגען צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן בעת דער וועלט־מלחמה.

לויט דער פאָרם און כאראַקטער איז דער מאַטעריאל אַ פאַרשידנאר־טיקער: מיר האָבן דאָ טאָגביכער, זכרונות, רעפעראַטן, באַריכטן, ראַפּאָרטן, און אָפּהאַנדלונגען וועגן פאַרשיידענע פּראָבלעמען. מען האָט באוואָרנט די אָפיציעלע דאָקומענטאַציע, ובכן קאָפּיעס פון דייטשע פאַראָרדנונגען, קאָרעספּאָנדענץ פון דייטשע מאַכט־אָרגאַנען, באריכטן, באקאנטמאכונגען פון וואַרשעווער און אנדערע יודנראַטן. עס איז דאָ די אונטערערדישע פּרעסע אין פאַרשידענע שפּראַכן פון אַלע יידישע ריכטונגען, און אויך די פּוילישע אומלעגאלע פּרעסע. צווישן די מאַטעריאַלן געפינען זיך אויך ליי־טעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע שאַפונגען פון אייניקע מחברים פון פאַר דער מלחמה און פון דער אָקופּאַציע־צייט. מיר האָבן דאָ אַ גרויסע זאַמלונג בריוו, אָריגינעלע און קאָפּיעס, א ביסל פאָטאָגראַפיעס און בילדער.

רינגעלבלום און זיינע מיטארבעטער האָבן אויך באַזאָרגט, אַז די זאַמ־לונגען פון אונטערערדישן ארכיוו זאָלן גוט באַגראָבן און אָפּגעהיט ווערן. נאָך דער מלחמה זענען אויסגעגראָבן געוואָרן צוויי טיילן: דער ערשטער אין סעפּטעמבער 1946, ער נעמט אָרום די צייט ביז דער העלפט אויגוסט 1942 און איז דאַמאָלט באַגראָבן געוואָרן. דעם צווייטן טייל, וואָס אַנטהאַלט מאטעריאלן פאַר דער צייט ביז פעברואר 1943, האָט מען אויסגעגראָבן אָנהייב דעצעמבער 1950. ביידע טיילן פאַרמאַכט אין בלעכענע קעסטלעך און אין מילך־קאַנען האָבן זיך אָפּגעפונען אונטער די חורבות פון הויז אויף נאָוואָליפּקע 68, וווּ עס איז ביז דער מלחמה געווען אַ יידישע פאָלקס־שול. אַ דריטער טייל פון אַרכיוו פון אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד האָט זיך גע־זאָלט געפינען אין קעלער פון שווענטאָיערסקא 36, ער האָט זיך אָבער נישט אָפּגעפונען.

אַ וויכטיקן באַשטאַנד־טייל פון אוטערערדישן אַרכיוו בילדן רינגעל־בלומס כתבים. צווישן די כתבים קען מען אונטערשיידן: דעם טאָגבוך (נאָטיצן) און אָפּהאַנדלונגען. ווי עס איז שוין אויבן דערמאָנט האָט רינ־געלבלום אָנגעהויבן פאַרשרייבן זיינע נאָטיצן אין אָקטאָבער 1939. אדאנק זיין ברייטער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָט ער געהאַט אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט פאַרשיידענע דעלעגאַציעס פון דער פּראָווינץ און אין וואַר־שע, מיט מענטשן פון פאַרשידענע ריכטונגען. אַלץ, וואָס ער האָט געהערט, האָט ער פאַרשריבן שנעל, בחיפזונדיק, אויף דער הייסער מינוט, בעתן געשפּרעך, אין אַלע באַדינגונגען. ער פאַרשרייבט מעכאַניש יעדן פאַקט, יעדע ידיעה און אַנעקדאָט, דער זאַץ איז נישט סטיליזירט, די שפּראַך פון די נאָטיצן אַ קאָנדענסירטע, פול מיט קיצורים און רמזים, אָפט געמישט מיט העב־רעאיזמען, אָדער קריפּטאָנימען, כדי ביים ארייַנפאַלן זאָל מען נישט פאַרש־טיין וועגן וואָס אָדער וועגן וועמען מען שרייבט. מען דאַרף אויך געדענ־קען וועגן די באַדינגונגען, אין וועלכע עס זענען אַנטשטאַנען די נאָטיצן. רינגעלבלום, תמיד אַ פאַרנומענער, אַ פאַריאָגטער, האָט קודם כל געוואָלט פאַרנאָטירן, פאַרפיקסירן די געהערטע ידיעות. נישט תמיד האָט ער געהאַט צייט באריכות וועגן דעם צו שרייבן, מאַכט ער דערוויל אַ קורצע נאָטיץ. ערשט שפּעטער באַשרייבט ער דעם פאַקט אויספירלעכער. נישט תמיד האָט רינגעלבלום איבערגעלייענט דאָס, וואָס ער האָט פאַרשריבן, צוליב דעם איז אַ מאָל דער זאַץ נישט פאַרשטענדלעך, אָדער עס חזרן זיך אין אים איבער איינצעלנע ווערטער. רינגעלבלום באַגרענעצט זיך בדרך כלל צו דער ראָל פון אַ פאַרצייכנער פון דעם וואָס מען זאָגט, פון דעם יש אומרים. אַן אַנדערש מאָל באַשרייבנדיק דעם פאַקט, גיט ער גלייך צו זיינע באמערקונגען און אָפּשאַצונגען פון די פּאַסירונגען. שרייבנדיק וועגן מענטשן גיט ער אָפט מאָל אין עטלעכע שטריכן זייער כאַראַקטעריסטיק.

עס זענען דאָ נאָטיצן געשריבן רעגולער, יעדן טאָג, אַנדערע זע־נען געשריבן מעת לעת. רינגעלבלום שרייבט געדיכט, אויףביידע זייטן פּאַפּיר. אויף דעם זעלבן בלעטל זענען אָפט פאַראַן ידיעות פון פאַרשיידענע לעבנס־געביטן. די פאָרם פון די נאָטיצן איז אויך אַ פאַרשיידנאַרטיקע, אָפט מאַכט רינגעלבלום די נאָטיץ אין פאָרם פון אַ בריוו צום פאָטער אָדער פריינד.

אין לויף פון דער צייט האָט רינגעלבלום די טעגלעכע נאָטיצן פאַרביטן אויף וואָכן — און שפּעטער אויף חודש־איבערזיכטן. אין רעזולטאַט האָבן זיך אָנגעזאמלט הונדערטער געדיכט אָנגעשריבענע זייטן פון אַ פאַרשידנ־אַרטיקן פאָרמאַט. „זיי זענען באַזונדערס וויכטיק פאר דעם ערשטן יאָר מלחמה — קלערט אויף רינגעלבלום — ווען אַנדערע האָבן קיין טאָגביכער נישט געפירט. די וואָכן— און חודש־באַריכטן ברענגען נישט בלויז מאַ־טעריאל וועגן די וויכטיקסטע געשעענישן פאַר דער דאָזיקער צייט, נאָר ברענגען אויך אַן אָפּשאצונג וועגן דעם פאָרגעקומענעם. צוליב מיין געזעל־

שאַפטלעכער טעטיקייט זענען די דאָזיקע אָפּשאַצונגען ווײַכטיקע דאָקומענטן, ווײַל זיי ברענגען צום אויסדרוק דאָס, וואָס עס האָבן געטראַכט די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט וועגן די לויפנדע פראַגן פון אונדזער לעבן".

רינגעלבלומס נאָטיצן זענען נוגע נישט בלויז וואַרשע, זיי נעמען אַרום גאַנץ פּוילן, אַלע טיילן פון לאַנד. חוץ דעם ברענגען זיי אָפט ידיעות וועגן פּאָליטישע פּאַסירונגען אין אַנדערע לענדער.

נאָך אַ גרעסערן ווערט, דאַכט זיך אונדז, האָבן רינגעלבלומס נאָטיצן און איבערזיכטן פון די יאָרן 1941—1942, טאַקע אַ דאַנק זיין אַקטיווער טעטיקייט און פּאָזיציע אין געזעלשאַפטלעכן לעבן אין וואַרשע. רינגעלבלום איז נישט נאָר דער לייטער פון געזעלשאַפטלעכן סעקטאָר פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, ער איז אויך געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן און אָנפירער פון דער יידישער קולטור־אָרגאַניזאַציע („איקאָר") און אין 1942 האָט ער געהערט צום צענטראַלן אַקטיוו פון דער פּאָליטישער אונטערערד אין וואַרשעווער געטאָ—צו די אַקטיווסטע טוער פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, וואָס איז אַנטשטאַנען אין אָנהייב פרילינג 1942. רינגעלבלום אַרבעט שפּעטער אין געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, נעמט אָנטייל אין רעדאַגירן אירע קאָנספּיראַטיווע אויסגאַבעס. ער איז וואַרשיינלעך אויך דער מיטרעדאַקטאָר פון דערמאָנטן באַריכט פון 15 נאָוועמבער 1942. פאַרבונדן מיט דער אונטערערדישער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע האָט רינגעלבלום אָנטייל גענומען אין דער קאָמפּאַניע פון מאָביליזירן די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט צום אַקטיוון ווידערשטאַנד.

רינגעלבלומס נאָטיצן פון דער דאָזיקער צייט האָבן בדרך כלל שוין אַן אַנדערן כאַראַקטער. רינגעלבלום פּרוווט שוין דאַמאָלט צו געבן אַן אָפּשאַצונג פון געוויסע פּראָצעסן אין יידישן לעבן. בפרט איז דאָס נוגע די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען אין וואַרשעווער געטאָ און די פאָרמען פון סאָציאַלער אונטערדריקונג מצד די קרייזן פון יודנראַט אין וואַרשע. נאָך דער גרויסער אויסזידלונג פון העכער 300.000 יידן פון וואַרשע, ווען עס איז געקומען — ווי רינגלבלום שרייבט — די צייט פון חשבון־הנפש, פּרוווט ער שוין מאַכן געוויסע סך־הכלען. זיינע נאָטיצן האָבן דאַמאָלט אַ כאַראַקטער פון קורצע אָפּהאַנדלונגען, וואָס גיבן אַן איבערזיכט, אָדער אַ סינטעטישע אָפּשאַצונג פון באַשטימטע ווײַכטיקע צייט־פּראָבלעמען. אָפט זענען דאָס באַמערקונגען צו אַ סינטעטישע אַרבעט אויף דער געגעבענער טעמע. אַזאַ כאַראַקטער האָבן רינגעלבלומס קורצע אָפּהאַנדלונגען וועגן: דער יידישער פּאָליציי, פאַרוואָס האָט מען איבערגעלאָזט 10% יידן אין וואַרשע, פאַרוואָס האָט מען זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט, ווידערשטאַנד, וועגן אומקום פון דער יידישער אינטעליגענץ, באַהעלטענישן א. א. אַן ענלעכן כאַראַקטער האָבן רינגעלבלומס סקיצן, געשריבן

נאָך אין פּריערדיקן פּעריאָד: וועגן קלאַסן־פּנים פון יודנראַט, וועגן דער סאָציאַלער הילפס־טעטיקייט אין ווארשע בעת דער מלחמה. דאקעגן די נאָטיצן וועגן „דער דייטשער קריגס־סטראַטעגיע לגבי יידן", וועגן שאָפּ, צוואַנגס־אַרבעט, סמנים פון מאָדערנע שקלאַפן א. א. — זענען טעזן, אָדער קורץ־פאָרמולירטע באַמערקונגען צו די פּראָבלעמען. רינגעלבלום שטיצט זיך דאָ אויף זיינע אייגענע אָבסערוואַציעס און אנדערע נאָטיצן, ווי אויך אויף די מאַטעריאַלן פון געטאָ־ארכיוו.

פון דער פּערספּעקטיוו פון 3½ יאָר האָט רינגעלבלום אין דער אָפּ־האַנדלונג „עונג שבת" געגעבן אַן אָפּשאַצונג פון אונטערערדישן ארכיוו אין וואַרשעווער געטאָ, פון זיינע פאַרשאַרבעטן, זיינע מיטארבעטער, זיי־ערע שוועריקייטן און דערגרייכונגען.

ע. רינגעלבלומס דערמאָנטע כתבים (נאָטיצן און אָפּהאַנדלונגען) געפינען זיך אין ביידע טיילן פון אויסגעגראָבענעם אונטערערדישן אַרכיוו פון וואַר־שעווער געטאָ. חוץ דעם געפינען זיך נאָך אין רשות פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט כתבים פון שפּעטערדיקן פּעריאָד, געשריבן אין דער צווייטער העלפט 1943, אָדער אין אָנהויב 1944 יאָר. רינגעלבלום איז וואַרשיינלעך בעת דעם אויפשטאַנד, אין סוף אַפּריל 1943 פאַרשיקט געוואָרן אין לאַגער טראַווניקי (לובלינער געגנט), ווו ער איז געווען עטלעכע חדשים. אַ דאַנק דער אָנשטרענגונג פון זיינע חברים אין פּוילישן אונטערערד (קודם כל דעם באַן־אַרבעטער טעאָדער פּאַיעווסקי) איז געלונגען אים פון דאָרט ארויס־צובאַקומען. איבערגעטון אַלס באַן־אַרבעטער קומט רינגעלבלום קיין וואַר־שע, ווי ער האַלט זיך אויף אַ צייט אַליין, שפּעטער מיט זיין פרוי יהודית און זיין זון אורעלע אין דער באַהעלטעניש אויף גרויעצקאַ־גאַס 84. אין זעלבן בונקער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן נאָך עטלעכע דרייסיק פּערזאָן. דאָ אַרבעט רינגעלבלום ווייטער און שרייבט נייע אָפּהאַנדלונגען.

לויט ווי עס האָט אינפאָרמירט א. בערמאַן, דער דעמאָלטדיקער מיט־גליד פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און אונטערערדישער טוער, האָט רינגעלבלום זייענדיק אין בונקער אָנגעשריבן אַ גרויסע מאָנאָגראַפיע וועגן לאַגער טראַווניק. די ארבעט איז פאַרניכטעט געוואָרן בעת דער מלחמה. מעגלעך אַז נאָך אַנדערע אָפּהאַנדלונגען און מאַטעריאַלן זענען דאָרט געווען. האָט דאָך רינגעלבלום (און א. בערמאַן יבל"א) אין זיין בריוו פון אָנהייב מערץ 1944 צום ייווא און יידישע שרייבער אין אַמעריקע געשריבן, אַז מען פירט די אַרכיוו־אַרבעט ווייטער. „נישט געקוקט אויף די מוראדיקע באַדינגונגען — שרייבט רינגעלבלום — קלייבן מיר זכרונות און דאָקו־מענטן, וואָס זענען שייך צו דער מאַרטיראָלאָגיע, דעם קאַמף און די איצ־טיקע לעבנס־באַדינגונגען פונעם איבערבלייב פון די פּוילישע יידן". פון די דאָזיקע מאַטעריאַלן האָבן זיך בלויז אָפּגעראַטעוועט רינגעלבלומס אָפּהאַנדלונג וועגן „די פּויליש־יידישע באַציונגען אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה", חוץ דעם, ביאָגראַפישע נאָטיצן און קורצע מאָ־

נאָגראַפיעס פון פאַרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ און איניקע טוער פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק און יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע. די ארבעטן — ווי שוין דערמאָנט — האָט רינגעלבלום געשריבן אין בונקער אויף גרויעצקע אין די לעצטע חדשים פון 1943. טעזן צו דער טעמע וועגן פויליש־יידישע באַציונגען האָט רינגעלבלום צוגעגרייט שוין אין דער העלפט 1941. די אָנגעשריבענע אָפּהאַנדלונג נעמט אָבער כראָנאָלאָגיש ארום אַ גרעסערן צייט־פּעריאָד, אויך מעריטאָריש האָט ער די געמוזט אויסברייטערן און באַרירן פּראָבלעמען, וועלכע דאָס לעבן האָט אין די יאָרן 1942—1943 ארויסגעבראַכט.

די לעצטע צוויי ארבעטן האָט רינגעלבלום דורך דער פאַרמיטלונג פון דער משפחה מאַרטשאַק באַצייטנס איבערגעגעבן א. בערמאַנען און אַדאַנק זיין און באַשיע בערמאַנס זאָרג, האָבן זיי זיך אויפגעהיט בעת דער מלחמה און אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. א. בערמאַן האָט זיי אין יאָר 1957 איבערגעגעבן דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט.

עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אז רינגעלבלום האָט געגרייט נאָך אַנדערע ארבעטן און אפשר אַ געשיכטע פון די יידן אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע וואָס זאָל זיך שטיצן אויך אויף די רייכע זאַמלונגען פון אונטערערדישן ארכיוו און זיינע פּערזענלעכע נאָטיצן, וועלכע ער האָט געגלויבט צו קענען אַמאָל אויסנוצן. ער האָט נאָך באַוויזן דעם 1 מערץ, ווי שוין דערמאָנט, צוזאַמען מיט א. בערמאַנען, ארויסצושיקן קיין ניו־יאָרק דורך דער פאַרמיטלונג פון דער דאַמאָלדיקער פוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן, אַ באַריכט וועגן דער קולטור און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין די געטאָס און לאַגערן אין פוילן, וועגן אומקום פון דער יידישער שעפערישער אינטעליגענץ. אומגעריכט איז ער פאַרשניטן געוואָרן. טראַגיש איז דער גורל פון יונגן, ערשט 44 יאָריקן עמנואל, דעם גלענצנדיקן היסטאָריקער און אַקטיוון אַנטיפאַשיסטישן קעמפער. דעם 7 מערץ 1944 האָט די געסטאַפּאָ אַנדעקט דעם בונקער, אַרעסטירט רינגעלבלומען און זיין משפחה און אריבערגעפירט זיי אין פּאַוויאַקער תפיסה. דאָרט האָט מען זיי אלע דערשאָסן. עס זענען אויך דערשאָסן געוואָרן מיעטשיסלאַוו וואָלסקי און לודמיר מאַרטשאַק, וואָס האָבן די רינגעלבלומס זייער לאַנג אויסבאַהאַלטן און געגעבן הילף.

רינגעלבלומס נאָטיצן און אָפּהאַנדלונגען פון דער אָקופּאַציע צייט, זענען אַ זעלטענער דאָקומענט נישט בלויז אין דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע, נאָר אויך אין דער היסטאָרישער וועלט־ליטעראַטור.

רינגעלבלומס נאָטיצן און אָפּהאַנדלונגען, וואָס זענען אָן שום ספק איינע פון די וויכטיקסטע מקורות צו דער געשיכטע פון יידן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען געשריבן אייגנהענטיק דורך אים אַליין. בלויז אַ טייל זענען קאָפּיעס, געשריבן בשעתם דורך די מיטאַרבעטער

פון אונטערערדישן געטאָ־אַרכיוו בלומע וואַסער און מ. שוואַרצבאַרד, אָדער מאַשין־אָפּשריפטן. אין אַזאַ צושטאַנד זענען זיי אַריינגעלייגט געוואָרן אין די בלעכענע קעסטלעך און אַזוי זענען זיי צו אונדז דערגאַנגען. נאָך דעם ווי די מאַטעריאַלן פון ערשטן טייל פון א. ג. רינגעלבלום־אַרכיוו זענען געאָרדנט און אינווענטאַריזירט געוואָרן, האָט מען אָנגעהויבן מאַכן צוגרייטונגען צו פאַרעפנטלעכן רינגעלבלומס נאָטיצן. אין די יאָרן 1948—1950 האָט זיך מיט דעם ספּעציעל פאַרנומען נ. בלומענטאַל. אין דער אַרבעט, בפרט ביים דעשיפרירן רינגעלבלומס כתב, האָבן אויך פיל געהאָלפן אַנדערע מיטאַרבעטער פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, ווי הערש און בלומע וואַסער, יוסף קערמיש, ישעיה טרונק און אַנדערע.

אין יאָר 1948, ווען דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט איז צו־געטרעטן אַרויסצוגעבן דעם פערטליאָרשריפט „בלעטער פאַר געשיכטע", האָט מען אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן רינגעלבלומס נאָטיצן. מען האָט, נאַטירלעך, באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן בלויז אַ קליינעם טייל פאַר די יאָרן 1941 און 1942. אין יאָר 1951 האָט מען אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן פראַג־מענטן פון די זעלבע נאָטיצן אין דער פּוילישער שפּראַך אין צווייטן פערטליאָרשריפט פון ייה״א *Biuletyn*. ווען אין סוף 1950 איז אויסגע־גראָבן געוואָרן דער צווייטער טייל פון אַרכיוו, אין וועלכן עס האָבן זיך אויך געפונען רינגעלבלומס נאָטיצן, איז באַלד אַנטשטאַנען אַ פּלאַן פון אַ ספּעציעלער אויסגאַבע פון רינגעלבלומס כתבים. נאָך מיפּולע צוגריי־טונגען מצד די מיטאַרבעטער פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט זענען אין סוף 1952 דערשינען ע. רינגעלבלומס: „נאָטיצן פון וואַרשעווער געטאָ" (פאַרלאַג „יידיש בוך"). די אויסגאַבע איז געווען אַ נישט קאָמפּלעטע. געשטיצט אויף די טעקסטן פון דער אויסגאַבע זענען אין די יאָרן 1958 דערשינען אין אויסלאַנד אַן ענגלישע און פראַנצויזישע אויסגאַבע, וואָס אַנטהאַלטן אָבער וועזנטלעכע פעלערן פון מעריטאָרישן און שפּראַכלעכן כאַראַקטער.

די איצטיקע אויסגאַבע פון רינגעלבלומס כתבים נעמט אַרום אַלע נאָטיצן, פאַרצייכענונגען און אָפּהאַנדלונגען, וואָס געפינען זיך אין רשות פון ייה״א. זיי ווערן געדרוקט לויטן כתב־יד, בדרך כלל אָן ענדערונגען. די רעדאַקציע־קאָלעגיע האָט זיך געהאַלטן שטרענג ביים טעקסט, איבער־געלאָזט רינגעלבלומס סטיל און אָרטאָגראַפיע. זי האָט בלויז טיילמאָל דורכגעלאָזט ווערטער, וואָס חזרן זיך איבער אין זאַץ. די רעדאַקציע האָט אויך אין אייניקע פאַלן געענדערט די אונטערפּונקציע, מחמת דער זאַץ איז געווען נישט פאַרשטענדלעך. דאָרט, וווּ דער כתב־יד איז נישט לייענ־באַר אָדער אויסגעמעקט, האָבן מיר די פעלנדיקע ווערטער ממלא געווען מיט אַנדערע ווערטער, וואָס ווערן געבראַכט אין קאַנטיקע קלאַמערן. די בלויזן אין טעקסט ווערן פאַרצייכנט מיט צוויי שטריכלעך (טירע), רינ־

געלבלומס באַמערקונגען אין טעקסט האָבן מיר געגעבן אין קיילעכדיקע קלאַמערן. די הערות און אויפקלערונגען אונטערן טעקסט זענען פון דער רעדאקציע. די הערות צום טעקסט פאר די יאָרן 40-1939, 1941 און 1942 האָבן א באזונדערע נומעראציע. די רעדאקציע־קאָלעגיע האָט דערביי אויס־גענוצט צום טייל די הערות, וועלכע נחמן בלומענטאל האָט בשעתו צוגע־גרייט צום ערשטן טייל פון רינגעלבלומס נאָטיצן, (1940 ביז דער העלפט 1942).

אהרן אייזענבאַך

1939–1940

סעפּטעמבער 1939.

ערבֿ דער וועלט־מלחמה.

דער אַרויספֿאָר קיין זשענעווע[1]. די שווערע פּעריפּעטיעס מיט באַקומען דעם פּאַס. נישט קיין אינדיווידועלע פּעסער, נאָר קאָלעקטיווע פֿון גרופּן צו 10 מענטשן. דער באַאַמטער וואָס גאַראַנטירט, אַז אין סעפּטעמבער וועט קיין מלחמה נישט זיין. די מורא צו פֿאָרן דורך דעם לאַנד[2]. די שוועריקייטן מיט דער וויזע, אָפּגעזאָגט אייניקע, שטשופּאַק[3]. די מורא צו פֿאָרן דורכן לאַנד. די גוטע באַציונג. אין צוג נישט געזען קיין מינד־סטן שפּור פֿון מלחמה־שטימונג און שנאה צו אונדז. גאַנץ גוטעס עסן אין דעם רעסטאָראַציע־וואַגאָן. דער איבערגאַנג פֿון איין באַנהאָף צום צווייטן. די קורצע דריי שעה. דאָס געשפּרעך פֿון יעקבֿ[4] מיטן שאָפֿער. זיינע דערפֿאַרונגען. דער קאָנגרעס[5] אונטערן צייכן פֿון מלחמה. די מורא פֿון זיין אָפּגעריסן פֿון לאַנד. דאָס פּרעזידיום צעגערט מיטן פֿאַרענדיקן דעם קאָנגרעס. די שטימונג אין גאַס און נישט אין זאַל. דער עולם פֿאַר־ברענגט מער אין קאַפֿע ליריק (שפּעטער גערופֿן קאַפֿע „פּאַניק“), (קאַפֿע נאַציאָנאַל — קאַפֿע „טראַזשיק“), ווי אין זיצונגס־זאַל.

די טעמפּעראַטור וואַקסט, זי דערגרייכט איר העכסטע מדרגה, ווען דייטשלאַנד שליסט דעם נישט־אַגרעסיע פּאַקט[6]. דאָס געשפּרעך מיטן צייטונגס־פֿאַרקויפֿער, וועלכער פֿאַרקויפֿט פּאָליטיק אָבער ער מאַכט נישט קיין פּאָליטיק. פּוילן ווערט צערמירבט אין צייר. מיינע געשפּרעכן מיט די שווייצער, ווי אַזוי וועט האַנדלען פּוילן. וועט פּוילן זיך אונטערגעבן? גרויסע סימפּאַטיע פֿאַר פּוילן, אָבער גלייכצייטיק טענות צוליבֿ בעקס[7]

---

[1] ע. רינגעלבלום איז געווען אין זשענעווע אין צוזאַמענהאַנג מיטן XXI ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין אויגוסט 1939.

[2] רינגעלבלום מיינט דאָ געוויס דייטשלאַנד.

[3] שטשופּאַק — (שטשופּאַקעוויטש), טוער פֿון רעכטע פּ"צ, געווען אויפֿן ציונ. קאָנגרעס, אַוועק 1940 קיין אַמעריקע.

[4] וואַרשעווער יעקבֿ קענער, מיטגליד פֿון צ. ק. פֿון פּ"צ — לינקע.

[5] געמיינט דעם דערמאָנטן ציוניסטן־קאָנגרעס.

[6] דער נישט־אַגרעסיע־פּאַקט צווישן סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד און דייטשלאַנד געשלאָסן געוואָרן 23 אויגוסט 1939.

[7] יוזעף בעק — אויסערן־מיניסטער פֿון פּוילן אין די יאָרן 1932 — 1939.

פּאָליטיק, די שווייצער פון הרויסן רואיק, אָבער אין דער אמתן — — פאַר זייער גורל. זייער שטאַרקע באַוואָפנונגען אין די בערג. יעדער האָט אַ כּלי־זין אין דער היים. — יעדן זונטיק איבונגען. הונדערטער טויזנטער, די מיליט[עריש] צוגעגרייטעטע יוגנט, דערוואַקסענע. די ווילהעלם־טעל־פאַרשטעלונג אויפן פרייען הימל אין אונטערלאַקען. די טויזנטער און טויזנטער פויערים וואָס קומען יעדן זונטיק אויף דער פאַרשטעלונג. די גרויסע באַדייטונג פון דער פאַרשטעלונג. די שטעלן קעגן דעם אבסאָלוטיזם און פרעמדהערשאַפט שטורמדיק אפּלאָדירט. מען פילט מיט יעדן וואָרט, יעדער נטיה, די שאַרפע אַקטועלקייט פון דער פאַרשטעלונג. די טענדענץ אונטערצושטרייכן די באַזונדערקייט פון דער שווייץ. איר אייגנאַרט. דאָס אויך געווען קענטיק אין דער לאַנד־אויסשטעלונג אין ציריך — אַ גרויסער עווענעמענט, די גאַנצע אויסשטעלונג געשטאַנען אונטערן צייכן פון לאַנד־פאַרטיידיקונג. די גרויסע אָפּטיילונג (אגב נישט פאַראַן קיין מיליטערישע סודות, מעלדונגען וועגן איבונגען אין דער פרעסע; מודעות וועגן יעדע גרופּע דאַרף זיך מעלדן צו די איבונגען) פון לאַנד־פאַרטיידיקונג זייער שטאַרק באַזוכט. דער רונדגאַנג פון ב——ניש פון דער שווייץ. דאָ אויפשריפטן אויף טריט און שריט. די לאָזונגען: זייער באַזונדערקייט, באַציונג צו אשכנז. געפּרוווט, גערעדט מיט זיי וועגן די פּרווון דורכפּרעסן פון אינעווייניק. די השפּעה פון די פּראָטעסטן שטאַרק אָפּגעשוואַכט. וועלן נישט האָבן קיין פאַרטרעטער אין שטאָטראַט פון ציריך. דער איינציקער דעפּוטאַט פאַרלוירן. נישט באַגעגנט אינערגעץ קיין השפּעה פון זיי. בלויז איין איינציקע טאָג־צייטונג. בשעתן קאָנגרעס[8] 4—5 יונגעלייט געמאַכט אַ קליינעם אינצידענט. ווי אַזוי עס האָט דערויף רעאגירט די פּאָליציי נאָך מיין אינטערווענץ.

די וויצן וועגן די סיבות פון דער שלעכטער לאַגע פון קאָנגרעס צוליב נתנס חברים[9]. די שוועריקייטן פון צוריקפאָר. די א״ידיקע דעלעגאַציע נישט געקענט פאָרן מיט איטאַליעניש שיפן. אונדזער[10] נישט געקענט אויף דעם זעלבן וועג. אונדזער עפּאָפּיי.

די גרענעץ־סטאַציע. אינטערנירט און אָפּגעשלאָסן אין גרויס היץ — דענונציאַציע [?] — דעמאָראַליזירונג. קאָלעקטיווע וויזע נישט אָנערקענט, הגם — — נישט האָבן קיין וויזעס — מיר פאָרן צוריק — — אריינגעלאָזט צוריק אין זשענעווע. די קאָנגרעס־רעדע פון ווייצמאַנען מיט גרויל און שרעק — — אויך דעם גורל פון פויל[ישן] יידנטום אין פאַל פון מלחמה. די אינטערווענץ פון קאָמאַרניצקיס[11] טעלעגראַם: אינטערווענץ אין רוים. א וויזע פון דער אַמבאַסאַדע אין בערן. א באַגלייטער באַגלייט אונדז איבער גאַנץ איטאַליע. אונדזער

---

8) זע הערה נר. 5.

9) נתן (אַנטאָני) בוקסבוים? פירער פון די פ״צ — לינקע אין פוילן.

10) געמיינט יידן, פוילישע בירגער.

11) געמיינט טיטוס קאָמאַרניצקי — דעם פוילישן דיפּלאָמאַט.

וואגאָן ווערט צוגעטשעפּעט צו כסדר נייע צוגן. מיר קומען אָן קיין יוגאָ־סלאַוויע.אויסערגעוויינלעכע פריינדלעכקייט. — ענטוזיאַסטיש אויפגענומען אין זאַגרעב. אין אונגאַרן— —אין בודאַפּעשט אויפגענומען— —אונדז אויף דער באַנסטאַציע — אויף דער גרענעץ די ערשטע סמנים פון מאָביליזאַ־ציע. מיר פאָרן אין א שלאָף־וואַגאָן 30 שעה קיין וואַרשע. אַלאַרם. — געמיינט אַז פּרווו־אַלאַרם. די שוידערלעכע דעזאָרגאַניזאַציע. ריזיקע מחנות באַלאַגערן די סטאַציעס — מען הענגט זיך אָן צוגן, אויף די דע־כער. אייניקע פּרווון אַריינצורייסן זיך אין אונדזער וואַגאָן. — די אַנטיסע־מיטישע גרוסן אין לאַנד. אונדזער באַשלוס צוריקצוקומען אין לאַנד דיק־טירט פון בירגער־געפיל. די וואָס האָבן געוואָלט בלייבן אין לאַנד.

די ידיעה וועגן אָטוואָצקער קינדער־אַנשטאַלט. כסדרדיקע אלאַרמען פון פּויל[ישן] ראַדיאָ. — 32 „פּשעשעדל"[12] — אַזוי אָפּט און אַזוי אומגעריכט, אַז נישט געווען אפילו געמאָלדן וועגן דעם אַלאַרם. די ס[כ]ראַנעס — לעבעדיקע קברים. דער עולם גייט אין גאַס בשעת אַלאַרמען. די שפּיאָנען־פּסיכאָז. געזען אויף שריט און טריט דיווערסאַנטן־פאַרשטעלט פאַר קוימענקערעס. דורכן ראַדיאָ געמאָלדן וועגן דיווערסאַנטן וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט. דער ייד[ישער] — — באַוויזט ווונדער. — — ייד[ישע] אנשי חיל אָנערקענונג מצד פּויל[ישע] שררים. — — — — הונגער בשעת דער מלחמה. 3 וואָכן נישט געווען ברויט. נאָר רייז. דער פּרייז פון קאַרטאָפל פאַנטאַסטיש 400 [?] זל., שפּעטער 20—30 זל. דער קאָמיסאַר [?] קריגט זיך מיט דער מיל[יטער]־מאַכט און דערווײַלע ווערן גרויסע לאַגערן פאַרברענט און דער עולם הונגערט. מען ציט זיך אַראָפּ פון די העכערע שטאָקן. די „אָדקאַזש[איאָנצא] דרוזשי־נאַ"[13] ווערט באַנוצט צו זאַמלען מתים. ווי אַזוי מען פירט מתים אויף האַנט־וועגעלעך מיט אַראָפּהענגענדיקע הענט און פיס. צו 200 מתים אין איין הויז. שוידערלעכע געוויינען און געוואַלדן פון די פאַרשאָטענע אין די סכראַנעס, למשל אויף צאַרלע. לעבעדיקע קברים. דאָס איינגעקאַרטשע־טע ייִנגעלע פאַר דער בריק. צוליבן אלאַרם געוואָלט זיך שיצן. א סך פערזאָנען קומען פון יענער זייט פּראַגע.

סעפּטעמבער 1939

ליבער טאַטע.

איך שרייב דיר פאָלגנדעס: די גרויסע באָמבאַרדירונג אַקעגן פּ.ק.אָ.[14] ניצול געוואָרן מיט [נסים]. דער דאָקטאָר וויל קאָפּיעס פון בריוו. ער

---

12) בעת די פלי־אַנגריפן פון דייטשע עראָפּלאַנען אויף וואַרשע האָבן די ספּיקערס געמאָלדן דער באַפעלקערונג, אַז דער עראָפּלאַן איז שוין דורכגע־גאַנגען („פּשעשעדל").

13) דעזינפעקציע־בריגאַדע; Odkażająca Drużyna

14) פּאָטשטאָווא קאַסאַ אָשטשענדנאָשטשי; Pocztowa Kasa Oszczędności פּאָסט־שפּאָר־קאַסע.

געמאַכט ויברח און רעדט וועגן דעם, אַז מען דאַרף האָבן [מוט]. געראַטעוועט פון הונגער טויזנטער פּליטים. קאָנטראָלירן יעדן טאָג נייע פּונקטן — נישט געטראָפן די נעכטיקדיקע פּונקטן. פאַרשוווּנדן. די זיצונגען מיט איבעררייסן פון באָמבאַרדירונגען. דער קהלה־פּאַרזיצער אַנטלאָפן[15]. באַטראַכט [דעם] געדאַנק פון איבערטראָגן די אינסטיטוציע פאַר [דער] לאַבוזעריע. מיטאַרבעט מיט ל.אָ.פּ.פּ.[16] — — בריוו ווערן פאַרלוירן אויפן וועג צוליב באָמבאַרדירן — — דאָס אַדרעסן־בוך פון די מיטאַרבעטער יעדן טאָג געמוזט טוישן. אַגאָנקעס בשעת דער גרויסער באָמבאַרדירונג — צילברעט פון לופט־אָנפאַלן. דער — — אין ביוראָ צוועלבע שעה. דאָס כסדרדיקע טעלעפאָנירן, צי געזונט. דער יידישער בירגער־קאָמיטעט... פּאָליטיק. נישט אַריין אין דעם פּוילישן בירגער־קאָמיטעט קיין איין ייד.

די ווילדע קלאַנגען וועגן ענגלישע אַעראָפּלאַנען און פראַנצויזישע. רוסן קומען קיין וואַרשע. אויפן שלאָספּלאַץ געשטאַנען טויזנטער מענטשן אָפּצוּוואַרטן דאָס אַריינמאַרשירנדע מיט רידזן בראָש.

אַנטיסעמיטישע טענדענצן. — — אין די סכּראָנעס דעם אַריער־פּאַראגראַף, למשל דלוגא 16. קריגערייען ביי אַגאָנקעס. די נעכט פון 6—7 סעפּטעמבער טויזנטער און טויזנטער יונגעלייט. איבער 100 טעלעפאָנען צו מיר: „דו גייסט?”. אַלץ צופוס צו דער ווייסל־בריק. די שרעקלעכע הריגה אויפן וועג.

סעפּטעמבער 1939

בשעת דער מלחמה. די מלחמה [האָט אַ טייל פון] די מענטשן אויסגעאיידלט און אויסגעבעסערט, [אַנדערע] אַרויסגעוויזן דאָס רשעות און שלעכטס. [די ציווילע] באַפעלקערונג אַרויסגעוויזן גרויס אָפּפערוויליקייט, געשאַפן הויז־קאָמיטעטן. אין יענע ביטערע צייטן נישט געווען קיין שום פּראָדוקטן, די געשעפטן [געשלאָסן], נישט געווען קיין ברויט. געשאַפן קיכן, [וואָס] האָבן געשפּייזט טויזנטער און צענדליקער טויזנטער פּליטים. דז"ר אלג. קאָמיטעט געשפּייזט... פּאַקטיש געווען אין וואַרשע איבער 100 קיכן, געגעבן טיי, רייז — — טיילמאָל גאַנצע בלאָקן — — קריסטן צו וועלכע די באַציונג אַ גוטע. [אין] די פּונקטן געווען אַ סך קריסטן — — איינגעלאָזט אין סכּראַנעס. געפאַלן אַ... באָמבע, ראַטעווען אַ הויז, געקראָכן אויפן דאַך. די קברים אין די הייף, למשל די סינאַגאָגע־ביבליאָטעק. שווער געווען אָנצוקומען אין אַ טייל סכּראָנעס. דאָס אידעאַל: אַ פּאַרטער־וווינונג און אַ גוטער סכּראָן. אין וואַרשע געווען דעמאָלט געציילטע הייזער מיט סכּראָנעס. די שוידערלעכע סצענע בשעת געפאַלן אַ באָמבע אויף

15) מאָריצי מײזעל, פּאַרזיצער פון ייד. קהלה אין וואַרשע.

16) ליגע פאַר שוץ קעגן פלי־אָנגריפן; Liga Obrony Przeciwlotniczej

לעשנאָ 18. די קאָלעקטיווע תפילה אין הויף פון די קריסטן. די דערנענטערונג פון קריסטן און יידן אין געמישטע הייזער, פריינדשאַפטלעכע באַציִונגען פון דעמאָלט. די הייזער געוואָרן איין משפחה, אפילו אַ לאָזונג וועגן געמיינזאַמע קיכן, אָבער נישט פאַרווירקלעכט. די פאַרטיידיקונג פון וואַרשע. די באַציִונג פון פרעזידענט[17]. די באַציִונג פון דער באַפעלקערונג צו דער אַמאָליקער פוילישער רעגירונג. קריטיק און פאַרביטערונג. פריינדשאַפט האָבן זיי געזוכט — געוואָרן זייער שטאָלץ — . ק [?]געגנבעט, אַפּגענאַרט, אויסבאַהאַלטן.

סעפטעמבער 1939

בשעת דער מלחמה

פרעטענזיעס וועגן מאַנגל פון קאָפּיעס. דערהרגעט פרוי גאָטליב און שערמאַן. געראַטעוועט אַרטיסטן, לערער, שרייבער. — די „מאָרדאָוויע" ביים פּרודענטיאַל[18]. דער וועג פון איין אָרט צום צווייטן עטלעכע שעה. די זיצונגען מיט איבעררייסן. די גרויסע עליה פון לאָדזש. די קריסטלעכע קליענטן פון די פונקטן. די לאָקאַל־ענדערונג פון יאַסנע אויף ווילעקאַ, דערנאָך לעשנאָ. דאָס באַראַבעווען די פּראָדוקטן צו אַ קיך אויף נאַוואָליפּקי. די וואַכן אַרום יעדן פּאַק. — די פאַנטאַסטישע פּרייזן פון די טרעגערס. דער וווּקס פון דעם אַנטיסעמיטיזם פאַרן אונטערגאַנג. די סכנות נפשות פון ברענגען די פּראָדוקטן. דאָס קאָנטראָלירן יעדן טאָג די פונקטן, ווייל באָמבאַרדירט און פאַרברענט. געהאָלפן חלוצים־פונקטן. אָרגאַניזירט הויז־קאָמיטעטן.

די ריזיקע זעלבסטהילף פון דער באַפעלקערונג. הויז־קאָמיטעטן פון הייזער און בלאָקן (אַ.פּ.פ.ל.)[19], געשאַפן קיכן פאַר הונדערטער פּליטים. אַ סך קיכן און פונקטן באַקומען דירעקט הילף בא דעם אַלגעמיינעם קאָמיטעט. אין זייער שווערע וואָכן אַ גוטע באַציִונג. אַ געגנצלעכע ענדערונג אין דער פּסיכאָלאָגיע. צוזאַמענלעבן פון יידן און קריסטן. יידן זאָרגן פאַר פּוילישע אנשי חיל.

אונדזערע באַשטעטיקונגען באַפרייט פון אַרבעט. אַ גרויסע צאָל לערער באַזוכט הייזער־בלאָקן און צוזאַמענגעשטעלט רשימות פון ליידיקע

---

17) געמיינט דעם שטאָט־פּרעזידענט סטעפאַן סטאַזשינסקי (1893 — 1943). פון 1934 שטאָט־פּרעזידענט פון וואַרשע, אין סעפטעמבער 1939 דער ציוויל־קאָמיסאַר פאַר פאַרטיידיקן די הויפּט־שטאָט. אומגעקומען אין אַ דייטשישן קאָנצ.־לאַגער.

18) Prudential ; באַקאַנטע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט אין וואַרשע. איר בנין האָט זיך געפונען אין דער הויכער געביידע אויף שווענטאָקשיסקע.

19) Oddział przeciwlotniczy ; אָן אָפּטיילונג צום קאַמף קעגן לופט־אָנגריפן.

[וווינונגען] מילנע 18. די גאַנצע אַרבעט אין דעם שמאָלן קאָרידאָר. דעם טאָג א נייער קאָמפּלעט מיטאַרבעטער. די פילאָזאָפיע פון פחדנים אלא באָרנשטיין. דאָס טראָגן פון באַשען[20] אין דער נאַכט. די גבורה פון דער יידישער יוגנט. דאָס הויז נאָוואָליפּקי — — לעשנאָ 13. דעם 25 סעפּטעמבער פאר שרפות אָפּגעראַטעוועט צענדליקער צינדבאָמבעס. מוראַנאָווסקא 16 — דאָס זעלבע. געקראָכן אויף די דעכער.

9 אָקטאָבער 1939

געוואָרנט, אז די רוסן קומען — — פרייען און אז די יידן הערשן.

די ערשטע האָניק־טעג פון אַריינשרייטונג [?] פון די אשכנזים. — די־ זופּקעס פון „וואָלפאַרטשטעלע הילפסצוג בייערן" — געגעבן 160 טויזנט מיטאָגן. אין די ערשטע טעג אַלעמען, אָבער גאָר אינגיכן [אויפגעהערט] געבן יידן. אַרויסגעוואָרפן יידן פון [די רייען], די רויבערייען אין די לעצטע טעג פון אונטערגעבן זיך. די פאַלשע ווענדונג וועגן [איבערטון] זיך אין ציוויל, מען ראַבעוועט יידישע קראָמען מיט מלבושים, שיך א.א. אויף שווייענטאָיערסקע, עלעקטאָראַלנע. מען ראַבעוועט [דירות]. דאָס פּוילישע חיל צעטיילט — — פּראָדוקטן פאַר דער באַפעלקערונג. וועגן, פערד — — פּריער די אָרגאַניזאַציע אויף שריט און טריט. — אין דריטן טאָג פאַרפעלט אין וואַרשע באַנדאַזשן. זעלבער געהונגערט; נישט געווען קיין פאַרבינדונג. שוידערלעכע לאַגע פון די פאַרוואונדעטע צוליבן מאַנגל אין מעדיקאַמענטן, מאַנגל אין וואַסער, גאַז, עלעקטריע. נישט — — קיין ברונימער — לאַנגע שעהדיקע רייען נאָך וואַסער, דערפאַר נישט געקענט ראַטעווען קיין שרפות, וועלכע זיך אַריבערגעטראָגן צוליבן ווינט פון הויז צו הויז. גאַנצע טעג געברענט גאַנצע בלאָקן. מתים אויף די גאַסן. דער מת צוגעדעקט מיט פּאַפּיר אויף פאַנסקע. מתים ליגן עטלעכע טעג אויף די גאַסן. אין די האָניג־טעג דערשינען — — צייטונגען, צווישן אַנדערע דזשענניק — — ראָבאָטניק

1, 6, 7 דעצעמבער 1939

1. XII 200 chlebów tygodniowo[21]

100 זל. געשיקט פאַר קינדער־עניים.

פראַשניק 3.000 יידן צו דער גרענעץ[22]

6/12 סעראַצקער יידן געשיקט כלומרשט קיין דייטשלאַנד, פאַקטיש זענען [זיי] דאָ אין מילאָסנע אויף 3 צוגן, נויטווענדיק הילף. בעקומען

20) באַשע טעמקין־בערמאַן, די פרוי פון דעמאָלטיקן טוער פון „לינק פּועלי ציון" ד״ר אדאָלף בערמאַן.

21) „200 ברויט יעדע וואָך". —

22) די ידיעות באַשטעטיקן זיך אין מיטצייטלעכע דאָקומענטן.

2 חלוצים פון ווין — אויסווייזן קיין דייטשלאַנד. 7/12 סוואלק[23] 15.000 יידן אַרויסגעשיקט — א קימפּעטאָרין געשטאָרבן. 800 אויף פּראגע. די באַדייטנדע הילף פאַר ליטעראטן, זשורנאַליסטן — קיך, פּראָדוקטן, מלבושים, שיך — א טייל באַקומען באַשעפטיקונג. — —

5 — דעצעמבער 1939

אין לאָדזש טאָר מען נישט אַריינגיין צו אַ שכן נאָך 5 נאָכמיטאָג. סימביאָזע פון אשכנזישע און יידישע האַנטווערקער — מען לייט זיך געלט רבות. וולאָשטשאָווא זענען די ערלים פאררוקן דעם טשאָלנט און פאַרלעשן דאָס ליכט[24]. קלאַנג וועגן 48 שעה זיין אין שטוב. דער הייבטיקער צוזאַמענטרעף מיטן ה. בובניאק. איין בידערמאַן — די הענט אין די לופטן, די שומרים געטראָגן יידישע בינדעס. אויסגעצאָלט אלף זל. געגויע רשימה פון די קישנס. פון ה. בובניאק. דער צעטראָגענער פּראָפעסאָר אונטערגעשריבן בא דער עמעריטור־אויסצאָלונג, אז ער איז נישט קיין ייד. די פאקטישע אַרויספירונג פון סחורות פון געגנשע. דער וועג פון צעסיעס און קאצס באַקאַנטן. ווי אזוי ער מאַכט עס ביי די סמאַרקאָטערייע אין אָסטראָוו 600 יידן, גרויסע און קליינע שרפה פון דער שטאָט. אויסער דער שטאָט מיט מאַשינען־געווער, היהודים עשו את הדבר. די גרויסע סכנה פון שליסן זאַפּיוווקע, וועלכע איז געווען אויסגעהאַלטן דורך דעם מאגיסטראט. דאָס אָפּשטעלן די סאָציאלע הילף פאר די יידן. יידישע שולן נאָכן טיפוס־איבעררייס נישט טעטיק. די קריסטלעכע מלוכהשע שולן ווילן איבערנעמען די יידישע. „יעדער וואָס קען, זאָל זיך ראטעווען ווי אַזוי ער קען" — דעוויז פון אינספּעקטאָראט. — די אַנטשטייאונג פון דער עמיגראציע־קאָמיסיע, אירע צילן און אויפגאַבן. 6.000 צערטיפיקאַטן. אין דער אונטערשריפט א זיגזאַג „שיקט ברויט". אַנטעק אי פּראנעק סוויעטניע פּיאָראָן[25]. מען זעט שוין ווידער פיינטלעכע — — דער ארויספאָר פון דעם וואָלעכישן ברודערן־זון. אַרבעטס־באַטאַליאָן אין ווארשע 2.500 מענטשן. עס מאַכט אויס 10 מיליאָן זל. בראש פון א 50־ער גרופּע געשטאַנען א ראש. דאָס כאַפּן צו דער אַרבעט דויערט. — וואָס האָט מען פאַרלוירן פון דער יידישער וויסנשאַפט אין וואַרשע? ארכיוו אויף יעזואיצקא, XIX י. ה. 1832 ־ 1863, פּריוויליטס־קאַמפּן, סאָציאלע באַוועגונגען, ווירטשאַפטלעכע געשיכטע, געשיכטע פון אינדוסטריע. אַרכיוו פון בילדונגס ־ מיניסטעריום, צענזור, שולוועזן. וויינלעזעס[25א]

---

23) אין סוואַלק, וואָס איז דורך די דייטשן איינגעגלידערט געוואָרן אין אָסט־פּרייסן, זענען דעמלט שוין אַזוי פיל יידן נישט געווען. אָבער קיין סוואַלק זענען אויסגעזידלט געוואָרן יידן פון דער אַרומיקער פּראָווינץ.

24) נישט קלאָר דער מיין פון מחבר.

25) „אַנטעק און פּראַנעק וואַשן פּראַכטפול וועש"?

25א) יעקב וויינלעז, באוווסטער יידישער מאָלער.

אַלע בילדער, טרונקס [25ב] — כ״י. צעזייט און צעשפּרייט. ווישקאָווער יידן — — א. אַ. זייער וויכטיק די פראגע פון אויפזוכן צעוואָרפענע פאַמיליען־מיטגלידער. מגן־דודס אויף די געשעפטן. די שווערע לאַגע פון די 600 קהלה־אָנגעשטעלטע. — טראגעדיעס פון משומדים צוליב די בענדלעך. ד״ר ווערטהיימס ברודער זיך דערשאָסן. שטר מכירה. אורעלעס [26] דייטש־גאלד. מענטשן דערהאַלטן די ערשטע 100 מארק דורך דער פּאָסט. 9 א״י [בירגער] איינגעשיבנט. — מען רעדט ווידער וועגן געטאָ. וועגן די שעהן פון 5—8. פארדעכטיקע נדבות אין די הייזער. די 53 לעבן נאָך. דער כוח פון אמונה. די בתי־מדרשים נישט טעטיק. גולים. בראש פון די פּראָווינצער גולים אַמאָליקע טוער פון די קאסעס. די גרויסע געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג פון די קיכן. די אינטעליגענץ און די עסקנים האָבן ברויט אַדאַנק דעם פראנק — —

זעקסטער. ארויסגעזעצט יידן אויף א שיף אין פלאָצק און געלאָזט — — אויף דער ווייסל. אַלץ צוגעלקחנט. גירוש פון 2.000 פון ראדזין. די היפּאָטעק פון א פאַרברענט־הויז 600 זל. ווערט געפאָדערט. דער חורבן אין שלאָס, די ביבל פון 17 י. ה. וואָס די פלאָצקער קהלה געשאָנקען מאָשטשיצקי [27], געוואָלט פאַרקויפן דער וואַרשעווער קהלה. אַרבעטסבאַטאַליאָן רוימט דעם שלאָס. געריסן דעם מעשענעם דאך, געריסן דעם באָדן, געוואָרפן די בילדער, געוואַלגערט אויף דעם באָדן. — באַריכטן פון דער קאָנטראָל. דער באַזוך בא די געסט 3 שעה מיט בידערמאַן [?]. אין דער אלייע פון שוכא גייט מען נישט אַליין, נאָר מיט דער פרוי, טאָכטער. „האָט רחמנות אויף אן איינגעבראָכענעם ספּאַלאַני ייד״. שטראָפן פאר נישט טראָגן דאָס בענדל אויף דעם אויבער־אָרעם. געמאָסטן די לענג פון די בענדלעך. דאָס געזעץ וועגן איבערזידלונג. נויטיק פאַפּירן און מעטריקעס געבוירן אין די מזרח־קאַנטן [28].

זיבעטער דעצ[עמבער] פון לובלין ארויסגעשיקט דריי טויזנט יידן אין אומבאַקאַנטער ריכטונג [29]. דריי טויזנט יידן פארטריבן פון פּראָשניץ [30] אין דער ריכטונג פון דער גרענעץ. א פערזאָן געזען אין מאלקין דאָס איבערגיין אויף יענער זייט [31]. צוויי יידן לעבעדיקערהייט באַגראָבן ביז

25ב) וואַרשעווער א כתב־יד פון דעם היסטאָריקער י. טרונק.

26) אורי — ע. רינגעלבלומס זון, געבוירן אין 1930 יאָר.

27) איגנאַצי מאָשטשיצקי 1867 — 1946. פּראָפעסאָר פון לעמבערגער פּאָליטעכניק — פּרעזידענט פון פּוילן אין די יאָרן 1926 — 1939. אין די שפּעטערדיקע יאָרן עמיגראַנט אין דער שווייץ.

28) געמיינט די טעריטאָריעס אויף מזרח פון בוג און סאַן, וואָס האָבן זיך זייט 17 סעפּטעמבער 1939 געפונען אין די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד.

29) דער פאַקט געפינט נישט קיין באַשטעטיקונג אין די ביז איצטער צוטריטלעכע דאָקומענטן.

30) זע הערה 22.

31) מאלקין איז געווען אַ גרענעץ־שטעטל אויף דער סאָוויעטישער זייט, דורך וועלכער עס זענען אַנטלאָפן די פּליטים פון אָקופּירטן פּוילן קיין ראַטנפאַרבאַנד.

איבערן קאָפּ. איינער געבליבן לעבן. זיבן און דרייסיק דערשאָסן, ווייל נישט געוואָלט מיט דעם פּאַרמעט אַרומבינדן די פּערד און צובינדן מיט די יריעות פון תפילין.

אין לובלין פאַרגעקומען צוויי וואָכן אַן איבעררייס רעוויזיעס. אַ ידיעה וועגן יידן פון סעראָצק און באַשעלסק, אַן ערך דריי טויזנט אַרויפ־געלאָדן אויף אָפענע וואָגאָנס־לאָרעס געפירט פון מילאָסנע [32]. נישט געלאָזט דעם דריטן טאָג זיי צו געבן וואַסער צום טרינקען. אַ נייע ידיעה: געפינען זיך אין לוקאָוו, ביאַלאַ, מעזריטש. ווייטערדיקע קלאַנגען וועגן 48 שעה, וואָס מען וועט נישט טאָרן אַרויסגיין. אַ ידיעה וועגן פופציק טויזנט פּוילישע פּליטים פון פּויזן אין וואַרשע. אָנגעקומען 2 חלוצים פון ווין. באַקומען אין אָקטאָבער אַן אויסווייז אין דער ריכטונג פון פּוילן. פאַר־ציילן וועגן דריי טויזנט ווינער יידן, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין פּוילן [33]. אַ מאַסאַקרע אויפן מזרח־באַן־הויף, די סיבה אומבאַקאַנט. די צרה פון דער גימנאַזיע „זיעדנאָטשעניע קופּצוו". אַזוי ווי אין דער „זיעדנאָטשעניע" דאָ קריסטן, דאַרפן זיי אַרויסשטעלן אַ מגן־דוד. דעריבער מוז מען די גימנאַזיע אָפּטיילן פון דער סוחרישער פאַרייניקונג. יידישע פּרויען ביי דער גרענעץ גיבן זיך אַן אַלס אַריערינ[ס] — דער עקזאַמען די תּפילה. אַלץ איז פאַראַן אויף יענער זייט. אַדיעזשדאַ יעסט? יעסט. דלות יעסט? יעסט. פּרוי וורצעל אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. די אַרבעט וועגן יידיש פון האַזענפּוס צוגענומען בעת אַ רעוויזיע ביים פּראָפ. ביסט־ראָן [34]. אָסטערזעצער [35] אַ לערער פון יידיש אין אַ גימנאַזיע. אין אָסטראָוויעץ אַנטלאָפן מער ווי אַ העלפט מענער[36], געבליבן פרויען און קינדער. אַ וויכטיקע פראַגע פאַרן גאַנצן לאַנד, דאָס אַנטלויפן פון דעם לעבעדיקן, אַרבעטנדיקן עלעמענט. אין וואַרש[עווער] אַרבעטס־אָפּטיילונג פון דער קהלה די רעדלפירער די געוועזענע אַסימילאַטאָרן און ענלעכע. אין לאָדזש מיט עטלעכע וואָכן צוריק אויפגעהאַנגען 2 יידן [און] איין קריסט פאַר אַ רויב־אָנפאַל און געלאָזט הענגען אין שטאָט אויפן באַלוּ־טער אַלט מאַרק[37]. פאַר אַן אויסווייז באַצאָלט אַ דייטש 1 זל. אַ פּאָלאַק 2 און אַ ייד 10 — אין לאָדזש — אַריע טאַטאַרקאַ — „אַ ווען זי אַריער זינד". אַרויסגעפירט די אוניווערסיטעטס־ביבליאָטעק. מען מיינט אַרויס־

---

32) דעם 3 דעצעמבער 1939 האָט מען פון כאַשעלסק אַרויסגעטריבן די יידן קיין לוקאָוו און מעזריטש.

33) עס זענען פאַקטיש אָנגעקומען עטלעכע טראַנספּאָרטן מיט יידן פון עסטרייך.

34) פּראָפ. סטאַניסלאַוו ביסטראָן, סאָציאָלאָג אויפן קראָקעווער און וואַר־שעווער אוניווערסיטעט.

35) ד"ר אָסטערזעצער, לעקטאָר אין יודאַיסטישן אינסטיטוט.

36) דער פאַקט באַשטעטיקט זיך נישט אין ליכט פון באַקאַנטע דאָקומענטן.

37) די דאַטע ווייזט אָן, אַז די טעראָר־אַקציע איז געווען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פּוילישן נאַציאָנאַלן יום־טוב פון 11 נאָוועמבער.

פירן דעם הויפטאַרכיוו. תקווה, אַז וועט אומקערן מיט די נאַכפּרייסישע. — דער צוועק פון שפּרענגען דעם שלאָס, פון וועלכן עס וועט בלייבן בלויז דער גאָטישער טייל, איז „אויפהאַלטן דעם דייטשן כאַראַקטער פון וואַרשע, וואָס איז געווען געבויט דורך דייטשן". אלטשטאָט מיטן שלאָס זאָלן בילדן א גאַנצקייט. — מען פירט אַריבער אויף יענער זייט זייגערלעך, מעדיקאַמענטן (אינסולין), מען שרייבט פון יענער זייט וועגן נאָדלען און מאָדעס, זשילעטקעס. אננא גורא, סאגאנס לאָקאַטאָר האָט ליב פיש צו עסן. פּראַקטיצירט ביי אים זעצעריי — —פון — — ביי דער צוקונפט. דער־מאָנט שוועדישע שטעמפּעלמאַכערס.

אכטער. דערוווּסט זיך פון שמעון ז[ייטשיק][33], אַז די שול קעמפּנע פאַרברענט. 3 קל. פון דער גרענעץ. דעם ערשטן טאָג פון מלחמה פאַרנומען, — „קרוטקאָביטקי". די שפּראַך פון די וואַרשעווער לאָבוזעס: שראָדקי פשעטשיוו טיפוסאָווי ד"ר מאַנאָפּאָלסקיעגאָ. — פּאַפּיראָסן. — פופצן טויזנט אַרויסגעשיקטע פון סוואַלק [39]. אכט הונדערט יידן פון סעראַצק [40]. היינט [געווען] אויפן פּראַגער באַן־הויף. נישט באַוויזן צו זיי צוקומען, אַרויסגעשיקט קיין לוקאָוו. אַלע יידן פון קאָלאָ אַרויסגעשיקט [41]. איניקע הונדערט אַריינגעפּאַקט אין דער אָרטיקער אָכראַנקע. געקומען יידן פון ווין, אַרויסגעשיקט, געקומען צו דער רוס[ישער] גרענעץ, אַריבערגעוואָרפן אויפן דייטשן באָדן. די יידן פון פּרזשאַסניש ערלויבט צו האָבן 2 זל. ביים אָנקומען, צו דער צווייטער וואָך באַזוכט און געהייסן אַריינוואַרפן די 2 זל. ווי אויך גאָלד און זילבער אין איין פּאַס, אין א צווייטן פּאַס אָנגעפילט מיט וואַסער אַריינגעוואָרפן די דאָקומענטן צעריי־סענע. אַגענציע מ. ז. מען זאָגט. באַווייזן פון מענטשלעכקייט: אַ דאַמע באַגעגנט א שר, פאַרוואָס זי טראָגט נישט קיין בינדע, אַנטשולדיקט זיך, צום סוף א קוש אין דער האַנט.

די וואַרשעווער קהלה האָט נישט קיין ברויט [?] — —

די פּראָפּעסיע פון פּאַרטרעטערס ביי דער אַרבעט [42]. אויסער דער קהלה איז יעדער בלאָק מחויב צוצושטעלן אַרבעטער. דאָס מאַכט די פּויל[ישע] פּאָליציי. אָרעמע גיבן אָן רייכערע אין צעטל און דאַן מעלדן זיי זיך צו יענע אַלס פּאַרטרעטער. אָפט פּאַרלירט מען דערביי דעם פּאַלטן, די קאַלאָשן א. א.

---

38) ד"ר שמעון זייטשיק, קונסט־היסטאָריקער (1900 — 1943).
39) זע הערה 23.
40) די יידן פון סעראָצק האָט מען דעם 6 דעצעמבער 1939 אַרויסגעפירט קיין ביאַלאַ־פּאָדלאַסקע.
41) דעם 10 דעצעמבער 1939 אַרויסגעשיקט פון קאָלאָ 1139 יידן קיין איז־ביץ (לובלינער דיסטריקט).
42) פון אַרבעטס־צוואַנג האָט מען זיך געקאָנט אויסקויפן פאַר אן אָפּצאָל, אַריינגעטראָגן אין דער קאַסע פון יודענראַט.

10 דעצעמבער 1939

באַריכט פון סאַדאָווסקי

10/12. מעזריטש. — 1.300 פּליטים — וווינען אין פּריוואַטע וווינונגען. דער רוב אין די שולן. פאַראַן מעדיצינישע — פאַראַן אַ קאָמיטעט ביים מאַגיסטראַט — ווערט אויסגעהאַלטן — הילף דורך דער יידישער באַפעלקערונג. 15.000 זל. באַקומען ביאַלאַ — איבער 4.000 פּליטים[43]. אין ראַדזין זאָלן אויך זיין פּליטים, וועלן קומען מאָרגן אָדער איבערמאָרגן. ביאַלאַ־פּאָדלאַסק 4.000 פון סוואַלק, נאַשעלסק, סעראָצק. אַ גרעסערע צאָל גענומען אין וואַרשע פון וואָקזאַל — — עס ווערן — — הייזער פאַר 5.000 פּליטים. גרייט מען זאָל געבן מעדיצינישע, קליידונג. — צוגעזאָגט צו געבן דעם שפּיטאָל 1.900 זל. עס ווערט אָרגאַניזירט אַ קיך. דרינגענד נויטיק אַ דאָקטאָר 1.500 ביז 2.500 מלבושים.

10, 11 דעצעמבער 1939

צענטער דעצעמבער. דער וויץ וועגן דעם שטשופּאַק, רידז־שמיגלי[44], דאַלאַדיע[45] און טשעמבערליין[46]. דער פיש אין דער וואַנע. רידז געוואָלט כאַפּן דעם פיש און צעריסן זיך די האַנט, דאַלאַדיע אָנגעטון די הענטשקעס — געכאַפּט דעם פיש אָבער זיך אַרויסגעריסן. טשעמבערליין אָנגעהויבן שעפּן דאָס וואַסער מיט אַ קאַווע־לעפעלע. די אַנעקדאָטע וועגן דער פּאָלקאָווניקאָווע פון רוסלאַנד וואָס האָט אָנגעטון אַ נאַכט־העמד אַלס דעקאָראַציע. וו[יינ]טרויב פון לוקאָוו אַ פאַרשמייגערטער ייד מיט באָרד און פּיאות, מיטן טלית קטן אין דרויסן יוצא ונכנס — אַלץ ווערט דורך אים ערליידיקט. מיט וואָס ער האַלט דעם בירגערמייסטער, אַ סוד פאַר דער גאַנצער שטאָט. ער באַשטימט ווער און וואָס עס דאַרף אַרבעטן. ער באַשטעלט אַ קאַראַקולענעם פּאַלטן פאַר דער מאַדאַם פון שר העיר. ער מאַכט שותפות מיט אַלע — באַרימט פון אַ סכסוך וועגן אַ רב. אוועקגעשטעלט זיך אינמיטן מאַרק און באַפוילן די פורמאַנעס און דראָזשקאַזשעס פאָרן צו דער באַן און אַראָפּנעמען די יידן פון סעראָצק[47].

---

43) געמיינט ביאַלאַ־פּאָדלאַסק.

44) רידז — שמיגלי עדוואַרד (1886 — 1943), מאַרשאַל פון פּוילן, דער שעף און גענעראַל־אינספּעקטאָר פון פּוילישן מיליטער אין די יאָרן 1935 — 1939; הויפּט־קאָמאַנדיר פון פּוילישן מיליטער בעת דער סעפּטעמבער־קאַמפּאַניע 1939.

45) עדואַרד דאַלאַדיע, פּילמאָליקער מיניסטער, פּרעמיער פון פראַנקרייך אין די יאָרן 1924 — 1940.

46) נעוויל טשעמבערליין (1869—1940), פּרעמיער פון ענגלאַנד (1937—1940), ענגלישער דיפּלאָמאַט, קאָנסערוואַטיסט.

47) קיין לוקאָוו האָט מען איינגעזידלט יידן פון סוואַלק, נאַשיעלסק און סעראָצק. די איבערזידלונגען זענען פאָרגעקומען אין נאָוועמבער, דעצעמבער 1939.

עלפטער. די פרטים פון דעם הרגענען דעם 30־יאָריקן אַרבעטער פון דעם אַרבעטס־באַטאַליאָן. ער איז דורכן פענצטער אַריינגעקראָכן אין אינערן־מיניסטעריום נאָווי שוויאַט, א ביסל שפּעטער, ווי די איבעריקע חברים, געדאַרפט לאָדן מעבל פאַר אלעי שוכא[48]. דער שומר — — געהייסן אים [?] גראָבן א גרוב — — און געהייסן די חברים באַגראָבן. געהאַלטן א רעדע איבערגעזעצט אויף פויליש, אז דערשאָסן געוואָרן פאַר נישט געוויסנהאפטער אַרבעט. פראָפ. ביאַלאָבזשעסקי פון דער פּאָליטעכניק דערשאָסן פאַר האָבן מיקראָסקאָפּן פון דער געוועזענער פוילישער אַרמיי. דערווײַלע געלאָזט די אַרבעטס־ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע אויף זשאָליבאָזש. פּאָלאקן זאָגן צו די יידן: „נאָך וואָס טראָגט איר די בינדעס"? נאָסיג[49] נאָמינירט געוואָרן אלס לייטער פון דער עמיגראַציע־אָפּטיילונג ביי דער קהלה. קלאַנגען וועגן איבערזידלונג פון אנדערהאַלבן מיליאָן יידן פון פוילן, אָנהויבנדיק פון יאַנואַר[50].

ווייַנטרויב האָט א דערלויבעניש אויף כשרע שחיטה.

12 דעצעמבער 1939

טייערער פריינט!

איך קען דיר מודיע זיין, אין וולאָדאַווע באַציִונגען צווישן קריסטן און פּאָלאקן גוטע[51]. די יידן האָבן דאָרט אין 17 י. ה. אויסבאַהאַלטן פוילישע אנשי חיל פאַר די שוועדן. א פוילישער שר געפאָרן דעמאָלט אין יידישע אָנגעלעגנהייטן קיין וואַרשע. אויסבאַהאַלטן מעות פון יידן. געווען דאָרט 1000 [?] פּליטים פון קאַלאָ און קאַליש. טוירן דערוואַרט ביי[ן] טראַנספּאָרטן פון פּליטים. די שררות באַפוילן אַלע יידן צו געבן צו עסן מיטאָגן פאַר די פּליכטלינגע. פון כעלם האָבן די שוועדן[51א] אַרויסגעטריבן 1.500 יידן אין די וועלדער נאָכגעשאָסן [?] און עטלעכע צענדליקער דערשאָסן. עס איז געקומען קיין וואַרשע יאַנוש ראַדזיוויל. ער זאָל ווערן א מושל איבער פוילן. א סך פאַלן ווען די שוועדן באַדויערן וואָס מען מאַטערט די יהודים. זאָגן, אַז נישט אַלע שוועדן זענען אַזעלכע. עס ווערט געמאָלדן די פוילישע פּרויען, וואָס שטייען אין געזעלשאַפטלעכע באַציונגען מיט שוועדן, אַז עס זענען נאָך פריי ערטער אין עפנטלעכע היי־

48) אין דער אַלע שוכאַ נר 25 האָט זיך געפונען דאָס זיץ־אָרט פון דער געסטאַפּאָ אין וואַרשע.

49) ד"ר אַלפרעד נאָסיג (1868 — פעברואַר 1943) ליקווידירט לויטן אורטייל פון דער ייד. קאַמפּס־אָרג. אין פעברואַר 1943 אלס אַגענט פון געסטאַפּאָ.

50) עווענטועלע פּראָיעקטן פון איבערזידלען גרויסע מאַסן יידן איז וואַרשעווער געווען פאַרבונדן מיט די פּלענער פון דייטשן אָקופּאַנט צו שאַפן אַ רעזערוואַט אין לובלינער געגנט.

51) וואַרשעווער א טעות. געמיינט צווישן קריסטן און יידן.

51א) געמיינט די דייטשן.

זער. דער אופן פון זוכן זאכן ביי די יידן אין פלאַצק: קודם טיילט מען אויס זאכן פון ערשטן סאָרט, דערנאָך פון צווייטן סאָרט און דריטן סאָרט, מען טאַפּט די גאטונג — אַנדערע טאַפּן און זוכן אַרום זייגערלעך. כדי צו באַפרייען דעם ברעג פון פלאַצק פון שמוגלער, אַרויפגעזעצט אויף בערלינקעס די פישער און געשיקט אין וועג. אויסגעלאדן זיי ביינאַכט אין א ווייטן אָרט. אין פלאַצק זענען אַלע ייד[ישע] געשעפטן און וואַר־שטאַטן געשלאָסן. 7 ראשים אַמטירן ביי די שררות און 3 אין דער קהלה. פאַראָרדנונג, אַז אַלע רעזערוו־אָפיצירן זאָלן זיך מעלדן, כדי צו גיין אין א געפאַנגענלאַגער — דאָס דראַט מיט צונעמען די גאַנצע אינטעליגענץ. אומרים, אַז עס איז דאָ א ניוס — פעיפער מיט ידיעות פון ראדיאָ. די ייד[ישע] קהלה אין ווארשע באַקומען א פאַראָרדנונג וועגן צוגרייטן אין עטלעכע טעג צוויי שפיטעלער פאַר טיפוס־קראַנקע. דאָס איז פאַרבונדן מיט א הוצאה פון הונדערט טויזנט זל. עס ווערט ווייטער אַרויסגעפירט די סינאַגאָגע־ביבליאָטעק.

מיט הארציקע גרוסן דיין יצחק בערל.

ע. ש. אין פלאַצק א סך פאַלן פון הייסן יידן אין טלית און תפילין טאַנצן, שפרינגען, אַרבעטן [?] וכדומה. מען שאַצט אָפּ די ווערט פון די געפונענע גאָלד, זילבער, בריליאַנטן אין די שטעט פון פוילן אויף 2 מיליאַרד זל. (מ'זאָגט אַז אין איין נאַטארס סייף האָט מען געפונען א מיליאָן זל. אין גאָלד.

כאַראַקטעריסטיש די באַציונג פון א טייל ענדעקישע פירער צו יידן, פאַרגרעסערט זיך די אויסדרוקן פון מיטגעפיל צוליבן איינפירן פון דער לאַטע. זעלבסטמאָרדן צווישן משומדים.

12/12 .1937

13 — 14 דעצעמבער 1939

13 grudnia. Krasnystaw, 1400 ludzi, szkoła. [51b]

קאַלושין 3.000 פליטים [52] פון פאַביאַניץ און לובלין — עס ווערט געשאַפן א רעזערוואַט אין לובלינער קרייז[53]. 200.000. אין לובלין ווערן געבויט באַראַקן.

14/12. לאָדזש, 17.000 יידן ווערן אויסגעזידלט יעדע וואָך — צוזאַמען 80 טויזנט. — דער קבלת פנים אין ראַדאָמסקאָ — — 1.500 מאַן פון ליפּנע [?] געפירט — די פּראַקטיק פון הילפאַנד [?] אין הויף [?]. די שומרים נעמען כאַבאַר פאַר נישט נעמען צו דער אַרבעט. זיי זאָגן, אַז מען וועט אַרבעטן 7 טעג.

[51ב]) פּויליש: 1400 מענטשן, די שול.

[52]) וואַרשיינלעך אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער איבערזידלונג פון וואַרטעגאַו אין דער ג. ג. (סוף 1939, אָנהייב 1940).

[53]) זע הערה 50.

14/12. ליפּנע — עס וווינען 500 פֿאַמיליעס איבער 2.000. פֿון 9 אָנגעהויבן די עוואַקואַציע. לאַנדראַט הייסט פֿאָרן — די שומרים לאַוו. ביז 21/12 מוזן אַלע פֿאַרלאָזן. גייען מעג מען פֿון 9 ביז 15. [?] פֿרייוויליקע אויסוואַנדערונג — פֿרויען טאָרן נישט אַרויסגיין פֿון די שטובן. פֿאַראַן פֿון 200 — 300 נפשות [?] אין וואַרשע.

14 דעצעמבער 1939

טייערער פֿריינט!

איך האָב דיר פֿאָלגענדעס מיטצוטיילן פֿון פֿויזן זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין פֿאַרמאַכטע וואַגאָנס, צווישן זיי פּראָפֿ. באַרטעל 54 און מיילאַר 55 מיט זייערע פֿאַמיליעס. זיי זענען געשיקט געוואָרן קיין וואַרשע, פֿון דאַנען קיין לוּוויטש און פֿון דאָרט קיין ראַדאָמסקאָ. די ישראלים זיך דערוווּסט און געקומען מיט ברויט, מילך און וואַסער הגם מען האָט זיי אוועקגעטריבן מיט קאָלבעס, דאָך געגעאַנגען. דאָרט א טייל באַפֿרייט. ער טוט מיר א טובה: דער פּוילישער פּליט, ער וועט זיך נישט — — געזינדל. הגם ער קאָן זיי אַלע פֿון דאָרט. ווי עס טוען עס זיינע קאָלעגן. פֿאַראָרדענונג, אַז מען טאָר נישט טראָגן גיין חייל[ישע] פּויל[שע] מונדירן, אויך נישט קיין שילער־מונדירן.

מיט גרוס

1939

15/12. רעמבערטאָוו 40.000 קאָנטריבוציע

50 מענטשן א טאָג אַרבעטן צו 10 זל. אויף א פּערזאָן, באַשטימט לכתחילה וואָלט געווען — —

לאָדש. דאָקטו[רים], אַדוואָק[אַטן], לערער, געלערנטע [אַרעסטירט] וואַרשע. קהלה מוז האָבן א קוואַראַנטאַננע פֿאַר טיפֿוס־קראַנקע פֿאַר די פֿאַמיליע־מיטגלידער. פֿרוי פֿון מילמאַן מיט די קינדער. אין קאַלושין דאָ 2.000 פּליטים פֿון פּאַביאַניץ, קאַליש א. א. וווינען אין שול, מיל, פּריוואַט — מען וועט אַריינלאָזן אין גאַרבעריי.

15 דעצעמבער 1939

ליבער טאַטע!

איך קען דיר מיטטיילן פֿאָלגנדיקס: אין פּלאָצק צוגענומען ביי די ייד[ישע] שניידער און שוסטער זייערע וואַרשטאַטן און מאַשינען. בעלי־

54) קאַזשימיעזש באַרטעל (1882 — 1941), פּראָפֿעסאָר פֿון דער לעמבערגער פּאָליטעכניק, פּוילישער פּרעמיער אין די יאָרן 1926 — 1930 דערמאָרדעט אין לעמבערג אין סוף יוני 1941 דורך די היטלעריסטן.

55) מיילאַר עדוואַרד (געב. 1884), פּראָפֿ. פֿון פּויזנער אוניווערסיטעט, עקאָנאָמיסט.

מלאכות באַהאַלטן זיך אויס מיט זייער אַרבעט. צו באַהאַלטן א ספר־תורה מיט א ש״ס ביי א באַקאַנטן דייטשן לערער אין דער דייטשער קאָלאָניע; זיין שוואָגער באַקומען א כתב, אַז עס ווערט אַריינגעזעצט א קאָמיסאר אין זיין געשעפט (שניידער־צודאטן). דער קאָמיסאר, א פּאָלאַק, האָט רעכט צו פאַרנעמען דאָס געוועלב פאַר א געוויסן פּרייז לטובת דעם מאַגיסטראַט. ער האָט רעכט צוצונעמען זיין וווינונג און דעם ייד איבערזידלען אין באַראַקן הינטער דער שטאָט. — פון לאָדזש טרויעריקע גרוסן: פאַרהאַפטעט אַלע ייד[ישע] אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים און לערער. קאַצ[ענעלסאָ]נען, פרוי און 3 קינדער אינטערנירט. פאַרהאַפטעט די פרויען פון געזעל[שאַפטלעכע] עסקנים מיט די קינדער. לויט אַן אויפפאָדערונג דאַרפן יעדן טאָג פאַרלאָזן לאָדזש 1.500 יידן פרייוויליק, אויב ניט, וועלן זיי אָרגאַניזירן די אויסוואַנדערונג. דער פרייז פון די אויטאָבוסן געשטיגן פון 20 זל. אויף 200 זל. פאַר א פּערזאָן. דריי טעג האָבן יידן נישט געטאָרט פאָרן מיט די באַנען. קלאַנגען וועגן כלומרשטער הריגה של אשכנז הייל דורך א פּאָלאַק. די גאַנצע גורנא־גאַס אָפּגערייניקט פון אַלע איינוווינער יידן און פּאָלאַקן. דאָס סכראָניענע פּאָדזשוטקוו[56] מיט 600 קינדער אין א שרעקלעכער לאַגע, דער מאַגיסטראַט גיט נישט קיין געלט מיטן 1־טן נאָוועמבער. 100 קינדער אויסגעשטאָרבן זייט דער מלחמה. אָפענע פענצטער, ביי די קינדער פרירן אָפּ די הענטלעך מיט די פיסלעך.

קלאַנגען, אַז מאָנטיק וועט אָנהויבן אַמטירן די סאָוו[יעטישע] איבערזידלונגס־קאָמיסיע און אַז הונדערטער טויזנטער יידן וועלן זיך דעקלאַרירן אַלס אוקראַאינער. געטראָפן א פויער פון אָסטראָווער געגנט. זיי קומען פון צייט צו צייט און נעמען צו א חזיר, הייסן זיך געבן אייער, פוטער א. א. וו. די רויבערייען פון די פויערים ביי דער גרענעץ, באַזונדערס אין סאָקאָלאָוו, ווענגראָוו. אָנפאַלן אויף דורכגייער, זיי ווערן אויך באַשענקט מיט די צוגענומענע זאַכן.

דער זעכצנטער. א ידיעה, אַז פון פּויזן אַרויסגעשיקט דעם רעשט טויזנט יידן[57]. קראַנקע פון שפּיטאָל, זקנים, אַלע איבערגעשיקט אין לאַגער אין גלאָוונע; פון דאָרטן אין א צוג אין דער ריכטונג פון אָסטראָוויעץ קיעל[עצקי], צווישן זיי געפינט זיך דער קהלה־פּרעזעס מיט דער פאַמיליע און דער פּויזנער רב, הגם געהאַט א מעגלעכקייט זיך אויסצודרייען. אין שימאַנאָוו, לעבן וואַרשע (נישט ווייט פון ניעפּאָקאָלאַנאָוו) זאָלן זיך געפינען צוויי טויזנט יידן־פּליטים אין א קלויסטער. פּרטים נישט באַקאַנט.

ל. אָ. פּ. (ליגא אָבראָני פּושעטשיוו לאָפאַניו — נאַדכאָדזשי, פּושעשעדל א. א. וו.[58]). זינד זי יודע? — פרעגט א שומר. וואָס דען א טערק?

---

56) פּינדל־הויז.

57) די יידן פון פּויזן זענען דעם 12 דעצעמבער 1939 אויסגעזידלט געוואָרן קיין אָסטרווו־לובעלסקי און אַנדערע שטעט פון לובלינער געגנט.

58) אַ פּאַראַפראַזע פון נאָמען ל. אָ. פּ. (זע הערה נר. 16), ליגע פאַר שוין קעגן כאַפּעריי (פון יידן צו אַרבעט).

— אך זאָ, טורקע! דאַן, ענטשולדיקן זיי!" אין די אָשראָדקי זדראָוויא[59] [איז] דאָ א מעלדונג, אז ייד[ישע] פּראָסטיטוטקעס, וואָס האָבן באַציונגען מיט שומרים באַגייען אַן אקט פון סאבאָטאזש. ייד[ישע] פּראָסטיטוטקעס ווערן נישט געהאַלטן אין די ביז איצטיקע אָשראָדקעס. אין דעם האַפּט־פּאָסטאמט, ווו עס איז דאָ אַן אויפשריפט אין פּויליש און דייטש, אַז יידן טאָרן נישט גענישן פון דער פּאָסט, שטייען אין דרויסן קריסטן, וואָס זענען גרייט פאַר א גראָשן ערליידיקן פאַר יידן אַלץ וואָס מען באַדאַרף. אינטערעסאַנט, אַז אַנאָנסן אין דער פּרעסע, אריער זוכן ביי דער — — פּאַרוואַלטונג פון יידישע געשעפטן. קריסטן באַקאַנטע פירן די זאַכן פון יידן קיין לאָדזש. פאַרשפּרייט א קלאַנג, אַז פאַרן פּרייז פון 12 מיליאָן זל. איז מען גרייט אָפּצושטעלן דעם גירוש פון לאָדזש.

אין ווארשע האָט מען די יידן אין א בית־המדרש אויף טווארדאַ אויסגעטאָן און געהייסן זיי אין א פּראָסט לויפן אינדרויסן.

שרעקלעכע וווינונגס־באַדינגונגען פון די פּליטים אויף רינקאָווא 5. נישט מעגלעך צו עטעמען. ענגשאַפט, שמוץ. באַזוכט היינט די פּליטים־פּונקטן אויף גזשיבאָווסקא, גראַניטשנא, אין שטיבלעך. מען קומט דאַוונען און ברענגט אַריין שמוץ. א פילאטעליסט געשיקט א קאַרטל און אויף דער ברייוומארקע פון יענער זייט א קליינע צושריפט וועגן טויטע. — געזען א טרויער־בילד מיט אָנגעצונדענע ליכט. די פאַנטאַזיע שפּילט. שוועדן ערקלערט מלחמה דייטשלאַנד[60]. רומעניע פירט מלחמה מיט רוסלאַנד. די — — פּאַרט קיין רומעניע. — 500 זל. פאַר א קאַוואַליר, 2.000 פאַר א באַווייבטן — — די גאַסן פון ווארשע וועקן.

15 ,12 ,1939

16 דעצעמבער 1939

זעכצנטער דעצ[עמבער] א צדיק געזאָגט, אַז צום 5 ליכטל פון חנוכה וועט קומען די ישועה. ער זוכט כלי־זין און בינו לבינו געמט ער צו מעות, אין מעבל פון די שטובן און דווקא שיינע בעטגעוואַנד און מלבושים.

18 דעצעמבער 1939

ליבער טאַטע!

אכצנטער דעצעמבער. עס פּראַקטיצירט זיך לעצטנס דאָס מאסנהאַפטע איבערשיקן פון בריוו. דער פּרייז איז פאַרשיידן. געווינלעך 15 זל. צאָלבאַר אין צוויי ראַטעס: די ערשטע ראַטע באַקומט מען ביים איבער־

---

59) פּונקטן פאַר מעדיצינישע הילף.

60) אין אָריגינאַל דאָס וואָרט דייטשלאַנד פאַרשטראָכן. ווי באַקאַנט איז שוועדן בעת דער מלחמה נישט געווען אין קריגס־צושטאַנד מיט דייטשלאַנד.

געבן דעם בריוו דעם אַדרעסאַט. די צווייטע נאָכן דערהאַלטן א באַ־
שטעטיקונג, אַז דער בריוו איז אָנגעקומען. עס טרעפן אָבער אַפּערעס, אַז
מען נעמט צוויי מאָל פאַר בריוו. די ווענט זענען פול מיט מעלדונגען וועגן
אַרויספאָרן קיין ווילנע, גראָדנע, לעמבערג, ביאַליסטאָק א. א. די מעלדונגען
זענען אפילו געדרוקטע פּלאַקאַטן נאָר אין פּויליש, די אַנדערע זענען
געשריבענע. א סך באַראַטונגסשטעלן, א סך אינפאָרמאַציע־ביוראָען וועגן
געפאַנגענע, וועגן פאַרלוירענע. דער צוזאַמענשטעל פון דער — — איניקע
אַרטיסטן, לערער, מיטאַרבעטער פון אינסטיטוציעס. סטאַטיסטיקער צום
ערשטן מאָל [געמאַכט] סטאַטיסטיק, למשל אַז א דריטל זענען קינדער.
די אדוואָקאַטן־קאַמער באַקומען דעקלאַראַציעס אויסצופילן וועגן דער
אַרישקייט, ד. ה. אַז ייד[ישע] אדוו[אָקאַטן] וועלן געשטראָכן ווערן פון
די ליסטעס. אין דער בערלינער אילוסטרירטער צייטונג א בילד ווי אַזוי
יידן ווייזן אן ווו זיי האָבן באַגראָבן מכשירי מלחמה — — אין לאָדזש
רעדן רוסיש א סגולה קעגן נישט צונעמען דאָרט זאַכן. — אין וואַרשע
קינדער קענען נישט קומען אין קיך נאָך מיטאָגן צוליבן מאַנגל אין
מלבושים. די עמיגראַציע אַ ביסל אָפּגעשוואַכט צוליב פאַרשיידענע סיבות.
די יוגנט פריער געפאָרן שטודירן אויף די הויכשולן, כדי צוצוקומען
קיין רומעניע און פון דאָרט קיין א״י. — מען צאָלט נישט קיין דירה־
געלט. די שכנים שאַפן קאָמיטעטן, וואָס זאַמלען געלט פאַר וואַסער און
שטאָטישע שטייערן. מען רייצט זיך מיטן בעל־הבית: אפשר ווילסטו
דירה־געלט? געוועזענע בעלי־בתים נעמען צו אַלס אַדמיניסטראַטאָרן
אריער (קליין דזשעלנע 15). א גליקטאַכטער: מער איבערגעלעבט אין
פּוילן אין 3 וואָכן ווי אין מענדעלסאַניע [61] 7 יאָר. די ביבליאָטעקן שטעלן
אַרויס העפטן, בלייפעדערס, כדי אָנצוגיין ווי בוכהאַנדלונגען. אין באַכולס
ביבליאָטעק שוין פאַראַן אן אינדעקס: ביידע מאַנס, צווייג, „נא טראָפּאַך
סמענטקאַ״ [62], יאַלו קורעק [63], מאַלראָ. די פּורמאַנעס וואָס האָבן געפירט
די ביכער פון דער סינאַגאָגע, האָבן פאַרקויפט ביליק ספרים. לאַגערן די
ספרים אין א טרוקענעם קעלער. אין דאָברזשין אויפגעריסן די איבער־
בעטן און געזוכט מעות. אין ל[אָדזש] איז מען מאָנטיק ווילד נאָך די
זונטיקדיקע דרשות. דאָרט פאַרבאָטן דער אריינטריט אין די אמטן. אין
גוווערנעמענט [64] פאַראַן א פאַראָרדענונג אין צייטונג (זיבנצנטער דעצ[עמ־

---

61) געמיינט דייטשלאַנד, דאָס לאַנד פון משה מענדעלסאָן.

62) „נאַ טראָפּאַך סמענטקאַ“ — טיטל פון בוך פון באַקאַנטן פּוילישן שריי־
בער מעלכיאָר וואַנקאָוויטש. אַ רעפּאָרטאַזש, וואָס דערמאָנט וועגן פּראָבלעם פון
דער פּוילישער באַפעלקערונג אויף די מאַזורן אין די 30־ער יאָרן.

63) באַקאַנטער פּוילישער שרייבער יאַלו קורעק, געב. 1892.

64) גענעראַל־גובערניע געשאַפן אויפן סמך פון היטלערס דעקרעט פון 12
אָקטאָבער 1939, אַרומגענומען די צענטראַלע פּוילישע געביטן, איינגעטיילט אין
4 (שפּעטער 5) דיסטריקטן.

בער], אַז פֿאַרבאָטן צו רעדן דורכן טעלעפֿאָן. אין כעלם געטריבן טויזנט פֿינף הונדערט מענטשן צו דער גרענעץ, אכצן דערשאָסן געשטאָרבן צווישן זיי ד״ר אקס, ברידער מאַרגוליס. צוריקגעשיקט פֿון יענער זייט, ווייל דאָס וועט זיין א פּרעצעדענס אויף ווייטער, דערקלערט יענער. — אָנגעקומען די איבערזיד[לונגס]־קאָמיסיע, פירער צווילינג, זיין פֿאָטער דערהרגעט געוואָרן יענע וואָך. פֿאַרבעסערט די לאַגע. פּראָפֿעסאָר רייכמאַן געזאָלט האָבן באַקומען א ידיעה, אַז די הונדערט מארק צי דאָלער, וועלכע דער ברודער האָט אים געשיקט, קען ער נישט באַקומען, ווייל ער איז א ייד. מען זאָגט, אז צוליב דעם וואָס די אונטערוועלט גערויבט אין מינסק, דערשאָסן 50 מענטשן — — מוזן זיי אַדורכגיין א קאַראַנטין און אַרבעטן אין די וועלדער. — ריזיקער קולטור־פּארלוסט. פארשוווּנדן די פּנקסים פֿון די שטעטלעך. — אין לאַסקאַזשעוו פּאַרציקט עטלעכע און צוואַנציק. — אין ייד[ישע] געוועלבן מוזן פאַרקויפֿן צו יענע [65] צו פֿאַרמלחמהדיקע פּרייזן מיט א ראַבאַט פֿון פֿינף און צוואַנציק פּראָצענט. אין כעלם א סך פֿון די צוגעקומענע געשטאָרבן צוליב דער טרחה פֿון וועג, עס פֿעלן נאָך דריי הונדערט פּערזאָן, זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען. פֿון מיעלעץ: ערב ראש־השנה אַריין אין שעכטהויז, פֿאַרברענט די שוחטים, אין — — געשלאָגן און פֿאַרגוואַלדיקט די פֿרויען דערנאָך אונטערגעצונדן.

האַרציקע גרוסן אייער פּיוול [66].

18, 19 דעצעמבער 1939

מיינע ליבע!

אכצנטער דעצ[עמבער]. טרויעריקע גרוסן פֿון לאָדזש. די קהלה... געוואַלדן, אַז דערוויילע אָפּגעשטעלט דאָס אַרויסשיקן ביזן 1 מערץ, דאָס זאָל קאָסטן פֿיר הונדערט פּופֿציק מיליאָן זל. ידיעות וועגן דעם, אַז גאַנצע קילאָמעטערס צוגן פֿאָרן מיט אויסגעוויזענע פֿון ל[אָדזש]. א סך גייען צופֿוס, א סך קינדער פֿאַרפֿרוירן געוואָרן. — [פֿון] אַלץ ווערט געמאַכט תמונות [67]. בכלל ווערט דאָס שטאַרק — — די חברות פֿון וו־ע. דאָס פֿאַרנעמען די 24, בילדער פֿון יידן. הייזער — — האָט געבראַכט יידן פֿון סעראָצק, פֿילמירט וכדומה. שומרים מיט אַפּאַראַטן. — אין לאָדזש רעדט מען וועגן א קויפֿוואָך פֿון דייטשן, איינער זיך געקויפֿט שטאָף פֿאַר 10 אַנציגער, א צווייטער מוכאָלאַפּקעס [68], וואָס — — די הענט. איך בען אַ טוריסט און פֿאָר קיין לאָדזש...

---

65) „יענע“, רינגעלבלום באַצייכנט סטאַביל מיט דעם וואָרט — צוליב קאָנספּיראַטיווע סיבות — די דייטשן.

66) פּיוול, דער נאָמען פֿון רינגעלבלומס פֿאָטער.

67) דייטשן האָבן זייער אָפֿט געמאַכט פֿאָטאָגראַפֿישע אויפֿנאַמעס.

68) פֿליגן־פּאַפּיר.

ניינצנטער דעצ[עמבער]. מען רעדט ווידער וועגן געטאָ אין וואַרשע. אין פאַרגלייך מיט פריערדיקן, עס זאָל [גרעסער] ארומנעמען — — פאַראַן א צווייטער קלאַנג וועגן דעם, אַז אַלע יידן זאָלן — — עס הויבן אָן קומען מענטשן אויך פון קראָקע. — —

19 דעצעמבער 1939

ליבער טאַטע!

ניינצנטער דעצ[עמבער]. עס זענען היינט אָנגעקומען נייע ידיעות: אין איזביץ לוב[עלסק] זענען קאָנצענטרירט 1.120 יידן פון קאַלאָ [69]. א טייל פון זיי ווערן פונאנדערגעשיקט אין די אַרומיקע קליינע שטעטלעך. אין סאָקאָלאָוו פּאָדל[אסקי] זענען דאָ פינף הונדערט יידן פון קאַליש [70], עס ווערן דאָרט דערוואַרט צוויי נייע טראַנספּאָרטן; אויסער דעם איז דאָ א פינפהונדערט יידן פון פולטוסק, מלאווע, קראַסנאָשעלץ. עס איז אויך דאָ א גרויסע צאָל יידן וועלכע עס געלינגט נישט דאָס אַדורכגיין אויף יענער זייט [71]. עס זענען לעצטנס פאָרגעקומען צוויי פאַלן ביי דער גרענעץ-וואַך. אין אָסטראָוו לוב[עלסקי] איז דאָ 850 יידן פון פּויזן [72]. זיי זענען געקומען צופוס פון לעווערטאַוו [?]. געגאַנגען צוואַנציק קילאָמעטער צופוס.

היינט דערשינען אין וו[ארשע] א פאַראָרדענונג וועגן ייד[ישע] פאַר־מעגנס. וועלכע האָבן מער ווי צוויי טויזנט זל. מוז מען דעקלארירן [73]. קלאַנגען וועגן שינוי בלאָמבערג [74] בראש פון דעם נייעם סדר. אין וו[ארשע] דאָ אייניקע הונדערט רבנים פון קליינע שטעטלעך; נאָך דער טראַגעדיע פון דעם וועגנגראָווען רב שנהרג, זענען די איבעריקע אנטלאָפן. קאָן [75] פאַרטריבן פון זיין דירה, באַקומען א וווינונג ביי זיין גערטנער.

די לאָדזשער אינטעליגענץ איז געשיקט געוואָרן קיין קראָקע און פון דאָרט קומען זיי קיין וו[אַרשע]. עס וואַקסט די צאָל פּליטים אין וו[אַרשע].

---

69) זע הערה 41.

70) די יידן פון קאַליש האָט מען אַרויסגעשיקט אין דער צייט פון 2 ביזן 9 דעצעמבער 1939. זיי האָבן זיך געפונען אין פאַרשיידענע שטעט פון גען. גובערניע.

71) געמיינט אויף דער סאָוויעטישער זייט.

72) לויט אַנדערע קוועלן זענען פון פּויזן אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אָסטראָוו-לוב. העכער 500 יידן.

73) די פליכט צו דעקלאַרירן דעם גאַנצן פאַרמעגן אויפן סמך פון דער פאַראָרדענונג פון 16 נאָוועמבער 1939 און פון יאַנואַר 1940.

74) וואַרשיינלעך געמיינט דעם גען. ווערנער עדוואַרד פרץ פאָן בלאָמבערג. פעלדמאַרשאַל 1878 — 1946. זייט 1933 מיניסטער פון דער רייכסווער, קריגס-מיניסטער פון III רייך (1935 — 1938) און אָבער-קאָמאַנדיר פון דער ווער-מאַכט.

75) אשר קאָהן, באַקאַנטער טעקסטיל-פאַבריקאַנט אין לאָדזש.

דער פּאַסעק אויף דירות וואַקסט. מען פּאָדערט פּאַר אַ צימער הונדערט פּופציק, צוויי הונדערט זל. און וו [76]. ווערט צום ערשטן יאַנואַר נישט טאָרן זיין קיין איין יידישער וואַרשטאַט, קיין איין יידישע קראָם. לעצטנס דאָ ידיעות וועגן צוגן מיט קריסטן, וועלכע ווערן אויסגעוויזן פון זייערע היימערטער [77].

מיט הארציקע גרוסן דיין יעקב.

דער ערובניק געגעבן שכנא [78] צוויסן, אַז אפשר וואָלט מען געקענט פּויזנער פון לאָדזש תופס [78א] באַפרייען מיט אַ סערטיפיקאַט.

21 דעצעמבער 1939

דאָס ייד[ישע] שולוועזן איז אינגאַנצן פּאַרמאַכט געוואָרן. דער רוב לערער האָבן געמוזט זוכן אַרבעט מחוץ וואַרשע און אויסוואַנדערן אויף יענער זייט [79]. נאָכן איינפירן די בינדעס זענען די ייד[ישע] גאַסן-הענדלער פאַרשווונדן פון די געמישטע גאַסן.

אין דער לעצטער צייט זענען זייער פּאָפּולער ביי דער פּויל[ישער] באַפעלקערונג קאַפע-הייזער מיט אַרטיסטן און אַרטיסטקעס אַלס קעלנערס, למשל יאַראַטש [80] א. א. אויף דער פּויל[ישער] גאַס זעט מען נאָך אַמאָל אַ שמייכל, אויף דער ייד[ישער] טרויער. עס האָבן אויפגעהערט די באַזוכן אין רעסטאָראַציעס, קאַפעהייזער. אויף געציילטע פּויל[ישע] רעסטאָראַציעס די אויפשריפט: פּאַר יידן פאַרבאָטן דער איינטריט. — שווערי קייטן פון דער טעטיקייט. אַ ייד טאָר מען נישט אויסצאָלן מער ווי 500 זל. און אַ ייד טאָר נישט האָבן מער ווי 2.000 זל. [81] די לעגענדע וועגן די לאָדזשער] אסטאָריע-לייט אַז זיי לעבן [82]. [די] אַגענציע פּ. אי. פּ. — פּעוויען אידיאָטאַ פּאָוויעדזיאַל [83]. פּ. וו. א. פּאָלאַקן ווילן אַזוי.

---

76) וואַרשעווער וואַרשע.

77) די טראַנספּאָרטן זענען געווען פון פּויזנער געביט, וואָס איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין רייך (דעקרעט פון 10 אָקט. 1939) און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט מען ארויסגעשיקט פון די געגנטן („וואַרטעגאו") די פּוילישע און יידישע באַפעלקערונג.

78) געמיינט שכנא זאַגאַן, דעם פירער פון פּ"צ — לינקע.

78א) לאָדזשער תפיסה?

79) זע הערה נר. 71.

80) סטעפאַן יאַראַטש, באַוווסטער פּוילישער אַקטיאָר.

81) זע הערה נר. 73.

82) „אַסטאָריאַ". דעם 18 אָקטאָבער 1939 האָט אַ גרופּע ס"ס-מענער אַרויסגעפירט פון יידישן רעסטאָראַן אין לאָדזש „אַסטאָריאַ" אַן ערך 100 יידן — אַ קליינעם טייל פון זיי האָט מען דערנאָך פאַר געלט באַפרייט. אַ טייל האָט מען אָפּגעשיקט אין לאַגער אין ראַדאָגאָשטש. דעם גרעסטן טייל אָבער האָט מען שרעקלעך געפּייניקט און דעם זעלבן טאָג אומגעבראַכט.

83) „אַ געוויסער אידיאָט האָט געזאָגט".

איך און צוואנציקסטער דעצ[עמבער] געקומען א שומר מיט צוויי יהודים מיט אומזיסטע באַן־בילעטן אָפּצוהיטן זיי פון וו[ארשע]. פון וולאָצלאַוועק אַרויסגעשיקט טויזנט פינף הונדערט יידן און טויזנט פינף הונדערט קריסטן קיין זאמאָשטש (מענער) און שטשעברעש[ין] (פרויען) [84]. די יידן געגעבן אין מאַרק צו עסן די קריסטן, הגם א טייל פון זיי גרויסע אַנטיסעמיטן.

אין באַטשקי [Baczki?] לעבן וו[ארשע] ביי 150 יידן פון קאַליש 100 אין לעפּיאַנקי, וווינען אין שול. דער בעל־הבית אראָפּגענומען צען פּראָצענט פאַר די גולים. אין לעגיאָנאָוואָ ביי [?] גולים פון נאָווי־דוואָר. אויפגעגעסן טעפּל אין לאסוף פּאַר מקבל פּנים זיין די גדולים. אין קראָקע געהייסן אראָפּנעמען די שטריימלעך אָבער גלייכצייטיק געהייסן איינפּאַקן אין נאַפטאַלין. אין ווי[ליצע]ציע [?] טעטיק די גבודישע קאָמיסיע. מען זאָגט, אז פון יידן ווערן קיין בקשות נישט אָנגענומען. אין דער געגנט פון טשענסטאָכאָוו געשאַפן פּאַלעסטינישע עמיגראַציע־קאָמיטעטן, אין פּיעטר־קאָוו אַן עמיגראַציע־קאָמיטעט [85]. אין די אויסוויזן פון לאָדזש דאַרף מען די שליסל לאָזן שטעקן אין דער שאַפע, די פייגל און הינט ביי שכנים.

צער בעלי־חיים. געזען א וואָגן צופיל מיט קוילן, געהייסן אראָפּווארפן א ביסל כדי לייכטער צו מאַכן דעם פערד.

אין דער מלחמה־צייט האָט עקזיסטירט א „סטראַזש אָביוואַטעל־סקאַ" [86], א מין געהילפס־פּאָליציי. אין לאָדזש זיך געמאָלדן א טייל יידן. עס זענען געווען א גרויסער טייל אינטעליגענץ — — אַדוואָקאַטן. די אויפגאַבן זענען געווען האַלטן דיזשור[?] — — אַכטונג געבן אויף ריינ־קייט וכדומה. מיטן וווקס פון אַנטיסעמיטיזם ביים סוף פון סעפּטעמבער האָט מען אָנגעהויבן אַרויסשטויסן יידן פון דער סטראַזש. געווען יידן אין דער סטראַזש נאָך אין [פאַר ?] די צייטן פון [?] אשכנז, פון 1 נאָ[וועמ־בער] אויפגעהערט צו עקזיסטירן. אין די צייטן פון מלחמה האָט מען די יידן פון דער סטראַזש אַרויסגעשטעלט אויף די געפערלעכסטע פונקציעס. דעריבער — א סך געפאַלן.

[צושריפט ביים זייט[87]] אז זיי זאָלן אימשטאַנד זיין נישט נאָר אויפ־צונעמען און צו העלפן די אָרטיקע נויטבאדערפטיקע, נאָר איינצוגלידערן און אַריינציען אין דער ג"ח־באַוועגונג — —

צוואָנציק טויזנט גולים. פּאַר מעות טויפשיינען אנגענטאפּעל [?] ביזן דריטן דור. מען — — פון דער לעמבערגער דיעצעזיע. גוטע באַציונג פון פּאָלאַקן אין קעגנזאץ צו די ערשטע צייטן ווען געלאַכט, ווען געזען יידן

---

84) די יידן פון וולאָצלאַוועק זענען קיין שטשעבזשעשין אָנגעקומען דעם 18 דעצעמבער.

85) די ידיעה באַשטעטיקט זיך אין ליכט פון אַנדערע דאָקומענטן.

86) בירגער־מיליץ.

37) דעם זאַץ האָט צוגעשריבן נישט רינגעלבלום, ווארשיינלעך איינער פון זיינע מיטאַרבעטער.

פירן צו דער אַרבעט. גוטע שטימונגען. ביי פּאָל[אקן]. גלויבן, אז אַלץ וועט זיך אינגיכן פאַרענדיקן צום גוטן. כלומרשטע פּאַרטיזאנער אין סטאַניסלא[ווער] געגנט.

אין דעם ריין פּוילישן וולאָכי [88] שלאָגט מען א ייִנגל, וואָס שרייט „יודע".

טראַגעדיעס פון נישט וויסן [?], ווו די פּאַמיליע געפינט זיך: מען ווייסט נישט, ווו די צוגן פירן אַוועק פון פאַרשיידענע שטעט.

מיט קיין שנעלצוג קען מען נישט פאָרן. מוז מען נעכטיקן אויפן וועג קיין איט[אליען]. אין קאַטאָוויץ — — טאָרן קיין יידן נישט זיין.

אין דער גזשיבאָווער חברה[88] געאַרבעט פריער פאַר 4 זל. א טאָג. געזאָגט, אַז צופיל. פאַרקלענערט אויף 3 זל. געפלאָגט און 3 אויפגעגעבן [?] 5 קראַנק.

געהאַט די סגולה פאר אָנשים, וואָס געדאַרפט עוקר [?] זיין.... גע־קומען אויף סיענגאַ, געעפנט פאר 3 פּאָלאַקן א נישט באַוווינטע ייד[ישע] וווינונג און צעטיילט די זאכן צווישן אלטע דינסטן פון הויז. גאַלעען [?] געררויבט [?] בא יידן שיכלעך [?] און געטיילט פּאָליאַקן — — לעצטנס אין דער גאַס געביטן די — — .

דאָס הויז פון דער פרעסע אין קראָקע באַגנבעט ביי דער נאַכט־עוואַקואַציע.

22 דעצעמבער 1939

ליבער זיידע!

דעם צוויי און צוואַנציקסטן דעצ[עמבער]. קען דיר מודיע זיין פּאָל־גענדעס: געקומען א ידיעה, אז אין פּויזנער געגנט אַלע יידן פון פּויזנער קאַנט צונויפגעזאַמלט. איבער דריי הונדערט פּופציק יידן אין גנעזן אין א לאַגער, דאָרט געהאַלטן אכט וואָכן און דערנאָך אָפּגעשיקט — — צווישן — — אַרויסגעשיקט מיט א לאַסטצוג פון פּויזן קיין אָסטראָוו לוב. געווען א ייד — — פּאָדערט [?] צוויי יאָר, אַנדערע שוואכע און קראַנקע נישט אויסגעהאַלטן די לאַסט — —

אין לובלין געפּאָדערט דאָס ליד „לאָמיר זיך איבערבעטן". לאָמיר זיי איבערלעבן. אין וו[אַרשע] אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג מיט די שילדן און וויזיט־קאַרטן אויף דער טיר. האַש. [?] אויפגעשריבן, אז ער איז א יידנעלטסטער איינזאַץ גרופּע. אין פּיאָטרקאָוו חרוב געמאַכט דעם אלטן בית־עולם אויף אויסצוגלייכן דעם וועג. א קלאַנג, אז די אַרבעטס־באַ־טאַליאָנען פון דער קהלה זאָלן אויפהערן און דאָס געלט זאָל די קהלה געבן פארן מאַגיסטראַט אויף באַשעפטיקן קריסטלעכע אַרבעטסלאָזע.

---

88) Włochy, אַן אָרטשאַפט לעבן וואַרשע.

89) אויף גזשיבאָווסקע 26 האָט זיך געפונען דער יודענראַט.

בייַנאַכט שטייען פאַר די צערקלען... פּאָבלייט [?]. וואָס זענען גרייט פאַר 3—5 זל. צו אַרבעטן אין די בלאָקן. אין ל[אָדזש] טאָר א ייד בישט אויסקויפן מער קיין זאַכן אין לאָמבאַרד.

פאַראָרדנונג וועגן קאָנפיסקירן אַלע קונסטזאַכן הן עפנטלעכע, הן פּריוואַטע [90]. ביי וועדלען [91] פאַרקויפט מען נישט קיין ייִדן קיין טשעקאָלאַד. א גדול געזען ווי א שררה אראָפּגעוואָרפן צוקערלעך פון [?] א ייִנגל, געגעבן 20 זל. און געזאָגט, אַז די ליידן פון ישראל וועלן זיך איינגיכן ענדיקן. אין ל[אָדזש] געשלאָגן א ייִנגל בשעת דער אַרבעט, משוגע געוואָרן. געקומען בייַנאַכט, געצוווּנגען אָפּצוזאָגן זיך פון הויז און אונטערשרייבן זיך, אַז ער וועט באַצאָלן הונדערט זיבציק טויזנט, געמאַכט ויברח. אין גלאָוונע [92] אין לאַגער פון די פּיזנער־כשוף — — צוקערלעך, לאָקשן ג. א. פּראָפ. קאַטאַרבינסקי [93] זוכט לעקציעס. משומדות פּרויען פון ראשים באַקומען נישט קיין שטיצע. סימפּאַטישע שטימען פון פּאָל[אַקן]. מיר פאַרשרייבן די נעמען פון די, וואָס ווייזן אָן אויף ייד[ישע] קראָמען און וווינונגען — — זאָגט, נאָך וואָס טראָגט איר די בינדע, נעמט זי אַראָפּ.

דער עולם שווייגט נישט. ווען מען נישטערט, גייט מען מיט דער הינטערטיר און רופט די היטער, מען עפנט דאָס פענסטער און מאַכט א ייִצעקו, מען וויינט און קלאָגט, געצוווּנגען צו לאָזן די פעקלעך און אַנטלויפן. הגם די שומרים טאָרן נישט קומען אין קראָמען — — ידאָך. דאָס בילד פון דער פרוי, וואָס איז נאָכגעגאַנגען נאָך א פאַר דייטשקעס, 2 שומרים פון קרולעווסקע ביז קראָקעווער פאָרשטאָט, אַדורכגעגאַנגען ראשים, קיינער נישט געהערט, דאָס געשריי: „איך בין אַן אלמנה, דאָס איז מיין ברויט [?]”. געבן אַ סך נידעריקער די פרייזן אונטערן קאָסטןפּרייז. דער קבלת־פּנים פאַר די, וואָס קלאָגן זיך. איר באַליידיקט אונדזער פּאָלק [?]. דאָס זאָגט אויף יעדן שריט און טריט. — קינדער, וואָס זינגען אויפן פּראָסט [?]. — — [93א] אוממעגלעכקייט צו פירן א קולטור־אַרבעט. דאָס אַרויספאָרן [?] פון... פירער און עסקנים. אינסטיטוציעס געבליבן אָן לייטער. א טייל צוריקגעקומען פון יענער זייט. אין פּיאָטרקאָוו געפאָדערט, אַז דער פּראָטאָקאָל [?] פון דער קהלה זאָל זיין געשריבן אין דריי שפּראַכן: דייטש, פּויליש און ייִדיש. אין וואַרשע [?] בשעת — — לכתחילה געפאָדערט אין העברעיש, ווען אויפגעקלערט, אַז ייִדיש אוםגאַנגסשפּראַך, מסכים געווען. מען מאַכט נישט חוזק פון ייִדיש, פאַרקערט. ייִדן ווערן אָפּט באַנוצט אַלס איבערזעצער. — דאָס איינפירן די ברויט־

---

[90]) אויפן סמך פון הימלער־פאַראָרדענונג פון 16 דעצעמבער 1939.

[91]) געמיינט די באַקאַנטע פירמע ע. וועדעל — שאָקאָלאַד־ און צוקערלעך־פאַבריק אין וואַרשע.

[92]) Głowno, אויף דער גרענעץ פון ג. ג. און וואַרטעגאַו.

[93]) קאַטאַרבינסקי טאַדעוש (געב. אין 1886), פּראָפעסאָר פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט. פילאָזאָף. פּרעזעס פון פּוילישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע זייט 1957.

[93א]) אוםלעזבאַר עטלעכע שורות.

קאַרטן אין גאס איבערגעגעבן דעם פאַרקויף א קלײנער צאָל יידישע
געוועלבן און דאָס נאָר אין יידישן ראַיאָן, פאַרקלענערט די פּרנסה־מעג־
לעכקייטן פון יידן. דאָס זעלבע מיטן קוילן־האַנדל — — פון די — —
הורטאָווניקעס, וועלכע פאַרטיילן די קוילן צו דעטאַליסטן, נישט קיין איין
ייד. צווישן די דעטאליסטן זייער ווייניק א. א. וו. באַדייטנד פאַרקלענערט
די צאָל יידישע רעסטאָראַציעס, באַזונדערס אין פּוילישן געגנט. צוליב
דער. — —

25 דעצעמבער 1939

אין וולאָדאַווע באַקומען א באַשטעטיקונג, אַז די — — איז אומבא־
רירלעך. געקריגן דעם פיר און צוואַנציקסטן דעצ[עמבער] א ידיעה, אַז
אויפן גרענעץ־פּאַס ביי מאלקין ליגן אין נייטראלן פּאַס עטלעכע טויזנט
מענטשן, וועלכע קענען נישט אהער און נישט אַהין. די מענטשן ליגן שוין
עטלעכע וואָכן. די מענטשן פרירן. געווען אייניקע טויט־פאלן, אייניקע
פערזאָן גוססן. דאָ בריוו פון ביאל[יסטאָק] [?], אַז פונעם ערשטן וועלן די
שמוגלער אויף יענער זייט באַשטראָפט ווערן מיט טויטשטראָף, די פּער־
זאָנען מיט 3 יאָר תּפיסה. — די קאָמיסיע אַרבעט איבער דעם, די אומ־
זידלונג איז נישט חל נישט אויף יידן און נישט אויף פּאָלאקן. — א ידיעה
פון קעלץ, אַז די אָרטיקע מאַכט האָט אַרויסגעגעבן א באַשטעטיקונג א ייד
מיט א שיינער באָרד, אַז דער אינהאָבער פון דער באָרד א. א. וו. געזען
א באַשטעטיקונג פאַר דעם אָנפירער פון די יידן אין קאַטאָוויצער קרייז
(סאָסנאָוויעץ, בענדין א. א.), אַז ער קען האָבן צוואַנציק טויזנט זל., אַז ער
קען לאָזן פאַרהאַפטן יעדן ייד, אַז ער קען זיך פריי באַוועגן טאָג און
נאַכט [94]. — געווען היינט דעם פינף און צוואַנציקסטן א באַראַטונג פון
אייניקע עסקנים (שטיין [95], שכנא [96], שוואַרץ [97], אפּעלבוים [98]) וועגן דער
באַציונג צו אַלפרעדס [99] איינלאַדונג וועגן עמיגראַציע. געווען א מיינונג,
אַז מען דאַרף אים אַרומשטעלן מיט אָרנטלעכע מענטשן, פאַרלייגן דאָס
אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט אויסלאַנד וועגן עוויאַנער קאָמיטעט [100] די מורא

94) מ.(אָניעק) מערין — דער לייטער פון עלטעסטע־ראַטן (יודענראַטן)
אין זאַגלעמביע און אויבערשלעזיע, וואָס האָט געהאַט דעם זיץ־אָרט אין
סאָסנאָוועץ.

95) עדמונד —(מנחם) שטיין (1891 — 1943) — דאָצענט פון יודאיסטישן
אינסטיטוט אין ווארשע, אומגעקומען אין יאַנואַר 1943.

96) שכנא זאַגאַן פון לינקע פּ״צ. זע הערה 78.

97) פּנחס שוואַרץ פון „בונד" איצט סעקרעטאַר פון ייוואָ אין ניו־יאָרק.

98) י. מ. אַפּעלבוים, זשורנאַליסט פון „מאָמענט", לייטער פון פאָלקס־קיך
אין געטאָ.

99) אַלפרעד נאָסיג. זע הערה 49.

100) אין יולי 1938 איז אין עוויאַן (שווייץ) פאָרגעקומען אַן אינטערנאַ־

באַשטייט אין דעם, אז אין דעם מאָמענט ווען די ערשטע פּופּציק וועלן נישט לעגאַל פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וועט מען הייסן הונדערטער טויזנטער אַרויספאָרן אויף דעם אופן. מען האָט געהאַט פאַרבאַהאַלטן וועגן דער פּערזאָן פון ה. צ[אסיג], וועלכער איז אויך אַרויסגעשווומען בשעת דער לעצטער מלחמה. מען דאַרף פון אים פאָדערן צו דערמעגלעכן דאָס אָנקניפּן דעם קאָנטאַקט מיט די יאהודישע [?] חלוצים, וועלכע פאָרן יעדן חודש צו עטלעכע הונדערט קיין א"י. באַשלאָסן צו דעלעגירן אייניקע „קרבנות", וואָס זאָלן מיט אים אָנהאַלטן א קאָנטאַקט.

אין דער גאַס באַווייזן זיך פּלאַקאַטן וועגן וורוזשביטעס ווי פּיפּעלא[101] א. א. וואָס זאָגן פאָרויס וועגן די פּערזאָנען, וועלכע זענען ווייט.

די באַדינגונגען אין דעם לאַגער פון די פּויזנער יידן זענען געווען נישט קיין שלעכטע. די יאהודים האָבן פאַרניכטעט אַלע פרעמדע וואַלוטעס אויס מורא, די פּוילישע נישט. אין לאָדזש געווען אין דער לעצטער צייט בלויז איין באַנהאָף: דער קאַלישער צוטריטלעך פאַר יידן און פּאָלאקן, פאַר דייטשן, חיל דער פאַבריקס־באַנהאָף. די גאַנצע פּויל[ישע] אינטעליגענץ, רייכע סוחרים און אינדוסטריעלער אַרויסגעפירט פון פּויזן, גדיניע א. א. מאָדנע גלגולים. מיט עטלעכע [טעג] צוריק איז געקומען פון רוסלאַנד ד"ר גאָלדע, ד"ר מעדיצין, וואָס איז מצד דעם אגראָדזשאָינט[102] געפאָרן קיין רוס[לאנד] פון פּאריז מיט א גרופּע דאָקטוירים. ער איז צוזאַמען מיט די אַלע אין י. 1936 באַשולדיקט געוואָרן אין שפּיאָנאַזש[103]. צען טעג האָט מען איינעם פון די דאָקטוירים געמאַטערט, נישט געלאָזט אים שלאָפן, שטיין און געצוווּנגען אים אונטערצושרייבן, אַז ער האָט געטריבן באַקטעריאָלאָגישן שפּיאָנאַזש. אין דער העלפט דעצעמבער [1939] באַפרייט און צוזאַמען מיט א גרופּע דייטשן געשיקט קיין פּוילן. דאָ אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי. מען דערציילט, אַז אויף יענער זייט ווערט אויפגעהערט די גילטיקייט פון פּוילישן געלט. מען קען טוישן בלויז 300 זל. מען שיקט צו דער אַרבעט אין אוראל[104], דער עיקר די וואָס ווינען

ציאָנאַלע קאָנפערענץ געווידמעט עמיגראַציע־פּראָבלעמען פון יידן. עס איז דאָרט געשאַפן געוואָרן א סטאַבילער קאָמיטעט (א. ג. עוויאַנער קאָמיטעט), אין וועלכן עס זענען געווען פאָרטראָטן פאָרשטייער פון פאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד, פראַנקרייך, לאַטיין־אַמעריקע, סקאַנדינאַווישע לענדער. דאָס זיץ־אָרט פון קאָמיטעט איז געווען אין לאָנדאָן.

101) Pyffello — באַקאַנטער כיראָמאַנט אין וואַרשע.

102) אין יולי 1924 איז ביים אַמעריקאַנער „דזשוינט" געגרינדעט געוואָרן דער אַגראָ־דזשוינט. American Jewish Joint Agricultural Corporation
וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו באַזעצן אַ גרעסערע צאָל יידן אויפן באָדן אין דרום־רוסלאַנד.

103) דאָס איז געווען אַ פּראָוואָקאַציע, אין רעזולטאַט פון וועלכער ס'איז אומגעקומען ד"ר גאָלדע און אַנדערע טוער פון אגראָ־דזשוינט.

104) סוף 1939 האָבן זיך אויף די געביטן פון מערב־אוקראַינע און מערב־

אין שולן, בתי־מדרשים. פון קאָונע דערציילט מען — ווי א[ויך] ווילנע — אַז די אָרטיקע אינטעליגענץ האָט נישט מער ווי איין אנצוג, דעם רעשט געשאָנקען די פּליטים, וועלכע זענען זייער גוט אויפגענומען געוואָרן. נישט אַלע האָבן אָוועקגעלייגט דעם כלי־זין פון "ווּיסנשאַפט. אין פּיעטרקאָוו שטודירט ווייטער הרב הובערבאנד[105], וואָס שרייבט די כראָניק מימי אשכנז. די „ייוואָ״־פריינט זאמלען מאַטעריאַלן פון דער צייט. פון פרידמאַנס מקום[106] ווערן דורך ערלים געבראכט מעות בתורת היזק צען פּראָצענט. וואַרשע איבערגעפולט, אין יעדער שטוב לאָדזשער, קאַלישער א. א. עס שוויבלט און גריבלט פון פּוילישע א. א. שווינדלערס און אַפּעריסטן, וואָס מסרן און שאַנטאַזשירן מיטן נאָמען פון דער סיטרא אחרא. די מעשה מיט וולאַדיסלאַוו דובניאַק (דאווּבּניא), בוטשאַטש־קאָלאָמיי[107].

מיט גרוס דיין פּיזול.

דעצעמבער 1939

ליבער טאַטע!

בשעת דער מלחמה נאָכן איבערגיין פון וו[אַרשע] צום אשכנז איז ביי דער פּוילישער באַפעלקערונג געווען אן אינטערעסאַנטע באַציונג צו רוס[ן]. זיי האָט מען אויסדערוואַרט אויפן אָרט פון די אשכּנזים — עס זענען נישט געווען קיין פיינטלעכע שטימונגען קעגן זיי. די ווּעשערין האָט זיך דערמאָנט: איז דען ביים רוס געווען שלעכט? דאָס וואָרט „סאָוויעצי פּשידאָם״[108] האָט נישט אַרויסגערופן קיין מורא. דאָס איז געווען א רעאַקציע אויף דער דערשיטערונג צוליב דעם פונאַנדערפאַל פון פּוילן, צוליב דעם, וואָס מען האָט געלאָזט הונגערן מענטשן בשעת אין די מאַגאַזינען איז געווען פול מיט אַלץ. מען האָט גאַנצע נעכט געוואַרט ביי די בעקערס, אינדערפרי זענען געקומען די פּויל[ישע] זעלנער און האָבן אַלץ צוגענומען. איך דערמאָן זיך דריי רייען: פון זעלנער און מונדירטע, פון פרויען מיט קינדער און פון עמך. מען פלעגט אָפּשטיין גאַנצע טעג און גאָרנישט באַקומען. די סוחרים האָבן אָדער באַהאַלטן די סחורה אָדער

ווייסרוסלאַנד פריוויליק געמאָלדן פיל פּליטים פון פּוילן אויף אַרבעט קיין אוראַל.

105) הרב שמעון הובערבאנד (1909 — 1942). בעת דער אָקופּאַציע געלעבט אין וואַרשע, מיטגעאַרבעט אין אונטערערדישן געטאָ־אַרכיוו, מחבר פון א ריי רעפּאָרטאַזשן וועגן שענדן און פארניכטן שולן, בתי־מדרשים און בתי־עלמינס.

קיין אוראַל.

106) ד״ר פיליפ פרידמאַן (1902 — 1960). הער באַקאַנטער יידישער היסטאָריקער האָט דעמלט געלעבט אין לעמבערג.

107) דערווייל נישט אידענטיפיצירט די פּערזאָן.

108) „די סאָוויעטן וועלן קומען״.

מורא געהאַט צו שטיין אין קראָם. עס איז אַרויס א פאַראָרדענונג פון שטאָט־פּרעזידענט, אַז די קראָמען מוזן זיין אָפן, אָבער דאָס האָט ווייניק וואָס געהאָלפן. די געוועלבער פלעגן אַרויסהענגען אין דרויסן אויפשריפטן וואָס זיי האָבן אין קראָם. נישט געווען קיין ברויט, ציאָסטקעס, קאַשע, מעל, גרויפּן, רייז. אוגערקעס געזויערטע איז געווען לרוב. פּאַפּיראָסן פאַר זייער א טייערן פּרייז. עס איז צו באַוואונדערן די אוגערקעס־פּאַרקויפער, וואָס זענען געשטאַנען אין דרויסן בשעת דער גרעסטער באָמבאַרדירונג, אַלץ כדי צו פאַרדינען א גראָשן. מיט עטלעכע טעג צוריק [איז] געווען אַן אַרטיקל (דעם דריי און צוואנציקסטן דעצעמבער) אין „וואַרשאויער ציי־טונג" וועגן דער לאַנדווירטשאַפט אין גובערניע. דאָרט איז געווען גע־שריבן, אַז מען וועט יידן באַשעפטיקן ביי צוואנגסאַרבעטן ביים אַדורכפירן דעם לאַנדווירטש[אַפטס]־פּלאַן פון דעם מלכות[109].

צענדליקער אנעקדאָטן ווי אַזוי אַדאַנק דעם הערשנדן טיפוס זענען וווינונגען ניצול געוואָרן פון לקחנות.

פאַרניכטעט אוצרות מיט ווערטפולע ביכער, אַלטע צייטשריפטן צוליב מורא פאַר די נייע צייטן. איינער רוזש[110]. אוועקגעלייגט די דאָזיקע ביכער צווישן א באַריקאַדע, אולי טאָמער וועט זיך אַנדערש מאַכן. „ייוואָ" פאַרשרפט א סך מאַטעריאַלן. גאַנצע ביבליאָטעקן נשרפו.

געביטן דעם פּעלץ: מעדזשעשין — חברות — קיכן — משנה שם — משנה מזל. צענדליקער אינסטיטוציעס חרוב געוואָרן. ג"ח־קאַסעס[111], קאָאָפּעראַטיוון־צענטראַלע באַנקראָטירט, די גאַנצע בירגערלעכע פילאַנט־ראָפּיע־טעטיקייט אויפגעהערט צו עקזיסטירן, קוראַטאָריומס פון יתומים־הייזער א. א. דער פרויען־קאָמיטעט פון רעטונגס־קאָמיטעט אויפגעהערט. עמך אָרגאַניזירט זעלבסטהילף סיי בשעת דער מלחמה[112], סיי שפּעטער. די וועגט זענען באַשמירט און פאַרשמוצט מיט האַנטשריפטלעך געשריבע־נע מעלדונגען, וועגן וווינונגען וכדומה. דערשינען אין דעצעמבער אַ פאַראָרדנונג, אַז אַלע מעלדונגען אין דער דייטשער שפּראַך און אונטן מיט קלענערן שריפט אין פּויליש. איניקע טעג פאַר חנוכה דעצ[עמבער] און בשעת חנוכה א געוויסע אַנטשפּאַנונג אין דער באַציונג צו יידן. די סיבה? א טייל באַהויפּטן, אַז צוליב דעם, וואָס מען איז פאַרנומען מיט די יום־טוב־צוגרייטונגען, אַנדערע מיט אַלגעמיינע סיבות. און אפשר צוליב דער סאָוועטישער מיסיע? דאָס געפיל פון נקמה האָט באַהערשט א סך. די האַלוצינאַציע ביינאַכט, די ווילדע פאַנטאַזיעס וועגן הריגה און שפיכת דמים. שפּעטלעך ווערן פאַרוואַנדלט אין וועלף. חלומות פון מענטשן.

---

109) געמיינט די פאַראָרדנונג פון גענ. גובערנאַטאָר פון 26 אָקטאָבער 1939 וועגן צוואַנגס־אַרבעט פאַר יידן אין ג. ג.

110) נישט אידענטיפיצירט די פּערזאָן

111) גמילות־חסדים־קאַסעס.

112) געמיינט די צייט בעת דער סעפּטעמבער־קאַמפּאַניע 1939.

וואָס עס וועט זיין ווען — — [113] די ידיעות וועגן טויט און קראַנקהייט פון רוזוועלטן, וועגן זיינע אָפּגעהאַקטע פיס און טראַנספּוזיציעס. שכנא[114] דער אָפּטימיסט, וואָס גייט שטענדיק אַרום מיט א שמייכלדיק פּנים, וואָס פאַרלירט קיינמאָל נישט זיין הומאָר. אין די ערשטע צוויי טעג פון דער מלחמה נישט געגלויבט אין דער מלחמה. באַטראַכט די באָמבאַרדירונג פון דעם „צענטאָס" [115] ־אַנשטאַלט פאַר א פּראָוואָקאַציע מצד די פּאָל[אַקן]. דער ערשטער גרינדער פון דער קיך פאַר פאָלקסמענטשן. בשעת דער באָמבאַרדירונג געקומען יעדן טאָג וועגן פּראָדוקטן, באַזאָרגט מיט וויינונגען, אַרבעט די געקומענע פון לאָדזש א. א. שטעט. נאָך מער, פאָרנדיק א גאַנצן טאָג איבער פּוילן נישט געוווסט וועגן דעם אויסברוך פון דער מלחמה. געגלויבט, אַז פּרווו־אַלאַרם אויפן צוג. געפאָרן מיט פאַרמאַכטע לאָדנס.

דעצעמבער 1939

— — בשעת דער באַלאַגערונג געווען 6 פאַרגעשלאָגענע טעאַריעס ווי אַזוי אויסצומיידן שראַפּנעלן — — גאָרנישט געהאָלפן, ווייל פון אַלע זייטן געשאָסן און באָמבאַרדירט. סטאַזשינסקי [116] דערמאָנט די ייד[ישע] באַפעלקערונג וועגן ריינקייט. די שפּורן פון דער מלחמה תיכף באַזייטיקט. דאָס מיסט ווערט פאַרברענט. מען שטייט אָפּ נאָך ברויט פון 7 אין אָוונט ביזן אַנדערן טאָג מיטאָג־צייט. פּ. ק. אָ. [117] צאָלט נאָר אויס צו 50 זל. אָבער אַזוי ווי שטאַרק באָמבאַרדירט, מיידט מען עס אויס. מען האַלט זיך אָפּ פון פאַרקויפן, ווייל מען האָט מורא פאַר דער נייער וואַלוטע. די קלאַנגען וועגן די גרענעץ־ענדערונג אונטער דער אשכנזישער ממשלה. — אין אָנהויב דער קלאַנג וועגן פּראַגע. טויזנטער גייען אויף יענער זייט בריק [118]. הכל יכולים לעשות — אצל כלאַוטאַזש [?] ארשין מאכער. אין די אשכנזישע צייטן נישט געטאָרט גיין לכתחילה פון 7 ביז 5 פרי, שפּע־טער פון 8 ביז 5 פרי [119]. דערשאָסן אנשי שלומנו פאַר גיין שפּעטער. פאַר דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטערס אַן אויסנאַם. ייד[ישע] דאַקטוירים

113) אַזוי אין טעקסט.

114) זאַגאַן. זע הערה 78.

115) „צענטאָס" — צענטראַלע אינסטיטוציע פאַר שוץ פון יידישע קינדער אין פּוילן.

116) זע הערה 17.

117) זע הערה 14.

118) אין יענער צייט געווען קלאַנגען, אַז די דייטש־סאָוויעטישע גרענעץ וועט זיין ביי דער ווייסל, נישט ווייט פון וואַרשע. צוליב דעם זענען פיל מענטשן אַריבער אויף פּראַגע.

119) די אָקופּאַציע־מאַכט האָט איינגעפירט פּאָליציי־שעהן פאַר פּאָליאַקן און יידן.

זענען אומזיסטע קרייז־דאָקטוירים, וועלכע האָבן רעכט צו גיין איבער די הייזער און זאָרגן פאַר דער געזונטהייט. טיפוס — סיבה פון אָפּלייגן דאָס געטאָ[120]. בשעת דער מלחמה אורעלע[121] געוואָלט זאַמלען שטיקלעך פון שראַפּנעלן. דאָס משוגענע לויפן פון מענטשן בשעת דער באָמבאַרדירונג. אומעטום ברענט. מענטשן לויפן פון איין הויז צום צווייטן. — א טייל געבליבן אין דער נאַכט־וועש. אויפרופן פון צייט צו צייט אין פּויליש וועגן אונטערגעבן זיך[122]. דאָס נאָכמאַכן דעם וואַרשעווער ראַדיאָ פאַלשער נומ.

1. די איינציקע סטאַציע ווילנע פלעגט אָנגעבן רעפּאָרטאַזשן פון וואַרשע פון דער באַלאַגערטער שטאָט. די פאַרוורפן, אז סטאַזשינסקי האָט אונטערגעגעבן די שטאָט. די — — קהלה־אָנפירער נאָמינירט געוואָרן טשערניאַקאָוו[123]. געהאַט א געוויסע געלט־סומע (די דייטשן געפונען 90 טויזנט) און גאָרנישט געטון בשעת דער באלאגערונג. געוועזן פאַרמישט און באַשעפטיקט מיט פּאָליטיק. דער פלאַקאַט וועגן דער ציילונג אין דריי [?] שפּראַכן[124]. מיט דער אָפּאַסקע: יידן־ציילונג גענומען צו דער ארבעט. יאַש[125]. גייט מיט א פאַרפּאַסטן, זיין פרוי, מען זאָל אים נישט כאַפּן[126]. נייע מעטאָדן — מען נעמט פון די שטובן, מען באַהאַלט זיך אין די טוירן. נהרוג פאַר אַנטלויפן פון דער אַרבעט. שומרים טאָרן נישט קומען אין קיין קראָמען, אָבער לאַוו. צוגעלקחנט געלט „וואָס, דו האָסט דו העזה צו באַשולדיקן אין" — — [127] פאַרטראַכט די ק. אין א טייל פאַלן געהאַט א פעולה.

דעם זעכצנטן דעצ[עמבער] א צוגאָב־פאַראָרדנונג, אז דער מגן־דוד דאַרף הענגען איבער יידישע שפּיטעלער, וווינונגען פון דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און בכלל פרייע באַרופן[128]. די שומרים קויפן יעדע [זאַך] אויך

---

120) שוין אין אָקטאָבער 1939 האָט די דייטשע מאַכט געפּלאַנט צו שאַפן אַ געטאָ אין וואַרשע.

121) רינגעלבלומס זון, זע הערה 26.

122) די דייטשע מאַכט האָט אַרויסגעלאָזט פלוגבלעטער צו דער באַפעלקערונג, ווי אויך גערופן זי דורכן ראַדיאָ אונטערגעבן זיך און נישט שטעלן קיין ווידערשטאַנד.

123) אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַראָרדנונג פון גענ. גובערנאַטאָר ה. פראַנק וועגן יודענראַטן פון 28 נאָוועמבער 1939 האָט גובערנאַטאָר פישער נאָמינירט אַ יודענראַט אין וואַרשע בראָש פון וועלכן עס איז געשטאַנען אינזש. אַדאַם טשערניאַקאָוו (1880 — 1942).

124) די פאָלקסציילונג אין וואַרשע איז דורכגעפירט געוואָרן דעם 28 אָקטאָבער 1939 י.

125) וואַרשעווער אינזש. יוסף יאַשונסקי, מיטגליד פון וואַרשעווער יודענראַט, לייטער פון סטאַטיסטישער אָפּטיילונג.

126) געמיינט כאַפּן צו דער אַרבעט.

127) אַזוי אין טעקסט.

128) שוין דעם 8 סעפּטעמבער 1939 האָט דער שעף פון דער ציווילפאַרוואַלטונג ביים מיליטערישן אָבערקאָמאַנדיר אין קראָקע אַרויסגעגעבן א פאַראָרד־

ביי די מגן־דודס. אין „קוריער וואַרשאַווסקי" [129] א סעריע אַרטיקלען וועגן דער יידישער השפּעה אין קינאָ, טעאַטער א. א. נישטא קיין אונטער־שריפט — — שרייבער. — — אַרבעט מיט.

אכצנטער דעצ[עמבער]. מען האָט געהוליעט אויף ביעל[אַנסקא], און די משוגעים געשריגן: זאָל לעבן דער פירער א. א. וו.

אין טשענסטאָכאָוו געהאַלטן אויפן בית־עולם פרויען און פאַרמעגלעכע מענטשן, ביז וואַנען מען וועט נישט באַצאָלן די קאָנטריבוציע פון זיבן הונדערט טויזנט. מען זאָגט, אַז זיי האָבן צוגעזאָגט צוריקציען די קאָנ־טריבוציע, אויב די קהלה וועט זיך פאַרפליכטן, אַז 7 טויזנט יידן וועלן אָפּטירן לטובת רוסלאַנד.

דאָ ידיעות פון פאַרשיידענע שטעט. ראַדאָם, אָסטראָוויעץ א. א. וו. וועגן געדרוקטע פאַרמולאַרן, אַז מען אָנערקענט זיך אַלס אוקראַינער. אין פלינטראָווא [?] לעבן שעדלעץ. דאָ א ידיעה, אַז צוויי טויזנט גולים פון בלאַשקי לאַגערן אויף א פעלד. די וואַרשעווער קהלה גיט אויס 150 טוי־זנט זל. אויפן אַרבעטס-באַטאַליאָן [130]. א קלאַגע וועגן אָפּשטעלן די רעס־טריקציעס קעגן די יידן צוליב די באַציונגען מיט אַמעריקע. פון לאָדזש א ידיעה, אַז גענומען מענטשן צו דער אַרבעט, דערביי געהייסן אויף דער גאַס שרייען, אַז דער ייד האָר-בעלישא [131] שולדיק אין דער מלחמה, מיר יידן זענען שולדיק אין דער מלחמה. קלאַגען וועגן דעם — — טערקיי, איראַק, א"י, פוילן, טשעכיע תחת וועיגאַנד. געהייסן שיידן זיך מיט אונדז. און — — דאָס געשפרעך מיטן זקן פון זשאַליבאָזש. די טעריטאָריאַלע שיידונג — — — פון יידן און פאָלאַקן. — דאָס ווערט צוגעגרייט אין משכילים [?] — — שטאָט [?] — — אין יאַנואַר. דאָרט זאָל זיין אַנדערטהאַלבן מיליאָן יהודים, ער לייגט פאָר מוניען [132] מיטצואַרבעטן אינעם עמיגראַציע־רעסאָרט.

1939

מיטאָגן פאַר פאַראַרעמטע. — —

אין טאָרנע, ווו זיי האַלטן — — סק אויפן כאַריטאַטיוון געביט — — ווען זיי פאַרדאַנקען זייער גאַנצע קאַריערע — — גיט א סך געלט אויף יידישע צוועקן. צווישן אַנדערן — — יום־כיפור מנדב געווען

נונג, וואָס פאַרפליכטעט אַלע יידישע אונטערנעמונגען, געשעפטן, קאַנצעלאַריעס, אַרויסצוהענגען אַ מגן=דוד=שילד.

129) געמיינט דעם „נאָווי קוריער וואַרשאַווסקי" — אַ היטלעריסטישע טאָג=צייטונג אין דער פוילישער שפּראַך.

130) אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַרבעטס=צוואַנג פאַר יידן זענען אין וואַרשע אָרגאַניזירט געוואָרן ביים אַרבעטס=אַמט פון יודענראַט — אַרבעטס=באַטאַליאָנען.

131) ל. האָר בעלישא, קריגס=מיניסטער פון ענגלאַנד אין די יאָרן (1937 — 1940), פון יידישער אָפּשטאַמונג.

132) מוניע — עמאַנועל רינגעלבלום.

5.000 זל. פֿאַר דער טלאַמאַצקע — — דערמאָנטע האָבן אויך גבירישע פּאַנטאַזיעס. ווען זיי — — וואַרשע דינגען זיי אָפּ אויף א נאָכמיטאָג אַ פּריוואַטע — — זיך און די שותפים פאר עטלעכע הונדערט זלאָטעס —

ביי דער אַרומיקער חזירייַ פון די אַלטע און ניי אויפגעקומענע גבירים אין דער פאַל ווייץ[132] א שיינער אויסנאַם.

דעם 22־טן דעצעמבער האָבן זיך גענומען פּאַרשפּרייטן אין שטאָט קלאַנגען וועגן 8 פונקטן קעגן יידן. פון וואַנען נעמען זיך די קלאַנגען און ווער פאַרשפּרייט זיי — ווייסט קיינער נישט, סיידן יידישע סאַדיסטן, וואָס ווילן פאַרביטערן יידן דאָס לעבן און טראַכטן אויס פון צייט צו צייט פאַרשיידענע קלאַנגען און באָבע־מעשיות. די 8 פונקטן זאָלן זיין געלע לאַטעס פון הינטן און פון פאָרנט, נישט טראָגן קיין לאַנגע שטיוול, כאָדאַ־קעס אָנשטאָט שיך, פּרויען אָן היטן, אַנדערע אפילו געגאָלטע קעפּ, אָן פוטערס. דער גירוש פון 200 טויזנט יידן פון וואַרשע וכדומה. אַ־עלכע מין קלאַנגען זענען שוין נישט איינמאָל פאַרשפּרייט געוואָרן. דאָס געפּער־לעכסטע דערביי איז דאָס, וואָס זיי קענען דינען אַלס אָנרעגונג פאַר די דייטשן איינצופירן די אָדער ענלעכע גזרות. מען דערציילט, אז א ייד איז געגאַנגען צו א דייטשן אָפיציר אין לאָדזש און אים געפרעגט צי מען קען אַדורכגיין. — —

דעצעמבער 1939

דעצ[עמבער]. דער וואַגאָן מיט פּוילישער אינטעליגענץ קיין ראַ־דאָמסק, (באַרטעל) געוועזן פאַרדראַטעוועט. עס איז געוועזן אין קובעל פאַר פּרויען און מענער. א טייל מענטשן ווערן נסתרים, זיי פאַרשווינדן און זענען נישט צו זען, למשל דער פירער פון אגודה. איינער פון די 24. א באַזיצעריך פון 2 הייזער אין קאַליש קומט בעטן, אז זי וויל נישט לעבן פון קצבה. די באַשרייבונגען אין „וואַרטאַוער צייטונג"[133] וועגן די גרויל־טאַטן פון די פּאָלאַקן. מיר ווילן נישט קיין פאַרברודערונג מיט פּאָלאַקן, ווייל צווישן אונדז און זיי איז אויסגעגראָבן א תהום, וואָס איז אָנגעפילט מיט בלוט — דאָס הערנפּאָלק. — די פּאָלאַקן קיין — — געשאָפן די וואַלע בנינים שטעט האָבן — — דייטשן. וועגן די יידן נישט פאראן קיין אַרטיקל נאָר נאָטיצן וועגן ייד[ישע] וווכערניקעס, האַמסטערער, פּרייזאויפשרויפער. שטראָפן פאַר נישט טראָגן קיין יידישע בינדע.

אין לאָדזש דעם 15 דעצ[עמבער]. געוועזן נישט מער ווי א העלפט יידן. די יוגנט, די אַרבעטערשאַפט [?] אינגאַנצן פאַרשוואונדן. די איבער־וואַנדערונג פון — —

132) עמיל ווייץ איז טאַקע דער גביר־פילאַנטראָפּ פון טאַרגע, דערנאָך אין וואַרשעווער געטאָ מיטאינהאַבער פון דער בערשטן־פאַבריק.

133) אַ טאָג־צייטונג אין דער דייטשער שפּראַך.

אויסגעהאַלטן [?] דייטשן. פּויל[ישע] שולן נאָר געעפנט א טייל, די וואָס האָבן דערקלערט די גרייטקייט מיטצוארבעטן. דאָס געשפּרעך פון ד״ר אָטאָ אָנהויב אָקטאָבער מיט די פּוילישע לערער, גלחים און אינטעליגענץ. ער פאָדערט אויף צו לאָיאַלער מיטאַרבעט [נאָר] נישט געגעבן די האַנט, אַז זיי זענען דערצו גרייט. זיי זענען געבליבן אין אַרעשט. פ־ן ווערט אויפגעפאָדערט דורך די שומרים צו געבן א באַריכט וועגן דעם סאַניטאַרן מצב אויף דער יידישער גאַס.

30 דעצעמבער 1939

ליבער טאַטע!

— — עס זענען צווישן די צוריק געבליבענע געווען א טייל — — און וועלכע האָבן נישט געהאַט וווהין זיך אהינצוטון. די פּויזנער קהלה האָט פאַר דער מלחמה אַוועקגעשיקט קיין ווארשע צוויי קאַסטנס מיט זילבער און חפצים. דאָס איז געווען אין ווארשע נאָך דער באָמבאַרדירונג. וואָס איז מיט דעם, איצט איז נישט באַוווסט. די פּויזנער קהלה האָט א גרויס פארמעגן אין פּלעצער — — נישט ווייניקער ווי 5 מיליאָן די ווערט. זי האָט אין א ווארשעווער באַנק ווערט־פּאַפּירן פאר א פערטל מיליאָן זלאָטעס. א נייע אַגענץ ב. ג. נ. פ. נישט געשטויגן נישט געפלויגן. די פּויל[ישע] לערער פון די פּאָווּשעכנע שולן וואָס זענען טעטיק האָבן באַקומען דאָס געצאָלט, זייערע שכירות שטאַרק רעדוצירט. זיי האָבן 20 פּראָצענט אָפּגעגעבן פאר די חברים, וואָס האָבן געלערנט אין די שולן, ווו עס האָט געהערשט אַן עפּידעמיע. דער פּוילישער טעאַטער — — טעטיק אין וו[134]. דאַקעגן זענען אין אַלע שטעט טעטיק דייטשע טעאַטערן פון דייטשע שטעט. — אין לאָדזש זיצן די פּרנסים אויסער דעם פּאָרזיצער. — די בערזין — — שולן אין לאָדזש געפלאַנט פון דער קהלה. אין וואַרשע באַשטייערט פון 15 זל. — — יעדן ייד פאַרן אַרבעטס־באַטאַליאָן. אויסער דעם א פערטל [?] עטאט אָפּצוגעבן דער — — אַנטיסעמיטישע שטימונגען צוליב ביאַליסטאָק, די יידן זאָלן דאָרט — — וכדומה. א טייל פּערזאָנען באַקומען טעלעגראַמעס פון אַמעריקע. מען וויל העלפן — — א טייל פּערזאָנען באַקומען די דאָקומענטן פון קאָנסולאט. רעוויזיאָניסטן ד״ר פעלדשוה און — — מאכן שבת פאר זיך. זיי האָבן איבערגעשיקט [?] אַן אייגענעם [?]מעמאָראַנדום. אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג די פאַרמלחמהדיקע סוחרים און עס קומען אויף נייע סוחרים, אַוואַנטוריסטן — — וואָגן און פאַרדינען זייער גוט, מען שיקט אַריבער אויף יענער זייט — — סחורות, באַזונדערס מאַנופאַקטור, זייגערלעך, פאָדעם א. א.

פון פּוזן זענען בשעתו — — געשיקט געוואָרן — — אין לובלין וועלן געבויט באַראַקן מסתמא פאַרן יידן־רעזערוואַט. טשענסטאָכאָוו איז

[134]) וואַרשעווער וואַרשע

אויף פאַראַן [?] נישט — — פאַראַן א — — די קהלות פון דער געגנט געשיקט א דעלעגאַציע קיין בערלין. אין — — וואַרשע ווערט דערקלערט, אַז פאַר יידן זענען נישטאָ קיין הנחות בא שטייערן. דעם — — נעכטן איז ווי מען זאָגט, אויסגעפירט געוואָרן א מאָרד איבער א דייטשן זעלנער אין 135 — — — און אין וואָליע 136. טויזנטער יידן און קריסטן זענען געלאָפן אין שטאָט אַריין — — מען זאָגט, אז דאָס זאָל האָבן געמאַכט אַן אומלעגאַלע פוילישע... אָרגאַניזאַציע. געהערט היינט פאָלגנדיקן פאַקט: א שררה געווען צוליב — —.

א טיש, געהייסן יעדן געבן וויפל געלט ער האָט, געווען 41 זל. — — קויפן עסן און טרינקען, דערנאָך געהייסן טאַנצן אַרום דעם טיש און שרייען: פערפלוכטע יודען [?], דערנאָך פערפלוכטע אשכנזים. דאָנערשטיק, דעם 28־טן, פאַרהאַלטן דעם טראַמוויי נומער 4 וואָס גייט קיין פראַגע אַרויסגעשלעפּט 25 יידן איך שלאָס — — אויסטון נאַקעט און לייגן זיך אויף דער ערד — — ווי הינט — — יעדן טאָג געבן 100 מענטשן צו דער אַרבעט, דאַרפן — — באַדינגונגען גוטע, אַז מען שמירט, פאַרט מען.

אין פויזן בשעת דער וויגיליע־נאַכט פאַרהאַלטן עלף טויזנט פאָלאַקן און — — מיט גרוסן

28—31 דעצעמבער 1939

ליבער מאַטע!

אכט [?] און צוואַנציקסטער דעצעמבער. אין וואַווער 137 האָט מען דערשאָסן 140 (אַנדערע זאָגן 160) מענטשן, צווישן זיי פערציק (אַנדערע זאָגן 8) יידן, פאַר דערהרגענען צוויי דייטשע זעלנער, וועלכע זענען 4 אין דער פרי אַרויס אויף א וואַך און שפּעטער האָט מען זיי געפונען טויט. די דערשאָסענע יידן האָט מען געכאַפּט פון דעם — — אין מיינדזילעסיע א. א. מען זאָגט, אַז אויף יעדער זעקסטער ווילדע האָט מען דעם אייגנטימער גענומען.

אויף דער — —. לויט זיכערע ידיעות פון קהלה האָט מען פאָלאַקן און יידן [געקומען אַן ?] אויסווייז פאַרבאָטן צו קומען צוריק אין רייך אונטער טויט־שטראָף — וואָס זענען געפאָרן קיין נאַשעלסק דראָט טויט־שטראָף. געקומען — — פון — —.

135) וואַרשעווינלעד וואַווער, הינטער וואַרשע.

136) א פראָלעטאַרישער ראַיאָן אין וואַרשע.

137) וואַווער. אין צוזאַמענהאַנג מיט דערשיסן 2 דייטשע אונטעראָפיצירן אין קאַפע פון אַנטאָני באַרטאַשעק אין וואַווער דורך פוילישע קרימינאַליסטן, האָט דאָס דייטשע שטאַנד־געריכט פאַראורטיילט דעם 26 — 27 דעצעמבער 1939, 97 פאָליאַקן און 10 יידן.

מען קומט דאָרט יעדן טאָג און נעמט צו יידישע — — און גיט דערויף קוויטלעך. אָבער נאָך געלט הייסט דער לאַנדראַט קומען נאָך דער מלחמה. — היינט פאָרגעקומען א באראטונג פון די פאכלייט וועגן עמיג־ראציע־פראגן.

— — פוילן, אפריקע. א געוויסער עמיגראציע־„באַנד" קאבאצקי איז געווען גרייט נעמען אויף זיך די אַריבערזידלונג אין לובלינער רע־זערוואט [138]. דער מאָרד אין וואַרשע איז פאָרגעקומען אין אַ רעסטאָוראַציע. דעם — — באַנדיטן, וועלכע האָבן דערהרגעט די זעלבע דאָרט א פויל. פאָליציאַנט. דער רעסטאָוראַטאָר הענגט ביזן היינטיקן טאָג (דעם 31 (?) דעצעמבער). בא זיין רעסטאוראציע. אויף דעם — — וועגן דער סיבה פון אויפהענגען. די דערשאָסענע — — א מאשינען־געווער, אַנדערע זאָגן אַז מען האָט מיט א רעפּלעקטאָר באַלויכטן יעדן פארמשפּטן באַזונדער. מען זאָגט אז עס דאָ 120 דערשאָסענע דערפון 12 יידן. אין די תפיסות איז צוריקגעצויגן געוואָרן דאָס רעכט צו באַקומען עסן פון דער היים — — זאָל האָבן געהאלטן א רעדע, אז מען זאָל נישט פארקויפן קיין — — וועלכע — — נישט אַנערקענען שפּעטער און אַז — — באַטייליקן זיך אין — — קויפן.

וועג פון פוילן. דערווייל מערן זיך אין גאַס אנפאַלן פון קריסטן... איז לעצטנס געוואָרן אן אָפטע דערשיינונג, פונקט ווי עמעץ וואָלט זיי געניית. היינט געהערט שרעקלעכע ידיעות פון דער גרענעץ. געווען אויפן גרענעץ — פינף טויזנט מענטשן געלעבט אין זייער שווערע באַדינגונגען. זיך — — נישט געלאָזט זיי אויף יענער זייט. די — — אַריינגעלאָזט צוריק. געהערט אַז פון דעם גירוש לאָדזש הונדערט פופציק אָפּגעפרוירן די הענט, די פיס [139]. די טעג האָבן — — דער קהלה, אַז יידן און פּאָלאַקן, וואָס זענען אויסגעוויזן געוואָרן פון רייך טאָרן נישט צוריקקומען אין זייערע פריערדיקע וווינערטער. אַנדערש דראָט זיי טויטשטראָף.

מיט גרוס פּיוועל.

אָנהויב 1940

ליבער טאַטע!

די מעשה וואוּער איז א ביסל מער אויפגעקלערט געוואָרן. עס איז געווען אַזוי: אין א רעסטאַוראציע זענען געזעסן א פוילישער באַאַמטער

---

138) שוין זייט אָקטאָבער 1939 האָבן די היטלעריסטן געפּלאַנט צו שאַפן אַ רעזערוואַט פאַר יידן אין לובלינער געגנט, אויף מזרח פון דער ווייסל.

139) אין דער העלפט דעצעמבער 1939 האָט די דייטשע מאַכט דורכגעפירט אַ צוואַנג־איבערזידלונג פון אייניקע טויזנט יידן אין טראַנספּאָרט־וואַגאָנען. פיל מענטשן זענען קראַנק געוואָרן אָדער פאַרפרוירן געוואָרן אויף טויט.

מיט זיינע חברים. עס זענען אַריינגעקומען צוויי דייטשע זשאַנדאַרן (איינער א וואכמייסטער) און גענומען שרייען אויף די פּאָלאַקן. יענע האָבן אַרויס־געכאַפּט די רעוואָלווערן (אייגנטלעך איינער) און האָבן דערשאָסן די דייטשן. צווישן די דערשאָסענע זענען דאָ באַנדיטן. אָבער דאָך פאָדערט מען ווייטער דאָס אַרויסגעבן דעם מערדער. דעם אייגנטימער פון רעסטאָ־ראַן האָט מען געהייסן עקסהומירן און אויפהענגען. ער דאַרף הענגען 7 טעג.

די מהומה, וואָס איז געווען פריי[טיק דעם 30־טן דעצ[עמבער] זאָגט מען, איז געווען א נישט באַגרינדעטע. קיין שום דייטש איז נישט דער־הרגעט געוואָרן. מען זאָגט, אַז דאָס זאָל זיין א שטיקל אַרבעט פון די גנבים. אַנדערע זאָגן, אַז אויף טאָוואַראָווע[140] איז אין אָוונט געקומען צו א געשלעג מיט א דייטשן סאָלדאַט, וועלכער איז געפאַלן אין חלשות.

די שטערבלעכקייט פון די יידן אין וו[אַרשע] איז אַ שרעקלעכע[141]. עס שטאַרבן א טאָג פון 50 ביז 70 מענטשן. פאַר דער מלחמה פלעגן שטאַרבן א 10 מענטשן א טאָג. די טאַקסע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן [פאַר א קרקע] באַטרעפט 500 זל. אין וואַרשע און 100 זל. אין פּראַגע. אין ראַדאָם[142] זענען פאַרברענט געוואָרן די שול [?]ווי אויך קהלה־בנין. דאָס זעלבע אין טאָרנע[143]. דאָרט זענען דאָ 1.000 ארויסגעשיקטע פון לאָדזש. אין ריישע זענען דאָ ביי 6.000 — 7.000 פּליטים פון קאַליש, לאָדזש, אָבערשלעזיע. [די באַציונג] צו [פון?] די שררות א נישט שלעכ־טע. מען שמירט, פאָרט מען. אין טאָרנע האָט מען דערשאָסן זעלבער [?] פּוילישע, די יידן געהייסן באַגראָבן זיי. צו קיין אַרבעט ווערן יידן [?] נישט [גענומען]. אויף — — געשטאַנען צוויי יידן. פון אן אַדורכפאָרנדיקן אַוטא אַרויסגעשפּרונגען צוויי שררים און איין יידן אַריינגעשלעפּט אין אַוטאָ מיט ארויסרופן: „דו באַנדיט". וואָס ווייטער געשען מיטן ייד איז נישט באַקאַנט. די נאַכט דערשאָסן געוואָרן ד"ר קופּערמאַן פאַר גיין נאָך 8 אזייגער. ער האָט געהאַט אן אויסווייז. עס איז דערהרגעט געוואָרן אַ יידישער אַרבעטער אויף פּראַגע פון דעם אַרבעטס־באַטאַליאָן.

א בית־עלמין [?] שטעלט מיט זיך פאַר די אונאָנס־אָפּטיילונג אין

140) טאָוואַראָוואַ — אַ גאַס אין וואַרשע לעבן הויפּט־וואָקזאַל.

141) לויט די אָנגאַבן פון דער סטאַטיסטישער אָפּטיילונג פון וואַרשעווער יודענראַט זענען געשטאָרבן: אין דעצעמבער 1939 — 944, אין יאַנואַר 1940 — 1004 נפשות.

142) אין ראַדאָם האָבן די דייטשן אויפגעריסן די שול אויף דער שול־גאַס ערשט אין סוף 1942.

143) אין דער נאַכט פון 9 אויפן 10 נאָוועמבער 1939 האָבן די היטלעריסטן אונטערגעצונדן די גרויסע שול אין טאָרנע.

„לאָדזשער צייטונג" [144]. פול מיט ידיעות פון „טרויהענדער" [145] פון יידישע פירמעס, וועלכע רופן אַלע שולדנער צו מעלדן זייערע חובות [די] אַנט־שפּרעכנדע פירמעס.

א סך גולים שטאַרבן שפּעטער צוליב די שווערע [איבערלעבונגען] בשעת די גרושים. געשטאָרבן אין וואַרשע אַן עלטערע פּרוי פון פּויזן, וועלכע איז 70 קילאָמעטער געגאַנגען פון לעוואַרטאָוו קיין אָסטראָוו. צוליב די איבערלעבונגען איז די פרוי געשטאָרבן. די יידישע געוועלבער האַלטן נישט דאָס געלט אין שופלאָד ווי געוויינלעך נאָר אין דער בוי — — קעסטל כלים, גלעזער, טעפּ וכדומה.

[אויף] דעם הויפּט־ארכיוו אויף דלוגע 26 אַן אויפשריפט: „איינטריט פיר דייטשע סאָלדאַטן פערבאָטן". די גרויסע מורא פאַר עפּידעמיעס. אַ גאַנצע רייִ גאַסן: שליסקא, ריבנא און אַנדערע אָפּגעשלאָסן מיט שטעכיקן דראָט. געזען היינט א הויז אויף גזשיבאָווסקא, אין וועלכן מען טאָר נישט אַריינגיין און אויך נישט אַרויסגיין. עס זענען אָפּגעשלאָסן געוואָרן צוויי שפּיטעלער פאַר עפּידעמישע קראַנקהייטן פון וועלכע די דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער טאָרן נישט אַרויסגיין. די קהלה אַדורכגעפירט א זאַמ־לונג פון וועש און קישן פאַר די שפּיטעלער, אויך פון טשיסטע [146] טאָר מען נישט אַרויסגיין. געוועזן פאַלן ווען געלאָזט שטיין פעקלעך, ווען זיך דערוווּסט, אַז אין שטוב איז געווען [כלומרשט] טיפוס.

דער שוועדישער קאָנסולאַט האָט מיט זעקס וואָכן צוריק ביז אַן ערך אין אָקטאָבער אָנגענומען גרוסן קיין אַמעריקע. לעצטנס באַקומען א סך פערזאָנען אָנפראַגן פון אַמעריקע וועגן זייער געזונט־צושטאַנד. מען קען ענטפערן 25 ווערטער פון פערזענלעכן כאַראַקטער. די פראַגע פון פאַרבינ־דונג מיט קרובים אין אויסלאַנד אומגעהויער וויכטיק. עס זענען דאָ טויזנ־טער פאַמיליעס, וואָס פלעגן אויסגעהאַלטן ווערן דורך זייערע קרובים אין אויסלאַנד. איצט איבערגעריסן יעדער קאָנטאַקט מיט אויסלאַנד. די פאַרצווייפלונג פון מענטשן. מען האַלט פאַר גליקלעך מענטשן, צו [?] וועלכע — — פון יענער וועלט. אויפגעהערט איינגאַנצן די געזעלשאַפט־לעכע טעטיקייט. יעדער זאָרגט פאַר זיך. מען האָט מורא אַדורכצוגיין אין גאַס, כדי מען זאָל נישט [כאַפּן צו אַרבעט?]

איצט חזרט מען איבער דאָס ווערטל פון איינעם, אַז בשעת דער נעכסטער וועלט־מלחמה — — א סוף צום ייד[ישן] פאָלק. די ווערטער ווערן מקוים, באַזונדערס אַז מען זעט נישט קיין אויסזיכט אויף קיין בע־

---

144) אַ טאָג־צייטונג אין דער דייטשער שפּראַך.

145) מיט דער קאָנפיסקאַציע פון יידישן פאַרמעגן האָט זיך דער עיקר פאַר־נומען די „הויפּט־טרויהאַנדשטעלע אָסט" (ה. ט. אָ.) געגרינדעט לויט דער פאַר־אָרדנונג פון גערינגן פון 1 נאָוועמבער 1939 יאָר. לויט די אויספיר־פאַראָרדנונ־גען פון ה. ט. אָ. האָבן די קאָמיסאַרישע לייטער פון יידישע פירמעס (ס'רוב פאָלקס־דייטשן) איינגעמאָנט די חובות, וואָס איז געקומען די פירמעס.

146) דער יידישער שפּיטאָל אין וואַרשע אויף טשיסטע־גאַס.

סערונג. די האָפנונג אויף די באַטאַליאָנען פון — — ביטעס אויפגעהערט. דער איינציקער ייד, וואָס האָט מורא געוואָרן — — געשריבן קעגן זיי בראָשורן.

יענעם מאָנטיק האָט מען אין פּאַוויאַק צוגענומען דאָס רעכט צו באַקומען [פּעקלעך?] פון דער היים. די סיבה: יידענעס פלעגן זיך דורך די פענצטער פאַרשטענדיקן מיט זייערע — — זייער הויך געשריגן. איינמאָל אַדורכגעפאָרן א שררה און באַפוילן אָפּשטעלן דאָס — — און איין מאָל אין וואָך. בשעתן אָפּנעמען דעם מת געפילט סימפּאַטיע און — — פון די ווערטער. אייגער געקלאָגט זיך, פאַרוואָס גענומען זיין 4־יאָריקן זון צוליב א מעסער. אויף א טייל לאדן ארישעס געשעפט „כושעסציאנסקא פּיר־מאַ“ [147]. נישט אויסגעשניטן — — דאָס אַריינבויערן אין דער טיר. טולקש [?] געלאָזן אין דער היים צען אלפים מעות... אויסדויער פון פרויען. די הויפּט־פּאַרדינערינס. —די מענער גייען נישט ארויס. ווען מען — — שטייט זי נישט אָפּ. זי לויפט נאָך, שרייט, יאָמערט, „דער לעבן“ — — זי האָט נישט קיין מורא פאַר אנשי חיל. זי שטייט אין די לאַנגע רייען — — טייל — — נעמט מען צו דער ארבעט. פאַרשווונדן די אויסגעפוצטע דאמע... וואָס האָט אמטירט אין „זיעמיאנסקא“ [148]. די פרויען, די גרעסטע — — זיצן אין ביוראָ און ערלעדיקן אינטערעסאנטן. פאַרשווונדן די עלעגאַנטע היט — — אין דער צייט פון דער מלחמה דאָס טיכל. ווען מען דאַרף גיין צו די אַלייען [149] אויף — — גייט די טאָכטער אָדער די פרוי. אין ערגסטן פאַל שטייט זי אין האָל און וואַרט — — ווען מען דאַרף איבערטראָגן פּעקלעך פון געשעפט, ווען מען דאַרף אַריבערפירן זאכן — — גייען מאַן, ברודער; אויף יענער זייט די פרוי. א סך — — פירן די ווארטן אין די רייען אויף קוילן — — אין דער פוילישער זייט. אומעטום די פרוי, ווייל גענומען צו פארשיידענע ארבעטן — — דורכן ראַדיאָ און שפּעטער דורך די קאָמענדאַנטן. טויזנטער מענטשן בשעת דער באלאגערונג גענומען [?] צו די אַרבעטן פון שיטן, גראָבן אָקאָפּעס. גענומען טויזנטער מענטשן און — — נישטאָ קיין אַרבעט פאַר אַלע. נישטאָ קיין לאָפּאַטעס. — — די ערשטע צייט געווען אַפילו א פּראָיעקט אויפצולעבן דעם ראכיטישן — — איינלאדן צו מיטאַרבעטן נישט געקוקט אויף מאַן — — פאַרלירט נישט דעם מוט [?]. מען גייט דאַוונען — — אין די שטיבלעך — — די גולים. געהערט וועגן א סיום־ספר מיט הערינג און ברויט. דער

147) „אַ קריסטלעכע פירמע“. אַזעלכע אויפשריפטן האָבן פיל פוילישע געשעפטן אַרויסגעהאָנגען אין די שויפענצטער אין דער צייט פון אַנטי־יידישן באָיקאָט אין די 30־ער יאָרן.

148) אַ קאַפע אין וואַרשע, אין וועלכער עס פלעגן זיך טרעפן פערזאָנען פון דער ליטעראַריש־קינסטלערישער וועלט.

149) געמיינט די אַלייע־שוכאַ אין וואַרשע, וו עס האָט זיך געפונען די געביידע פון דער קאָמענדאַטור פון געסטאַפּאָ. רינגעלבלום באַנוצט אָפט דעם טערמין „אַלייען“ אָדער „גאַלייען“ צו באַצייכענען די געסטאַפּאָ.

פּויזנער רב[149א] — — אָפּגעשוירן די באָרד. געבליבן [?] קוים אַ פּאָר האָר — — פּאַרוואָס שאיעס [?] חברים, וואָס זיצן דאָ רואיק. דער קערא — — נאָרמאַלע טעטיקייט דער מאַן אַוועקגעפּאָרן און די פרוי געמוזט זיין די איינציקע שפּייזערין — — האָבן קיינמאָל נישט [קיין צייט]. גענומען זיך צו ארבעט, גרייט — — צו ערנסטע אַרבעט.

3,2 יאנואר 1940.

מיינע ליבע!

געהערט פאָלגנדע מעשה, געטראָפן אין לאָדזש פאַריקע וואָך: געכאַפּט יידן צו דער אַרבעט, איינעם א שוואַכן ייִנגל פון 15 יאָר אויסגעשמירט דאָס פּנים מיט סאַזשע, אַרום די אויגן מיט רויטער פאַרב, אויפן האַלדז א ווייסע קריזע און געהייסן טאַנצן, דערנאָך אויסגעטאָן אים אין דער קעלט נאַקעט און געהייסן א יידן וואַשן אים מיט אַ שלאָוך. ווען דער ייד האָט אביסל פארקערעוועט דאָס וואַסער אָן א זייט, האָט מען אים דערפאר געשלאָגן. פרויען ווערן מאסנהאַפט געכאַפּט צו אַרבעט. אין לאָדזש וועט אַנטשטיין א צווייטע ביורא, וואָס וועט צוטיילן צו אַלע אַמטן אַזוי פיל מענטשן, וויפיל עס וועט זיין נויטיק. אין וואַרשע האָבן די לאָבוזעס אויף מיאַדאָווא גאַס געמאַכט א נייע פּרנסה. יידן, וואָס גייען אַדורך, כאַפּט מען אַראָפּ די היט, א צווייטער כאַפּט עס שנעל אויף און א דריטער איז עס גרייט צו קויפן פּאַר 40 (דיטקי ד. ה. צענערס) גראָשן. די פּיאַסקאַזשעס[150] ביי דער ווייסל לעבן א גוטן טאָג. זיי פאַרקויפן רייז און מעל, וועלכע זיי האָבן אָנגעראַבעוועט פריער. זיי זענען עלעגאַנט געקליידעט אין פוטערס פון די בעסטע געשעפטן. אויף די ריבאַקעס האָבן — קריסטלעכע שכנים פאַרנומען די ליידיקע וווינונגען פון די יידן מיט זייער מעבל.

איצט, ווען א טייל קומט צוריק, געפינען זיי שוין גאָרנישט. אין לימאַנאָווע האָבן די פראַנציסקאַנער זייער גוט באַהאַנדלט די טויזנט דרייהונדערט יידישע גולים (פינפהונדערט פון קאַליש און פינפהונדערט פון לובלין, א דריי הונדערט פון פויזן). זיי האָבן זיי געגעבן וווינונגען אין זייערע בנינים, געגעבן זיי הילף. א גאַנץ קאַלב צום שעכטן און בכלל זייער גוט באַהאַנדלט. (מיר זענעןביידע אין איין אומגליק, זענען מיר גלייך), איצט איז דער פונקט ליקווידירט. די יידן זענען איבערגעפירט געוואָרן קיין וויסקיטקי, בלוינע און גראָדזיסק. אין לוויוויטש זענען דאָ נייע. די לעצטע טעג (פארן ערשטן יאַנואַר) פאַרטריבענע יידן פון לאָדזשער געגנט. עס זענען אויך דאָ ידיעות וועגן דעם, אַז פון קאָנסטאַנטינאָוו ווערן יידן באַזייטיקט. עס איז דאָ א ידיעה, אַז די פויזנער יידן האָט מען ווידער פאַרטריבן פון אָסטראָוו דרייסיק קמ. ווייטער. די באַגלייטער פון טראַנספּאָרט קיין אָסטראָוו געזאָגט: חרפּה לנו גדולה בעד ארצנו. — ידי־

149א) הרב פויזנער?

150) פּוילישע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיטן אַרויסנעמען זאַמד פון דער ווייסל.

עות וועגן דעם, אַז אויך פון קראַסניסטאַוו ווערן יידן באַזייטיקט. די נעמען פון שטעט ווערן געענדערט: פּלאָצק פּלאָך, ווישאָגרוד — האַבענבורג, ציעכאַנאָוו — ציכענוי א. א. —

די יידן פון שערפּץ האָבן, זייענדיק אויסגעווייזן, מיטגענומען מיט זיך דאָס ערגסטע צוליב מעשה ראַציאָנוש. דאָרט איז געהאַט פּאָרגעקומען, אַז מען האָט פאַרטריבן די יידן אויסער דער שטאָט האָט מען זיי צוגענומען אַלץ, ד. ה. דאָס בעסטע: האָבן די יידן פון שערפּץ געמיינט, אַז דאָס זעלבע וועט זיין מיט זיי. געווען איז אָבער אַנדערש. דער גירוש איז געווען אַן אַמתדיקער. — די פּויזנער יידן בשעת זיי זענען געווען אין לאַגער, האָבן די דייטשע יידן אַוועקגעוואָרפן געלט, ברילאַנטן א. א. אויס מורא. א טייל פּוילישע האָבן נישט מורא געהאַט און דאָס אויפגעזאַמלט. אין ווארשע האָט מען די לעצטע צוויי טעג געשלאָגן יידן פאַר נישט טראָגן קיין בינדיעס. בכלל איז געווען אַביסל שלעכט די לעצטע צוויי טעג. — אין פּיאָטרקאָוו האָט מען דעם אַלטן בית־עולם, אַ היסטאָרישן פאַרנוצט אַלס טראָטואַר — דערוווסט זיך וועגן שרעקלעכע חורבות [151] אָפּגעברענט געוואָרן די באַרימטע שול אין פּינטשעוו [152]. ראָזפּושע, (Rozprza) לעבן פּיאָטרקאָוו, פאַרניכטעט א סך פּנקסים. אין פּיעטרקאָוו פאַרניכטעט געוואָרן דער אַלטער און אינטערעסאַנטער פּנקס פון דער חברה שומרי לבוקר. פאַרברענט האָט אים דער אייגנטימער אויס מורא. אין פּיעטרקאָוו געווען פיר קאָנטריבוציעס. 15, 15325 און די דריטע — אין נאַטור: צוקער, פּוטער, אייער לעדער, א. א. ביי דער גרענעץ פון געטאָ שטייען שווארצע טאָוולען מיט דער אויפשריפט: געטאָ. אין געוויסע שעהן מעג מען אַרויסגיין פון געטאָ. די פאַרבייפאָרנדע יידן טאָרן זיך נישט אָפּשטעלן אין פּיעטרקאָוו. לעצטנס זענען 7 קינדער פון אזא טראַנספּאָרט פאַרברענט געוואָרן. עס זענען אין פּיעטרקאָוו דאָ אַן ערך 12500 יידן, ד. ה. אַן ערך צוויי טויזנט צוגעקומענע פון דער אומגעגנט. אין ווארשע אַריינגעקומען צו יידן פּאָלאַקן און זיי אַריינגעבראַכט אין אַ וועש־קויש זאכן פון אַ יידישן שכן. די יידן האָבן גרויסע זאפּאַסן. בא יידן זענען צונעמען די זאכן געקומען מיטגלידער פון אַן אַלפּוילישער אינסטיטוציע. זיך פאַרשטעלט [?] און גענומען די זאכן. „פּושעפּאָוויאַדאַ — — באַלאַגיק” [?] איז דאָ אַן אויפשריפט אויף אַן אַנאָנס פון — — עס איז דאָ אסך כיראָמאַנטן און ענלעכע אויף די ווענט.

---

151) נאָך דעם 6 סעפּטעמבער 1939 האָבן זעלנער און אָפיצירן פון דער ווערמאַכט אונטערגעצונדן אַ רוי גאַסן אין יידישן ווינן־פערטל. 2 טעג פאַר יום־כיפור 1939 האָבן זיי דעמאָלירט די איינריכטונגען אין סינאַגאָגע און בית־המדרש און אונטערגעצונדן די ספרי־תורות אויפן פּלאַץ נעבן דער שול. צומאָרגנס האָבן זיי אין דער סינאַגאָגע אַריינגעפירט פּוילישע קריגס־געפאַנגענע.

152) די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן פּינטשאָוו בעת די קריגס־אָפּעראַציעס.

153) ביז סוף דעצעמבער 1939 האָבן די יידן אין פּיאָטרקאָוו געמוזט באַצאָלן קאָנטריבוציעס: די ערשטע 25.000 זל., צווייטע 15.000 און די דריטע — 350.000 זל. חוץ דעם האָט מען גענומען קאָנטריבוציעס אין נאַטור.

די פּלאָטקעס האָט דערקלערט קריג. איטאַליע קעגן אשכנז. ביי דער סאָוויעטישער גרענעץ האָט מען באַזעצט מאָנגאָליש מיליטער, וועלכע לאָזט נישט אַדורך קיין מענטשן. געקומען צוויי אַנשי חיל מיט א מיידל און געהייסן זיך אויסקלייבן קליידער, צוגענומען צוויי קליידער. ביי די פּאָלאַקן א גוטע שטימונג. מען באַשטימט די צייט פון באַפרייונג מיטן קאַלענדאַר, פונקט ווי עס וואָלט געווען ביז גאָר נאָענט. יידן, פרעמדע בירגער, לעבן גוט. זייערע געשעפטן זענען אָפן און פריי. דער דאָלער שטייט אויף דער שווארצער בערזשע 103 זל. מילמאַן[153א] פון לאָדזש באַטראַכט אַלס טויטער, אָבער אַנטפלעקט זיך אין ויברח אויף יענער זייט. מען שרייבט: — — דער קוטנער ליגערמאַן, דער רעזשיסער... דאָס יונגע רבל פון דער סאָציאַלער מעדיצין. אויף יענער זייט. — נעכטן פארשפּרייט א קלאַנג, אז גייעדזיאַלאָווסקי[153ב] איינגעשבנט. — —

ביז היינט פארערגיסטרירט איבער 450 אַרבעטלאָזע לערער פון ווארשע און פּראָווינץ. געעפנט קיכן, אין וועלכע פון דינסטן, קעכינס — אלץ לערער. דער זבאָנשינער פאר וועלכן געהאַט אזוי פיל שרעק געקומען קיין ווארשע צוליב זיין קרוב. צוריקגעקומען קיין ווארשע, אויסגעקויפט זיך פאר 150 זל. אַלעס צוליב דער בינדע. בכלל די גרויסע ווירקונג פון געטאָ אין דער צייט אויף די ייד[ישע] אסימילאַטאָרן. מען האָט דערפילט די יידישקייט און געפרווט זיך צו דערנענטערן. זייער ווייטאָקדיק איבערגעלעבט אַלע נגישות און רדיפות, זעלבסטמאָרדן אין די קרייזן. די מגפה פון פוילישע שאַנטאַזשיסטן זיך שטאַרק פאַרשפּרייט. א ייד[ישער] אַדוואָקאַט זיך „דערוועגט” אָנצוגעבן זיי אין דער פוילישער פּאָליציי, איר נעבעכדיקייט, שוחד. היינט (דעם דריטן יאַנואַר) געהערט, אַז פאר דרייסיק טויזנט זל. האָט א ייד באַקומען א יחוס־בריוו מיט אַן ארישער באָבע. פאר פופציק טויזנט זל. באַקומט מען פון די שררות א צערטיפיקאַט קיין א"י. א דר. געגאַנגען אין א פוטער, געוואָלט עס ביי אים אָראָפּנעמען האָט ער דערקלערט, אז דאָס איז פון א „זויכע”[154], האָט ער רעזיגנירט דערפון. פון לאָדזש האָט מען מיר דערציילט, אז בשעת מען האָט נישט געטראָפן אין דער היים קיין לערער, אַדוואָקאַט אָדער דאָקטער, האָט מען גענומען די פרוי און קינדער. געווען פאלן, אז זעקס וואָכיקע קינדער. אין מאַנכע פאלן האָבן די באַגלייטער אַפילו אַליין גערופן דראָזשקעס, געהאָלפן איינפּאַקן די זאכן. אין אנדערע פאלן נישט דערלויבט צו נעמען דאָס נויטיקסטע, אפילו פאַר קינדער.

נכשל געוואָרן אויף א פארזאמלונג פון דער חברה. דערקלערט, אַז עס איז פאַראַן אין ווארשע א פערטל מיליאָן אָרעמע יידן, אויף וועלכע מען דאַרף זיך דערבאַרעמען.

153א) טוער פון „בונד“ אין לאָדזש.

153ב) פירער פון פּ. פּ. ס., דערשאָסן דורך די דייטשן.

154) „זויכע“ — אָנגעשטעקט מיטן אן אינפעקציע־קראַנקהייט.

הײַנט װידער געשלאָגן אױף מילע, נאַלעװקי. אין װאָװער פאַרצײלט מען, האָט מען בײַ דער קאַלײקע פאַרהאַלטן אַלעמען און געקוקט אױף די שטיװל. זענען זײ געװען פאַרבלאָטיקט, האָט מען די מענטשן דערשאָסן, װײַל אין דער געגנט פון דער הריגה געװען א בלאָטע. די צוגעקומענע אשכנזים האָבן זײער מורא, װאָס װעט זײַן אין דער צוקונפט. זײ נעמען אַלס עדות די אונדזעריקע, אַז בלױז די יונגע זײַנען אַזעלכע, דאָס אַלט־װאַרג — נישט. אין די טראַמװײען איז זײַט אײניקע װאָכן אײַנגעפירט געװאָרן, אַז זײ פאַרנעמען די פאָדערשטע פּלאַטפאָרם (ציװילע און מיליטער), די אונטערשטע — אַנדערע. איבער 22 נאַשעלסקער (18 מענער און 4 פרױען) הענגט דער טױט־אורטײל, װײַל זײ זענען אהײמגעקומען טראָץ דעם פאַרבאָט פון דער מאַכט. די שרײַבער געהערט װעגן דעם װילנער גן־עדן, װאָס יצחק פאַר זײ געמאַכט. געצױגן אהין װען װאַרשע נישט געקאָנט זײ אַזױ שיצן.

מיט האַרציקע גרוסן דײַן פּיװול.

4, 5, 6 יאַנואַר 1940

מײַנע ליבע!

די װירטשאַפטלעכע לאַגע איז זײער א שװערע, עס איז נישט קײן גרונט פאַר א נאָרמאַלן עקאָנאָמישן לעבן. אָפּגעשניטן פון מקורים פון רױשטאָפן, װעלכע װערן אױך אַרױסגעפירט אין א גרױסער צאָל. די ײדישע לאָדזשער סוחרים ברענגען פון לאָדזש סחורות, װעלכע װערן דאָ פאַרקױפט פאַר א 3־פאַכיקן פרײַז, װײַל דאָרט זענען די פרײַזן פאַרמלחמה־דיקע. פאָרן ברענגען די סחורה גיט מען פערציק ביז פופציק פּראָצענט פון װערט פון דער סחורה. די סחורה װערט פאַרקױפט דורך גאַסן־פאַרקױפער און אין פּריװואַטע הײַזער, הינטער דער טיר. דאָס װעט, רעכנט מען, אין א חודש, צװײ אױפהערן, װײַל די סוחרים „באַגנבענען" אין לאָדזש זײערע אײגענע סקלאַדעס, אַרױספירנדיק מיט דער הילף פון שמוגלערס, װעלכע טראָגן די סחורות אױף די פּלײצעס. איך האָב הײַנט דעם פערטן יאַנואַר געהערט, אַז עס זענען געװען פאַלן װען מען האָט געװאָרנט ײדן, אַז הײַנט װעט בײַ זײ פאָרקומען א בדיקה[154א] פון יענע לײַט. דאָס האָבן אָנגעזאָגט פרױען, מען זאָגט פון א געװיסער חברה[155]. די ידיעה האָט זיך אַרױסגעװיזן פאַר א ריכטיקע. מען פרעגט זיך אָן װעגן קלירינג אױף עמיגראַציע.

די לאַגע פון דאָקטױרים האָט זיך פאַרערגערט. געװען דאָקטױרים, װאָס האָבן פאַרדינט פריער צו טױזנט זל. א טאָג. הײַנט איז זײער לאַגע

154א) דאָ געמײנט: א רעװיזיע.
155) װאַרשײַנדלעך האָט דאָ רינגעלבלום געמײנט די פּױלישע אונטערערדישע באַװעגונג.

די לאַגע פון די לערער איז אַזאַ שווערע, אַז א טייל גייט איבער צו א סך אַן ערגערע. מענטשן האָבן פשוט נישט קיין געלט [אויף] צו היילן.

גלעזערײַ און זענען גרייט צו טון פאַרשיידענע שווארצע אַרבעטן, ווי וואַזשנעס, הויזדינסטן וכדומה.

אין לובלין האָט א שומר לעוואנדאָווסקי [156] געמסרט זיבן פוילישע סטודענטן, וועלכע האָבן אינסטאַלירט אַן אומלעגאַלע ראַדיאָסטאַציע דערשאָסן — —א פאַרוואַלטערין פון א פּאָווּשעכנער שול באַצאַלט 10 זל. פאַר נישט טראָגן די יידישע בינדע. אין קאַליש איז פאַרבליבן בלויז עטלעכע הונדערט קראַנקע יידן אין שפּיטאָל, דער רעשט יידן זענען אַרויס־געפאָרן. די עמעריטורן פאַר די פאַרזיכערטע איז ז. או. ס. [157] יידן ווערן נישט אויסגעצאָלט, הגם די יידן מוזן ווייטער זיין פאַרזיכערט אין די קראַנקן־קאַסעס. די 100 מארק פון אַמעריקע וואָס א טייל פּערזאָנען האָבן באַקומען ווערן נישט אויסגעצאָלט, ווייל דאָס גוווערנעמענט [158] איז דאָך אויסלאַנד לגבי דעם רייך. עס איז דעריבער נויטיק צו באַקומען א דערלויבעניש פון אַמעריקע אויסצוצאָלן אין אַן אַנדערער וואַלוטע.

היינט האָט מען געהערט וועגן א קאָנפערענץ פון נייטראַלע מלוכות: שווייץ, טערקיי, איטאַליע און בעלגיע אונטער דער עגידע פון די אַליאַנטן. — נעכטן געהערט וועגן א קאָנצערט פון פּאַדערעווסקין אין לאָנדאָן, נאָך וועלכן דער קעניג האָט שטאַרק געדריקט די האַנט פון פּאַד[ערעווסקין] און צוגעזאָגט אויפצולעבן פּוילן. די פּוילישע פּליטים ווערן פאַנאַנדער־געטיילט איבער די דערפער. יעדע פאַמיליע, וואָס האָט איבער 10 מאָרג ערד, מוז אויפנעמען איין משפחה. פאַראָרדענונג וועגן פּלאַקאַטירונג (צווייטער יאַנואַר) פאַרבאָטן צו פּלאַקאַטירן נעקראָלאָגן, 10 פּלאַקאַטן פאַרן דרוקן — איבערגעבן צו קאָנטראָל. די באַציִונג אַפילו צו דער שכנות־דיקער משוגעים־אַנשטאַלט נישט קיין גוטע. יעדע פּאַר טעג נייע פאָדע־רונגען — אַמאָל מעבל, אַן אַנדער מאָל קיך־מכשירים א. א. וו. — פון דער שטאָטישער אַנשטאַלט אין נאַלענטשאָוו אַרויסגעשיקט די משוגענע, קינדער אַרויפגעוואָרפן אויפן וואָגן און צוגעפירט פּרעדרי [?] אין א טרויעריקן מצב. דערשינען היינט דעם פינפטן א פאַראָרדענונג, אַז די יידן טאָרן נישט ענדערן זייערע וווינערטער אָן א דערלויבעניש פון דער מאַכט [159]. זיי טאָרן אויך נישט גיין צווישן 21 און 5 פרי. די קאָמפּעטענצן פון פאַרשיידענע מאַכטאָרגאַנען לגבי יידן. פאַן פאַך־שררות (מענדע קהלה) בלומענטאַל — ייד[ישע] סאָציאַלע פאַרזאָרגונג, ביים שול־איב־

---

156) וואַרשעווינלער א פּוילישער פּאָליציאַנט.

157) „זאַקלאַד אובעזפּיעטשען ספּאָלעטשניך" — (ז. או. ס.) מלוכהשע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט.

158) אויפן סמך פון היטלערס דעקרעט פון 12 אָקטאָבער 1939 איז פון די צענטראַלע פּוילישע אָקופּירטע געביטן געשאַפן געוואָרן די „גענעראַל־גובער־ניע".

159) אַזאַ פאַראָרדענונג איז פאַקטיש דערשינען דעם 5־טן יאַנואַר 1940.

ספּעקטאָראַט [160] אַן אָפּטיילונג פאַר מינדערהייטן. די מעשה, וואָס איז געווען מיט פּראָפּ. באַרטעל און טיילאָר מיט איניקע וואָכן צוריק, איז פאָרגעקומען נישט אין ראַדאָמסק נאָר אין אָסטראָוויעץ [161].

נעכטן געווען אין וואַרשע פאָלגנדער פאַקט: אין רעסטאָראַן אויף שימעקס גאַס [162] האָט איינער פון די געסט געבעטן שפּילן עוד לא אבדה תקותנו אויף פּויליש. אַלע אויפגעשטאַנען. באַקומען דעם ערשטן פּאַטש.

אין דעם גרעסטן טייל רעסטאָראַנען אויפגעשריבן: פאַר פּאָלאַקן. יידן איינטריט פאַרבאָטן. אין פויזן די גאַסן זייער ליידיק. אין טאָרן אויף די גאַסן בייטאָג איינצעלנע פּערזאָנען. בשעת דער באַרימטער הריגה אין אָסטראָוו [163] א אלטע פרוי געוואָלט געבן פינף און צוואַנציק טויזנט זל. פאַר לאָזן לעבן איר קינד — אָפּגעזאָגט. ביי א יידישן שניידער האָט מען צוגענומען דעם אַנצוג, וואָס עס האָט געגעבן [צו] אַרבעטן א קריסט. דער קריסט דראָט מיט דער אַליי[שוכא], אויב ער וועט נישט אָפּגעבן אין משך פון א וואָך.

שאַנזש דע פּראָפּעסיאָן: זאַמא [164] שטאָט. דירעקטאָר אַרויסגעגעבן מיטאָגן. קורטאַוויאַט [?] וווינונגען. לערער רעגיסטרירט גולים, דאָצענט פון אוניווערסיטעט — דאָס זעלבע, אָרלעסקאָ [165] — געהילפס־קעלנערין, לערערס — וואָשנעס, גלעזערס א. א. קלאַרא [166] טיילט מלבושים. רעדאַקטאָרן — זאַמלען.

נעכטן דעם פינפטן יאַנואַר אַרויס די פאַראָרדענונג וועגן דעם גאַסן־האַנדל [167]. עס ווערט באַגרענעצט דער יידישער האַנדל צו די גאַסן פון

---

160) ד"ר רינגעלבלום מיינט דאָ אַוודאי די באַקאַנטמאַכונגען, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט אין נומ. 2 „אַמטסבלאַט" פון וואַרשעווער דיסטריקט־שעף פון 22 דעצעמבער 1939, וואָס איינע (פון 16 נאָוועמבער) איז נוגע די אַרבעטס־צוטיילן פון דער דייטשישער פּאָליציי אין וואַרשע. א צווייטע (23 נאָוועמבער) רעכנט אויס די אַמטן און אָפּטיילונגען, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער „פּירזאַרגע" ביים שטאָט־פּרעזידענט.

161) פג"ל הערות 54, 55.

162) וואַרשעווער געמיינט לעשנאָ־גאַס, אויף וועלכער עס האָט געוווינט שמעון לובעלסקי, א באַקאַנטער פּעדאַגאָג און קאָמוניסטישער טוער.

163) אין די ערשטע טעג נאָכן איינעמען אָסטראָוו מאַזאָוויעצקי האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן די יידישע הייזער, צונויפגעטריבן אַלע יידן פון שטעטל אין צאָל פון 423 נפשות אין דער שול, באַשולדיקנדיק זיי אין בכיוונדיקן אונטערצינדן די הייזער. אַלע יידן זיינען דערשאָסן געוואָרן. די מאַסאַקרע פון אַן ערך 500 יידן איז פאָרגעקומען אין נאָוועמבער 1939 יאָר.

164) איבערגעשטעלט די טראָפּן: דאַרף זיין מאַזאַ, דיר. פון אַמאָליקער ווילנער טרופּע.

165) מרים אָרלעסקאָ — אַרטיסטין פון דער געוו. ווילנער טרופּע.

166) קלאַרא סעגאַלאָוויטש, אַרטיסטין.

167) דעם 5־טן יאַנואַר 1940 דערשינען א פאַראָרדענונג פון וואַרשעווער שטאָט־פּרעזידענט וועגן פאַרבאָט פון גאַסן־האַנדל („אַמטסבלאַט" פון 14־טן פעברואַר, 1940). די פאַראָרדענונג רעכנט אויס א ריי גאַסן, וווּ יידן קאָנען האַנדלען — נאָכן באַקומען א דערלויבעניש — „אויף פעסטע שטעלן".

געטאָ, אָנהויבנדיק פון קראָקעווער פּזשעדמיעשציע, קאַראָווא, קרוליעווסקא, שיענבא א. א. מען דאַרף האָבן א האַנדלס־צייגעניש. די פאַראָרדענונג וועגן באַגרענעצן דאָס איבערזידלונגס־רעכט פון די יידן ווערט אויסגעטייטשט, אַז דאָס איז געווענדט קעגן דעם יידישן האַנדל, שמוגל, קעגן דעם צוג קיין וואַרשע. די, וואָס גיבן אָן וועגן איבערזידלונג אויף יענער זייט קיין רוסלאַנד, אונטערליגן נישט די דאָזיקע באַגרענעצונגען.

אויף פראַנציסקאַנער פאַראַן א גאַנצע ריי איזאָלירטע הייזער. זלמנקי בורשויס־שטוב [167א] ווידער אויפגעלעבט. באיזה אופן נעשה הדבר. די פּראַגע וועגן גרויסע ביכער־זאַמלונגען. מיט די ביכער פון „השומר הצעיר" ווערט געהייצט דער אויוון לעשנא 6 דורך די גולים. קאָסאָוו־לאַצקי זענען דאָ טויזנט צוויי הונדערט פּליטים פון קאַליש, ווישקאָוו, סטאַטשעק, טשישעוו. דריי זענען געשטאָרבן. עס זענען דאָ אחינו, וואָס פאַרדינען גראָבע געלטער ביים אַרויסבאַקומען געלט פאַר די דורך זיי צוגענומענע סחורות. די פּראַגע פון נייע גבירים פון פאַרשיידענע שטעט. אַ טייל פון די פּויזנער געפינט זיך אין וולאָשטשאָווא (צוויי הונדערט). אַלזאָ אין פּאָלגנדע שטעט: אָסטראָוו, גראָדזיסק, זשיראַרדאָוו וויסקיטקי, בלוינע. דאָס בילד, וואָס איז געווען אין „בערלינער אילוסטרירטע צייטונג" — געווען איינרעזשיסירט. געקומען א ספּעציעלער אויטאָ מיט 5 פּערזאָן געכאַפּטע יידן. רב יוסף געמיינט, אַז דאָס מיינט מען דאָס בילד פון דער „פּאָלקסצייטונג" [168]. אין דער פאַראָרדענונג וועגן מעלדע־חוב פאַראַן א פּונקט, אַז 24 שעה נאָכן קומען מוז מען זיך איינמעלדן. א ייד, וואָס [האָט] געהאַט א הויז אין בידגאָשטש פאַר הונדערט טויזנט זל. און הייזער אין אַנדערע שטעט, געבליבן אָן א גראָשן. „מרפּא" [961] אין אָטוואָצק אַרויסגעהאַנגען אַ מעלדונג, אַז ער איז א שפּיטאָל פאַר אָנשטעקנדע קראַנקהייטן. מה כונו — מובן. פאַרשפּרייט זיך א קאַטשקע, אַז די פינען זענען אַריבער די רוסישע גרענעץ און אפילו פאַרנומען לענינגראַד. אונגאַרן און רומעניע האָבן זיך געווענדעט וועגן א פּראָטעקטאָראַט צו איטאַליע. צווישן די דריי און פופציק פון נאַלעווקי [170] איז געווען א צוויי פּויזנער, דאָס זעלבע צוויי אין

167א) זלמן מייזנער, געזעליש. טוער.

168) דער מחבר מיינט דאָ אַוודאי די 6 אילוסטראַציעס, וואָס זענען דערשינען אין דער „בערלינער אילוסטרירטער צייטונג" נומ. 50, 1939,אונטער א שרייענדיקן קעפּל:
„Waffe in Gräbern versteckt. Der deutsche Sicherheitsdienst bei einer Razzid in Warschauer Getta"

169) יידישע סאַנאַטאָריע פאַר גייסטיק־קראַנקע אין אָטוואָצק.

170) עס גייט דאָ וועגן די 53 יידן, וואָס זענען נאָוועמבער צוגענומען געוואָרן פון הויז נאַלעווקי 9, אכט טעג נאָכדעם, ווי פּינקוס יאַנקל זילבערבערג האָט דאָרט דעם 13 נאָוועמבער דערשאָסן א פּוילישן פּאָליציאַנט און א צווייטן פאַרוווּנדעט. די יידן זענען דעם 22 נאָוועמבער 1939 דערשאָסן געוואָרן. דעם 1 דעצעמבער איז געווען א ידיעה אין „נאָווי קוריער וואַרשאַווסקי", אַז מ'האָט די יידן געשאָסן. די צייטונג רעדט וועגן א „פאַרברעכערישער באַנדע יידן" און גיט אָן

„אַסטאָריע"[171]. ביי דער גרענעץ האָט אַ שומר נאָך דער בדיקה אָפּגעגעבן כבוד נתנס שטייגער. אויף וואָס פּארא אופן מען קאָן אָפּנעמען פון גרובערן [172] אן אפּותיקא. מענדעלסאָנס מענטשן [173] זאָגן, אז איך בין אים שולדיק און אַזוי ווערט עס געדעקט מיט א חצי שלי וחצי שלך. אין א ווינונג ביי א וולאָצלאַווקער געקומען דריי מתים [174] און גענומען דאָס גאַנצע געלט מיט די שפּייערס אין די ידים. געבראַכט פון די שכנותדיקע דירות צו חמשה און יותר מעות פירערליי. געוויינלעכע אַנשי חייל, די ווערמאַכט, מתים פאָלקס-מענטשן און פּוילישע. א געגוג פאַרשיידנאַרטיקע חברה.

5/11 .1938

מיט הארציקע גרוסן און אייער פּיזול.

7—9 יאַנואַר 1940

ער איז משוגע געוואָרן. דער אַלטער פּראָפעסאָר שרייבט זיינע מעמואַרן. געווען היינט אין א קאַפע פון אַרטיסטן. זיי עסן צופיל און טרינקען צופיל. די קאַסירערין האָט זיך געקריגט מיט דעם קעלנער-קאָמיקער טאָם [175], הלמאי ער קאָנסומירט צופיל. אַן ארטיסט האָטנישט געקוקט אויף מיינע פּראָטעסטן מיר געהאָלפן אַנטון דעם פּאַלטן „מען מוז ערלעך פאַרדינען". זיי שפּילן ביים פּיאַנאָ און זינגען לידער [176].

די סאָוויעטן האָבן א געוויסע צייט פּאַרנומען שעדלעץ. בשעתן צוריקצוג מיטגענומען דעם מערסטן טייל יתומים. פון א 12-יאָריקן ייִנגעלע געקומען פון האָמעל א בריוו, אַז ער איז געווען א חודש אין א פּענסיאָנאַט, זיך גוט פאַרבעסערט. ער באַדויערט, וואָס זיין שוועסטערל געבליבן בא די גערמאַנצעס. געוויינלעך פלעגן די סאָוויעטן מיטנעמען, ביים ריקצוג די מיליץ, וועלכע איז באַשטאַנען פון אָרטיקע יונגעלייט. עס

דעם 27 נאָוועמבער, ווי דעם טאָג פון אויספירן די עקזעקוציע. צווישן די אומגעקומענע זענען געווען יידן, וואָס האָבן זיך צופעליק אין דעם מאָמענט געפונען אויף דעם אָרט, זוי צ"ב דער רב פון מינסק מאַזאָוויעצקי, און רינגל. ארכיוו געפינט זיך א פּרטימדיקע באַשרייבונג פון דעם פאקט. פרילינג 1940 האָט מען די אומגעבראַכטע עקסהומירט און מקבר געווען אויפן פּראַגער בית=עולם.

171) זע הערה 82.

172) גרובער איז געווען דירעקטאָר פון פּ.ק.אָ. (פּאָסט=שפּאָר=קאַסע) אין וואַרשע.

173) געמיינט דייטשן.

174) ס"ס=לייט פון דער פאָרמאַציע „טאָטענקאָפּף" מיטן אָפּצייכן „טויטן=קאָפּ" אויפן היטל און קראַגן פון מונדיר.

175) קאָנראַד טאָם, א באַקאַנטער רעוויו=אַרטיסט אין וואַרשע.

176) בעת דער אָקופּאַציע האָבן פיל פּוילישע אַרטיסטן רעזיגנירט פון שפּילן אין טעאַטער אונטער דער היטלעריסטישער לייטונג און פאַרדינט אויף פּרנסה, אַרבעטנדיק אין קאַפעען, רעסטאָראַנען אַלס קעלנער, קאַסירער א. א.וו.

קומען לעצטנס צוריק אסך, וועלכע האָבן נישט געוואָלט אָפּטירן. איינע פון די סיבות איז די צוואנגס־רעקרוטירונג צווישן די אָפּטירטע. אין לובלין ווערן באראקן פון האַלץ געבויט מיט גרויס לוקסוס. אין יעדן איז דאָ עלעקטרישע באלייכטונג, באד צימערן וכדומה, פאר וועמען זיי זענען באַשטימט איז נישט באוווזט. דעם זיבעטן יאַנואַר פאַראַן א ידיעה אין דער פרעסע וועגן צוריקטרעטן פון הארע בעלישע [177] אין ענגלאַנד. די לאָדזשער צייטונג שרייבט מיט קידוש לבנה אותיות: „דער יודע האָרע״. דאָס זעלבע די אַנדערע צייטונגען. עס האָבן זיך פאַרשפרייט קלאַנגען וועגן גירוש סקערניעוויץ[178]. אויך פון מלאווע ווערן דערוואַרט נייע פינף טויזנט פליטים [179]. געזען היינט א קעשענע־קאלענדאר פארן נייעם יאָר מיט דער באַצייכנונג פון עלפטן נאָוועמבער אַלס יום־טוב פון אומאָפּהע־ניקייט. דער אַלטער באַקאַנטער ראָזענשטיין איז ווידער אויף דער אויבערפלאַך.

געהערט, אז עס זאָל קומען פילאנטראָפּישע הילף פון דער שווייץ און פון שפּאַניע. צי וועט זי אַריינגעמען די יידישע באַפעלקערונג נישט באַוווסט. עס ווערט געשאַפן א פוילישער הילפסקאמיטעט פאַרן גאַנצן לאַנד מיט לוּיבאָמירסקי און יאַנוש ראַדזשיוויל אין אויפזיכטסראַט און שליווינסקי און מאכניצקין אין דער אָנפירונג. דער פויל[ישער] רויטער קרייץ פאַרבלאָקירט די קאָנטעס, רעקווירירט די לאַסט אויטאָס. אין דער געגנט פון מאָרדי, לאסיץ, שעדלעץ דאָ אויך פויל[ישע] פליטים פון פּאָ־מערן. זיי לעבן אין שווערע באַדינגונגען. לא שכחנו וועגן זיי. קיין שעד־לעץ חמשה אלפים זכו בבירות אחרות [180]. די יידן נישט צופרידן דערמיט. 13 פוילישע בירגערמייסטער לקחנען שוחד פאר נישט אַריינשטעלן געוויסע יידן אין דער רשימה פון אַרבעטנדיקע. די שטייער עמטער מאַכן זיך עס זייער באַקוועם. פון מיין שטייערן־אמט זענען פאַרברענט געוואָרן די פּאַפּירן, מאַנט מען ביי מיר לאַקאַלשטייער פאַרן יאָר 1937. די שולן זענען געשלאָסן, גיט מען זיך אן עצה אויף אזא אופן, אַז מען שאַפט קאָמפּלעטן, אין וועלכע מען פירט לעקציעס אין די דירות פון די לערער. אין דעם „קוריער וואַרשאַווסקי״ געווען א נאָטיץ, אַז די פויל[ישע] פּאָלי־ציי וועט דאַרפן לעגיטימירן, צי יידן טראָגן בינדעס, די וואָס וועלן עס נישט טראָגן, וועט מען איבערגעבן דער דייטשער פּאָליציי.

---

177) פג״ל הערה 131.

178) דער גירוש סקערניעוויץ איז פאָרגעקומען בעת דער אויסזידלונג פון אן ערך 70.000 יידן פון די מערבדיקע שטחים פון וואַרשעווער דיסטריקט אין דער צייט פון סוף יאַנואַר ביז מערץ 1941.

179) פאַקטיש זענען טייל יידן פון מלאווע, פּשאַסניש און געגנט אַרויסגע־שיקט געוואָרן סוף פעברואַר 1940 אין לובלינער און לובאַרטאווער פּאָוויאַט.

180) אין יאַנואַר 1940 זענען אָנגעקומען קיין שעדלעץ 5 טויזנט יידן אין מערץ — 1200 יידן.

אין סאַרנאַקי בעת מען באַקומט זיך אַריבער אויף יענער זייט פאַר־פרוירן, הייסן די סאָוו[יעטישע] זעלנער נעמען די קראַנקע אין שפּיטאָל אַריין: נאָכן אויסהיילן שיקן זיי צוריק. איך וואָלט געהאַלטן [זיך] פאַר אַ פאַרברעכער ווען איך וואָלט פאַרלאָזט מיין פּאָסטן-קנעפּל [181]. ביים אָנהייב פון דער מלחמה געטראָגן דאָס פעקל פון שטאָק אַראָפּ.

עס הייבן אָן צוריקצוקומען אַסך מענטשן פון יענער זייט [182]. דאָס אָפּשאַפן פון פויל[ישן] זלאָטי, דאָס צווינגען צו אַפּציע אָדער צו גיין אויף טיף רוסלאַנד באַוועגט אַסך צוריקצוקומען. די דאָלאַרוווקעס [183] ווערן פאַרקויפט צו 18 זל. די זיעמסקע שטייען בעסער. ברילאַנטן אַ קאַראַט 8.000 ביז 12000 זל. דער פרייז איז אין אַ קורצער צייט שטאַרק געשטיגן, אין איין וואָך זיך פאַרטאָפּלט.

מען זאָגט, אַז מען האָט אַראָפּגענומען די טאָוול מיט דער אויפשריפט אויף דער הויפּט פּאָסט, אַז פאַר יידן אַריינטריט פאַרבאָטן, די זעלבע אויפשריפט אַראָפּגענומען פון די קינאָס, וועלכע ווערן אָבער נישט באַזוכט דורך יידן מחמת מורא. אין גאַס געגאַנגען 2 גוט געקליידעטע יידן, באַקומען פלוצים מיט שפּיצרוטן דורך אַ דייטש.

איינע פון די שוועריקייטן ביים אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד איז די פראַגע פון באַן־בילעטן דורכן רייך. אין די רייזע ביוראָען זענען קיין בילעטן נישט פאַראַן. אויף דער שוואַרצער בערזשע קאָסט אַ באַן בילעט 120 זל. נישט ווייניקער ווי 600. סקוואַרטשינסקיס [184] ברודער געזאָגט: היינט ליידן מיר ביידע, איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער אַנטיסעמיטיזם. געהערט צו דער גרופּע פון יונגע אַדוואָקאַטן. ווי אַזוי דער ערובניק איז געוואָרן אַן עלטעסטע. זיין מעמד בענין התחום, מה שחיבור אבל אינה מבין השייכות שלו לדבר הקהלה[185]. עס גייט אַ גרויסער שמוגל פון יענער זייט. אַ זלאָטי קאָסט דאָרט אַ רובל צוואַנציק, מען פירט סחורות פון דאַנען אַהין. מען רייסט די הויט אין מאָרדי, סאַרנאַקי, לאָסיץ [186]. מען נעמט פאַר אַ האַלב בעט צוויי זל. פּופּציק. ב. אַ דאָקטאָר אויף זשוראַוויע געשלאָגן אים בשעת אַדורכפירן אַן אָפּעראַציע. בעכטן געשלאָגן אַ פרוי אויף

---

181) קנעפּעל — גוזשיק. וואַרשעווער געמיינט דעם פינאַנס־דירעקטאָר פון דזשוינט אין וואַרשע.

182) פון דער סאָוועטישער זייט.

183) דאָלאַרוווקעס — פאַר דער מלחמה אָבליגאַציעס פון פוילישער מלוכה־הלואה, גאַראַנטירט מיט דאָלאַרן.

184) סטאַניסלאַוו סקוואַרטשינסקי (1888 — 1940), גענעראַל און פּאָליטיקער, אין די יאָרן 1938 — 1939 שעף פון „אָזאָן“. (פּאַרטיי פון נאַציאָנאַלער פאַראייניקונג, אַן עקסטרעם־רעכטע פּאַרטיי מיט אַ טאָטאַליטאַרן און אַנטיסעמיטישן פּראָגראַם.

185) זיין שטעלונג וועגן תחום (געטאָ): ער האָט דאָס באַאַרבעט, אָבער ער באַרשטייט נישט זיין שייכות צו דעם ענין פון דער קהלה.

186) גרענעץ־פּונקטן צווישן דייטשלאַנד און ראַטנפאַרבאַנד, דורך וועלכע מען האָט געשמוגלט מענטשן און סחורות.

ביעלאנסקא, ווייל נישט געהאַט קיין בינדע. מען זאָגט, אַז אויף דער צווייטער זייט איז הונדערט זל. ווערט צוואנציק רובל. ווידער די קאַטשקע וועגן טויש פון באָריסלאַוו אויף ווארשע.

מען האָט באַפוילן אַרויסציען די וועקלאַדן פון די ייד[ישע] בענק און זיי קאָנצענטרירן אין איין באַנק. דאָס באַפעלן קאָמיסאַרן אין ייד[ישע] געשעפטן, כדי עס זאָל זיין א מעגלעכקייט פון קאָנטראָלירן די יידן. די איבערגעבליבענע ייד[ישע] בענק ליידן דערפון און גייען אונטער. די סאָוו[יעטישע] קאָמיסיע זידלט איבער בלויז ווייסרוסן און אוקראַינער, יידן הייסט מען שיקן וועגן צום קאָנסול און דערצו אויספילן אַזעלכע רובריקן ווי: פאַרוואָס האָסטו זיך ביז איצט נישט באַמיט וועגן פאָרן אהין. געהערט אויטענטישן פאַקט: אַ פליט געהאַט איינגענייט אין אַ צעריסענעם פאלטן צען טויזנט זל. א שררה אַרויסגעוואָרפן דעם פאלטן פון דער באן זאָגנדיק, עס איז דיר צו ווארעם. מען האָט באַזייטיקט ווילהעלמס דענק־מאָל אין פויזן. וועגן דער אַרבעט פון טרויהענדער געווען אן אַרטיקל אין דער „לאָדזשער צייטונג”, אָנגעוויזן, אַז איינער גענומען הונדערט טויזנט מארק א יאָר. דעריבער וועריפיצירט אַלע טרויהענדער: א טייל סוחרים זיך באַמיט, אַז זייערע אייגענע אשכנזישע אָנגעשטעלטע זאָלן עס ווערן. די בדיקה אין זשיכלין קומט פאָר פאר ערלים אין צוג, פאר יהודים אין דרויסן. פון צייט צו צייט טרעפט, אז מען הייסט גיין. ביי די סטאַציעס, באַזונדערס ביי דער גרענעץ, נעמט מען צו ארבעט די אויסשטייגענדיקע. דאָס פראָבלעם פון אָנגעבן דאָס פאַרמעגן אם כן לא טוב, אם לאוו לא טוב[187]. די פאָלאקן [צום ביישפיל] פאר אזא פראָבלעם געפּאַסקנט אויף לא. טועה געווען ביים קלייבן מלבושים, קריסטן העלפן מיט גייען באַזוכן יהודים. א גרופע גלעזער גרייט צו דאָס גלאָז אויף שויבן. ווי אַזוי איז פאָרגעקומען די בדיקה ביים אלטן מאלערס פרוי באנאכט. געלאָזט אַליין די פרויען אין די נאכט־העמדער, געזוכט אין די קישנס, געוווסט, אז פרויען באַהאַלטן אין די מידערס. דאָס מאָראלישע פראָבלעם פון טראָגן און נישט טראָגן [בינדעס] סאָלידאַרישקייט, דער שונא באַשטראָפט פאַר טראָגן א שמוציקע בינדע. די קהלה געמאכט געדרוקטע בינדעס. לייכט אראָפּגעגאַנגען צוליבן רעגן, אַנדערע געהאָפטענע, אפילו זיידענע. קלאַסן־אונטערשיידן אויך דאָ, אנדערע: אויפגענייטער מגן־דוד אויף דעם. געמוזט טראָגן אויף דעם אויבערארבל, א נישט א שטראָף. קאָמבינאַציעס מיט טעטשקעס אויף נישט צו זען. געמישטע גזעלשאַפטן פלעגן אַריינפאלן — — טראָגט דעם רויטן קרייץ געהערט נישט צו אים. די דאָזיקע אינ־סטיטוציע א גוטער ווילן אָבער אַלץ פארפלאָמבירט, קיין שום דעה. גאָרנישט געטון. דער לאנגער מיכאל[188] רוקט אַמאָל אַרויף דעם רויטן קרייץ אויפן מגן־דוד און אַמאָל אראָפּ, אָפּהענגיק פון דער סיטואַציע.

187) אָנגעבן איז שלעכט, נישט אָנגעבן איז אויך נישט גוט.

188) ד"ר מיכאל ווייכערט.

דאָס גרינע בענדל [189] געהאָלפן אין איין פאַל אויף פאַרקלענערן דאָס צו־געלקחנטע פעקל פון א גרויסער ביז א קליינער וואליזקע [189א]. דעם שליסקער ליטעראטס [190] זון, א יינגל פון 17 יאָר, געיאָגט מיט הינט בשעת דער אַרבעט, געשלאָגן. דער ראש געשלאָגן דעם שלעגער, געבראַכט א מיטאָג. די פוילישע אינטעליגענץ פאַרנעמט זיך מיט האַנדל, מיט פאַרמיטלונג, רעטן [?] ייד[ישע] מעבל, מיט שמוגל, פאַראַן ביי זיי שטי־מונגען וועגן דעם, אַז מאָרגן, איבערמאָרגן נעמט א סוף צום גאַנצן ענין. ייד[ישע] האַנטווערקער צענעמען די מאַשינען מחמת מורא און שוסטעריי איבערגעגאַנגען צוליב דעם צו האַנטאַרבעט. די קריסטן קויפן אויף די גאַנצע סחורה און אויך די גאַנצע אַרבעט. פון לובלין געקומען פון ועד אין באַגלייטונג פון יענע, באַזאָרגט א וואָגאָן פאַר די פּראָדוקטן. לויט די ידיעות פון דער פּראָווינץ אין יעדער שטאָט פאַראַן אַזעלכע וואָס באַזאָרגן די שררות מיט אַלעם נויטיקן: איינער מיט לעבענסמיטל, א צווייטער מיט מלבושים וכדומה. אין שעדלעץ געהייסן א יידן פאַריכטן זיין הויז, אַריינשטעלן שויבן און איבערגעבן אַן אשכנז.

אין טאָמאַשאָוו מאז[אָוויעצק]האָט דער ראש דערקלערט, אַז אויב יהודים וועלן אין משך פון 3 חדשים נישט פאַרלאָזן די שטאָט וועט מען זיי משלח זיין. באַגעגנט אויפן גאַס יענע: אַרויסגעשריגן לאָמיר גיך אַנטלויפן, ווייל מען וועט אייך נעמען צו דער אַרבעט. געקומען דערשראָקן אַ היים. פאַרשפּרייט א קלאַנג, אַז ד״ר שוואַרצבאַרד און ליבערמאַן [190א] אַריין אין דער פוילישער רעגירונג. „בילע דאָ וויאָסני״ [191]. דאָס שלאָגוואָרט פון אַלע. דער דאָלאַר שטייט היינט דעם ניינטן יאנואר אויף דער שוואַר־צער בערזע הונדערט און פערציק זל.

העלפט יאַנואַר 1940.

האָט געענטפערט זאָרגט נישט — קאָנטריבוציע — די אויסוואַנדע־רונג הויבט אָן פאַ — — נישט דערלויבט א ייד צו צאָלן פערזענלעכע שטייערן פון — — האָט באַטראָפן ביי הונדערט טויזנט זל. דאָס נעמען 5 העמדער און באַצאָלן 5 זל. — — שטייגערונג פון יקרות אין ווארשע צוליב דער גרויסער צאָל פליטים. ווארשע ווערט באַטראַכט דורך זיי פאַר א גן־עדן — מען שערט זיך צו די בערד און פאַרקלענערט זיי צו א מינימום. די יידישע קליידונג — — אויף מילע גאַס נישט אַדורכצוגיין,

189) „גרינע בענדל״, ווארשעווער געמיינט די שמאַטע־קליבער, וואָס האָבן געהאַט רעכט פריי צו באַוועגן זיך.

189א) אַן אומלעזבארער זאַץ.

190) דוד צייטלין, זון פון אלחנן, און אייניקל פון הלל.

190א) איגנאַצי (יצחק) שוואַרצבאַרד (1887—1960), ציוניסטישער טוער פון גאַנ. סיים־דעפּוטאַט; הערמאַן ליבערמאַן — פירער פון פּ. פּ. ס. פון אָפּשטאַם א ייד.

191) פויליש: אבי נאָר ביז פרילינג.

אויף די הויפּט־גאַסן אויפגעהערט דער [האַנדל]. אויף דער פּוילישער עקזיסטירט ווייטער הגם פאַרבאָטן פון גאַסן־האַנדל. פירמא כּושעשציאַנסקא — — ארישעס געשעפט: ביי בליקלען: [192] „יידן זינד אונערוויננטשט". יידן טאָרן נישט גיין אין דער צענטראַלער פּאָסט [?] — — גיין צו פּאָסט אויף זאַמענהאָפאַ — שווערע קאָמוניקאַציע — באַנען גייען אָפּ — — פאַרשפּעטיקונג, אָפּט לאסט וואַגאָנען שטאָט פּערזאָנען וואַגאָנען. יידן גייען — זיצט אין שטוב — דאָס אָפּשליסן גאַנצע קוואַרטאַלן, געזען פּלאַקאַטן וועגן—נישט געקוקט אויף דער זוייכע געפאַר א סך שומרים אין יידישע גאַסן. אומגליקספאַלן צוליבן איינלייגן [?] פון — — אויף רינקאָווא אויף גראַניטשנא — קלאַנגען וועגן אַרויספירן 10 טויזנט ייד[ישע] אינטעליגענץ פון וואַרשע. כּסדרדיקע ברייוו פון מענדעלסאָן, אז דער זיידע איז געשטאָרבן — הלמאי נישט געווען אויף דער שמחה. נאָקאַל אין ווליזיץ — כּאָקאַל [?] געהערט וועגן וי״ ודוי פון א. ב. ר.־ישן סטודענט וואָס האָט דערקלערט אַז ער וויל זיך גיין אַנטשולדיקן פאַר יעדן ייד צוליבן חטא וואָס ער האָט באַגאַנגען פאַר זיי. געזען ווי פאַלש עס איז געווען זיין ביז איצטיקע האַנדלונג. שליווינסקי [193] געפאָרן קיין קראָקע וועגן שאַפן א „ראַדא אָפּיעקונטשאַ" [194], וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט זעלבסט הילף אין — געפירט און געוויזן אַלע נישט גוטע ווינטונגען — — פון יידן — — עמיגר. נישט אונטערגעשריבן די פּאַספּאָרט ביכל.

17, 19, 20 יאַנואַר 1940.

ליבער טאַטע!

אויפגעקומען לעצטנס אינטערעסאַנטע טיפּן. יונגע עסקנים, נישט עלטער פון דרייסיק, פינף און דרייסיק — — איינגאַנצן אומבאַקאַנט פאַר דער מלחמה, געבליבן דעמלט ווען אַלע זענען אַוועק. גייען אויף אוואַנטורעס. קענען איינשטעלן באַציונגען מיט יענע, שוחד און אויסקויף פון יענע. פאַרדינען דערביי אויך נישקשה. ערלעך לגבי יידן און טוען טובות פאַר יידן. רינגלען זיך אַרום מיט דרייסטע יונגע חברה — [ספּאָרט לייט וכדומה]. העלפן אָרעמע, שטעלן אַוועק סאָציאַלע הילף אויף א ברייטן מאַסשטאַב, באַשטייערן באַדייטנד די רייכע, זיי נעמען ביי זיי צו זהב וכסף. מאַכן רעזערוון אַלץ טאָמער וועט מען דאַרפן האָבן. באַזאָרגט די אָרעמע בשעת דער אויסווייזונג מיט די בעסטע [?] וואַרעמע מלבושים. דערויף גענומען געלט פון רייכע, וועלכע מען האָט אַריינגשטעלט אויף דער רשימה פון די אויסגעוויזענע. גענומען ביי זיי צו טעלעכע טויזנט גילדן. די יידן ווערן דאָרט נישט געכאַפּט צו דער אַרבעט. נעמט אַרום די גאַנצע

---

192) פּוילישע פירמע אין וואַרשע.

193) ארטור שליווינסקי (1877—1952), באַקאַנטער פּאָליטיקער און היסטאָריקער.

194) „ראַט פאַר סאָציאַלער שוץ", שפּעטער זיך פאַרוואַנדלט אין (R.G.O.) Rada Główna Opiekuńcza

געגנט. האָט אַ רעכט צו מאַכן ווייטע נסיעות. אַרויסבאַקומען א פּאַפּירל וועגן ברענגען לייבן און איזאַקן[195]. פון ווארשע אין צוזאמענהאנג מיטן בעפאָרשטייענדן גירוש פון יענער געגנט. פאַרן אפרופן דעם ערשטן גירוש נתנו צוועלף ריבות זהב ומיפורשים כסף[196]. וואָס וועט זיין מיט אים נאָכן שלוס פון דער מלחמה? אָדער וואָס וועט אויסוואקסן, ווערן א גרויסער עסקן אָדער ער וועט ווערן א גרויסער מענטש ווי פריער.

געוועזן שכנא [?] תלמודיסט, פויל[ישער] אינזשיניער, לויפער באָרדמאַן פאַרציילט, אז אים פאָרגעלייגט בויונגס סיאקל [?] צו נעמען אויף זיך דאָרט אָרגאַניזירן די איבערזידלונג פון יידן פון ווארשע און פון דריי אָקופּירטע געביטן אין רעזערוואט. אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער טעכנישער אוממעגלעכקייט פון לאָזן אין באַוועגונג דריי מיליאָן יידן און דריי מיליאָן פּאָלאקן. די קאָמוניקאציע שוועריקייט, די סומע פון מיליארדן זל., וואָס איז דערויף נויטיק. די נויטווענדיקייט פון שאַפן א גאַנצע מלוכה, ד. ה. איבערשיכטן און שאַפן א שיכט פון יידישע לאַנדווירטן, די נויטווענדיקייט פון אויפבויען הייזער. דאָס איז נישט געווונטשן אין די צייטן פון מלחמה, וואָס וועט אַרויסרופן א שנאה צו זיי, וואָס קען זיין געפערלעך. עס וועט נישט דערגרייכט ווערן דער ציל פון פאכמענישער צוזאמענאַרבעט פון פעלקער. מען דאַרף נישט זאָגן, אז דאָס איז אוממעגלעך. מסכים, אָבער פאראן די און די שוועריקייטן. מ'טאָר נישט ענטפערן איך אקצעפּטיר: פּראָלאָנגירן, ער וועט פאָרשן. באַרעכענען. יידן טאָרן נישט צולייגן א האַנט צו אזא קאטאסטראָפע. פאררופן זיך אויפן ביישפיל פון גריכענלאַנד ווען מיט דער הילף פון אַנדערע מלוכות. געצעגערט עטלעכע יאַר, געוועזן [א] פאָרשלאג פון ריימיל [?] וועגן פאָרלייגן צו רופן א צוזאמענפאָר פון קהלות וועגן דער פראַגע. אָנגעוויזן אויף דער געפערלעכקייט פון דעם פּראָיעקט, ער דאַרף פאָרשן, באַרעכענען, א צייט צו פאָרשן די לאַגע אין לובלינער געגנט וכדומה.

באַרירט אויך א צווייטע פראַגע: די אויסווייזונג פון הונדערט פופציק טויזנט יידן פון סאָסנאָוויץ, בענדין, קאַטאָוויץ, ציעשין (טויזנט צווייהונדערט נפשות), זאַווירציע[197]. דער פאָרשלאַג נעמט זיך דערפון, וואָס דער דזשאָינט וועט געהאָלפן יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך, פאָרגעלייגט צו נעמען אויף זיך די אָרגאַניזירונג פון דער איבערוואנדערונג. א גרויסער טייל יידן נישט געמאָלדן אין די דאָזיקע שטעט. אין סאָסנאָוויעץ פינף און פופציק טויזנט יידן. צוגעזאָגט צו העלפן משתדל זיין וועגן אָפּשאפן

---

195) ווארשעווינלעך געמיינט ברענגען קיין ווארשע לייב נייסטאַט און יצחק גוטערמאַן, די דירעקטאָרן פון „דזשאָינט“ אין פּוילן.

196) ווארשעווינלעך געגעבן גאָלד און אויסגערעכנט אין געלט.

197) אין דער צייט פון 20 — 27 אָקטאָבער 1939 האָבן די דייטשע מאכטאָרגאַנען אַרויסגעפירט 2 טראַנספּאָרטן, אַן ערך 2 טויזנט יידן פון שלעזיע (קאַטאָוויץ, סאָסנאָוויעץ, כאָזשוו, ביעלסקאָ־ביאַלא, סקאָטשאָוו א. א.) קיין ניסקאָ ביים סאַן. פון דאָרט האָבן די ס.ס.־לייט געטריבן די יידן ביז דער גרענעץ און געצוואונגען אַריבערצוגיין אויף דער סאָוויעטישער זייט.

די פּאַראָרדענונג און העלפן דערצו. אויב דאָס וועט נישט געלונגען, וועט ער אָרגאַניזירן די אויסוואַנדערונג. די יידן דאַרפן גיין אין קראָקעווער געגנט. מ׳שיקט אַהין אַריין, אָבער די בירגערמייסטערס ווייסן גאָרנישט וועגן דער פּאַראָרדענונג. די צאָל נעמט אַרום אַלע יידן. עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן א פּלאַן פון אויסוואַנדערונג, וואָס דאַרף געדויערן 5 חדשים צו טויזנט, טויזנט פינף הונדערט יידן א טאָג. אויף זייער אָרט דאַרפן קומען יענע. פּאַרציילט, אַז פריער ווען געהאַלטן ביי א גירוש, פּאָרגעלייגט צו געבן 4 טויזנט וווינונגען פון יידן אין קאַטאָוויץ. יענע ווילן נישט. האָבן מורא אין גובערניע. אָנהייב יאַנואַר געווען די סכנה פון גירוש פון ציעשין און ווארשע, [?] אָפּגערופן. ער פאָרט קיין מענדעלסאָן[198] צו פועלן דאָס אָפּרופן.

די סאָוו[יעטישע] קאָמיסיע נעמט נישט אָן קיין יידן. א פרוי געוווינט אין אויגוסט אין לעמבערג, אליין געבליבן מיט א קינד, שטאַמט פון דאָרט, האָט דאָרט עלטערן, געהייסן שרייבן קיין דאַנציק. זייער לאַנגע רייזן, שווער אָנצוקומען. די סוחרים געבן זיך א עצה. מען גיט ארויס סחורה אין קאָמיס צו די געוויינלעכע קונים־קריסטן און אין געוועלב בלייבן ליידיקע פּאָליצעס. אָפּגעשאַפן די בוכהאַלטעריע, ווייל געבליבן וויפל צוגענומען פון לאַגער און וויפל געבליבן. נאָכגעפרעגט זיך אָפיציעל — — און באַקומען די אויביקע תשובה, בלויז צעטיילטע משפחות דאַרפן אָפּגעבן בקשות צום דאַנציקער קאָנסולאַט. אַריינגעלייגט אין דער קאַזעטקע און זיך אויף דעם קרבן געזעצט. אין דעם געפאַנגענלאַגער ווערט געשריבן „דער הונט ב.נ..״ דער דאָלאַר שטייט היינט, דעם זיבעצטן יאַנואַר 220 זל. דאָס שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער בעפאָרשטייענדיקער פאַראָרדנונג וועגן אָפּשטעמפּלען דאָס פּוי[לישע] געלט. סאָ. באַקומען א בריוועלע פון מענדעלען, אז מען טאָר נישט „בעטרייען״ איי [?].

געזען א כתב, אז מ. [ערין] האָט רעכט צו נאָמינירן יידן פּאַרוואַלטערס אין קאַטאָוויצער קרייז. לאָזן פאַרהאַפטן די ווידערשפּעניקע, באַוועגן זיך טאָג און נאַכט, באַזיצן צוואַנציק טויזנט זלאָטעס. צופאַרעפנטלעכן זיינע פּאַראָרדנונגען אויף די ווענט. די מעשה מיט די עמיגראַציעדעקלאַראַציעס אין דער פּראָווינץ קיין רוסלאַנד, א פּראָוואָקאַציע, וואָס האָט פאַר א ציל צו לאָזן אין באַוועגונג גרופּן יידן אין דערנאָך זיי פאַרטרייבן אויף יענער זייט. מען נעמט צו ביי קינדער פון 10 יאָר צוקערלעך. מען זאָגט, אַז די אַרבעטערפליכט זיין חל אויך אויף די פּאָלאַקן. אין בידגאָשטש טאָרן די פּאָלאַקן נישט גיין אויפן טראָטואַר. ארויסגיין מחוץ דער שטאָט. אָנגעהויבן זיך אויסווייזונגען פון פּאָלאַקן אין שליעזיען — — יידן דערוואַרטעט — — הויז בלאָקן, פון זייערע וווינונגען. אויף איין גאַס גיט מען מער צייט אַרויסצונעמען די זאכן. אויף דער צווייטער ערלויבט מען מיטצונעמען בלויז דעם פּלעצאַק, דערביי האָט מען נישט

---

198) אין מענדעלסאָנס שטאָט ה. ה. קיין בערלין.

ערלויבט מיטצונעמען אין דעם פּלעצאַק א לעדערנע טאָרבע, אַלס אַ לוקסוס אַרטיקל. יידן פאַרקויפן די רעשט סחורה, פון וועלכע זיי „באַגנבענען" זייערע געשעפטן, מאַגאַזינען. עס זענען אויפגעקומען נייע סוחרים. די פאַראָרדנונג וועגן טוישן הונדערטערס און פינפהונדערטערס וועט גורם זיין די פאַרקלענערונג פון יקרות[199]. מ'זאָגט [?] אַז די פאַראָרדנונג וועגן האַנדל דראָט מיט טויטשטראָף — — פאַרקויפן זיי. וווכער פּרייזן. סיי די וואָס קויפן עס. די מורא פאַר אויסשטעלן זיך אין די רייען ביי די בענק. פאַר א סומע פון פינף הונדערט זל. קען מען ווערן באַפרייט צו טראָגן די בינדע. פאַר נישט טראָגן נעכטן פאַרהאַפטעט אויף פיר טעג.

די פּלעניקעס, וואָס זענען געפאָרן קיין אָסט־פּרייסן, האָט מען אַראָפּגענומען די שטיוול, געפאָרן אין דינע זומערדיקע מלבושים. די וואָס זענען פאַרפאָרן קיין וולאָדאַווע הרבה נהרגו ומעט נצלו, מאתיים נשארו. די פאַראָרדנונג וועגן טוישן די הונדערטער און פינף הונדערטער אַרויסגערופן א גרויסע מהומה. פאַר טוישן א הונדערטער געצאָלט 15 פּראָצענט און מער. א טייל האָבן אויפגעקויפט די פינף־הונדערטער און געצאָלט פאַר זיי פינפהונדערט פּופּצן. אַנטדעקט א טעראָריסטישע חברה מיט א משומד מיעטשיסלאַוו קאָט בראש. איינגעשבנט הונדערט אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, אינזשעניערן (בראַנסקי, וואהל); די קהלה מוז אין משך פון 48 שעה אַרויסגעפינען דעם אָנפירער (אַנשטיפטער) פון דער חברה[200].

(דער ביינצענטער יאַנואַר). פאַרעפנטלעכט היינט א פּלאַקאַט וועגן קאַזימיעזש אַנדזשעי קאָט, פאַר וועלכן מען גיט 2 טויזנט זל. אויב מען וועט אים כאַפּן אָדער אָנווייזן ווו מען קען אים כאַפּן. ער ווערט באַשולדיקט אין א פּרווו פון א מאָרד. קאָט איז א משומד. ביי 17 יאָר האָט ער זיך געשמדט אויס איבערצייגונג אַלס אַסימילאַטאָר. מען זאָגט, אַז מען האָט

---

[199] לויט דער פאַראָרדענונג פון גענעראַל־גובערנאַטאָר פון 10 יאַנואַר 1940 האָט מען קודם־כל די פוילישע באַנקנאָטן פון 100 זל. און 500 זל. געדאַרפט געבן צום אָפּשטעמפּלען אין באַנק פּאָלסקי. דעם 29 יאַנואַר האָט מען מודיע געווען, אַז די באַנקנאָטן צו 100 זל. ווערן אָפּגעשטעמפּלט און זיי וועלן פון 1 פעברואַר זיין דאָס לעגאַלע מיטל אין ג' ג'. דעם 17 מערץ איז דערשינען א פאַראָרדענונג וועגן שאַפן די עמיסיע־באַנק און אז פון 8 אַפּריל וועלן די באַנקנאָטן פון דער באַנק עמיסיני צו 500, 100 50, 20, 5, 2 און איין זלאָטי זיין דאָס איינציקע רעכטלעכע צאָלונגס־מיטל.

[200] יאַנואַר 1940 האָט די דייטשישע פּאָליציי אַרעסטירט א געוויסן אַנדזשעי קאָט פאַר אָרגאַניזירן אן אונטערערדישע ווידערשטאַנד־גרופּע. דעם באַשולדיקטן איז געלונגען צו אַנטלויפן. די פּאָליציי האָט צוליב דעם אַרעסטירט א צוויי הונדערט מענטשן, דערונטער 100 יידן כלומרשט צוליב דעם, וואָס קאָט איז געווען פון יידישער אָפּשטאַמונג. צווישן זיי האָבן זיך געפונען די אַדוואָקאַטן בענקיעל, בריאַנסקי און ביאַלער (ד"ר באַלאַבאַנס איידעם). וועגן די אַרעסטירטע זיינען קיין שום ידיעות נישט אָנגעקומען. וואַרשיינלעך זיינען זיי אַלע דערשאָסן געוואָרן. וועגן קאָטן האָט מען געשמועסט, אַז אים איז געלונגען צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. אין אַרכיוו פון יה"א געפינט זיך א רשימה פון עטלעכע צענדליק אַרעסטירטע אין צוזאַמענהאַנג מיטן ענין קאָט.

אויפגעדעקט א פאַרזאמלונג פון פ.פ.ס. קאַט איז אַנטלאָפן מיט דער היג־טערטיר. מען זאָגט, אַז מען האָט אָרגאַניזירט א באַמבן־אַטענטאַט אויף א דייטשן גאַרניזאָן אויף פּאָווישליע[201]. מיט איין וואָרט פאַרשידענע קלאַנגען.

היינט דעם 20־טן איז פאַרשפּרייט געוואָרן א ידיעה וועגן א טויט אורטייל אויף 26 מאן [?] דערפון 5 קריסטן. די פאַרמשפּטע זענען פאַר־שיקט געוואָרן אין קלאַרווע [?].

היינט איז נישט געוועזן אין שטאָט קיין ברויט. די סיבה איז פאָלגנדע: מען פאָדערט אַז די בעקער זאָלן באַקן, פאַרקויפן צו ביליקן פּרייז, בשעת דער פּרייז פון מעל איז העכער. אויס מורא פאַר שטראָפן, פאַר פאַרקויפן פאַר א העכערן פּרייז האָבן די בעקערס נישט געבאַקט קיין ברויט. לאַנגע רייען פאַר די בעקערס, וואָס האָבן געבאַקן. נישט צו באַקומען קיין פּראָ־דוקטן אין די געוועלבער (צוקער). אין לאָדזש זענען באַגראָבן געוואָרן 13 יידישע פּלעניקעס. נישט צוגעלאָזט צו די יידישע וואַגאָנען קיין שפּייז פון רויטן קרייץ. א טייל אַרויסגעוואָרפן פון אָסטפּרייסן אָן מענטל אין אָפענע וואַגאָנען. אין וולאָדאַווע באַגראָבן 167 זעלנער. אין פּרייסן זיך דערנערט פון די אַביערקעס, אַזוי ווייניק עסן באַקומען. אויפן וועג באַקומען צו איין ברויט פאַר 5 זעלנער. דער וועג געדויערט פון מאָנטיק ביז פרייטיק. ביים פאָרן מיטן צוג מוז מען באַקומען אַן ענטלויזונגס־שיין. מיטן שנעל־צוג טאָרן נישט פאָרן יידן און נישט פּאָליאַקן, מען מוז באַקומען א ספּעציעלע דערלויבעניש[202].

28, 30 יאַנואַר 1940.

ליבער טאַטע!

נעכטן (אַכט און צוואַנציקסטן יאַנואַר) האָבן געהוליעט פּוילישע באַנדעס. מען האָט אַרויסגעשלעפּט מענטשן פון דראָזשקעס און זיי גע־שלאָגן מיט באַגייקעס אָדער „נא ביקא"[203]. מען האָט געשלאָגן אויף לעשנאָ, עלעקטאָראַלנא, אָרלא, קרולעווסקא, מאַרשאַלקאָווסקא א. א. מען האָט פאַרהתמעט דאָס געשעפט פון די ברידער יאַבלקאָווסקי און אַנדערע קריסטלעכע קראָמען אונטערן אויסרייד, אַז דאָרט זענען דאָ יידישע סחו־רות. די מעשה מיט די הונדערט טויזנט זלאָטעס פון דער קהלה קאָנטרי־בוציע איז פאָלגנדע: מען האָט געמאַכט א דעזינפעקציע אין א יידיש הויז. א משוגענע האָט געשלאָגן א סאַניטאַרין, א יעניקע, מען האָט דאָס הויז פאַרמאַכט. ערשט שפּעטער ווען מען האָט פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז א משוגענע, האָט מען באַפרייט די הויז־איינוווינער. ווען מען האָט פאַרציילט אין גן־עדן פון וולאָדאַווע וועגן דעם אויפן פון ממתן די הונ־

201) פּאָווישלע — אַ פּראָלעטאַרישע וווין־פערטל אין וואַרשע.

202) אַ פּאָרמעלער פאַרבאָט צו פאָרן מיט באַן האָט אַרויסגעגעבן דער גענ.־גובערנאַטאָר פראַנק דעם 26־טן יאַנואַר 1940.

203) „נאַ ביקא" — ד. ה. געשלאָגן מיט אַ נאַהייקע געמאַכט פון אָקסן־פּעל.

דערט זעכציק [204], האָט דער שררה צום סוף אַ פרעג געטאָן: און וואָס איז מיט אַ צוואַנציק מצות [?].

הײַנט דעם דרײַסיקסטן איבערגעלעבט אַ שווערן טאָג. אין זאַקסישן גאָרטן האָבן אַ באַנדע פּוילישע כוליגאַנעס פון 14 ביז 15 יאָר דערזען מיך מיט אַ בינדע: איך האָב קוים אַ לעבעדיקער באַוויזן פון זיי צו אַנטלויפן. דער וועג איז געווען לײַדיק. נישט געווען כמעט קיין מענטשן. די משוגענע קריסטן [זי זאָל זײַן אַ רוסין] ווילדעוועט נאָך אַלץ איבער דער מאַרשאַלקאָווסקאַ גאַס. זי לויפט אַרום בראש מיט אַ חברה יונגוואַרג. זי פּאַלט אָן פּלוצים און שלאָגט זייער שטאַרק. נעכטן געווען שווער פּאַרוונדעטע פון די כוליגאַנישע אָנפאַלן. בײַ איינעם צוגענומען אַ פּאַלטן, בײַ מיר געוואָלט צונעמען דעם הוט, אַ דאַנק מײַנע שנעלע פיס (די חברה האָט מיך גערופן קוסאָטשינסקי) [205], געלונגען צו אַנטלויפן. געווען הײַנט בײַ מיר צוויי פּוילישע פרויען פון געזונדהייטס־אָפּטיילונג פון מאַגיסטראַט וועגן אַרבעט פאַר זייער יידישער אָפּגעזאָגטער חברטע די „באַבטשע" (ראַדלינסקאַ) [206]. גלויבט, אַז צוליב דעם, וואָס אין לעבן זענען פאָרגעקומען טיפע ענדערונגען, וועט דאָס נײַע פּוילן זײַן אַ גאַנץ אַנדערס, אַ שענערס, אַ בעסערס. די אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן זענען פון עמעצן געמאַכט. עס באַטייליקן זיך אין זיי די יונגע נײַנצן יאָריקע חברהניקעס. מען האָט מורא צו ענטפערן הגם אין אַ טייל ערטער ענטפערט מען (קאַרמעליצקע). איינער פון יענע אָנגעפירט מיט אַ באַנדע, וואָס האָט נעכטן געשלאָגן אויף רעכטס און לינקס.

מען איז זייער באַוואָרויקט מיט די אַרבעטס־לאַגערן. די קהלה וועט פון דריטן [פעבער] אַדורכפירן רעגיסטראַציע פון אַלע [פון] 12 יאָר אָן. די מאַטעריאַלן וועלן איבערגעגעבן ווערן דעם מאַגיסטראַט. עס וועלן זײַן זעקס גרופן, וועלכע וועלן אַרבעטן, פינף אין פּוילן און די זעקסטע אין מזרח־פּרייסן. פינף גרופן וועלן אַרבעטן בײַ דער רעגולאַציע פון דער ווייסל. מען פאַרציילט כסדר וועגן דעם, אַז שיקאָרסקי [207] זאָל דורכן ראַדיאָ האָבן דערקלערט, אַז מען זאָל נישט טוישן די הונדערטער און פינף־הונדערטער, ווייל זיי וועלן האָבן זייער ווערט [208]. אין לאָדזש איז לויט דער „לאָדזשער צײַטונג" פון אייערנעכטן דאָ אויף יעדער יידישער וווינונג אַ געלער מגן־דוד.

---

204) דער פאַקט באַשטעטיקט זיך אויפן סמך פון ג"ע פון לעבן־געבליבענע. אין דעצעמבער 1939 זענען לעבן דער סטאַציע בוג וולאָדאַווסקי דערהרגעט געוואָרן 120 יידן.

205) אַ באַקאַנטער פּוילישער ספּאָרטלער, טשעמפּיאָן פון לאַנגע דיסטאַנסן.

206) העלענאַ ראַדלינסקאַ (1876 — 1954), פּעדאַגאָג, געזעלשאַפטלעכער טוער, פּובליציסט. זי האָט אין 1925 געגרינדעט די פרייע פּוילישע הויך־שול (ווּשעכניצע), אַ סטודיע פאַר געזעלשאַפטלעכער בילדונג.

207) וולאַדיסלאַוו שיקאָרסקי (1881 — 1943), גענעראַל, פּאָליטיקער, פּרעמיער פון דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין די יאָרן 1939 — 1943.

208) זע הערה 199.

אין גאס רעדט מען וועגן די קוועקערס. מען באַרעכנט שוין די דאָ־לאַרן, וועלכע זיי וועלן ברענגען. ביים רייניקן דעם שני זענען באשעפטיקט דורך דער קהלה טויזנטער מענטשן. זייער צאָל דערגייט ביז צען טויזנט. זיי באַקומען דריי זל. א טאָג. עס טרעפט אָבער, אַז מאנכע גלעטן דעם שני. געווען א פאל איינעם געכאַפּט צו דער אַרבעט פון טראָגן קוילן. באַקומען עטלעכע גרויסע שטיק פון די דאָזיקע „ברילִיאנטן".

די מורא צו זיין אָרדענטלעך. געקומען פינף ראשים אין א וווינונג, גענומען פארשיידענע זאכן און שפּעטער זיי אַריינגעלייגט אין וואַליזעס. די משפּחה־מיטגלידער געבעטן צו לאָזן דאָס און יענץ. מסכים געווען, אָבער געבעטן שא, שטיל, אָבער שנעלער, אַנדערע זאָלן נישט זען. דאָק־טוירים געזוכט מיקראָסקאָפּן ביי א יידישן דאָקטאָר אָנגעמאַכט א חורבן אין דער וווינונג. געווען פאלן ווען גענומען פון ביבליאָטעקן פון יידישע דאָקטוירים איינצעלנע ביכער. רעפּרעסיעס קעגן א דרוקער, הלמאי גע־דרוקט אַנטי[פאשיסטישע] ליטע[ראטור] פאר דער מלחמה.

1, 2 פעברואַר 1940

מיינע ליבע!

היינט דעם ערשטן פעברואַר געהערט פאָלגנדע מעשה פון זשעשאָוו. דאָרט זענען די באַציונגען גוטע — — אָבער יענע וואָך נישט צוגעשטעלט, אַנשטאָט הונדערט צוואנציק בלויז הונדערט צען מענטשן. גענומען די יידישע עלטעסטע און זיי אויסגעשאָסן אינמיטן מאַרק[209]. די שררות געווען בייז אויף דעם חייל, דער דאָזיקער דואליזם קענטיק אין א סך פאלן פון יידישן לעבן אין פוילן. אין לאָדזש ווערן, לויט די לאָדזשער צייטונגען, די טראנספּאָרטן איבערגעגעבן דעם יודן־ראט[210]. דער עולם איז ווייטער אבסאָרבירט מיט דער רעגיסטראַציע[211]. מען פארגלייכט עס צו פיתום און רעמסס. מען וועט פאָרן אָנקוקן וואָס די יידן האָבן געבויט. יידן זאָלן בויען דעם קאַנאַל באַלטיק — דאָס שוואַרצע ים. די [מאַפּערס] נעמען שוין איצט נאָר לאָקשן[212]. קליינע דאָלערס געהאַלטן איבערהונדערט לעצטנס ווידער געשטיגן. דער פּרייז פון חרות — — געשטיגן: צוויי, דריי אלפים, איצט פינף און מער — — עס זענען דאָ בלויז צוויי אנשי חירות פארלאנגען זיי הרבה. איינער פון די אנשי חירות — פון ווין אן איבער־געטויענער, מען זאָגט, אַז די לעצטנס איינגעשיבנטע אַריינגעשיקט קיין

---

209) די ידיעה באַשטעטיקט זיך נישט אין אונדזערע דאָקומענטן.

210) געמיינט, אַז דער „יודנעלטעסטער" רומקאָווסקי און זיין בייראט פאַר־נעמט זיך מיטן אַרויסשיקן יידן פון לאָדזש.

211) רעגיסטראַציע פון אַרבעטספעיקע יידן פון 12 ביזן 60 לעבנס־יאָר. לויט דער פאַראָרדענונג פון גובערנאַטאָר פראַנק פון 26 אָקט. 1939 און אויס־פיר־פאַראָרדענונגען פון העכערן ס. ס. און פּאָליציי־פירער קריגער פון 11 און 12 דעצעמבער.

212) דאָלאַרן.

מאָדלין. „אַ פינצטער לעבן”, האָט מיר געזאָגט אַ ייד אויף קאַרמעליצקאַ גאַס, ווייל ביז היינט נישטאָ קיין באַלייכטונג. בכלל אויף די יידישע גאַסן שטאַרק פינצטער. מען גייט דורך דער קיכן־טיר, דאָס איז דער סימבאָל [?] פון דער לעצטער צייט. ביים עולם זיך פאַרשפרייט אַ קלאַנג, אַז עס איז אָנגעקומען פון אַמעריקע מעל אויף מצות. די אָנפאַלן אויף יידן קומען פאָר אויף פאַרשיידענע גאַסן: כלאָדנאַ, זשעלאַזנע. די אָנפאַלן זענען פאַרבונדן מיט רויבערייען. דעם הויכן פרייז פון חירות (אד. שאמעק) האָט מיר דער „העלד” מאָטיווירט דערמיט, אַז מען דערלויבט נישט אַדורכצוקוקן די כתבים פון די איינגעישבנטע. דאָס אַליין איז דער מחיר חמשה מאות זהובים.

די פראַגע פון אַרבעטס־לאַגערן גייט, נישט אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדענונג. עס זענען שוין דאָ געלע צעטלעך מיט אַ גרויסן „ייד” פאַר 5 גראָשן, וועלכע ווערן פאַרקויפט אין גאַס צו 10 גראָשן[213]. קינדער ריידן צווישן זיך אַזוי (לויט דער רעלאַציע פון אורי[214]): די עלטערע וועט מען דערשיסן, די מיטעלע אין די לאַגערן און די יונגע וועט מען אויסשמדן און צעטיילן צווישן די קריסטלעכע פאַמיליעס. פאַראַן פאַרשיידענע אויסוועגן. אַ טייל וויל אַרויספאָרן פון וו[ארשע] אין די שטעט פון רייך, ווו קיין אַרבעטס־לאַגערן זענען נישטאָ. אַנדערע ווילן זיך נישט מעלדן, אַנדערע גלויבן, אַז עס איז נישט אַזוי טראַגיש.

היינט דעם צווייטן פעברואַר אַרויס אַ געזעץ וועגן אָנמעלדן דורך אַלע יידן די פאַרמעגנס[215]. מען זעט אין דעם אַ נייעם פרווו צוצונעמען דעם רעשט פאַרמעגנס. מיין באַגעגעניש און שימעקס[216] מיטן דאָקטאָר, וואָס רעדט יידיש און אַ ביסל העברעיש (אין כל חדש תחת השמש). אויסגעלערנט זיך בשעת דער לעצטער וועלט־מלחמה פון זיין יידישן פריזירער. ווען מינקאָווסקי[217] האָט אים אויף לחיים געענטפערט מיט לחיים, האָט ער אים אויפמערקזאַם געמאַכט — לחיים טובים ולשלום. עלעגאַנטער לעבע־מענטש, פריילעך און לעבנסלוסטיק. — —.

לאַסאַל (היסטאָרישע שריפטן, אַרב. ב. III, 735) האָט בשעת דעם דמשקר פאָגראָם געשריבן: „דער צעטרעטענער וואָרעם צאַפּלט זיך אויך. און דו (יידיש פאָלק) בייגסט זיך איין נאָך נידעריקער”.

די וואַרשעווער יידן ענטפערן די קריסטלעכע כוליגאַנעס אויף די ייד[ישע] גאַסן מיט קלעפּ, הגם דער ביישפּיל נאַלעווקי 9 באַווייזט, אַז דאָס אָנרירן אַ קריסט קען גורם זיין שווערע פאָלגן. ידיעות וועגן אַ

---

213) געמיינט אַפּנים די רעגיסטראַציע־צעטלען.

214) זע הערה 26.

215) געמיינט די פאַראָרדענונג פון 24 יאַנואַר 1940 (פאַראָרדנונגס־בלאַט פון ג. ג. 1940 I, ז' 31).

216) שמעון (שימעק) לובעלסקי.

217) געמיינט ד"ר ישראל מילייקאָווסקי, באַקאַנטן כלל־טוער, לייטער פון געזונטהייטס־אָפּטיילונג אין וואַרשעווער געטאָ.

שלום־מאכעריי אין דער צאַפּ־געגנט [218]. נהרגו המנהלים של הפבריק של אפר און — כולם אַשר באו שם יושבים [218א]. — ארויפגעלייגט מיט אייני־קע וואָכן צוריק די מעלדונגס־פליכט אויף דער וואַרש[עווער] קהלה.

געמאַכט א סוף צו גערטנערן [219]. די קעלנער האָבן געמוזט אַרויס־טראָגן דאָס געשיר, די איינריכטונג א. א. זאכן. אין דער פּרי' קען מען זען יידישע אָפּטיילונגען אונטער דער אָנפירונג פון א סעקציע [220] מאַרשירן צו דער אַרבעט. פאַר יעדן' נישט געלונגענעם אָדער נישט שנעלן שריט — קלעפּ, אומאויפהערלעכע געשרייען. מען רעדט נישט, [נאָר] מען שרייט. דאָס איז אַזאַ סיסטעם. מען זאָגט, אַז דאָס שלאָגן און שרייען איז אויך אָנגעווענדעט לגבי יענע.

7, 8 פעברואַר 1940

ליבער טאַטע!

זיבעטער פעברואַר. דער איינטריט אויפן קראשינסקיס פּלאַץ אין א געוויסן פּונקט נעבן די געריכטן איז פאַר יידן פאַרבאָטן. יידן טאָרן נישט קומען אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק, וואָס איז געבויט געוואָרן דורך יידישע פילאַנטראָפּן. איינגעפירט [?] באַזונדערע וואַגאָנען פאַר יידן אין די קאָלייקעס.ביים אַרויסבאַקומען אן אנטלויזונגס־שיין — — יידן מוזן דאָס געבן ביים פאַרן מיט דער באַן (גילטיק [?] צען 'טעג) — — שבעה אלפים בעד וואָס יידן פון א הויז האָבן נישט געוואָלט גיין צו דיזענפעקציע. שרעקלעכע סצענעס אין די קינדער־קיכן. מען שערט אָפּ די האָר. אומרים שנהרגו רבות מאות של משוגעים. אין לאָדזש אַרויסגעגעבן ביים אָנהויב מלחמה בעלעס אויף סוף — — געהייסן די יידן דעקן די גאַנצע סומע. דעריבער האָבן א סך, וועלכע האָבן דעפּאָנירט געלטער אין דער באַנק ארויסגענומען דאָס געלט. אַנאַלאָגיעס צווישן די יידישע קהלות אַמאָל און היינט. די מעלדונגס־פליכט, דעקלאַראַציע־פליכט פון די יידישע פאַרמעג־גנס ביזן 1־טן מערץ אַרויסגערופן א גרויס אויפזען ביי דער יידישער באַפעלקערונג. אין וולאָצלאַוועק און אַנדערע פּראָווינצער שטעט געווען א טענדענץ אין אָנהויב פּטור צו ווערן פון זאכן, פון קראָמען. מען האָט געזוכט דעם נצרך. וואָס קינדער פאַרציילן: מען וועט די מיטעלע נעמען צו דער אַרבעט, די עלטערע וועט מען אויסשיסן, און די יונגע וועט מען

---

218) צ.אָ.פּ.־געגנט — פאַר דער מלחמה האָט מען דעם דרייעק צווישן ווייסל און סאַן אויסגעטיילט ווי אַ צענטראַלן אינדוסטריע־געביט. דעם דאָזיקן אָפּ־שניט האָט מען אויך באַטראַכט ווי אַ צענטער פון פאַרטיידיקונג (C.O.P.)
Centralny Okręg Przemysłowy

213א) עס זענען דערהרגעט געוואָרן די לייטערס פון אָפּערס [?] פאבריק. און אַלע, וואָס זענען דאָרט געקומען זיצן.

219) געוו. אייגנטימער פון אַ באַקאַנטן רעסטאָראַן אויף לעשנאָ 1.

220) אַן עלטסטער אין דער יידישער פּאָליציי אין וואַרשע.

אויסשמדן און צעטיילן צווישן קריסטלעכע פאַמיליעס. הסכום הגדול בעד מר שאיעלע [?] סטאַניסלאַוו. יש שאומרים שיושבים אנשים בדבר שיקחו פדיון[220א]. געכאַפּט געכטן און היינט פרויען צו אַרבעט. און דווקא אין קאַראַקולענע פּאַלטנס. מען הייסט זיי אויסווישן די פּאָדלאָגעס מיט די מייטקעס, דערנאָך מוזן זיי אָנטון די נאַסע מייטקעס. געשען מיט א צייט, אַז א — געכאַפּט איינציקע יידן צו שלעפּן אַן אָוטאָ, וואָס איז פאַר־שטעקט געוואָרן, דערנאָך געהייסן זיי אויסשטעלן זיך אין א ריי און זאָגן מזל־טוב. און נישט אויסדרייען זיך. געגאַנגען א לאַנגע צייט און נישט געוווסט, אַז קיינער גייט זיי נישט נאָך. אין דער צייט פון חורבן טראַכט מען וועגן קאָנסטרוקטיווער הילף, מען וויל נישט לעבן פון קצבה, מען לייגט פאָר פאַרשלאַגן וועגן — — די נייע פליטים לערנען זיך א פאַך. אויף שעניקעס אויף דער פּאָדלאָגע. אין דער וואַרשעווער ביבליאָטעק פון ביבעל אין דער ייפּעלסצווקן [?] פאַרגליכן די יידן צו א בלום, א פּאַראַזיטיקע, וואָס לעבט אויף יענעמס חשבון, דאָס איז ענגלאַנד און די יידן.

מיט האַרציקע גרוסן אייער פּיוויש.

א נייע פאַראָרדענונג. היינט דעם אכטן אין וואַרשעווער צייטונג פאַרעפנטלעכט א פאַראָרדענונג, אַז יידן טאָרן נישט פאָרן מיט די באַנען צוליב שמוגל און צוליב עפּידעמיע[221]. עס איז בויטיק א ספּעציעל דער־לויבעניש פון דער מאַכט. געכאַפּט אַן אַמעריקאַנער בירגערין, יידישקע צו דער אַרבעט, מיט קאַראַקולן געהייסן וואַשן די פּאָדלאָגע. אומגעקערט די שררות צען טויזנט זל. און דאָס זייגערל. היינט וויטער פאַרגעקומען אָנפאַלן פון פּוילישע כוליגאַנעס אויף יידן אין די גאַסן. געוועזן היינט איי־נער מיט א פאַרשלאַג יעדער ייד חמשה גראַם זהב בעד א רעפּרעזענטאַנץ האזרחי בעד חירות מעבודה.

9, 12, 13, 14 פעברואַר 1940

מיינע ליבע!

ניינטער פעברואַר. אין לוויוויטש האָט מען לעצטנס גענומען צו דער אַרבעט יידישע בעלי־מלאכות: שניידערס, שוסטערס א. א. פאַרשפּרייט זיך א קלאַנג, אַז אין דער נאָענטסטער צייט וועט פאָרקומען די רעגיס־טראַציע פון פרויען אין וואַרשע: פון 12 יאָר ביז 45. פרויען מיט קינדער ביז 12 יאָר זענען באַפרייט. — מען פירט מעבל פון יידישע הייזער פון אַלע גאַסן. מען נעמט צו דאָס מעבל פון אַלע יידישע אַדוואָקאַטן. מען קומט פריער און רעקווירירט, דערנאָך ווערט עס אַרויסגעפירט. פאַלן פון

220א) מען זאָגט, אַז מען האָט אַרעסטירט מענטשן, כדי צו נעמען פון זיי אויסקויפגעלט.

221) דאָס איז געווען אַ לאָקאַלע פאַראָרדענונג, זע הערה 202.

צונעמען ביי דאָקטוירים זייערע אַרבעטס־מכשירים. לעצטנס שטייען קריסטן אין דרויסן, מען נעמט יידן אַריין אין טויער און דערנאָך ליידיקן יענע אויס די קעשענעס. אַ גרויסן רושם די ידיעה וועגן לאָדזשער געטאָ[222]. מען מעג מיטנעמען נאָר אַזוי פיל, וויפל מען קען טראָגן. ווידער רעדט מען וועגן געטאָ אין וואַרשע. עס זאָל אַרומנעמען פּראַגע און אייניקע יידן[ישע] קאָמיסאַריאַטן[223]. מיט א קורצער צייט צוריק אַרויס א פאַראָרדענונג וועגן רעקוויזיציעס, וואָס גיט אויך אמטן און אינסטיטוציעס דאָס רעכט פון רעקוויזיציעס[224]. באַצאָלט געלט פאַר טראָגן א צעקנייטשטע בינדע און פאַר טראָגן א שמוציקע בינדע. אן אדוואָקאַט צוגעדעקט די בינדע מיט דער טעקע, אנגעטון אים דאָס פוטער פאַרדרייט און געהייסן אים אַזוי שפּאַצירן אין די גאַסן. די משוגענע פון מאַרשאַלקאָווסקא ווילדעוועט ווייטער, זי שלאָגט מיט א הענטשקע אונטער וועלכער זי טראָגט א שטיין. פאַר דער מלחמה געווען רירעוודיק בשעת [די] אַנטיסעמיטישע העצעס. די מעשה, אַז איר ברודער האָבן דערהרגעט די יידן אין גראָדנע; קיינמאָל נישט געהאַט קיין ברודער. — — א טייל פליטים זענען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רעגיסטראַציע אַרויסגעפאָרן אין דער פּראָווינץ. צו דער אַרבעט ווערן גערופן פוילישע אַרבעטלאָזע. זיי ווערן אַרויסגעשיקט קיין ד[ייטשלאַנד]. צוליב די פרעסט א גרויסער מאַנגל אין פעטס און קאַרטאָפל. די פרייזן זענען, נישט געקוקט אויף די רעפרעסיעס, נישט געפאַלן. עס קומען אָן א סך באַפרייטע קריגסגעפאַנגענע. שטאַרק געשטיגן די פאַרמיטלונג פון סחורות. זי גייט פון האַנט צו האַנט. א דאָקטאָר אַראָפּגערוקט זיך דאָס רויטע בענדל אויפן יידישן, באַקומען פעטש און שטראָף. סאַדאָווסקי און אַנדערע „סקיס".

צוועלפטער פעברואַר. מען עושהט פאַפירן, באַזונדערס די נוצרים[225]. מען כאַפּט לעצטנס טאָג טעגלעך פרויען צו דער אַרבעט. געפונען א לויז אויפן פאַלטן פון א קראַנקן־שוועסטער אין שפיטאָל און דעריבער אָפּגעשטעלט דאָס אַרויסלאָזן די שוועסטערס פון שפיטאָל. פעגנער[226] באַקומט אלף זהובים פון זיין פאַרמעגן. די רעגיסטראַציע פון מענער־יידן נעמט אַרום 120 טויזנט. די פּאָלאַקן אומצופרידן דערמיט, וואָס אויפן פראַנצ[וי־

---

222) די פאַראָרדענונג וועגן לאָדזשער געטאָ איז דערשינען דעם 8 פעברואַר 1940.

223) דער ערשטער פּלאַן האָט פאָרויסגעזען צו שאַפן 2 געטאָס אויף דער פעריפעריע פון וואַרשע: 1) אויף דער פאָרשטאָט קאָלאָ — וואָליא (מערב־טייל) און אויף גראָכאָוו (מזרח־טייל). שוין דעם 1 יולי 1940 האָט מען געזאָלט צוטרעטן צום רעאַליזירן דעם פּלאַן.

224) עס האַנדלט זיך דאָ וועגן דער פאַראָרדענונג פון גענ.־גובערנאַטאָר פראַנק פון 24 יאַנואַר 1940.
אין „אַמטסבלאַט" נר. 2 פון 14 פעברואַר 1940.

225) „אַרישע פאַפירן".

226) אברהם געפּנער, באַקאַנטער גביר, דער לייטער פון אַפּראָוויזאַציע־אָפּטייל ביים יודענראַט אין וואַרשע.

זישן]פראַנט זענען לעצטנס געפאלן אַזויפיל פּאַלאַקן. פעסטער גלויבן אין דעם אָנקומענדיקן פרילינג. וויכטיקע געשעענישן. זאָלן פאלן באָמבעס, אבי אלץ זאָל זיך ענדיקן. א ייד מיט אנגינא פעקטאָריס געשטאָרבן. צע־שלאָגן דורך די כוליגאַנעס. די באקצילן־פארשפּרייטער טאָרן נישט פאָרן אין באַנען[227]. אַזוי האָט געשריבן די וואַרשעווער צייטונג.

די שפּיל אויף די דינאַסן[228] ביי דער אַרבעט. מען הייסט שלאָגן איינער דעם צווייטן מיט די קאַלאַשן. א ייד מיט תפילין געמוזט א גאַנצן טאָג אַרבעטן מיטן של ראש. געהייסן א רב שיסן [שייסן?] צו זיך. איין גרופּע מוז זיך באָקסן מיט דער צווייטער. מען נעמט צו פאַלטנס, כדי די מענטשן זאָלן קומען צו דער אַרבעט דעם צווייטן טאָג. געווען פאַרוואונדעטע צוליב די מעשים. מען נעמט אויך קריסטן לעבודה. פאַראַן א גע־זעלשאַפט, וועלכע אָרגאַניזירט אומלעגאַלע נסיעות קיין א״י. די קרובים צאָלן איין אין אויסלאַנד 100 דאָלאַר.

די משוגענע היינט, דעם דרייצנטן, ווידער פריי. פארטשעפעט מענטשן פאר נישט טראָגן קיין בינדעס.

היינט דעם פערצנטן שמעתי שבעים נהרגו: ארבעים אנשים לא ידוע אם הם נוצרים. הפנים שלהם פארדעקט מיט צייטונגען[228א]. אין א גרענעץ־שטאָט געקומען א פארשטעלטער קאָמיסאַר, פאררעגיסטרירט עטלעכע און פערציק יידן, דעם צווייטן טאָג אַלע נהרגו. געפרוירן געוואָרן אין זיין וווינונג א ייד פראנצישקאַנער 6 און פראנצישקאַנער 15.

מיט עטלעכע וואָכן צוריק דערציילט א מעשה וועגן א ראש, וואָס האָט געגעבן מעות א יידיש קינד, וואָס האָט פאַרקויפט אויפן גאַס און געהייסן אים אהיים גיין. אין גאַס פאַרקויפט מען איצט הייסע בייגל, פּאַ־פּיעראָסן און „ווער טוישט עפּעס” דער פרייז פון טוישן גרויס געלט[229] איז געפאלן פון 20—25 אויף 12. דאָס אייגישבנען פון לויערס[230] פאָרגע־קומען אַזוי, אַז מען האָט געפרעגט די סטרוזשעס צי זענען דאָ אין הויף ייד[ישע]אַדוואָקאַטן. צוועלפיאָריקע בחורים ווערן גענומען צו טראָגן מעבל.

מיט הארציקע גרוסן אייער פייוול.

---

227) זע הערה 221.

228) אויף די דינאַסן (א פּאַרק אין וואַרשע — נעבן אַמאָליקן יידישן קאַמינסקי־טעאַטער) האָבן זיך געפונען גאַראַזשן, וו מ׳האָט רעמאָנטירט אויטאָס א. א. וו. צו דער אַרבעט פלעגט מען כאַפּן יידן פון דער גאַס. געווען איינס פון די ערגסטע אַרבעט־ערטער. אין רינגל. אַרכיוו פאַראַן אייניקע באַשרייבונגען — דערונטער אויך פון הובערבאַנד שמעון.

228 א) ...געהערט, אַז מען האָט געהרגעט זיבציק, וועגן פערציק נישט באַוווסט צי זיי זענען קריסטן...

229) נוגע בייטן פּוילישע באַנקנאָטן פון באַנק פּאָלסקי אויף אַנדערע, ארויסגעגעבן פון „באַנק עמיסיני” אין קראָקע.

230) אַדוואָקאַטן (פון ענגליש).

15, 18, 19, פֿעברואַר 1940.

מיינע ליבע!

פֿינפֿצנטער פֿעברואַר. די דינאַסן זענען געוואָרן איצט דער שרעקנס־אָרט אין וואַרשע. מען כאַפּט מיט פּריוואַטע אויטאָס אין גאַס ייִדן. בשעת דער מיטאָג הפסקה פֿון אַ שעה צייט נעמט מען צו די פּאַלטנס. אַסך לאָזן איבער די פּאַלטנס אַבי באַפֿרייט צו ווערן פֿון די ענויים. די פֿרוי באַטליי מיט אַ וואָך געכאַפּט צו דער אַרבעט, געהייסן אָנטון די נאַסע מייטקעס, מיט וועלכע זי האָט געוואַשן די פּאָדלאָגע, באַקומען אַ לונגען אָנצינדונג, געשטאָרבן. אויף די ווענדונגען פֿון גוווערנער צו די פּאָלאַקן וועגן פֿאָרן קיין דייטשלאַנד צו אַרבעט אויפֿגעקלעפּט צעטלעך[231]. אין דער פּרעסע געווען דער אינטערוויו פֿון ד"ר פֿראַנק וועגן דער לאַגע אין גענעראַל־גוווערנעמאַן. דערמאָנט, אַז ייִדן וועלכע זענען געווען אַרבעטס־שוי, גייען גערן צו אַרבעט. עס ווערן געשאַפֿן קולטור־געמיינדען. נישט געווען קיין שום אַנטי־ייִדישע אַרויסטרעטונג. מען וויל אין דעם זען אַ נייע ווענדונג.

איינגעשלאָסן אין אַ גאַנצער ריי פּראָווינץ־שטעט די ייִדישע קאָמיסיעס פֿאַר אומזידלונג. אין סלאַוואַטיטש געקומען אַ פֿאַרשטעלטער קאָמיסאַר פֿאַר אומזידלונג. אַ 32 פֿאַרשריבענע ייִדן דערשאָסן.

„איך בין פֿערנאָמען" (שטאַרק „באַשעפּטיקט").

אין סאָסנאָוויעץ אָפּגעשטעלט דעם גירוש פֿון פֿופֿציק טויזנט ביזן ערשטן אַפּריל. אין ערשטן אַפּריל דאַרפֿן צען טויזנט ייִדן פֿון סאָסנאָוויעץ אויסוואַנדערן קיין סלאָוואַקיי. דאָרט זענען שוין דאָ איבער צען טויזנט ייִדן: פֿון ווין, בעמען, מערן, דרום־פּוילן, באַזונדערס שלעזיען. די ייִדן ווערן אויסגעהאַלטן דורך די ייִדישע קהלות, באַקומען געלט פֿון אויסלאַנד (וואַלוטע). לעבן דאָרט [ווי] אין אַ קוראָרט. וועגן די צען טויזנט פֿון סאָסנאָוויעץ ווערן געפֿירט אונטערהאַנדלונגען מיט סלאָוואַקישער רעגירונג. עס איז דאָ דערויף די הסכמה פֿון דער דייטשער מאַכט, וועלכע געניסט אַסך פֿון די דעוויזן אין דער סלאָוואַקיי. אין סאָסנאָוויעץ איז טעטיק דאָס פּאַלעסטינאַ־אַמט.

די משפּחה זאַמענהאָף[232] פֿון ערשטן מאָמענט איינגעשלאָסן אין וואַרשע. אין סיים נהרגו דרך האוזן. אין די לעצטע טעג אַ גרויסער מאַנגל אין דראָזשקעס, צוגענומען אַסך פֿערד. מען זאָגט, אַז אויף פֿלייש. דער פּרייז פֿון קוילן איז ווייטער אַ הויכער, ביז זיבציק זל. הונדערט קילאָ. מען רעכנט די צאָל לעצטנס איינגעשלאָסענע ייִדן אויף הונדערט דרייסיק. זעקס אַ"ידיקע בירגער איינגעשלאָסן, אַרויסגעשיקט קיין בערלין אויף

231) די צעטלען האָט אויפֿגעקלעפּט די פּוילישע אונטערערדישע באַוועגונג, וועלכע האָט גערופֿן צו סאַבאָטירן פּישערס ווענדונג.

232) די משפּחה פֿון ד"ר לודוויק זאַמענהאָף, באַקאַנטן שעפֿער פֿון דעם עספּעראַנטאָ־שפּראַך.

אויסטויש. די שרעקלעכע מורא אַרויסצוגיין אין גאַס. א שרעקלעכע שטימונג. מען גייט אין גאַס און קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן. די קהלה אין ווארשע נעמט צום שניי רייניקן אַלע יידן. די רשימות שטעלן צוזאַמען די זשאַנדצעס [233]. יעדעס הויז מוז ליפערן א געוויסע צאָל פּערזאָנען.

אכצנטער פעברואַר. עס זענען לעצטנס צוריקגעקומען צוויי טויזנט פּליטים פון דייטשלאַנד: זיגעסהיים לעבן קאססעל און פון בייערן. זיי דערציילן וועגן א נישט שלעכטער באַהאַנדלונג. דער רוב פון זיי איז נאַקעט.

די שמאַטע־קליובער זענען שיקאַניזירט דורך יענע. די קליינע ווערן זייער אויסגענוצט דורך מיטעלע און גרויסע. בויטיק קרעדיטן אויף פאַר־בעסערן זייער לאַגע. אין לובלין האָט ד״ר אַלטען, דער פאָרשטייער פון דער ייד[ישער] קהלה, אינטערוועניִרט וועגן טראָגן די לאַטע נישט פון הינטן נור פון פאָרנט. ווען מען האָט אים עס אָנגערופן „שאַנדבינדע״, האָט ער געענטפערט, אַז דאָס איז אן ערנבינדע. באַקומען דריי טעג אַרעשט.

„אים סלאָנצע ווישעי, טעם סיקאָרא בליזשעי״ [234], זייער פאַרשפּרייט לעצטנס. אויף די פראַנק־מעלדונגען וועגן פאָרן פון לאַנדווירט [!] קיין דייטשלאַנד אויפשריפטן: „פאָוויעמי וואם נא אוכאָ, זשע ז ניעמצאַמי יעסט קרוכאָ״ [235]. אויף די טראַמוואַי פענסטער אן אויפשריפט „ביליע דאָ וויאָסני״. אויף וואָלסקא זאָל זיך האָבן געפונען א גרויסער טראַנספּאָרט מיט דער אויפשריפט „פאָוויעמי וואם נא אוכאָ״ מיט א גרויסן אויער. א קלאַנג וועגן אן אויפרוף פון סיקאָרסקין צו מאַכן זאַפּאַסן אויף א חודש צייט.

נעכטן דעם אַכצנטן געווען א בדיקה ביי הירשפעלדן [236]. אויף מאַר־שאַלקאָווסקא, אויף דער ערד געלעגן דאָלאַרן, זייגערלעך א. א. צוגעלקחנ־טע גילדענע זייגערלעך, פאַרשריבן אַלע אַדרעסן. אויפן דוואָזשעץ־זאַ־כאָדני [237], זאָגט מען, איז געווען א שיסעריי צו פויערים, וועלכע האָבן געזאָלט פאָרן א היין און געוואָלט מאַכן ויברח. נהרגו שני יהודים אין דאָרף סטאָק, מיט א חודש צוויי צוריק נהרג אשכנז, נהרגו מאד אכרים, נשרף הכפר. מען לאָזט נישט פויערים פירן האָלץ פון וואלד, מען נעמט צו תבואה. איינגעפירט אין פאַביאַניץ דאָס געטאָ [238]. געווען א ידיעה אין לאָדזשער צייטונג. מען קען מיטנעמען נאָר וואָס מען קען טראָגן. אין די הילפס־אָרגאַניזאַציעס פאַלן פון אונטערוואַרפן שווער קראַנקע, 2 קינדער

---

233) rządcy האָבן געפירט די מעלדונגס־ביכער.

234) „וואָס העכער די זון, אַלץ נענטער די מיזע״. געמיינט אַז, וואָס נענטער דער פרילינג, אַלץ נענטער די צייט פון פוילנס באַפרייונג מיט שי־קאָרסקין בראש.

235) „מיר וועלן דיר זאָגן אויפן אויער, אַז מיט די דייטשן איז שמאָל״.

236) אן אייגנטימער פון אַ גרויסן גאַסטראָנאָמישן אַנשטאַלט אין וואַרשע.

237) דער מערב־וואָקזאַל אין ווארשע.

238) אין פעברואַר 1940 איז געשאַפן געוואָרן דאָס געטאָ אין פאַביאַניץ.

נעכטן אונטערגעוואָרפן. ביי א ייד אין גאַס צוגענומען 70 זל. און געגעבן אים א פּעקל, מיט שרעק געעפנט, אַרויסגעוויזן, אז געווען דאָרט פּוטערלעך.

ניינצענטער פעברואַר. א ידיעה וועגן א נייער רעגיסטראציע צו צוואַנגסאַרבעט. אין יעדן לאָקאַל וועט זיצן א יידישער דאָקטאָר וועלכער וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער דיאַגנאָזע פון קראַנקהייט. די קהלה פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די דערקלערונגען פון די רעגיסטרירטע. יעדער בעל־מלאכה און פאַבריקאַנט וועט דאַרפן אָנגעבן זיינע מכשירים[239]. דערקלערונגען אין דייטש דרוקן וועלן יענע אויפן חשבון פון דער קהלה. אין לאָסקאַרזשעוו מיט אייניקע חדשים פריער געווען 27 יידן. געהייסן אויסגראָבן א גרוב, שטייען ביים ראַנד. איינער באַקומען דריי ווונדן, געווען פאַרשיט אָבער געבליבן לעבן. קלאַנגען וועגן דעמיסירונג פון איטאַליע־נישן קאָנסולאַט אין לאָדזש. קלאַנגען וועגן דעם, אז איטאַליענישער קאָנסולאַט פאַקט זיך, וועגן דעם, אַז מען האָט מיט א צייט איינגעשבנט אויף אַכט שעה א באַאמטן פון קאָנסולאַט.

אין וואַרשע אַנדערע ברויט קאַרטן פאַר יידן ווי פאַר ׳ דייטשן, פאַר די ערשטע בלויע, פאַר די צווייטע — ראָזע. זיי וועלן באַקומען צו יעדן ברויט א ווייסן זעמל. די קריסטלעכע פורמאַנעס דאַרפן אַרבעטן איין טאָג אין חודש, די יידן־צוויי טעג. עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַן איבערגיין אויף יענער זייט, אָבער ווייזט אויס, אַז נישט אין גרויסע מאַסן.

21, 22, 23 פעברואַר 1940

מיינע ליבע!

איין און צוואַנציקסטער פעברואַר. יענע האָבן אַרויסגעוואָרפן א פּרוי פון טראַמוויי אין מיטן גאַנג. עס קומען פאַר פאַלן פון כאַפּן צו דער אַרבעט יידן אין די טראַמווייען. גענומען פיל פרויען פון א ריי קאַפעען („פּאַלאַ־ניע״)[240], מען ווייס נישט ווו, מען זאָגט, אַז נאָך אייניקע טעג צוריקגע־קומען אָן ערך צוויי הונדערט, א טייל אָנגעשטעקט. ביי הירשפעלדן דריי טעג נאָכאַנאַנד. דעם ערשטן טאָג אַלעמען רעווידירט, דעם צווייטן גענומען די פּאַפּירן, דעם דריטן איינגעשבנט. אַראָפּגענומען צירונג, זייגערלעך. פּוילישע פרויען גענומען צו רעווידירן יידישע פרויען. דעם מאַלער אדאם הערשאַפּטס אטעליע בשעת דער מלחמה פאַרברענט געוואָרן, זעל־טענע אַקוואַרעלען פאַרלוירן געגאַנגען. אין א סך הייזער אויף נאַוואָליפּקי א בדיקה, די מעבל ווערן ווייטער צוגענומען. אין לאַגער געשטאָרבן די

[239]) אויפן סמך פון די פאַראָרדענונגען פון העכערן ס. ס. און פּאָליציי־פירער קריגער פון 11 און 12 דעצעמבער 1939.

[240]) א באַקאַנטע קאַפע אונטערן האָטעל „פּאָלאָניא״ אויף יעראָזאָלימסקער אַלייען אין וואַרשע.

פּויל[ישע] פּראָפּעסאָרן: קאָסטאַנעצקי, כזשאַנאָווסקי[241]. מיט עטלעכע וואָכן צוריק די קהלה געהייסן שליסן אַלע בתי=מדרשים און שטיבלעך[242]. א קלאַנג, אז קאָט[243] האָט גערעדט דורכן ראַדיאָ פון פראנקרייך. פון סלופּצע און זאגוראָוו ארויסגעשיקט יידן קיין באָכניע און ניעפּאָלאָמיצע. טרויעריקע ידיעות בשעת דער איבערזידלונג[244]. דריי טויזנט אין גרויסן פראָסט געשטאַנען א גאַנצן טאָג. די וואָס געפירט די זאכן אויף וועגעלעך, איינגעשבנט. דער צוגאַנג צו באלוט אָפּגעשלאָסן מיט שטאכעלדראָט. געמוזט אינטערווענירן וועגן עפענען די שטאכעלדראָטן. אין באלוט א שרעקלעכע ענגשאפט. אין קליינע צימערן אייניקע פאַמיליעס. ביי די פּאָלאקן א כוואַליע פון אָפּטימיזם. מען האָפט אויפן נאָענטן פרילינג. מען דאַרף אויסדויערן, דעריבער די אָנפירער פון דער אינטעליגענץ געבליבן גלייכצייטיק אָבער האָט מען שטאַרק מורא. די באַציונג פון פּוילישער אינטעליגענץ צו די יידן באדייטנד זיך געבעסערט. געזען אויף וויעלאָפּאָליע[245] אַן איש חייל געהייסן די אַרומיקע צונעמען ביי א יידישן בלעכער. די נישט זיכערקייט באַדייטנד פארקלענערט די צאָל ייד[ישע] קרעמער און סטראגאניאזשעס[246]. פריער געווען א סך און איצט זייער ווייניק, דער עיקר קיישלעך אָבער זייער ווייניק סחורות. דער דאָלאַר געפאלן אויף הונדערט פערציק — פופציק. די סיבה די, וואָס די וועלכע האָבן בשעתן איינטוישן דאָס גרויסע געלט אויף קליינע געקויפט דאָלאַרן, פאַרקויפן זיי איצט, ווייל דאַרפן האָבן אויף צו לעבן. די צאָל משוגעים געוואקסן באַדייטנד. געהערט וועגן א 10־יאָריק שיין יינגל, געשלאָגן אין קאָפּ. אין לובלין איז שוין איינגעפירט דער אַרבעטסצוואנג. ייד[ישע] בעלי־מלאכות ארבעטן פארן חיל, אָבער נישט ביי זיך אין דער היים, נאָר ביי יענעם. זיי באַקומען דערפאר שוואך עסן. דער ווארשעווער חכם באַקומען פון די גאלעען — — דעם דריי און צוואנציקסטן פארעפנטלעכט א פאראָרדענונג וועגן א צווייטער רעגיסטראציע פון 10 [14] ביז 60 יאָר אין צוויי עטאַפּן. דער ערשטער איז דעם ערשטן מערץ, פון 16 ביז 25 און דער צווייטער די רעשט. מען דאַרף אָנגעבן די אַרבעטס־מכשירים. די יידן־עלטעסטע פאראנטוואָרטלעך פאַר די אָנגאבן. — —

241) ווארשיינלעך געמיינט אַנטאָני קאָסטאַנעצקי, פּראָפּ. פון עקאָנאָמישע דאָקטרינעס אויפן ווארשעווער אוניווערסיטעט, און איגנאַצי כשאַנאָווסקי פּראָפּ. פון פּוילישער ליטעראטור.

242) דעם 20 יאַנואַר 1940 האָט די דייטשע מאַכט מודיע געווען דעם יודענ=ראַט אין וואַרשע, אַז צוליב דער עפּידעמיע איז דאָס מתפּלל זיין בציבור פאַר=ווערט. דער דאָזיקער פאַרבאָט איז איבערגעחזרט געוואָרן דעם 8 נאָוועמבער 1940.

243) זע הערה 200. די ידיעה איז נישט ריכטיק.

244) עס רעדט זיך דאָ וועגן גירוש פון געטאָ=לאָדזש.

245) געוו. האַנדלס=אָרט אין וואַרשע, נעבן די מיראָווסקע האַלעס.

246) סטראַגאַנעס — קראָמען פון מאַרק=הענדלער.

מספרים שבאיזה מקום נהרגו היהודים החלשים אשר אמרו בשעת הרעגיסטראציע שהם חלשים [246א].

דעם דריי און צוואנציקסטן פעברואַר. מספרים שברחוב באגנא נהרג יהודי דערפאַר שבא חצי שעה לגעשעפט אשר נקח ממנו [246ב]. די אַרבעטס־באַטאַליאָנען זאָלן זינגען: היטלעראָוויעץ זלאָטי, ה. קאָכאַני, זא טשאסוו פּאָלסקי ניע מיעלישמי ראָבאָטי [247]. די נאַלעווקי זענען היינט געוואָרן א האַליוואָד, ווייל מען זעט דאָרט לויטער שטערן [248].

די אויסטיילונג פון פּראָדוקטן פאַר יידן קלענער ווי פאַר קריסטן: צוקער פופציק פאַר קריסטן, און דרייסיק פאַר יידן. אויב עס וועט נישט זיין קיין צופאַר פון פּראָווינץ, וועט מען פאַרקלענערן די ראַציעס פון די יידן אויף א העלפט. בשעת מען האָט באַשטימט, אז יידן מעגן קויפן בלויז אין יידישע געשעפטן, האָבן א טייל קריסטן קעגנגעשטעלט זיך, אָנווייזנדיק, אז זיי וועלן פאַרלירן אלץ. אין וולאָצלאַוועק צורר היהודים, אן אמאָליקער אשכנז דונקאָרסט [?] געווען א גאַנץ לעבן אינסטרוקטאָר פון „מכבי" [249], געלעבט פון יידן. דאָס עלפטע געבאָט: „שמד אָפּ דעם זיידן און די באָבע" [250] די יידן ליידן איצט צוליבן עלפטן געבאָט. מימיקרי, מען נייט זיך היטלען מיט דאשקעס, מען לאָזט זיי אַראָפּ טיף אויפן שטערן. שטיוול אָדער שיך מיט זאָקן. זייער אָפט ספּאָרט שיך, כדי מען זאָל אויסזען מער גויאיש. געמאלטע, געפּודערטע ייד[ישע] פרויען, עלע־גאַנט געקליידעטע זענען געוואָרן א זעלטנהייט. אויך ספּאָרט־שיך, וואַ־רעמע פּאַלטנס און מלבושים. עס קומען צו אונדז די פולשטענדיק אַסימילירטע ייד[ישע] אינטעליגענץ — — — לייטערין פון עפנטלעכער ביבליאָטעק — — דינא שטיינבערג, מאַלאָוויסט [251].

אין לובלין הייבט זיך צו קאָנצענטרירן אַ סך יידן. אין די וווינונגען ווערט אַלץ ערגער פון טאָג צו טאָג. לעצטנס זענען דאָרט צוגעקומען טויזנט

[246א]) מען דערציילט, אַז אין א געוויסע אָרטשאַפט האָט מען געהרגעט די שלאַפע יידן, וואָס האָבן בעת דער רעגיסטראַציע דערקלערט, אז זיי זענען שוואַך.

[246ב]) מען דערציילט, אַז אויף באַגנאָ־גאַס האָט מען דערהרגעט אַ ייד, ווייל ער איז געקומען אויף א האַלבע שעה אין זיין געשעפט, וועלכן מען האָט אים רעקווירירט.

[247]) „גאָלדענער היטלער, היטלער דער ליבער, אין פוילן האָבן מיר קיין אַרבעט נישט געהאַט". דאָס דאָזיקע לידל אין דעם אָדער אין אַן אַנדער נוסח האָט מען געהייסן זינגען אויך אין אַנדערע לאַגערן.

[248]) צוליב דעם, וואָס יידן טראָגן אָרעמבענדער מיט מגן־דודס.

[249]) „מכבי" — באַקאַנטער יידישער ספּאָרט־קלוב אין וואַרשע.

[250]) די „אַרישקייט" האָט מען געדאַרפט דערווייזן ביזן דריטן דור.

[251]) פרוי שטיינבערג — קאָטאַרבינסקאַ און מאַריאַן מאַלאָווּיסט זענען היינט פּראָפעסאָרן אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט.

[252]) דער פאַקט באַשטעטיקט זיך אין אַנדערע דאָקומענטן. די יידן פון שטשעטשין זענען פון לובלין אַרויסגעשיקט געוואָרן אין די שטעטלעך: פּיאַסקי (533 יידן), בעלזשיצע (300), גלוסק (65) א. א. וו. אַ פעררזענלעכע רשימה פון די איבער 1000 שטשעטשינער יידן אין אַרכיוו פון ייה"א.

פינף הונדערט יידן פון שטשעטין.[252] מען דערוואַרט ווייטערדיקע טראַנס־פּאָרטן פון רייך. שמעתי בדבר המעשים שבועד ארבע ארצות בוורשא שני אנשים הרוגים אחד ללב והשני לראש. היהודים הנחטפים צריכים לקבר אותם במהירה. ארבע יהודים חוטפים את המת בידים וברגלים. ותושבי הרבה גיים בעירנו. בבית אחד בקאָשיקאָווא כל האישים. בכל יום באים פלעניקעס מאשכנז, בעירים של אויסטריה היה להם טוב. הרבה מהם מתים בעת הפראסט. איש חשוב מהם ספר שעשרה פּראָצענט מתים. האכרים הנוסעים שם בתנאים קשים מאוד[252א]. על סטאציע איש אחד שמע גע־שרייען מהם: — — — כי הם נוסעים אין לאסט־וואַגאָנען. אין דער לאָ־דזשער צייטונג געווען אַ ידיעה, אַז עס איז אָפּגעברענט געוואָרן די לענ־טשיצער שול.[253] דער „וואַרש[עווער] קוריער" פאַרעפנטלעכט אַ העץ־נאָ־טיץ קעגן די יידי[שע] אַדמיניסטראַטאָרן.

6 מערץ 1940

מיינע ליבע!

היינט דעם זעקסטן מערץ געהערט פאָלגנדע מעשה: אויף די דינאַסן גענומען צו אַרבעט ר' וועלוועלע. „דו ביסט קיין מענטש, דו ביסט קיין טיער, דו ביסט יודע". געשלאָגן דערפאַר, ווייל אים געהייסן אַראָפּוואַרפן די פולפעדער שפעטער זי צוגענומען, אָבער אים געהייסן זי זוכן. געלעגן עטלעכע וואָכן אין בעט.

אויף טלאָמאצקע 2, דריי שררות מאנס געווען, געוואלדן אין גאנצן הויף. די גאלעען האָבן אן אינטערעס פאר ראסן־שענדונג, אָבער מען האָט מורא צו מעלדן וועגן דעם. „יידישע גוינעריי" ביים אָנקוקן איציקלס און קנעפּעלעס שילדל.[254] געקומען נעמען בעטן אין אַ לעטשניצע, נישט גע־קענט צוליב דעם אויביקן. יידן טאָרן נישט פאָרן אין קיין טראַמווייען אין לאָדזש, אין קראָקע — לויט „קוריער וואַרשאַווסקי" — נאָר אויף דער הינטערשטער פּלאַטפאָרם. אויסגעוויזן איבער טויזנט מענטשן פון לאָדזש קיין פּיעטרקאָוו. ביין הונדערט פאָלאַקן און זעקס הונדערט יידן.

[252] א) געהערט וועגן די געשעענישן אין (דער געבוידע) פון וואַרשעווער סיים; צוויי מענטשן האָבן זיי געהרגעט: איינער אין הארץ, דער אַנדערער אין קאָפּ. די געכאַפּטע יידן מוזן זיי שנעל באַגראָבן. פיר יידן נעמען דעם מת ביי די הענט און פיס. אין אונדזער שטאָט זיך באַזעצט פיל קריסטן. אין אַ געוויסן הויז אויף קאָשיקאָווא אלע מענער. יעדן טאָג קומען פון דייטשלאַנד קריגס־געפאַנ־גענע, אין די שטעט פון עסטרייך האָט זיך זיי געלעבט גוט. פיל זענען אומגע־קומען בעת די פרעסט. זייערס א וויכטיקער מאַן האָט דערקלערט אַז 10 פּראָצענט געשטאָרבן. די פויערים, וואָס פאָרן אַהין אין זייער שווערע באַדינגונגען.

[253] מיר האָבן נישט געפונען קיין באַשטעטיקונג פאַר דער ידיעה.

[254] געמיינט דאָס שילדל פון „דזשאָינט" (איציק — יצחק גיטערמאַן, קנעפּעלע — גוזשיק. צו יענער צייט האָט נאָך דער „דזשאָינט" געניאָסן ביי די דייטשן — ווי אַן אַמעריקאַנישע אינסטיטוציע — פון געוויסע רעכט.

עס ווערן גענומען צו אַרבעט פּאָלאַקן און אַרויסגעפירט דאָרט. קלאַנגען, אַז מען טוט אָן ייד[ישע] בינדעס סיי אין וו[אַר]שע, סיי אין קראָקע.[255]

די טראַגעדיע פון די פלעניקעס פון וואַרטעגוי. געשיקט אַ טראַנספּאָרט פון איבער זעקס הונדערט. אין לובלין די קהלה נישט געקענט זיי אויפנעמען, נישט געהאַט קיין ציוויל־מלבושים, געשיקט ווייטער אויפן וועג קיין פּאַרטשעוו, געשאָסן אויף די וואָס זענען אָפּגעשטאַנען אין וועג. געגאַנגען הילצערנע שיך, וועלכע זענען אָפּגעפאַלן, אַ סך פאַרווונדעטע דערשאָסן. דערנאָך אַריינגעבראַכט אין צוויי סטאַדאָלעס און איבער צוויי הונדערט מענטשן אַרויסגעפירט פּאַרטיעסווייז צו צוואַנציק מענטשן און בהרגו. פון זעקס הונדערט זיבן און צוואַנציק געבליבן בלויז צוויי הונדערט זיבן און אַכציק. געלונגען עטלעכע און צוואַנציק צו אַנטלויפן. הרגו שלשה אנשים מיט איין קויל. אין פּאַרטשעוו געוואָלט אַ סך באַגיין זעלבסטמאָרד. חפצו בדרך לעשות מרידה מפני שהשומרים היו שלשה עשרה, אבל אמרו להם שזה יהיה אסון גדול לכל היהודים בפולין. אחד מהם הרג בדרך אנשים אשר הולכים בדרך, זאיאַנצן[256] און אַנדערע. הבטיח להם שיתנו להם כסף ובזה הצליח להציל את הנשארים. הראש ספר להם שהוא עושה זה מפני שהם חפצים להמלט. השומרים השחורים. כאשר באו לביאלא שאל ואיה הנשארים כלא יודעים. שמעתי שבאו לדירה אחת לקחת שנים: שני אנשי חייל, יהודי ופוני.[257]

צוויי הונדערט קינדער אויסגעשטאָרבן אין וואַרשע[ווער] פינדלינג־הויז. בכפר נאַגושעוואַ ארבע אכרים נהרגו בפני שהלכו ליער לקחת עצים. אַ שטראָף פון פינף הונדערט זל. אין דעם זעלבן דאָרף פאַר נישט צושטעלן אַ וואָגן מיט פערד. אין אַ ייד[יש] הויז אין וו[אַרש]ע געקומען דער סטרוזש מיט אַ קריסט און פאַרלאַנגט ביים בעל־הדירה אַ דירה, אַ נישט געדראָט מיט יענע. די קהלה נעמט צו זעכציק זל. אויסקויף־געלט פאַר 6 טעג אַרבעט ביים רוימען דעם שניי. מהמעות אשר היו בבאַנק אין פעליקס פרידמאַנס שטאָט[258] גענומען מאתים אלפים בער הקהלה הווארשע מהסכום

---

255) געווען אַ געוויסע צייט אַ מיינונג צווישן פּאָליאַקן, אַז יידן איז בעסער ווי פּאָליאַקן, ווייל יידן כאַפּט מען נאָר אויף אַרבעט אין לאַנד, בשעת פּאָליאַקן שיקט מען אין רייך און אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. דעריבער האָבן אַ סך פּאָליאַקן בשעת אַ לאַפּאַנקע אָנגעטאָן אָרעם־בינדעס.

256—257) אויפן וועג געוואָלט מאַכן א בונט, ווייל עס איז געווען בלויז 13 שומרים; מען האָט זיי אָבער געזאָגט, אַז דאָס קאָן ברענגען אַ גרויסן אומגליק פאַר אלע יידן אין פוילן. איינער פון זיי האָט די דורכגייענדיקע מענטשן געשאָסן ווי האָזן. מען האָט זיי צוגעזאָגט צו געבן געלט און אַזוי אַרום האָט מען געראַטעוועט די איבעריקע. דער אָפיציר האָט זיי דערציילט, אַז ער טוט דאָס, ווייל זיי ווילן אַנטלויפן [נאָכן איבערקויפן] די שוואַרצע שומרים. ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין ביאַלע־פּאָדלאַסק האָט ער זיי געפרעגט ווו זענען די איבעריקע, אַזוי ווי ער וואָלט פון גאָר נישט געוווּסט, געהערט אז אין א דירה זענען אריינגעקומען 2 מיליטער־לייט: א ייד און פּאָלאַק, כדי צו נעמען פאַרשיידענע זאַכן.

258) פון די געלטער, וואָס זענען געווען אין פעליקס פרידמאַנס שטאָט (וואַרשע) פון 400.000 זל. האָט מען גענומען 200.000 פאַר דער וואַרשעווער

אַרבע מאות. מהסכום בעד עליה אשר בקהלה מאה אלפים ועשרה לקחו זאביס [?]מפני שהם אמרו שאין להם מה לעשות עם הכסף. געכאַפּט אַרבעטער פון דער קהלה, וואָס רוימען שניי, צו אַנדערע אַרבעטן. דאָס טראָגן אַ בינדע נישט חל אויף אויסלענדישע יידן. דאָלערס איז דאָ לרוב, עס פעלט אויסטויש־געלט.

דעם אַכט און צוואַנציקסטן [259]. געכאַפּט אַ סך פּאָלאַקן מהדירות, מהרחובים, מהקפּעען. אומרים שהנוצרים שמים בינדעס של יהודים. בלאדזש היה בבאַנק מיליאָן מטבע האזרחה וחצי של פולנים. טרויעריקע ידיעות פון לאָדזש, רומקאָווסקי וואַרפט אַרויס אָרעמע משפחות פון זייערע דירות און זעצט אַריין רייכע. און דאָך פאָרן אַוועק גאַנצע משפחות צוריק קיין לאָדזש, זיי ווילן גיכער שטאַרבן אין זייערע היימען איידער וואַלגערן זיך אין דער פרעמד. עס ווערן יידן פון לאָדזש מיט צען מאַרק אַריבערגעוואָרפן אין גווערנעמען. עס קומען אָן טאָג טעגלעך טויזנטער ייד[ישע] געפאַנגענע. דאָס פּראָבלעם פון מלבו־שים. זיי טאָרן נישט טראָגן קיין בגדי חייל און האָבן נישט קיין ציווילע [260]. די אינטערעסאַנטע מעשה מיט עליאָ[וויטש], דעם מאָלער. געכאַפּט אים צו אַרבעט ביי די פּאַנצער. גוט איינגעהייצט אין אויוון, געפרעגט אים, פון וואַנען קענסטו, איך בין אַ קונסט־מאָלער. געבעטן מאָלן. ער מאָלט שוין די זעקסטע פּערזאָן און אַלץ העכערע. באַקומט שכירות 150 פאַר אַ בילד, אַ באַשטעטיקונג, אויף יעדן בילד אויפגעשריבן דער נאָמען פון מאָלער. פיינע אויפנאַמען.

אַרויסגעגעבן דעם זעקס און צוואַנציקסטן פעברואַר די פאַראָרדענונגען וועגן רעגיסטראַציע.[261] שמועות על דבר אכזריות בהועד הפולני.[262] ביום ראשון רק אכזריות בחדר מיוחד אחר כך איבונגען על דבר האופן צו כאַפּן פאות [?]: בידים וברגלים. אם הבגד מהפנים יפול נותנים — — איש אחד געפילט די הידים חמים עוד. הם הורגים באוזן ובראש. שני

קהילה. פון די 100.000 זל. אין דער קהילה פאַר עמיגראַציע האָט מען גענומען 10 זל. ווייל זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן נישט וואָס צו טאָן מיטן געלט.

פעליקס פרידמאַן, אַ קונסט־מאָלער (1897 — 1942).

259) וואַרשעווער פעברואַר.

260) דער פאַרבאָט צו טראָגן פּוילישע מונדירן איז פאַרעפנטלעכט אין אַמטס־בלאַט פון שעף פון דיסטריקט וואַרשע נומ. 3 פון 1 מערץ 1940. ייסא און די הויז־קאָמיטעטן האָבן דעמאָלט דורכגעפירט אַ זאַמלונג פון מלבושים פאַר די באַפרייטע קריגסגעפאַנגענע.

261) געמיינט מסתמא „די באַקאַנטמאַכונג וועגן דער רעגיסטראַציע פון דער אַרבעטספעיקער ווייבלעכער באַפעלקערונג“, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון שעף פון דיסטריקט וואַרשע דעם 21 פעברואַר 1940. פאַרעפנטלעכט אין אַמטס־בלאַט פון וואַרשעווער דיסטריקט פון 15 מערץ 1940. עס רעדט זיך וועגן דער רעגיסטראַציע פון אַרבעטספעיקע פרויען — נישט יידישע — אין עלטער פון 15 — 40 יאָר, וואָס זענען אָן באַשעפטיקונג.

262) געמיינט אַפּנים — די געביידע פון אַמאָליקן פּוילישן סיים, וווהין מ'פלעגט פירן יידן אויף אַרבעט און זיי דאָרט פייניקן.

אנשים הורגים. אנשים באים משם חצי משוגע, עובדים שם שני שבועות. כאשר הורגים היהודים העובדים פונים לכותל. הרב החרים [?] — נוצ־רים. [263] די מורא פאַר זיין גוט. גערעדט וויל, פיין מיט אַ ייד, דערזען אַן אנדערן, א געשריי געטון „אָבער שנעל לאָס" און א קללה. דער פּרייז פון גאָלד געפאַלן פון 80 אויף 40, דער דאָלאַר הונדערט. די פּויל[ישע] אַדוואָקאטן וואָס האָבן ייד[ישע] פרויען אָדער ייד[ישע] אַפּליקאַנטן ווערן געשטראָכן. יעדער מוז אונטערשרייבן, אַז קיין מאָל נישט אַרויסגעטרעטן קעגן יענע. די פּאָליטיקער און אנדערע באקאַנטע פּאָלאקן געשטראָכן, געבליבן בלויז אַ פּאָר הונדערט פּוילישע אַדוואָקאטן. אַן ענדעקישער אַדוואָקאט געשטימט פאַר דעם אַריער־פּאַראַגראַף, טראָגט מיט שטאָלץ די שטרייכונג פון דער ליסטע פאַר האָבן אַ ייד[ישן] אַפּליקאַנט. אַרויס־גענומען צוויי הונדערט פרויען קריסטנס פון די קאפּעץ, באו אחר כך, אונס: שמעתי שהדבר היה הרבה פעמים ברחובות של ווארשע [263א]. מאַר־שאַלקאָווסקאַ ביינאכט האַלב ליידיק. ייד[ישע] גאַסן אין דער פּרי האָבן דאָס אויסזען פון ייד[יש] שטעטל, ייד[ישע] אָפּטיילונגען פון דער קהלה גייען צו דער ארבעט. שרעקלעכע אויסגעהונגערטע פּנימער, פאַרדינען דריי אַ האַלב זל. אַ טאָג.

9, 12, 15, מערץ 1940

פאַרבאָט פאַר יידן צו עפענען נייע פריזיר־אנשטאַלטן. קראַנ־קען־קאסע, עמעריטור נישט פאַר יידן. צוואַנגספאַרזיכערונג — דאָרט ווו קאָמיסאַרן אין די דירות, מוז מען צאָלן דאָס דירה־געלט אפילו פאַר די פריערדיקע יאָרן. הם אנסו בתולה בת שש עשרה בבית טלאָמאַצקע צוויי. מען שיקט פּעקלעך מיט ווורשט און אַנדערע שפּייז־אַרטיקלען פון ווילנע אָדער קאָוונע (אַ טייל שיקט פון דעם, וואָס מען שפּאָרט אָפּ אין הילפס־קאָמיטעט). בטלאָמאַצקע צוויי גיות הצילו שתי בתולות, הן היו נאַקעט כבר אבל כאשר הוא החל ללבוש [להתלבש] נסו לקיך ושם הצילם הגויה, היא נשקה את שתיהן ונתרה להם כסף. איך בין געפאָרן מיט וועבערן אין לילה בורא (פון אַ בריוו פון איינעם, וואָס איז געפאָרן קיין א"י). מעות נותנים תחת הרגל או בקרב הגוף — דימענטן תחת האַפּלאָמבעס. אויף אַסך געשעפטן אין פּויל[ישער]

263) קלאַגנגען וועגן אכזריות אין דער סיים־געביידע. דעם ערשטן טאָג האָט מען געפּייניקט אין אַ באַזונדערן שטוב, שפּעטער געווען איבונגען, ווי אַזוי צו כאַפּן די פּאות מיט די הענט און פיס. אויב דער בגד פאַלט אראָפּ, גיט מען — איינער האָט געפּילט, אַז די הענט זענען נאָך וואַרעם. זיי שלאָגן איבער די אויערן און קאָפּ. מען האָט געהרגעט דאָרט 2 מענטשן. מענטשן קומען פון דאָרט האַלב משוגע, זיי אַרבעטן דאָרט 2 וואָכן. ווען מען הרגעט מוזן די אַרבעטנדיקע יידן שטיין מיטן פּנים צו דער וואַנט. דער רב געוואָרפן אַ חרם (?) אויף די קריסטן.

263א) זענען צוריקגעקומען דערנאָך פאַרגעוואַלטיקטע; געהערט, אז דאָס האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל אויף די ווארשעווער גאַסן.

געגנט אויפשריפט: „פאַר יודן איינטריט פאַרבאָטן״. דאָס געשפּענסט פון וואַרשע ווידער טעטיק.

פון לאָדזש דעם פירטן מערץ טרויעריקע ידיעות: פאַלאַקן פון באלוט ווילן זיך נישט איבערטראָגן, האָבן נישט ווו. זיי ווערן אַרויסגעשיקט. אין לובלין אָנגעקומען פינף הונדערט יידן פון שטשעטשין. היה אסור להם לקחת וואַליזעס. באו בלי שום דבר. שווערצענטער[264]. פאַרברענט געוואָרן אין אוניווערסיטעט אַלע כתבים, אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן. מען טוט פאַרשידענע זאַכן, כדי צו ראַטעווען די מטלטלים. מען דרייט איבער די קרעדענסן, כדי עס זאָל אויסזען נישט שיין. חילוף המעות היום דעם נײַנטן מערץ זיבן און צוואַנציק. ביי די ייד[ישע] דאָקטוירים וועט צוגענומען ווערן (ביי די וואָס זיינען אָוועקגעפאָרן) זייערע קאַבינעטן. ייד[ישע] דאָקטוירים טאָרן נישט טראָגן קיין רויטן קרייץ. בלאָדזש היה דאַנערשטיק און פרייטיק הריגה של יהודים. אומרים על דבר ששה ועשרים אנשים הרוגים והרבה פצועים. אין וו[אר]שע האָבן זיך זייט נאָוו[עמבער] דאָס לעצטע יאָר געשמדט איבער צוויי הונדערט יידן. צווישן זיי מאַרק אַרנשטיק, וואַסאַנג[265] א. א. פאַראַן אויסער דאָקטוירים און אַנדערע אינטעליגענטע פאַכן אויך אַ קרעמער פון מאָקאָטאָוו א.א. די סיבה: קיין איטאַליע גיט מען אויפהאַלט-וויזעס פאַר משומדים און אין וו[אר]שע באַקומט מען ווייסע חלות (54 אין יאַנואַר). אומרים שכאשר היה פה פרנק, האָט מען געטרופן הראש הורשאי לכתוב שליהודים פה טוב אבל לא חפץ לכתוב. הבטיחו אותו שלא יהיה הבינדע ובכלל יטב המצב של היהודים. מראה כזה: אין דער פרי פאַר אַכט פאָרט אריין אַ לאָסט אויטאָ מיט יענע בשעת אויפן פּלאַץ איז פאַרזאַמלט אַ גרויסע מחנה פון אַרבעטסבאַטאַליאָן. יעדער דראָט מיט עפּעס אַנדערש: ריי[טפּיי]טש רע[וואָלווערן] א. א. דער עולם פאַרלירט זיך נישט. גרויפּעס פּוילישע טראַמוואַיאַזשעס אויף לעשנאָ שלאָגן ייד[ישע] דורכגייער: פרויען און מענער. אייניציקע זעלבסטמאָרדן צווישן דער ייד[ישער] אינטעליגענץ פון לאָדזש. אנשי שמירה פולנים געזאַמלט בעד חברם היהודי אשר הלך בבית האשכנזים. שמעתי גם כן על דבר פקידה יהודית בעיריה שבשבילה אספו החברים הנוצרים כסף. יידן מיט גרינע בענדער: אַן ייד [ישע] בינדעס. דאָס זיינען שמאַטע-קלויבערס און מעטאַל אויפקויפער. זיי זיינען פאַרפליכטעט צו זאַמלען אין אַ געוויסער צייט אַ באַשטימטן סכום מעטאַלברוך און שמאַטעס. זיי טאָרן נישט גענומען ווערן צו אַרבעט, מעגן פאָרן אין די באַנען וכדומה. יעדער ייד האָט אָדער אַ שוואַך האַרץ אָדער אַ „שיין״ — זאָגן יענע.

היינט דעם צוועלפטן מערץ טרויעריקע ידיעות פון לאָדזש. געצוווּנ-

264) געמיינט מיטשיסלאַוו צענטנערשווער (1873 — 1944), פּראָפ. פון פיזיקאַלישער כעמיע אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט.

265) מאַרעק ארנשטיין (אַנדזשעי מאַרעק), וואַסאַנג א. א. זענען געווען באַקאַנטע רעזשיסערן און אַרטיסטן אין פּוילן.

גען עטלעכע טויזנט יידן פון אייניקע גאסן צו פארלאָזן די שטאָט, צווישן אַרבעט אין וו[אַר]שע צום סוף געהייסן זיינגען: עק, מעק, בעק — פוילן איז דרעק — אַלע געהען וועק.

זיי זקנים, קראַנקע און שוואַכע, נהרגו הרבה אנשים. גענומען יידן צו

אין דער אַקציע פון מלבושים פאַר פלעניקעס — דער איטאַל[יעניי־שער]קאָמאנדאָר געגעבן אַן אנצוג. בשעת הבדיקה לקחו מהילד קטן מהכיס הקטן שבעים גראָשן לקחו גם מן המשרת. די פלעניקעס פון ביאַלאַ פאָד[לאַסקאַ] באו מאמטיץ אצל גאָבין [בראַנדענבורג]. משם באו לשובין ושם היה שמחה גדולה בהעם הפולני.[266]

„„השכיבנו" — שרייט מען, ווען מען זעט א יידן אויף דער גאַס בשעת מען כאַפּט צו דער אַרבעט. עס ווערט אַ גרויסע מהומה. מען כאַפּט יידן צו דער אַרבעט כאשר ראו האדון מיכאל הארוך בחברת הגרמנים והאמעריקאַנים מצלם האדום[266א]. „די לופט איז פריי" — זאָגט מען בשעתן כאַפּן.

א קאָמיסאַר אין א יידיש געשעפט לעש[נא]. היהודים פיר, אשכנז משם אנערקענט נישט דעם ייד[ישן] בעל־הבית. ער פארשטענדיקט זיך בלויז דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם איינציקן קריסטלעכן אַרבעטער, וועלכער עפנט יעדן טאָג דאָס געשעפט. צו די ייד[ישע] אַרבעטער רעדט ער נישט און גיט זיי נישט קיין אַרבעט.

דעם פופצנטן און זעכצנטן מערץ טרויעריקע ידיעות פון לאָדזש. שם נהרגו הרבה אנשים. בא מלך חדש והוא דבר שהוא יגרש את היהודים לגעטאָ. והוא יתן ליהודים שתי או שלש רגעות[266ב]. דער טעראָר האָט גורם געווען, אַז מען איז אַנטלאָפן אין געטאָ אַריין. דאָרט איז א שרעקלעכער געדראַנג. עס וווינען צוואַנציק, דרייסיק מענטשן אין אַ שטוב. עס גייען אין די גאַסן לאַנגע פראָצעסיעס פון מענטשן הין און צוריק. מען קען פשוט נישט אַדורכגיין די גאַס. אין געטאָ איז דאָ ייד[ישע] פאָליציי. מען זאָגט אז צען טויזנט מענטשן גייען צופוס פון ל[אָדזש] קיין ווארשע. החולים והחלשים אשר לא יכלו לעזוב את הגעטאָ נהרגו. מעשה נורה באָקענציע. נהרגו שני אַשכנזים. לקחו שלשים אנשים יהודים, אשר עובדים בעד הקהלה ותשעים פולנים — כלם נהרגו אומרים[266ג]. אין לובלין דאָ א פלאקאט, אז דער פויל[ישער]

[266]) פון דאָרט האָט מען זיי געשיקט קיין שיבין, ווו די פאָליאַקן האָבן זיך מיט זיי זייער דערפרייט.

[266א]) ... ווען זיי האָבן דערזען דעם הער מיכאַל דעם לאַנגן (וווייכערט) אין דער געזעלשאַפט פון דייטשן און אַמעריקאַנער פון רויטן־קרייץ.

[266ב]) דאָרט האָט מען דערהרגעט פיל מענטשן. געקומען א נייער מלך און דערקלערט, אַז ער וועט פאַרטרייבן די יידן אין געטאָ, און דערויף וועט ער זיי געבן 3—2 מינוט.

[266ג]) די קראַנקע און שוואַכע, וואָס האָבן נישט געקאָנט פאַרלאָזן דאָס געטאָ האָט מען דערשאָסן. אַ שרעקלעכער פאַל אויף אָקענטשע — דאָרט זענען דערהר־

באַפעלקערונג ווערט דערלויבט צוליב איר לאָיאַלער באַציונג צו יענע, צו גיין אין גאַס נאָך צוויי שעה ביז 9, יידן נאָר ביז זיבן. דער גדול פון וו[אַרש]ע[267] בכבודו ובעצמו אַרויסגענומען פון דער דראָזשקע, געאַרבעט. געהייסן דער קהלה צו שאַפן מעבל פאר צוויי הונדערט דירות (פוצן פּאָרטעפּיאַנען).

געפאָרן קנעפּעלע רב לייב (ליאָווע). צוריקגעקומען לייבעלע מיט א קנעפּל (גאָרנישט)[268]. מען האָט צוגענומען בערנזאָנס מוזעאום און אַרויסגעפירט אים. דאָרט געווען די אַזוי גערופענע „ביבליא באלאמוט-נאַ" און אַנדערע כתבים פון פראנקן[269] געשריבן מיט צינאָבער (רויטער טינט). מען האָט געזאָגט, אַז דאָס איז בלוט מיט וועלכן פראַנק האָט עס אָנגעשריבן אין תפיסה. אַ רב געכאַפּט צו אַרבעט, געהייסן אים טראָגן הונדערט קילאָ קוילן, גלייך אַרונטערגעפאלן אונטער דער לאַסט און געבליבן ליגן. הכו אותו ארבע — חמש שעות. א צווייאָריקע מיידל געהייסן פוצן פענסטער אויף א פינפטן שטאָק. א נערוון-דערשיטערונג. ראיתי פלעניקעס פון אללענשטיין (אָסטפּרייסן) אין זומער לאַטשן. „חזירים" — דריי און זיבציק, ד. ה. גאָלד רובל. דער דאָלאַר קנאַפּע הונדערט, די סיבה די קלאַנגען וועגן שלום. דאָס אָפּשטעלן די פאַרבינדונגען מיט מזרח געווירקט אויף דער ירידה פון דאָלאַר. ידיעות וועגן דער מעגלעכקייט פון עמיגראַציע קיין סלאָוואַקיי, טראַנזיטלאַנד, 50 דאָל. גאַראַנטיע-געלט, צוואַנציק פּראָצענט פון דעם אַריינגעשיקטן פון אויסלאַנד אויפן וועג פון אָפיציעלן אויסטויש, דער רעשט דריי, פיר מאָל אַזוי פיל אויף דער שווארצער בערזע. מלכות מערין[270] די געגנט פון סאָסנאָוויעץ. די צוגרייטונגען צו עליה ד[ייטשלאַנד] פון צוויי הונדערט יוגנטלעכע. מען רעדט וועגן א מאסנהאפטער עמיגראַציע פון צען טויזנט א חודש מיט דער באַן ביז קאָנסטאַנץ. אין א שטעטל אין לובלינער געגנט מוזן אַלע ייד[ישע] מאַנסבילן אַרבעטן ביים אָפּרייניקן די וועגן פון שניי. אין ווארשע צען טויזנט א טאָג. אין רייך מוזן די יידן יעדן טאָג אכט א זייגער אין דער פרי זיך מעלדן. די בריוו זייער אינטערעסאַנטע מאות לרות שטראַסע [?] נ"ז פיר. דער ראש הגנבים מוואַרשע

געט געוואָרן 2 דייטשן, גענומען הרייסיק יידן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער קהילה און נײַנציק פּאָליאַקן; מען זאָגט, אַז מען האָט זיי אַלע דערהרגעט.

267) געמיינט וואַשינלער טשערניאַקאָוון.

268) רינגעלבלום בונדט אָן צו דער נסיעה פון דער וואַרשעווער דעלעגאַציע קיין קראָקע אין וועלכער עס האָבן צווישן אַנדערע אָנטייל גענומען דוד גוזשיק און לייב נײַשטאַט (דירעקטאָרן פון דזשאָינט). ווי באַוווסט, איז די דעלעגאַציע צוריקגעקומען פון קראָקע מיט ליידיקע הענט (מיט אַ קנעפּל...).

269) געמיינט יעקב פראַנק (1726—1791), דער שעפער פון דער „משיחיסטישער" באַוועגונג.

270) זע הערה 94.

אויפגעהויבן און פאַריכט דעם שטעקן מיט וועלכן הכו את היהודים אשר באו פינף מינוט אחר השעה השישית בבוקר. צענדליקער יידן פאַרוווּנדעט. דאָס כאַפּן פון טאָג צו טאָג אָפּטער. אין אַ געשעפט, וואָס געווען באַקאַנט פון אַ גוטער באַציונג צו יידן, געצוווּנגען אויפצוהענגען אַן אויפשריפט: „איינטריט פאַר יידן פאַרבאָטן". דאָס זעלבע אין כמעט אַלע צוקערניעס. דאָ אויפשריפטן געדרוקטע. אין ניוורקע אַ מנין באַשולדיקט אין אַ פּאָליטישער פאַרזאַמלונג. נהרגו שני יהודים, והשארית נקח לבית אסורים, באו לחפש במרידת הראש היהודים בסאָסנאָוויעץ. אויסגעמיטן סכנה גדולה ברחוב אַרוך 27 בבית הפליטים בא שכר משלהם אויף די טרעפּ פאַרוווּנדעט. שלמו לו ארבע מאות והוא בא בערב לאכול מזון[270א]. געקומען אַ ייד אברהם מיט 2 פּאָלאַקן און צוויי שומרים. געמסרט, אַז דאָ וואַלוטע. געזוכט, נישט געפונען, יענע דערווײַלע געראַבעוועט. ווען די שומרים אַוועק, זענען די קריסטן צוריקגעקומען נאָך זאַכן. צעשלאָגן דורך שכנים פון הויז. יענער זיך באַקלאָגט. גענומען די יידן אָן די מאַנטלען, אין די שלאָפּרעק און שפּעטער באַשטראָפט פאַר גיין אין גאַס אָן אַ בינדע. דאָס שותפות אויף זיעלנא: מען כאַפּט דורך פּאָלאַקן און יענע. אויסקויפגעלט פון פיר זל. און העכער.

27 מערץ 1940

מיינע ליבע!

געהאַט היינט אַן אינטערעסאַנט געשפּרעך מיט משולמן[271]. ער גלויבט נישט אין דער קראָקאָווער נסיעה און אַז בכלל עפּעס גוטס זאָל דאָרטן אַרויסקומען. ווען קין האָט געוואָלט הרגענען הבלן נישט געוווּסט ווי אַזוי, פאַרציילט דער מדרש, אַז ער האָט געמאַכט ווונדן אין גאַנצן קערפּער יעדעס שטיקעלע, נישט געוווּסט וועגן דעם מוח, אַז דאָס איז דער איינציקער אָרט וואָס גענוגט. די רוסן[272] געמאַכט פּאָגראָמען אָבער פאַרניכטן די יידן ווייסן יענע בעסער. בכלל האָפט ער קיינמאָל נישט גוטעס פון דעם שונא, פון אַ קאָנטאַקט מיט אים. ווילדע־קאַטשקעס, אַז טשערניאַקאָוו איז פראַנקס אַ שול־קאָלעגע און ער האָט אים איינגעלאַדן דעריבער צו זיך. ער זאָל דאָרט האָבן פאַרציילט ווי אַזוי ער פאַרברענגט דעם טאָג, אַז אויפן וועג כאַפּט מען איינמאָל און אַ צווייט מאָל צו דער

270א) דערהרגעט 2 יידן, די איבעריקע אַרעסטירט. זיי זענען געקומען אַרעסטירן דעם ראש פון די יידן אין סאָסנאָוויעץ. אויסגעמיטן אַ גרויס געפאַר אויף דלוגא 27: אין פּליטים־פּונקט איז געקומען אַ דויטש — שיכור, אויף די טרעפּ איז ער פאַרוווּנדעט געוואָרן, האָט מען אים באַצאָלט 400 זל.; אין אָוונט איז ער געקומען עסן אָוונט־ברויט.

271) משולם קאַמינער, „אגודה"־טוער, אַ מיטגליד פון וואַרשעווער יודענראַט, לייטער פון בית־עולם־אָפּטיילונג, אומגעקומען.

272) געמיינט די פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד.

דאָס ראַדיאָ אויפּצונעמען די אָנקלאַגע פון די יידן אויף דעם וואַרשעווער פּאָגראָם. מען זאָגט, אַז מיט 8 טעג צוריק זאָל ביבערשטיק[273] האָבן אַרבעט. אַ קאַטשקע, אַז בשעת געווען אין קראָקע האָט מען אָנגעשטעלט געגעבן א דערקלערונג, אַז די יידן אין פּוילן איז גוט, און ענלעכע פאָדערונג פון סאַפּיעהאַן[274]. דעריבער געשלאָסן די קירכעס.

היינט דעם צווייטן מעריץ[275] איז מען שוין צוגעטרעטן אויפצושטעלן די מוירערן וואָס אַרום דעם מגפה געביט. דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. מען זעט אין דעם דעם אָנהייב פון פאַרווירקלעכן דאָס געטאָ. אין די גאַסן איז אינגאַנצן רואיק. די יידישע באַפעלקערונג וואָס האָט זיך יענע וואָך אינגאַנצן באַהאַלטן אין די שטובן, קריכט אַרויס פון די ווינקלען, מען זעט שוין יידן אויך אין די פּוילישע קוואַרטאַלן. מען זאָגט, אַז מען איז אַרויסגעטרעטן קעגן די טרויעריקע געשעענישן. אין קראָקע האָבן די געשעענישן פאַרנומען א גאַנצן טאָג. וועגן אן אינטער־ווענץ ביי דעם ס. ס. פירער קריגער און א דאַנק דעם אָפּגעשטעלט די עקצעסן. עס איז פאַרהאַפטעט געוואָרן א געוויסער פּולאַווסקי, וואָס זאָל האָבן א שייכות צו די געשעענישן. געזען מיט אייגענע אויגן, ווי א כולי־גאַן האָט גענומען אָדער געקויפט אַ יידישע בינדע און זי על פּי טעות אָנגעטאָן אויף דער לינקער זייט. מען זאָגט, אַז דער דערהרגעטער קריסט אויף פראַנציסקאַנער איז דערהרגעט געוואָרן דורך א טראַמוויי פירער, וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען פון טראַמוויי און געשלאָגן מיט דער קאַרבע. וועגן דער קראָקעווער באַגעגעניש ווערט איבערגעגעבן פאָלגנדעס: פיר שעה האָט מען רעפערירט די אַלע פראַגן, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער טאָג אָרדענונג: די בינדעס, די זיכערקייט פון פּערזאָן, פון פאַרמעגן, די לאַגע פון די קהלות, די סאָצ[יאַלע] פאַרזאָרגונג א. א. מען האָט צוגעזאָגט, אַז נאָך צוויי וואָכן וועט ד״ר ארלדט[276]. קומען קיין ווארשע און וייטער אָנהאַלטן דעם קאָנטאַקט. די באַריכטן פון קראָקע באַגעגנט מען מיט גרויס אַנטוישונג. מען האָט זיך אסך געריכט און גאָרנישט דערגרייכט דעריבער דער קאצניאמער. אויף דער פראגע פארוואָס טראָגן יידן נישט קיין בינדעס אויף יענער זייט[277] האָט ד״ר ארלדט געענטפערט: „מיר פירן נישט קיין מלחמה מיט יענער זייט״ מען זאָגט, אַז קעגן דעם בויען די מוירערן איז דער שטאָט פרעזידענט ווי איך

---

273) מאַרעק ביבערשטיין, פאָרזיצער פון קראָקעווער יודענראַט.

274) פירסט אַדאַם סאַפּיעהאַ (1867 — 1951) איז געווען קראָקעווער אַר־ציבישאָף און זייט 1926 קאַרדינאַל.

275) געמיינט דעם 2־טן אַפּריל.

276) פריץ אַרלדט, דעמלט לייטער פון דער אָפּטיילונג פאַר באַפעלקערונגס־ און סאָציאַלע הילפס־ענינים אין דער רעגירונג פון דער גען. גובערניע.

277) ווארשעווער געמיינט דייטשלאַנד, וו מען האָט איינגעפירט די פליכט צו טראָגן אָרעם־בינדעס ערשט דעם 1 סעפּטעמבער 1941.

די מיליטער מאַכט, יענע [278] זענען אָבער דערפאַר און אויך די סאַניטאַרע מאַכט. דאָס וועט מאַכן גרויסע שוועריקייטן אין דער קאָמוניקאַציע, ווייל מען וועט מוזן ווייט אַרומגיין. צווישן אַנדערע [האָט] געזאָגט ד״ר ארלדט, אַז נאָך דער מלחמה וועט דער פירער לעזן די יידנפראַגע דורך שאַפן פאַר זיי א פאָטערלאַנד. טשערניאַקאָוו באַשריבן זיינעם א טאָג ארבעט ווי מען כאַפט אים אויפן וועג, ווי מען כאַפט אים אין דער קהלה. די אַלע דעלעגאַטן פאַרציילן אַלץ וואָס זיי האָבן געזאָגט, זיי זאָגן אָבער [נישט] וואָס מען האָט זיי געענטפערט.

עדות פאַרציילן, אַז מען האָט אַנדערהאַלבן שעה געריבט די אַפטייק אויף זשאַביע 8. עס זענען געווען פוילישע שומרים און יענע שומרים און דאָך האָט דאָס גאַרנישט געשטערט מען זאָל ווייטער רויבן. אַזעלכע בילדלעך: עס גייט א שומר פון יענע און אונטער אים טראָגן ייִנגלעך געראַבעוועטע זאַכן און מען רעאַגירט גאַרנישט. דעם זעלבן געשפּרעך מיט א פוילישן אדוואָקאַט: די יידן געווען 7 טעג אין קראָקע, זיי באַאַרבעט און דער רעזולטאַט: מען האָט אַפּגעלאָזט די יידן און זיך גענומען צו די פּאַלאַקן, טויזנטער פאַרהאַפטעט. אין דער פּוילישער „וויאַדאָמאָשטשי פּאָלסקע״ פון 27־טן מערץ פון די ענדעקעס, געווען א לייט אַרטיקל וועגן דעם וואַרשעווער פּאָגראָם. א פּויליש ייִנגל האָט צוגענומען עפּעס ביי א ייד ביים אייזערנעם טויער און דערייבער אויסגעבראָכן די געשעעניש, מען זאָגט, אַז די שקצים פון יענע באַקומען צו 2 זל. און מער א טאָג. מען זאָל זיי האָבן געבראַכט אין אויטאָ און אויסגעלאָדן אין יידישן געגנט, אָבער דאָס נישט געהערט פון זיכערע קוועלן. פאַרשפּרייט זיך היינט קלאַנגען, אַז די ענגלענדער און פראַנצויזן האָבן פאַרנומען בעלגיע. היהודים נתנו עשרה אלפים בעד המלהדים הנוצרים הגלחים [?]. [278א]

די יידישע מאַסע זיך נישט איינגעבראָכן בשעת דער אָקופּאַציע. כורים געפּראַוועט יום־טוב. די שטימונג נישט קיין געבראָכענע, הגם די לאַגע א געגוג שווערע. די יוגנט שלאָפט נישט. הם נוסעים מעיר לעיר ומדברים על הבר א״י. יצא לאור כתב בלשון פולני, יידיש ועברי מעניני א״י. [278ב]. א געוויסער האָפמאַן (יונגער בחור) באַקומען מיט א אייזן איבערן קאָפּ בשעת דער אַרבעט, געשטאָרבן. זשאַנד־רעגירונג שטאָט [שטייט?] שמעתי בעד חברה יהודית שכהם באים ביום השני לגאלעצן עם אגרות הם מוצאים שם הקאָפּיע. נישט אַלע געקענט זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען. הם עשו מאַמונה שלמה את זה אַשר חפץ הגלעצן. למשל ביי דער רעגיסטראַציע הסך הכל אשר אמרו לו אף על פּי שזה לא תמיד טוב

---

[278]) וואַרשעווינלער געמיינט די פּאָליציי־אָרגאַנען.

[278א]) יידן געגעבן 10 טויזנט זל. פאַר רעליגיע־לערער קריסטלעכע, גלחים.

[278ב]) זיי פאָרן פון שטאָט צו שטאָט און רעדן וועגן ארץ ישראל. זיך באַוויזן אַ צייטשריפט אין דער פּוילישער, יידישער און העברעישער שפּראַך וועגן א״י.

ליהודים. [278]ג. זיך שטארק געערגערט שיהודים לא נרשמו, געוואָלט טון צו טון. רב געבראַכט פון לאַגער אין סטאַראָגאַרד פון אַ בית־המדרש א צעריסענע ספר תורה,אלט עטלעכע הונדערט יאָר, און געבראכט בשלמות קיין ווארשע. אויב אין אָנהייב די ווערמאַכט זענען די פליער־יינגע חברה פון 17—18 יאָר די אָפטע אַריינגייער אין ייד[ישע] הייזער אויף נאַלעוו־קעס. געווען פאלן, ווען אריינגעקומען אין הייזער פארמאכטע. די פארווו־קעס, ד. ה. דאָס נעמען די גאַנצע באַפעלקערונג פון א הויז אין באָד, זיינען געוואָרן אַ גרויסע צרה. די קריסטלעכע דינער פאַרלאַנגן פון די ייד[ישע] סוחרים, וואָס האָבן באַהאַלטענע סחורה, צו באַצאָלן, א נישט וועלן זיי דיזענפיצירן די סחורה. די עפּידעמיע נישט שטאַרקער ווי פאַר דער מלחמה. אָפּגעשלאָסן ווערן נישט בלויז דאָס הויז, ווי די קראנקהייט איז פאַרשפרייט, נאָר אויך די צוויי שכנותדיקע הייזער, לעצטנס שליסט מען אָפּ גאַנצע גאַסן־טיילן. כאשר נסעו לרחוב דזיעלנא (די אַמעריקאַנער רויטער קרייץ) חפץ האדון שיאמרו שהפונקטים הם דורכגאַנגספונקטן, אבל כאשר באו שאל המעריקאַנע את הראשון והוא ספר שגרושו אותו מעירו און ער וואלגערט זיך. [279]. דערמיט אויס דורכגאנגספונקטן. אין „פאָלסקאַ זשיע” [280] אַ לייט אַרטיקל: לאָמיר נישט נאָכמאַכן די וועגן פון יענע. די סיבה פון וו[ארשעווע]ר פּאָגראָם, וואָס א פויליש יינגל איז אויפן אייזערנעם פּלאַץ דערהרגעט געוואָרן פאר צוכאַפּן אן עפּעלע ביי יידן. דערנאָך זיך אָנגעהויבן דער פּאָגראָם. יענע האָבן דאָס אַלץ אָרגאַניזירט. מיר ווייסן וואָס די יידן האָבן אָפּגעטון אויף יענער זייט ביי די באָלשע־וויקעס. מיר וועלן דאָס געדענקען, אָבער מיר דאַרפן באַשטראָפן די שולדיקע און נישט דעם כלל. דאָס נייע פוילן וועט זיך אויך באַפרייען פון די אינוויינקסטע אָקופּאַנטן. אין דער קאָרעספּאָנדענץ פון קרעמעניץ ווערן דערמאָנט די יידן, וואָס אַרבעטן אין דער דאָרטיקער גימנאַזיע. מען זאָגט אז בשעת מען האָט געדרויבט אויף קארמעליצקא, האָבן קריסטן אַליין אָנגעוויזן דער פּאָליציי ווער עס האָט גערויבט.

ביי דער זאַמלונג פון שמעלץ ווערן אָפּט נייע מאַשינען צעשניטן אויף שטיקער. היינט דעם 5־טן מערץ ווידער זייער אַקטועל די ידיעות

---

[278]ג) געהערט וועגן א גרופּע יידן, וואָס קומען מאָנטיק אין די גאלעען מיט דאָקומענטן, און נעמען פון דאָרט קאָפּיעס... זיי האָבן געטון אין דער בעסטער כוונה אַלץ, וואָס די גאַלעען האָבן פאַרלאַנגט. בעת דער רעגיסטראַציע האָבן זיי צ. ב. געטון אַלץ, וואָס מען האָט געהייסן, כאָטש נישט תמיד איז דאָס געווען גוט פאַר יידן.

[279]) ווען זיי זענען געקומען אויף דזיעלנע (דער אַמעריקאנער רויטער קרייץ), האָט דער דייטש פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן זאָגן, אַז דאָס זענען דורכגאַנגס־פונקטן. אָבער ווען זיי זענען געקומען, האָט דער אַמעריקאַנער געפרעגט דעם ערשטן ייד, האָט דער דערציילט, אַז זיי האָבן אים פאַרטריבן פון זיין שטאָט, און ער וואלגערט זיך.

[280]) „פוילן לעבט” „Polska żyje” — פוילישע אונטערערדישע צייט־שריפט.

וועגן געטאָ. די קריסטלעכע פּאָסט־באַאַמטע באַקומען א פאראָרדנונג צו פארלאָזן דעם ייד[ישן] געגנט. די טעטיקייט פון די באַנדעס באַגרינדעט אין קראָקע מיט ראסן־שאַנדע מאָמענטן. נאָך דער מלחמה וועט מען [פּאָרן] אויף אַן אויספלוג קיין בערלין אונטער דער לאָזונג: לאָמיר אַנ־קוקן אונדזער מעבל.

23, 28, מערץ 1940

מיינע ליבע!

לעצטנס ד. ה. אין דער העלפט פון מערץ קומען אָן כסדר גרופּן יידישע קריגסגעפאנגענע פון אשכנז. עס איז אָנגעקומען א גרופּ, פון אללענשטיין (מזרח פּרייסן). א טייל פארציילן וועגן דער זייער גוטער באהאַנדלונג מצד יענע. די באַציונג צו יידן האָט זיך דאָרט מיט דער צייט להלוטין געענדערט. „מיר זענען געקומען ווי פארפלוכטע יודען און פאָרן צוריק אַלס באַליבטע קינדער איזראעלס". אין סטאַרגארד (לעבן שטעטין), ווי מען האָט אין די ערשטע טעג כסדר געהערט דאָס שימפּ־וואָרט „יודע", האָט מען לעצטנס מער דאָס נישט געהערט. יעדן טאָג זענען אין דער דאָרטיקער צייטונג געווען פארעפנטלעכט אורטיילן קעגן די וואכן, וועלכע האָבן פאר פאַרקויפן א יידן א פּאַפּיראָס באַקומען זעקס חדשים תפיסה. א. א. וו. פאַר געבן א האַנט א יידן איז אויך געקומען אַזאַ שטראָף. א פרוי, וואָס האָט פאַרלוירן איר איינציקן זון, האָט דעם יידן, וואָס האָט ביי איר געאַרבעט, אָנגערופן מיטן נאָמען פון איר געפאַ־לענעם זון. יידן אויף די הייף זענען מיט דער צייט געוואָרן די בעסטע אַרבעטער (וועגן אַן ענלעכן פאל געהערט אין ווארשע). אויף א הויף האָבן יידן געאַרבעט און כסדר באַקומען קלעפּ: מיט דער צייט האָט זיך די באַציונג פון די זעלבע אינגאנצן געביטן. די יידן פירן אָן מיט דער אַר־בעט און מען איז מיט זיי שטאַרק צופרידן. אין די הייף פלעגט מען זיך יאָגן נאָך יידישע ארבעטער. אין א הויף האָט מען אָפּגערופן יידישע אר־בעטער, איז דער אייגנטימער געפאָרן קיין מאגדעבורג בעטן אָפּרופן די גזירה. דאָס זעלבע געהערט פון דעם יידישן באָקסער (לעבן ברעסלוי). די אַדורכמאַרשירנדיקע יידן פלעגט מען באַוואַרפן מיט שאָקאָלאַד, ברויט און אַנדערע גוטע זאכן. געגעבן א טייל מתנות ווי זייגערלעך, געגעבן קליידונג, שיך און אַנדערע. דאָס איז געוואָרן א מאסנהאַפטע דערשיינונג און דאָס האָט באַוויזן לויט דער איינשטימיקער מיינונג פון אַלע אַרויס־צושיקן די יידן צוריק קיין פוילן. גלייכצייטיק ווערט דערציילט, אז אין דער געגנט פון סטארגארד (לעבן שטעטין) האָט מען אין א פּראָסט פון 21 גראַד געשיקט יידישע קריגסגעפאנגענע צו דער אַרבעט. געפרוירן געוואָרן. די באַציונג פון די אַשכנזישע גדולי חייל צו די יידישע א גוטע, חבר'שע, דאָקטוירים גערופן „קאָלעגע": דאַקעגן די פּאָלאַקן נישט פאַר־

געסן. געוואָלט שלאָגן רוסינעקן[281]. פאַר וועלן דעקלאַמירן א ליד פון טוווימען צוליב זיין יידישקייט.

אין ערך דעם 20־טן מערץ אַרויסגעשיקט יידן פון שערפּעץ, ריפּין און אַנדערע שטעט און זיי געשיקט קיין גרודזיאָנדז. דאָרט נישט געווען פאַר זיי קיין פּלאַץ, צוריקגעשיקט אַהיים, אָבער שוין נישט געטראָפן זייערע וווינונגען. זיי קאָנצענטרירט אין א לאַגער אויפן אָרט. עס האָבן געטראָפן פאלן פון צונעמען ביי קינדער צוקערלעך. דער ראש הורשאַי[282] באַקומען אן אויטאָ דורכן בייעם פּרעזידענט פון וואַרשע ד״ר לייסט[283], דער זעלבער וואָס געווען פריער אין לאָדזש.

געזען אן אויפרוף פון די ענגלענדער אויף פּויליש צו די פּאָלאַקן, ענדיקט זיך: „נאָך איז פּוילן נישט פאַרלוירן“[284]. ווענדונג וועגן געדולד און אויסדויער. די פּויל[ישע] רעגירונג איז טעטיק אין אויסלאַנד. דער אויפרוף איז געדרוקט אין אויסלאַנד. דאָס איז קענטיק פון דעם פעלן פון „ען“ א. א.

געהערט אַז אין אינאָווראָצלאַוו האָט אַ איש חיל אַשכנזי דערשאָסן דעם באַקאַנטן גביר און פילאַנטראָפּ לעווי. יענער האָט אים געוואָלט אַרעסטירן. ער האָט געענטפערט: „מיך אַלס געוועזענעם מאַיאָר פון דראַגאָנער קען פאַרהאַפטן נאָר אַן אָפיציר“. „אַלזאָ דו פאַרוויַגערסט און לאָזט זיך נישט אַרעסטירן“. דערשאָסן אים. לעווי געווען א מיליאָנער, אַ פּערזענלעכער פריינט פון ווילהעלמען. זיין פאָטער געבויט באַן־ליניעס ארום אינאָווראָצלאַוו.

א פאַמיליע פון 12 פערזאָן פליטים האָט אין 12 לאָקאַלן געגומען שטיצע פאַר 64 פערזאָן.

ארויס פאַראָרדענונג, אז מען מוז מעלדן די לעדער און וואָל סחורות[285] דאָס האָט אַרויסגערופן א גרויסע מהומה ביי דער יידישער באַפעלקערונג. דער חילוף פון געלט געשטיגן אויף 33 און אפילו 38—39. „איך דאַנקע דעם קאָמיטעט פאַר 1.500 זל.“ בשעת אין דער אמתן מער. די סיבה: געזעלשאַפט פון יענע און יענע נעמען אַ פּראָצענט. עקשנותדיקע קלאַגן וועגן שלום מיט עטלעכע טעג צוריק. פאַרבונדן גרויסע האָפענונגען מיט———[286],

די רבנים שרעקלעך מורא פאַר אַרבעט. דעם סאָכאַטשעווער אָפּגע־

---

281) מיכאַל רושינעק (געב. 1904), פּוילישער שרייבער.

282) וואַרשעווער געמיינט דעם פּאָרזיצער פון וואַרשעווער יודענראַט א. טשערניאַקאָוו.

283) לודוויק לייסט (געב. 1891), ס. ס. בריגאַדעפירער, דער שטאָט־הויפּטמאַן פון וואַרשע, פאַרמשפּט אין וואַרשע אין 1947 אויף 8 יאָר תפיסה.

284) פּוילישער נאַציאָנאַלער הימן.

285) דאָס איז געווען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַראָרדענונג פון 18 אָקט. 1939, וואָס פאַרבאָט יידן צו האַנדלען מיט מאַנופאַקטור און לעדער־סחורות.

286) פעלט דער סוף פון זאַץ.

שוירן די באָרד. א טייל גייען נישט אַרויס גאַנצע טעג. א טייל וווינען אין פאַרמויערטע אָדער אין פאַרשטעלטע צימערן מיט שענק א. ד. גל. עס פאַרשפרייט זיך שרעקלעך דער פלעקטיפוס. די שטערבלעכקייט זייער אַ גרויסע, אין שפּיטאָל שטאַרבט יעדער דריטער קראַנקער.

געשטאָרבן דאָקטאָר בעאַטוס, אַ דאָקטאָר פון די פּליטים-פּונקטן. עס ווערן איצט אָפּגעשלאָסן די צוויי שכנותדיקע הייזער אין פאַל פון טיפוס. אַן אויפרוף פון מיליטער קאָמאַנדע אָסט וועגן נישט פאַרקערן מיט דער באַפעלקערונג, באַזונדערס מיט יידן. געווען א פאַל פון רויבן ביי פּאַציענטן פון א דאָקטאָר. די משוגענע „אופיור וואַרשאַווי" [287] ווילדעוועט ווידער.

היינט דעם דריי און צוואַנציקסטן מערץ געווען רויבערייען אויף לעשנאָ, פּלאַץ זשעלאַזניי בראַמי, פון פּוילישע יונגע אכט, ניין יעריקע כוליגאַנעס. ביים רוימען שניי זענען איצט אויף אלע גאַסן באַשעפטיקט יידישע] אַרבעטער. זייער אויסזען א נעבעכדיקער. דער הונגער קוקט זיי אַרויס פון פּנים. די פאַרקויפלעכקייט פון יידישע דאָקטוירים. פאַר נישט באָדן, פאַר נישט גיין אין דער פּאַרוווקע [288] נעמט מען צוזאַמען געלט ביי די שכנים. כאשר היה אצלם האדם מאמריקה חפץ החבר, שהפונק טים יהיו רק דורכגאַנגספּונקטן, אבל כאשר בא האמריקני שאל את היהודי הראשון: כמה חדשים אתה פה. די מזוזה געראַטעוועט א ייד פון צוויי וואָכן ארבעט אין סיים. געפרעגט אים דעם טייטש פון דער מזוזה און צוליב דעם באַפרייט אים פון אַרבעט. א שרעקלעך בילד ווי א חברה אכט, ניין יעריקע היינט געלאָפן אויף לעשנאָ צו רויבן. אמתע גאַסנקינדער.

די קאָלאָסאַלע וויטאַליטעט פון ייד[ישע] קריגסגעפאַנגענע. אין די שווערסטע צייטן נישט פאַרלוירן דעם הומאָר. אין סטאַרגאַרד (לעבן שטעטין) געווען פאַרזאַמלט צוויי טויזנט פיר הונדערט ייד[ישע] קריגס־ געפאַנגענע. דאָרט איינגעאָרדנט א קאָנצערט „באַנקעט" לכבוד דעם אָפּפאָר פון ה. נוס יצחק [289]. די וואַנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט אונדזער גרופּע פון יענע [290], פונאַנדערגעטיילט אונדז, קריגערייען צווישן אונדז און זיי, א וואַנט טיילט אָפּ. א מלחמה וועגן אייניקע צענטימעטער וורשט צוליב הונגער, אָבער ווען מיר וואָלטן געהאַט צו עסן, וואָלטן מיר זיך נישט געקריגט. אַלוזיע צו דער לאַגע פון יידן אין פּוילן פאַר דער מלחמה. פאַרברענט געוואָרן דאָס שטיבל פון קאָזשעניצער מגיד מיט דעם בעטל, דאָס הייליקטום פון די קאָזשעניצער חסידים. די וויטאַליטעט פון דער ייד[ישער] מאַסע בשעתן געטאָ אין וו[אַרש]ע. שליסקע געזאָלט אַריין אין געטאָ. געטראָפן א ייד א מטופל מיט קינדער. „איך האָב זיי

---

[287]) „דאָס וואַרשעווער געשפּענסט".

[288]) פּאַרוווקעס — צוואַנג־דעזינפעקציע אין די הייזער אָדער וווינונגען, ווו מען האָט פעסטגעשטעלט אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן.

[289]) דער מחבר מיינט וואַרשיינלעך מאַוריצי אָזשער און יצחק גוטערמאַן.

[290]) ד. ה. צווישן יידן און פּאָליאַקן קריגסגעפאַנגענע.

אין טאָכעס איך האָב זיבן קינדער, אויסער דעם איז געקומען מײַן קרובה מיט אירע קינדער און מחוץ דעם א סובלאָקאַטאָר. איך האָב איין איזסוועג: וואַרפן זיך אין דער ווייסל און דערצו האָב איך שטענדיק צײַט״. יידן פון די אַרבעטסבאַטאַליאָנען האָבן זיך אײַנגעלעבט מיט דער אַרבעט.

אָנהויבנדיק פון פרײַטיק דעם [22?] מערץ ביז הײַנט דאָנערשטיק, דעם 28 מערץ, זענען פאָרגעקומען עקצעסן קעגן יידן אין כמעט אַלע יידישע גאסן, באַזונדערס אין די גאַסן, וואָס גרענעצן מיט יידישן געטאָ ווי לעשנאָ, רימארסקא, זשאביא, פלאַץ באנקאָווי, גראניטשנא, דער פלאַץ פון דעם אײַזערנעם טויער (דאָרט איז אײַערנעכטן פאָרגעקומען א מיטינג מיט אַנטייידישע לאָזונגען), גזשיבאָווסקא, רינקאָווא, זשעלאזנא, כלאָדנא, מאַזאָוויעצקא א. א. גאסן. מען האָט אומעטום גראַבעוועט יידישע געשעפטן (מען זאָגט, אז אויך ניעצאלע אויך פוילישע, אין אנדערע געגנטן נישט געהערט וועגן דעם). אויסגעראַבירט די קראָמען, אויפגעריסן די שווערסטע אײַזערנע שטאַבעס. די ערשטע טעג האָט מען זיך באַגרענעצט צום אויסהאקן שויבן, שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן צו ראַבעווען. הײַנט האָט מען ראבירט קארמעליצקע, פראנצישקאַנער. דאָרט איז פאָרגעקומען א פשוטע שלאַכט צווישן יידן און כוליגאנעס. מען זאָגט, אַז א קריסט איז דאָרטן דערהרגעט געוואָרן. אומרים שלקחו מרחוב הזה הרבה יהודים נישט געמעלדעטע. הײַנט האָט מען געפירט גאַנצע באַנדעס פאַרהאפטעטע כוליגאנעס. זיי זענען געווען פון פארשיידענעם עלטער. די איבערוואג פון 10, 12 און עלטערע. בראש פון אזא באַנדע איז געפארן א ראָוועריסט אויך צום סוף. די דאָזיקע פלעגן ארויסגעבן באַפעלן, האַלטן די אָרדנונג. בראש זענען געלאָפן יונגע כוליגאנעס מיט געוואלדעס. אַלע באַוואָפנטע מיט שטעקנס, מיט צוזאמענגעדרייטע דראָטן. ווער שטייט אונטער די עקצעסן? מען האַלט, אז מען האָט געקענט, ווען מען וואָלט געוואָלט, פארהיטן אָדער לכל הפחות אָפּשטעלן די געשעענישן: דער בעסטער באַוויין דער הײַנטיקער טאָג, ווען אָפּגעשטעלט די געשעענישן נאָכמיטאָג. מען האָט פילמירט די געשעענישן, מען האָט פילמירט דעם מאָמענט, ווען אנשי־חייל לויפן אַרויס און פארטרײַבן די כוליגאַנעס. געווען אסך פאַלן ווען אנשי חייל אַרויסגעשפרונגען פון טראמוויי צו פארטרײַבן כוליגאַנעס. געזען הײַנט א פליער מיט א גרופּע יידן בראש אָפּפירן זיי א היים.

מיט גרוסן דײַן מוניע.

29 מערץ 1940

די שווערע טראגעדיע פון די יידישע קינדער. צוליב כלומרשטע מגפה. איז דער אמתן געווען פאַר דער מלחמה יאָרן ווען די מגפה געווען א גרעסערע ווי היי־יאָר. די יידישע שולן נישט דערלויבט. קינדער וואַלגערן זיך אויף די גאַסן, גייען אַרום פארצווייפלטע. דאָ אסך פאלן פון אונטערוואַרפן קינדער אונטער געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס. טראגעדיע

פון עלטערן, וועלכע בענקען נאָך זייער קינד, האָבן אָבער מורא צו באַזוכן עס אין דעם הויז פון דער געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע. די שפּיל מיט קינדער פון איין פאַמיליע, וועלכע ווערן געוואָרפן אין דער אינסטיטוציע און דערנאָך צוריקגעוואָרפן און אזוי כסדר.

בעיר פאַלעניץ הראש של עיר געזען א יינגל פארקויפן פּאַפּיראָסן, געשטעלט זיך פאַרקויפן, קיינעם געגעבן קיין רעשט און די גאַנצע סומע איבערגעגעבן דעם יינגל. אין די גן־עדן שטעטלעך געווען אנשי־חייל, פאַר יום־טוב פאַרלאַנגט פון דער קהלה 12 מאָן, געענטפערט נישט קראַנק אַליין דאָס צו טון. — — כאַפּט מען נישט צו אַרבעט.

דער יידישער בית־עולם מאַכט א שרעקלעכן איינדרוק. אַלע בוימער, און עס זענען געווען שיינע טאָפּאָלעס, קאַשטאַנעס א. א. זענען אויסגע־שניטן געוואָרן. עס זענען צוגערויבט געוואָרן אַלע בענק ווי אויך א טייל מאַרמאָרענע פּליטן. איצט זעט מען דעם גאַנצן בית־עולם ווי אויף די הענט, אָבער דאָס מאַכט אַן איינדרוק פון א פּליך אויפן קאָפּ. עפּעס ווי נאַקעט און אָרעם וואָלט ער געווען. די שטערבלעכקייט פון יידן איז איצט דריי מאָל גרעסער ווי פאַר דער מלחמה אין די זעלבע חדשים פון פאַר־יאָרן. באַשטימט די מינימאַלע טאַקסע פון קבורה 500 זל. אין פּראַגע דוכט זיך 100 און די אָרעמע אומזיסט.

נהרג בחור האָפמאַן אשר הכו אותו איש־חיל בשעת העבודה.

היינט דעם 29 מערץ געווען רויקער, נאָר זעלטענע, איינצלנע פאַר־איינצלטע איבערפאַלן איבער יידן. אין יידישן שפּיטאָל זענען געמאַכט גע־וואָרן 16 טרעפּאַנאַציעס פון דעם שאַרבן. אויף פראַנטשישקאַנער ישבו הרבה יהודים מפני שנרהג גוי אחד בשעת דעם קעגנזייטיקן שלאָגן זיך, נקחו אנשים, נשים וטף, שפּעטער באַפרייט געוואָרן. היינט זיינען געווען ווילדע קלאַנגען, אַז די פאַרצוימונגען, וואָס נעמען אַרום דעם געטאָ־שטח, זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן מיט מויערן. מען רעדט ווידער שטאַרק אין צו־זאַמענהאַנג דערמיט [וועגן] אַ געטאָ אין וואַרשע, ווי אויך וועגן אייניקע הונדערט יידישע פּאָליציילייט, וועלכע די קהלה זאָל אַנגאַזשירן. מען איז שוין געלאָפן נאָך פּראָטעקציע אָנצוקומען אויף דער שטעלע. די שטאַרבי־קייט ביי די פּליטים אַ שרעקלעכע.

מען זאָגט, אַז די אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטסבאַטאַליאָן בעמען איבער־יענע. די יידן אויס מורא פאַר אָנפאַלן, זיך נישט געשטעלט צו דער אַרבעט. וועגן שנמצאו באַהאַלטענע ראַדיאָסטאַציעס אויף זלאָטאַ התישבו הרבה פּולנים וגם יהודים. ראיתי בעיני כאשר הכו בעל־עגלה יהודי איש זקן עם סוס חלש, הכו אותו מיט דער גראָבער זייט פון בייטש איבערן קאָפּ 290א. אַ מאָגערע שקאַפּע... צער בעלי־חיים אָבער בלויז צום פערד.

290א) געזען מיט אייגענע אויגן, ווי זיי האָבן געשלאָגן אַן אַלטן, יידישן בעל־עגלה, מיט א שוואַכן פערד. זיי האָבן אים געשלאָגן מיט דער גראָבער זייט פון בייטש איבערן קאָפּ.

די גאַסן מאַכן אַ טרויעריקן איינדרוק. שטאָט שויבן — ברעטער אומע־טום, אָדער שטיקלעך גלאָז. מען פאַרציילט, אַז בשעת אויף זשאַביע האָט מען געריבט די יידישע הוט־געוועלבן האָבן די אַרומיקע קריסטלעכע גע־קוקט מיט הנאה. געבליבן איינע אַליין. געלעזן אין „לאָדזשער צייטונג" פון 28 ד.מ. „ מארשאלעק שמיגלי רידז — ניע נאאוטשיל זשידאָוו ניץ, א היט־לער זלאָטי נאאוטשיל איך ראָבאָטיי".[290ב] יידישער אויסדויער: בעשת מען האָט געשלאָגן אין די גאַסן, האָב איך געהערט אַ גלעזער שרייען אויפן הויף: שויבן, שויבן! אויף פראַנציסקאַנער האָבן די כוליגאַנעס געוואָרפן שטיינער אויפן דריטן שטאָק אין הויף. אַרבעה ימים בקשו ובדקו אצל שקלאַ ונשתוממו שהוא יצא חוץ לארץ אף על פי שהוא איש חשוב באיזה אופן הוא עשה את זאת.[290ג]

מיט הערצלעכע גריסן יצחק.

30 מערץ 1940

מיינע ליבע!

המשך פון די געשעענישן סוף מערץ. געהערט אָבער וועגן פאַקטן ווען הינטער אנשי חיל זיינען געגאַנגען רויבער מיט די צוגערויבטע זאַכן און קיינער נישט געטשעפּעט. געווען אַן איבערפאַל איבער דער קהלה. פאַר־טריבן די כוליגאַנעס מיט דער הילף פון דעם אַרבעטסבאַטאַליאָן. געהערט, אַז די אַרבעטסבאַטאַליאָנען אַסך געליטן פון די אָנפאַלן. ראָזען און ראָזענ־טאַל[291] געוואָרן פאַרוואונדעט. געהערט וועגן עמפּערונג פון אַסך קריסטן. גע־הערט: זיי באַשמוצן פוילן, הייבט פאַלן זיי אַן יידן און מאָרגן.—א טראַמוויי־קאָנדוקטאָר פאַרהאַלטן דעם טראַמוויי און אויסגעשריגן: „איר ווייסט ווע־מענס ווערקצייג איר זייט" מען זאָגט, אַז מען זאָל האָבן גערעדט מיט פּראָפ. ציביכאָווסקין דעם פירער פון „פאַלאַנגע" [292] זאָל ער האָבן ערקלערט, אז עס איז אַן אַלטע פוילישע טראַדיציע צו מאַכן איבערפאַלן איבערן יידן. געווען אַסך פאַלן ווען קריסטן געוואָרנט יידן נישט צו גיין אין דער אָדער יענער ריכטונג ווייל דאָרט זיינען דאָ כוליגאַנעס. געווען אַ קריסטין, וואָס האָט זייער שטאַרק געשלאָגן די כוליגאַנעס אויף פלאַץ באַנקאָווי, בכלל

[290ב] (פויליש): „מארשאל שמיגלי רידז האָט די יידן גאָר נישט אויסגע־לערנט, דאַקעגן דער גאָלדענער היטלער האָט זיי אויסגעלערנט אַרבעטן".

[290ג] פיר טעג האָבן זיי געזוכט און דורכגעפירט אַ רעוויזיע ביי שקלאַ; און זיי האָבן זיך געוווּנדערט, אַז ער איז אַרויסגעפאָרן אין אויסלאַנד, הגם ער איז געווען אַן אָנגעזעענע פערזענלעכקייט. ווי אַזוי האָט ער עס געטאָן?

[291] העבריק ראָזען איז געווען לייטער פון יידישן אַרבעטס־באַטאַליאָן; ב. וו. ראָזענטאַל האָט אָנגעפירט מיט דער סאָצ. הילף, ביידע מיטגלידער פון וואַר־שעווער יודענראַט.

[292] ציביכאָווסקי, פּראָפ. פון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט, אַ רעאַקציאָנער און גערמאַנאָפיל.

איז דער פּלאַץ פון אייזערנעם טויער און דער פּלאַץ באַנקאָווי געווען די צענטערן פון כוליגאַניזם, פון דאַנען זיינען כסדר אַרויסגעפאַלן באַנדעס איבער אַלע גאַסן. אויף גראַניטשנאַ האָט מען זיך אפילו אַריינגעריסן אין פּריוואַטע וווינונגען און געראַבעוועט. די כוליגאַנעס האָבן אויף דער פּוילישער פּאָליציי געשריגן „יידישע פּאַכאָלקעס", גלייכצייטיק האָט מען מיט צוויי טאָג צוריק שטאַרק בודק געווען די בינדעס און לעגיטימירט אַ סך מענטשן אויף מאַרשאַלקאָווסקאַ. צווישן די רויבער געווען שילער, גוט געקליידעטע קריסטן.

געהערט פון מענטשן צוריקגעקומענע פון קריגסגעפאַנגענע לאַגערן וועגן אַן איבערברוך, וואָס איז פאָרגעקומען אין באַצוג צו יידן, אַז דאָס איז געשען צוליב דעם דרך־ארץ צו יידישער אַרבעט. יידן זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין דער אַרבעט אַפילו אין לאַנד־ווירטשאַפט. געהערט פון אַ סטאָלער, וואָס געווען לעבן נירנבערג. לכתחילה שלעכט זיך באַצויגן (מען האָט בכלל באַ יידישע קריגסגעפאַנגענע צוגענומען זייערע מלבושים און שיך), ווייל יידן זיינען דאָך בלוטזויגערס און אוסנוצערס. די יידן נישט גענומען צו דער אַרבעט. שפּעטער ווען אין אַ געוויסן מאָמענט געדאַרפט פאַרריכטן די קאַמערן, גענומען יידישע סטאָלערס, וועלכע האָבן זיך אויס־געצייכנט, דערנאָך רימערס. געחידושט זיך סטייטש: יידן זענען בעלי־מלאכות, נישט געגלויבט אין דעם. ווען זיך איבערצייגט, אַז יידן קאָנען אַרבעטן און אַרבעטן גערן — געביטן איינגאַנצן די באַציונג. געהערט פון די איבער צוויי טויזנט דריי הונדערט יידישע קריגסגעפאַנגענע וועגן דעם, ווי אַזוי מען האָט זיי גוט אויפגענומען אין די פאַרשיידענע דייטשישע שטעט, דורך וועלכע זיי דורכגעגאַנגען. איין דייטש האָט געזאָגט, ווען מיר האָבן אַזוי פיל יידן וויפל איר, וואָלטן מיר געהאַט אין דייטשלאַנד כולו גאָלד. אַ צווייטער דייטש געזאָגט: „איר זייט געקומען צו אונדז ווי פאַר־פלוכטע יודען, און איר פאָרט צוריק ווי די ליעבע קינדער דעס פאָלקעס איזראַעל". די קענטעניש פון דייטש געווען אַ וויכטיקע סיבה פון דערנע־ענטערן זיך צו דייטשן. געווען אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף יידישע אַרבעטער אין די דייטשע גיטער.

היינט דעם דרייסיקסטן מערץ באַשטעטיקט די ידיעה, אַז די קהלה באַקומען אַן אויפטראַג צו מאַכן מויערן דאָרט, ווו עס איז ביז איצט געווען שטעכיקע דראָטן וואָס האָבן אָפּגעטיילט דאָס „זויכע געביט" פון אַנדערע געביטן. עס וועט אויך זיין אַ יידישע פּאָסט, וואָס וועט זיין אויף דער גרע־נעץ פון געטאָ. די פּאָסט וועט אַלץ איבערנעמען פון דער דייטשישער פּאָסט און איבערגעבן צוריק. גאַנצע גאַסן געוואָרן אָפּגעשלאָסן, לקחו שם פּול־נים לתפיסה ברחוב וואָספּולנע, האָזשע ויחרים[292א]. שטאַרקע קלאַנגען וועגן אַ געטאָ. וואָס שייך דעם אַרבעטס צוואַנג זאָגט מען, אַז בלויז אין וואַרשע

292א) ...איינגעזעצט אין תפיסה פּאָליאַקן פון די גאַסן וואָספּולנאַ, האָזשאַ און אַנדערע.

און ביי דער רעגולירונג פון דער ווייסל. מען זאָגט, אַז אין לאָדזש איז בשעת דער אויסזידלונג נהרג געוואָרן איבער זעקס הונדערט מענטשן. די געשעענישן אָפּגעשטעלט אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון קראָקע. פאַר־שיידענע סיבות פון די וואַרשעווער געשעענישן: דאָס וועלן אָפּשאַפן די פוילישע שומרים אַלס נישט פאַסיקע, אַלס גרונט צו שאַפן דאָס געטאָ. געפאָרן אַ מ[אַשין,] געווער און הינטער אים אַ פילם אַפּאַראַט וואָס פאָ־טאָגראַפירט ווי אַזוי מען פאַרטיידיקט די יידן.

מערץ 1940

אין די לעצטע טעג הערשט זייער אַ געדריקטע שטימונג. יעדן טאָג קומען צו אַרויסגעפאָרענע אין וואַרשע — דרום פון ווספּולנע א.א. גאַסן. עס האָבן זיך שטאַרק לעצטנס פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן געטאָ אין וואַרשע, וועגן אַ געשלאָסענעם אָדער אַן אָפענעם, פון וועלכן עס זאָלן אויסגעשלאָסן ווערן די גאַסן: לעשנאָ, עלעקטאָראַלנאַ, אָרלאָ, זלאָטאַ, סיענגאַ א. א. אויף נאַל[עווקיס] 23 געקומען אַ ציווילער קויפן סחורה — גענומען פאַר 1400 און געוואָלט באַצאָלן 600 זל. די סוחרטע ביי אים אַרויסגעריסן די סחורה, געמאָלדן פּאָליציי, אַרויסגעוויזן אַז אשכנז — לאָ יחרץ־געלט באַקומען די סחורה אומזיסט. אויסערדעם די פוילישע שומרים 800 זל. פאַר שווייגן.

דער קאָזיעניצער רבי צעבראָכן יענע וואָך אַ קריג, געזאָגט „אויס קריג", דער עולם עס אויפגעכאַפּט און דערקלערט וואָפנשטילשטאַנד. אין די ייד[ישע] טראַמווייען איז לעבעדיק. אַן עלטערער ייד קומט אַריין אין טראַמוויי מיט אַ ברייטן „גוט אָוונט יידן". אַ וויץ: אַ ייד נישט געהאַט קיין מנין צום קדיש, אַריינגעגאַנגען אין טראַמוויי און געזאָגט קדיש. יעדן פילן זיך פריי און פאַרציילן אָפן נייעס פון דער וועלט. מען פאַרציילט, אַז דאָס סאָוו[יעטישע] ראַדיאָ גיט אָן: אַראָפּגעוואָרפן 15 ענגלישע אַעראָ־פּלאַנען, 12 אשכנזישע, צוזאַמען 25 פיינטלעכע אָדער 25 לטובת רוסלאַנד. אויף פאַנסקאַ גאַס — פאַרציילט דער עולם — געבוירן געוואָרן אַ קינד, וואָס האָט גלייך גענומען רעדן: אָנגעזאָגט, אַז ראש השנה קומט ישועה אויף יידן און גלייך געשטאָרבן. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טענדענץ פון יידן פאַראויסצוזאָגן אַלע גזרות, פאַרציילט מען, אַז אין לאָדזש האָט אַ ייד געפרעגט אַן אשכנז: צי קען מען דאָרט אַדורכגיין אַזויווי לעבן דעם הויז קען מען נישט אַדורכגיין — יענער געענטפערט, אַז ער האָט נישט גע־הערט וועגן אַזאַ פאַרבאָט „אָבער די אידייע איז אַ גוטע" און טאַקע איינ־געפירט דעם פאַרבאָט צו גיין איבער דער פּיאָטרקאָווסקאַ גאַס. דאָס זעלבע זאָגט מען אין וואַרשע, אַז יידן מאַכן אַן אַלע צרות, ווייל זיי רעדן אַזוי לאַנג ביז וואַנען די זאַך ווערט רייף. מען זאָגט, אַז יידן האָבן זיך גע־פרעגט צי ס'איז אמת, אַז יידן וועלן דאַרפן טראָגן גלעקלעך — געענט־פערט, אַז נישט, אָבער די אידייע איז אַ גוטע. אין לאָדזשער געטאָ זיינען איצט טעטיק — 8 פאַבריקן, געהערן צו דער קהלה. דער עולם גייט מאַסנ־

ווייז אין גאס אַן קאַפּעלושן, ווייל מען שלאָגט פאַר נישט גריסן. מען דער־ציילט, אַז אין הימל זיינען אָנגעקומען אַ מחנה געהרגעטע אשכנזים און געבעטן אַ פרייעם אריינטריט, האָט מען זיי געענטפערט, אַז עס קענען אַריינקומען נאָר גיין, ווייל אין דעם טאָג ווען זיי זיינען געפאַלן, זיינען געווען לויטן קאָמוניקאַט נאָר גיין געהרגעטע. איינער פון די טרויעריקע סימפּטאָמען, איז די וואַקסנדיקע שנאה צו די יוונים. מען האַלט, אַז זיי זיינען שולדיק אין אַלע ווירטש[אַפטלעכע] גזרות. מען פאַראַלגעמיינערט למשל די אָנפאַלן פון שכורע שקצים פון האַנטווערקער־שולן (למשל פון קאָנאַרסקים שול אויף לעשנאָ). און מען מאַכט דערפון אַלגעמיינע אויס־פירן, הגם פאַקטיש זיינען דאָ אַ גרויסע צאָל סימפּטאָמען פון אַקטיוון אַנטי־סעמיטיזם. אין אַלע רעוויזיעס פון יידישע סחורות אויף פראַנציסקאַנער א. אַ. גאַסן, זאָגט מען, זיינען שולדיק יידישע טרעגערס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט מסרן. גייען נאָך די מענטשן, וואָס טראָגן פעקלעך און פאַרלאַנגען לאַ־יחרץ געלט.

סוף מערץ 1940

מיינע ליבע!

מען שרייבט אין די צייטונגען וועגן „שיינער אָרדנונג" ' — אין דער אמתן הערשט אומעטום אַן אומאָרדנונג. וואָלט געווען די אָרגאַניזאַציע פון יאָר 1914 מיט דער היינטיקער אידעאָלאָגיע וואָלט קיין שריד ופליט פון די יידן נישט געבליבן: אַ סך געזעצן ווערן לחלוטין נישט אויסגעפירט, וועגן צוויי טויזנט גילדן פאַר אַ ייד און פינף הונדערט איינמאָליקע אויס־צאָלונג,[293] די מאַקסימאַלע פרייזן.[294] דער ייד קאָן היינט לעבן בלויז אומ־לעגאַל, קיין לעגאַלע מעגלעכקייטן נישטאָ. כאשר. היו בקראָקע[295], הוא להם אני יודע המצב של הקהלות. ווי לאַנג וועט איר נאָך קענען עקזיס־
אמר להם אני יודע המצב של הקהלות. ווי לאַנג וועט איר נאָך קענען עקזיס־
לא נתנו להם עבודה בפני המלחמה, עזרה השפּיטאָלן, בתי־יתומים

---

293) לויט דער פאַראָרדענונג פון 20 נאָוועמבער 1939 האָט אַ ייד געמעגט האָבן ביי זיך נישט מער ווי 2000 זל. דעם עודף האָט ער געדאַרפט אָפּגעבן אין באַנק. פון די סכומים, וואָס האָבן זיך געפונען אין באַנק, האָט אַ ייד געקאָנט אַרויסבאַקומען נישט מער ווי 500 גילדן אַ וואָך.

294) די פאָרשריפטן וועגן האַלטן די פרייזן אויף דער פאַרמלחמה־הויך איז דורך דער פוילישער באַפעלקערונג — נישט געקוקט אויף די פאָרויסגעזעענע הויכע שטראָפן — נישט אָפּגעהיט געוואָרן.

295) געמיינט די דעלעגאַציע — אין די פּערזאָנען פון אינזש. טשערניא־קאָוו, ד"ר מיליקאָווסקי, אינזש. שטאָלצמאַן, באָרענשטיין און ד"ר מ' וויכערט, וואָס האָט אינטערווענירט אין קראָקע וועגן דער לאַגע פון יידן אין גענעראַל־גובערניע.

אשר נעשו בעד הגבירים היהודים.[296] אין דער לעצטער צייט האָט אויפגע־
הערט דער סיים־ספּעקטאַקל און אויך אויף אָבאָזשנע.[297] מען זאָגט אויך, אַז
מען כאַפּט ווייניקער צו דער אַרבעט. צי איז דאָס אַ פּסיכאָלאָגישע טוישונג,
אַ כלומרשטער פּועל־יוצא פון די קראָקעווער געשפּרעכן אָדער דאָס איז
אַן אמת, איז שווער אָפּצושאַצן. די אומגעלומפּערטקייט פון דער קהלה
(גטאָט־אָפּטיילונג). ביי ברידזש געזעסן 5 יידן, איינער פאַרציילט, אַז גע־
גען 60 זל. עטאַט בשעת געקענט און געדאַרפט געבן 4 טויזנט, בשעת די
איבעריקע געקענט געבן צו 6 טויזנט און גאָרנישט געוואָרן אויפגעפּאָדערט.
יעדער ייד אפילו דער אָרעמסטער מוז בשעתן אַרויספאָר אַריינגעבן צוויי
הונדערט זל. עמיגראַציע־שטייער.[298] עמעץ פאָרגעלייגט דעם ראש צו באַ־
פרייען אַן אָרעמע שניידערין דורך אומקערן איר די אריינגעטראָגענע צוויי
הונדערט זל. פון דער אָפּטיילונג פאַר סאָצ[יאַלער] הילף. געענטפערט
מורא בעד המרגלים מגאלעען. דער לויתן איז צו קליין פאר דער אַרבעט,
וואָס איר האָט געלייסטעט ביז איצט, אמר מר יצחק[299] כאשר בא משם.
מען מאַכט אין 9 פונקטן פון דער שטאָט, באַזונדערס אויף קראָכמאַלנע,
הילצערנע פלויטן. די סאַניטאַרע מאַכט זאָגט, אַז די קראָכמאַלנע איז די
הויפּטנעסט פון די אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן. ווען זיי וואָלטן געקענט,
וואָלטן זיי דאָס פאַרברענט. אין קראשניק פאַרמויערט אַ גאַנצע גאַס גע־
זונטע מיט קראַנקע.[300] דאָס עסן קאָן מען אַריינגעבן בלויז דורך אַן עפענונג.
אויך די עקסקרעמענטן גייען דאָרטן אַרומערט. — געהערט היינט וועגן
דעם, אַז אין די קרייזן פון דער פּוילישער אינטעליגענץ איז דאָ אַ מיי־
נונג, אַז די יידן האָבן זיך צוזאַמענגערעדט מיט יענע, אין רעזולטאַט קו־
מען פאָר מאַסן־פאַרהאַפטונגען פון קריסטן. גר[אַף] ראָניקער האָט אין
קראָקע בשעת די געשעענישן אין נאָמען פון ר. ג. אָ.[301] איבער־
געגעבן אַ נאָטיץ, אין וועלכער עס ווערט געשריבן, אַז עס זענען פאָרגע־

---

[296]) בעת זייער באזוך אין קראָקע, האָט ער זיי געזאָגט: איך קאָן די לאגע פון די קהילות... וואָס האָבן די יידישע גבירים געטון (געשפּרעכן אין קראָקע) פאַר זייערע חברים די אַרבעטער? פאַר דער מלחמה האָבן זיי נישט געגעבן קיין אַרבעט. הילף אין די שפּיטעלער און די בתי־יתומים זענען געווען פאַר די יידישע גבירים.

[297]) זע הערה 228.

[298]) עמיגראַציע־שטייער. אַזאַ אָפּצאָל געווען אויך באַקאַנט אין אַנדערע אָקופּירטע מקומות, למשל אין עסטרייך. „רייכספלוכטשטייער“.

[299]) וואַרשעווער יצחק גיטערמאַן, נאָכן צוריקקומען פון געפאַנגען־לאַגער אין דייטשלאַנד, וו ער איז געווען פאַרהאַלטן, צוזאַמען מיט מ. אָזשעך פון „בונד“, ביים פּרוּוו אַרויסצופאָרן פון ווילנע קיין סקאַנדינאַוויע, סוף 1939.

[300]) עס איז נישט מעגלעך געווען צו געפינען קיין באַווייז־דאָקומענטן פאַר דער ידיעה.

[301]) ראָניקער איז געווען פאָרזיצער פון ר. ג. אָ.

קומען עקסצעסן, וועלכע זענען געוואָרן פילמירט (עס ווערט נישט אָנגעגעבן דורך וועמען) און אַז די זיכערהייטסמאכט האָט גאָרנישט געטאָן אָפּצושטעלן די געשעענישן. די נאָטיץ אַרויסגערופן אַ גרויס אויפזען אין קראָקע. ביי אַ מינדלעכן געשפּרעך האָט ער דאָס זעלבע באַשטעטיקט. אין קראָקע — פאַרציילט מען — האָט טשערניאַקאָוו געגעבן אַ געלונגען בילד, ווי עס זעט אויס אַ טאָג אין דער קהלה, ווי מען קומט פון אַלע זייטן מיט טרויעריקע ידיעות. דאָ דערשאָסן עמעצן ביי דער אַרבעט, דאָ געכאַפּט צו דער אַרבעט, דאָ אַנדערע זאַכן, ער האָט זיך אָבער ביים פאַרציילן „פאַדהיקעט”, רעדנדיק וועגן די בינדעס (אגב האָט מען דערפון געמאַכט דעם הויפּטפּראָבלעם, לויט דער מיינונג פון אַ טייל דעלעגאַטן אומנויטיק) האָט ער פאַרציילט, אַז פאַר 500 זל. קען מען זיך דערפון אויסקויפן, ער האָט אָבער נישט געקענט דאָס באַווייזן מיט פאַקטן, דעריבער האָט מען אָנגעוווירן דעם צוטרוי צו אַלעם, וואָס ער האָט דערציילט. לעווין באַהאַלטן זיך אַ גאַנצע צייט. אַזוי אָבער יענע געקומען צו אים, באַשלאָסן אַרויס אין דער גאַס. — אויף טלאָמאַצקע 2 היינט אנשי חיל גענומען מעבל מיט אַלץ. אַ קראַנקע פרוי געהייסן פאַרלאָזן דאָס בעט און גענומען עס צוזאַמען מיטן בעטגעוואַנט. איינעם אַזוי שנעל צוגענומען די ביורקע, אַז נישט באַוויזן אַרויסצונעמען דאָס פּאַפּיר, וואָס באַפרייט אים פון רעקוויזיציע. עפּעס האָט זיך געענדערט, זאָגט מען. אויף אָקענציע פלעגט מען די ייד[ישע] אַרבעטער ביז איצט נישט געבן צו עסן, זייט עטלעכע טעג באַקומט מען אַ זעלנערישן מיטאָג און אַהיים ברויט מיט שפּעק. די מעשה מיטן ראש היהודים און דער שפּיצרוטע געווען אַזוי. ווען צעבראָכן זי ביים שלאָגן די יידן, וואָס האָבן זיך פאַרשפּעטיקט, האָט ער געהייסן געבן זי צו פאַרריכטן צו אַ רימער און אַ זייגער 9 ברענגען אין ביוראָ. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער היינט אַרויסגעגעבענער פאַראָרדענונג וועגן טוישן דאָס פּוי[ליש] געלט אויף באַנעס[302] איז דער דאָלאַר באַדייטנד געשטיגן ביז 150 זל. מען זאָגט אָן פון פאָרויס אַ שטאַרקן יקרות. די טעג זענען באַפרייט געוואָרן די ערבים פאַרהאַלטענע אין נאָוועמבער.[303] מען זאָגט, אַז נאָר יידן. מען זאָגט וועגן פאַרטיזאַנערקאַמפן און פאַראייינצלטע אָנפאַלן אויף יענע אין קעלצער געגנט. אין אַניך[304] איז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק נהרגו שני אשכנזים. מאה פולנים נהרגו. מען זאָגט, אַז בשעת די געשעענישן האָט אַ ייד[ישע] דעלעגאַציע באַזוכט דעם אַרציביסקופּ גאלל,[305] [וועלכער] האָט אויסגעדריקט זיין

302) פג"ל הערה 199.

303) אין חודש נאָוועמבער האָט די דייטשע מאַכט אַדורכגעפירט גרעסערע אַרעסטן.

304) אניז, אַן אָרטשאַפט היינטער וואַרשע.

305) גלח ד"ר סטאַניסלאַוו גאלל — טיטולאַרער ארציביסקופּ, געוו. פעלדביסקופּ אין דער פּוילישער אַרמיי. געשטאָרבן דעם 11 נאָוועמבער 1942. רעאַקציאָנער און שונא ישראל.

עמפערונג קעגן דעם, אָבער נישט אַרויסגעגעבן קיין ווענדונג צו דער פוי[לישער] באַפעלקערונג. מען זאָגט וועגן אַ מרידה אין יענעם חייל אין סקאַרזשיסקאָ־קאַמיענע: פער אַנבאַזש ווייבער כמעט אַלע 20־טער נהרג. אין וואַלאָדאַווע האָט געזאָלט פאָרקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישן יענע און די רוסן. אין כעלם און וואַלאָדאַווע ליקווידירט דאָס פּראָבלעם פון משוגענע אויף אַ ראַדיקאַלן אופן.[306] אין אַ גאַנצער ריי פּראָווינץ־שטעט האָבן די לאַנדראַטן אַרויס־געגעבן אַ פאַרבאָט פאַר קריסטל[עכע] דאָקטוירים צו היילן יידן און אַזוי זוי ייד[ישע] דאָקטוירים זענען דאָרט נישטאָ, דעריבער אָן מעדיצינישער הילף. די לאַגע פון די דאָקטוירים אין וו[ארש]ע שלעכט. דער טיפּוס האָט לכתחילה געהאַט אַ לייכטן פאַרלויף, איצט אין מערץ דער פאַרלויף אַ „בייזער". פאַרמאַכט אַ גאַנצע ריי פוילישע בוכהאַנדלונגען און צוגענומען פוילישע און דייטשע ביכער. אין קראָקע באַקומען די קאָפּיע פון פאַראָרדענונג וועגן דעם, אַז יידן דאַרפן גענומען ווערן צו אַרבעט דורך דער פאַרמיטלונג פון די קהלות, ד. ה., אַז אַנדערע אופנים פון צוואַנגס־אַרבעט זענען נישט דערלויבט. ביזן 5־טן אַפּריל געזאָלט פאָרקומען די רעגיסטראַציע פון אַלע ייד[ישע] האַנטווערקער, בלויז אַ קליינער טייל זיך באַטייליקט אין דעם. סומנער וועללעס [307] זאָל אין געשפּרעך מיט ריי־בענטראָפּ האָבן באַרירט די לאַגע פון די יידן אין פוילן. איינע פון די סיבות, וואָס מען רעכנט זיך מיט די יידן אין פוילן, איז די שוועריקייטן, וועלכע עס מאַכן אין אַמעריקע דעם פאָרזיצער [פון] רויטן קרייץ פון דייטשלאַנד די דאָרטיקע יידן. גאָטענהאָפן [303] הייסט היינט טויטענהאַפן. דאָרט איז שטיל, עס איז נישט פאַראַן קיין שום באַוועגונג. אין דאַנציג, זאָגט מען, הערשט אַ פּאַניק. מען זיצט פאַרפּאַקטערהייט, גרייט אָפּצור־פאָרן. ווען מען האָט באַרירט אין קראָקע (27 מערץ) די פראַגע פון גירוש האָט מען דערקלערט, אַז דאָס אָפּשטעלן די גירושים איז אָפּהענגיק פון בערלין. זיי לייגן פאָר צו שאַפן אַ ייד[ישע] טרויהענדער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל איבערנעמען די ליקווידאַציע פון ייד[ישן] פאַרמעגן אויף יענער זייט. איינער געוואָלט מאַכן אימעניגעס, אַזוי ווי איבער צען, דאַרף מען מעלדן, איז ער געגאַנגען אין די גאַלעען, איבערגעלאָזט די רשימה. דעם צווייטן טאָג געזאָגט אים, אַז זיי וועלן זייער מענטש נישט שיקן, ווייל זיי האָבן שוין דריי צווישן די עטלעכע און צוואַנציק.

(306 די היטלעריסטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיי אומגעבראַכט. פג"ל דעם אַרטיקל פון פּראָפ. באַטאַוויא אין „ביולעטין" פון דער הויפּט־קאָמיסיע צו פאָרשן די היטלעריסטישע פאַרברעכנס, נר. 3.

(307 וויצע־שטאַטס־סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

(303 די דייטשן האָבן אַזוי אָנגערופן דעם פוילישן פּאָרט, גדיניע.

13 אפריל 1940

דרייצנטער אַפּריל, געהערט פאָלגענדע מעשה. אין לובלין געווען אַ מענטש פון די גאַלעען בראַנד.[309] געהאַט אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ גרופּע ייִדן אויסגעשטעלט צו דער וואַנט, דערנאָך אַ צווייטע פאָטאָגראַפיע ווי אַ העלפט נהרגו, די דריטע ווי די צווייטע העלפט באַגראָבט די ערשטע העלפט. דאָרט האָט מען די סטרוזשעס באַפרייט פון רוימען די טרעפּ אין די ייִד[ישע] הייזער. די האָבן אַליין געמוזט רוימען די טרעפּ אין דווקא אום שבת אינדערפרי.

אין אָקענציע אַ איש חיל אַרויס מיט אַ פלאַש ביר און געפרעגט ווער וויל ביר. קיינער נישט געהאַט קיין דרייסטקייט צו ענטפערן. דאַן דער־קלערט, ווער עס וועט געבן אַ ריכטיקע תשובה, דער וועט זי באַקומען. געפרעגט איינעם, ווער וועט געווינען די מלחמה, געענטפערט, אַז בכבודו ובעצמו. געגעבן אַ פּאַטש, דאָס זעלבע ביי אשכנז, דאָס זעלבע ביי ענגלאַנד און דאַן דערקלערט — די ייִדן.

וואָס האָבן די הערן געבראַכט פון קראָקע פון [דער] לעצטער נסיעה? אַן אויסווייז פאַר אליהו הנביא אויף צו קענען גיין אין דער סדר־נאַכט אַ גאַנצע נאַכט. בודק געווען ביי די האַרן[?]די דירה. געקומען אין אַ צימער ווו קריסטן, זיך אַנטשולדיקט. היינט געוואָלט כאַפּן אַ ייִד מיט אַ טאַפּפערקייט מעדאַל פון דער דייטשישער אַרמיי. באַפרייט אים, נאָך דעם ווען געוויזן דעם מעדאַל, געפרעגט אים פון וואַנען האָסטו, געענטפערט פאַר מיינע וואונדן אין דער שלאַכט ביי טאַנענבערג, סאַלוטירט און באַפרייט. אין לאָדזש זיינען מיט עטלעכע טעג אויסגעברייטערט געוואָרן די גאַסן פון געטאָ. די שלאַכטן אין נאָרוועגן האָבן אַרויסגערופן אַ שטימונג פון גלויבן, אַז די מלחמה וועט זיך גיך ענדיקן.

געהערט פאָלגנדע מעשה: אין קראָקעווער געגנט ושם הראש איש חיל [?] גערופן די ייִדן עלטסטע און זיי אַנטוויקלט אַ פינפיאָר פּלאַן אין שטעטל. געענדיקט דערמיט, אַז דאָס אַלץ מוז אויסגעפירט ווערן. נאָך די 5 יאָר וועט קומען אַן אַנדערער, וועלכער וועט אויסאַרבעטן אַ נייעם פינפ־יאָר פּלאַן. נאָך דער זיצונג געהייסן בלייבן דעם בעל הבית פון זיין וווי־נונג און געזאָגט: אָבער געדענק: „ווען מען וועט דאַרפן לויפן, זאָלסטו מיך גוט פאַרשטעקן". אויף פאַוויאַ 69 געווען אַ מעלינע מיט אַ ייִד בראש. די באַנדע פלעגט באַנוצן זיך מיט אַ מונדירטן מאַן, אָבער אין געוויסע פאַלן מיט די מונדירן פון די אנשי חיל. דעם גאַנצן הויף איינגעשלבנט און דערנאָך באַפרייט. היינט דעם דרייצענטן מערץ[310] איבערגעגעבן דער קהלה פון די מתים נאַלעווקי ביין, געווען באַגראָבן אויף די בייעלאַניעס. די פאַמיליעס דאַרפן דערקענען די קערפּערס. אין לובלין בשעת מען האָט צוזאַמענגערופן די גאַנצע מענלעכע ייִד[ישע] באַפעלקערונג אויפן מאַרק

(309) אַנטאָן בראַנד (געב' 1907) ס.ס.-האַופּטשטורמפירער, דער לייטער פון יודענרעפעראַט אין וואַרשעווער געסטאַפּאָ.

(310) דאַרף זיין אַפּריל.

און געהייסן שטיין אַ גאַנצן טאָג, אין אָוונט געהייסן אַלעמען זינגען די פאַרשיידענע לידער ווי „התקוה" און אַנדערע, נישט געפעלן געוואָרן, אָבער דאָס ליד „לאָמיר זיך איבערבעטן", אויסגענומען. די יידן אַריין אין גרויס התלהבות און געזונגען „מיר וועלן זיי איבערלעבן". אַ ייד פון עמך גע־קריגט זיך די טעג מיט אַ פּאָלאַק און גערדראָט אים: „וואַרט נאָר, עס וועט קומען פּוילן" יענער געענטפערט: „קיש מיך". מען האָט זיך שוין צוגע־וווינט צו כאַפּן צו אַרבעט. אויף סאָלנע די טעג געכאַפּט אַ וואָגן מיט מעבל, דריי שריט וויטער שטייען יידן אין קיפּקעלעך, וואַרעמען זיך אויף דער זון און האָבן נישט קיין מורא. די לעצטע [טעג] אַ מאַסנהאַפּט כאַפּן צו דער אַרבעט אויף אַלע גאַסן. מען גייט אפילו אין וווינונגען. געהערט אַז אין לאָדזש געפינט זיך ביי היינטיקן טאָג אַ פערטל מיליאָן יידן, הגם עס האָט אויסגעוואַנדערט אַ הונדערט טויזנט יידן. אַ טייל טרויהענדער דערלויבן צו פאַרווענדן געוויסע סומען פאַר ייד[ישע] צוועקן, פירמעס וועלכע האָבן געהאַט יעדעס יאָר אַ טראַדיציע צו געבן פאַר ייד[ישע] צוועקן. שמעתי שהמשוגעים התופסים בגרודזשאַנדז נהרגו. גם זונות חולות נהרגו בהאַנטגראַנאַטן. מעת לעת הם לוקחים רוצחים רעצידיוויסטן והורגים אותם כדי לעשות מקום להחדשים. כן עשו בחודש דעצעמבער וגם בפעברואר [310א]. א גרעסערע צאָל יידן (מען זאָגט טויזנט) באַקומען גרינגע בענדער, באַפּולמעכטיקט צו מעטאַל זאַמלונג. זיי זיינען באַפרייט פון אַר־בעטסצוואַנג. טראָגן נישט קיין ייד[ישע] בינדעס, וגם סוריץ [311] בתוכם. פּראַוואָסלאַוונע מאַכן פאַר אַ קליינער סומע אַריער משומדים. אין לאָוויטש שטאַרק פאַרשפרייט די קראַנקהייטן, אַרומגערינגלט מיט שטעכיקע דראָט, מען קען נישט אַריין און נישט אַרויס.[312]

דעם ניינטן אַפּריל פאַרציילט בדבר המרידה נגד האשכנזים ביערים, שם נהרגו חמשה מאות עם האַנט גראַנאַטן וגם בקעלץ יש הרבה לודאָווי־צעס [312א]. געהערט וועגן דעם, אַז אינדעלמאַנען [313] געפרעגט אסך וועגן זיין פאַרבינדונג מיט דער פוי[לישער] פּאָליטישער וועלט. די מורא פאַרן וועלט יידנטום, די אויספאַרשער געגלויבט, אַז בשעת די וויכטיקסטע געשעענישן אין פּוילן האָט אינדעלמאַן און בכלל ייד[ישע] זשורנאַליסטן געשפּילט

310א) געהערט, אַז די גייסטיק־קראַנקע אין גרודזשיאָנדז האָט מען געהרגעט, מיט האַנט־גראַנאַטן אויך געהרגעט די קראַנקע פּראָסטיטוטקעס. פון צייט צו צייט דערשיסן זיי די קרימינאַליסטן־רעצידיוויסטן, כדי צו שאַפן אַ פרייען פּלאַץ פאַר נייע. אַזוי האָבן זיי געטון אין דעצעמבער און אויך אין פעברואַר.

311) אַדוו. מיכאַל סוריץ — טוער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי, מיטאַרבעטער פון „מאָמענט".

312) דאָס געטאָ אין לוּוויטש איז איינגעפירט געוואָרן אין מאַי 1940 יאָר.

312א) וועגן אַ בונט קעגן די דייטשן אין די וועלדער, צעהרגעט דאָרט 500 מיט האַנט־גראַנאַטן; אויך אין קעלץ זענען פאַראַן פיל לודאָוויצעס (פּויערים־קעמפער).

313) אלחנן אינדעלמאַן, רעדאַקטאָר פון „היינט", געווען אַרעסטירט דורך די דייטשן אין 1939 י. אַלס איינער פון די ערובניקעס. נאָכן באַפרייען — אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, איצט אין ישראל.

אַ וויכטיקע ראָל, פאַרגעלייענט אים אַרטיקלען פון „העולם" פון פאַר 15 יאָר צוריק. געפרעגט אים ווו געווען ווען געגעבן בעק דעם און דעם אינטערוויו וכדומה. אין לאָדזש די גאַלעזן גוט באַקאַנט מיט דער ייד[ן]פראַגע אין פוילן. פאַרשטאַנען דעם אונטערשיד צווישן די רעוויזיאָניסטן און יידנשטאַטלער, געוווּנדערט זיך, פאַרוואָס פאַרקויפט אחוי ווייניק שקלים. באַ אַלע באַגעגענישן מיט דער אשכנזישער מאַכט דער גלויבן, אז יידן האָבן וואַלוטע, גאָלד, ברילאַנטן און שטענדיק אויף די ייד[ישע] פאָדערונגען דאָ אַ פאָדערונג: „זאָלן די רייכע יידן געבן". אין מעזריטש ווערן די אַרבעטער פון שטשעצינע באַטראַכט פאַר ווירטשאַפטלעך וויכטיקע יידן. זיי האָבן דערלויבעניש אויף צו פאָרן אין לאַנד. די וואַרשטאַטן האָט מען אויפגעשטעלט אין די גאַסן ווו עס דראָט יידן באַזייטיקט צו ווערן צוליב דער טענדענץ פון מאַכן אַ געטאָ. ציטונגספאַרקויפער שרייען: „בוידא של כבודו ועצמו פאַר 20 גראָשן". די ווענט, וועלכע מען האָט אויפגעבויט אין 6 פונקטן פון דער שטאָט, זאָגט עמך, איז דערפאַר, ווייל אָם יצאו משם יסגרו כל העם תחת החומות. געשלאָגן אַ ייד דערביי: טראָגסט אַ ענגלישן שטאָף — אַ פאַטש א.א.וו. פראַמעססע הייסט היינט פראָמיסיאָן און אַנדערע זאָגן פראָוויזיאָן. די טעג געווען אויף זאַמענהאָפאַ ראָג מילא א בילד וואָס האָט פשוט דערשיטערט. אַ געדיכטע מחנה פון יידן, מיידלעך און קינדער האַנדלט, וואַנדלט. ברודיקע, שמוציקע אויסגעהונגערטע פנימער. עס איז אוממעגלעך אַדורכצוגיין די גאַס, אַזאַ געדיכטע מאַסע שטייט אויף די גאַסן. מען האַנדלט דער עיקר מיט ברויט אָדער אויך מיט זאַפאַלקעס, פאַפיראָסן. דאָס בילד איז אַן אוממפאַרגעסלעך. שמעתי מאשה אחת שאיש חייל האָט געוויזן תמונה של משפחה יהודית און געלאַכט דערביי אויף אַ אומהיימלעכן אופן. הוא לא חפץ באין אופן לספר לה מה היה עם האשה הזאת ואיזה השייכות בינו ובין התמונה, אבל מובן שהוא הרג את המשפחה היהודית הזאת[313א]. פון אַ קריגסגעפאַנגענעם דאָקטאָר געהערט, אז די פאָלאַקן זיך געפרייט נאָכן הערן ידיעות וועגן רדיפות אויף יידן. איין זאַך וועט אונדז כאָטש בלייבן: מיר וועלן פטור ווערן די יידישע פראַגע אין פוילן. געהערט באַ — — וואָס ווען געהערט עמעצן קלינגען ביי דער טיר, זיינען זיי אַנטלאָפן דורך דער קיך־טיר. היינט האָט מען זיך שוין צוגעוווינט דערצו. שמעתי שזה שלשה ימים לקחו הכל אצל הברזל באן מהגויים אשר באו לעירנו אויסגעטון נאַקעט ולקחו הכל. שמעתי שבשבוע האחרונה נסע לא"י הרבה מגער[313ב]. געוואָלט אריינגיין אין וואַגאָן צו זען דעם „אָבערגוינער", ווען אים געזען געזאָגט, אז ער וועט אויפן וועג קראַפירן.

---

313 אַ) געהערט פון אַ געוויסער פרוי, אַז אַ זעלנער האָט געוויזן אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ יידישער משפחה און... ער האָט איר בשום אופן נישט געוואָלט דערציילן, וואָס איז געשען מיט יענער פרוי און וועלכע שייכות איז פאַראַן צווישן אים און דעם בילד. אָבער פאַרשטענדלעך אַז ער האָט דערהרגעט די דאָזיקע יידישע פאַמיליע.

313 ב) געהערט, אַז מיט דריי טעג צוריק האָט מען ביי דער אייזנבאַן גע־

געהערט אַן אינטערעסאַנטע כאַראַקטעריסטיק פון דעם מלך מ[ערין].
ער איז געווען פאַר דער מלחמה אַ שטיקל יורד. פּאָליטיש זיך אַריבערגע־
וואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער. אַ געוויסע צייט אַ רעכטער פּ. צ.
דערנאָך אַ ציוניסט. געווען אַ געוויסע צייט אַן אָנהענגער פון הרב האַמער[313]ג.
תמיד געווען אַ פּאָליטישער שתדלן. געשפּילט אין קאָרטן און פאַרשפּילט
אַ סך געלטער, געגט זיך מיט דער פרוי. פאַר דער מלחמה זיך אָנגעהויבן
צו רעהאַביליטירן. אין דעם טאָג, ווען געקומען די אשכנזים (דעם פערטן
סעפּטעמבער קיין ס[אָסנאָוויעץ] האָט מען אַלע יידישע מאַנסבילן אין על־
טער פון פערצן ביזן טיפן עלטער צונויפגענומען אין אַ קעלער אונטערן
ראַטוש. די ענגשאַפט דאָרט געווען אַ מוראדיקע, פון די מענטשן זיך גע־
גאָסן דער שווייס עמערווייז. ווען עס וואָלט נאָך געדויערט אַ האַלבע שעה,
וואָלטן אַלע דערשטיקט געוואָרן. מענטשן געווען גרייט אויפצורייסן די
וואַסער־קאַנאַלן, כדי דערטרינקען צו ווערן. ענדלעך אַרויסגעלאָזט און
איבערגעטראָגן אין דער האַלע. דאָרט אויסגעשטעלט די יידן צו 6 אין
אַ ריי, געזאָגט, אַז די יידן האָבן געשאָסן צו די אשכנזים פון די פענצטער.
אָפּגעשאָרן די בערד און פאות. געשיקט אכט פריזירער נאָך די מכשירים
און געדראָט, אַז אויב זיי וועלן נישט קומען אין פופצן מינוט אַרום וועט
מען אויסשיסן די זיבן יידישע אינטעליגענטן, וועלכע זענען אַוועקגע־
שטעלט געוואָרן צו דער וואַנט, אויסגעדונגען ענדלעך אויף אַ האַלבער
שעה. די מענטשן האָבן שוין געמאַכט אַ חשבון הנפש, יענע רעפּעטירט
דאָס כלי־זין. אין די לעצטע מינוטן די פריזירער געקומען צו לויפן. ביי
זיי דער שווייס גערונען פון די פּנימער, אַזוי אַרום געראַטעוועט געוואָרן.
געווען אין לאַגער נאָך עטלעכע טעג און דערנאָך פּאַמעלעך באַפרייט, צום
ערשט די בעלי־מלאכות, דערנאָך אַנדערע. אין משך פון דריי — פיר טעג
פאַרלוירן איבער צען קילאָ, אויסגעזען ווי אַ האַלב טויטער. דאָרט נהרגו
שלש מאות יהודים. אין ס[אָסנאָוויעץ] ווייס מען נישט צו וועמען געהערט
דער איינפאַל פון די גאָלד־ און זילבער־שפּענדונג, געווען חשדים, אַז דער
מלך עס געמאַכט. די פּוילן געהאַלטן דאָס נישט פאַר פּאַסיק, אָבער די יידן
אויסגעטייטשט, אַז דאָס דאַרף פאַרהיטן פאַר רדיפות. די בוכונג פון די באַ־
שטייערונגען פון דעם מין אַ פּראָבלעם. אין בענדין ווערט עס נאָרמאַל
געבוכט. דער מלך, אַ וואַרעם יידיש הארץ. אים זייער גוט אויפגענומען
אין מעריש — אָסטראַווּ און פּראָג.[314] אים געגליקט צו באַפרייען די יידן פון

כאַפּט פּאָליאַקן, וואָס זענען געקומען אין אונדזער שטאָט; מען האָט זיי אויסגע־
טון נאַקעט און אַלץ צוגענומען. געהערט, אַז לעצטע וואָך איז דער גערער רבי
אַרויסגעפאָרן קיין ארץ ישראל.

313 ג) האַמער — וואַרשיינלעך מאָלאָטאָוו.

314) משה מערין האָט געזאָלט אָנטייל נעמען אין דער אונטערהאַנדלונג, וועלכע היידריך האָט אָרגאַניזירט כלומרשט וועגן פּראָגן פון יידישער עמיגראַ־
ציע פון די אָקופּירטע לענדער. מערין איז וואַרשיינלעך געווען אין בערלין און
געזען זיך מיט אייכמאַנען.

מעריש — אָסטראָוו פון דעם לאַגער אין ניסקאָ. נויטיק געווען דער שטח פאַר אַן אַנדער צוועק, דעריבער אַנטקעגנגעקומען דער בקשה וועגן באַפרייען די יידן פון לאַגער. עס האָט אים צוגעשפּילט דאָס גליק אין אַ סך פאַלן. דאָך האַלט מען, אַז צוליב עמיגראַציע גרייט צו טאָן אַלץ און נישט אָפּשטעלן זיך פאַר גאָרנישט. באַמיט זיך לעצטנס וועגן אַ באַפולמעכטיקונג פון די וואַרשעווער עסקנים, מסתמה נויטיק פאַר אים צוליב די דייטשע יידן, וועלכע פרעגן „מה[מי] שמך?" לעצטנס זיך קאָמפּראָמיטירט צוליב דעם צוזאָג וועגן צוואַנציק טויזנט סערטיפיקאַטן און פון דעם זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. דאָס האָט שטאַרק אָפּגעשוואַכט זיין פּאָזיציע, דאָך אים געלונגען אָפּצוהאַלטן אויף עטלעכע חדשים דעם גירוש פון שלעזיע, איצט דעם 26 אַפּריל דאַרף דאָך פּאָרקומען אַ גירוש פון טעשין, ריבניק, אָדערבערג און אַנדערע שטעט פון מזרח קיין סוכא, טשעביניא, זאַוויערציע — טויזנטער יידן פאַרלאָזן זייערע היימען. מלך מ[ערין] וויל איצט אַריבערפאָרן קיין קראָקע און ווערן דער מלך איבער דער גאַנצער גובערניע און בכלל זיבערן אַלטרייך מיטן פּראָטעקטאָראַט. מען האָט זיך מצד די פּוילן אַרויסגעזאָגט קעגן דעם מלך מ[ערין] אין פלוגבלעטל געשריבן וועגן אים און זיין סיסטעם. אין אַ צוג געטראָפן אַ פּרוי, וואָס האָט גערעדט וועגן מלך ווי פון אַ מלאך הגואל. דער וואָס איבערגעלעבט אין ס[אָסנאָוויעץ] דעם פּירטאָגיגן לאַגער, געפילט זיך ווי אַ וואָרעם, וועלכער קאָרטשעט זיך אונטערן שטיוול, ער ווערט גערדיקט און אָט דוכט זיך, אַז ער ווערט דערדריקט, איבער אַ ווײַלע אויפגעהויבן דעם שטיוול, אָבער אין אַ סעקונדע די שפּיל הויבט זיך אָן פון דאָסניי. דאָרט אין ס[אָסנאָוויעץ] פאַראַן אין לאַגער קאַמערן אַרומגערינגלט מיט שטעכיקן דראָט. פאַרלוירן אין דריי טעג צען קילאָ. דאָרט ווערט מען צוליב שטראָף אַריינגעזעצט. די יידן לעבן דאָרט פון האַנדל־וואַנדל. מען פאָרט קיין מישקאָוו ביי דער גרענעץ,[315] מען קויפט פּויליש געלט, מען קויפט באַצוגשיינען אויף שטאָף — — אַרבעטן — אַ קליינע צאָל יידישע געשעפטן אָפן, דער עיקר קליינע קראָמען. אין לאַגער נעבן ס[אָסנאָוויעץ] געהייסן אַ דאָקטאָר רייניקן די קלאָזעטן מיט די הענט. אין וואַרשע האָט זיך אין די לעצטע טעג אָנגעהויבן אַ נייע סדרה כאַפּן. דער אַרבעטס־באַטאַליאָן ליפערט נישט די געהעריקע צאָל. מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן די סעקציע־אָנפירער מיט אַנשי־חיל געכאַפּט אין די גאַסן. לעצטנס אַ נייער אופן: אַ מאָטאָציקליסט פאָרט פאָרויס און שרייט: „האַלט יודען". די פאַרהאַלטענע יידן ווערן געלאָדן אין אַ מאַגיסטראַצקע וואָגן.

אויף זאַמענהאָף זענען היינט דעם זיבן און צוואַנציקסטן אַפּריל גע־

315) צווישן רייך און ג. ג.: אַזוי ווי אין ג. ג. איז געווען פאַרבאָטן דאָס קורסירן פון דייטשן מאַרק און אין רייך פון פּוילישן זלאָטי, האָט דאָס געגעבן אַ מעגלעכקייט צו האַנדלען מיט וואַלוטע.

שטאַנען צו צוויי אַנשי־חיל אין אַ טויער אפשר אַ שעה צייט און פאַר־האַלטן יידן. דאָס כאַפּן האָט פּשוט אָנגענומען אַ געפערלעכן כאַראַקטער.

מיט אַ חודש צוריק געקומען צו רב מענדל פון לעשנאָ, געפרעגט ווו זיי האָבן דאָס געלט? געזוכט און געפונען. — —

אין ס[אָסנאָוויעץ] געווען אַן איש חיל געגאַנגען איבער די הייזער פון יידישע וווינונגען און געצוווּנגען מענער זאָלן האָבן אין זיין קעגנוואַרט געשלעכטלעכע באַציונגען מיט פרויען. נאָך אַ געוויסער צייט איינגעשפּאַנט. די ה. ק.[316]־מענטשן געקומען צו דער אויבערהערשאַפט.

ווי דאַרף מען ציילן די חדשים: יאַנואַר, פעברואַר, ליפּיעץ, שיער־פּיען א.א.וו.[317] די האָפענונג צוליב באַרוועגיע אויף אַן ענדערונג אין פוילן. — אין דער אָטוואָצקער משוגעים־אַנשטאַלט געפינט זיך מיעטעק צוקער פון לאָדזש, וועלכער האָט פאַרטיידיקט זיין פאָטער בשעת אַן אָנ־פאַל פון אנשי חיל, געשלאָגן אים אַזוי לאַנג איבערן קאָפּ ביז משוגע געוואָרן. אַ סך משוגעים דערשאָסן אַן הויזן. האָט אויסבויען די דיקע מויערן אויף די ראָגעס פון פּרוזשנע, זלאָטע א.א. קאָסט די קהלה אַ פערטל מיליאָן זל. די דערשיטערונגען בשעת דער באָמבאַרדירונג האָבן געווירקט פּאָזיטיוו אויף די קראַנקע משוגעים. די היילונג מיט אינסולינע פון משוגעים באַשווערט; ווייל דאָס קאָסט טייער. די ייד[ישע] אַרבעטס־באַטאַליאָנען באַשעפטיקט אין אָקענציע[318] ביים לאַדעווען און סעגרעג־גירן די מעטאַלן. אינדעלמאַן דערציילט, אַז אין לאַגער געגעבן אים פון אַ פושקע הייסע זופּ אָן אַ לעפל, געמוזט מיט די פינגער שלעפּן די גליענ־דיקע קאַרטאָפל. דערויף געלאָזן איינציקע מינוט. אויף לעשנאָ שטייען מהנות יידישע אַרבעטער פון באַטאַליאָן און גלייכצייטיק כאַפּט מען אין גאַס. אַז מען באַצאָלט דעם דייטש צוויי טויזנט זל. קאָן מען אַ הויז באַפרייען פון אַ „פאַרוועקע". דער דאָקטאָר פאַרדינט אַ חודש 200 זל בעת דער פאַרוועקע ווערט אַלץ פאַרניכטעט. מען נעמט אויך ריינע וועש. מען זאָגט ,אַז די מויערן וועט מען מאַכן אויך אויף זשאָליבאָזש און סאַסקע קעמפּע, ד. ה. סטראַטעגישע באַפעסטיקונג — —

אויף נאַלעווקעס האַנדלט מען איצט מיט זומער־אַרטיקלען אויף דער גאַס. די ייד[ישע] — — זיך אַליין. מען לעבט דערפון, וואָס מען שמוגלט איבער. אויף די גאַסן איז איצט א שרעקלעכער שמוץ.

---

316) די טוער פון די הויז־קאָמיטעטן, וואָס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון וואַרשעווער געטאָ.

317) ד. ה. די ערשטע העלפט חדשים רופט מען אָן מיט דייטשע נעמען, די צווייטע מיט פוילישע. אַ רמז, אַז צו יענער צייט וועט פוילן שוין זיין פריי.

318) לופט־פלי־פּלאַץ אין וואַרשע. אַ לאַנגע צייט זיינען דאָ געווען באַ־שעפטיקט וואַרשעווער יידן.

דער מאַגיסטראַט זאָרגט נישט פאַר דער ריינקייט באַזונדערס אין יידישער געגנט. — אין סיים געזאָגט צו רב מענדלען (?) „דו ביזט שולדיק אין קריג״? — אים דאַרויף געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ מיטן גומישטעקעלע איבער דער האַנט. געשוואָלן געוואָרן. — אין דער קהלה געווען איינער פון די קאָמבאַטאַנטן האַזענשפּרונג, פירער פון ארבעטס־באַטאַליאָן און אַ גרויסער אידיאָט. געזאָגט צו א פענגערן [געפענער] „מיט יידן וועסטו גאָרנישט אויפטאָן אָן צוואַנג״. די ליניע: אַנוואַרפן אַ פּחד אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג, כדי מיט דער הילף פון אַ קליינעם הייפל צו הערשן איבער אַלע.— „פּאַניע פּרעזעס״ גערופן בײַ יצחקן א) אין לאַגער. — ער גייט אין נאַ וועסט, ווייל פארלוירן די מאַרינאַרקע (פלאָט). (ב נישט ווערדיקע האַלטונג פון די פוילן פאַרצייילט פון ס. די האַנדלונג נאָכן אַריינקומען פון די אשכנזים. — איך דער אַלטער רב מאיר פּראָפעסאָר ג) גענומען צו דער אַרבעט אין ט גאָרטן. געפּגער באַפרייט, „זי זינט זאָ זויבער״. — דו ווּעסט זען, זאָגט אַ איש־חיל צו אַ ייד בשעת נאַרוועגיע: דער גדול וועט נאָך שלום מאכן מיט די יידן און געווינען די מלחמה. — לעגאַל מוזן מיר זיך וואַרפן אין דער ווייסל, געזאָגט אַ סוחר. מיר קענען זיך נישט האַלטן אָן די אלע פאַראָרדנונגען. אַ נישט קענען מיר גאָרנישט אַרבעטן. — ערב יום־טוב ארויסגעכאַפּט יידן פון די רייען נאָך אונטערשטיצונג צו דער ארבעט. — געבראַכט איך אויסוייז פאַר אליהו הנביא אויף צו גיין נאָך 9 זייגער אויף דער גאַס. ד) — די גאַסן פון וואַרשע באַזונדערס לעשנאָ געוואָרן באַלעבט. די גאַנצע יוגנט אויף דער גאַס. אָן אַ שיל ווערט זי פאַרווילדעט, שלעכט דערצויגן. געזען אויף א מאשין געשריבענע אָרגאַן פון השמור „הדרור״. ה) (מסתמא מערך נומער). איך לייט אַרטיקל אונטערגעשריבן פון שמעון. אין א צווייטער צייטונג פון השמור „נגד הזרם״ נר. 3 אַ שיינער לייט ארטיקל: די מלחמה פאַרוואַנדלט מענטשן אין חיות — איז מען געוווינט צו זאָגן: מיר האָבן נישט געוואָלט און מיר ווילן נישט קיין מלחמה און אין ווילדע חיות וועלן מיר זיך נישט פאַרוואַנדלען, מיר זיינען געווען און מיר ווילן בלייבן מענטשן. — אין די לעצטע טעג (נאָכן 20 אפּריל) גייען ארויס די יונגע פליער מיט סעקציינע פון דער קהלה און כאַפּן פון די וווינונגען

א) יצחק גיטערמאַן. אויף דער דאַטע פון דעם פראַגמענט האָט אָנגעוויזן יצחק צוקערמאַן — באַמ. פון די אַרויסגעבער.

ב) ווערטער־שפּיל: פלאָט אויף פויליש איז — מאַרינאַרקאַ.

ג) פּראָפ. מאיר באַלאַבאַן.

ד) די דעלעגאַציע, וואָס איז געפאָרן קיין קראָקע, האָט געבראַכט א דערלויבעניש צו גיין נאָך 9 א זייגער אָוונט אין גאַס אין די סדר־נעכט (אליהו הנביא).

ה) א טעות. די אונטערערדישע צייטשריפט „דרור“ איז געווען דער אָרגאַן פון דער חלוצישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע דרור. דאַקעגן השמר הצעיר האָט ארויסגעגעבן: „נגד הזרם“, „אל על“, „אויפברויז“ א. א.

ו) וואַרשעווער שמואל ברעסלאַו.

יידן. מען זאָגט, אַז זייער ראש איז אַ אָריענטאַלישער מענטש, ווייל ער נישט אַליין כאַפּט יידן. — אַ באַקאַנטער האָט געזען אין יום־טוב (פּסח) יידישע סעקציינג אָן בינדעס מיט קעשענעס פול אייער. דאָס האָבן זיי גענומען אויסקוויפּגעלט פון די יידן. מען זאָגט אויך, אַז זיי נעמען לעצטנס „לעפּקעס". ז) מיט איין וואָרט אַ נייע מאָדע יידישע כאַפּערס. — נעכטן אין צווייטן טאָג פּסח געכאַפּט יידן פון טראַמווייען. איינער אויסגעשפּרונגען, געשאָסן אין דער לופטן. געוואָלט זאַ קלאַפּ טאָן מיטן כלי־זין, צעבראָכן עס. מען זאָגט, אַז אין גיכן וועט דאָס כאַפּן אויפהערן. עס ווערט רעגולירט ווערן די פראגע פון יידישער ארבעט. — צופאל און ווילקיר. פרוי באך [?] גע־גאנגען וועגן אויסוויז אין די גאלעען. דאָס ערשטע [מאָל] אָן א פּאר־וואָס געהייסן אהיימגיין. דאָס צווייטע [מאָל] געענטפערט, אז זי זאָל קומען אין א חודש ארום, הגם דאָס דויערט עטלעכע טעג. דאָס דריטע מאָל הלמאי געהייסן קומען אין אַ חודש ארום, דאָס קומען, דאָס איז עכט יידיש, אָבער שנעל איז דאָך (!) דייטש, געענטפערט די פרוי „לאָס". געקומען א פערט מאָל, געטראָפן אָן אנדערן און באַקומען דעם אויסוויז.

אין די פוילישע בוכהאנדלונגען בלויז פאַרמאַכט די ענגלישע און פראַנ־צויזישע אָפּטיילונגען און יידישע אינגאנצן פאַרמאַכט. נאָך לאנגע איב־ערוועגונגען געלונגען צו עפענען. — אין פּאָלקישן באָבאַכטער געווען אן אַרטיקל וועגן דער אויפפירונג פון „יוד זיס", געפאָרן אין בערלין, כדי איבערצוציִען דאָס בילד. די יידן געזונגען „מיר וועלן זיי איבערלעבן". אויף אזא אופן פארפילמירט דאָס ליד אויף אייביק. — זאַ קאַטשקע, אַז די גאלעען געדונגען פיר טויזנט יידן אלס אונטערהערער אין יעדן הויף. — געזען די אויסגאבע „דרור" די מלחמה וועט זיך ענדיקן מיט דער מפּלה פון אלע אימפּעריאליזמען. — געזען א פיינעם פורים־נומער אין פויליש: „געלעכטער דורך טרערן" (שמיעך פּזשעז לזי). — מען זאָגט, אז גלחים גיבן גערן שמד־אקטן פאר אַ קליינע סומע, כדי צו פאַרלייכטערן דעם מצב פון די, וואָס ווילן אַנגיין פאַר אריער. — אין די ערשטע צייטן האָבן אנשי־חיל אראָפּגעריסן די מזוזות פון יידישע וווינונגען זיינען היינט דאָס רוב אָן שילדלעך. אויף אַ טיר פון יודנעלטסטן אין ווארשע געווען אַ קאָפּיע פון אַ באַפרייונגס־דאָקומענט אויף דער טיר, אויב זי וועט נישט באַווייזן דעם אָריגינאַל, ווערט זי געשאָסן. — פאַרבראַכט די צווי טעג סדר־נאַכט ביי שכנאַ פראַימען ח) געווען א אינטערעסאנטע דיסקוסיע איבער דער נקמה איבער די שונאים. ר. יצחק ט) באַווייזן, אז דאָס וועט נישט פירן קיינמאָל צו קיין מאָלק. דאָס באַזיגטע פאָלק וועט ווידער טראַכטן וועגן נקמה און אזוי וועט עס אייביק דויערן. מען האָט ארומגערעדט, אַז דער איינציקער אויסוועג איז אַ מאָראלישער דערהויבונג פון די מענטשן. ר.

ז) פון פויליש: קעפּלעך, ד. ה. — זיי כאַפּן מענטשן.
ח) שכנא=אפרים זאנאן.
ט) יצחק גיטערמאַן.

יצחק פאַרציילט, אַז ביי אים אין לאַגער האָט אַ יידישער יונגערמאַן צוגעגנבעט עפּעס. ליבּק געשטימטע געוואָרפן זיך אויף אים שלאָגן, בלויז די חברים ישיבה־ניקעס י) געוואָרפן זיך אים ראַטעווען, די מאָראַליטעט פון דער „פערטער שטובע". ווי אַזוי עס ענטשטייט דער ראַט פון גריפן און פעלקער. זיך געשלאָגן אין לאַגער צוליב עטלעכע צענטימעטער וורשט. ליב געהאַט בלויז איינציקע פון דעם צווייטן לאַגער צימער, די איבעריקע — „שונאים". אין סטאַראָגראַד זיינען געבליבן 7 יידישע פאַמיליעס. זיי וווינען אין איין הויף. די אשכנזים אַרבעטער ברענגען זיי עסן און אַלדאָס גוטס. זיי האָבן רעכט בלויז איין שעה אין אַ וואָך אַרויסצוגיין איינצוקויפן זיך. די יידן זיינען באַשעפטיקט אַלס טאָגאַרבעטער. זיי ווערן דערפאַר באַלוינט פון מאַגיסטראַט. די גרעסטע אַנטיסעמיטן געוואָרן די בעסטע פריינט פון ר. יצחק. די יידישע בקמה: יידן זענען שוין אַלץ מוחל. די אשכנזים זיינען בלויז מענטשן, מער נישט די גאַלעען. — „זשיראַפע" — „זשידאָווסקאַ ראַדיאָסטאַציאַ פאַנטאַסטיטשנאַ". כ) — וואָס הערט זיך נייעס? קראַנק אַליין זיך אויסצוטראַכטן. — געשאַפן אין וואַרשע אַ פוילישע געזעלשאַפט: „טאָפור קזשיזש", ל) וואָס האָט פאַר אַן אויפגאַבע צו באַפרייען דאָס פוילישע לעבן פון יידישן איינפלוס. — אין די ערשטע טעג, וואָס עס האָט זיך באַוויזן דאָס נייע געלט, זיך באַוויזן 50 גראָשן פאַלשע. מען האָט זיי געכאַפט ווי מצה וואַסער. — די מאָדנע בריוו: בראָנקע (ענגלאַנד) חתונה געהאַט (מפלה) העלענע (אשכנז), מיר האָבן געטרינקען 40 פלעשלעך וויין פון דער פירמע ספינות נשברות (נאָרוועגישע מלחמה). דער איש הגדול באַשטעלט ביי אַ שניידער אַן אַנצוג. איינער האָט געזאָגט, אַז פון דעם שטאָף קען מען האָבן בלויז אַ מאַרינאַרקע, דער צווייטער אַ גאַנצן אַנצוג, דער ייד דריי אַנציגער — „ביי זיי איז ער גרויס, ביי אונדז איז ער זייער קליין" — וויפל בענדער האָט בראָדעצקיס מ) ענציקלאָפעדיע אין דער פוילישער איבערזעצונג? (ווי הויך שטייט דער פונט). — אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז יעדע פרוי מוז האָבן אַ קינד און אַז נישט וועט מען אַריינזעצן אַ טרויהענדער. — היינט אויף דער מאָנד לירות שטראַסע נומ. 4 מומע תמיחה. נ) בועז וויב רות (רוסלאַנד) האָט זיך צעקריגט מיטן שותף און ווילן אים נישט געבן אַפילו קיין עסן. (ס)

די מויערן אַרום דעם זיכן־געביט אין וואַרשע רופט מען די פאַרלענ־

י) קרימינאַליסטן.

כ) פון פויליש: יידישע פאַנטאַסטישע ראַדיאָסטאַציע.

ל) פון פויליש: האַק און קרייץ.

מ) פראָפ. זעליק בראָדעצקי (1888—1954) פרעזידענט פון וועד־הקהלות און פירער פון ציוניסטן אין ענגלאַנד.

נ) אַלפרעד מאָנד — לאָרד מעלטשעט (1868—1930), ענגלישער שטאַטס־מאַן און איינער פון די פירער פון דער יידישער אַגענץ. לירות — פונטן, ד. ה. שטיצע פון די ענגלישע יידן.

ס) קאָנפליקט צווישן ר"פ און דייטשלאַנד.

גערונג פון דער זיגפרידליניע. — לעצטנס גייען אַרום יידישע כאַפּערס (די סעקציינים) פון דער קהלה. זיי שטייען אין דרויסן פאַר א טויער, לויפן פלוצים אַריין, יידן באַהאַלטן זיך אין די טויערן און דאָרט וואַרטן שומרים. — מיט אַ וואָך צוריק ד. ה. אַרום דעם 30־טן אַפּריל שטאַרק געכאַפּט צו דער אַרבעט. געשלעפּט פון די טראַמווייען, געשלעפּט פון די וווינונגען. — געהערט, וויאַזוי עס איז געהרגעט געוואָרן דער ווענגראָווער רב ערב יום־כּפּור. מען האָט אים געהייסן קערן די גאַסן. דערנאָך געהייסן זאַמלען דאָס מיסט מיטן קאַפּל, בשעת איינבייגן זיך אים געגעבן 3 שטעך מיטן באַגנעט, ווייטער געאַרבעט און בשעת דער אַרבעט געשטאָרבן. — יידן טאָר מען נישט פאַרקויפן קיין האָלץ פון די מלוכה־וועלדער. — עס זיינען דאָ יידן מיט לעגנטעס „ווירטשאַפּטלעך־ווערטפאָלע יידן". — געכאַפּט אויף אָקענציע 50 יידן. צוואַנציק געהייסן באַגראָבן א געפייגערטע קאַץ, דרייסיק געהייסן זיך אויסדרייען און דערנאָך געהייסן זוכן דעם קבר. די האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, געזוכט עטלעכע שעה כּלומרשט און דערנאָך געפונען. די אנשי חיל געלאַכט. אַ צווייט מאָל געקומען, נישט געהאַט וואָס צו טאָן, געשפּילט אַ מעטש, די יידן געווינען 1 : 2. כאַראַקטעריסטיש, אַז אַנדערש באַציען זיך איינצלנע אשכנזים, מענטשלעך. דער זעלבער וואַכמייסטער אין יצחקס לאַגער געזאָגט אין זאַל מיט אַנדערע: די יידן זיינען שולדיקע אַ.אַ.וו. — דעזינפעקציע אין לאַגער: ליזאָל אויפן קאָפּ און ליד [?] אויפן נאַקעטן קערפּער. — דער בריוו קיין טאַלין: דער פעטער עמך ישראל לעבט אין שלעכטע באַדינגונגען. ער ליידט שטאַרק פון זיין זון יעקי, וואָס פירט זיך אויף זייער שלעכט. ער מאַכט סקאַנדאַלן אין גאַס. ער שלעפּט דעם פאָטער אַרום אַ גאַנצן טאָג. ווייסט דאָך, ווי ער האָט זיך אויפגעפירט אין דער היים, איצט שטעלט זיך פאָר, איז דאָס הונדערט מאָל ערגער. דער פאָטער וואָלט וועלן וווינען אויפן דרום, מוז ער אָבער וווינען אין דרום [צפון]. — זייער כאַראַקטעריסטיש זיינען צווישנפּאַרטייאישע באַציונגען: דער בונדיסט נוס ע) באַדויערט זייער, פאַרוואָס מען האָט פאַרמאַכט דאָס רייזע־ביוראָ און עס איז נישט מעגלעך די עמיגראַציע. — גיב אָפּ א טייל פון גרוס וואָס די ווייסט אָפּנעמען אין פּרוי [?] לויט דיין אַיינזען (אַריישע בריוו). די זעלבע פאָר הענטשקעס בא אַ יידן טייערער, ווייל דער ייד האָט שוין נישט מער קיין רוישטאָף און ער ווייסט, אַז ער וועט מער נישט באַקומען, דעריבער מוז ער נעמען אַסאַך טייערער ווי דער קריסט. — אין לאָדזש פירט דורך זגערסקא אַ וועג דורכן געטאָ, ביידע זייטן וועג אַרומגערינגעלט מיט פאַרקאַנעס פון שטעכיק דראָט, כדי די קריסטן, וואָס גייען אַדורך, זאָלן זיך נישט טרעפן מיט יידן. קריסטן טאָרן נישט קומען אין געטאָ. — אַ מאַרק קאָסט דאָרט 4 זל. — אַזא קונץ געמאַכט פאַרן פילם: אין יידישן געטאָ אין לאָדזש אויף זגערסקא שטייט אין מיטן גאַס אַן אשכנ־

ע) מוריצי אָזשער.

זישער שומר, אויף ביידע זייטן יידישע שומרים. מען פֿאַרהאַלט אַן אשכנזישן ראש, ווייל ער גייט שלעכט אַריבער און מען הייסט יידישע שומרים אים פֿאַרהאַלטן און דאָס ווערט פֿאַרפֿילמירט.

די לאַגע איז איין די לעצטע טעג פֿון אַפּריל און דעם ערשטן מאַי געווען אַן אָנגעשטרענגטע, מענטשן האָבן זיך באַוויזן זעלטן אין גאַס, יעדנפֿאַלס איז די באַוועגונג געווען אַ קלענערע ווי פֿריער. די סיבה די אַרעסטן ביי דער פּוילישער באַפֿעלקערונג, פֿון גאַיעווסקעס צוקערניע אין פּוילישער געגנט אַרויסגענומען מענטשן. — אין פֿאַוויאַק יושבים הונדערט זעכציק יידן, דערפֿון אַ פּאָר און צוואַנציק פֿרויען. — געהערט וועגן פֿאַלן, אַז קריסטן טוען אָן יידישע בגדים. — אין יידישן געגנט קאַרמעליצקאַ געפֿאָרן אויטאָס מיט חיל. געשאָסן אין די לופֿטן. — געהערט, אַז פֿון פּאַזנאַנסקיס שפּיטאָל אין לאָדזש אַרויסגעפֿירט די יידישע קראַנקע. מען זאָגט, נהרגו. — אין וואַרשע די שווערע מכה פֿון פּאַרוקעס. הריפֿן ווו עס ווערן פֿעסטגעשטעלט שמוץ, ווערט די גאַנצע באַפֿעלקערונג געפֿירט אין באָד אַריין. מען קויפֿט זיך אויס ביי די פּוילישע דאָקטוירים פֿון דעם ווי אויך פֿון סאַניטאַרן דינסט. אויף לעשנע צוויי און דרייסיק באַצאָלט 200 זל. פֿאַר אויסמיידן די פּאַרוקע. מען שטעלט אונטער מענטשן וואָס גייען זיך באָדן. פֿאַראַן פֿאַמיליעס, וואָס לעבן דערפֿון, וואָס זיי גייען זיך באָדן פֿאַר אַנדערע. אין דעם זעלבן הויף באַצאָלט 3.000 זל. פֿאַר באַפֿרייען פֿון שליסן דאָס הויז צוליב אַ טיפֿוס־פֿאַל. אין די שמוציקע הייף ווערן פֿאַרברענט שטרויזעק, קישנס א.א.

געזען די אויסגאַבע פֿון השמור הצעיר „נגד הזרם”, דאָרט ווערט אַרומגערעדט די באַציונג צו ראַטנפֿאַרבאַנד. א״י טאָר ניִשט זיין קיין באַזע אין קאַמף פֿון ענגלישן אימפּעריאַליזם. — בילדלעך פֿון יידישן לעבן אין פּוילן, באַזונדערס אינטערעסאַנט אַ מנין אין פֿעלד. יידן פֿון אַ קליין שטעטל אַרבעטן אין דרויסן ביים רוימען דעם שניי. אַן עלטערער ייד דאַרף זאָגן קדיש. ווען ער באַמערקט, אַז דער זעלבער האָט זיך אָפּגערוקט, דרייט ער זיך אויס מיט די פּלייצעס און אַ מנין יידן זאָגט אָמן נאָכדעם ווי דער זעלבער ייד האָט אָפּגעזאָגט קדיש.

געהערט פֿון דער צייט פֿון אָקטאָבער און נאָוועמבער, אַז ווען יידן האָבן געטראָגן פֿון דערוויטנס וואַסער, האָבן אנשי חיל אויסגעגאָסן דאָס וואַסער. — די קאַטוילישע באַפֿעלקערונג דערלויבט יידן צו ברענגען וואַסער פֿון דעם פֿאַוואָנזקער בית־עולם. אַרויסגעוויזן אַ ווייטגייענדע טאָלעראַנץ. — די פּסח אַקציע האָט געהאַט אַ גרויסע מאָראַלישע באַדייטונג: אַרויסגערופֿן גרויס דרך־ארץ מצד דער פּוילישער באַפֿעלקערונג, וועלכע האָט באַוואונדערט די יידישע סאָלידאַריטעט. — געהערט פֿון פֿיר קינסטלער־קלובן. — ר. יצחק שאַצט אָפּ דעם פּראָצענט צדיקים אשר אצל האשכנזים אויף 95% בסטאַרגאַרד.

2, 4, 6, 7, 8 מאַי 1940

צווייטער מאַי. נעכטן — דאָס יאגעניש. דער שוסטער פון סמאָטשע. דער געוועלבער פון נאָוואָליפּקי. די לעגענדע וועגן 50 באַפּרייטע. אַן אויטאָ האָט געפאָרן אויף טראָטואַרן — — זאַמד און וואַסער אויף די דעכער — אַפּטייקלעך — טויזנט אַרויסגעפירט — די גאַסן ווי אָפּגעשטאָרבן. אייערנעכטן צוגענומען דעם אומבאַקאַנטן זעלנער — קיי־נער לייגט נישט קיין בלומען אויף מיצקעוויטש־קבר [319] — און מען נעמט אַריין אַ פּוילישן קאָמיסאַר פון אייגענעם ווילן, כדי נישט צו באַקומען אַ צווייטן (גאַלקאַ). מען הענגט אַרויס בלויז אויף דייטש „אונטער קאָמיסאַרישער לייטונג” כדי נושא חן צו זיין. רעדוצירט די פּענסיעס פון פאַר דער מלחמה כמעט 75% — — נאָוואָדוואָרסקי און אַנדערע אַנטיסעמיטישע אַדוואָקאַטן זיצן צוליב יידן. גערופן זיי און געפרעגט זייער באַציונג צו יידן. געענטפערט אַז די פראַגע איצט נישט אַקטועל. יעדער אַדוואָקאַט דאַרף פאַר יעדער געריכטס־פאַרהאַנדלונג דערקלערן, אַז ער איז נישט פון נישט אַרישער אָפּשטאַמונג. פּלאַווסקי, רעקטאָר פון קראָקע, געוויזן די טיר סטודניצקין ביים וועלן שאַפן אַ רעגירונג אין פּוילן. געווען אַן ערשטן־מאַי־אויפרוף פון די רויטע. קעניג כריסטיאַן שטייט אויף זעט ער יידן מיט בינדעס רייניקן שניי — דער־וווסט ער זיך, אַז זיי זענען אין דענעמאַרק.

V.4 חושך צוליב דער מפּלה אין נאָרוו[עגיע]. די שטימונג געפאַלן. — אין זגיערזש געהייסן באַצאָלן דער קהלה פאַרן בענזין, וואָס אונטער־געצונדן די שול. לעשנאָ 52 זיך איינגעשפּאַרט, מיר ווילן נישט געבן געלט פאַר אַ פּאַרוויקע. די טאָכטער פון בעל־הבית געגאַנגען צו אַ פּאַרוויקע. — נאַלעווקי 23 באַצאָלט 7 טויזנט זל. — ריזיקע סומען באַ־צאָלט. געווען און לעבן — פאַרבאָט פון פאַרקויפן ברויט און אין אַלע פּענצטער ליגט ברויט צו 23 זל. דאָס זעלבע מיט די העכסט־פּרייזן, וועלכע ווערן נישט געהאַלטן. זעקסטער מאַי — געהייסן קומען דעם סעקציייני, וואָס האָט שטאָט 52 ייד[ישע] אַרבעטער געבראַכט 38 און גענומען באַ־שטעטיקונגען פאַר אַלע. געהייסן קומען דעם סעקציייני מיט די 15 און מיט־נעמען צוויי בייטשן.

טענות הלמאַי עס אַרבעטן נאָר אָרעמע יידן, רייכע באַקומען באַ־שטעטיקונגען און דרייען זיך אַרויס.

די שטאָטישע פּאַפּירן שטייען גוט — די מלוכהשע שלעכט. ייד[ישע] פרויען אין קראָקע טאָרן נישט טראָגן קיין אַנדולירטע האָר, קורצע אַרבל און הויכע קנאַפּל. אַ פאַראָרדענונג פון דער מאַכט. די ייד[ישע] ראַטמיטגלידער זענען געשלאָגן געוואָרן.

---

319) געמיינט דעם מיצקעוויטש־מאָנומענט אויף קראָקעווער פאָרשטאָט אין וואַרשע.

אין לובלין זענען פאַרגעקומען ישיבות[319א]. פון איבער 2.000 מענטשן, דעם דריטן מאַי דריי הונדערט נהרגו. „ייד, קום אַרבעטן, אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס!". „איך בין נישט קיין נאַשער".

ארויסגענומען אַלע יידן פון גערטנערס רעסטאָראַן צו אַרבעט. אין גאַס קיינעם נישט געשעפּעט. אַרומגערינגלט דעם קערצעלאַק און אַלעמען גענומען צו אַרבעט. דאָס זעלבע פון די טראַמווייען. צוגענומען ביי די קריסטנס צו פאַר קילאָ קעז, די מילך און פוטער, פאַרהאַלטן אויף אַלע וועגן און צוגענומען דאָס זעלבע. — געהערט אַז דורך די פּאַלאַקן ווערן צוזאַמענגעשטעלט רשימות פון פּערזאָנען, וואָס אַרבעטן מיט און דינען.

זיבעטער מאַי. איינגעשיבנט קאָמיסאַרן. פּוילישע יוגנטלייט פון 15 ביז 25 באַהאַלטן זיך אויס אין די וווינונגען. אין קראָקע הערשט אַ גרעס־סערע מורא אין וו[ארשע]. מענטשן האָבן מורא אַ וואָרט אויסצורעדן. קאַפּע גערטנער היינט אָן אַרישער. עס קומען לויטער יידן. די קעלנער־קעס יידישקעס מוזן מאַכן אַן אנשטעל פון פּאַלקעס. נישט געענטפערט מיר אויף מיין פראַגע אין יידיש.

אַכטער מאַי. שוידערלעכער טאָג. אין אַלע גאַסן האָט מען אין די נאָכמיטאָג־שעהן געכאַפּט פּאַלאַקן. יידן האָט מען לעגיטימירט, צי זיי זענען נישט קיין קריסטן. פאַרהאַלטן טראַמווייען און אַרויסגעשלעפּט אַלעמען אויפן פּאַוויאַק. פון דאַנען, זאָגט מען, קיין פּרייסן. עס זענען געפאָרן צענדליקער אויטאָס קיין דזשעלנע. אַלע ייד[ישע] פּריזירער גענומען צום שערן פון די איינגעשיבנטע. נישט בלויז יונגע געכאַפּט, נאָר אויך דערוואַקסענע איבער 40.

2—9 מאַי 1940

מיינע ליבע!

צווייטער מאַי. פאַרן דריטן מאַי האָט זיך געטון אויף די וואַרשע־ווער גאַסן חושך. אויף די גאַסן האָט געהערשט אַ שרעקלעכע יאָגעניש נאָך פּאַלאַקן. לאַסט־אויטאָס מיט באַוואָפנטע זענען געפלויגן אַ הין און צוריק. די גאַסן זענען געווען פוסט. אויטאָס אַרויפגעפאָרן אויף די טראָטואַרן און געמאַכט אַ פּאַניק. אַ פּאָר יידן פאַרוווּנדעט אויף באַוואָ־ליפּיע, גענשאַ. מען זאָגט, אַז איבערגעטוענע פאַר מענטשן פון די גאַ־לעען אַרויסגעפירט פון דזשעלנע פופציק מענטשן[320]. אָבער דאָס נאָר אַ קלאַנג. אַלס נקמה זאָל מען האָבן אַרויסגעפירט איבער טויזנט אַרעש־טירטע. מען האָט געזאָלט הייסן באַוואָרגן זיך מיט וואַסער אויף די בוידעמער ווי אויך מיט זאַמד און הויז־אַפּטייקלעך. געהערט וועגן אַ

319 א) אַרעסטן.

320) ד. ה. פּאָליאַקן איבערגעטוענע פאַר ס. ס.־מענער האָבן אַרויסגעפירט פון פּאַוויאַק־תפיסה צווישן די גאַסן דזשעלנע און פּאַוויע 50 אַרעסטירטע.

פּוי[לישן] קאָמיסאַר אין אַ ייד[ישער] פירמע (גאַלקאַס) אויסגעהאַנגען אָבער בלויז אַ דייטש שילדל כּדי נושא חן צו זיין. די באַאַמטן פון דער פּאָסט און אַנדערע רעדוצירט די פאַרמלחמהדיקע פּענסיעס. — נאָוואָדוואָרסקי [321] און אַנדערע אַנטיסעמיטישע אַדוואָקאַטן זיצן צוליב יידן, מען האָט זיי אַרויסגערופן און געפרעגט וועגן זייער באַציונג צו דער אַריער־פּאַראַגראַף. געענטפערט, אַז די פראַגע איז בשעת דער מלחמה נישט אַקטועל. געהערט, אַז יעדער אַדוואָקאַט דאַרף פאַר יעדער פאַרהאַנדלונג ערקלערן, אַז ער איז נישט פון נישט אַרישער אָפּשטאַמונג.

געהערט, אַז דער רעקטאָר פון קראָקאָווער אוניווערסיטעט געוויזן די טיר סטודניצקין, וועלכער איז געקומען צו אים וועגן גרינדן אַ פּוילישע רעגירונג [322]. געוויזן די טיר און אַלס פּועל־יוצא אײַנגעשפּאַרט די קראָקאָווער פּראָפעסאָרן [323]. געהערט וועגן פּויל[ישן] מאָלער און שרייבער וויטקעוויטש [324], אַנטלאָפן פון קראָקע קיין לובלין. דערוויסט זיך, אַז די רוסן קומען אָן. אין אַ וואַלד גענומען אַ שטאַרקע דאָזע וועראָנאַל, איבערגעשניטן זיך די אָדערן, כּדי צו שטאַרבן אויפן לעצטן שטרייפן פון פּוילישער ערד. געהערט אַ וויץ. דער דענישער קעניג כריסטיאַן שטייט אויף אינדערפרי און זעט דורכן פענסטער, אַז יידן מיט בינדעס רייניקן שניי, והראיה די אַשכּנזים זענען דאָ אין דענעמאַרק. די שטימונג אין גאַס אַ שווערע צוליב דעם מלחמה־גורל אין נאָרוועגיע. אין זגיערזש געהייסן דעם רב באַצאָלן פאַר דעם בענזין, וואָס איז פאַרווענדעט געוואָרן ביים אונטערצינדן די דאָרטיקע שול (געווען אין ווינטער). לעשנאָ 52 זיך אײַנגעשפּאַרט, מיר וועלן נישט געבן קיין געלט פאַר דער פּאַרוועקע. די טעכטער פון בעל־הבית געגאַנגען אין באָד. נאַלעווקי דריי און צוואַנציק באַצאָלט זיבן טויזנט זל. פאַר דער פּאַרוועקע. ריזיקע סומען ווערן דורך יידישע הייף באַצאָלט. געהערט אַז צוליב סאַניטאַרע טעמים איז דאָס לאָדזער געטאָ פאַרמאַכט געוואָרן [325]. דער יקרות איז לעצטנס שרעקלעך געשטיגן. אַ קילאָ פּוטער קאָסט 45 זל. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אַלע פּראָדוקטן ווערן אין גראָכאָוו און אַנדערע פאָרשטעט

---

[321]) אַדוו. נאָוואָדוואָרסקי, געווען דעקאַן פון וואַרשעווער אַדוואָקאַטן־ראַט. געווען אַן אַנטיסעמיט. זע זייט 125.

[322]) וולאַדיסלאַוו סטודניצקי (1865 — 1953), עקאָנאָמיסט, ענדעקישער פּאָליטיקער. אין די 30־ער יאָרן פּראָפּאַגירט צוזאַמענאַרבעט מיטן היטלער־דייטשלאַנד. אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע אונטערהאַנדלט מיט די דייטשן וועגן שאַפן אַ פּוילישע קוויסלינג־רעגירונג.

[323]) דער אַרעסט פון די קראָקעווער פּראָפעסאָרן שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיט א. ג. אַקציע A — B, וואָס איז געווען געווענדט קעגן דער פּוילישער אינטעליגענץ און ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

[324]) סטאַניסלאַוו איגנאַצי וויטקעוויטש (וויטקאַצי) (1885 — 1939), שרייבער, מאָלער, פילאָזאָף. אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַל פון פּוילן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

[325]) דאָס לאָדזשער געטאָ איז פאַרמאַכט געוואָרן דעם 1 מאַי 1940.

צוגענומען. א שרעקלעכע לאַגע אין דעם פאַרמאַכטן טייל פון דער קראָכ־מאַלנע גאַס· נעכטן געשטאָרבן דרייצן מענטשן, מיט צוויי טעג 6 און 5 מענטשן. אין א ווענדונג פון פוי[לישן] רויטן קרייץ וועגן ביכער פאַר פוי[לישע] קריגסגעפאַנגענע צום סוף א צושריפט, אז מען האָף נישט צושיקן קיין ביכער פון קאָמוניסטישן אינהאַלט און ביכער פון ייד[ישע] מחברים. געטעל [326] פאַרדינט פאַר זיין בוך וועגן פאַשיזם, געהאָלפן שאַפן א קיך פאַר פוי[לישע] ליטעראַטן. מען זאָגט, אז די גאַלעען גיבן צו הונדערט זל. פאַר די פאָלקס־אשכנזים ציווילע, אנשי־חיל וואָס וועלן ברענגען יידן אָן בינדעס.

דעם ניינטן מאי געהערט וועגן נעכטן, אַז פּאָלאַקן האָבן זיך באַהאַלטן אין קירכעס, אין חורבות פון הייזער, אין הויף. מענטשן זענען געשפרונגען פון טראַמווייען. אַרומגעריגלט דעם קאַפע־קלוב [327] און אַרויסגענומען אַלע פון דאָרט. מען זאָגט, אַז אויך יידן האָט מען גענומען, אָבער בלויז גע־ציילטע פאַלן. מען זאָגט, אז די סיבה זאָל זיין דאָס איינשיכטערן פון די פּאָלאַקן אין צוזאַמענהאַנג מיט די ידיעות וועגן דעם באַלקאַן. אין לאָדזש איז די לאַגע א זייער טרויעריקע. מען וואַרט לאַנגע שעהן אויף אַן אָרט אין א קלאָזעט. מען לאָזט נישט אַריינפירן קיין שום פּראָדוקטן אויסער ברויט. אין וו[אַרשע] בויט מען מויערן נאַלעווקי, קראַמי נאַלעווק[אָוו־סקיע]. אויך פּזשעיאַזד — נאָוואָליפּיע. מען זעט אין דעם אָן אָנהייב פון א געטאָ, וואָס וועט פלוצים אַראָפּפאַלן. אין לובלין טאָרן די יידן נישט אָנצינדן קיין ליכט ביינאַכט· לעצטנס אין א שענק אין ייד[ישער] געגנט נהרג ראש דורך א פויל[ישן] באַנדיט, אכט הונדערט יידן איינגעשיבנט. דריי שעה געמוזט שטיין מיט די הענט אַרויף. צוויי הונדערט יידן גענומען צו שווערע אַרבעט אין כעלם. בכלל די לאַגע דאָרט א שווערע. מען פּרוווט אַרויסרוקן אומעטום די אוקראַאינער אָנשטאָט די פּאָלאַקן. זיי זענען דאָרט קאָמיסאַרן פון ייד[ישע] אונטערנעמונגען. דער רעפערענט אין דיסטריקט רופט זיצונגען, אויף וועלכע עס ווערט אָנגענומען באַשלוסן וועגן אָפּשאַפן ייד[ישע] מאַגאַזינערן, בוכהאַלטערן, אויסער פאַכמענער, אָן וועלכע מען קאָן זיך דערווײַלע נישט באַגיין. די פויל[ישע] אַרבעטער אין א טייל פאַבריקן (לויט א דערקלערונג פון א פאַבריקאַנט) נעמען זיך שטאַרק נישט איבער מיט דער אַרבעט, פוילענצן. אין וו[אַרש]ע היינט געפירט די ייד[ישע] אַרבעטער פון אַרבעטסבאַטאַליאָן אויסער דער שטאָט, ווו גע־אַרבעט ביי פאַרריכטן דעם שאָסיי. די פּאָלאַקן געזאָגט צו א באַקאַנטן אין ראַדאָם, אַז רוזוועלט האָט האַראָוויצן [328] געגעבן געלט און דערמיט גורם געווען די פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון די יידן. געהערט וועגן אַן

[326]) פערדינאַנד געטעל (געב. 1890), פוילישער רעאַקציאָנערער שרייבער, אָנהענגער פון פאַשיסטישן רעזשים.

[327]) קאַפע־קלוב אין וואַרשע, ביי נאָווי־שוויאַט און יעראָזאָלימער אַלעען.

[328]) רינגעלבלום באַצייכנט אָפט היטלערן מיטן וואָרט האַראָוויץ.

אשכנזקע — געזען א פילם [329] ווי אַזוי מען האָט איבערגעטראָגן יידן פון [שטאָט] אין לאָדזשער געטאָ. ביי יידן געלעגן פיש, גענדז אויפן טיש. געזאָגט „שטערט אייך נישט" און געוואַרט ביזן פאַרענדיקן דעם מיטאָג. דערנאָך געגעבן אויטאָס אויף איבערפירן די זאכן. עס ווערן צוגענומען אין די שטעט און דערפער די גלחים, אינטעליגענץ, אַפילו אין די דערפער די אָנפירער פון קאָאָפּעראַטיוון. אין לובלין טאָרן די יידן נישט אַרויסגיין פון 6 אינאָוונט און אָנציינדן ליכט פון 8. אין דער פאָרשטאָט וויעניאַוואַ אַרויסגעטריבן אַלע פרויען און די מענער געהייסן צענעמען אַלע הייזער נישט געבליבן קיין איין הויז. צוגענומען די סחורות, וואַלוטע און גאָלד, וואָס געווען איינגעמויערט אין די ווענט. די פייל. — —

9, 13, 16, 21, 27, 28, מאַי 1940

ניינטער מאַי. בשעת די אָבלאַוועס פון די פּאָליאַקן (היינט ווידער פאָרגעקומען אויף נאָווי שוויאַט) האָט מען פאַרהאַלטן צוויי און זיבעציק יידן, אויף דזשעלנע אײנגעשלאָסן. פּוילישע שומרים נעמען ביי די ראָגאַטקעס צו 5 גראָשן פון אַן איי, ווייל זיי מוזן אויך לעבן (די פּרייז פון אַן איי 70 גראָשן). אין לובלין מוזן די יידן אַראָפּנעמען די היט פאַר די אַשכנזישע שומרים. — דער וויציקער בריוו וועגן דעם מצב אין וויך וועגן דער קאָזע, א שאָד וואָס איר זייט נישט דאָ, ווייל איר וואָלט זיך איבערצייגט וועגן דעם אמת וועגן דער קאָזע. מען פאַרשטייט נישט דעם זין פון די מויערן, וועלכע דעקן זיך מיטן געטאָ. מען האָט מורא, אַז אין מאָמענט פון אַרויסגיין, זאָל מען נישט אונטערצינדן דאָס געטאָ. פון מאַגיסטראַט פאָרגעלייגט פאַר כאבאר איבערצורוקן די מויער אויף רימאַרסקא לויטן ווונטש פון די סוחרים. — שמעתי אשכנזי אחד בא ליהודי בלאָדזש, אויפגעוועקט אים ואמר בא ונלכו לבער (לעשן) מהבית־המדרש בלאָדזש. הלכו, אבל געווען פאַרבאָטן צו דערנענטערן זיך [330]. געהערט, אַז בשעתן כאַפּן פּאָלאַקן, האָט מען א טייל יידן מיט אַרישן אויסזען געהייסן רעדן יידיש אַלס באַווייז. אין אַ פּליטים־פּונקט איז משוגע געוואָרן א קינד פון 8 יאָר. געשריגן: איך וויל גנבענען, איך וויל רויבן, איך וויל עסן, איך וויל זיין א אַשכנז. פאַר הונגער איז אים דערעסן געוואָרן צו זיין א ייד. — געהערט, אַז אשכנזים זענען אַריין אין דער קירך אויף גזשיבאָוו. דער גלח האָט באַרויִקט דעם עולם, אָבער עס איז געוואָרן א גרויסע פּאַניק,

---

329) לעני ריפענשטאַל, דייטשער רעזשיסער און פילם־אָפּעראַטאָר, פּערזענלעכער פריינד פון היטלערן.

330) עס רעדט זיך דאָ וועגן די שולן אויף קאָשטשושקאָ־ און וואָלבראָמער גאַסן, וואָס די היטלעריסטן האָבן אונטערגעצונדן אין נאָוועמבער 1939 און פאַרגעשטעלט דאָס ווי אַ בלומרשטע שטראָף מצד די פּאָליאַקן דערפאַר, וואָס יידן זאָלן האָבן צעשטערט דעם דענקמאָל פון קאָשטשושקאָ אויפן פּלאַץ וואָלנאָשטשי. דאָס איז געווען איינע פון די צאָלרייכע פּראָוואָקאַציעס פון די אָקופּאַנטן.

דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען מיט עטלעכע טעג צוריק אין דער קירך, פון דריי קרייצן, פון וועלכער מען האָט געכאַפּט צו דער אַרבעט. אין אַ פּאָושעכנער שול גענומען אַלע קינדער און ביי זיי צוואַנגסווייזע גענומען בלוט. געהערט וועגן דעם, אַז די אַשכנזים אין אשכנז האָבן זיך געלאָזט אויסשטעלן באַשטעטיקונגען פון גוטע באַציונגען צו קריגסגעפאַנגענע, איינגענייט עס אין די שיבעלן פאַר דער צוקונפט.

דרייצנטער מאַי. געהערט וועגן דעם, אַז אויפן טעאַטער־פּלאַץ, מאַר־שאַלקאָווסקא א. א. האָבן יענע געהייסן די יידן טאַנצן, די ערדומיקע פּאָלאַקן, וואָס האָבן געלאַכט, האָט מען אַריינגענומען אין געשלעג. היינט אַ נייע מאָדע. מען הייסט יידן אַראָפּנעמען די היטלען, מען וואַרפט אַראָפּ די היט. געהערט, אַז די מויערן (פראַנקס ליניע) בויט מען אויך אויף באָווי שוויאַט. דאָס זעלבע האָבן פאַר א ציל אויפצוהאַלטן אין פאַל פון שטראָסן־אָנפאַלן.

האַראָוויץ קומט אויף יענער וועלט, זעט ער אין גן־עדן קריסטוסן. „הא, וואָס טוט דאָ א ייד אָן אן אָרעמבאַנד?״ — „לאָז צורו — ענטפערט אים דער הייליקער פעטער — דאָס איז דער זון פון בעל־הבית״. געהערט, אַז אין ביאַליסטאָק זאָלן הענגען פּלאַקאַטן, ווו סטאַלין דריקט ה.[331] ביים קאַרק און פון מויל פאַלן אַרויס טשעכאָסלאָוואַקיי, עסטרייך א. א.

זעכצנטער מאַי. די נצחונות אויפן מערב־פראָנט האָבן אַרויסגערופן אַ שטאַרקן איינדרוק. אַ שרעקלעכע מרה־שחורה האָט באַהערשט דעם עולם. איך קען אַ דר״ין, וואָס האָט זיך צעגעגרייט אַ פלעשל סם אויסצו־טרינקען אין פאַל פון נצחון. דער עולם טייטשט אויס דעם נצחון מיט דעם פאַקט, אַז אַעראָפּלאַנען, וואָס פאַלן אַראָפּ ווערן פאַרוואַנדלט אין טאַנקס. אַנדערע דערציילן, אַז זיי שיסן אַ באָמבע פון געדיכטער לופט, וואָס רינגלט אַרום די לופט־דעסאַנטן, אַזוי אַז זיי זענען ווי מלאכים, וועלכע עס רירט נישט אָן קיין שום קויל. עס פאַרשפרייטן זיך פאַרשידענע קלאַנגען וועגן א פוילישער דעלעגאַציע אין מאָסקווע, וועגן גערינגס א רעדע, אַז מיר האָבן נישט קיין מזל צו אונדזערע פאַרבינדעטע און אויב אפילו רוסלאַנד וועט נישט האַלטן דעם אָפּמאַך, וועלן מיר אַרויס זיגער־הגם אַליין. געהערט וועגן א תקיף אין וולאָדאווע, וואָס באַשטייערט א ייד, וואָס פאַרמאָגט א צוואַנציק טויזנט גילדן, מיט טויזנט גילדן א חודש און די וואָס הערן נישט, ווערן אַריינגעזעצט אין תפיסה. אויף דער פראַגע, וואָס זאָל מען טאָן, אז ער האָט נישט, געענטפערט — טאָ וועט ער פון אונדז באַקומען אונטערשטיצונג. געהערט אז אין ראַדאָם איז ביי דער קהלה איינגעאָרדנט געוואָרן אַ בוררות־געריכט, צו וועלכן עס ווענדן זיך יידן, שטאָט אין מלוכהשע געריכטן. בוררים קענען זיי יידן עלטעסטע, דער סעקרעטאַר קען זיין יוריסט. די הכנסות דעקן די אויסגאַבן, ווי אויך א געוויסע הכנסה פאַר דער קהלה. געהערט, אַז פוילישע פּריצים האָבן

[331] היטלער.

זיך געוואָנדן וועגן אַרבעטס־הענט, דאָס א וויכטיק פּראָבלעם, ווייל אויב יידן וועלן גיין אַרבעטן, וועט מען אַרויסשיקן גרעסערע מאַסן פּאָלאַקן צו אַרבעט אין פּרייסן.

אינהאַלט פון אַ בריוו: דער פּעטער בשר קומט נישט אַריין צו אונדז, דאָס זעלבע מיטן שכן חמאה — — יידישע אונטערנעמונגען אין וו[אַרשע] באַקומען פון אַרבעטס־אַמט אַן אויפּפאָדערונג אָפּצוזאָגן ייד[ישע] אָנגעשטעלטע און אויף זייער אָרט נעמען אשכנזים, אָדער פּאָלאַקן.

דעם איין און צוואַנציקסטן מאַי. אָנגעקומען א טרויעריקע ידיעה, אַז אין קראָקע האָט מען געהייסן די יידן צו פאַרלאָזן די שטאָט ביזן 15 אויגוסט[332]. די וואָס וועלן פרייוויליק פאַרלאָזן די שטאָט וועלן קאָנען אַלץ מיט זיך מיטנעמען. עס דאַרפן אַרויספאָרן צו 5000 א חודש. עס קאָן בלייבן בלויז 10.000. אָנגעקומען א ידיעה פון שלעזיע, אַז דאָרט איז ווידער אַקטועל דער גירוש פון הונדערט פערציק טויזנט יידן. אין דער קהלה האָט מען יענע וואָך געגעבן צוואַנציק שמיץ דעם לייטער פון דעם אַרבעטסבאַטאַליאָן אַדוו. גאָלדפייל, דערפאַר ווייל ער האָט נישט צוגעשטעלט די אַנטשפּרעכנדע צאָל אַרבעטער. געהערט, אַז צוויי יידן געקומען אין קהלה און געוויזן ברוין און בלויע צייכנס אויפן קערפּער, געשלאָגן בשעת דער אַרבעט אין די דינאַסן. אין דער קהלה רעדט מען וועגן באַשטייערן די ברויט־קאַרטן מיט צוויי זל. דאָס וועט אָנרירן קודם כל די אָרעמסטע, וועלכע וועלן נישט זיין אימשטאַנד אויסצוקויפן די ברויט־קאַרטן. מען האָט לעצטנס פאַרקלענערט די ברויט־ראַציע פון די יידן אויף א העלפט, פון 500 אויף 250 גראַם, בשעת די קריסטן[333] באַקומען 750 גראַם. די יידן באַקומען נישט צוקער, בשעת די קריסטן באַקומען. דער דאָלאַר איז לעצטנס געפאַלן, ער האַלט איבער 90 זל. אין רוסלאַנד 60 זל. אין טאָמאַשאָוו מאַזאָוויעצקי טאָרן די יידן לענגער נישט גיין אין שטאָט ווי פון 8 ביז 12 פאַרמיטאָג. די סיבה, כדי די אשכנזים, וואָס גייען אויפן פּראָנט, זאָלן נישט מוזן זען קיין יידן. אין טשענסטאָכאָוו אַרבעטן טויזנטער יידן אויסער דער שטאָט ביי שאָסייען. אין הרוביעשאָוו אַרבעטן יידן זייער שווער אויסער דער שטאָט. בלויז איין מאָל אין וואָך מעגן זיי קומען אין שטאָט אויף אָפּרו, זיי באַקומען דערפאַר עסן. דאָס פאַרמויערן פּשעיאַזד — באָוואָליפיע האָט געשאַפן אַן אוממעגלעכע לאַגע אויף קאַרמעליצקא. דאָרט איז שרעקלעך ענג, א ריזיקע באַוועגונג. די פירמע ביי טשענסטאָכאָוו איז צוגענומען געוואָרן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א

332) די אויסזידלונג פון די יידן אין קראָקע איז דורכגעפירט געוואָרן לויט דער פאַראָרדענונג פון אַפּריל 1940. פון מאַי ביז סעפּטעמבער זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן 35.000 יידן. מיט דער אויסזידלונג האָט אָנגעפירט דער שטאָט־קאָמיסאַר, אָבערשטורמבאַנפירער רודאָלף פּאַוולו.

333) געמיינט די פּאָליאַקן.

ספאָרט־פּלאַץ. געהערט, אַז צוגענומען ביי אַ יידענע סחורה, נאָכגעלאָפן איבערן גאַס און געשריגן בקול רם „גנבו!". געהערט וועגן אַ ייִנגל, ביי וועלכן מען האָט צוגענומען די סחורה, אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און געשריגן. אין אַ געוועלב מיט לעמפּלעך אייִנער באַהאַלטן אין קעשענע 2 לעמפּלעך אַריינגעשטעקט, די יידענע אַריינגעשטעלט די האַנט אין קעשענע און געזאָגט: „ביי אונדז שטאַלט מען נישט, אין אונדזער לאַנד איז אַנדערש". געהערט, אַז אין קראָקע פירט די ייד[ישע] קהלה אונטערהאַנדלונגען און אַז מען איז שוין מסכים, אַז דרייסיק טויזנט יידן זאָלן פאַרבלייבן דאָרט. מען זאָגט, אַז שולדיק איז די קהלה, ווייל זי האָט כסדר גערעדט וועגן דער צו גרויסער צאָל פּליטים אין קראָקע. מען כאַפּט יידן צו אַרבעט קיין מאלקין צו גראָבן דאָרט אָקאָפּעס.

געהערט היינט דעם זיבן און צוואַנציקסטן פאָלגענדע מעשה: אויף שוויענטאָיערסקא 11 געדאַרפט אויפשטעלן אַ מויער, האָט מען געגנבֿעט, האָט מען אָפּגערוקט אויף 13, דאָרט געגנבֿעט און וויטער אָפּגערוקט. דאָס זעלבע טוט מען אין אַנדערע געגנטן, ווי למשל: נאַלעווקי, נאָוואָליפּקי, ווו ביז היינט נישטאָ קיין מויער, ווייל געגנבֿעט. אַ הויז אויף מוראַנאָווסקא געוועזן 15 פאַלן פון טיפוס, דאָס הויז ווערט נישט פאַרמאַכט, ווייל מען גיט דעם דאָקטאָר אַ חודש 800 זל. ווען די מלחמה וואָלט דויערן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג די יידן קאָנען אויסהאַלטן, וואָלט געוועזן שלעכט, ווייל די יידן קאָנען אויסהאַלטן לענגער ווי די מלחמה קאָן דויערן.

28 מאַי. געהערט זייער טרויעריקע ידיעות פון לאָדזש. דאָרט איז מען בלויז אויף ברויט און וואַסער. מען קען נישט אַרויספאָרן. פאַר פאַרלאָזן דאָס געטאָ דראָט טויט־שטראָף. די ילדים פון רקיס[334] גימנאַזיע פון 7־טן און 8־טן קלאַס גענומען צו אַרבעט פון דער שול. געטראָפן אויף געגנשע, אַז מען האָט צעשלאָגן אַ פאָלקסאשכנה, אייִנגעישבֿנט עטלעכע צענדליקער יידן. אין לאָדזש שמוגלט מען זיך אַרויס פון שטאָט אויף אַזאַ אופן, אַז מען טראָגט אַרויס אין דער מיטה. די יידן מעגן באַגלייטן ביז צו די טויערן פון געטאָ. שרעקלעכע באַדינגונגען אין לאָדזש. לאַנגע רייען ביי די קלאָזעטן, ענגשאַפט, מען לאָזט נישט צו קיין פּעקלעך, נאָר בריוו. דאָס אַריבערפירן פון אַ מענטשן קאָסט אַ 1.600 און מער זל. עס שטאַרבן אַ טאָג 60 יידן. עס וווינען נאָך אין ל[אָדזש] צוויי הונדערט טויזנט. עס זענען נאָך דאָ יידן אין קאַליש, די וואָס זענען געבליבן אין די האַלעס.

14, 16, 20, 22 אויגוסט 1940

14/8. דאָס צושטעלן יידן צו דער וואַנט אַלס צוציונגס־מיטל. מען זאָגט, אַז פאַלאַקן געוואָלט אונטערצינדן דעם צירק פון בוש. כאַפּעריי — יידן אין די אַרבעטס־לאַגערן. 1.200 — 500 זיך געמאָלדן פריוויליק.

334) רומקאָווסקי.

ר׳ מאיר[335]. נחמו, נחמו עמי הארצרייסענדע רעדע וועגן קעגנזייטיקער הילף און אונטערשטיצונג. 160 יאנואריקע נהרגו, 95 לעבן. רשימה פון דער קהלה.

די אַסיפות שטאַרקן, וועגן די רדיפות פון די יידן אין די אַמאָליקע צייטן — די אַלע פאַסוסן — —.

מיר נעמען אויף מיט שטאָלץ די לאָזונג „יודען פיר יודען״ די קורצע — 1500 פאַר נישט שלאָגן אויף די דינאַסן.

פאַרבאָטן צו וווינען וויעיסקאַ, נאַ סקאַרפּיע, קסיאָנזשענצאַ[336], ביזן 16 איבערציען זיך אָן מעבל טשערניאַקאָוו, סאָלעץ — גרויס אָרעמקייט. זעכצענטער אַבטער. דער דאָלאַר איז געשטיגן. מען זאָגט, אַז דאָס זאָל זיין אַ רעזולטאַט פון דער מפלה פון די אשכנזים אין ענגלאַנד. דער דאָלאַר האַלט איבער 50. געשטאַנען 35. שוידערלעכע קינדער בעטלעריי אויף די גאַסן, אַז מען גייט אַדורך לעשנאָ, קען מען אויף יעדע 10—20 מעטער אָנטרעפן אויף אָפּגעשליסענע 8—9 יעריקע קינדער, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, וואָס שטרעקן אויס די הענט נאָך אַ גראָשן. אַ סך קינדער זינגען און שפּילן אין די גאַסן. אַסך קינדער האַנדלען מיט בייגל, פּאַפּיעראָסן, ברויט, גאַנצע באַנדעס בעזפּריזאָרנע, קאָנצענטרירן זיך לעבן פאַרוויילונגס לאָקאַלן.

דעם 15 און 16 עקסצעסן אין פּראַגע, געראַבעוועט פּאָלאַקן ייד[ישע] געוועלבער. די סיבה אַ געשלעג צווישן אַ ייד[ישן] פליישער און אַ קריסט. יענע געהאָלפן אין דער אַרבעט. א גרויסע באַאומרואיקונג אין די לעצטע טעג (20־טער אויגוסט) צוליב די באַשטימונגען וועגן אַ יידישן שטאָטטייל. די ייד[ישע] באַפעלקערונג זעט אין דעם אַ געטאָ. מען וואַרפט אַרויס פון גאַנצע הייזער אויף קאָשיקאָוואַ, האָזשע, און מאַרשאַלקאָווסקע. מען לאָזט נישט אַרויסנעמען קיין שטובזאַכן, אַ פּאַסעק אויף וווינונגען 150 זל. אַ צימער. גענומען 1200 צו די אַרבעטסלאַגערן אין לובלינער קאַנט. געפאָרן נאַקעטע, באָרוועסע. מען זאָגט: דאָרט נישט גוט. מען דערלויבט נישט אַראָפּצורייסן די פּיאַווקעס פון די פיס. געשלאָגן דערפאַר.[337] משפט פון ר. זיסקינד וועגן די צוגענומענע זאַכן.

אין קראָקע געענדערט די פריערדיקע רעפערענטן פאַר יידן. פּראַגע: צו ד״ר ארדלט, זיבערט א.א. מען זאָגט, אַז עס גייט אַ שלעכטער קורס. דער אָנהייב די רעדע פון ד״ר פראַנק מיט עטלעכע טעג, אַז די יידן מוזן אַוועק פון אייראָפּע און דער גירוש קראָקע [איז] אַן אָנהייב דערפון.

די קהלה וועט דאַרפן אין משך פון 2 חדשים צושטעלן 5.000 [338] יונגע

---

335) מאיר באַלאַבאַן?

336) גאַסן אין צענטער פון וואַרשע.

337) די יידן האָבן געאַרבעט אין זומפּן (ביי מעליאָראַציע־אַרבעטן), אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען פיל פּיאַווקעס.

338) לויט די פאַראַנענע דאָקומענטן האָט די צאָל אַרויסגעשיקטע פון וואַרשע און געגנט אין די לובלינער לאַגערן באַטראָפן אַן ערך 5000 נפשות.

מענטשן. כאַראַקטעריסטיש, אַז 500 זיך געמאָלדן פּרייוויליק, אַנדערע זאָגן וועגן 2.000 פּרייוויליקע, גענומען אַנדערע כדי צו באַפרייען פאַר געלט אין פאַרשיידענע פאָרמען. נישט אויסגעפאָרשט, צי עס שטימט.

צוויי און צוואַנציקסטער אויגוסט. דערשינען אַן ענדעקיש בלעטל, אין וועלכן מען שרייבט: יידן שלאָגט (ביטש) מען, פּאָלאַקן הרגעט (זאַביטש), יידן גיט מען עטלעכע טעג אויף איבערציען זיך, פּאָלאַקן עטלעכע שעה אין פּוילן. יידן זעצט מען [איין], אָבער פּאָלאַקן שיסט מען. מיר גראַטולירן אייך אייערע נייע פאַרבינדעטע·

געהערט אַז אין לובלין האָט מען צו צוואַנגסאַרבעט גענומען אויך די פאָרשטייער פון דער ייד[ישער] קהלה, אָבער איצט שוין צוריקגעקומען. איינער אַן אַדוואָקאַט פון דעם באַדראָטן אין וואַרשע געבית גייט אין אַ נייעם אַנצוג אויף יעדן פּאַל, טאָמער וועט מען באַזייטיקן פון דאָרט יידן. אַ ראש פאַרהאַלטן אַ ייד אויף מאַרשאַלקאָווסקא, געהייסן פוצן די שטיוול און דערביי פאָטאָגראַפירט. די לעצטע מאָדע. געכאַפּט יידן אין טראַמוויי און געפירט צו דער אַרבעט. באַנייט דאָס צונעמען מעבל און אַנדערע זאַכן. תמיד ייד[ישע] מוסרים דערביי דער רוב אשכנזישע יידן. — און שכורן אויף טלאָמאַצקע — יידישע רעוויע. — —

25, 28 אויגוסט 1940

פינף און צוואַנציקסטער אויגוסט

צוויי שנויים. באַרבאַל געוואָרן אין ווין אַן אַנטיסעמיט[339] צוליב דעם, ווייל דער ייד[ישער] פאַבריקאַנט, ביי וועלכן ער האָט אויף ראַטעס געקויפט צוויי קינאָ־אַפּאַראַטן (וואַנדערנדיקע) און זיי פאַרלוירן, ווייל בשעתן קריזיס אין יאָר 1923 נישט געקענט באַצאָלן די ראַטע. דער הונגער ביי אים געוואָרן זייער גרויס. ער פלעגט דאָס ברויט באַהאַלטן זייער הויך אויף דער שאַפע. איין יינגל אויף אַ וואונדערבאַרן אופן אַרויפגעקראָכן אויף דער שאַפע און דאָרט גענומען ברויט. דאָס קען ער נישט פאַרגעסן די יידן. דעמלט אַריין אין דער פּאַרטיי. איצט באַקענט זיך מיט דער פערמע אין גראָכאָוו, דאָרט קענען געלערנט יידן. פול מיט אַנטציקונג פאַר אַרבעט. דאָרט פילט ער זיך גוט. דאָרט איז דער איינציקער פּונקט, וווּ ער האָט פאַרגעניגן. ער קען די חברה ביי די נעמען.

שרעמף[340] געקומען קיין גראָכוו. ער פאָרט באַזונדער, און דער ייד־

---

339 מעגלעך, אַז רינגעלבלום מיינט דאָ באַלענבאַכן, וואָס איז געווען רעפערענט פאַר לאַנדווירטשאַפט אין וואַרשע. געווען באַקאַנט פון זיין גוטער באַציונג צו דער יידישער פערמע אין גראָכאָוו.

340) ד"ר שרעמף, לייטער פון דער אָפּטיילונג „געזונטהייט־פּאָליציי" ביים שטאָט־פּרעזידענט אין וואַרשע.

[ישער] דאָקטאָר, וואָס באַגלייט אים, פּאָרט אויך באַזונדער. ער רעדט נישט צו יידן, נאָר ווייזט מיטן פינגער, מען זאָל אויפהויבן דעם טאָפּ צו זען, צי איז דער טאָפּ פון הינטן ריין.

פון לאָדזש געקומען אַ ידיעה, אַז מערין זאָל ווערן דער אויבערהאַר איבער דעם לאָדזשער געטאָ. געהערט, אַז אין קראָקע קויפט מען זיך אויס פון גירוש. מען באַצאָלט אין דער קהלה שיינע טויזנטער, אַלפאָנסן און ענלעכע טיפן בלייבן, אויסער בעלי־מלאכות א. א. עס איז אין אַן אומלעגאַלן ענדעקישן בלעטל געווען געשריבן, אַז יידן ווערן פּריווילעגירט. יידן שלאָגט מען (ביטש), פּאָלאַקן שיסט מען (זאַביטש), יידן כאַפּט מען, פּאָלאַקן פאַרשיקט מען. מיר גראַטולירן אייך אייערע נייע פאַרבינדעטע.[341] (יידן פון קראָקע האָט מען אַרויסגעשיקט אין משך פון עטלעכע וואָכן, פּאָלאַקן אין משך פון עטלעכע שעה).

געהערט, אַז מען האָט נאָכן איינעמען פּויזן באַזייטיקט יידן פון דאָרט, האָט די פּויל[ישע] באַפעלקערונג באַגלייט באַזונדערס די זקנים מיט טרערן אין די אויגן. אין לאָדזש, פאַרקערט, האָט מען בשעתן טרייבן אין געטאָ נישט געזען קיין שום מיטלייד פון דער פּויל[ישער] באַפעלקערונג.[342] עס מערן זיך אַלץ די פאַלן פון שלאָגן פאַר נישט אַראָפּנעמען די היט פאַר מונדירטע. ביים פּלאַץ בלאַנק פאַרהאַלט מען יידן און מען הייסט זיי מאַכן עטלעכע צענדליק פּשיסיאַדעס,[343] איינעם ווידער געהייסן שפּרינגען הונדערט מאָל איבער דעם קאָזיאָל.

אין די לעצטע טעג (אַכט און צוואַנציקסטער אויגוסט) אויסווייזונגען אין משך פון אַ האַלבער שעה פון די פּוי[לישע] גאַסן (ווילטשע, קאַראָלקאָווע א.א.). צוגענומען נעכטן ביי אַלע ייד[ישע] דראָזשקאַזשעס די לייצענצן — מעלדונג פון דער קהלה, אַז אַלע פון 18 ביז 35 מוזן זיין גרייט צו די אַרבעטסלאַגערן, יעדע מינוט קענען זיי באַקומען אַן אויפפאָדערונג צו מעלדן זיך. די מענטשן ווערן געפּאָרשט דורך דער דאָקטוירים־קאָמיסיע. פון סאָכאַטשעוו געבראַכט 143 יידן, נאָר אָנגענומען 100, די איבעריקע שוואַכע. אַ מוטער פון אַ נהרג פון יאַנואַר געשלאָגן אַן אשכנז אין גאַס און געסמט זיך. — רוסיץ[344] מאַכט ביזנעס. ער וויל אַראָפּברענגען מענטשן פאַרשיקטע אין טיף רוסלאַנד. פּרוון פּרווט ער. געקומען פון מענדעלסאָנס שטאָט. רוסיץ פאַרציילט, אַז פערציק טויזנט יידן אַרבעטן אין פאַבריקן של מלחמה. יידן מעגן קויפן צווישן 4—5. אַ גדול פון רעקלאַמע[345] זאָל

341) אַן איבערחזרונג פון פריערדיקער כאָטיץ.

342) די סיבה פון דער שלעכטער באַציונג צו יידן דאַרף מען קודם־כל זוכן אין באַפעלקערונגס־צוזאַמענשטעל פון לאָדזש. אַ גאָר גרויסן פּראָצענט האָבן געבילדעט פאָלקס־דייטשן.

343) פּלאַץ בלאַנקאַ האָט זיך געפונען אויף סענאַטאָרסקאַ־גאַס 12.

344) אַדוו. סוריץ. זע הערה 311.

345) געבעלס?

האָבן געזאָגט, אַז אויב יענע וועלן געווינען, וועט די יידן־פראַגע זיין געלייזט אין 3 חדשים, אויב פאַרשפּילן — אין איין שעה.

6, 7, 8, 9 סעפּטעמבער 1940

געהערט אין חודש סעפּטעמבער בילדער ווי אַזוי עמך לאָזט זיך נישט בויגן, נאָר האַרט אויף זיינע פּאָזיציעס. אויף וויעלאָפּאָליע האָט מען ערלויבט אויפשטעלן צוריק די האַלעס סיי יידן און קריסטן. די לעצטע זענען אָבער נישט געווען צופרידן דערפון, וואָס אַ טייל האַלעס איז געווען אין פּראַנט. זיי האָבן דעריבער אָפּגעשטופּט די יידן אויף הינטן. אָבער אינגיכן האָט זיך דער גאַנצער האַנדל אַריבערגעטראָגן אויף הינטן. און 120 קריסטלעכע קראָמען זענען פאַרמאַכט געוואָרן. יענע האָבן אָנגעהויבן נעמען נקמה, אָבער די יידן געפאַלן אויף אַ המצאה, געדונגען אַ שומר־אשכנז, וואָס באַקומט 150 זל. שכירות אַ וואָך און קומט צוויי מאָל אין טאָג. ערשט איצט שלום ושלוה.

ווי אַזוי יידן האַנדלען דאָרט מיט מאַנופאַקטור: דער לאָדן איז אַ האַלב ליידיקער, אין שכנות שטייען צוויי שותפים, וואָס האַלטן אונטער דער פאָלע סחורה. ווען עס קומט אַ קונה, דערנענטערט ער זיך.

דער ייד[ישער] עולם ארבעט איצט אין שטובן. מען אַרבעט אויס ווייניקער, אָבער מען פאַרדינט מערער. למשל ביים אויסאַרבעטן אַ סוועטער, פאַרדינט מען אַ 30 זל. די שטימונג איז לעצטנס אַ בעסערע. דער ייד[ישער] עולם גלויבט, אַז צוליב די לעצטע [באָמבאַרדירונגען] פון אשכנזישע שטעט וועט אין אַ 2—3 חדשים די מלחמה זיך ענדיקן. מען חזרט כסדר איבער די מעשה וועגן נייע שלום־פאָרשלאָגן דורך דער פאַרמיטלונג פון שוועדן, פויפּסט א.א.

פון די אַרבעטסלאַגערן קען מען זיך אָפּיציעל אויסקויפן פאַר 10—25 זל. אויף באַקליידונג פאַר אַן אָרעמאַן. פאַקטיש גייען בלויז אָרעמע. מען זאָגט, אַז ביי אַ מאַכער קאָסט דאָס ביליקער. די גרוסן טרויעריקע פון די לאַגערן, אמערגסטן אין בעלזשיץ.[346] פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן ווערן רעגולירט מיט אַ זייגער. יעדע שעה קענען 12 מענטשן אַרויסגיין. געווען פאַלן פון שיסן פון שוואַכע. געשען מיט אַן אַלטן איבער 60־יאָריקן זקן. פון 600 זענען אין יוזעפּוו 400 קראַנק געוואָרן אויף טשערוואָנקע. קראַנקערהייט זיי אַוועקגעשיקט. יונגע בחורים פון 13—14 יאָר ווערן צוריקגעשיקט אָן פאַפּירן, אָן אַ בילעט אויפן וועג. זיי גייען צופוס ביז צו דער נאָענטסטער קהלה. עס זענען נישטאָ קיין געהעריקע צאָל בעקערייען. עס פעלט קיך־געשיר, קעסלען, עס קומט אויס צו עסן זייער שפּעט, ווייל די ריי אַ לאַנגע. דאָס עסן איז שוין קאַלט און נישט אַלע באַווייזן צו עסן. עס

[346]) אַט דער אַרבעטס־לאַגער האָט זיך געפונען אין Bełżyce. מען דאַרף נישט פאַרבייטן מיטן טויט־לאַגער אין בעלזשעץ.

מאַכן דערביי די אשכנזישע שומרים ריזיקע געשעפטן, ווייל זיי באַקומען דאָך געלט פאַר דער אַרבעט. די שרעקלעכע גרוסן פון די לאַגערן האָבן גורם געווען, אַז די איינבאַרופענע מעלדן זיך נישט. עס איז דעריבער שוין פאָרגעקומען אַ פאַל פון כאַפּן 63 יידן אויף פּראַגע, פון וועלכע 13 זענען דורך דער מעדיצינישער קאָמיסיע אָנערקענט געוואָרן פאַר טויגלעכע, אַזוי ווי אין די ערשטע טעג האָט מען גענומען בלויז בחורים, זענען לעצטנס פאָרגעקומען אַ סך חתונות.

לעצטנס געהערט, אַז עס זענען פאַראַן איבער 600 מגיבים אויף די הייף. געקומען היינט דעם 6 סעפּט[עמבער] רומקאָווסקי פון לאָדזש, ווו מען רופט אים „קרול חיים",[347] אַ זקן פון אַ 70 יאָר, אַ מענטש מיט אויסערגעוויינלעכע אַמביציעס און אַ ביסל אַ צעדרייטער. ער האָט פאַרציילט נסים וועגן געטאָ. עס איז דאָרט אַ ייד[ישע] מלוכה מיט 400 פּאָליציי, מיט 3 תפיסות. ער האָט אַן אויסערן-מיניסטעריום און אַלע אַנדערע מיניסטעריומס. אויף דער פראַגע: פאַרוואָס אויב עס איז אַזוי גוט, איז אַזוי שלעכט, פאַרוואָס אַזוי גרויס די שטערבלעכקייט, האָט ער נישט געענטפערט. ער באַטראַכט זיך פאַר אַ גאָט געזאַלבטן.

געהערט וועגן דעם באַרימטן שולץ אויף די דינאַסן. געהייסן אַ ייד אויסצוויילן זיך איינעם פון די שטעקנס, וואָס האָבן דאָרט געהענגט און דערנאָך אים געשלאָגן אָבער מיט אַ גרעבערן שטעקן. מען רייניקט דאָרט אויטאָס און פירט איבער בענזין, ער פאָרט מיט אַן אָפענעם אויטאָ און טרעפט צו 2 יידן. יעדער ווערט מכבד מיט אַ שטעקן. ווען די קהלה אים פאַרגעלייגט, אַז זי וועט אים געבן יעדן טאָג מענטשן, געענטפערט, אַז עס געפעלן אים נישט די אָפּגעריסענע יידן, נאָר ער זוכט דווקא גוט געקליידעטע. איבעריקנס קען ער זיך נישט אָפּזאָגן פון פאַרגעניגן פון כאַפּן יידן. אין אַטוואָצק געכאַפּט יידן צו די אַרבעטסלאַגערן, אַ גרעסערע צאָל אַנטלאָפן, איבער 10 באַצאָלט מיטן לעבן. עס מערן זיך לעצטנס דאָס באַזייטיקן יידן פון דירות פון איינצלנע הייזער, מען גיט אַ האַלבע שעה צייט צום אַרויסטראָגן די זאַכן. אין איין ווינונג געהייסן אין דער האַלבער שעה איבערציען דאָס בעטגעוואַנט שטאָט צו פאַקן זיך. די מעבל און בעטגעוואַנט טיילמאָל מוזן בלייבן. מען מאַכט שוין דערביי געשעפטן, ווייל מען קומט אַפילו אין ייד[ישן] קוואַרטאַל און מען הייסט זיך כלומרשט אַרויסציען. פאַרן פרייז פון געלט לאָזט מען בלייבן אין די ווינונגען. יידן זיצן דאָרט פאַרפּאַקט. דאָס שאַפט זייער אַ שלעכטע שטימונג אין גאַס. געהערט, אַז אין אַ שטעטל האָט מען צונויפגענומען אַלע האָרבן און נהרגו. יידן גייען אַלץ זעלטענער אין לאַנגע קאַפּאָטעס. עס מערן זיך אויסוואורפן. געקומען צו אַ סוחר, איינגעשבנט, אין אַ פּאָר טעג געקומען ייד[ישע] מעקלערס און באַפרייט פאַר עטלעכע טויזנט זל.

[347]) קרול — קעניג. געמיינט מרדכי-חיים רומקאָווסקי.

דער ערשטער סעפּט[עמבער] אַדורך רואיק. די פּאָליאַקן האָבן אַרויסגעגעבן אומלעגאַלע אויפרופן. פּ.פּ.ס.[348] האָט געפּאָדערט אַ צוויי־שעהדיקן שטרייק דורך זיצן אין דער היים, די נ. ד.[349] אַ גאַנצן טאָג. אין די פּוילישע גאַסן כמעט קיינער נישט געווען אויף די גאַסן. געווען פּוסט. אין די ייד[ישע] אַ קליינע באַוועגונג. אויף לעשנאָ זענען אַדורכגעגאַנגען עטלעכע צענדליק פּויל[ישע] יונגעלייט, אין די קלאַפּעס געהאַט פון איין זייט: אַ ווייס־רויטן זשעטאָן, אויף דער צווייטער זייט אַן אויפשריפט „ניעך זשיע פּאָלסקאַ"[350] ווען עס איז אַדורכגעפאָרן אַן אַוטאָ, אויפגעהויבן די קאָלנערס און פאַרדעקט די קלאַפּעס. דער ווּנטש, זאָגט מען: „זשעבי אַמעריקאַ דאָטשימאַלאַ, אַנגליא פּשעטשימאַלאַ. אַ מי וויטשימאַלי".[351]

די אַפּערע מיט די אַרבעטסלאַגערן קלערט זיך אַלץ מער אויף. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די אשכנזישע פירמע, וואָס האָט זיך אונטערגענומען די אַרבעטן, באַקומט 2 זל. אַ טאָג פאַר אַ פּערזאָן און זי דאַרף בלויז אויף עסן געבן 1,08 אַ טאָג. זי מאַכט אָפּשפּאָרונגען אויפן חשבון פון די אַרבעטנדיקע.

די קהלה האָט שוין באַקומען איבער צוויי הונדערט טויזנט אויסקויפגעלט פאַר די אַרבעטסלאַגערן און זי באַזאָרגט זיי מיט מלבושים, קאַצן א. ד. גל. אַ צווייטע מעשה איז דאָס כאַפּן צו דער אַרבעט (דעם 7, 8, 9 סעפּ[טעמבער]) אין וואַרשע און איינזעצן אויף נאַכט אין פּאַוויאַק, דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס לויט דער לעצטנס אַרויסגעגאַנגענער פאַראָרדענונג טאָר מען נישט באַשעפטיקן יידן אָן געצאָלט ביי צוואַנגסאַרבעט. דאָס געזעץ זאָגט אָבער נישט, אַז [די] איינגעשיבנטע טאָרן נישט באַשעפטיקט ווערן. 1.200 שניידער זיצן היינט אין פּאַוויאַק וואָס אַרבעטן ביי טאָג. דאָס טוען גאַלעען, ס. ס. און ענלעכע, וואָס היטן נישט אָפּ די פאַראָרדנונג פון גענעראַל־גובערנאַטאָר.

מען זאָגט אַ וויץ: עס זענען אָנגעקומען טויזנטער העמערלעך פון אַמעריקע כדי מען זאָל זיי אויסשלאָגן לאָנדאָן פון קאָפּ. אין אָטוואָצק האָט מען יענע וואָך געכאַפּט יידן אין אַרבעטסלאַגערן, אין אייניקע ווילעס זענען יידן אַנטלאָפן, נהרגו 6, 18 פאַרוואונדעט. איינער אין דער שאַפע דורך דער וואַנט. געהערט פון איינעם וואָס געקומען, אַז אין שטעטל שטשעבזשעשין האָט מען אַלע יידן פון 18 ביז 60 יאָר גענומען צו דער אַרבעט. אינטערעסאַנטע פאַקטן פון דער קאָמיסאַרישער הערשאַפט אין אַ טייל הייזער. אַ טייל פאַרווענדעט דאָס גאַנצע איינקאַסירטע געלט פון דירה־געלט

348) פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

349) Narodowa Demokracja עקסטרעם־רעכטע, אַנטיסעמיטישע און נאַציאָנאַליסטישע פּוילישע פּאַרטיי.

350) „זאָל לעבן פּוילן".

351) „זאָל אַמעריקע (דאָס וואָרט) האַלטן, ענגלאַנד דורכהאַלטן און מיר אויסהאַלטן".

אויף טייערע, אומבייטיקע רעמאַנטן, כדי נישט דאַרפן גאַרנישט איינצאָלן אין דער אשכנזישער קאַסע. דאָס ווערט געטון צוליב פּאַטריאָטישע טעמים. אַנדערע ווילן רואינירן די יידן. דערייבער צאָלן זיי נישט קיין שטייערן, נישט אין די בענק, די היפּאָטעק, כדי צו דערפירן צו אַ רואין יידיש פאַר־מעגן. די איינציקע טובה, די בעלי־בתים צאָלן נישט קיין דירה־געלט. ייד[ישע] בעלי־מלאכות אָפּגעשאַפט אין די הייזער, דאָס זעלבע מיט זשאַנדצעס.

געהערט פון אַ פּערזאָן, וואָס געווען אין לאָדזש אַנהויב יולי, אין געטאָ זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן די נעמען פון די גאַסן, נאָר געבליבן די נומערן, כדי עס זאָל נאָך מער מאַכן דעם איינדרוק פון אַ לאַגער.[352] די פּאָסט איז אָפּגעשאַפט געוואָרן צוליב פאָלגנדן: עס פלעגן אָנקומען אַ סך פּעקלעך מיט לעבנסמיטל. רומקאָווסקי פלעגט אַ טייל צונעמען פאַרן שפּיטאָל, קינ־דער־גערטנער א. א. די באַאַמטע פון פּאָסט אים נאָכגעטון. האָט מען זיי געפּאַקט און דערשאָסן. דערנאָך אָפּגעשאַפן די פּאָסט. דאָס איז אַן אומ־גליק פאַר דער באַפעלקערונג. רומקאָווסקי האָט באַרעכנט, אַז מען גיט צופיל אויס אויף צייטונגען. האָט ער צוליב שפּאָרזאמקייט פאַרבאָטן צו פאַרקויפן צייטונגען. האָט מען פאַר אַ געשמוגלטער געצאָלט שטאָט 30 פעניג — 3 מאַרק. די מעשה מיט די „חיימוווקעס"[353] איז זיין איינפאַל. ער האָט אַרום זיך 2 שומרים אשכנזישע מיט בענדלעך, וואָס היטן אים, אַזוי פאַרהאַסט. — —

16 סעפּטעמבער 1940

געהערט וועגן איינעם, וואָס איז געשיבנט אין פּאָוו[יאַק]. איידער מען גייט צו דער אויספאָרשונג, טוט מען אָן אין דער צעלע — צוזאַמענגע־נומען פון חברים — עטלעכע פאַר וועש, כדי עס זאָל נישט וויי טון. אַנדערע ווידער טוען אָן אַ קילע־בענדל, וואָס איינער פון די ישובניקעס האָט אַי־בערגעלאָזט אין צעלע, דער פּערזאָן האָט מען אויסגעהאַקט צוויי ציין.

דער באַרימטער שולץ פון די דינאַסן כאַפּט צו דער אַרבעט באַזונ־דערס גוט געקליידעטע יידן, ער וויל נישט קיין פּאַרלייזנטע. ער האָנאָ־רירט נישט קיין שום באַשטעטיקונגען און ער יאָגט זיך באַזונדערס נאָך אַזעלכע. ער האָט זיך גערימט, אַז דער ראש הקהלה וועט נאָך ביי אים אַר־בעטן. ער הייסט די יידן וואָס אַרבעטן ביי אים, קויפן פאַרשיידענע זאַכן, וועלכע ער באַצאָלט נישט, דעם רב פון עקיבא אייגערס שטאָט[354] האָט דאָס

---

[352] די ידיעה נישט קיין ריכטיקע, מ'האָט דווקא איינגעפירט דייטשע נעמען שטאָט די פריערדיקע פּוילישע. עס זענען אויך געווען פלענער פון נו־מערירן די גאַסן.

[353] געלט־באַנקנאָטן, אַרויסגעגעבן אין לאָדזשער געטאָ מיט חיים רומ־קאָווסקיס אונטערשריפט.

[354] פון פּויזן.

געשעפט געקאָסט 70 זל. דער קבלת פּנים פון דעם אַרבעטס לאַגער אין לובלין. געהייסן דעם עולם לויפן מיט שווערע פּעק, אונטערגעשטעלט איי־נעם דעם פוס, אַלע זיך איבערגעקערט, געשלאָגן דערפאַר. געהערט פון עמעצן אז אַן אשכנזקע [זאָל] זיך האָבן אויסגעדריקט, אַז ווען יידן וואָלטן געוווסט, וואָס עס דערוואַרט זיי אין אָקטאָבער, וואָלטן זיי זיך מאסנהאפט אויסגעסמט. פון די אַרבעטסלאַגערן ווערן באַפרייט מיטאַרבעטער פון געזעל[שאַפטלעכע] אינסטיטו[ציעס]. רבנים און איינציקע שפּייזער ווי אויך באשעפטיקטע אין פירמעס. כאראַקטעריסטיש, אַז די קאַנטן אין ייד[ישן] לעבן זענען אָפּגעטעמפּט געוואָרן. אין די הויז־קאָמ[יטעטן] אַר־בעטן מיט הארמאָניש אַלע. די העברעאיסטן האַלטן פון יידיש אויף זייערע קורסן און זיינען גרייט עס אַרייגצוגעמען אין זייער געפּלאַנטער גימנאַזיע. די האַרמאָניע פון דעם באַשפּייזונגסקאָמיטעט פון די געזעלש[אַפטלעכע] שולן. 1.500 מגינים פאַראַן אין וו[אַרש]ע. עס פאַרשווונדן די געהאַקטע קאַפּאַטעס, די היטלעך און די בערד ווערן אַלץ קירצער. דער האַגל[354א]. וואָס איז געפאַלן אויף משה מענדעלסאָנס שטאָט, האָט ביי די היגע יהודים נישט אַרויסגערופן קיין שום רחמנות. מיט הנאה האָט מען געכאַפּט די צייטונ־גען, וואָס האָבן דאָס באַשריבן און געבראַכט בילדער פון די חורבות. מען האָט געצאָלט צו עטלעכע זל. ווייל עס האָבן אויסגעפעלט אַזעלכע נומערן. מען האָט זיך געפרעגט וו זיינען אהינגעקומען די רחמנים בני רחמנים. געזען מענטשן, וואָס קענען ניט אָגרירן קיין פליג, האָבן מיט גרויס פאַרגעניגן דערמאָנט די צאָל געהרגעטע. עס האָט זיך צוליב דעם באַדייטנד פאַרבעסערט די שטימונג (אין די טעג פון 12—13 סעפ[טעמ־בער]) און מען האָט אָנגעהויבן האָפן אויף אַ גיכן סוף פון דער מלחמה. די פלאַקן זיינען געוואָרן נאָך מער האָפערדיקער ווי פריער און געמאַכט היזכע באַמערקונגען אין די טראַמווייען. מען זאָגט, אַז די הריגה אין אָט־וואָצק [355] איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַן אינטערווענץ פון יודן־ראַט, וואָס האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט יידן, וועלכע האָבן נישט גע־וואָלט גיין אין די לאַגערן. מען האָט געבראַכט די ס. ס. כדי זי זאָל באַרויקן דעם אויפשטאַנד קעגן דער קהלה. אַזוי זאָגט מען אין אָטוואָצק. עס זיי־נען דאָ קלאַנגען, אַז די, וואָס זיינען געווען אויף דער יאַנואַר ליסטע פון הרוגים, לעבן. אין שטאָט האָבן זיך אין די לעצטע טעג פאַרשפּרייט קלאַנ־גען (זעכצנטער סעפּ[טעמבער].) וועגן אַנטי יייד[ישע] געזעצן, וואָס זיי־נען גרייט ווי, למשל, אַז יידן וועלן האָבן באַזונדערע ערטער אין טראַמ־ווייען, פאַרבאָט גרויסאינדוסטריע און הורט, בלויז ביז 5 אַרבעטער אין אַן אונטערנעמונג. מען רעדט וועגן 16 פונקטן קעגן יידן. מען זאָגט, אַז אין

[354א] די באָמבאַרדירונג פון בערלין דורך די אַליאַנטן.

[355] די דייטשן האָבן דעמלט געמאַכט אַ אַבלאַווע און געשאָסן אין די אַנט־לויפנדיקע יידן. דער פאַקט ווערט באַשטעטיקט דורך דער פּוילישער „קראָניקאַ אַנדזשעיאָ“

לובלינער קאַנט זיינען שוין דאָ האָלענדישע יידן,[356] פאַרשיקטע צו צוואַנגסאַרבעט. ביי די פּאָלאַקן פאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז אויב יידן נישט אַזוי שלעכט, איז עס אַ דאַנק די 35 מיל[יאָן] דאָלאַר, וואָס מען האָט געשיקט פון אַמעריקע. אויף אָקענטשע און אין אַנדערע ערטער האָט מען היינט ווידער געשלאָגן. אַ סימן אַז עס איז נישט פויגלדיק. אין לאָדזש געבליבן, דוכט זיך, פאַרזיכערט די כתבים פון בראַנדשטעטער[356]. נישט געוואָלט אין די לעצטע יאָרן דרוקן זיינע ספרים, ווייל געהאַלטן, אַז ער קאָן זיך נישט גלייכן מיט ביאַליקן און טשערניכאָווסקין, ער האָט אָבער געהאַט אַ באַדערפעניש צו שרייבן. פאַראַן אין די מאַטעריאַלן אַסך וועגן דער געשיכטע פון די יידן אין גאַליציע. טוביים[357] און אַנדערע יידיש־פּוילישע שרייבער פאַרוועלט. ייד[ישע] אַרטיסטן טאָרן נישט אַרויסטרעטן אין פויל[יש], אָבער מען טרעט דאָך אַרויס פאַר מזומן.

17, 18, 19 סעפּטעמבער 1940

דעם 17 סעפּט[עמבער] האָט זיך דאָ פאַרשפּרייט אַ קאַטשקע וועגן 16 פּונקטן קעגן די יידן: באַגרענעצונגען אין די טראַמווייען, באַגרענעצונגען פון דער דאָקטוירים־פּראַקטיק. געטאָ (די וואַרשע[ווער] יידן אויף פּאָוואָנזעק און קאָלאָ, די פּראַגער אויף גראָכאָוו[358]), באַוועגן זיך ביז 6, זונטיק אינגאַנצן נישט, באַגרענעצונגען פון הורט האַנדל, פון גרויס אינדוסטריע וכדומה. געהערט היינט, אַז עס זיינען באַפרייט געוואָרן אַ 1.200 רבנים פון אַרבעטס פליכט, רביס אייניקלעך וכדומה, קיינמאָל נישט געוווסט, אַז עס איז דאָ אַזוי פיל כלי קודש אין וואַרשע. עס ווייזט אויס, אַז די סכנה פון געטאָ און דאָס אין די פאַרשטעט האָט טאַקע געהערשט אין וואַרשע, אָבער עס איז דערווייליע אָפּגעלייגט געוואָרן. גערעדט מיט אַ ייד פון לאָדזש (שקר), וואָס האָט אַ קאָמיסאַר,[359] ער באַקומט 600 זל. אַ חודש פּענסיע, דאָס זעלבע באַקומט דער קאָמיסאַר. יעדן פרייען גראָשן דאַרף מען איינצאָלן אין דער קאַסע, אָבער ער קויפט דערפאַר סחורה. געהערט אַז אין קאָסווו פּאָדל [אסקי] זיינען אינגאַנצן נישט געבליבן קיין מאַנסבילן גענומען אויף פרויען צו דער אַרבעט, ייִנגלעך פון 16 יאָר, זיי אַרבעטן ביי דער רעגולירונג פון וואַסערן.

היינט (דעם 18 סעפּט[עמבער]) האָט מען שטאַרק געכאַפּט צו דער אַר־

---

356) די ידיעה געפינט דערווייל נישט קיין באַשטעטיקונג אין די אונדז באַקאַנטע קוועלן.

356א) מיכאל בראַנדשטעטער (1888—1943), העברעישער פּעדאַגאָג און שריפטשטעלער פון לאָדזש, אומגעקומען אין יאַנואַר 1943 אין וואַרשעווער געטאָ.

357) יוליאַן טוווים (1884—1953), איינער פון די באַדייטנדיקסטע פּוילישע פּאָעטן, פון יידישער אָפּשטאַמונג.

358) די ידעה איז פאַרבונדן מיטן דעמלטיקן פּראָיעקט צו שאַפן 2 געטאָס אין וואַרשע.

359) וואַרשעווער געמיינט אַ קאָמיסאַרישן טרויהענדער. זע הערה 145.

בעט אויך פרויען, אָבער נאָר שטאַרק עלעגאַנטע, שמינקירטע, מען זאָגט, אַז צום גראָבן קאַרטאָפל. די פראַגע פון שולוועזן איז זייער אַקטועל. מען האָט באַרעכנט, אַז דאָס אויסהאַלטן די קינדער (פאַראַן איבער 50 טויזנט) אין שולעלטער דאַרף קאָסטן איבער 300 טויזנט אַ חודש. מען רעכנט, אַז די קהילה וועט איינפירן שול-שטייער אויף צו דעקן די הצטרכותן. די טעג האָט אויך לוואָווסקא 1 פּאַסירט פאָלגענדער טראַגישער פאַל: מען האָט גע־כאַפּט אַ פאַרזאַמלונג פון קאָלפּאָרטערן פון דער צייטשריפט „פּאָלסקאַ זשיע״,[360] עס איז געקומען צו אַ שיסעריי. איין אשכנז דערשאָסן, די גאַנצע באַפעלקערונג מיט די פרויען און קינדער איינגעשיבנט, אויף לוואָווסקא 9 בלויז די מענער. יש שאומרים אַן אומלעגאַלע ראַדיאָסטאַציע געפונען.

היינט דער 19 סעפּט[עמבער] איז געווען זייער אַן אומרואיקער. מען האָט אַרומגערינגלט גאַנץ זשאָליבאָזש און צוגענומען טויזנטער פּאָלאַקן, יידן האָט מען באַפרייט. דאָס זעלבע איז געווען אויף ראַדזימינסקאַ (פּראַגע), מען האָט אויך געכאַפּט יידן צו דער אַרבעט. מ׳זאָגט שנהרגו אשכנזים באָקענטשע, פון דאַנען די אַרעשטן. אָבער עס איז נישטאָ קיין זיכערע ידיעות וועגן דעם. געפאָרן עטלעכע טעג צוריק מיט דער קליין באַן קיין אָטוואָצק אין די ספּעציעלע וואַגאָנען פאַר יידן. קריסטלעכע שקצים באַ־וואַרפן די וואַגאָנען מיט בלאָטע, שטיינער א.א. אין טשענסטאָכאָוו האָט מען די קהלה באַאויפטראַגט מיט אויפשטעלן פאַר אַ סומע פון 28 טויזנט זל. אַ בית־הזונות. מען נעמט מאַסנווייז צו מעבל ביי יידן, אפילו אין 2 צי־מערדיקע וווינונגען, דאָס זאָל זיין פאַר בעסאַראַביער אשכנזים. אין פינאַנס־אַמט אויף דלוגאַ זאָל מען האָבן אַנטדעקט אַן אומלעגאַלע פּוילישע דרו־קעריי. בגמטריה אויסגעפונען, אַז מות ז׳בוטינסקי איז גלייך מות פון אַן אַנדערן הארץ. לויטן ספר דניאל וועט אין יאָר ת״ש זיין אַ וויכטיגער מאָמענט אין דער געשיכטע פון דער מלחמה, אין תש״א וועט זיך די מלחמה [ענדיקן] — מיט דעם טרייסטן זיך היינט די יידן. אין אויאַזדאָ־ווער שפּיטאָל ליגן 70 פאַרוואונדעטע יידן אויף 1.500 אין גאַנצן שפּיטאָל. זיי ווערן גוט באַהאַנדלט. די פּוילישע האָבן „כשעסטנע מאַטקעס״,[361] די יידישע נישט. אין „זאַפּיוווקע״ [362] איז דאָ אַ 300 קראַנקע, דערפון אַ 200 פון וואַרשע, די איבעריקע פון יענער זייט „רייך״ א. א. צוליב דעם צוגנ־בענען דעם סיאַטקעווען פאַרקאָן גנבענען זיך קראַנקע אַרויס אַ היים, איי־נער זיך געוואָרפן אונטער [אויף] די שינעס. פאַראַן דאָרט עטלעכע צוואַנ־ציק קראַנקע אויף אַן אַפריקאַנער אַנשטעקנדיקע קראַנקהייט „אַקווילולאַ״. די מענטשן פוילן ביים לעבן, האַלבע חיות, לויטער פרויען איינגעדאַרטע, צעקרימטע, שוידערלעכע פּנימער, אַ שרעקלעכער געשטאַנק. רעקווירירט פאַר 60 טויזנט פּראָדוקטן, לויט אַ מסירה זאָל דאָס שפּיטאָל האָבן פאַר־

(360) „פוילן לעבט״. זע הערה 279.

(361) געמיינט פערזאָנען, וואָס האָבן אַן אפּוטרופּסות איבער איינזאַמע קראַנקע.

(362) שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע.

קויפט די פּראָדוקטן. מען האָט געמאַכט אַ גרויסע רעוויזיע אין דער גרוי־סער שול — פאַרציילט מען אַ וויץ — און געזוכט דאָרט משה רבינוס שטעקן, כדי אריבערצוגייען דעם ים מיט דער יבשה.[363] מען זאָגט איינעם, גייט נישט דאָרט, וויל מען כאַפּט דאָרט: מאַ, ווי לאַנג וועט מען כאַפּן. געלייענט אַ בריוו פון לאַגער אין לובלין, ווו ער שרייבט, אַז אידוער צו גיין אין לאַגער, טאָ וואַרף זיך בעסער אריין אין ווייסל. פון 800 אַרבעטער זיינען 20 געשטאָרבן. זיי אַרבעטן אין יוזעפּוו לוב[עלסקי] אין די שטיינ־גרובן. די וווּנדן היילן זיך נישט, ווייל זיי זיינען שלעכט דערנערט. עס זיינען נישטאָ דאָרט קיין באַנדאַזשן און מעדיצינען. געקאָטעוועט שטענ־דיק, וויניק עס־מכשירים. געהאַט היינט אַ שמועס מיט דרייהאָרנען.[364] ער האַלט, אַז מען דאַרף זיך גייסטיק צוגרייטן צום נצחון פון די אַשכנזים און אַז מען וויל פון אונדז מאַכן אַ פאָלק פון שואבי־מים און [חוטבי] עצים. מען דאַרף צוגרייטן דערצו דעם עולם און אָנהויבן צו שמועסן ווי אַזוי איינצואָרדענען דאָס ייד[ישע] לעבן אויף די דאָזיקע יסודות. די דאָזי־קע שטימונג איז אָבער אַן אויסנאַמוייזע. די יידן גלויבן אין אַן אַנדערן נצחון און האָפן, אַז דאָס וועט שוין לאַנג נישט דויערן. אין ביאַלאַ פּאָדל. מוז די קהלה צאָלן די פּראָסיטוטקעס פאַר יעדן מאָל פון קאָפּולאַציע. אין לאָדזשער געטאָ איז צוריק טעטיק די פּאָסט. רומקאָווסקי, זאָגט מען, נעמט צו גאָלד און וואַלוטע און פאַרווענדט עס אויף שפּייזן די אָרעמע. געהערט וועגן אַ רעוויזיאָניסטישער קבוץ אין דאָרף יורקי (וואַרשע[ווער] געגנט). דער קאָמיסאַר אשכנזישער אָפּיציר געשריבן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ארבעטספּליכט פון די מיטגלידער אַ בריוו צו דער וואַר־[שעווער] קהלה, אין וועלכן ער לויבט די יידן און אַז ער האָט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז יידן וועלן אַזוי גוט קאָנען אַרבעטן אויף דער ערד. זיי אַרבעטן 12 שעה. אין דאָרף פּאָקראַקאָוו [?] זיינען דאָ רעליגיעזע רע־ווירן, זיי האָבן דאָרט אַן אייגענע קיך, אַרבעטן נישט אום שבת. אַ קליי־נער טייל יידן האָבן איצט אַ מעגלעכקייט אין לאָדזש צו אַרבעטן אוי־סער דעם געטאָ. מען זאָגט שנהרגו 230 מאַן פון לוואָווסקאָ צווישן זיי פיר יידן. אַלע איינוווינער פון לוואָווסקא 1, 3 און 5 איבער 12 יאָר. מען זאָגט, אַז 4 אשכנזים נהרגו בידי הראשי הפולנים. די חלוצים אין דאָרף יורקי האָבן פאַרבריטעטע הענט, ווייל זיי מוזן מיט די הענט שיטן קעסט־ל'עך מיסט. עס זענען נישטאָ קיין מאַשינען אויף צו שיטן דאָס מיסט. די אַלע פּראָדוקטן פון דעם דאָרף ווערן אַרויסגעשיקט קיין אשכנז. פּונקט ווי פאָלאַקן ווערן דאָ אין מאַסן פאָלקס אשכנזים, ווערן זיי אין פּאָדליאַשער געגנט — אוקראַאינער. אין אָטוואָצק האַלט מען ביים צענעמען די שול,

---

363) אפשר געמיינט די דייטשע מיליטערישע באַמיונגען צו פאַרסירן דעם קאַנאַל לאַמאַנש.

364) אהרן איינהאָרן? דער באַקאַנטער וואַרשעווער זשורנאַליסט, מיטאַר־בעטער פון „היינט".

מען האָרף האָבן ציגל פאַר אן אשכנזישן בנין. דער יידן־ראַט איז גרייט צו קויפן די ציגל, כדי צו ראַטעווען דעם בנין. רומקאָווסקי, ווען געווען אין וואַרשע זיך גערימט: איר וועט זען אין אַ יאָר צוויי, וועל איך האָבן א געטעלע איינעם אין פוילן. דאָס דאָרף יורקי האָט געהערט צו א יידישן גוט באַזיצער. מען האָט געכאַפּט יידישע פרויען צו שיילן קאַרטאָפל אין פאלענטי. זייט איניקע טעג איז נישטאָ וועגן זיי קיין שום — —

24, 25, 29 סעפּטעמבער 1940

— — די שפּיל. אין אַ געוויסן בנין, ווו עס אַרבעטן יידן זוכט מען אויס פון טעלעפאָן־בוך אַדרעסן פון ייד[ישע] אינטעליגענטן. מען קומט אַריין אין דער ווינונג, מען האַלט אַ גאַנצן טאָג און ביינאַכט לאָזט מען אָפּ. דאָס אַלץ איז כדי צו וואַרפן אַ ביסל שרעק. מען שלאָגט פאַר גריסן: „איך בין נישט דיינער אַ באַקאַנטער". מען שלאָגט פאַר נישט גריסן. אַמאָל טרעפט עס מיט דער זעלבער פערזאָן. די פרומע יידן גלויבן, אַז די מלחמה וועט זיך נאָך דעם חודש ענדיקן. די מאָס איז שוין פול. מען פאַררופט זיך אויף פאַרשיידענע גמטריות.

היינט דעם 24 סעפּט[עמבער] האָט זיך איבערן שטאָט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אין צוזאַמענהאַנג מיט ריבענטראָפּס באַזוך אין רוים, אַז עס איז דערקלערט געוואָרן אַ וואַפנשטילשטאַנד. אַנדערע ווידער פאַרציילן וועגן אַרויספאָר פון האַראָוויצן קיין ספרד און וועגן אַ ממלא מקום אויף זיין אָרט. מיט איין וואָרט — די פאַנטאַזיע אַרבעט. געהערט וועגן אַ מעשה מיט עטלעכע וואָכן אויף קאַרמעליצקאַ: אַדורכגעפאָרן אַן אויטאָ, אַרויסגע־שפּרונגען אַ חברה־מאַן, אָנגעכאַפּט אַ יהודי ביי די האָר, אַריינגעשלעפּט אין וואָגן, 3 מענטשן אַכזריותדיק געשלאָגן און אַרויסגעוואָרפן אויפן גאַס. די איינציקע הילף איז אין אַזאַ מאָמענט: אַלגעמיינער געשריי פון עולם. זייט דעם 23־טן סעפּטעמבער איז די יידן פאַרווערט צו פאָרן מיטן טראַמוויי 9. די סיבה מסתמא, וואָס עס פאָרן אַ סך אנשי חייל.

רומקאָווסקי איז געקומען קיין וואַרשע נעמען קיין לאָדזש יידישע דאָקטוירים. עס פילט זיך דאָרט אַ גרויסער מאַנגל. עס זענען דאָרט סך־הכל פאַראַן אַ 30; בשעת עס איז נויטיק אַ 200. זיי שאַרן דאָרט גאָלד.

געהערט, אַז דעם וואַרש[עווער] ראש הקהל האָט מען אין אַן אַמט געלאָזט 8 שעה שטיין און נישט געגעבן קיין בענקל. פאַראַן אַזעלכע, וואָס האַלטן אים פאַר אַ מאַרטירער, וואָס דערפילט ערלעך זיין אויפגאַבע, ער ווערט אָנגעזאַפּט מיטן ריח פון די „גאַלעכן", האָט געזאָגט וועגן אים אַן אַל־טער עסקן. עס ווירקט די סביבה.

מען רעדט שטאַרק וועגן שולוועזן. פאַראַן אַ פּראָיעקט, אַז דער שכר־הלימוד זאָל איינפליסן אין איין קאַסע און זאָל גלייכמעסיק פאַרטיילט ווערן צווישן אַלע לערער.

די רעוויזיאָניסטן טראָגן טרויער נאָך זשאַבאָטינסקין. אויף שליסקאַ האָט מען באַגאָסן ייד[ישע] מעבל מיט וואַסער, כדי עס זאָל קאַליע ווערן. דאָרט האָט מען ביינאַכט אַריינגעגאָסן וואַסער אין די בעטן. גענומען צו דער אַרבעט דר. געלמאַן מיט אַ האָרב אין אויאַזדאָווער שפּיטאָל. געקאָפּעט אים אַזוי, אַז געפלויגן ביז צו דער טיר.

עס איז פאַראַן אַ פּראָיעקט צו מאַכן אַ געטאָ אין וואַרש[עווער] פּאָוויאַט, צו קאָנצענטרירן די יידן אויף איין אָרט. אַרויס דעם 24־טן סעפּטעמבער אַ פאַראָרדענונג וועגן באַזונדערע וואַגאָנען פאַר יידן. וועגן וואָפנשטילשטאַנד האָט נעכטן געקאָכט גאַנץ וואַרשע. לצים זאָגן: אויף נאַלעווקעס צענעמט מען [די] מויערן, כאַפּט מען יידן צו דער אַרבעט, האָט מען גענתנט די שומרים, אויפגעהערט צו כאַפּן, אַריינגעגאַנגען אין אַ ייד[ישער] שענק — דעריבער וואָפנשטילשטאַנד. אין אשכנז געבוירן געוואָרן אַ צווילינג, געגעבן אַ נאָמען האָראָוויץ און משהלע בער. געבאָדן און פאַרמישט, נישט געוווסט ווער פון זיי האָראָוויץ, געפרעגט אַדוּרכגייענדיקן ייד, געענטפערט: ווער עס וועט זיך פריער באַמאַכן, דער איז משהלע[365] — —

עס האָבן זיך היינט דעם 25־טן סעפּט[עמבער] שטאַרק פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן געטאָ און דאָס באַאומרואיקט שטאַרק די ייד[ישע] באַפעלקערונג. עס קומען ווייטער פאַר אויסווייזונגען פון הייזער אויסערן זייכן־געביט. טיילמאָל גיט מען 15 מינוט צייט אויף אַרויסצונעמען די זאַכן.

משהלע האָט זיך געווענדעט נאָך הילף צו די יידן, ער זאָל זיי העלפן אַרויסגיין פון מצרים.[366] אויף אַ באַראַטונג פון האָראָוויצן, משהלען און שטאָלענעם[367] איז געפאַלן אַ באָמבע, ווער האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט? די מענטשהייט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באָמבע־מעשה וועגן וואָפנשטילשטאַנד האָט מען דערמאָנט די מעשה וועגן איבערדרייען: — — איז אין גאַס — — איז אין גאַס, אין די שיך איז מיר נאַס. מען דערציילט, אַז סקלאַדקאָווסקי[368] איז געקומען קיין א"י און דאָרט אָפּגעשטאַטעט אַ וויזיט גרינבוימען. יענער האָט אים אויפגענומען: „אָווּשעם".[369]

---

365) א רמז אויף מוסאָליני בעניטאָ.

366) דאַרף זיין: זיי זאָלן אים העלפן אַרויס פון מצרים.

367) האָראָוויץ — היטלער, משהל — מוסאָליני, שטאָלענער — סטאַלין.

368) גענעראַל סלאַוואָי־סקלאַדקאָווסקי, לעצטער פרעמיער פון פוילן, באַקאַנט אין דער יידישער וועלט פון זיין אַנטי־יידישער עקאָנאָמישער פּאָליטיק.

369) יצחק גרינבוים (געב. 1879), פירער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פוילן, פון איר דעמאָקראַטישער פראַקציע „על המשמר". לאַנגיאָריקער דעפּוטאַט פון סיים און גרינדער פון נאַציאָנאַליטעטן־בלאָק צו די סיים־וואַלן אין די יאָרן 1922 — 1926.

„אָווּשעם" — אויסדרוק פון פוילישן פּרעמיער געב. סלאַוואָי־סקלאַדקאָווסקי אין סיים, אַז „שלאָגן יידן נישט, אָבער ווירטשאַפטלעכער קאַמף קעגן זיי —

היינט דעם 26־טן סעפּט[עמבער] האָט מען געצאָלט מיט 10 גראָשן מער פאַר די אשכנזישע צייטונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט די בילדער פון חורבן. געהערט וועגן אַ שפּיל: מען האָט געהייסן איין ייד פאַרשטעלן רידזן [370], דעם צווייטן — מאָשטשיצקי, אַ טייל יידן געדאַרפט אַפּלאַדירן, ביידע האָבן געדאַרפט דיסקוטירן צווישן זיך און דערנאָך איינער דעם צווייטן שלאָגן.

משהלע גרייט צו געבן די יידן הילף, אבי זיי זאָלן אים ערקלערן דעם סוד פון יציאת־מצרים. עס גייט דאָס מאַסנווייזע אויסליידיקן פון ייד[ישע] דירות פון מעבל און אַנדערע זאַכן.

האַראַוויץ געפרעגט דעם היגן מושל,[371] וואָס ער האָט אָפּגעטון די יידן, האָט יענער אויסגערעכנט פאַרשיידענע צרות, אָבער געוועזן פאַר אים אַלץ ווייניק, צום סוף דערמאָנט 10 פונקטן. דער ערשטער: איך האָב פאַר זיי געשאפן אַ י.ס.א.[372] נו, געגנוג מער דאַרפסטו שוין נישט אויסרעכענען.

מען זאָגט, אַז מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט דער קאָזיעניצער זייגער־דיק געשלאָגן דורך יענע, ערקלערט, אַז ווען דער שופר וועט טון אַ בלאָז, וועט פון די אשכנזים ווערן אַ האָז. דער קאָזיעניצער האָט געפרעגט צי אין האָלאַנד זענען דאָ יידן? האָט מען אים געענטפערט, אַז יאָ, אין דע־נעמאַרק, פראַנקרייך, נאָרוועגן — אויב אַזוי איז ער דאָך אין פלען ביי די יידן — —

היינט דעם 27־טן סעפּט[עמבער] פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג וועגן פאַרשמעלערן דאָס געטאָ, דהיינו: זלאָטאַ, סיענאַ, כמיעלנאַ ווי אויך לעשנאָ, עלעקטאָראַלנאַ, אָגראָדאָוואַ. אויף זלאָטאַ האָבן די פּאָליאַקן זיך געווענדעט אָנווייזנדיק, אַז יידן זענען דאָרט אַ מינדערהייט. געהערט היינט, אַז יידן קומען צוריק קיין קראָקע. מען פאָרט מיט שיפן מיט דער ווייסל קיין קראָקע און מען דינגט זיך דירות. אויף דער ליניע [373] זענען פאַרבאָטן געוואָרן ייד[ישע] געשעפטן. עס האָלט ביי אַ געטאָ. געהערט וועגן אַ פאַל מיט איינעם, וואָס האָט נישט געוואָלט עפענען די טיר, מען האָט מיט אַ האַק אויפגעהאַקט די טיר און אַרויסגעוואָרפן אים פון דער וווינונג אין דער פּידזשאַמע, אַרויסגעוואָרפן אים דורכן פענצטער די הויזן. יידן קענען פון מאָרגן אָן פאָרן מיט געציילטע טראַמווייען. אויף זשאָליבאָזש פאָרט נישט קיין איין טראַמוויי, מיט וועלכן יידן קענען פאָרן. אין דעם וווינונגס־קאָאָפּעראַטיוו [374] טאָר מען נישט אויסצאָלן יידן זיין חלק. געלייענט אַן

— „אָווישעם" אדרבה. די אָווישעם־פּאָליטיק — פּאָליטיק פון ווירטשאַפטלעכער דיס־קרימינאַציע פון יידן אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן.

370) געמיינט רידז־שמיגלי. פג"ל הערה 44.

371) געג. גובערנאַטאָר פראַנק.

372) יידישע סאָציאַלע אַליינהילף.

373) געמיינט די דאַטשע אויף דער ליניע וואַרשע־אָטוואָצק.

374) וואַרשעווער וווינונגס־קאָאָפּעראַטיוו, אויף זשאָליבאָזש, ווו יידן זענען געווען מיטגלידער און געהאַט וווינונגען אין די געמיינזאַמע בלאָקן. לויט דער

אויסגאַבע פון השומר „פלאַמיעניע",[375] ווו עס ווערט ריכטיק אונטערגע־שטראָכן די נטיה פון אַ טייל יוגנט מקנא צו זיין זיי, די שטאַרקע, די פעסטע, די שטאָלצע, וואָס געניסן פון אַלדאָס גוטס. די טענדענצן פון אַ טייל יוגנט נאָכצומאַכן זיי. די אומזיכערקייט וועגן די ווייגונגען, די כסדרדיקע סכנה פון אַרויסטרייבן פון די וווינונגען רופט אַרויס ביי אַ טייל דעם ווונטש — עס זאָל שוין זיין געטאָ, ווו יענע זאָלן נישט קענען אַריינ־קומען.

היינט דעם 29־טן סעפּט[עמבער] געקריגן אין די צייטן פּאַר נישט גריסן. היינט זיך באַוויזן ייד[ישע] טראַמווייען מיט געלע קאָלירן און אַ מגן־דוד פון אַלע זייטן מיט דער אויפשריפט „בלויז פאַר יידן". אין טראַמוויי אריינגעלאָפן א שגצל און געוואָלט טיילן קאַלענדארן אומזיסט און געמאכט אנטיסעמיטישע אויסרופן, קיינער נישט גענומען די קאַלענ־דארן און איינער אים געהייסן תיכף פאַרלאָזן דעם טראַמוויי. א רבי האָט פאָרויסגעזאָגט, אַז דעם 27־טן סעפּט[עמבער] וועט עפּעס וויכטיקעס פּאָר־קומען און די יידן וועלן אויסגעלייזט ווערן. ווירקלעך: יאַפּאַן געמאַכט דעם אָפּמאַך. צווישן די באַדראָטע גאַסן געפינט זיך זלאָטאַ,[376] ווו אַ סך יידן האָבן מיט אַ קורצער צייט צוריק, און די לעצטע טעג האָבן יידן פון דרום, זיך דאָרט באַזעצט און געקויפט פאַר עטלעכע טויזנט זל. וווינונגען. אין אָטוואָצק איז שוין פאַראַן די פאַראָרדענונג, אויף וועלכע גאַסן יידן מעגן וווינען.[377]

סעפּטעמבער 1940 [378]

מיין ליבער פריינד!

סעפּטעמבער 1940. דער רוב משוגעים זענען אויפן פּאָליטישן באָדן. באַקאַנט אַ פאַל מיט דר. בערלינסקי פון לאָדזש. איין טאָג האָבן די אש־כנזים גענומען די יידן פון הויף אויף אַרבעט, דערביי געהאַלטן דרשות לכבוד יענעם און געהאַלטן, אַז יידן ווילן נישט אַרבעטן. מען האָט [אים] שפּעטער געפירט אין סאַניטאַר־אַמט, דאָרט האָט ער דערקלערט, אַז יע־נער איז דער אויסלייזער פון דער וועלט. אויף דעם יסוד האָט מען אים אָנערקענט אַלס משוגע און איבערגעשיקט אין זאָפּיווקע. געווען דאָרט און

פאַראָרדענונג פון די אָקופּאַנטן געמוזט פאַרלאָזן די דירות און נישט געקאָנט צוריק באַקומען דעם איינגעצאָלטן פּאַי, ווי דאָס איז געווען פאָרויסגעזען לויטן סטאַטוט פון קאָאָפּעראַטיוו.

375) „פלאַמען", א אונטערערדישע צייטשריפט.

376) וואָס דאַרפן עווענטועל אַרויספאַלן פון געטאָ.

377) אין אָטוואָצק האָט מען אָנגעהויבן אָרגאַניזירן דעם געטאָ סוף סעפּ־טעמבער 1940. עס זענען דאָרט געווען 2 געטאָס: אַרום דעם אַנשטאַלט פאַר גייס־טיק־קראַנקע „זאָפּיווקע", און אין דער שטאָט. אין נאָוועמבער האָבן די געטאָס שוין עקזיסטירט.

378) האַנט־קאָפּיע, איבערגעשריבן דורך בלומע וואסער.

געהערט פאַרשיידענע לידער און אויסרופן לכבוד יענעם. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז כמעט אַלע חזרן דאָס איבער און דערמאָנען זיין נאָמען. זיי באַגריסן זיך אויך מיט יענעם גרוס. דאָס פּראָבלעם פון משוגעים איז זייער געפערלעך. צוליב זייער אַגרעסיווער האַלטונג לגבי יענע. עס טרעפן אָבער אָפט פאַלן, ווען מען מוז צוריקשיקן אַהיים, ווייל זיי האָבן נישט קיין געלט אויף אויסהאַלטונג. מען האָט עטלעכע טעג צוריק געכאַפּט קהלה־באַאַמטע (פאַרן 9 סעפּט[עמבער]) און זיי באַשעפטיקט בייטאָג און ביינאַכט. איינגעישבנט אין פּאַוו[יאַק].

אַלס אילוסטראַציע צום שרעקלעכן עקאָנאָמישן חורבן פון יידן קען דינען דער פאַקט, אַז פון יעדע טויזנט ייד[ישע] שיך־געוועלבער האָבן באַקומען קאָנצעסיעס 12 — — די ענדערונג אין באַציונג פון דער סאַני־טאַר־מאַכט נאָכן דירעקטן באַקענען זיך מיט די ייד[ישע] אַנשטאַלטן און ייד[ישע] הייזער. איבערצייגט זיך וועגן די לעגענדעס פון ייד[ישן] שמוץ. די געכאַפּטע אין די לעצטע טעג אָפּגעשיקט אין פאַלענטי, אַ גוט פון ס.ס., זיי נעכטיקן אין פּאַוויאַק, באַקומען גוט עסן. ס'איז זייער כאַראַקטעריס־טיש די קאָנקורענץ און סכסוכים צווישן פאַרשיידענע טיילן. קאָמפּעטענץ־שטרייטן. זייט אַ וואָך טאָר מען נישט גיין אויפן זאַקסישן פּלאַץ — געענדערט איצט זיין נאָמען א. ה.[379]

פון איין זייט זענען דאָ אַ סך סימנים פון אַנטיסעמיטיזם, ווי למשל די מעשה מיט דער קאָמיסאַרשטשיגע אין ייד[ישע] הייזער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך פוילישע אַרבעטלאָזע ריכטער און אַדוואָקאַטן, פון דער צווייטער זייט אָבער הערט מען כסדר וועגן אַ נייער באַציונג אין די שטייעראַמטן, ווו די שטייערן ווערן פאַנאַנדערגעלייגט, ווו עס ווערן געגעבן גוטע עצות, ווי אַזוי צו געניסן פון הנחות, וועגן אַ גוטער באַציונג אין די פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן וכדומה.

געהערט אין לובלין זענען פאַראַן יידיש־דייטשע שילדן. די בקשות פון יידן צו דער דייטשער מאַכט מוזן זיין געשריבן בלויז אין דייטש. אויף פראַנטשישקאַנער 30 האָט מען די טעג אַנטדעקט אַ קעלער, ווו [ס'איז] געווען פאַרמויערט אַ סך לעדער, צוליב דער פייכקייט קאַליע געוואָרן. מיט אייניקע וואָכן צוריק האָט מען בשעת דער רעגיסטראַציע פון פוילישע אָפיצירן, יידן — געהייסן שטיין און פּאָליאַקן האָט מען געגעבן בענקלעך. מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז דער געוו[עזענער] פירער פון אָ.נ.ר.[380] אין וואַרשעווער שטאָטראַט קאָזיאָלקעוויטש רעדט היינט וועגן יידן גאַנץ אַנדערש ווי פאַר דער מלחמה, פּשוט נישט צו דערקענען. מ'גיט אויך איבער וועגן דעם ליבעראַלן טראַקטירן דורך אַ טייל הויז־קאָמיסאַרן די פריערע

---

379) אַדאָלף־היטלער־פּלאַץ.

380) „אָבאָז נאַראָדאָוואָ־ראַדיקאַלני" (אָ. נ. ר.) — א פאַשיסטיש־אַנטיסעמי־טישע פוילישע אָרגאַניזאַציע.

חובות פון די ייד[ישע] לאָקאַטאָרן. מ׳האָט היינט אויסגעפּועלט אַ גרויסע זאַך: פאַר די וואָס אַרבעטן אין פּאַלענטי מעג מען שיקן פּעקלעך. אָפּטע פּאַלן פון באַשטייערן זיך פון פּאַלאַקן אויף יידישע צוועקן. דר. רוסיק מיטן גרינעם בענדל מאַכט גרויסע געשעפטן מיטן צוזאָגן צו דערליידיקן ענינים, וועלכע ער איז נישט ביכולת צו דערליידיקן. עס האָט געשריבן ר׳ אַשר 380א. פון שווייץ — טשאַפּניקן 381 גייט עס שלעכט. א סך יידן האָבן געגעבן צו באַהאַלטן זייערע חפצים, עס טרעפט אָבער אָפט, אַז די מענטשן ווילן נישט אָפּגעבן צוריק די זאַכן; דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען מיט סחורות אין לאָדזש. אין דער „גאַז[עטאַ] זשיד[אָווסקאַ]״ 382 איז געווען אַן ארטיקל וועגן דער הומאַניטארער פאָרם פון גירוש קראָקע. איינער פון די מיטאַרבעטער הלל זיידמאַן. באַקאַנט א אַלטער יידישער זשורנאַליסט מיט אַ נאָמען, רויזן פ.382א, וואָס האָט אָפּגעזאָגט מיטאַרבעטן אין דער צייטונג. ער וויל נישט אויף דער ערטער באַפלעקן זיין נאָמען.

אויף דער לויה פון די עופעלעך פון וואָלסקא האָבן די קינדער פון אינטערנאַט וואָלסקאַ געלייגט אַ קראַנץ מיט דער אויפשריפט: „אָד גלאָדויאָנציך דזשעטשי — דליאַ דזשיעטשי קטורע זגינעלי ז גלאָדו״.383 אַ טייל הויפן זענען אָפּן, ווייל מען האָט אַרויסגעריסן די הילצערנע טויערן.

2, 3, 4, 5 אָקטאָבער 1940

מיינע ליבע!

דער הייַנטיקער ערב ראש־השנה (אָקטאָב[ער]) איז געווען זייער א טרויעריקער. מען האָט היינט גענומען מעבל אויף לעשנאָ 4, 6, 8, אויסער־דעם געהייסן אויסרוימען וווינונגען אויף פּלאַץ זשעלאַזנעי בראַמי 8, אַ הויז וואָס געפינט זיך אין די טויערן. מאָרגן ראש־השנה ווען אַ טייל מנינים דאַווענען שוין 6 אַזייגער פרי. אין אַ גאַנצער ריי הייף אין דער ייד[ישער] געגנט איז דאָ אויפגעשריבן „לשמוע אל הרינה״ — מיט איין וואָרט: מען האַנדלט מיט פלעצער. געהערט אַ סך גוטע גרוסן פון דער אויפפירונג פון די קראָקעווער יידן לגבי די אַרויסגעשיקטע פון לאָדזש (געקומענע פון ראַדאָגאָשטשער לאַגער). געקומען האַלב נייַן אינאָווצט קיין קראָקע. אין

380א) ד״ר אַדאָלף זילבערשיין?

381) היטלער.

382) „גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ״, די איינציקע יידישע לעגאַלע צייטונג אין דער פוילישער שפּראַך, אָרגאַן פון יודענראַטן, דערשינען 2 — 3 מאָל אין וואָך אין קראָקע אין די יאָרן 1940 — 1942. דער ערשטער נר. דערשינען 23 יולי 1940, דער לעצטער אין אַפּריל 1942.

382א) ראַזענפעלד, „באַנטשע״? דערנאָך האָט ער דאָ מיטגעאַרבעט.

383) „פאַר די קינדער, וואָס זענען אומגעקומען פון הונגער — פון די קינדער וואָס הונגערן״. אין יתומים־אַנשטאַלטן, וואָס אויף וואָלסקע, זענען געשטאָרבן פיל קינדער פון הונגער. מיטן אַנשטאַלט האָט פאַרוואַלטעט די יידישע קהלה.

אַ האַלבער שעה געווען אַלע אין וווינונגען. דריי טעג געפּאָרן מיט דער באַן אָן עסן און טרינקען.

היינט האָט זיך אָנגעהויבן אויך די אויסזידלונג פון פּאַלאַקן פון געוויסע גאַסן אין דרום: פּאָזנאַנסקאַ, ווספּולנאַ. וואָס שייך די יידן, אויב מען נתנט אַ ביסל מעות, לאָזט מען אַ ביסל לענגער צייט און מען דערלויבט אַלץ אַרויסצונעמען. די אומרואיקייט ביי דער ייד[ישער] באַפעלקערונג] איז אַ שוידערלעכע. קיינער ווייסט נישט, צי ער וועט מאָרגן שלאָפן אויף זיין געלעגער. מענטשן אין דרום זיצן אַ גאַנצן טאָג אין דער היים, וואַרטנדיק אויפן מאָמענט, ווען מען וועט קומען און פאַרטרייבן. די פּראָצעדור פון נעמען מעבל, זאַכן, אַזעלכע: מען פאַרמאַכט אינדערפרי דעם טויער און מ׳לאָזט קיינעם נישט אַרויס. מען פאַרציילט וועגן רומקאָווסקין, אַז ער פלעגט רעדן צו זיי בזה הלשון: „צי מעג דער יודע רעדן״.

היינט דעם 3 אָקטאָבער, ערשטער טאָג ראש־השנה, געווען אַ שלעכטע שטימונג. מען האָט געהייסן די יידן פון דזיעלנע 31 פאַרלאָזן דאָס הויז אין משך פון אַ קורצער צייט. פאַר דער דערלויבעניש אַרויסצוטראָגן די וואַליזע האָט מען דעם סטרוזש געצאָלט 10 זל. אויך דער פּוילישער שומר האָט געמאַכט געשעפטן. יידן האָבן אַריבערגעוואָרפן זייערע זאַכן איבערן פּלויט. — די מעשה מיטן פּלאַץ זשעל[אַזנעי] בראַמי 8 געווען אַן אַפּערע. עס האָט זיך געענדיקט מיט איינצאָלן צו 150—200 זל.

סצענעס אין טראַמוויי — אַ ייד מיט אַ דאַשיק און אַ רויטע פּאַטשיילע אויפן האַלדז רופט זיך אָן צו אַ יידישער פרוי, וואָס רעדט צו אים פּויליש: — „אין יידישן טראַמוויי רעדט מען יידיש״. רופט זיך אָן אַ צווייטער: „און העברעיש? — העברעיש אויך״. אַן אַלטער ייד גייט אַרויס פון טראַמוויי און זאָגט צום עולם: „אַ גוט יאָר יידן״. מיט איין וואָרט: מען פילט זיך היימלעך. מער נישט, עס איז אַ ביסל צו ענג. קאָנדוקטאָרן מאַכן אויך געשעפטן מיט יידן: מען גיט נישט קיין בילעטן און מ׳נעמט דערפאַר געלט. — די צענניקעס אין די ייד[ישע] רעסטאָראַציעס מוזן זיין אין יידיש. אַן אויסל[ענדישער] בירגער אָן אַן אָפּאַסקע געוואָלט אַריינגיין אין יידישן טראַמוויי, אָבער דער קאָנדוקטאָר האָט אים נישט אַריינגעלאָזט.

די חזיריי פון די וואַרש[עווער] גבירים. ווען פאַראַיאָרן געהאַלטן ביי אַ געטאָ און געווען באַשטימט אַ קאָנטריבוציע פון 300 טויזנט זל., האָט דער פּעטער[384] געמוזט געבן איבער 100 טויזנט, די וואַרש[עווער] גבירים געגעבן צו 20 זל. איצט אין אָקט[אָבער] זאָגט מען, אַז די סאַניטאַרע מאַכט און חיילישע איז קעגן דעם געטאָ. אין זויכן־געביט ווינען 350 טויזנט יידן און 150 [טויזנט] פּאַלאַקן, אויסער די מויערן 75 טויזנט יידן, די געדיכטקייט איז אין שפּער־געביט 9 מאָל גרעסער ווי אויסער דעם. אויספאַרקויף איז די וויכטיקסטע הכנסה־קוועלע פון טויזנטער, טויזנטער יידן.

---

384) דער דזשאָינט.

עס איז דאָ, זאָגט מען, אַ גענעראַל־גוווערנעמאַן און אַ גענעראַל־באָמבאַרדעמאַן (איבעריקנס אשכנז). אין פּראַגע אויפֿן בית־עולם זענען הונדערטער קריסטן עולה רגל צו דעם קבר פֿון אַ מאַמע מיט 7 קינדער, וואָס זענען געפֿאַלן בשעת דער באָמבאַרדירונג. דער מאַן, וואָס איז צוריקגעקומען פֿון רוסלאַנד, האָט איר געלאָזט מאַכן אַ מצבה, אויף וועלכער עס איז אויסגעקריצט זיין פּערזאָן, ווי ער באַוויינט די פֿרוי מיט די קינדער.

געהערט היינט וועגן גירוש פֿון (4 [אָקטאָבער]) יידן פֿון זגיערזש.[385] די יידן מעגן וווינען אין די אַרומיקע דערפֿער, אָבער די פּויערים טאָרן נישט פֿאַרקויפֿן מער ווי איין קילאָ קאַרטאָפֿל. אויך די יידן פֿון ריישע זענען פֿאַרטריבן געוואָרן. געהערט וועגן אַ פּויל[ישן] פּראָפֿעסאָר אין אָראַניענבורג,[386] וואָס אין לעבן געווען אַ מלאך, האַלט שאין שום עצה לאשכנזים מהדור החדש רק להשמיד.[387] אַ פּשוטער ייד פֿון אַ קליין שטעטל איבערגעלעבט שווערע פּורעניות, געזאָגט, אַז מסתמא מוזן זיין אין אשכנז שולן פֿון פּייניקן, אַ נישט פֿאַרשטייט ער נישט ווי עס נעמט זיך צו מענטשן אַזאַ חיהשקייט. די פֿאַמיליע פֿריידליין, 3 טעג נאָכן 27־טן סעפּט[עמבער], דעם טאָג ווען מען האָט דערוואַרט דעם טויט פֿון אַ גרויסן רשע אין דייטשלאַנד, זיך איינגעבראָכן נאָכדעם, ווי עס איז נישט דערפֿילט געוואָרן און באַגאַנגען מיט דער פֿרוי זעלבסטמאָרד. מיט עטלעכע טעג צוריק געכאַפּט צו דער אַרבעט יידן פֿון בית־עולם (ערב ראש־השנה). — אַ קריסטין וויל איינשטייגן אין ייד[ישן] טראַמוויי. מען לאָזט זי נישט, שרייט זי: „קוקט נאָר, דער טראַמוויי איז אויך נאָר פֿאַר יידן". אַן עלטערע יידענע מיט אַ טשיפּעק רופֿט זיך אָן צו ייד[ישע] קינדער: „דאָ מעגט איר דאָך רעדן יידיש". נעכטן האָט מען אָפּגעשטעלט דעם ייד[ישן] טראַמוויי און גענומען יידן צו דער אַרבעט. פֿאַר אַריינלאָזן אַ קריסט אין טראַמוויי, צאָלט דער קאָנדוקטאָר 1 זל. שטראָף. פֿאַראַן פֿאַלן ווען קריסטן ווילן דווקא פֿאָרן מיטן ייד[ישן] טראַמוויי. „איך בין נישט קיין אַנטיסעמיט" — שרייט איינער. אַ טייל יידן זאָגן: „מיר האָבן דערלעבט אַ טראַמוויי מיט אַ מגן דוד". אַנדערע מאַכן אַ וויץ: „אַפֿילו מיט אַ מזוזה". אין דעם קוטנער געטאָ אין קאָנסטאַנציאַ איז מיטן הסכם פֿון דער מאַכט פֿאָרגעקומען אַ געדענק־טאָג נאָך הערצלען ווי אויך נאָך זשאַבאָטינסקין.

לעצטנס ביים אַרויסנעמען מעבל פֿון ייד[ישע] שטובן זענען באַשעפֿטיקט בלויז אשכנזים, צו יידן האָט מען נישט קיין צוטרוי, ווייל זיי פֿלעגן אַראָפּטראָגן און אַרויפֿטראָגן.

---

[385]) בעתן גירוש פֿון זגיערזש 27 דעצעמבער 1939 זענען איבערגעזידלט געוואָרן העכער 2.500 יידן קיין גלאָוונע.

[386]) קיין אָראַניענבורג זענען אין נאָוועמבער 1939 פֿאַרשיקט געוואָרן די פּראָפֿעסאָרן פֿון קראָקעווער הויכשולן, בלויז איינצלנע פּראָפֿעסאָרן זענען באַפֿרייט געוואָרן.

[367]) פֿון העברעיש: נישטאָ קיין שום עצה אויף די דייטשן פֿון נייעם דור. (נאַציס) ווי נאָר אויסראָטן.

היינט דעם 5־טן אָקטאָבער איינגעשבנט איבער הונדערט לאָדזשער יידן. יש שאומרים, וואָס האָבן פאַרלאָזן דאָס געטאָ, אַנדערע: וואָס האָבן געשמוגלט סחורה אָדער אַרויסגעפירט זייערע זאַכן מיט דער הילף פון אשכנזים, וועלכע האָבן זיי געמסרט. אויסערדעם איינגעשבנט עלטערן, אפילו יידן איבער 60 יאָר, וואָס זייערע קינדער האָבן זיך נישט צוגעשטעלט אין די אַרבעטסלאַגערן, אויך גענומען די לאָקאַטאָרן, וואָס די סובלאָקאַטאָרן זיך באַהאַלטן.

אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז יידן מעגן גיין אין געטאָ ביז 9 פון 7 פרי, אויסערן געטאָ פון 8 ביז 7, פאָליאַקן ביז 11. א יידענע אריין אין ייד[ישן] טראַמוויי: „ז נאָווים טראַמווייעם שטשענשטשא".[388]

אין ראש השנה האָט מען גענומען צו דער אַרבעט אויף ראַקאָוויעצקאַ זייער אַ סך עלטערע יידן מיט גראָע האָר. פראַנק אָדער לייסט האָט יזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין כוח אין אַזאַ טעמפּאָ [דורכצופירן] דאָס אַלץ, וואָס יידן טראַכטן אויס (געטאָ א. א.). אַנדערע זאָגן, אַז יענע שרייבן אונטער דאָס, וואָס יידן טראַכטן אויס. בשעת עס איז געווען אַקטועל די פראַגע פון געטאָ, האָבן די קריסטלעכע בעלי־מלאכות פון זויכן־געביט זיך געווענדעט צו דער מאַכט: צוליב דעם איבערזידלען וועלן זיי פאַרלירן זייער ביזאיצטיקע ייד[ישע] קליענטעלע, מיט וועלכער זיי זענען ענג פאַרבונדן. גאַלגען־הומאָר ווערטלעך: נאָך וואָס דאַרפן די אשכנזים באָמבאַרדירן לאָנדאָן און פאַרלירן בענזין, בעסער זאָלן אשכנזים בערלין און יענע לאָנדאָן. קריסטן קענען אַריינגיין אָן באַגרענעצונגען אין הויפּט־פּאָסט־אַמט, יידן בלויז צו צען, דעריבער אַ גרויסע ריי אין פרייסן דער עיקר פון פרויען. די יידן האָבן געוואָלט די מלחמה — די יידן זענען שולדיק אין דער מלחמה. דאָס איז א פזמון, וואָס חזרט זיך איבער אין אַלע שמועסן מיט יענע, אפילו די בעסטע. — געווען אין אַ קיך, געהייסן אַראָפּנעמען די אויפשריפט: „אַ פריילעכן יום־טוב".

די ־יין יידישע טראַמווייען, ד. ה. איינצלנע וועגן, האָבן אַ טאָוול מיט אַ גרינעם קאָליר. ווען עס פאָרן צוויי וואָגנס אין איין צוג: איינער פאַר יידן, אַ צווייטער פאַר קריסטן (דער יידישער דער הינטערשטער), דאַן איז דער טאָוול האַלב געל. אַ סך פירמעס, ווי „וועדעל" א. א. האָבן אַראָפּגענומען די אויפשריפטן: „יידן זענען נישט געווונטשן". כאַראַקטעריסטיש, אַז ביי דער ייד[ישער] פירמע „פלוטאָס" געווען אַן אויפשריפט: „יידן זענען נישט געווונטשן". מיר באַקאַנט אַ פירמע, ווו געצוואונגען די אָפּגעזאָגטע ייד[ישע] אַרבעטער צו קומען, ווייל נאָך נישט באַהערשט אַלע סודות פון דער פאַבריק און געדראָט מיט גאַלעען, אויב זיי וועלן זיך נישט מעלדן. אין אַ טייל אַמטן אין דיסטריקט נעמט מען יידן אַזוי [אויף]: „וועג, וועג!" — און מען מאַכט מיט די הענט: די „שמוציקע" יידן זאָלן נישט צוגיין צו נאָענט. — „מאַכן זי דאַסס, זי

---

388) גליק=ווּנטשן מיטן איינפירן נייע טראַמווייען.

פאַרשוווּנדען״ — צו אַ יידישער פרוי אין דיסטריקט, יענע געענטפערט: „איך בין נישט קיין לופט, איך זאָל פאַרשווינדן״. געהערט וועגן אַ גדול, וואָס האָט זיך ביים ייד[ישן] אַריינגייער פאַרזיכערט אולי, טאָמער.

אַ ייד פון איבער 60 געאַרבעט שווער אין ראש השנה, געבעטן ביי יענע וואַסער, געענטפערט, אַז אַ ייד דאַרף שטאַרבן און נישט באַקומען קיין וואַסער. — אויף נאַלעווקעס גיט מען צו וויסן וועגן כאַפּן דורך פליער: „אַליאַרם לאָטניטשי נאַ מיאַסטאָ וואַרשאַווען, אַליאַרם טרוואַ, נאַדכאָדזשי, פּשעשעדל״.[389] זייער אינטערעסאַנט די קעגנזייטיקע הילף: מען זאָגט אַלע מענטשן אויף דער גאַס, אַז מען כאַפּט דאָרט און דאָרט. קריסטן זאָגן אָן, למשל, אַז מען שלאָגט און הייסט אַראָפּנעמען דעם הוט פאַר נישט גריסן.

דעם [הער] פירער־פּירנציפּ געפעלט אַ טייל יידן. געזען אַן אָנפירער פון 6 האַנטווערקער־פאַריינען, ער גייט אין שטיוועלעך און רעדט אין אַ טאָן פון אַ זעלבסטהערשער. ער שטרייכט אונטער אַ סך מאָל דאָס וואָרט „איך״, פּונקט ווי ער וואָלט געווען אַ גאָט־געזאַלבטער. די סיבה פאַרוואָס יידן מעגן אַרויסגיין ערשט 7 אַזייגער איז אַן עקאָנאָמישע, מען וויל נישט יידן זאָלן אויסקויפן פּראָדוקטן ביי פּויערים, וואָס קומען אָן פון די דערפער. אַ ייד האָט געדאַוונט שלעכט ראש־השנה. אויף דער פראַגע פאַרוואָס, [געענטפערט]: וואָס פאַר אַ יאָר, אַזאַ דאַווענען. אשכנזים באַזוכן וואַרשע, זעען דאָ חורבות, זאָגן זיי: ווייזט אויס, אַז אויך דאָ זענען געווען פּיראַטן...

דער קאָזיעניצער רבי האָט געזאָגט וועגן דעם „לאָבוז פּראַצי״,[390] געהערט היינט גרוסן פון די אַרבעטס־לאַגערן. אַמבעסטן איז אין טישאָוויעץ און שעדלישטש.

די וואַרש[עווער] קהלה ווייזט אַרויס דעם קלענסטן אינטערעס צו אירע לייט. אַמבעסטן אַרבעט ראַדאָם, וואָס שיקט אָפט אַרויס מענטשן מיט ברויט, מעדיקאַמענטן א. א. עס ליגן קראַנקע וואַרשעווער, וועלכע מען האָט אָבער נישט אויסגעטוישט אויף אַנדערע, און זאַבלודאָווסקי[391] זאָגט, אַז עס איז „אַל־רייט״. אַ ייד אין טישאָוויעץ האָט זיך אונטערגענומען צו באַשפּייזן די לאַגעריסטן צו 65 גראָשן אַ טאָג. געלייענט מיט עטלעכע וואָכן אַ בריוו פון בעלזשיץ: „איידער דו ווייסט דאַרפן גיין אין לאַגער, וואַרף זיך אַריין אין דער ווייסל״. און דאָך איז ביי די פּאָלאַקן פּאַראַן

---

389) „דער לופט־אַליאַרם אויף דער שטאָט וואַרשע דויערט, ער קומט אָן ער איז אַדורך,,.

390) אַ ווערטער שפּיל „לאָבוז — אָבוז (פּראַצי)״.

391) בנימין זאַבלודאָווסקי, ראַטמאַן פון דער וואַרשעווער קהלה פאַר דער מלחמה. אין דער געטאָ־צייט מיטגליד פון וואַרשעווער יודענראַט, לייטער פון פּערסאָנאַל־אָפּטיילונג, טשערניאַקאָווס רעכטע האַנט. געשטאָרבן דעם דריטן יאַנואַר 1942. זאַבלודאָווסקי געווען אויך מיטגליד פון זיבנפּערזאָניקן פּרעזידיום פון יי. ס. אַ.

די איבערצייגונג, אַז די לאַגע פון די יידן איז אַלץ בעסער ווי זייערע, געהערט וועגן אַ גאַנצער ריי פאַקטן, אַז פויל[ישע] קונדן שיקן פעקלעך מיט לעבנסמיטל צו זייערע ייד[ישע] סוחרים אין לאָדזשער געטאָ, אַלס דעקונג פון זייערע חובות. געהערט וועגן דעם רירנדיע דערציילונגען.

צום באַדויערן איז דער ייד[ישער] טראַמוויי שמוציקער ווי דער נישט יידישער. ווער איז שולדיק? אָדער די טראַמוויי־פאַרוואַלטונג, וואָס זאָרגט ווייניק פאַר דער ריינקייט, אָדער די יידן, וואָס פילן זיך צו היימיש. — היינט האָט מען אויף מאַרשאַלקאָווסקא אָפּגעשטעלט דעם ייד[ישן] טראַמוויי, געהייסן די יידן אַרויסגיין, איבערגעדרייט די טאָוול אויף ווייס און די אויפשריפט „נאָר פאַר יידן" אַרויסגעוואָרפן אויפן ברוק, און געפאָרן אנשי חייל. עס קומען לעצטנס פאָר פאַלן, אַז יידן פון דרום טוישן וווינונגען מיט קריסטן פון דער צפון־געגנט. די יידן זיצן אין דרום אויף די וואַליזקעס און וואַרטן אויפן מאָמענט, ווען מען וועט זיי הייסן אַרויסגיין פון דאָרט. אשכנזישע אַגענטן, גערופן אַספּיראַנטן — האָט מען מיר געזאָגט — באַקומען נישט קיין שכירות; זיי מוזן דעריבער אַליין זיך שאַפן פּרנסה אין משך פון 3 יאָר, וואָס עס דויערט זייער אַספּיראַנטור. פון דאַנען די מעשה מיטן פּלאַץ זשעלאַזנעי בראַמי 8, ווו מען האָט אויסגעקויפט זיך די כלומרשטע באַזייטיקונג מיט 100—200 זל. פון אַ דירה. דער עולם וואַרט, אַז אַמעריקע זאָל צוטרעטן צו דער מלחמה, אָבער גלייכצייטיק שרעקט מען זיך, וואָס מען וועט טון מיט די יידן. די גרעסטע אָפּטימיסטן הויבן אָן צו ספקענען, צי מען וועט דאָס אַלץ איבערלעבן. הגם סוף־כל־סוף גלויבט מען אין אשכנז מפּלה. אייגנטלעך איז שווער צו וויסן, אויף וואָס מען האָפט און ווי אַזוי מען שטעלט זיך פאָר די ליזונג. מען זאָגט, אַז צווישן די אַנשי חייל זאָל מען האָבן געטיילט אויפרופן וועגן מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה. אָבער די ידיעה איז נישט קיין זיכערע. דערווייל אימפּאָנירן די אַנשי חייל מיט העגטשקעס, מיט גלאַנציקע שטיוול, גלאַט ראַזירטע, גוט דערנערטע, מיט עלעגאַנטע פון בעסטן שטאָף מונדירן.

מען פאַרציילט, אַז אַ ייד פאָרט מיטן טראַמוויי, ווען מען קומט צום פּלאַץ ענטפערט ער אמן. די נאָטיץ אין „שטירמער",[392] אַז מיטן מאָמענט פון צוטרעטן פון אַמעריקע צו דער מלחמה, וועט מען מאַכן אַ סוף צו דער יידנפראַגע אין איראָפּע, האָט דאָ געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. פראַנק האָט געהאַלטן [?] זאָגט מען — אַ רעדע פול מיט שנאה צו יידן. מען דערוואַרט מאַקע א נידיזשע — — די ידיעה וועגן באַגרענעצן די אויפהאַלטס־שעהן פון די יידן אויסער די מויערן האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט ריכטיק. מען רעכנט, אַז זי איז אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָר אויף די טעג פון פראַנקס אויפהאַלט אין וואַרשע. געזען

[392]) „דער שטירמער", היטלערישע צייטשריפט, רעדאַגירט דורך וליוס שטרייכער, זיך אויסגעצייכנט מיט ווילדן אַנטיסעמיטיזם.

היינט אַ בילד: שילער פון קאָנאַרסקיס מיטלשול שלאָגן יידן אויפן גאַס. עלטערע קריסטן שטעלן זיך אַנטקעגן און אין גאַס אַנטשטייט צוליב דעם אַ צונויפלויף. דאָס זענען זייער אָפטע דערשיינונגען: פון רעאַגירן דורך פּאָלאַקן אויף אָנפאַלן מצד קריסטן — דערשיינונגען, וועלכע מען האָט נישט געזען פאַר דער מלחמה. פראַנק האָט דעפּעשירט צו טשערניאַקאָוו, די יידן זאָלן נישט פּראָדוצירן אַזויפיל גזירות, ווייל ער איז נישט אימ־שטאַנד דעם נאָכצוקומען. די קריסטן פון אַלטשטאָט מיטן גראַף טאַרנאָוו־סקי האָבן אונטערגענומען אַן אַקציע אַרויסצונעמען דאָס אַלטשטאָט פון געטאָ. ווי אַזוי עס איז בטל געוואָרן די געטאָ-גזירה אין וואַרשע? גראַף ראָ־ניקער [393] האָט אינטערווענירט אין קראָקע ביי דער אַנטשפּרעכנדער מאַכט (קונדט, [394] פון דער אַמאָליקער טשעכאָסלאָוואַקיי). אין צימער זע־נען געווען 4 פּאָטעלן. קונדט איז געווען אויפגעבראַכט, ווי וואַגט ער צו אינטערווענירן פאַר יידן. אין אַ געוויסן מאָמענט, האָט זיך דערהערט אַ זיפץ. דאָס האָט אַ גרויסער הונט אַ זיפץ געטון, דערנאָך האָט ער אַ צווייט מאָל אַ זיפץ געטון און דערמיט האָט זיך געביטן די שווערע שטי־מונג, וואָס האָט געהערשט אין דעם גרויסן זאַל און די גזירה פון געטאָ איז אָפּגערופן געוואָרן.

היינט איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג וועגן גיין אויסערן געטאָ פון 8 ביז 7, ווי אויך וועגן אָפּטרעטן דעם פּלאַץ אויף אַ זיכטבאַרן אופן פאַר אַן איש חייל דורך אַראָפּגיין פון טראָטואַר. געזען אין אַ בילד אויף זאַמעמנהאָפאַ, ווי איינער זיך געלאָזט ווילגיין. יידן זאָגן, אַז דאָס אַרט זיי גאָרנישט, ווייל זיי זענען אַזעלכע, באַהאַלטן זיי זיך אין טויער. דער פאַרבאָט אַרויסצוגיין פריער פאַר 8 איז אַ שווערער קלאַפּ פאַר די יידישע קליינהענדלער, וואָס מוזן גיין איינקויפן אין די פּאָרשטעט. עס איז פאַרבאָטן געוואָרן יידישע בעקערס אויסצובאַקן ווייס ברויט, דאָס איז אַ שווערער קלאַפּ פאַרן גאַנצן פאַך. יידישע בעלי־מלאכות, אויב זיי באַנוצן נישט זייערע מאַשינען, ווערן זיי פונאַנדערגעטיילט. אין דער וואַרשעווער צייטונג געווען אַ באַריכט וועגן אַ קאָנפערענץ פון דאָקטוירים, וואָס האָט אָנערקענט, אַז עס איז דרינגענד נויטיק צו איזאָלירן די יידישע באַפעלקערונג פון דער אַלגעמיינער דורך אַ געטאָ.

היינט פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג, אַז עס זאָל אַרויס אַ פאַראָרדנונג וועגן דעם, אַז יידן וועלן מוזן טראָגן סאַמעטענע היטלעך און פרויען — טיכלעך. היינט איז פאָרגעקומען דאָס אַרויסוואַרפן די יידן און פּאָלאַקן פון אָרעמע הייזלעך אויף פּאָווישלע, דער טערמין איז 3 טעג. געהערט היינט, אַז דער רוב טרעגערס פון נאַלעווקעס זענען מוסרים, זיי גייען נאָך נאָך סוחרים, וואָס

---

[393] גראַף ראָניקער געווען לייטער פון ר. ג. אָ., זע הערה 301.

[394] ערנסט קונדט (געב. 1897). אין 1939 געווען קרייזהויפּטמאַן אין טאַרנע, איז אין 1940 געווען אונטערשטאַאַטס-סעקרעטאַר אין דער רעגירונג פון גען. גובערניע. זייט האַרבסט 1941 — גובערנאַטאָר פון ראַדאָמער דיסטריקט.

טראָגן פֿעקלעך און מסרן דערנאָך. די וואָס מסרן נישט, גייען אויס פֿון הונ־
גער. געווען אַ פֿאַל: גענומען 100 זל. פֿאַר נישט מסרן און אין אַ שעה אַרום
געקומען מיט אַן אויטאָ און אַלץ צוגענומען. געהערט די נאַכט וועגן אַזאַ
סצענע. דריי ביינאַכט ראשים אנשי חייל געשלאָגן אַ ייד: „דו האָסט געזאָגט,
אַז ער האָט בריליאַנטן און וווּ זענען זיי?". אַ סך מענטשן פֿון דרום־געגנט
האָבן דאָפּלטע וווינונגען: אין דרום און אין צפֿון.[395] ר' יצחק[396] אויסגעלייזט
געוואָרן פֿון אַרבעט פֿון הענט סעקצייני פֿאַר 20 זל. פֿאַראַיאָרן סוכות זענען
געווען לאַנגע רייען צו די אתרוגים. נישט וויסנדיק וועגן וואָס עס האַנדלט
זיך, האָבן אויך קריסטן זיך איינגעשטעלט אין דער ריי. יידן גייען אויך
פֿרייוויליק צו דער אַרבעט אויפֿן דאָרף, כּדי צו באַפֿרייען זיך פֿון די אַרבעטס־
לאַגערן. געהערט וועגן גריצע. דאָרט אַרבעט אַ גרופּע יונגעלייט פֿרייוויליק
ביי אַן אַשכּנזישן פּריץ. אַ מאַסע יידן פֿון קראָקע צוריקגעפֿאָרן אַהיים. דאָרט
קענען זיי זיך מעלדן בלויז אויף צייטווייליקן אויפֿהאַלט, זיי באַקומען נישט
קיין באָנעס וכדומה. לויט אַ פֿאַראָרדנונג פֿון דער מאַכט מוז מען ביז סוף
אָקטאָבער ווענדן זיך נאָך אַ דערלויבעניש צו קענען באַשעפֿטיקן אַן אַרישע
דינערשאַפֿט, אָדער צו באַפֿרייען.[397] געהערט וועגן אַ משומדישע פֿאַמיליע,
וואָס האָט באַקומען 8 חדשים תּפֿיסה פֿאַר נישט טראָגן דעם שאַנד־באַנד.
געהערט וועגן אַן אַשכּנז, וואָס זעענדיק אַ ייד אַראָפּגיין פֿון טראָטואַר אויף
האָזשע, האָט ער אים געפֿרעגט נאָך וואָס ער האָט עס געטון, אים אָנגענומען
פֿאַר דער האַנט און אָפּגעפֿירט צו דער וווינונג. אַן אַנדערער האָט פֿון דער־
ווייטנס געמאַכט מיט דער האַנט, דער ייד זאָל אַראָפּגיין פֿון טראָטואַר. דאָס
צווינגט די יידן צו גיין אין יענע געגנטן זיגזאַגוויז פֿון איין טראָטואַר אויף
דער צווייטער זייט און צוריק.

אַרום 10 אָקטאָבער 1940

צי איז פֿאַראַן אַן אָפּאָזיציע גרעסער ווי פֿריער. דער פּלאַן פֿון מאַדאַ־
גאַסקאַר[398], באַציונג צו יידישער עמיגראַציע פֿון דער אמל. ליטונג אין דער
פּאַרטיי. 50 פּראָצענט אשכּנזים יידן אין אַרבעטסדינסט. 100 פּראָצענט יידן אין
אשכּנז. דערפֿון אַ העלפֿט איבער 55 יאָר, פֿרויען צוואַנג ביז 35. מענער ביז
55, ביז 70 פֿאַר די וואָס באַקומען אונטערשטיצונג. געלע אַרעמבינדעס מיט
אַ מגן דוד. 72 פֿעניג אַ שעה. איין פּסיכאָלאָגישער קלאַפּ גענוג צו צעברעכן.

---

395) ד. ה. אין פּוילישן און יידישן ראַיאָן.

396) ד"ר יצחק שיפּער (1884 — 1943) באַקאַנטער יידישער היסטאָריקער.

397) לויט פֿראַנקס פֿאַראָרדענונג פֿון 19 סעפּט. 1940.

398) דער פּלאַן פֿון די היטלעריסטן אין 1940 האָט פֿאָרויסגעזען די דע־
פּאָרטאַציע פֿון עטלעכע מיליאָן אייראָפּעישע יידן אויף דעם אינדזל מאַדאַגאַס־
קאַר. דעם אינדזל האָבן געזאָלט איבערנעמען די היטלעריסטן און איינאָרדענען
דאָרט אַ גיגאַנטישן קאָנצענטראַציע־לאַגער פֿאַר יידן.

— דער איינדרוק פון פאַרנעמען פראַנקרייך, פון וואפנשטילשטאַנד. סלאָוואַקיי. אַרויסגעשלאָסן פון שולן. אונטערגעצונדן די שולן. ווישי [399] באַזייטיקט די יידן פון אַמטן. פרעמדע יידן אינטערנירט. קאָנפיסקאַטעס ביי אָנגעזעענע יידן אַויף א סכום פון 825 מיל. באַנק מאַריאַן [?] פאַרמאַכט. דער גוווערנער פון מאַדאַגאַסקאַר אברהם שראַמעק [?]אַרעסטירט. 4 סעפּטעמבער עקסצעסן אין מאַרסייל און ריוויעראַ 30 טויזנט יידן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. צווישן זיי 3.500 פון בעלגיע און 1.500 פון עלזאַס. פאַרבאָטן אומצוקערן די, וואָס אַנטלאָפן אין ווישי. צוזאַמען הונדערט טויזנט אן הילף. נישט באַזעצט פראַנקרייך. באַצייכנט די יידישע געוועלבער. געלע אַרעמבינדע. אין באָרדאָ, אין אַר — — פאַפירן מיט א ספּעציעלער אָפּצייכנונג. מאַכינאַציעס פון יידישע פירמעס. שחיטה פאַרבאָטן. פאַרניכטעט די שול אין שטראַסבורג. אַלזשיר, אָפּגעשאַפן די ציווילע פראַנצויזישע רעכט — אַשכנז, ייד(ישע) געטאָ סכראָנעס אָדער ייד(ישע) בענק אין די סכראָנעס.

— — יידן קיין אַפריקע. אונדזער אַן אַשכנז אין מיליטער. 9 טויזנט יידן פון בייערן און פּאַלאַטינאַט אין דעם נישט באַזעצטן טייל פון פראַנקרייך. 300 הכשרניקעס. אין אונגאַרן באַזייטיקט יידישע דעפּוטאַטן. פאַרבאָטן קאָרעספּאָנדענץ אין יידיש און העברעיש. פאַרמאַכט אַלע אָרגאַניזאַציעס. לאַגער פאַר 70 טויזנט יידן. בודזשעטן [?] אין די לעצטע יאָר פאַרקלענערט זיך מיט 10%. דזשוינט 600 טויזנט דאָלאַר אין לעצטן זומער. טראַנסילוואַניע דריי טויזנט יידן פון דער רומעניש ער אַרמיי צוריקגעשיקט 6%, צוגענומען[?] איטאַליע פאַרבאָט צו פאַרקויפן שולביכער, גאָלדוואַרג. פאַרקלענערט די אויסהאַלטונג פון די אויסלענדישע אינטערנירטע יידן.1650 יידן אינטערנירט, 1350 אויף דער פרייהייט. אין פּאַלענצוי (דרום) אַ לאַגער פון 2000 יידן. 300 עולים קיין א״י אומגעקערט הינטער שטעכיקן דראָט. לאַטיין־אַמעריקע, באָליוויע פאַרבאָט פון עמיגראַציע [אימיגראַציע?]. אַרעשטן פון נאַציס אין — דרום אַמעריקאַ. „אונדזער וועג" — אַ חודש זשורנאַל פון פוילישע יידן אין אורוגוויי. לידע אָפּגעלייקנט די ידיעה וועגן שליסן ישיבות. „אָרט" אין ווילנע לעגאַליזירט — — לוקסעמבורג 3000 יידן געזאָלט געשיקט ווערן אין לובלינער רעזערוואַט. האָלאַנד. — — יידן פון עפנטלעכע אַמטן. אין דרשות פּראָטעסטירט קעגן דעם. רעגיסטראַציע פון די פאַרמעגנס. באַזייטיקט פון שולן. קאָנטריבוציע פון — — אויף די יידן פון האַג, אין 6 שעה פאַראויסבאַהאַלטן ענגלישע פליער.

399) אין ווישי איז געווען דאָס זיץ־אָרט פון דער קאָלאַבאָראַציאָניסטישער פראַנצויזישער פעטען־לאַוואַל־רעגירונג. די ווישי־רעגירונג האָט אַדמיניסטרירט אין דרום־פראַנקרייך, דאַקעגן דער צפון־טייל איז געווען אָקופּירט דורך דער דייטשישער אַרמיי.

12, 13 אָקטאָבער 1940

מיינע ליבע!

געהערט היינט, אַז ביי דער פּ. פּ. ס. זענען פאַראַן אָפּגויגן אין צוויי ריכטונגען: איינע צו וויטאָסן[400] אויף רעכטס, די צווייטע אויף לינקס. די צווייטע גרופּע הייסט „ס פּ אַ ר ט אַ ק ו ס".[401] עס זענען דאָ השערות, אַז געוויסע גרופּן ווערן געפירט דורך די גאַליעץ. אַ טייל אויסגאַבן, זאָגט מען, ווערן דורך זיי אַרויסגעגעבן. זיי באַקומען אַפילו שפּייז־דעפּוטאַטן. דער צוועק איז צו וויסן, וואָס עס טוט זיך ביי די פּאָליאַקן. מען זאָגט, אַז אויך געוויסע גרופּן צווישן יידן זענען אונטערגעפאַלן אונטער דער דאָזיקער השפּעה. קיין באַווייזן זענען באַטירלעך נישטאָ. די טרעגער, האָט מען מיר איבערגעגעבן, זענען אין 95% אַ ווערקצייג אין די הענט פון מוסרים. דער עיקר זענען דאָס געוועזענע רויטע „פּראַקוס",[402] וואָס האָבן געוואַנדערט פון פּאַרטיי צו פּאַרטיי, היינט זענען דאָס די ערגסטע מנוולים, וואָס מאַכן פאַרשידענע קאָמבינאַציעס. זיי קומען צו יידן אין וווינונגען און ראַבעווען בשותּפות מיט די אשכנזים. היינט שבת דעם 12 אָקטאָבער איז געווען אַ שרעקלעכער טאָג. דער מעגאַפאָן האָט אָנגעזאָגט די איינטיילונג פון דער שטאָט אין 3 חלקים: אַן אַשכנזיש, וואָס נעמט אַרום מיטשטאָט מיט נאָווי שוויאַט, אַ פּוילישן טייל און אַ יידישן. ביזן סוף אָקטאָבער מוזן אַלע אויסער די אַשכנזים זיך איבערציען אָן מעבל. געווען חושך ביי אונדז אין הויף. די בעל־הביתטע וווינט שוין 37 יאָר אין דער וווינונג, וועלכע זי מוז אָן מעבל פאַרלאָזן, טויזנטער קריסטלעכע געשעפטן און אונטערנעמונגען וואָלטן דורך דעם חרוב געוואָרן. געהערט וועגן אַ ראש, וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען פון טראַמוויי, זעענדיק ווי די תּלמידים פון קאָנאַרסקיס שול האָבן געמאַכט אַן אָנפאַל אויף יידן, נאָכגעלאָפן זיי און אויסגעשאָסן אין דער לופט. דער פינאַל נישט באַקאַנט. אין יידישן געביט וווינען 140 טויזנט פּאָליאַקן, אויסער דעם יידישן געביט וווינען 60 טויזנט יידן. געהערט פון פּאָליאַקן וועגן פאַרמשפּטן אין טורין[403] פּאָליאַקן אויף אַזאַ אופן, אַז מען האָט צוגעבונדן די העליקוועסטן צו אַ מאַטאָציקל, זיי געבונדן די הענט און די פיס, ביז זיי האָבן אויסגעהויכט די נשמה. עס ווערט פאַמעלעך געשאַפן אַ יידיש געטאָ. דעפּעשן גיט מען אויף דורך דער פאַרמיטלונג פון קהלה, דאָס זעלבע בנוגע באַן־פּשעפּוסטקעס.

---

[400]) ווינצענטי וויטאָס (1874 — 1945), דער פירער פון דער פּויערים־פּאַרטיי, געווען עטלעכע מאָל פּוילישער פּרעמיער.

[401]) די אינפאָרמאַציע נישט קיין ריכטיקע. „ספּאַרטאַקוס" איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע אָנגעפירט דורך קאָמוניסטן און קאָמוגיסטן. געמיינט געווים די שפּאַלטונג פון פּ.פּ.ס. אויף רעכטע וו. ר. נ. און לינקע ר.פּ.פּ.ס.

[402]) די אָפּגעשטעלטע רעכטע גרופּע פון דער פּ. פּ. ס. א.ג. „פראַקציא רעוואָלוציִנאַ".

[403]) Toruń

די „מתנה", וואָס איז היינט יום־כיפור געגעבן געוואָרן פאַר די יידן איז אַ ביטערע. א טייל האַלטן אָבער, אַז פאַר די פּאָלאַקן, וואָס האָבן אין געטאָ א סך אונטערנעמונגען, נאָך אַ שווערערע. די זיכערהייטס־פראַגע איז אויך דער וואַלווקע געלעזט געוואָרן אויף א פשוטן אופן: אין א דאָרטיקן קאַפע זיצט אן אשכנז אין א מונדיר. ער באַקומט 100 זל. א טאָג און דערפאַר איז ער מחויב אין יעדן פאל פון רויב תיכף צו העלפן. א גרויסער קלאַפּ פאַר דער ייד[ישער] באַפעלקערונג איז דער פאקט, אַז אין פראגע טאָרן יידן נישט אַרויסגיין נאָך 7 א זייגער.

דער היינטיקער טאָג זונטיק דעם 13 אָקט[אָבער] האָט געמאַכט א מאָדנעם איינדרוק. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז 104 טויזנט יידן פון דרום און פון פראגע מוזן פאַרלאָזן זייערע היימען און זיך איבערטראָגן אין יידישן געטאָ. אַלע פאָרשטעט זענען אויסגעליידיקט געוואָרן פון יידן. 140 טויזנט קריסטן דאַרפן פאַרלאָזן דאָס געטאָ. די פראגע פון קריסטלעכע אונטערנעמונגען אין ייד[ישן] געטאָ איז נאָך נישט אויפגעקלערט. מען האָט היינט א גאַנצן טאָג געפירט מעבל. די קהלה איז געווען באַלאַגערט דורך הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט געוואָר ווערן, וועלכע גאַסן עס נעמט אַרום דאָס געטאָ. מען זאָגט, אַז אַ גרופּע אַסימילירטע לערער איז געגאַנגען זוכן יושר ביי די פּוילישע אינספּעקטאָרן, הלמאי די יידן ווילן איינפירן יידיש אין די פאָלקסשולן.

די טרעגער נוצן אויס יעדע סומאטאָכע אויף צו פאַרדינען. בעת מען האָט פאַרמאַכט דאָס הויז דזשעלנע 31 האָבן זיי איבערגעוואָרפן די זאַכן איבער א פּלויט, דאַן האָבן די טרעגער פאַרמאַכט דעם טויער און פאַרלאַנגט פון יעדן פּעקל צו 2—3 זל. דאָס אַריבערטראָגן די יידן פון די פאָרשטעט ווי אויך פון דער אָרעמער פראגע באַטייט פאַר זיי א פולשטענדיקע רואין, זיי וועלן אַפילו נישט האָבן קיין געלט אויף איבערזידלונג. מיט די קריסטלעכע דינסטן האָבן א טייל גרויסע צרות... מען קען זיי נישט אָפּזאָגן אָן דעם אַרבעטסאַמט, טוען זיי וואָס [זיי] ווילן. געווען פאלן, אַז זיי האָבן אָנגעטון די זאַכן פון די בעלי־הביתטעס. די קריסטן פון פּאָווישלע, וואָס באַשטייען פון פּיאסקאַזשעס, זאָגן אַז זיי וועלן זיך נישט רירן פון אָרט, אַפילו בלוט זאָל זיך גיסן. דער היינטיקער טאָג איז געווען א מאויםדיקער. דאָס בילד פון יידן וואָס פירן איבער זייערע בעבעכעס, האָט געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק. מען האָט געפירט מעבל, הגם עס איז [געווען] פאַרבאָטן די יידן אַרויסצופירן זייער מעבל. געווען פאַלן ווען מען האָט פאַרהאַלטן די פורן מיט מעבל און עס צוגענומען. אין וואַרטעגוי [403א]. איז פאַראַיאָרן פאָרגעקומען אַזאַ פאַל: מען האָט געהייסן אַן עדה יידן פאַרשיטן דעם ראש הקהלה אָדער דעם רב פון שטעטל. ווען עס האָט געהאַלטן ביים האַלדז. האָבן יענע דערקלערט, אַז דאָס איז א וויץ. דער ייד האָט אָפּגעטרייסלט די ערד און א זאָג געטון: איך האָב זיי אין דער ערד. געהערט ווען א

[403א]) מערב־טייל פון פוילן, וואָס איז איינגעגלידערט געוואָרן אין דייטשישן רייך.

דראָונג מצד יענע, אַז אויב עס וועט זיך פאַרשפּרייטן דער טיפוס, וועט מען פאַרמאַכן דאָס געטאָ.

די קהלה האָט דערקלערט אַ ווערבירונג פון 1000 ייד[ישע] פּאָליציאַנטן. דערווײַלע וועלן זיי דערפילן זייערע פונקציעס ערנאַמטלעך. די פּוילשטענדיקע אומבאַהאָלפנקייט פון דער קהלה. מיט אַ צוויי וואָכן צוריק האָבן אים[404] די 24 ראַדצעס גראַטולירט צוליב זײַן נצחון: דאָס אָפּשלאָגן דאָס געטאָ. נאָך פּרייטיק, ד. ה. אַ טאָג פאַר דער גזרה האָט מען אין דער קהלה דערקלערט, אַז אַזאַ סכנה איז נישט פאַראַן. אַ טייל קריסטלעכע בעליבתים אין פּראַגע לאָזן נישט אַרויסנעמען קיין זאַכן און אָפּצאָלן דירה־געלט פאַר אָקטאָבער. אַנדערע לאָזן גאָרנישט אַרויסנעמען. „וועסאָלי קאָנציק"[405] הייסט די זײַט אין די פּייפּערס וועגן דער מאַרמעלאַדע. אין אַ הויז אויף ציעפּלאַ האָבן ס. ס. לײַט אַרויסגענומען מעבל, אַנטקעגן האָט געזונגען און געשפּילט אַ יידישע טרופּע. זיי האָבן געהייסן שפּילן אַ וואַלץ און געטאַנצט אינמיטן גאַס. יידישע דורכגייער גוט געקליידעט האָבן זיי געהייסן געבן 5 זל. אָרעמע 10 גראָשן און מער.

געכאַפּט איניקע פּרויען, זיי אַריינגעפירט אין קעלער. דאָרט זיי געהייסן צופּן פעדערן, נאָך דער אַרבעט אויסגעטון נאַקעט און געגעבן צו 30 קלעפּ. לויטן נײַעם געזעץ פון ד"ר פישער, גובערנאַטאָר, מעגן פּאָלאַקן בלײַבן אין דײַטשן שטאָטפּערטל, אָבער זיי טאָרן זיך דאָרט נישט אַרײַנציען[406]. עס איז אַ מורא, אַז די פּאָלאַקן וועלן זיך פון ייד[ישן] קוואַרטאַל נישט אַרויסציען. דאָס אַרויסציען זיך פון פּוילישן קוואַרטאַל איז פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. אַ טייל קריסטן זאָגן, אַז זיי וועלן זיך נישט אַרויסציען. זיי וועלן אונטערצינדן די הײַזער פאַרן אַרויסציען זיך. פון טשענסטאָכאָוו אַרויסגעטריבן די יידן אין אַ געגנט לעבן בית־עולם, ווו עס קאָן וווינען זייער אַ קלײנער טייל. אין אָטוואָצק דערווײַלע אָפּגעלייגט דאָס אויספירן פון געטאָ[407] — —

היינט האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז עס וועט נישט זײַן קיין קראַנקן־קאַסע. מען רעדט וועגן אַ ייד[ישע] זיטן־פּאָליציי אין וואַרשע. די גאַנצע שטאָט איז אויסגעקלעפּט מיט ווײַסע צעטלעך וועגן טוישן דירות פון יידן און קריסטן. לעבן דעם קוואַרטיר־ביוראָ פון דער קהלה איז די וואַנט ווײַס. די פּאָלאַקן מאַכן פאַרשיידענע קונצן, כדי צו פאַרגרעסערן די צאָל הײַזער פון פּוי[לישן] קוואַרטאַל. אַזוי למשל, פאַרמויערט מען די טויערן פון הײַזער, ווען זיי גייען אַרויס אין ייד[ישער] געגנט און מ'לאָזט איבער נאָר דעם טויער אין פּויל[ישן] טייל. ביי דעם פּויל[ישן] המון איז

---

404) טשערניאַקאָוו.

405) „פרײלעך ווינקל" — באַצייכנט די זײַט אין די צײַטונגען, ווו ס'זענען געדרוקט די נעקראָלאָגן נאָך די געפאַלענע דײַטשע זעלנער.

406) לודוויק פישער — דער גובערנאַטאָר פון וואַרשעווער דיסטריקט.

407) אַדורכגעלאָזן עטלעכע אומלעזבאַרע שורות.

פאַרשפּרייט א קלאַנג, אַז די יידן האָבן צונויפגעזאמלט 5 מיליאָן זל. און געגעבן יענע, כדי עס זאָל געגעבן ווערן די יידן אָ גרעסערער פּלאַץ, ברייטע גאַסן וכדומה. באַזונדערס שווער איז דער מצב פון די יידן אין דייטשן טייל, ווייל זיי האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו טוישן זיך מיט די וווינונגען. אַ טייל פּאָלאַקן קלויבן זיך אויס ייד[ישע] וווינונגען און קומען מיט רעקווזיציע־באַפעלן פון מאַגיסטראַט. אַזוי אַרום נעמט [מען] ביי די דאָזיקע יידן צו דאָס רעכט פון טוישן זיך מיט וווינונגען מיט קריסטן. אין פּרושקאָוו איז געמאַכט געוואָרן א געטאָ[408]. א טייל יידן עפענען נישט, ווען עס קומען יענע. איינער געדאַוונט און געהאַלטן אין מיטן שמונה־עשרה. נישט געוואָלט מפסיק זיין אינצווישן, זענען זיי נישט דערוואַרטנדיק זיך אַרויס. וועגן ברענער[409]: וואָס האָט מען דאָרט גערעדט: „בעניטאָ־זביטאָ, אוי, אַדאָלף, מען דאַרף א הילף, אוי דוטשע פּוטשע, מיר זענען קאַפּוטשע, הייל ה[יטלע]ר, איך זוך א פאַרמיטלער. און אויב אַזוי מ[וסאָלינ]י ביסט א גרויסער שווינִיע, האָסט צו מיר א טענה, גיי צו טשיאַנאָ, אוי, אוי, דאָס האָט אָנגעמאַכט ריב[ענטראָ]פּ א קללה אויף זיין קאָפּ".

20 אָקטאָבער 1940

— — ווי איבערגענומען דעם דינסט. — — [410] זיי רעגולירן די באַוועגונג אין די גאַסן. אויף קאַרמעליצקא האָבן זיי איינגעפירט א גוטע אָרדנונג. זיי זיצן שוין אין די קאָמיסאַריאַטן, דערווייַלע דיזשורירט נאָך דאָרט די פּויל[ישע] פּאָליציי. דעם 31 ד. ח. גייען זיי אַרויס. מען זאָגט, אַז די נאַכט האָט מען אויף כלאָדנאַ אַריבערגעפירט אַ גרויסן טראַנספּאָרט צוקער. די ביידע שומרים האָבן באַקומען חמשה אלפים. נישט געקוקט דערויף וואָס די אשכנזים מוזן האָבן פּשעפּוסטקעס ביים אַריינגיין אין געטאָ, האָט מע היינט ווייטער געראַבט אין אַ טייל גאַסן און צוגענומען בעטגעוואַנט — — וכדומה. לאַנגע רייען פון מענטשן שטייען פאַר די אַפּטייקן, וועלכע ווערן פּשוט אויסגעקויפט. אויך די הייף קויפן איין גרויסע סכומים... דער גרויסער מאַנגל אין מעדיקאַמענטן אין לאָדזשער געטאָ, ווו פאַר א לעפל ריצין האָט מען געצאָלט א סך געלט בעת דער דיזינטעריע.

די לאָדזשער, אָנגעלערנט דורך דעם געטאָ, האָבן איינגעקויפט באַזונדערס גרויסע סכומים פּראָדוקטן. שטאָט קוילן קויפט מען איין מאסנווייז האָלץ.

היינט געווען אַ געמיינער אַרטיקל אין דער פּוי[לישער] שמאַטע[411] וועגן די שיבערס, שמוגלערס, שבת־גויים, וואָס ברענגען פּראָדוקטן פאַר

---

408) דאָס געטאָ אין פּרושקאָוו איז פאַרמאַכט געוואָרן דעם 25 יאַנואַר 1941.

409) אין ברענער איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענטרעף פון היטלערן מיט מוסאָלינין.

410) עס רעדט זיך וועגן דער יידישער פּאָליציי אין וואַרשע.

411) פּוילישע טאָג־אויסגאַבע פון דייטשן פּראָפּאַגאַנדע־אַמט „נאָווי קוריער וואַרשאַווסקי".

יידן אין געטאָ. עס ווערט געבראַכט א סעריע פאָטאָגראַפיעס פון די פּערזאָנען.

געהערט וועגן דער גרופּע, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן קיין פּולאווו אונטער ייד[ישער] לייטונג, אַז די באַדינגונגען זענען דאָרט גוטע. פאַרדינען 3.20, דערפון 1.20 אויף אויסהאַלטונג, דעם רעשט פאַר דער פאַמיליע. וווינען אין שטיינערנע קאסערנעס, די דירות געווען ווארעם, אויפגענומען מיט א פרישטיק. איבערגעשיקט די יידן פון הענריקאָוו און שכנותדיקע שטעטלעך אויף לאַנדווירטשאַפט, דאָס זעלבע אין ראַדאָמסקער געגנט. — דער עולם וויל גיין אויף אַרבעט אויף אַקענטשיצע. מען קויפט זיך אויף צוריקוועגס א פאַר ברויט און פאַרדינט זיך א ביסל געלט. דער צדיק מן הגויים [412] אויסגעזידלט דעם פויל[ישן] פאָליציי־קאָמענדאַנט פון גראָכאָוו פאַר איינזעצן אין תפיסה די חלוצים. געמאַכט אים פערזענלעך פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר דעם אַנרירן א האָר פון די זאכן. געבראַכט פאַר זיי א האָ־לענדישע קו. גרויסער סענטימענט פאַר יידן, [וואָס אַרבעטן] אויף [דער] ערד. די שטרעבונג פון דער קהלה איז נישט צו שאַפן אן אייגענעם באַשפייזונגס־אַפּאַראַט, נאָר דער מאַגיסטראַט זאָל זיך דערמיט ווייטער באַשעפטיקן. דאָס געפינט א פאַרשטענדעניש ביי די פּאָלאַקן. זייער ראש האָט צוגעזאָגט צו העלפן אין דער פראַגע. יאַנוש קאָרטשאַק אַרעסטירט פאַר נישט טראָגן א בינדע [413]. היינט האָבן די אשכנזים דערקלערט, אַז מען וועט נישט אַריינלאָזן אין געטאָ קיין קאַרטאָפל, ווייל די יידן האָבן געמאַכט גרויסע זאַפּאַסן. זיי וועלן ערשט שפּעטער באַקומען.

20 אָקטאָבער 1940

א יידישער מיטגליד האָט אים א פרעג געטון אפשר איז דאָס געווען בלויז טראַנזיט. היינט אַריינגעפירט א פור מיט זאמד, אונטערן זאַמד חזיר־פלייש. פון איצט אָן אונטערליגט די ייד[ישע] קהלה שיינען ביי דעם אומזידלונגס אַמט [414].

מען זאָגט, אַז דאָס אונטערשרייבן דאָס שאַפן דאָס געטאָ איז פאַרגעקו־מען אין דעם רעסטאָראַן „פאַד באַקכוסעם". פאַרטאָג שיכורהייט האָט מען באַשטימט די וואכן, וואָס זאָלן נישט אַרויסלאָזן קיין יידן פון געטאָ. אין קראָקע טאָרן קיין יידן נישט אַרויספאָרן אָן א דערלויבעניש. די וואָס זיינען

412) א דייטש, וואָס האָט זיך גוט באַצויגן צו די יידן; געאַרבעט אויפן געביט פון גראָכאָוו; א קעגנער פון היטלעריזם.

413) יאַנוש קאָרטשאַק (ד"ר הענריק גאָלדשמידט) (1878 — 1942). באַ־קאַנטער פּעדאַגאָג און שרייבער איז אַרעסטירט געוואָרן אין האַרבסט 1940 פאַר אָפּזאָגן צו טראָגן די אָרעם־בינדע מיטן מגן־דוד.

414) וואַלדעמאַר שעין (Schöhn), געב. 1904. איז געווען דער לייטער פון אומזידלונגס־אָפּטיילונג און אַמט פון גובערנאַטאָר פון וואַרשעווער דיסט־ריקט.

דאָרט מוזן האָבן אויסווייזן און די איבעריקע צווישן 15 און 50 יאָר וועלן אַרויסגעשיקט ווערן אין די לאַגערן.

היינט דעם 20 אָקט[אָבער] זיינען פֿאַרשפּרייט געוואָרן קלאַנגען, אַז אין מעגאַפּאָן זיינען געווען ידיעות וועגן א סורפּריז פֿאַר ייִדן אין שבתדיקן טאָג. עס זיינען פֿאַראַן פֿאָלגענדע השערות וועגן דעם: אדמ.[?] געלט, גאַז 4 מאָל א טאָג, עלעקטריע ביז 9 אין אָוונט וכדומה. דער שמוגל גייט ווייטער, באַזונדערס אויפֿן בית־עולם. די קינדער טוען אויך אַריבערלויפֿן די גרענעץ און קויפֿן פּראָדוקטן אויף יענער זייט. אין מיטן טאָג האָט מען אין גאַס אַריינפֿירן אַ וואָגן מיט צוקער, באַטירלעך פֿאַר ממתקים. מען האָט אויפֿן בית־עולם אַריינגעשמוגעלט אויך קי. מען רעדט געשמאַק וועגן א טראַנס־פּער פֿון יענער זייט אין געטאָ.

היינט האָט מען ווידער גענומען מעבל אין ייִד[ישע] הייזער, אָבער די רוויבערייען האָבן דערווייל אויפֿגעהערט. מען שטעלט שוין נישט אַריין ייִדן קיין טעלעפֿאָנען און די שוין פֿאַראַנענע ווערט מען אַראָפּנעמען. עס זיינען ייִדן פֿון לודוויסין, הענריקאָוו (לעבן וואַרשע) אַרויסגעשיקט געוואָרן אין א דאָרף אויף לאַנדווירט. מען קלערט איצט איבער א פּראָיעקט איינצופֿירן די צוכט פֿון דער אַלט־ייִדישער חיה־קאָזע. דאָס שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיטן פֿולשטענדיקן מאַנגל פֿון מילך. מען פֿירט דערווייל נישט אַרויס דאָס מיסט פֿון געטאָ, דעריבער באַפֿוילן די הויז־קאָמיטעטן צו פֿאַרברענען עס. מען זאָגט, אַז פּערזאָנען, וועלכע באַקומען רעקווירזיציע באַפֿעלן פֿון דער קהלה, קאָנען זיך באַפֿרייען דערפֿון פֿאַר א נדבה פֿון 100 זל. און מער. אסך וואַר־שטאַטן און אונטערנעמונגען געבליבן אין פּראַגע פֿאַרזיגלט. מען האָט גע־מיינט, אַז מען וועט קענען אהינקומען, דערווייל האָט מען פּלוצים אַלע פֿאַרטריבן בימי הגעטאָ. עס איז געפֿאָרן מאַלאָטאָוו[415]. און צוריק געקומען „מאַלאַ־טוב". עס איז [?] קומען ווידער אַן בריוו וועגן דעם קומען פֿון יענע.

23, 24 אָקטאָבער 1940

היינט דעם 23 אָקט[אָבער] איז ווידער געווען דורכן מעגאַפּאָן א ידיעה, אַז וואָליצוּוו און צעגלאַנא זענען אָפּגעפֿאַלן און גלייכצייטיק איז אָפּגעלייקנט געוואָרן די ידיעה, אַז מען וועט פֿאַרלענגערן דעם טערמין אויפֿן נאָכן 31 אָקט[אָבער], ד. ה. ביזן 15 נאָוו[עמבער]. די מענטשן גייען אַרום משוגענע, ווייל מען ווייסט נישט וווּהין מען זאָל זיך ציען. קיין שום גאַס איז שוין נישט זיכער, ווייל אומעטום איז דאָ עפּעס, וואָס שטעלט אין געפֿאַר די גאַס. אויף צעגלאַנא איז דאָ אולריכס פֿאַבריק, וואָס האָט דעצידירט, אַז די גאַס זאָל אַרויספֿאַלן פֿון געטאָ. מען זאָגט, אַז דער ראש פֿון אומזידלונגסאַמט איז שוין, וואָס איז באַקאַנט פֿון דעם אָרגאַניזירן דאָס לאָדזשער געטאָ[416]. מען האָט מורא, אַז עס זאָל זיך נישט איבערחזרן אין וואַרשע דאָס זעלבע,

---

415) סאָוועטישער אויסערן־מיניסטער.

416) ווי עס איז היינט באַוווּסט, האָט שוין נישט אָרגאַניזירט דעם לאָדזשער געטאָ, ער האָט בלויז שטודירט דעם אופֿן פֿון זיין אַנטשטיין און אָרגאַניזאַציע,

וואָס אין לאָדזש. היינט האָט וואָלסקא אַריינגעשיקט אירע קינדער נאַקעטע און באָרוועסע אויף טלאָמאצקי 5[417]. דאָס האָט געזאָלט זיין א דעמאָנסטראַציע קעגן דער קהלה, אָבער דאָרט האָט מען זיי פאַרטריבן, האָבן זיי פאַרקירעוועט דעם וואָגן. א שוידערלעכע אומזיכערקייט האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט. מען ווייסט נישט, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָבן זיך קריסטן אַריינגעריסן אויף זשעלאַזנע 43 [49 ?] און מיט געוואַלט פאַרנומען ייד[ישע] וווינונגען. זיי האָבן אויפגעהאַנגען א צלם און געזאָגט: „פּרוווט דאָס רירן". ווען עס איז מיט עטלעכע טעג צוריק באַוווּסט געוואָרן, אַז זשעלאַזנע מיט די אַלע שכנותדיקע גאַסן: לוצקא, ווראָניא סוף שליסקא, פּאַנסקא א.א. פאַלן אָפּ, איז די פּאַרצווייפלונג געווען אין לשער. יידן האָבן געזאָגט: בעסער לאָז מען אונדז אויססמען מיט גאַזן איידער אַזוי מאַטערן. אין יענע גאַסן האָבן זיך געהאַט אַריבערגעצויגן איבער 7 טויזנט יידן פון די שכנותדיקע גאַסן ווי אויך פון פּראַגע. דאָ זענען געווען קליינע וווינונגען, מיט וועלכע עס פלעגן זיך טוישן יידן פון פּראַגע. קריסטן, וואָס האָבן זיך איבערגעצויגן אין ייד[ישע] וווינונגען פון דרום, האָבן געטוישט זייערע וווינונגען אויף גרעסערע, דאַקעגן די יידן האָבן פאַרקערט, געטוישט בלויז אויף קלענערע. אויף וואַרעצקא 9 האָט אַן אשכנז בודק געווען וואָס יידן טראָגן אַרויס. יעדעס שטיקל באַזונדער. דאָרט האָט א ייד, וואָס אַרבעט אין קהלה, געבראַכט אַן אשכנז פון די גאַלעען און פאַרן פרייז פון אָנווייזן 40 ייד[ישע] וווינונגען מיט מעבל באַקומען פריי זיין דירה און אויך די מעבל זיינע זענען אַרויסגעפירט געוואָרן מיט דעם וואָגן. — א טייל רייכע יידן האָבן איצט פאַרלוירן אינגאַנצן זייער געלט. למשל בריליאַנטן געקויפט צום פרייז פון 100 טויזנט זל. און איצט ווערט 5 טויזנט. דאָלאַרן צו 250 איצט ווערט 30 זל. האַבערבוש[418], זאָגט מען, האָט באַקומען בלומען פאַר אָפּראַטעווען פאַר די קריסטן א טייל גאַסן, ער זאָל האָבן אינטערווענירט אין בערלין. מיט עטלעכע טעג צוריק איז אויפגעשוומען א פּראָיעקט צו פאַרנעמען מילנא און דורכדעם האָבן א וועג צום עוואַנגעלישן שפּיטאָל. מען האָט אַדורכגעפירט אַ בליק־ציילונג פון די גאַסן. עלעקטאָראַלנאַ 1 און 3 אויסגעשלאָסן פון געטאָ. פאַרמויערט דעם אויסגאַנג אויף עלעקטאָראַלנאַ, געעפנט אויף פשעכאָדניאַ, וואָס געהערט נישט צום געטאָ. די ייד[ישע] באַפעלקערונג האָט מיט א גרעסערן שוידער אויפגענומען די מעשה זשעלאַזנע (30 טויזנט יידן) ווי דאָס געטאָ, ווייל צו דעם איז מען שוין געווען צוגעוווינט. די הייזער פון גראַניטשנאַ זענען פאַרמוי־

כדי איבערצוטראָגן אויפן וואַרשעווער געביט געוויסע מעטאָדן ביים איינשטעלן דעם וואַרשעווער געטאָ.

417) אויף וואָלסקע איז געווען אַ יתומים־הויז, אויף טלאָמאַצקע 5 איז געווען די געזעלשאַפט פאַר יידישער אַלייןהילף. היינט איז דאָ דער ייד. היסטאָרישער אינסטיטוט.

418) באַקאַנטער אייגנטימער פון דער גרעסטער ביר־ברויעריי אין פוילן (האַבערבוש און שילע).

ערט געוואָרן פון דעם זייט און געעפנט אַן אויסגאַנג אויף סקוזשאַנאַ, אָבער [געראַטעוועט די] מיט הייזער פּאָרן געטאָ.

אין די ייד[ישע] טראַמווייען איז א שרעקלעכע ענגשאַפט און אויך נישט איבעריק ריין. עס איז פּשוט פריקרע צו פאָרן מיט אַזאַ טראַמוויי. גלחים זאַמלען אין אַלע גאַסן אונטערשריפטן, אַז מען זאָל געמישטע גאַסן איבערלאָזן אויסערן געטאָ. אַפילו נאָוואָליפּקי, א ריין־ייד[ישע] גאַס, ווערט געפאָדערט אַרויסצונעמען צוליב דעם קלויסטער.

דעם 21 אָקט[אָבער] א פריינט געזען א 20 יידן שטיין אויפן מוראַנאָ־ווער פּלאַץ, הענט אויפגעהויבענע. יענע רוצחים האָבן זיי זיכער געוואָלט באַראַבעווען. נעכטן דעם 22 אָקט[אָבער] האָט א פּאָלאַק אָדער א גרופּע באַנדיטן דערשטאָכן אויף טויט א ייד אויף נאָוואָליפּיע. אין פראַגע זיך דערוווסט, אַז אין יאַנואַר האָט — — פרידמאַן — — זיך איינגעשטעלט פּאָרן רב ביים כאַפּן אים צו אַרבעט און שלאָגן אים. מען האָט אים דער־שאָסן דערפאַר אויפן אָרט. — אויף פּשעביעג האָט מען ביי מיינעם א באַ־קאַנטן 2 אַנשי חייל געפאָדערט 50 זל. אויסלייז־געלט; נישט געהאַט, געפירט אים עטלעכע קילאָמעטער אויסער דער שטאָט און דאָרט אַראָפּגענומען פון אים דעם פּאַלטן. ייד לאַכט פון שלאָף און שרייט הויך, די פרוי וועקט אים אויף. ער איז בייז און פאַרציילט: עס האָט זיך מיר געחלומט אויף די ווענט אויפשריפטן: שלאָג די יידן, בידער מיט דער ריטועלער שחיטה וכדומה. וואָס איז די שמחה? וואָס הייסט? אונדזערע זענען געקומען.

צוויי אַדוואָקאַטן קאָראַל און טיקאָטשינסקי האָבן צוליב דער איבער־זידלונגס־גזרה באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. דער ערשטער איז געווען יוריסט־קאָנסול פון דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדע.

די רעגיסטראַציע פון די וווינונגען דורכגעפירט דורך דער קהלה האָט געווירקט, אַז דער פּאַסעק אויף וווינונגען האָט געפּלאַצט. מענטשן זוכן נאָענטע און באַקאַנטע אויס מורא די קהלה זאָל נישט אַריינזעצן קיין נישט אַנטשפּרעכנדע. מען זאָגט, אַז דאָס לאָדזשער געטאָ ווערט געעפנט. דאָס געטאָ אין קוטנע איז שוין געעפנט [419]. שטאָט פאַר מלחמה: „יידן קיין פּאַלעס־טינע" איז היינט דאָ אַ מגן־דוד אין וואַרשע און די פּאָלאַקן אין א"י.

שוויענטאָיערסקא גאַס איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן א דאַנק דעם ה. צוקערמאַן, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער וואַך און נישט געלאָזט קיינעם זיך רירן פון אָרט — א נישט וואָלט די זאַך געווען א פאַרשפּילטע. געוויינלעך פלעגט מאַסגעבנד זיין די לעצטע ציילונג פון לעצטן טאָג.

„זשידי דאָ פּאַלעסטיני" [420]. היינט איז פּאַלעסטינע אין פּוילן [מגן־דוד]

---

[419]) אין קוטנע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ געטאָ דעם 15 יוני 1940.

[420]) „יידן קיין פּאַלעסטינע" — לאָזונג פּראָפּאַגירט דורך פּוילישע אַנטי־סעמיטן.

און פּאַלאַקן זענען אין א״י. אויף סמאָטשע איז פּייפּער, אויף נאָוואָליפּקי אַ קירך, מילנא שפּיטאָל, הענעבערג כלאָדנא [421].

די שענסטע אינטערנאַטן חרוב געוואָרן אין וואַרשע: קאָרטשאַק — קראָכמאַלנע. זקנים־הויז. 800 ספרי־תורות איבערפירן. די יידן פון די פאַרשטעטע פאַרבונדן מיט די דערפער. און אומבאַשרייבלעכע קאַטאַסטראָפע, ווייל זיי ווערן אָפּגעריסן פון דעם ביז איצטיקן פּרנסה־מקור.

אין טראַמווייַ אַן עולם פון בעטלער און ברודיקע מענטשן — מען פירט איבער אַלע סחורות דורך די טראַמווייען. קלאַנגען, אז אין געטאָ וועט מען פאַרלאַנגען גאָלד און וואַלוטע פאַר פּראָדוקטן.

היינט דעם 24 אָקט[אָבער] איז די צעגלאַנאַ צוריק צוגעטיילט געוואָרן צום געטאָ. עס גייט אלזאָ א טאַנץ אהין און אַהער און קיינער ווייס נישט, ווען דאָס אַלץ וועט זיך ענדיקן. געווען אַזאַ פאַל: איינער געטוישט די דירה פון מאַרשאַלקאָווסקאַ אויף וורשׂאַניאַ. אינצווישן איז באַוווּסט געוואָרן, אַז זשעלאַזנאַ און די שכנותדיקע גאַסן געהערן נישט צום געטאָ, דעריבער געבליבן אין דרויסן, די זאַכן האָט מען אים צוגענומען אינצווישן. די קריסטן פאַרלאַנגען אין א סך פאַלן אָפּטרעטגעלט און באַקומען עס אויך. דער ייד[ישער] שפּיטאָל זאָל איבערלאָזן זיין רייכע איינריכטונג און איבערטראָגן בלויז די קראַנקע. עס איז דאָ א מורא, אז ווען דער פלעק־טיפוס וועט אויסברעכן — און ביי דער געשאַפענער סיטואַציע מוז עס קומען — וועט דאָס געטאָ ווערן געשלאָסן. מען וואַרפט פאַר דער קהלה, אַז זי טוט גאָר נישט. זי איז אינגאַנצן נישט אינפאָרמירט וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר. וועגן אַרויסנעמען זשעלאַזנע האָט זיך די קהלה דערוווּסט פון הילכער. פאַרצווייפלט איז די לאַגע פון די משומדים, וועלכע מוזן זיך איבערציען אין געטאָ.

25, 26, 27, 28, 31 אָקטאָבער 1940

מיינע ליבע!

דער ענין געטאָ שאַפט גרויסע קאָמפּליקאַציעס און שוועריקייטן פאַר ייד[ישע] אונטערנעמונגען, וואָס אַרבעטן אונטער א קריסטלעכן נאָמען. ווי לאַנג די פירמע איז אין געטאָ, האָט ער א מעגלעכקייט פון קאָנטראָל און בלייבט בעל־הבית. מיטן מאָמענט, ווען די פירמע טראָגט זיך איבער, פאַרלירט דער ייד[ישער] בעל־הבית אייגנטלעך זיין גאַנץ פאַרמעגן. „דו ייד[ישער] שווינדלער״ האָט געזאָגט א איש חייל צו א ייד, וועלכער האָט פאַרבאַהאַלטן פאר אים, אַז ער האָט ביי זיך געלט. די מעשה מיט דער

---

421) פּייפּער — אַ גאַרבעריי, הענעבערג — אַ פאַבריק. צוליב די דאָזיקע אָביעקטן און צוליב דער קירך און דעם שפּיטאָל האָט געזאָלט נאָך מער פאַרקלענערט ווערן דער געטאָ־שטח.

פּאַטשעווקע פון סדום־פּראַגע, אַז מען וועט זי איבערקערן וועט זי ווערן סדום.

הייַנט דעם 25־טן אָקטאָבער, שמחת־תורה האָבן יידן פאַרבראַכט ווי אַלע יאָר. מייַנער אַ באַקאַנטער האָט געזען: אַ גרופּע יידן אין זייַדענע קאַפּאָטעס, אומקערנדיק זיך פון די שולן טאַנצנדיק און זינגענדיק אין גאַס. מיט איין וואָרט — מען האָט געפּראַוועט אַ יום־טוב. עס איז נעכטן פאָרגעקומען אַ יידיש־פּויליש קאָנפערענץ מיטן גראַף ראָניקער. דער לעצטער איז אַרויס־געטראָטן קעגן דער טענדענץ פון אַ טייל פּאָליאַקן צו פאַרנעמען אַלץ מער גאַסן פון געטאָ. לויט זייַן מיינונג דאַרף געפירט ווערן אַ בשותפותדיקער קאַמף קעגן דעם געטאָ, אָבער נישט אַ מלחמה פון די צוויי פעלקער: גע־הערט וועגן אַן אָנגעזעעענעם פּאָליאַק, וואָס האָט אויסגעדריקט זייַן אָנטציקן, אַז נאָך יאָרהונדערטער איז מקוים געוואָרן דער חלום וועגן אַ געטאָ. יעדן טאָג ווערן פריש פונאַנדערגעקלעפּט מעלדונגען פון לייט וועגן די גרענעצן פון געטאָ, וועלכעס נעמט אַרום זשעלאַזנאַ א[ון] א[נדערע] גאַסן. מען זאָגט, אַז דאָס איז אַן ענטפער אויף באַמיאונגען פון די גאַלעען צו פאַרקלענערן דאָס געטאָ. לייסט דערקלערט, אַז ער וועט זיך נישט לאָזן טעראָריזירן דורך דער פויל[ישער] באַפעלקערונג. אויף לוצקע געווען פאַלן, אַז פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך פאַרמיטאָג אַרויסגעצויגן, זענען נאָכמיטאָג גע־קומען נאָך דער מעלדונג פון מעגאַפּאָנען און פאַרטריבן די יידן פון די די־רות. צונעמענדיק גלייַכצייַטיק די זאַכן. דורכן מעגאַפּאָן איז נעכטן געפירט געוואָרן אַ העצע קעגן די יידן: זיי זענען די מגפה, וואָס דאַרף אויסגעוואָרצלט ווערן. עס מערן זיך כסדר פאַלן פון שלאָגן פאַר נישט גריסן, דעריבער איז אַלץ אָפטער דאָס גריסן. איצט קאָן מען שוין נישט גיין מיט אַ בלויזן קאָפּ ווי פריער. אויף אַן אָרט געווען אַ פאַרזאַמלונג. נאָך דער פאַרזאַמלונג גע־שטאַנען אַן אויטאָ און געכאַפּט צו דער אַרבעט. איינער געשטעלט זיך בראש, אויסגעשטעלט דעם עולם אין 4 רייען און אַרויסגעפירט בשלום פון דער געפאַר. געהערט פאָלגענדיקע אמתדיקע מעשה: געכאַפּט 200 יידן צו דער אַרבעט, יעדער באַקומען אַ נומער, געהייסן וואַרטן ביים באַן, דאָרט אָנגעקו־מען 200 פאַמיליעס קיין וואַרשע[422]. יעדע פאַמיליע געהאַט אַ נומער. דער ייד אָפּגעפירט די גרופּע אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס און דאָרט געווען אַן איינגעהייצטע וווינונג מיט אַן אָנגעגרייט ברויט אויפן טיש. עס קומען ידיעות פון פּראָווינץ וועגן איינפירן דאָרט געטאָס. פון סאָקאָלאָוו איבערגעפירט די יידן קיין ווענגראָוו[423]. פון טאָמאַשאָוו[424] טרייבט מען אַרויס כסדר צו עט־לעכע הונדערט יידן. דאָרט ווו יידן אַרבעטן — פאַראַן צוויי גרופּן יידן:

---

422) וואַרשעווילער פון אשכנז.

423) פון סאָקאָלאָוו־פּאָדל. האָט מען זייט אָקטאָבער 1940 איבערזידלט יידן, ס׳רוב גולים, קיין ווענגראָוו.

424) דאָס איז נוגע טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק, פון וועלכן מען האָט אין אָק־טאָבער 1941 אַרויסגעשיקט עטלעכע הונדערט יידן.

אייגענע, וועלכע ווערן גוט באַהאַנדלט און פרישע, וואָס ווערן געשלאָגן (שוץ־יידן).

היינט, דעם 26־טן אָקטאָבער זיינען ווידער געווען קלאַנגען, אַז טייל זשעלאַזנע גייט צוריק צום געטאָ, כדי עס זאָל זיין א פאַרבינדונג צווישן געטאָס[425]. עס איז אויסגעגאַנגען אין אויטאָ בענזין, האָט מען געהייסן אַ גרופּע יידן שלעפּן דעם וואָגן. געשטאַנען אַן איש חיל און געהייסן אַלעמען אַראָפּנעמען דעם הוט. אַדורכגעפאָרן אַ ייד מיט אַ וועגעלע, געהאַט צו אים טענות, הלמאי ער נעמט נישט אַראָפּ דאָס היטל. געפרעגט א ייד דעם וועג, דער ייד האָט פאַרלוירן בשעת דער מלחמה זיין גאַנצע פאַמיליע [פון] 9 פּערזאָן, געשלעפּט אים 15 קילאָמעטער הינטער דער שטאָט, דאָרט אים אַרויסגעזעצט און געלאַכט. עס גייט א מאַסנהאַפטעס אויפקויפן פון פאַרשיידענע קעגנשטאַנדן פאַר לאָדזש. די פאַרמיטלער זיינען יידן. ווען אַ ייד האָט זיך געבעטן, מען זאָל אים עפּעס איבערלאָזן פון זיינע זאכן, האָט מען אים געענטפערט: ווען ענגלאַנד וועט זיגן — וועסטו אַלץ צוריק באַקומען. אין א סך הייזער זיינען געמאַכט געוואָרן סוכות אויפן דאַך, באַלקאָן, הייף א. א. וו. מער נישט, מען האָט דעם פּזשאָדאָווניק געגעבן 10 זל. מען האָט אומעטום געטאַנצט און געזונגען פּונקט ווי קיין מלחמה וואָלט נישט געווען. מען האָט דרייסיק יידן געכאַפּט צו דער אַרבעט פון בית־מדרש. געהערט, אז א טייל משומדים בלייבן אויסערן געטאָ. זיי קענען ביי זיך נישט פועלן איבערציען זיך אַהער. איינציקע יידן באַקומען פאר מעות דאָס רעכט צו וווינען ביזן ערשטן יאַנואר אויסערן געטאָ. א גרויסע מהומה איז היינט געווען צוליב דעם, וואָס א גלח האָט געהאַלטן א דרשה אין קלויסטער און געהייסן די קריסטן פון לעשנאָ נישט צו רירן זיך פון אָרט, כדי דערמיט צו פאַרהאַלטן לעשנאָ פאר די קריסטן. ער זאָל אויך האָבן פאַרשפּרייט פלוגבלעטלעך וועגן דעם. עס איז פאַרשטענדלעך, וואָס פאַראַ אומרואיקייט עס האָט באַהערשט די ייד[ישע] באַפעלקערונג, ווען מען ווייס נישט ביז היינט, ווּהין מען קען זיך ציען. דער אַלטער גערגעפּ[426] קומט יעדן טאָג אין זיין מיליאָניקן ביורא, הגם ער האָט גאָרנישט דאָרט צו טון. ער וויל דערמיט אויסדריקן זיין פּראָטעסט קעגן דעם צונעמען אים זיין פאַרמעגן. זיין קומען אהין אַליין איז פאַר זיך גענוג, כדי דערמיט אונטערצושטרייכן דעם שטומען פּראָטעסט. ער גייט אָבער נישט פון פאָרנט, ווייל דאָרט באַקומט מען אַמאָל קלעפּ פון יענע, נאָר דורך דער הינטערטיר. די פּוילישע דינערשאַפט זאָגט אים אָבער „גוט מאָרגן".

היינט דעם 27־טן אָקט[אָבער] זיינען אין פּראגע אַרומגעגאַנגען פּויל[ישע] פּאָליציאַנטן און געמאָלדן, אַז די יידן, וואָס וועלן זיך נאָכן 31

425) פּאַקטיש איז אַ טייל זשעלאַזנע־גאַס איינגעשלאָסן געוואָרן אין געטאָ. אַ בריק איבער דער כלאָדנע־גאַס האָט פאַרבונדן ביידע געטאָס.

426) אברהם געפּנער, באַקאַנטער יידישער אינדוסטריעלער אין וואַרשע, געזעלשאַפטלעכער טוער. בעת דער אָקופּאַציע געווען דער לייטער פון דעם פאַרזאָרגונגס־אַנשטאַלט.

אָקט[אָבער] געפינען אין פּראַגע, וועלן דערשאָסן ווערן. דאָס האָט אַרויס־גערופן זייער אַ גרויסע פּאַניק אין שטאָט. געהערט פון איינעם, וואָס איז געקומען פון טשענסטאָכאָוו, אַז דאָרט ביי דער אַרבעט געלאָזט איינזעצן יידן און דאָרט מיט זיי געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן דער הויך פון קאָנטריבוציע (300 טויזנט זל.), וואָס זיי מאָנען איין.

היינט, דעם 28 אָקט[אָבער] [427] איז אַרויסגעשפּרונגען אַ נייע מעשה: טייל ציעפּלאַ, ווו עס געפינען זיך פּאָליציי־קאַמערן, ווערט אַרויסגענומען פונם געטאָ, פאַרשטענדלעך, אַז דאָס ברענגט צום וווקס פון נישט זיכער־קייט. היינט איז קלאָר געוואָרן, אַז די איבערזידלונגס־אַקציע ווערט פאַרלענגערט ביזן 15־טן נאָוועמבער. דאָס אַראָפּנעמען די היט ווער'ט ממש אַ צוואַנג, פון וועלכן עס איז נישט מעגלעך זיך אַרויסצודרייען. דער, וואָס מאַכט דאָס שלעכט, דעם הייסט מען דעפּילירן און אַראָפּנעמען דעם הוט. היינט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ביים אַרויסגיין אויסערן געטאָ וועט מען דאַרפן האָבן אַ פּשעפּוסטקע.

היינט, דעם 31 אָקט[אָבער] ווידער אַ נייעס: אָפיציעל פאַרלענגערט דאָס איינפירן דאָס געטאָ ביזן 15־טן נאָוועמבער, גלייכצייטיק זיינען צוגעגעבן געוואָרן די גאַסן: לעשנאָ, וואָראַניאַ, זשעלאַזנאַ־גזשיבאָווסקאַ.

אין איש־חייל געקומען אין קהלה, ער וויל נישט רעקווירירן די דירה, כל זמן ער וועט נישט באַקומען קיין דירה פאַר דער ייד[ישער] דענטיסטקע, וועמענס וווינונג ער פאַרנעמט. געהערט אַ סך מעשיות ווי אַזוי פאָלקן געפּאַסקעוועט מיט יידן בנוגע דירות. פאַרלאַנגט אָפּטרעט־געלט, אונטערשייד פון דירה־געלד: איבערפירן די זאַכן, רעמאָנט וכדומה. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז 70—80 טויזנט יידן האָבן זיך איבערגעצויגן אין געטאָ. די איילקי'ט דערקלערט זיך צוליב דער מעשה לאָדזש פון פאַריאָרן. מיט אַ צוויי טעג צוריק אַ שרעקלעכער אַרטיקל אין „ליצמאַנשטאַטער צייטונג". די יידן האָבן געגנבהט אין לאָדזש, מיר וועלן זיי נישט אַרויסלאָזן, ביז וואַנען זיי וועלן נישט אומקערן אַלץ, וואָס זיי האָבן צוגענומען. זיי וועלן בויען די אויטאָ־סטראַדע פראַנקפורט־לאָדזש. אַלע מענער, נאָר פון מענלעכן געשלעכט, אין נישט אין מאַי, נאָר אין יאַנואַר און אויך פרויען וועלן דערביי זיין באַ־שעפטיקט.

היינט איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג וועגן דעם, אַז יידן, וואָס ווילן פאָרן מיט דעם טראַמוויי, מוזן אויסקויפן אַ לעגיטימאַציע פאַר 5 זל. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז קעגן דעם געטאָ אין וו[אַרשע] זיינען לייסט, דער דיסטריקט, גאַלעען [428], פאַר — די פאַרטיי און זי האָט געזיגט. יידן טאָרן נישט קויפן קיין סעריעס פון נייע מאַרקעס פאַר פילאַטעליסטן.

---

427) נישט קלאָר אין אָריגינאַל 25 צי 28.

428) געמיינט די פּאָליציי (לייסט), דעם אַדמיניסטראַציע־שעף (דיסטריקט) און געסטאַפּאָ (גאַלען).

1 נאָוועמבער 1940

מײַנע ליבע!

דאָס געטאָ רופֿט מען אין װאַרשע „מיאַסטאָ־אָגרוד טשערניאַקאָװאַ“[429]. די פּרנסה פֿון דעם מושל איבער דינאַסי באַשטייט אין דעם, אַז די געכאַפּטע ייִדן מוזן ברענגען מתּנות װי אַנציגע — — א. א. זאַכן, ער האָט דערפֿון אַ זייער שיינע פּרנסה. מאָזעס (מישלאָגורסקי[430]) אַ ייִד פֿון קאַלאַ, װערט באַצאָלט פֿון דער קהלה. קלעפּ באַקומט פֿון אים בכבודו ובעצמו. געקומען אַ גרופּע געװעזענע קריגסגעפֿאַנגענע און פֿאַרלאַנגט מאַנטלען, דראָענדיק מיט ס. ס. בײַ װעלכע זיי אַרבעטן. בלאָקירט צװיי מיטאַרבעטער. יענע װאָך אַ משומד באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. געשפּרעך מיט אַ ראש פֿון דינאַסן, ער װייסט, אַז די ייִדן זײַנען אַן אומגליקלעך פֿאָלק און האָט מיט זיי מיטלייד. אין ענגלאַנד און אַמעריקע זײַנען דאָ אײַנצעלנע ייִדן שלעכטע, אָבער דער כּהן גדול װייס װאָס ער טוט. ער קען ייִדן פֿון אַשכּנז אָרנטלעכע, גוטע מענטשן, ער האָט צו זיי גאָרנישט. װי נאָר דערזען אַ צװייטן איש חיל, זיך גלײַך אָפּגעטראָגן. אַן ענלעך געשפּרעך: אײַער גליק איז, װאָס מיר זײַנען אַ קולטורעל פֿאָלק, אַ נישט װאָלט געװען ביטער פֿאַר ייִדן בײַ דער אײַנשטעלונג צו זיי. אױף לעשנאָ געהאַלטן אַ רעדע און געזאָגט: „איר װייסט דאָך, װאָס פֿאַר אַ ראָלע עס שפּילט בײַ אונדז 100 ייִדן, געדענקט דעריבער זיך גוט צו באַציִען צו סאַקסנהויז[431]. דאָס טון אים עפּעס הייסט סאַבאָטאַזש לגבי דעם חיל. די אנשי חיל װאָס אַרײַן אין הויז האָבן אין איין מינוט אַלעמען תּיכּף געהייסן אַרויסגיין, אַ טייל אַרויס אין שלאָפֿראָקן, אױך די קינדער געמוזט אַרויסגיין און דאָן געהאַלטן פֿאַר זיי אַ דרשה. הײַנט זײַנען פֿאַרהאַפֿטעט געװאָרן. מען פֿירט איבער מאַנופֿאַקטור אין קינדער װעגעלעך.

אייניקע ייִדן איז געלונגען צו װערן אויסלענדער, ליטװינער, עסטן, טשילער א. א. מען זאָגט אַז דאָס האָט נישט קיין סך געקאָסט. אַזעלכע ייִדן דאַרפֿן נישט טראָגן קיין בענדער[432]. װעגן אַ טייל זאָגט מען, אַז זייער בירגערשאַפֿט־דערקלערונג איז אַן אומגילטיקע, ד. ה. די פֿרעמדע מלוכות זײַנען זיך נישט מודה. אַ טייל אויסלענדישע ייִדן טראָגן צוליב סאָלידאַריטעט אָרעמבענדער. זיי טראָגן אין לאַץ צייכנס פֿון פֿרעמדע מלוכות. זיי האָבן נישט אײן פֿאַרמעגן אָפּגעראַטעװעט. לעצטנס זײַנען אַ סך אַמעריקאַנער בירגער אַרויסגעפֿאָרן.

---

429) „אַ גאָרטן־שטאָט טשערניאַקאָװ“, איראָנישע באַצייכענונג פֿון װאַרשעװער געטאָ אין שפּיץ פֿון װעלכן עס איז געשטאַנען טשערניאַקאָװ. טשערניאַקאָװ איז אויך אַ שטאָט־פֿערטל אין װאַרשע.

430) מעגלעך, אַז עס גייט װעגן אַ דײַטשן אַגענט.

431) אַ דײַטשער ייִד, אַ געסטאַפּאָ־אַגענט אין װאַרשעװער געטאָ.

432) װאַרשײַנלעך איז דאָס געװען — אַן אינערלעכע פֿאַראָרדענונג פֿון דער דײַטשער מאַכט.

דער פירער פון פאלענטי הייסט פינדנאגעל, א פעלדפעבל, אָבער א הויכע שישקע אין דער פּאַרטיי און דאָס דעצידירט. א גאַנצע צייט אַנדערש אין צפון, אַנדערש אין דרום. דאָרט האָט מען כסדר געשלאָגן אָדער סתם פארטשעפּעט דורכגייער, פארלאנגט צו גריסן באַזונדערס זונטיק. אין דרום טשעפּעט מען נישט, מען כאַפּט אויך נישט צו דער אַרבעט, וואָס איז א „מכת־מדינה" אין צפון. דאָקומענטן אַמטלעכע, אויס־ווייזן האָט מען גערופן „שיר המעלותן" און „דער אָדלער" „אַ פויגל" (פּטאַשקעס)[433]. מאנסבילן קענען נישט אַרויסגיין פרי פון דער היים. מען מוז וואַרטן ביז 10—11 ווייל מען כאַפּט צו דער אַרבעט.

היינט דעם 1 נאָוו[עמבער] איז ווידער געמאכט געוואָרן אן אינטער־ווענץ וועגן פארלענגערן דעם טערמין פון איבערזידלונג, מען האלט עס אָבער אין אויסזידלונגס־אַמט פאַר יידישע דריידלעך, דעריבער האָט מען נישט געוואָלט פארלענגערן און געדראָט מיט דערשיסן די, וואָס וועלן בלייבן. די גרעסטע טראגעדיע איז אין פּראַגע, ווו עס ליגן א 20 יידן[434], וואָס זיינען רעזיגנירט און גרייט אויף אלעם. אן ענלעכע לאגע איז ביי די פּאָלאקן, באַזונדערס אין דער געגנט, וואָס איז לעצטנס אַרויס פון געטאָ. עס הערשט דאָרט א גרויסע קאָפּלאָזיקייט. די מויערן, וואָס זיינען שוין געווען אויסגע־בויט אויף רימאַרסקאַ, זיינען געהעכערט געוואָרן, זיי מאַכן דעם איינדרוק פון אמתע תפיסה־מויערן. מען גייט אונדז פארמויערן לעבעדיקערהייט, דאָס איז די שטימונג ביי די יידן, דער גאָלדענער דאָלאר און דער פּאפּירענער איז געפאלן. די סיבה: די מורא פאר א געשלאָסענעם געטאָ און דער ביישפּיל פון לאָדזש, ווו דער דאָלער האָט נישט קיין שום ווערט. די נסיעה פון מאָ־לאָטאָוו האָט ארויסגערופן א כוואלע פון פּעסימיזם. אויך די סטרוזשעס מוזן ארויס פון ייד[ישע] פּערטל. אין די טראַמווייען פאָרט מען מיט מלינאַרסקיס (באנק עמיסיני) בילעטן. די זאמלער פון שמאַטעס רופט מען אויף יידיש „לומפּען", דאָס איז א ווארטשפּיל וואָס נעמט זיך פון לומפּענזאמלער. עס ווייזט זיך ארויס, אַז א סך מענטשן, נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן מיט די ספרים, האָבן זיי פאַרברענט. די קהלה, וואָס האָט רעכט פון רעקוויזיציע פון וועגן, האָט דאָך גאָרנישט געטאָן אין דער פּראגע. די ייד[ישע] געשעפטן מאכן זייער א טרויעריקן איינדרוק. ווו מען שטייט און ווו מען גייט, זעט מען נאָר שפּייז־געוועלבער. א גרויסע מאסע צוקערניעס, דאָ און דאָרט אַ זייגערמאכער, זעלטן, זעלטן זעט מען א גרעסערע אויסלאגע. דער רוב זיינען די אויסגעבראָכענע פענצטער פארטרעטן מיט ברעטער, צווישן וועלכע עס באהאלטן זיך ווי שעמעוודיקע קוואדראטן פון גלאָז — א מין אויסלאגע. נאלעווקעס און געגנשא, וואָס זיינען שטענדיק געווען בארימט פון די גרויסע סקלאַדעס פון סחורות, זיינען היינט איין גרויסע חורבה. די באוועגונג אויף

433) געמיינט דעם פּוילישן אָדלער, דעם עמבלעמאַט פון דער פּוילישער מלוכה.

434) ווארשיינלעך 20.000 יידן.

די ייד[ישע] גאסן א מוראדיקע. מענטשן פאַרפלייצן נישט בלויז די טראָטואַרן, נאָר אויך דעם גאַנצן וועג. עס איז זייער שווער זיך אַדורכצושטופּן.

2, 5, 6 נאָוועמבער 1940

מיינע ליבע!

1 נאָוו[עמבער], נעכטן איז דורכן מעגאַפאָן, וואָס האָט פריער פאַרשפּרייט גיפט קעגן יידן, געזאָגט געוואָרן, אז צוליב דער לאָיאַלקייט פון די יידן בעתן אריבערטראָגן זיך אין געטאָ, איז אויסגעברייטערט געוואָרן די גרענעץ פון געטאָ און עס איז פאַרלענגערט געוואָרן דער טערמין פון איבערטראָגן זיך. געהערט אז א טייל יידן פון פּראַגער פאָרשטאָט טראָגן זיך איבער אין די שכנותדיקע שטעטלעך: רעמבערטאָוו און אנדערע. עס טרעפן אָפּט פאַלן, ווען מענטשן נעכטיקן איינציקע טעג אין דרויסן דערפאַר, ווייל זיי ווערן פּלוצים אַרויסגעפירט פון אַשכנזישן ראַיאָן. אַ בילדל: אין דער וווינונג פון א ייד[ישן] דאָקטאָר קומט אריין א ראש איש — חיל און זאָגט: מלחמה האָט אירע געזעצן, פאַרהאַפּטעט, אַזוי ווי דאָס ביכל איז אָפן, זאָגט ער א שאָד צו פאַרמאַכן עס, ווייל ער וועט עס שוין נישט פאַרענדיקן צו לייענען. אויפן אָרט שטייט א קופּקע יידן וואָס באַרויקן אים: „דו דאַרפסט אין א האלבער שעה אויסרייניקן דעם אויטאָ. מיר וועלן דיר העלפן פאַרן פּרייז פון 20 זל.” דאָס אַלץ כדי אָנצוואַרפן שרעק. דער נאָמען גענומען פון טעלעפאָן־בוך. א סך אנשי חייל ענטפערן ביז גאָר העפלעךביים באַגריסן דורך יהודים. עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן א שטיקל אומלעגאַלע עמיגראַציע קיין רוסלאַנד. עס האָט זיך אפילו פאַרשפּרייט א קלאַנג, אז צוליב דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע וועט די גרענעץ זיין אָפן צוויי וואָכן.

די „אַגענץ” יי.וו.אַ.[435] גיט איבער וועגן אן אינטערווענץ פון רוזוועלטן ביי יענעם וועגן דער לאַגע פון די יידן מיט דער דראָונג ארויסצושיקן די 8 מיליאָן אשכנזים פון אמעריקע. די יידן ווערן נישט ארויסגעגעבן קיין דובליקאַטן פון דאָקומענטן אין די וואַרש[עווער] הויף־שולן, אַן אויסנאַם מאַכט די וושעכניצע[436]. מען זאָגט, אז מענטשן האָבן זיך ווידער געלאָזט קיין רוסלאַנד דורך אַן אומלעגאַלן וועג. דאָס קאָסט 1.400 ביז 1.500 פון קאָפּ. אנדערע זאָגן, אז ביליקער. מען האָט געמאָלדן טשערניאַקאָוון, אז מנינים זיינען קאַטעגאָריש פאַרבאָטן און אויב זיי וועלן ווייטער פאָרקומען, וועט מען אים איינזעצן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. די מעשה נאָוואָליפּיע־מילנאַ. יידן האָבן פאָרגעלייגט דעם פּאַסטאָר צו מאַכן א קאָרידאָר דורך דער ייד[ישער] טעריטאָריע אויף פשעיאַזד 5. געזאַמלט עטלעכע טויזנט זל. און דערמיט אוממעגלעך געמאַכט דאָס טוישן מיט דעם שפּיטאָל אויף טשיסטע. אין ייד[ישן] רעוויר זיינען פאַראַן א גאַנצע ריי אומלעגאַלע פאַבריקן פון

---

435) יידן ווילן אַזוי (יי. וו. אַ.).

436) אַ געזעלשאַפטלעכע פּוילישע הויך־שול אין וואַרשע.

קאָנסומציע, זיי וועלן זיך מוזן פאַרמאַכן אין פאַל, ווען דאָס געטאָ וועט ווערן פאַרמאַכט, ווייל מען וועט נישט קענען באַקומען אומלעגאַלע רוי־שטאָפן. אין גלאָוונע געהערט פון איינעם, אַז דאָרט איז זייט 6 חדשים א געטאָ[437]. ביי דער גרענעץ שטייען יידישע און פוילישע פּאָליציאַנטן. מען לאָזט אַרויס נאָר יידן, וואָס האָבן פּשעפּוסטקעס פון דער גמינע. מען קען אַרויסגיין ווען מען האָט אַ קאָנקרעטן אַמטלעכן ציל. יידן אַרבעטן דאָרט אין די אַרומיקע גיטער, למשל ביי איינעם, וואָס דער פאָטער איז אַן אַשכנז און טאָמער קומען די פּאָלאַקן צוריק, איז דער זון אַ פּאָלאַק. פאַר 14 שעה אַרבעט באַקומט מען 2 זל. אַזוי ווי די יידן קענען נישט אַזוי שווער אַרבעטן, באַקומען זיי פאַר 7 שעה — 1 זל. פאַר דעם געלט באַקומט די קהלה אַ פּשידזיאַל פון פּראָדוקטן פאַר אַ נאָמינאַלן פּרייז.

פאַראַיאָרן בשעת דער באָמבאַרדירונג די איינציקע פּיליע פון דער עפנטלעכער ביבליאָטעק, וואָס איז געווען טעטיק, אַ יידישע[438]. דאָרט האָבן אַ 30 פּערזאָן דערפון 25 יידן באַקומען ביכלעך, נישט געקוקט אויף די געפאַרן, מיט וועלכע עס איז געווען פאַרבונדן דאָס צוקומען צו דער ביבליאָטעק. דער גרויסער ווייסן־אַזן לייען־דורשט פון דער יידי[שער] יוגנט. פאַראַן געוויסע דיגניטאַרן אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, וואָס רעדן נישט מיט קיין יידן, נאָר טוען דאָס דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם פוילישן וויצע. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס פאַרטרייבן די יידן פון די הייזער דזיעלנאַ 31 און 33 לעבן תּפיסה איז געווען אַן אַפּערע. איינע פון די פּילע. דאָס שלאָגן פאַר נישט גריסן ווערט אַ מכּת מדינה. עס דערמאָנט זיך די רעדע פון וויצמאַן, עס נעמט אים אַרום אַ גרויל ווען ער טראַכט וועגן דעם גורל פון די פוילישע יידן אין דער אָנקומענדיקער מלחמה. די ערשטע קאַנדידאַטן אויף די פּאָסטנס פון סטרוזשעס אין ייד[ישע] הייזער זיינען די הויז־אייגנטימער. די פּוי[לישע] סטרוזשעס האָבן זיך אין אַ טייל הייזער איבערגעצויגן אין פּויל[ישער געגנט] זיי זיינען אין די הייזער ביז 9 אין אָוונט, דערנאָך גיבן זיי איבער די פונקציעס די הויז קאָמיטעטן. די פּויל[ישע] גרופּירונגען „זון[יאָנזעק] אָבראָנצווו אויטשיזני״[439] באַשיידענער אַנטיסעמיטיזם. זון[יאָנזעק] וואַלקי זברוינעי[440]: ענדעקעס און אָ. נ. ר. „יאַק וויציאָנגאַל

437) דאָס געטאָ אין גלאָוונע איז אַנטשטאַנען — פּונקט ווי אין אַנדערע שטעט פון לוויטשער קרייז — אין מאַי 1940. עס איז געלעגן אויף דער פּעריפעריע פון שטאָט. סוף יאָר האָבן דאָ געוווינט 5220 נפשות.

438) אין דעם ערשטן אָקופּאַציע־יאָר זענען אין דער יידישער געגנט געווען 2 פּיליעס פון דער פּוילישער עפנטלעכער ביבליאָטעק: אויף לעשנאַ 67 (ליקווידירט אין נאָוועמבער 1940) און אויף כלאָדנאַ 34 (ליקווידירט אין פעברואַר 1941).

439) „פאַרבאַנד פון די פּאַטערלאַנד־פאַרטיידיקער“.

440) „פאַרבאַנד פון באַוואָפנטן קאַמף“ אונטערערדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אונטער דער אָנפירונג פון פוילישער עמיגראַציע־רעגירונג. שפּעטער זיך פאַרוואַנדלט אין א. ק. (אונטערערדישע לאַנדס־אַרמיי). א טעות: אָ. נ. ר. האָט צו דער אָרגאַניזאַציע נישט געהערט.

173

היטלער רענקע דאָ גוויאַזדי סיעדמיאָראַמיעננגי, טאַק וויציאָנגניע אָן קיעַ־דיש דאָ גוויאַזדי סיאָנו״ [441]. „ליבערום קאָנספיראַראָ״ דאָס איז די פרייהייט פון שאַפּן גרופּן און גרופּקעס, וואָס קאָנקורירן צווישן זיך. אויף נאָוואָליפּיע 18 איינגעישבנט אַ יידישן פריזירער, וואָס פלעגט פאַרשפּרייטן ראַדיאָ־ידי־עות, גענומען פון אַ מאַגלאַרקע פון דעם זעלבן הויף. איינגעישבנט אַ גאַנצע גרופּע יידן, דערנאָך קליענטן.

היינט דעם 5 נאָוו[עמבער] איז פאָרגעקומען אַ מעשה מיט טשערניאַ־קאָוון. אַ סעקצייני [442] וואָס איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פון דער אַרבעט, האָט געבראַכט די ס.אַ.־לייט, מען האָט פאַרנומען באַאַמטע און טש[ערניאַקאָוון] אָן אַ מאַרינאַרקע. מען האָט צונויפגערופן די איינוווינער פון לעשנאָ 35 און צו זיי געהאַלטן אַ רעדע, זיי זאָלן זיך גוט באַציען צו די סעקצייני, אַ ניט — יהרגו. אין אַ געזעלשאַפט געווען אַ געשפּרעך צווישן אשכנזים וועגן געטאָ. אַרויסגעזאָגט זיך קעגן דעם. פישער זיך אָנגערופן, אַז אין געטאָ איז נאָך די יידן בעסער, ווי די אַשכנזים אין זייער עיר־הבירה. מען האָט היינט און בכלל די לעצטע טעג שטאַרק געכאַפּט צו אַרבעט, ווייל מען שטעלט זיך נישט צו דער אַרבעט צוליב דער איבערזידלונג. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן צווישן די פּאָלאַקן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם 11־טן נאָוועמבער [443].

היינט דעם 6־טן נאָוו[עמבער] פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דאָס געטאָ וועט נאָך נישט איינגעפירט ווערן אין לעבן. געהערט היינט פרטים וועגן פּאַלענטי. דאָס גוט [וואָס איז] לעבן וואַרשע, נאָך ראַשין, געהערט צו איינעם פון דער תפיסה־פאַרוואַלטונג פּאַוויאַק, דעריבער באַקומט מען פון דאָרט באַשפּייזונג פאַר די, וואָס אַרבעטן אין פּ[אַוויאַק]. אין זומער געאַרבעט דאָרט 400 יידן. די אַרבעט־צייט איז 8 וואָכן. מען באַקומט נישט קיין באַלוינונג. די באַ־שפּייזונג אַ גוטע, אויך די באַהאַנדלונג. אַ טייל יידן איז באַשעפטיקט ביים פישפאַנג און ביי דער יאַגד פון ווילדע קאַטשקעס און האָזן: די איבעריקע ביי דער לאַנדווירטשאַפט. דאָס ערשטע ווען מען קומט אַהין, איז דאָס אויס־טון דעם בענדל. דאָ זיינען נישט קיין יידן נאָר אַרבעטער. דער עולם זינגט דאָרט דאָס ליד: „אוי, אוי, טאַטע ליבער, ווען ווערט מען פון זיי פּטור״. מען אַרבעט זיך דאָרט נישט איבער. דער טראַמוויי־וואַגאָן, וואָס פירט די יידן פון אָקענטשיע אין שטאָט, הייסט ביי יענע טיפוס־וואַגאָן. וווּרשט, פּוטער, קעז א.א. זאַבן נעמען די פּאַלענטער צו ביי די אַדורכפאָרנדיקע פויערים. די פּעסימיסטן זיינען איצט אין דער מינדערהייט. איצט שטעלט מען אויפן גרי־כישן פּערדל. מען גלויבט, אַז די מלחמה וועט זיך אינגיכן ענדיקן.

---

441) „אַזוי ווי היטלער האָט אויסגעצויגן די האַנט צום זיבן=עקיקן שטערן, אַזוי וועט ער אַמאָל אויסציען די האַנט צום ציון=שטערן“.

442) אַן עלטערער פון אַ גרופּע יידישע פּאָליציאַנטן.

443) 11 נאָוועמבער — טאָג פון פּוילישן נאַציאָנאַלן יום=טוב אין דער צייט צווישן ביידע וועלט=מלחמות.

מיינע ליבע!

עס וואַקסט לעצטנס זייער שטאַרק דאָס היסט[אָרישע] באַוווסטזיין. מען קניפּט אָן אין צענדליקער פאַקטן צו דער געשיכטע. מען קערט זיך אום צום מיטלאַלטער. — גערעדט מיט אַ ייד[ישן] געלערנטן, די יידן געשאַפן פאַר זיך אַן אַנדערע וועלט, אין איר פאַרגעסן אָן די אַרומיקע צרות, נישט אַריינגעלאָזט קיינעם אינעווייניק. וואָס שייך פּאַראַלעלן, זאָגט מען, אַז דער איצטיקער גירוש איז איינער פון די ערגסטע אין דער ייד[ישער] געשיכטע, ווייל תמיד געווען אַן עיר־מקלט. איינער מיר געזאָגט: עס איז שלעכט צו לייענען די ייד[ישע] געשיכטע, ווייל מען זעט, אַז גוטע יאָרן געווען אַ זעלטנהייט, שטענדיק צרות און פּורעניות. איינע פון די היסט[אָרישע] רעמיניסצענצן די מכה פון מוסרים, אויך איצט פילט מען זי שטאַרק. מעשה סאַקסענהויז, וואָס געווען 3 חדשים אויסגעהאַלטן אין דער דירה פון אַ ייד[ישן] עסקן בער געפּ[444]. איינגעזאַפּט אין זיך זייער קולטור און פון אַ רואיקן מענטשן זיך אויסגעגליטשט. די מעשה סאַקסענהויז דערמאָנט דאָס שפּריכוואָרט: שלאָגסטו מיין ייד, שלאָג איך דיין ייד.

אין דער ייד[ישער] קהלה נישט איין מאָל געקומען ראשים און געפּאָדערט געלט פאַר די ייד[ישע] אַרבעטער. נישט געהאָלפן די קמיע אויף דער טיר, אַז אַלץ דאַרף גיין דורך לייסטן. דער עולם מאַכט זיך גאָרנישט פון צונעמען די זאַכן, ווייל מען גלויבט אין בעסערע צייטן. מען וויל נאָר איבערקומען די איצטיקע צייט. דער פאַקט וואָס ביי יידן איז דאָ אַ סך בעלי־מלאכות, רופט אַרויס די גרעסטע באַוווּנדערונג ביי יענע. די שמאַציאַזשעס אין לאָדזשער געטאָ, ווי אויך מעטאַל־קליובער וווינען אויסערן געטאָ, זיי האָבן רעכט צו פאָרן מיטן באַן[445]. די סטרוזשעס נוצן אויס די סיטואַציע פון די לעצטע טעג פון שאַפן אַ געטאָ אין וו[אַרשע] זיי זענען די דירות־פאַרמיטלער; זיי האַנדלען מיט פּראָדוקטן. דער פאַרשטאַרקטער טיפוס אַ רעזולטאַט פון דער פאַרדיכטונג פון דער ייד[ישער] באַפעלקערונג. געוויינלעך אין די אַמטלעכע דאָקומענטן דער „יודע", אין אַנדערע "העבר". אָבער זייער זעלטן. — איך באַוווּנדער די פרומע יידן, וואָס זענען זיך מקריב טראָגנדיק בערד אין סאַמעטענע קאַפּעלושן. אין דער קהלה געזען די שפּורן פון בלוט פאַרגאָסן פון אַדוו.[אָקאַט] פּאָפּאָווער, וואָס האָט אַרויסגעטראָגן אַ פּסק־דין קעגן סאַקסענהויזן פאַר רעקווירירן אַ ייד[ישע] דירה. סאַקסענהויזן געהאַלטן פאַר יענע אַ רעדע וועגן דער נויטווענדיקייט איינצופירן אַן אָרדנונג אין דער קהלה. לעצטנס פאַרמערט זיך טיפוס־פאַלן (35). געהערט וועגן אייגעם, וואָס 7 מאָל זיך איבערגעצויגן צוליב די וואַקלונגען פון די געטאָ־גרע־

444) געמיינט געפּנער. זע הערה 426.

445) די פאַראָרדענונג איז חל געווען אויף דער גאַנצער גענ. גובערניע.

נעצן. איינער 4 מאָל: פון האָזשע איסגעוויזן, פּרעטאַ, גזשיבאָוו 68 און פון דאָרט דאָס פערטע מאָל. די לאַנגע מויער ביי וויעלאָפּאָליע מאַכט דעם איינדרוק פון אַ תפיסה־מויער. עס דויערט לעצטנס אַ שעה צייט און מער דאָס קומען אין ביוראָ. מען מוז וואַרטן אַ לאַנגע צייט אין די טויערן ביז די סכנה גייט אַדורך. אַז מען כאַפּט אויף לעשנאָ, ווייסט מען מאָמענטאַל אויף מוראַנאָוו. געהערט פון אייניקע, אַז אין לאָדזשער געטאָ איז נישט געווען וואָס צו עסן, נאָרוי, אַז איינער נישט לאַנג אַ רייכער ייד געקומען צו אַ צווייטן ער זאָל אים געבן דעם אָדוואַר פון קאַרטאָפל[446], כדי ער זאָל פילן דעם טעם פון קאַרטאָפל. אין די לאָדזשער העלבסטאויסהאַלטונגסקיכן איז אַ קעלנער קאַמינסקי, אַ באַקאַנטער פאַבריקאַנט.

הײַנט דעם 8 נאָוו[עמבער] ווידער זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דאָס געטאָ וועט אָפּגעלייגט ווערן ביז אַפּריל. אין פּאַלענטי הייסט מען יידן, וואָס ווערן באַפרייט צוליב זייער עלטער אָדער באַשעפטיקונג, צו טוישן זיך מיט די שיך אָדער אַנדערע קליידונגסשטיק מיט די וואָס בלייבן איבער אין לאַגער. אין פּאַלענטי האָט מען אַ יונגן, 20־יאָריקן יונגערמאַן מיט אַ באָרד, געהייסן מעלדן אַלע ייד[ישע] גרופּן, ווען ער איז 20 יאָר אַלט און דערנאָך שרייען: „אָהנע בערוף" אַלץ העכער און העכער. צום סוף האָט אים אַ ייד געמוזט אָפּשערן די באָרד. יעדע אַשכנזישע אינסטיטוציע האָט זיך אירע יידן, וועלכע ווערן גוט באַהאַנדלט בשעת אַנדערע שלעכט. למשל אין די דינאַסן איז דאָ איינער, וועלכן מען רופט דאָרט „מאָזעס", אים געלינגט עס נישט איין ייד צו באַפרייען פון דער אַרבעט.

הײַנט איז אָנגעקומען אין דער קהלה אַ שרייבן, אַז די יידן מוזן זיך אַרויסציִען ביז 15 נאָוו[עמבער]. דערמיט אַ סוף צו די אַלע קלאַנגען וועגן אָפּלייגן און פאַרלענגערן דאָס געטאָ. די מורא פאַרן געשלאָסענעם געטאָ וואַקסט באַזונדערס, אַז הײַנט האָט מען פאַרציילט, אַז מען האָט געהייסן דער פויל[ישער] פּאָליציי זיך אַרויסטראָגן פון געטאָ. מען מאַכט זאַבאַסן ווער און וויפל עס קען נאָר. דער קאָמענדאַנט פון פּאַלענטי נעמט צו פּראָדוקטן ביי די פויערים: „פיר מיינע יודען".

געווען אַ ראש ביי אַ ייד[ישער] פאַמיליע, געוואָלט צונעמען זאַכן. די פרוי געוויינט, אַז זי איז אַן אַלמנה מיט אַ קינד. יענער געזאָגט, אַז ער וועט גאָרנישט צונעמען, אויב זי וועט געראָטן, וואָס פאַר אַן אויג עס איז אַ קינסטלעכס. זי האָט געראָטן, אַז דאָס לינקע; אויף דער פראַגע פון וואַנען געוווּסט, געענטפערט, ווײַל דאָס איז אַ מענטשלעך.

נעכטן זאָל מען האָבן דורכן הילכער איבערגעגעבן, אַז עס איז פאַרבאָטן צו באַנוצן דאָס וואָרט „ייד[יש] געטאָ", נאָר „ייד[ישעס] וווינפירטל" פּונקט ווי דײַטשער אין פּוילישער. הײַנט ביי אַ ייד[ישן] שניידער אויף אָרלע צוגענומען זאַכן. געווען אַ יידישער באַגלייטער, וואָס האָט געריסן קאָלנערס פון פּאַלטאָס און באַהאַלטן אין בוזעם. חיים גראָזשני רופט מען

446) דאָס וואַסער נאָכן אָפּקאָכן די קאַרטאָפל.

רומקאָווסקין. פּ. ק. פּ. פּלאַטש קאָנדוקטאָראָוי פּאָלאָוען[447] — רופט מען די היינטיקע ייד[ישע] טראַמווייען, וועלכע גייען האַלב ליידיק. צוגעגאַנגען צו איינעם און געוואָלט אַראָפּנעמען דאָס פוטער: „איך וואָלט דיר געגעבן, אָבער איך בין אָקאָרשט אַרויס פון שפּיטאָל. איך בין געלעגן קראַנק אויף טיפוס"[448]. געהערט, אַז עס זענען פאַראַן אַ 200 געשטאָרבענע אָדער געהרגעטע פון די אַרבעטס־לאַגערן. בלויז אין בעלזשיץ 80 געשטאָרבענע פון דיזענטעריע און אַזויפיל דערהאַרגעטע ביי דער אַרבעט.

צוליב דער ידיעה, אַז עס וועט זיין אַ רעקוויזיציע פון וווינונגען, זוכט מען באַדיי פאַר ביליק דירה־געלט לאָקאַטאָרן, כדי צו פאַרפולן די דירות. די וואָס מסרן, באַקומען 10% פון דעם רויב. אין אַ יידיש געשעפט זייף באַלעווקעס געקומען פיר יענע מיט א ראש, וועלכער געווען אַן אָרנטלעכער מענטש; די איבעריקע געפאַקט וועש און אַנדערע זאַכן אין די הויזן און אַרויס פול אָנגעשטאָפּטע ווי בערן. „הויטע טאָג אָהנע אויסווייזען", ד. ה. אַז היינט כאַפּט מען צו אַרבעט אַפילו די יידן, וואָס האָבן אויסווייזן, וועלכע באַפרייען זיי פון אַרבעט (אַ וויץ). אַזוי זאָגן אַ טייל פון די כאַפּער. עס טרעפט אָפט, אַז ווען יידן גריסן, מאַכן יענע מיט דער האַנט „נישט בויטיק". דער רוב גייט אַדורך אַזוי ווי עס זאָל זיי נישט אָנגיין. דאָס ערגסטע, ווען עס גייען 2—3 יידן און בלויז איינער גריסט. זייער אָפט דאָס סאַמע העפלעכסטע ענטפערן אויף אַ גרוס.

דאָס געטאָ אַ סך שמערציקער ווי אין מיטלאַלטער, ווייל מיר זענען געווען אַזוי הויך און איצט אַזוי שטאַרק געפאַלן. דער אַפּעל צו אַנטוויקלען די מידות טובות פון געטאָ: די טענדענץ צום אויסגלייכן למשל שטייער פון זייד, פון מלבושים, די קעגנזייטיקע הילף און דאָס שטאַרקע געזעלשאַפטלעכע לעבן. עס ווערן זייער אינטענסיוו געמויערט מויערן אַרום דעם געטאָ. דער וועג לעשנאָ — גזשיבאָווסקאַ באַשווערט. די באַוועגונג אויף סאָלנאַ, ציעפּלאַ זייער אַ גרויסע, נישט מעגלעך אַדורכצוגיין.

---

[447]) „צאָל דעם קאָנדוקטאָר אַ העלפט". אין די „יידישע" טראַמווייען פלעגן יידן מוזן צאָלן פיר מאָל אַזוי פיל, וויפל אויף דער „אַרישער" זייט. ד. ה. אַ גילדן און דערפאַר באַקומען פיר בילעטן (צו 25 גראָשן). זיי פלעגן אָבער געבן דעם קאָנדוקטאָר נאָר 50 גר. און באַקומען איין בילעט. אַזוי־אַרום האָט דער ייד זיך איינגעשפּאָרט 50 גר. און דער קאָנדוקטאָר האָט פאַרדינט 25 גר.

[448]) די אָקופּאַנטן האָבן מורא געהאַט פאַר אָנשטעקנדיקע קרענקהייטן, און יידן האָבן דאָס אויף פאַרשיידענע אופנים אויסגענוצט. געווען אַ סך אַנעקדאָטן וועגן דעם און שווער היינט צו זאָגן, אויף וויפל זיי שפּיגלען אָפּ די ווירקלעכקייט.

מיינע ליבע! [449]

30.500 דאָל. געזאַמלט אין די לעצטע צוויי יאָר דורכן דזשאָינט פאַר־לעסטיין אַפּיל. אין נאַשיאָנאַל רעפּודזש סערוויס, אין 1941 די זעלבע אַק־ציעס — 3371, יידישע קהלות באַטייליקט אין די אַקציעס. פון סעפּטעמבער 1939 ביז אָקטאָבער 1940 אויסגעגעבן 3269 דאָל. אויף הילף, דערפון 2600 אין די מלחמה פירנדע לענדער. „הדסה" געזאַמלט 1 מיליאָן דאָלאַר בשעת דער מלחמה. ציוניסטישע און פּראָציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן צוזאַמ־לען אין 41 יאָר 15 מיל[יאָן]. בייצא [450] אויף אַ געשלאָסענער קאָנפערענץ פאַראורטיילט די פּאָליטיק פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. קרן־היסוד זייט דער גרינדונג אויסגעגעבן 45 מיל. — מאַסנמיטינג קעגן ווישע. יידישע וועטעראַנען פאַרגעלייגט צו שטעלן מחוץ דער געזעלשאַפט די קאָמוניסטן. דורכן ראַדיאָ דער 80 געבורטסטאָג פון הענריעטע שאָלד [451], 84 געבורטס־טאָג פון לואי בראַנדיס [452]. 8 יידן אין קאָנגרעס. געשטאָרבן סערגיי ברוין, שאול גינזבורג, דוד שאַפּירא פון „טאָג" [453].

בעלגיע באַזייטיקט קינדער פון עפנטלעכע שולן. פאַרבאָט צוריקצוקו־מען. באַזייטיקט יידישע פּראָפעסאָרן און סטודענטן. בעלגישע ראַדיאָ פון לאָנדאָן אינפאָרמירט די בעלגיער אויסצודריקן סימפּאַטיע די יידן. די קריסטן זיך באַווייזן מיט מגן־דודס. היסט[אָרישע] ביבל[יאָטעק] פאַרניכ־טעט. יידישע קריסטלעכע תפילות אין די סכראַנעס. פאַרלייכטערונגען פון דער אינטערנירונג. 600 וויסנשאַפטלער און איזשיניערן האָבן פאַרגעלייגט טשערטשילן זייערע דינסטן. קאַנאַדאַ 1700 אויסלענדישע יידן אינטערנירט. קאַנאַדער „יידישע וואָכנבלאַט" פּראָסאָוויעטיש. 3000 קאַנאַדער יידן דינען אין דער אַרמיי. בולגאַריע אַנטי־יידישע געזעצן. פּראָטעסט פון 20 קריסטלע־כע פּראָפעסאָרן בא פעטען [?] פראַנקרייך. 2000 פון באַדען און פּאַלאַטינאַט אין דעם נישט אָקופּירטן פראַנקרייך אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. דאָס איז אַ טייל פון אַ פּלאַן פון פאַרטרייבן אַלע יידן פון דייטשלאַנד, עסטרייך און

449) אַ קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.

450) נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע געשאַפן דורך זשאַבאָטינסקי.

451) הענריעטע שאָלד (1860 — 1945), שעפערין פון דער יידישער פרוי־ען־אָרגאַניזאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן „הדסה", בויערין פון הייל־אַנשטאַלטן אין ארץ ישראל און קעמפערין פאַר יידיש־אַראַבישער דערנעענטערונג.

452) לואי בראַנדייס (1856 — 1941), פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און מיטגליד פון העכסטן געריכט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

453) אברהם בראון, פּסעוודאָ — „סערגיי" (1881 — 1940), פירער פון „בונד" אין לעטלאַנד, זינט 1938 אין אַמעריקע;

שאָול גינצבורג (1866 — 1940), יידיש־רוסישער היסטאָריקער, זינט 1932 געוווינט אין אַמעריקע.

טשעכיע. היצעם [454] אַריינגענומען זיי אויף דער ליסטע פון עמיגראַציע. יידן עמיגרירן קיין צפון אַפריקע. באַזייטיקט יידן פון דער אַרמיי און פּאָליציי. א גרופּע „פּאַרדינטע" יידן ארויסגענומען פון די אַנטי־יידישע געזעצן: בערגסאָן [454א] זיך אָפּגעזאָגט פון דעם אויסנאַם.

באַזעצט פראַנקרייך, באַזייטיקט יידן פון הערבסט־אויסשטעלונג. אין עלזאַס פאַרטיילט דאָס יידישע פאַרמעגן צווישן אַרעמעלייט. די קאָמוניס־טישע „פרייע פרעסע" דערשיינט אין פּאַריז לויט אַ באַריכט פון „יידישן אָדלער".

דייטשלאַנד. 220 יידן פון די באַזעצטע געביטן אויף צוואַנגסאַרבעט אין דייטשלאַנד. פון 6 ביז 8 פאַר פינף פעניק אַ שעה. 2000 יידן פון מינכען צו צוואַנגסאַרבעט. ווין, יידישע באַפעלקערונג פאַרקלענערט פון 180 אויף 48 [טויזנט] דערפון צוויי דריטל פרויען. 121 עמיגרירט, דערפון 28 קיין אַמע־ריקע, אַנדערע לענדער 20, אייראָפּע לענדער 54, א"י 8000.

אונגאַרן, יידישער אַרבעטסבאַטאַליאָנען אין טראַנסילוואַניע, 500 טויזנט אַקר קאָנפיסקירט, דר. יוריס אין פּערו. די פירער פון רעוויזיאָניסטן: קראָל, מעדיאַנסקי און בעגין אַרעסטירט. דער „יעאס" אין ווילנע זייט 4 דעצעמ־בער באַנייט די עמיגראַציע פון ליטע קיין אויסלאַנד. 11 נאָוו. פּראָטעסט פון עטלעכע הונדערט פּראָטעסטאַנטישע גייסטלעכע. אוניווערסיטעט אין ליידן געשלאָסן פאַר 48 שעהדיקן פּראָטעסט־שטרייק. א"י טויזנט יידן אָנגעקו־מען זינט אויסברוך פון מלחמה, נישט אַריינגעלאָזט 1771 אומלעגאַלע עולים, דעפּאָרטירט אין אַ בריטישער קאָלאָניע. דעפּאָרטירט 15000 עולים. שערטאָק באַריכטעט, אַז 6500 יידן זיינען פרייוויליק אין דער אַרמיי. יידישע פרייווי־ליקע אין גריכנלאַנד אין ליביע. שטרייק פאַר 37½% א הוספה. הסתדרות באַשעפטיקט 10 טויזנט אַרבעטסלאָזע. אין 1925, 4 טויזנט מיטגלידער אין הס־תדרות, היינט 120 טויזנט 1940 געזאַמלט 523 טויזנט פונט (62% פון אַמעריקע). קרן היסוד—אַרבעטסלאָזיקייט 12.000 — קרן־קימת 608 טויזנט פונט. אַראַביש־יידישע באַציונגען פאַרבעסערט. ווענדונג פון אַ באַרימטן אַראַבישן געלערנטן צום העברעישן זשורנאַליסטן פאַריין צו שאַפן אַ געמיינ־זאַמע סעמיטישע קולטור. יידיש־אַראַבישער סוחרים־פאַריין. סמילאַנסקי אָפּגעזאָגט זיך פון אַמט, רוקח זיך אָפּגעזאָגט פון פּרעזידענט פון כופר־הישוב, אורי צבי גרינבערג פאַרהאַפטעט. פוילן פון 8 נישטאָ קיין גאַז און עלעקטריע. ראַדאָם 2000 [455], קראָקע, געטאָ וואַרשע. אַרעסטן פון טראַצ־קיסטן. 100 טויזנט יידן פאַרשיקט קיין סיביר. סטאַנטשיק [455א] דערקלערט

---

454) פאַראייניקונג (אין 1925) פון די עמיגראַציע־געזעלשאַפטן: היאַס, איק"א און עמיגדירעקט.

454א) אנרי בערגסאָן (1859 — 1941), באַרימטער יידיש־פראַנצויזישער פילאָזאָף.

455) אין די טעג פון 3 — 5 דעצעמבער 1940 האָט מען אויסגעזידלט אַן ערך 2000 יידן פון ראַדאָם אין די שטעטלעך פון בוסקער און אפּטער קרייזן.

455א) אַ טוער פון פּ.פּ.ס. אין לאָנדאָן.

סטאריקאָטוויצע [?] פּראָפּאַגאַנדע. אין אָקטאָבער געשאפן א פּאראַיניקטע קערפּער שטאַפּט פון אלע יידישע פּארטייען אויסער דעם בונד. א״י באַ־גריסט דורך דער פוילישער רעגירונג. פּאָליטישע און פילאַנטראָפּישע אויפגאַבן. זאַגורסקי ערן וויצע קאָנסול אין ניו־יאָרק.

תקופה ביז נאָוועמבער 40.

15 נאָוועמבער 1940

— — מען האַלט, אַז נישט מער ווי אַ העלפט וועט בלייבן לעבן. אַ קליי־נער טייל פּילט מיט, דער רוב איז פּאַסיוו. אַ טייל זיינען צופרידן און גלויבן, אַז דאָס וועט צווינגען די פּאָלאַקן אויסצולערנען זיך דעם האַנדל. אַ בילדל: ביי דער גרענעץ פון געטאָ אויף עלעקטאָראַלנאַ פּאַרפּאָרט אַ גרויסער אויטאָ. עס שטייגן אויס יידן מיט פּעקלעך, ברויט, וורשט א. א. די אַשכנזים העלפן זיי אַרויסגיין און מען רייבט זיך גאָר הארצלעך די הענט און געזעגנט זיך ווי די בעסטע פריינט. די שומרים קוקן פון חידוש אויף דעם בילד. ביי די פּאָלאַקן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דאָס איצטיקע געטאָ איז אַ צייטווייליקס, ווייל מען בויט באַראַקן אויף זשאָליבאָזש. מען זאָגט, אַז דאָס פּלוצ־לומדיקע שאַפן פון געטאָ איז אַ רעזולטאַט פון מאָלאָטאָווס אומקערן זיך מיט ליידיקע הענט. עס האָט געזאָלט אָנקומען אַ דעפּעשע פון מענדעלזאָנס שטאָט וועגן אַיינריכטן דאָס. אנדערע זאָגן, אז אזוי ווי אמעריקעס האַלטונג לגבי אַשכנז איז פּאַקטיש אַ קריגסבאַטייליקונג האָט מען דורך דעם געטאָ געוואָלט פּראָוואָצירן אַמעריקע צום אַקטיוון אַרויסטריט.

אויף עלעקטאָראַלנאַ 32 וווינט דער משומד ברייערזאָן [?], זיינע טעכ־טער שטאַרקע אַנטיסעמיטקעס מוזן טראָגן דעם יידישן באַנד. אַנדערע משומדים אַרויסגעפאָרן אין קליינע שטעט, געענדערט די אַדרעסן, די נע־מען וכדומה. צוליב די עניים אויף כלאָדנאַ, אַ פּאַבריק געעפנט אַ דורכ־גאַנג דורך דעם הויף פאַרן פּרייז פון 20 גראָשן. מען גייט פון קראָכמאַלנע ביז כלאָדנע. אויף ציעפּלע אָרדענטלעכע שומרים, ווען עס ווערט פינסטער לאָזט מען אדורך יהודים אין [אָן?] בינדעס. די געדיכטקייט אויף קארמע־ליצקא איז נישט צו באשרייבן, אויף ביידע זייטן טראָטואר ווי אויף דעם שאָסיי איז פיל מיט אַ כוואַליע פון מענטשן. אַדורכפאָרן דאָרט איז זייער שווער און דויערט זייער לאַנג. די האַלעס אויף לעש[נאָ] 40 זיינען פאַר־מאַכט געוואָרן דורך אַ פוילישן פּאָליציאַנט, וועלכער פאַרלאַנגט 1000 זל. מען זאַמלט פאַר אים דאָס געלט.

אין טאַרנע האָט מען פאַראַיאָרן פאַרברענט אַן אַלטע שול. איצט צע־נעמט מען די מויערן מיט דינאַמיט. עס גייט אָבער נישט. דער דינאַמיט צעזעצט נישט די מויערן נאָר מאַכט אַ לאָך. די יידן זעען אין דעם גאָטס גבורה, די אַשכנזים זאָגן, אַז דאָרט שטעקט דער טייוול. אין קראָקע זיינען איצט דאָ 20 טויזנט יידן[456]. מען זאָגט, אַז מען וועט זיי ווידער נעמען

[456] נאָך אין יוני 1940 האָבן געלעבט אין קראָקע 67.000 יידן.

טרייבן. מען האָט מורא, אַז דאָס געלונגען פון וואַרש[עווער] געטאָ וועט גורם זיין אַז אויך אין אַנדערע שטעט זאָל פּאַרקומען דאָס זעלבע. די אַר־גומענטן פון די יידן וועגן רוים קנאַפּקייט האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט באַרעכטיקטע, דאָס זעלבע אַז די יידן וועלן נישט באַוויזן. מען זאָגט אַז אין היינטיקן מעגאַפּאָן, אַ זייגער 10 פרי (15 נאָוו[עמבער]) איז אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז עס זיינען נישט ריכטיק די ס. אָ. ס. רופן פון דעם ענגלישן, שווייצאַרישן און מאָסקווער ראַדיאָ וועגן פאַרמוירערן אַ האַלבע מיליאָן יידן. עס איז נישט קיין געטאָ, נאָר אַ געשלאָסענער ווינפּערטל, וועלכער וועט ווי פריער באַזאָרגט ווערן דורכן מאַגיסטראַט מיט לעבנסמיטל. עס איז איצטער אַ גרויס אויסכאַפּעניש אויף מעדיקאַמענטן. מען פאַרזאָרגט זיך אָן אַ מאָס מיט מעדיקאַמענטן, וואָס עס טוען די הויז־קאָמיטעטן ווי אויך יחידים. באַ די אָנפירער פון קראָקאָווער גובערניום איז מען קעגן דעם געטאָ. שוין, דער אָרגאַניזאַטאָר פון געטאָ, איז אַדורכגעפאַלן ביי די וואַלן פון דער פאַרטיי. מען האָפט, אַז דאָס וועט האָבן אַ ווירקונג אויף דער לאַגע פון די יידן אין וואַרשע. די דייטשן זאָלן האָבן אָנגעגעבן אַלס סיבה פון שאַפן דאָס געטאָ די נויטווענדיקייט פון שיצן די יידן קעגן פּאָלאַקן. ווען עס איז געקומען א ייד[יש] פוילישע דעלעגאַציע וועגן דעם געטאָ אין קראָקע, האָט מען עס אָנגערופן „אַנטאַנט קאָרדיאַל".

מען רעדט וועגן שאַפן אַ קלירינג קאַמער, דורך וועמענס פאַרמיטלונג די יידן זאָלן פאַר וואַלוטע קויפן פּראָדוקטן. די אַשכנזים זאָגן, אַז אין געטאָ איז דאָ געגנוג זאַפּאַסן פון שפּייז. עס זענען דאָ מאַסנהאַפטע פאַלן פון גנ־בענען פון די קעלערס. „באַטאַליאָן טשאָלגווו" [457] רופט מען די אָפּטיילונג פון דער ייד[ישער] מיליץ, וואָס האָט אַ שעה צייט געאיבט אין בלאָטע. די שענסטע גאַס הייסט די נעאָפּיטן שטראַסע, ווייל דאָרט וווינען אַ סך משומדים דאָס זעלבע אויף עלעקטאָראַלנאַ, באַזונדערס נר. 11, ווו עס הענגען אַ סך בילדער פון קריסטוסן און ענלעכע זאַכן. אַ פוילישער פּריינט גייט מיט אַ ייד אויף כלאָדנאַ, ווען ער מוז אַראָפּנעמען דעם הוט, האָט יענער פאַרביסן די ליפּן, אַז עס האָבן זיך באַוויזן טראָפּנס בלוט אויף דער ליפּ. מען זאָגט, אַז דער „ביולעטין אינפאָרמאַציייני" [458] איז פון דער פוי[לישער] רעגירונג. די יידן פראַגע ווערט דאָרט באַהאַנדלט ליבעראַל. למשל עס ווערט באַשריבן ווי אַזוי מען האָט יידן אַוועקגעפירט פון לעמבערג קיין רוסלאַנד, יידן האָבן געזונגען „ניע דאַמי זשעמי סקאָנד נאַש רוד" [459].

נאָך וואָס האָט מען איבערגעלאָזט דעם קלויסטער אויף גזשיבאָוו? פאַר משומדים. אויף ביאַלאַ מאַכט מען אַ ברייטן פאַרקאַן, כדי צו מאַכן אַ צוגאַנג צו די געריכטן, אָגראָדאָוואַ וועט דורך דעם ווערן אָפּגעטיילט.

---

457) באַטאַליאָן פון טאַנקען.

458) „אינפאָרמאַציע־ביולעטין" — אָפיציעלער אָרגאַן פון א. ק. (אַרמיאַ קראַיאָוואַ).

459) „מיר וועלן נישט אָפּגעבן די ערד פון אונדזערע אבות" — די ערשטע שורה פון פוילישן נאַציאָנאַלן ליד (מחבר קאָנאָפּניצקאַ).

19, 20 נאָוועמבער 1940

מיינע ליבע!

דער שבתדיקער טאָג פון איינפירן דעם געטאָ איז געווען (16 נאָוו[עמבער]) אַ שרעקלעכער. די גאַס האָט נישט געוווסט, אַז דאָס געטאָ וועט זיין פאַרמאַכט, דעריבער איז ווי אַ דונער אַראָפגעפאַלן דאָס געשלאָסענע געטאָ. אויף אַלע ראָגן פון גאַסן זענען געשטאַנען וואַכן פון אַשכנזישע, פוילישע און יידישע שומרים, וואָס האָבן בודק געווען ווער עס האָט רעכט דורכצוגיין. יידישע פרויען האָבן געפונען די האַלעס געשלאָסן פאַר זיי. עס האָט גלייך אויסגעפעלט ברויט און אַנדערע פראָדוקטן. זייט דעמלט שפּילט זיך אָפּ אַן אמתדיקע וואַקכאַנאַליע פון יקרות. עס שטייען לאַנגע רייען ביי אַלע שפּייזגעוועלבער און מען קויפט אַלץ אויס. אַ סך פּראָדוקטן זענען פּלוצים פאַרשוונדן פון די געוועלבער. טוואַרדע מיט לעשנאָ האָבן נישט קיין פאַרבינדונג. מען מוז גיין דורך זשעלאַזנע. ייד[ישע] געשעפטן אין דעם אַרישן שטאָטטייל זענען פאַרחתמעט געוואָרן, כדי מען זאָל זיי נישט צעראַבירן. ייד[ישע] דאָקטוירים האָבן נישט שבת און נישט זונטיק נישט באַקומען קיין פּשעפּוסטקעס, וועלכע די קהלה באַשטייערט מיט אַן אָפּצאָל פון 5 זל. ייד[ישע] אַרבעטער האָט מען שבת נישט אַרויסגעלאָזט צו זייערע פּלאַצוווקעס אויסער דער שטאָט. — דעם ערשטן טאָג האָבן אַ מאַסע קריסטן געבראַכט ברויט פאַר זייערע ייד[ישע] באַקאַנטע און פריינט, דאָס איז געווען אַ מאַסן־דערשיינונג. דערוויילע ברענגט מען אַריין פראָדוקטן מיט דער הילף פון קריסטל[עכע] באַקאַנטע.

אויף ראָג כלאָדנאַ און זשעלאַזנאַ [460] גימנאַסטישע איבונגען מיט שטיינער אָדער ציגל, פאַר די, וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט אַראָפּצונעמען די הוט. מען הייסט אויך עלטערע יידן מאַכן פּשיסיאַדעס. מען צעוואַרפט פּיצלעך פּאַפּיר און מען הייסט אויפקלייבן פון דער בלאָטע, דערביי קאָפּעט מען די אָנגעבויגענע. אין די פּויל[ישע] גאַסן הייסט מען יידן זיך אַוועקלייגן אויף דער ערד און איבער זיי גייט מען אַדורך. אויף לעשנאָ אַדורכגעפאָרן אַן איש חיל אויף אַ ראָווער, גענומען שלאָגן אַדורכגייענדיקן ייד, געהייסן אים ליגן אין דער בלאָטע און קושן דעם טראָטואַר. אַ כוואַליע פון רשעות אין דער גאַנצער שטאָט פונקט ווי אַ ווונק פון אויבן. גלייכצייטיק דאָ אַמטלעכע אָפּטימיסטן, וואָס גלייבן נאָך אַלץ, אַז קיין געטאָ וועט נישט זיין קיין געשלאָסנס. געהייסן דעם ייד[ישן] אָרדנונגסדינסט, (באַוויזן זיך דעם 16 נאָוו.[עמבער]) אויף דער גאַס מ[...]צן אויף איין פּוס אַרום אַ גרופּע גימנאַסטיקירנדיקע יידן. מען זאָגט, אַז אין דער קהלה ווערט צוגעגרייט אַ פּלאַן פון אַ פּאָסט, אַפּראָוויזאַציע און יידיש געלט. צוליב דעם שליסן דאָס געטאָ, דעם פּיבערהאַפּטן

460) דאָ געווען דער גרענעץ־פּונקט פון געטאָ און „אַרישן“ טייל שטאָט. דורך נאַלעווקעס איז געגאַנגען דער „אַרישער“ טראַמוויי.

איינקויפן איז אויף אַלע ייד[ישע] גאַסן געוואָרן אַ שרעקלעכע באַוועגונג. עס איז פּשוט אוממעגלעך אַדורכצוגיין די גאַס. אַדורכגייער פּאַרפּלייצן די טראָטואַרן און דעם שאָסיי. פרייטיק ביינאַכט פאַרהאַפּטעט פּראַגער יידן און זיי אַרויסגעפירט אין אויטאָס אויף מוראַנאָוו און אַנדערע גאַסן, זיי נעכטיקן אויף די טרעפּ אין הייף. נישט מיטגענומען נאָר אַ האַנט־געפּעק. שבת גע־ זען גרופּן יידן פירן פון פּראַגע. פאַר זיי איינגעאָרדנט עטאַפּן־הייזער אין שולן, טאַנץ־זאַלן א. א. די קהלה רעקווירירט איינצלנע צימערן ביי יידן, וואָס האָבן גרעסערע וווינונגען. אַ סצענקע: ראָג כלאָדנע — זשעלאַזנע[461] געזעגנט זיך אַ ייד[ישע] פאַמיליע מיט אַ פּוילישער. מען קושט זיך, מען מאַכט מיט די הענט, מען דערמאָנט: „קומט די אַנדערע וואָך". ביי דעם עק טלאָמאַצקע — ביעלאַנסקע שטייט אַ לאַנגער רייע טראַמווייען. מען איז בודק, צו זענען קיין יידן נישטאָ אין וואָגן. מען הייסט אַלעמען אַרויסגיין און מען פאָרשט נאָך די פּאַפּירן. עס זעט אויס ווי אַ גרענעץ־פּונקט. דער טראַמוויי שטייט אַמאָל 10—15 מינוט. „גרעקאָ באַנדיטאָ מוטטאָ פּערדיטאָ, פּופּאָ פּאָביטאָ, בעניטאָ". צו די גריכישע מפּלות פון מיליטער. פאַרציילט וועגן אַ גרופּע אַרבעטער פון אַרבעטסלאַגער. שאָטנס פון מענטשן, אָן שיך, מיט אַרומגעבונדענע מיט שמאַטעס אויף די פיס. די מעבל, וואָס ווערן רעקווירירט אין ייד[ישע] דיר־ רות, ווערן געפירט אין קינאָ „ספּלענדיד" (ספינקס) און דאָרט קאָן מען זיי טיילוויז אָפּקויפן. אַחינו בני ישראל העלפן דערביי צו. די עקלהאַפטע מסירה אויף מוניען[462]. איינע פון די טרויעריקע דערשיינונגען פון איבערזידלונג דאָס מאַסנהאַפטע באַווייזן זיך פון בעטלער (יידן פון פאָרשטעט). אַ גרופּע ייד[ישע] אַרבעטער מיט אַן אָנפירער האָט אויף ראָג לעשנאָ און זשעלאַזנע געמוזט מאַכן גימנאַסטיק. די דאָקטוירים, וואָס זענען זונטיק געפאָרן אין שפּיטאָל אויף טשיסטע, האָט מען אַרויסגענומען פון טראַמוויי און אַ שעה צייט געאיבט. אַ ייד, אַן עלטערער אַדורכגעגאַנגען לעבן די שומרים אויף טוואַרדע און נישט אַראָפּגענומען דאָס היטל, הגם די ייד[ישע] שומרים האָבן אים געוואָרנט, געמאַטערט אים אַ לענגערע צייט. נאָך אַ שעה צייט געטאָן דאָס זעלבע, „איך האָב זיי אין דער ערד".

אַ סך יידן האָבן מקורים פון פּרנסה אויסער דעם געטאָ און איצט ווערט דאָס אָפּגעשניטן. מען זאָגט, אַז די פירמעס אונטער קאָמיסאַרישער לייטונג וועלן זיך מוזן אַריבערטראָגן, ד. ה. אַז אויב יידן האָבן נאָך דערפון געהאַט אַ ביסל פּרנסה, וועלן זיי שוין פאַרלירן. מען, זאָגט, אַז דאָס געטאָ וועט זיין האַלב אָפן ביזן 25, דערנאָך בא איש גדול לאדם[463] ראש היהודים נשק אותו.

[461]) דאָ געווען דער איינציקער אַדורכגאַנג פון קליינעם געטאָ צו גרויסן אויפגעבויט דערנאָך דאָ אַ בריק.

[462]) עמנואל (מוניע) רינגעלבלום. אים האָבן מודיע געווען צוויי פּאַ־ ליאַקן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, אַז זיי האָבן פאַרהאַלטן אויף דער פּאָסט אַ בריוו אין געסטאַפּאָ מיט אַ מסירה אויף אים. רינגעלבלום האָט זיך צוליב דעם אַ געוויסע צייט אויסבאַהאַלטן.

[463]) אַדאַם טשערניאַקאָוו.

בכה ואמר שהוא לא מסכים עם התחום המושב. מען צאָלט שוין 2.500 זל אָפּ־טריט־געלט פאַר פאַרוואַלטונג מיט די יידישע הייזער, דאָס זעלבע פאַר קאַנצעסיעס פון מאַנאָפּאָל־אַרטיקלען. אין די הייף רעדט מען אַ סך וועגן קאָלעקטיוון קאָכן פון אַלע שכנים, צוליבן מאַנגל אין האָלץ און קוילן.

אין לאָדזש דאָס זעלבע, דאָרט איז גלייך דעם דריטן טאָג געמאַכט געוואָרן אַ קעסל אַפילו פאַר קאָכן קאַווע. געהערט ווי אַזוי רומקאָווסקי (חיים מרדכי) האָט אויסגעראַטעט די לאַפּוועקעס ביי די אָרדנער [464], אַריינגעקומען אין צימער און אַראָפּגעריסן די שליפעס ביי די ערשטע 10 אָרדנער, געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין צייט אויף קיין סלעדזטוועס [465]. זייער גוט אַדורכגעפירט די איבערזידלונג אין לאָדזש. געהאָט צו הילף די אַשכנזישע שומרים, וואָס זענען געקומען צו הילף אין פאַל פון קעגנזעצן זיך מצד קריסטסטן. דעמאָלט אומגעקומען אין נאַכט 7, די צווייטע 70 און די דריטע 133, צוזאַמען 300 (אין לאָדזש).

נהרג היינט דעם 19 נאָוו[עמבער] אַ קריסט, וואָס האָט איבערגעוואָרפן אַ זאַק ברויט איבער דער מויער. דער וועגנראַוועער רב איז געשטאָכן געוואָרן פאַראַיאָרן, דאָס בלוט האָט גערונען און ער האָט ווייטער געאַרבעט אַזוי 4 שעה, ביז ער איז אויסגעגאַנגען אין בלוט. אַ סך יידן פאַרמעגלעכע, וואָס האָבן ביז איצט נישט געגעבן קיין גראָשן אויף דער זעלבסטהילף, האָבן פּלוצים אָנגעהויבן געבן גרעסערע געלטער אויף פּראָדוקטן פאַר די אָרעמע פון הויף. די שפּיל וועגן דעם געטאָ דויערט ווייטער. מען זאָגט, אַז אין דעם לאָדזשער געטאָ איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די עלעקטריע. יידן מוזן זיצן אין דער פינצטערניש. פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג, אַז די עלעקטריע פאַר יידן וועט קאָסטן 4 מאָל אַזויפיל ווי פאַר קריסטן, דאָס זעלבע גאַז. אַ גוטע אידיי.

היינט דעם 20־טן נאָוו[עמבער] אַ קלאַנג, אַז דאָס געטאָ וועט געעפנט ווערן אויף 5 טעג און דערנאָך וועט עס הערמעטיש (נאָכן 25) פאַרמאַכט ווערן. אַ קלאַנג, אַז זיי וועלן באַשפּייזן דאָס געטאָ בתנאי, אַז מען וועט צאָלן מיט גאָלד און וואַלוטע. מען זאָגט, אַז דאָס לאָדזשער געטאָ איז געעפנט געוואָרן. — דאָס גיהנום אויף ראָג כלאָדנאַ — זשעלאַזנאַ דויערט ווייטער. מען הייסט גאַנצע גרופּן מיטאַמאָל זייער שנעל אַריבערגיין, מען טרייבט ווי היינט. אַפילו פון דאַראָזשקעס ציט מען אַראָפּ דעם עולם. אַ גרופּן ייד[ישע] אָרדנער האָט מען אַ לענגערע צייט געאיבט אויפן טעאַטער־פּלאַץ. 50 אָרדנער זענען צוליב דעם אַלעם אַרויסגעטראָטן. מען זאָגט, אַז די סחורות פון ייד[ישע] געשעפטן אויסערן געטאָ זענען שוין צוגענומען געוואָרן טיילווייז דורך דער מאַכט.

עס קומט אָפּט [פאַר], אַז יידן רעקאָמענדירט דורך געלעגן באַקומען דורך זייער רעקוויזיציע דירות. צוויי יידן געבליבן אין זשאַליבאָזש ביי זיי־

---

464) יידישע פּאָליציי־אָרדנער.

465) פון פּויליש: אויספּאָרשונגען.

ערע קריסטלעכע שכנים — — נישט געהייסן זיך אַרויסציען — — קומען מיט רעקאָמענדאַציע־בריוו פון די גאַלעען וועגן באַקומען מאָנאָפּאָל־ליצענצן.

21, 23 נאָוועמבער 1940

אין אָטוואָצק איז איינגעפירט געוואָרן צוויי געטאָס: אַ קור־געטאָ און אַ וווינונג־געטאָ [466]. פון שבת 8 אין אָוונט ביז מאָנטיק א זייגער 8 טאָר מען נישט אַרויסגיין אין גאַס. אַזוי מעג מען פון 10 ביז זעקס אַרויסגיין מחוץ דעם געטאָ. די ייד[ישע] הענדלער פירן פּראָדוקטן, עופות וכדומה פון דער[467] ווייסל־ליניע קיין וואַרשע. מען צאָלט אָפּ פון וואַגאָן. דער קאָסט 250 זל. — זאָגט דער קאָנדוקטאָר, דער צווייטער קאָסט 300 זל. געווען אַ קאָנטראָל פאַרמאַכט ביידע טירן און נישט געלאָזט אַריין. אויך אַן אַשכנז איבערגעקויפט פאַרן פּרייז פון 40 זל. אַ טייל וואַרשעווער יידן פאָרן אַרויס אין דער פּראָווינץ. ביים איבערציען זיך אין געטאָ האָבן באַקאַנטע געשיקט בלומען. קיינמאָל נישט פאַרקויפט אַזוי פיל בלומען ווי דעמלט. ביים אָנהויב פון מלחמה אָדער פאַרן באַזעצן דורך אַשכנזים אָדער אין די ערשטע וואָכן האָבן די בעלי־בתים געגעבן זייערע אָנגעשטעלטע זייער אַ סך געלט ביים ליקווידירן די געשעפטן. עטינגאָן אין לאָדזש פאַר אַ יאָר, אַנדערע פאַר 6 חדשים און מער, אַנדערע געוואָלט געבן די אָנגעשטעלטע סחורה, אָבער זיי נישט געוואָלט — — פּראַגער פּליטים האָבן זיך איבערגעפירט אַזוי: מ'האָט אָנגעלאָדן אַ וואָגן מיט בעבעכעס און זיך אַליין און די מענטשן געלאָזט אינמיטן — —

בשעת דער באָמבאַרדירונג איז אין אַ טייל פּאַרטער־וווינונגען, אָדער אויך די נידעריקע שטאָקן פון הויכע הייזער. געווען אַ סך מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פאַר די באָמבעס. אין איינער אַזאַ וווינונג, לעשנאָ 5, נישט געוואָלט אַריינלאָזן דעם בעל־הבית, ווייל עס איז דאָ צופיל מענטשן. מען איז געשלאָפן אין קאָרידאָרן, אין צימערן אָן פענצטער, גאַנצע פּילאָזאָפיעס, ווי אַזוי מען קאָן זיך אויסהיטן פון באָמבעס.

די שומרים פון וואַרש[עווער] געטאָ זענען לאָדזשער שומרים. אויסגעאיבט אין דער מלאכה. היינט געווען די לאָזונג: „לאַנגזאַם, נישט לויפט ווי בעכטן". געהייסן אַ יידן קניען און אים אָפּגעפּישט. מען האָט אויף כלאָדנע געשלאָגן אויף פּרויען. ביי די פּאָלאַקן האָט דאָס געטאָ אַרויסגערופן גרויסע באַאומרואיקונגען, זיי האָבן מורא, אַז איצט וועט מען זיך נעמען צו זיי: מ'וועט באַשטימען טרויהענדער, צונעמען מעבל וכדומה. היינט געווען אַ קלאַנג, אַז דאָס ענגל[ישע] און ר. פ. [ראַטנפאַרבאַנדישע] ראַדיאָ אָנגעגעבן יעדע האַלבע שעה: „אַ האַלבער מיליאָן יידן ווערן איינגעמויערט אין

466) זע הערה נר. 377.

467) ד. ה. אָן באַן־בילעטן, נאָר מיט באַנקנאָטן פון באַנק עמיסיני, וואָס מיט זיי פלעגט מען איבערקויפן די קאָנדוקטאָרן.

אַ געטאָ" [468]. וואָס איז דער שכל מיט מאַכן גימנאַסטיק מיט די ציגל אויף כלאָדנע? מען גיט צוויי ציגל, איינע אַ לייכטערע, די צווייטע אַ שווערערע. ביים איינבייגן זיך קען נישט דערהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט. כדי אויסצומיידן דעם ראָג זשעלאַזנע—כלאָדנע גייט מען אַראָפּ טיף אין כלאָדנע און פון דאָרט דורך כלאָדנע 29 קומט מען אַרויס אויף קראָכמאַלנע. מען האָט זיך וועגן דעם דערוווסט און צוגעמויערט דעם דורכגאַנג דורך דעם הויף.

די צוריקגעקומענע פון די אָבאָזן אַ טייל געקומען אין די גאַטקעס. נעכטן דעם 20־טן נאָוו[עמבער] צוגענומען איבער 800 יידן פון די בעטן אין די אַרבעטס־לאַגערן, צוגענומען אויך קראַנקע און נישט געשיקט צו דער מעדיצ[ינישער] קאָמיסיע. געהערט וועגן צוויי פאַלן, ווען פרויען אָפּגע־טרעטן פון וועג אַנשי חייל, יענע געוווּנדערט זיך און געזאָגט, אַז זיי ווייסן נישט וועגן אַזאַ פאַראָרדנונג. — אויף די גאַסן איז ווייטער אַ שרעקלעכע באַוועגונג. דער עולם [לויפט] פול מיט שרעק, אָבער די יוגנט שפּאַצירט ווייטער אויף לעשנאָ.

אין זאַפּיווקע דאַרפן אָנקומען 150 יידן פון בערלין. בכלל איז נישט געווען קיין שום פאַרבינדונג צווישן די פּוילישע יידן און די יידן פון אַנדערע לאַנדטיילן פון רייך. אויך די קריגסגעפאַנגענע האָבן זעלטן ווען געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט די יידן פון די אַנטשפּרעכנדיקע שטעט.

דער יקרות וואַקסט פון טאָג צו טאָג. קאַרטאָפל קאָסטן היינט, צוויי טעג פאַרן שליסן דאָס געטאָ (23 נאָוועמבער), 95 זל. בשעת פריער 30 זל. ברויט איז נישט צו באַקומען, דער פּרייז איז 4 זל. אַ קילאָ, דאָס זעלבע מיט מעל און אַנדערע. מען קויפט אויס אַלע געוועלבן.

דער רבונו של עולם האָט אַראָפּגעשיקט אַ מלאך אויף דער ערד, ער זאָל זען וואָס עס טוט [זיך]. ער איז צוריקגעקומען און פאַרציילט: אין דייטש־לאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן זענען אַלע מונדירט און רעדן וועגן שלום. אין ענגלאַנד גייען אַלע ציוויל און רעדן וועגן מלחמה, אין פּוילן גייען אַלע אַרום באָרוועס און גלויבן אין נצחון (די יידן אין פּוילן זאָגן, אַז עס וועט גוט זיין).

„באַטאַליאָן טשאָלגווו" — רופט מען די יידן, וואָס מוזן אַדורכגיין אין פּירן דורך זשעלאַזנע.

היינט האָט מען נישט אַריינגעלאָזט קיין קריסטן מיט פּראָדוקטן. די סיבה די — — [אָנקלאַגע] פון די פּאָלאַקן, אַז אַלץ ווערט אַרויסגעפירט פון דאָרט אַהער. — מען רעדט וועגן אויפבויען צוויי בריקן (וויאַדוקטן) צווישן סאָלנאַ און ציעפּלאַ און צווישן באָניפראַטערסקע און פּשעביעג.

די ס. ס. האָט פון 800 יידן, וואָס זענען ביי איר באַשעפטיקט, נישט געקוקט אויף די ענערגישע ווענדונגען צום באַשעפטיקן פּאָלאַקן, בסך הכל

---

468) וועגן פאַרשפּאַרן אַ האַלבן מיליאָן יידן הינטער די געטאָ־מויערן אין וואַרשע האָט אויך געשריבן די פּוילישע אונטערערדישע צייטונג „וואָלנאָשטש" („פרייהייט"), וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן די גרופּע פון פּפּס „גוואַרדיאַ", אין עם נומער 2 פון 10 פעברואַר 1941.

רעזיגנירט פון 50, אָבער נישט גענומען אויף זייער אָרט קיין קריסטן. אַ מענטש, וואָס האָט באַזוכט יענע גאַסן, פאַרציילט וועגן דעם גרויסן אונטערשייד. דאָרט פרייע באַוועגונג. מענטשן באַוועגן זיך פריי, עלעגאַנט געקליידעט, די קאַפּעען פול מיט מענטשן, די גאַסן פרייע נישט אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן ווי אין געטאָ. מען מאַכט שלעכטע האָראָסקאָפּן וועגן יידן.

26, 27 נאָוועמבער 1940

— — דאָס זעלבע אויף קראָכמאַלנע. צוויי מונדירטע אָנגעפאַלן אויף גרייז־גרויען שווערצעניטער [469] און אַראָפּגעוואָרפן דעם הוט מיט אַ קלאַפּ. בלומזייד [?] דעם לאָמען געהייסן אויף כלאָדנע מאַכן גימנאַסטיק, אַראָפּגעצויגן פון דראָזשקע (אַ זעץ אויף זייער אויטאָ [?]) געהייסן שטיין בלייבן, נאָכגעשאָסן, אַוועקגעפלויגן.

היינט דעם 26 נאָוו[עמבער], דעם לעצטן טאָג פון אָפענעם געטאָ, זיינען געקומען מאַסן קריסטן, כדי צו קויפן סחורות אויף נאַלעווקעס און אַנדערע גאַסן. אין אָוונט האָט מען געקענט זען ווי ביי די טראַמווייען מאַסן קריסטן מיט פעקלעך און וואַליזקעס. אויף די הייפן אַנשטייען קרייזן פון לערנען קאָכן. ביי די פּאָלאַקן איז פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דאָס געטאָ איז באַזאָרגט מיט פּראָדוקטן אויף 1½ יאָר. געהערט פון אַ עבֿד, אַז אויפן פּראָגנט האָט מען אַ סך יידישע אַנשי חייל דערהרגעט, אינווייניק איז די באַציונג צו זיי געווען אַ נאָרמאַלע. היינט האָט דער מעגאַפאָן געזאָלט אָנגעבן, אַז דאָס געטאָ ווערט פאַרמאַכט. אין די ערשטע טעג פון געטאָ איז אָנגעקומען אַ סך דעפּעשן פון אַמעריקע צו קרובים מיט דער אָנפראַגע וואָס צו שיקן. מען דערמאָנט איצט, אַז געוויסע פאַראַנטוואָרטלעכע אַשכנזים דיגניטאַרן האָבן דערקלערט מיט איניקע חדשים צוריק, אַז קיין געטאָ וועט אין וואַרשע נישט זיין. אַפילו אָרענטלעכע קריסטן גיבן נישט אָפּ די זאַכן, וואָס זיי האָבן גענומען ביי יידן. זיי פאַרלאַנגען געלט פאַר אָפּהיטן די זאַכן: אַנדערע דערקלערן, אַז וועלן אומקערן נאָך דער מלחמה. אַ מעשה מיט אַ דענטיסטישן קאַבינעט, נישט געוואָלט אומקערן. היינט געווען אַ סך קריסטן זיך געזעגענען מיט זייערע יידישע פריינט. אין די לעצטע טעג אַ מאַסנהאַפטע דערשיינונג, אַז קריסטן געקומען צו זייערע יידישע פריינט מיט שפּייז־פעקלעך, בלומען אין די נייע וווינונגען.

דער פרייז פון קוילן איז מוראדיק געשטיגן, היינט באַטרעפט ער פאַר אַ טאָן... מען האָט מורא מען זאָל נישט אָפּשטעלן די גאַזאָווניע און עלעקטראָווניע אין ייד[ישן] פירטל. עס הערשט ביי די אַשכנזים דער טיפער גלויבן, אַז יידן זענען שולדיק אין מלחמה. בשעת אַן אויספאָרשונג געזאָגט צו איינעם: צוליב אייך יידן איז דערהרגעט געוואָרן אַ מיליאָן אַשכנזים. צוליב אַ פאַבריק אויף קראָכמאַלנע געמוזט טיילן די גאַס אויף צוויי טיילן

469) צענטנערשווער.

און אַרומגעמען מיט אַ לאַנגן פּאַרקאַן און דערביי צוגענומען אַ גרויסע צאָל געוועלבער פון מיראָווסקאַ.

היינט דעם 26 נאָוו[עמבער] האָט די ייד[ישע] פּאָליציי געמאַכט אָרד־נונג אויף קאַרמעליצקאַ, געמאַכט אַן איינזייטיקע באַוועגונג. געהערט, אַז צו אַ פּוילישן פּראָפעסאָר געקומען זיין אַשכנזישער פריינט אויף מיטאָג, געקענט אים פון צוזאַמענפּאַרן, פאַרגעלייגט אים אין אָוונט צו גיין ווילן זיך. דער פּאָלאַק געענטפערט, אַז היינט ווילן זיי זיך נישט, דערויף יענער גע־ענטפערט, אַז נישט געמיינט קיין לאָקאַל, נאָר שלאָגן יידן אין ייד[ישן] קוואַרטאַל. מען זאָגט, אַז שטאָט זונטיק וועט דער רוטאָג אין געטאָ זיין שבת. מען זאָגט, אַז עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער שמוגל דורך הייף, מויערן וכדומה. היינט אַרויס אַ פאַראָרדנונג, אַז טראַמווייען מיט אַריער וועלן זיך נישט טאָרן אָפּשטעלן אין ייד[ישן] רעוויר. אַ קריסט האָט היינט פאַרקויפט פּוטער אויף אַזאַ אופן: ער האָט געהאַט 12 קעשענעס אונטערן פּאַלטן, אין וועלכע עס זיינען געלעגן פּעקלעך פּוטער. די ייד[ישע] פּאָליציאַנטן האָבן באַקומען קאַשקעטן און זיי באַגריסן די — — [470].

היינט איז ווידער געווען באַדראָט 70—78. די שול קאָנאַרסקי וויל זיך נישט אַרויסציען, האָט מען געזאָגט. אויך אויף באַגנאַ זיינען איי־ניקע הייזער באַדראָט.

אַ יידישער אַרבעטער געאַרבעט אויף אַן אָרט, ווּו קיינער נישט געזען, צוגעגאַנגען צו אים אַ איש חייל... און געזאָגט „דו ביסט נישט קיין ייד, נאָר אַ חבר", געדריקט אים די האַנט. אַ גרויסער אוצר פון ספרים פאַרברענט בשעת אָקטאָבער זיינען צוליב דעם פאַרשוונדן. האָבן פאַרניכטעט וויכ־טיקע רוסישע און אַנדערע אויסגאַבן, גאַנצע ביבליאָטעקן.

היינט דעם 27 נאָוו[עמבער] האָבן קאַרטאָפל געקאָסט 7 — 8 זל. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שמוגל פון דרויסן. אַ הויף אויף שליסקע איז דערפאַר אָפּגעריינקט געוואָרן פון ייד[ישע] לאָקאַטאָרן. מען שמוגלט דורך פּאָד־קאָפּן אין אַ טייל הייזער, דורך חרוב געוואָרענע הייזער ווי עק לעשנאָ ווו מען האָט פאַרנאַכט איבערגעוואָרפן עטלעכע זעק מיט מעל אויף עלעקטאָראַלנאַ—כלאָדנאַ שטייט אַ חבורתא פון 30—40 ייד[ישע] קינדער, וואָס לויפן אַריין אין די האַלעס און קויפן דאָרט ברויט און אַנדערע פּראָ־דוקטן, ווען דער שומר דרייט זיך אויס.

דער אונטערשייד פון פּרייזן צווישן געטאָ און דרויסן: ברויט 4 זל. אַ קילאָ, דאָרט 2,50; פּוטער — — קוילן קאָסטן ביי 1000 זל אַ טאָן. פּעטס 60 [?]. טיילמאָל ווערט אַריבערגעוואָרפן איבער די מויערן. אַ געוויסער שמוגל איז געפירט געוואָרן אויפן יידישן בית־עולם, ווו עס איז פאָרגעקומען אַ גרויסער האַנדל, אַפילו 8 קי זיינען דאָרט פאַרקויפט געוואָרן. די שומרים האָבן געמאַכט אַ סוף און איצט ווערט שוין אַרום געמאַכט אַ מויער. די ייד[ישע] פּאָליציאַנטן האָבן שוין כמעט — —

470) דער רעשט זאַץ נישט ליינבאַר.

29 נאָוועמבער — 2 דעצעמבער 1940

מיינע ליבע!

דער שמוגל דויערט היינט ווייטער (דעם 29 נאָוו[עמבער], באַזונדערס אויפֿן בית־עולם, ווו מען האָט דערלויבט די ייד[ישע] פֿרויען אַריבערגיין אויף יענער זייט און קויפֿן דאָרט 3 ברויט. מען האָט אַריבערגעוואָרפֿן אַפֿילו קי איבער די מויערן. מען פֿירט אויך אַריין סחורה אין גאַנצע וועגע־לעך. דער יקרות וואַקסט שטאַרק. צוקער קאָסט 13—14 זל. ברויט איז אביסל געפֿאַלן, 4 זל. א קילאָ, ווייל מען שמוגלט אַריין אָן מאָס. דער דאָ־לאַר איז געשטיגן, 39 פּאַפּירענער, 72 דער גאָלדענער, אין לאָדזש 12 און 18.

ווען א ייד[ישער] פּאָליציאַנט שפּרייט אויס די הענט, הייסט דאָס „אוי יידן, ס׳איז נישט גוט". ווען ער הויבט אויף, זאָגט ער: „אַז גאָט וועט נישט העלפֿן", אַראָפּלאָזנדיק די הענט: „ליגן מיר אין דער ערד". מען זאָגט, אַז יידן זאָלן מער נישט אַרבעטן אויף די פֿאַרשיידענע פּאָזיציעס, זיי וועלן פֿאַרטרעטן ווערן מיט פּאָלאַקן. קאָרטשאַק האָט דערקלערט, אַז ער טראָגט נישט און וועט נישט טראָגן קיין אָפּאַסקע. מען שיקט אים אַרויס קיין לובלין אין א לאַגער.

די רעליג[יעזע] יידן, די רבנים האָבן נישט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן ניצוץ פֿון קידוש השם. געצוונגענערהייט אונטערגעצונדן בתי־תּפילה אין א טייל פּראָווינץ שטעט. היינט האָט מען ווידער אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם אַריינקומען פֿון די רוסן אין דער גובערניע. דאָס זאָל פֿאַרקומען דעם 10 יאַנואַר. דאָס איבערזידלען פֿון די אשכנזים פֿון וואַרשע זאָל שטיין אין צוזאַמענהאַנג דערמיט. אין די ייד[ישע] קרייזן ווערט קריטיקירט די האַל־טונג פֿון דער פּויל[ישער] באַפֿעלקערונג. עס ווערט דערציילט וועגן פּאָ־לאַקן, וואָס האָבן אין טראַמוויי אויסגעדריקט זייער צופֿרידנקייט, וואָס עס איז מקוים געוואָרן דער חלום וועגן וואַרשע אָן יידן. מען ווייזט אָן, אַז ווען מען האָט אין אַנטווערפּן איינגעפֿירט בינדעס פֿאַר יידן, האָט די גאַנצע באַ־פֿעלקערונג אָנגעטאָן די בינדעס און צוליב דעם האָט מען דאָס אָפּגעשאַפֿן. אין פּאַריז, ווו מען האָט יידן געהייסן גיין אויף דעם שאָסיי, האָבן דאָס אויך די פֿראַנצויזן געטון און דערמיט גורם געווען דאָס אָפּשאַפֿן. ביי די פּאָלאַקן איז דאָס נישט געווען, פֿאַרקערט, דאָס וואָרט „יודע" האָט מען אָפֿט געהערט. עס הערשט א גרויסע באַאומרויקונג צוליב דעם, וואָס מען גיט נישט די יידן קיין קאָנטיגענט־קאַרטאָפֿל און נישט קיין אַנדערע פּראָדוקטן. עס דראָט א סכנה, אַז די קיכן זאָלן זיך פֿאַרמאַכן. אין דעם „קוריער וואַרש[אַווסקי"] ווערט לעצטנס פֿאַרעפֿנטלעכט א ריי אַרטיקלען וועגן דער פּוילישער רעגי־רונג און וועגן די הינטער קוליסן פֿון דעם פּרעזידענט א. א. פֿון צייט צו צייט ווערן דאָרט אַריינגעמישט יידן און משומדים און נאַטירלעך, אַז די יידן זיינען אין אַלעם שולדיק. יידן ווי ד״ר גאָראָדינסקי, זאַגייסקי, זאַגאַיע־ווער א. א. האָבן געמאַכט גרויסע און גוטע געשעפֿטן מיט דער הילף פֿון

דער פּרעזידענט־משפּחה. אָנגעקומען כלומרשט אַ בריוו פון אַמעריקע, ווו מען פרעגט זיך, צי עסט מען ווי אין יום־כּפּור, צי ווײנט איר ווי אין סוכּות, צי גייט איר אָנגעטון ווי אין פּורים. קאָרטשאַק האָט דערקלערט אין געריכט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געטראָגן קיין בינדע און וועט אויך נישט טראָגן אין דער צוקונפט, ווייל ער איז אַ פּוילישער ראָש[471]. דאָרטן — רופן די יידן דעם דורכגאַנג דורך כלאָדנאַ־זשעלאַזנע. אין לאָדזשער געטאָ זיינען מענטשן געשוואָלן געוואָרן צוליב דעם מאַנגל אין פרישע ירקות, וויטאַמינען האָבן געפעלט.

היינט דעם 2 דעצ[עמבער] דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז מען האָט איבער 500 יידן פון קראָקע געכאַפּט אין גאַס אָן אויסווייזן און געשיקט קיין מעזריטש. דער אונטערשייד אין פּרייזן צווישן געטאָ און אַרישן זייט איז פאָלגנדיק: פלייש אַ קילאָ 7 און 12—13, פּוטער 24 און 27—30, ברויט 2.50 זל. אַ קילאָ און 4זל. צוקער 7 זל. און 10 זל. דער שמוגל נעמט אָן גרויסע דימענזיאָנען, אַ דאַנק דעם איז נאָך דאָ ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן. געהערט, אַז מען האָט צונויפגעזאַמלט פון די בוכהאַנדלונגען די ווערק פון ייד[ישע] מחברים אין פּויליש און זיי פאַרברענט, קאָנקרעט וועגן אַ בוכאַלטעריע פון אַ יידישן מחבר.

בהמות זענען געפלויגן איבער די דעכער. דאָס נס האָט פּאַסירט אין וואַרשע בשעת דעם שמוגלען בהמות און חזירים אין געטאָ. פּאַראַיאָרן, ווען דער לובאַוויטשער רבי איז אַרויסגעפאָרן, די גאָלדענע באַקומען נומבּראַגע פון פאַרשיידענע אַמבאַסאַדעס: לעטלאַנד, אַמעריקע א. א. געקומען נומבּראַגן אפשר דאַרף מען האָבן געלט אויף אַרויספאָרן. לעצטנס פאָרן אײנצעלנע פּערזאָנען קיין אַמעריקע. מען זאָגט, אַז עס וועלן זיין אויסווייזן. עס מערקט [זיך] אַ קאָלאָסאַלער אונטערשייד בנוגע דער ריינקייט צווישן די ייד[ישע] און נישט ייד[ישע] גאַסן. עס ווערט נישט זייט עטלעכע טעג פאַרקערט. דאָס מיסט ווערט נישט אַרויסגעפירט אַזוי, אַז עס אַנטשטייען עפּידעמיעס. לע[שנאָ] 13 געשאַפן אַן אָפּטיילונג צום קאַמף מיט וווכער[472], אָפּהענגיק פון די גאַלעצן. אַלעיאַ „שמענדריקווו" הייסט די שענאַ גאַס. אַ טייל פאַמיליעס זיך געמוזט טיילן, דער קריסטלעכער טייל איז אַריבער אויף יענער זייט, דער ייד[ישער] איז געבליבן אין געטאָ. די פּאָלאַקן דאַרפן איצט צושטעלן פאַפּירן פון אַרישער אָפּשטאַמונג ביזן 4־טן דור. אַ יונגער־

---

471) קאָרטשאַק איז געווען אַן אָפיציר פון דער פּוילישער אַרמיי.

472) אין ראַש פון דער געסטאַפּאָ־אַגענטור זענען געשטאַנען אברהם גאַנצוייך, דוד שטערנפעלד. — דאָס א. ג. „דרייצנטל" איז אַנטשטאַנען אנהייב דעצעמבער 1940 און זיין אָפיציעלער נאָמען איז געווען: „פּרייז־איבערוואַכונגס־שטעלע". יידן האָבן עס גערופן „דרייצנטל", ווייל די דאָזיקע אינסטיטוציע האָט זיך געפונען אויף לעשנאָ 13. דער אַמט האָט כלומרשט געדאַרפט באַקעמפן אין געטאָ די צו הויכע פּרייזן, דעם וווכער, שמוגל א. א. פאַקטיש איז ער געווען נישט מער ווי אַ יידישע עקספּאָזיטור פון געסטאַפּאָ. די אינסטיטוציע איז ליקווידירט געוואָרן דעם 17 יולי 1941.

מאַן [?] באַזוכט געוואָרן מאַסנווייז דורך זיינע קריסטלעכע קאָלעגן, געבראַכט אייער, פּראָדוקטן און פעטס. אַזאַ בילד: אויף דער גערדיכט באַזעצטער לעשנאָ־גאַס גייען צוויי שומרים, פאַר זיי גייט אַ יידישער שומר און הייסט אַלעמען אַראָפּנעמען דעם הוט, ווייל עס דראָען מלקות פאַר די, וואָס האָבן נישט באַמערקט יענע. מען זאָגט, אַז אין דער מויער אויף זימנאַ־גאַס האָט מען פאַרטאָג געפונען אַ גרויסן לאָך, דורך וועלכן מען האָט געשמוגלט פּראָדוקטן. אויף דער גאַס האַנדלט מען איצט שטאַרק מיט שטיקער ברויט. אויף יעדן שריט און טריט שטייען אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אויסער די גרענעצן פון געטאָ. זיי ברענגען גאַנצע טאָרבעס מיט ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן. אויף אַ גאַנצער ריי גאַסן: זשעלאַזנע, קאַרמעליצקאַ דאַרף אַדורכגעפירט ווערן אַן אייגנזייטיקע באַוועגונג. דאָס איז אַ גאַנץ גוטע זאַך, ווייל אַנדערש איז נישט מעגלעך אַדורכצוגיין די גאַס. בדרך כלל פילט זיך דער עולם זיכערער, ווען נישט די מורא פאַר דעם מאַנגל אין לעבנסמיטל און קוילן, וואָלט מען געקאָנט ווי נישט איז לעבן. מיט אַ וואָך צוריק אין די הייסע טעג פון זשעלאַזנע־כלאָדנע האָט אַ שומר געהייסן אַ יידן קניען און אים באַפּישט. געהערט, אַז ווען דער וולאָצלאַוועקער יידן־ראַט איז אויפגענומען געוואָרן דורך אַ מושל, האָבן זיי זיך פאַר שרעק באַפּישט (אויטענטיש). די דאָקטוירים פון ייד[ישן] שפּיטאָל, וואָס איז דערווייל אויסערן געטאָ, האָבן נאָך נישט קיין פּשעפּוסטקעס אויף יענער זייט. אַ דאָקטאָר (יאַבלאָנסקי) געמאַכט אַ טרעפּאַנאַציע פון מוח און דעם צווייטן טאָג נישט געקאָנט צוריקקומען, דער פּאַציענט איז וואַרשיינלעך געשטאָרבן. מען זאָגט, אַז אויף גשיבאָוו איז דעם זונטיק פאָרגעקומען אַ גאָטעסדינסט פון די משומדים אין דאָרטיקער קירך. מען האָט דערוואַרט אַ רעדע פון אַ גלח, אַז די משומדים וועלן קאָנען אַרויס פון געטאָ. דאָס איז אָבער נישט געשען. עס טרעפן אָפט פאַלן פון אַדורכלאָזן קינדער, וועלכע קויפן אויף יענער זייט ברויט. אין חודש דעצעמבער וועט דער מאַגיסטראַט באַשפּייזן די ייד[ישע] באַפעלקערונג, פון יאַנואַר די קהלה.

פאַרוואָס האָבן די גריכן געזיגט אין אַלבאַניע? ווייל אונטער יעדן בוים איז געשטאַנען אַן ענגלענדער, וואָס האָט געמאַכט אַן אָנשטעל פון אַ גריך. מען זאָגט, אַז די פויל[ישע] ליניקע האָבן באַשלאָסן צו העלפן דער יידי[שער] באַפעלקערונג. יעדער וועלכער האָט נאָר אַ מעגלעכקייט, קומט אַרייַן אין געטאָ און ברענגט פּראָדוקטן צום פּרייז פון אויסערן געטאָ. צו איינעם געבראַכט צוויי קילאָ חזיר־שמאַלץ. די [יידישע] אונטערנעמונגען אויסערן געטאָ (4.000) וועלן ווערן אָפּגעשאַצט און דורך אַ טויש־שטעלע פאַרקויפט ווערן. מסתמא וועלן די ייד[ישע] אייגנטימער נישט באַקומען מער ווי 10% 20% פון ווערט. די געמיינקייט פון אַ רב איינעם קאַצענעלבאָגן געטראָגן אַ רויטן קרייץ, כדי אויסצומיידן אומאַנגענעמלעכקייטן.

ווי עס איז געווען פּראָוויסצוזען, האָט דער שמוגל שוין געבראַכט די ערשטע קרבנות. מען האָט אַריינגענאַרט אויף יענער זייט אָקאָפּאָווע (אַשכנזישע שומרים) יידן און דאָרט נהרגו. אַ ייד[ישער] מיליציאַנט נהרג דער־

פאַר, ווייל געוואָלט געבן כאַבאַר. ייד[ישע] שומרים איינגעשפּאַרט. דערוויי־
לע איז אַלץ געוואָרן ביליק אין די געשעפטן. עס האָט אויפגעהערט דאָס
מאַסנהאַפטע איינקויפן, ווי דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג פון געטאָ.
חברה ווייסע שטייען ביי די ראָגן פון די גאַסן און כאַפּן זיך אַדורך אויף
יענער זייט. קריסטן קויפן אויס מאַסנווייז ביי יידן סחורה. אויף מוראַנאָוו,
נעבן זאמענהאָפא, געפרווט אַריינשמוגלען קי. ייד[ישע] טרעגערס פאַר־
לאַנגט 500 זל. 6 נישט געוואָלט געבן, געמסרט, צוגענומען די קי און דעם
פויל[ישן] פּאָליציאַנט איינגעשפּאַרט.

היינט אָנגעקומען אויף פורן יידן פון פּיאַסעטשנאַ, פרויען און קינדער
אויף וועגעלעך, מענער גייען צו פוס. דאָס נעמען כאַבאַר אין קהלה בליט.
דער פּאָסטן פון א פּאָליציאַנט קאָסט 300 זל., פון פּאָסט 500 זל., אַנדערע
1000 און מער. עס קומען [פאַר] טאָג טעגלעך פאַלן פון פּאַרווונדן ייד[ישע]
קינדער ביים שמוגלען ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן. די פּרייזן זיינען אין
די לעצטע טעג געפאַלן. די מעשה פּיאַסעטשנאַ איז פּאָלגענדע: די קהלה
גענתנט דעם בירגערמייסטער, ער זאָל ערקלערן, אַז עס איז נישט מעגלעך
צו שאַפן קיין געטאָ. דאַן געכאַפּט יידן אין גאַס און דערנאָך פאַרלאַנגט
1000 יידן צום אַרויסשיקן. די קהלה אָנגעגעבן די קאָנסומענטן פון דער
אַרטיקער פאָלקס־קיך, אַזוי אַרום געקומען קיין װאַרשע די סאַמע אָרעמסטע.

פאָרגעקומען א סאניט[אַרע] קאָנטראָל אין אַלע הייזער, כדי פעסטצו־
שטעלן, צי זיינען נישט פאַראַן קיין טיפוס קראַנקע. פעסטגעשטעלט, אַז עס
זיינען נישט פאַראַן קיין קראַנקהייטן. אין פוי[לישן] טייל יעדן טאָג אַנ־
דערע טיפוס פאַלן הגם יידן נישטאָ. אפילו די טעאַריע, אַז יידן זיינען באַ־
צילן־טרעגער פון טיפוס נישט געהאָלפן. געהערט וועגן א פּ.פּ.סישן אויפ־
רוף קעגן געטאָ. אין דעם אויפרוף ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז געליטן
האָבן נישט בלויז יידן, נאָר אויך פויל[ישע] אַרבעטסמענטשן, וואָס האָבן
פאַרלוירן זייערע װאַרשטאַטן.

7 — 10 דעצעמבער 1940

מיינע ליבע![473]

היינט דעם 7 דעצ[עמבער] האָב איך געהערט, אַז מ׳האָט אַרויסגעטריבן
2.000 מאַן פון ראדאָם און געשיקט אין די שכנותדיקע קליינע שטעט־
לעך[474]. באַרוך איז איינגעשפּאַרט געוואָרן פאַר נישט טראָגן קיין בינדע. ער
האָט דערקלערט, אַז ער וועט נישט טראָגן קיין בינדע און אַז ער האָט
קיינמאָל נישט געטראָגן, ווייל ער באַטראַכט דאָס פאַר א באַליידיקונג.
מ׳האָט אים געשיקט קיין אָשוויענטשים, דאָרט איז ער געשטאָרבן. פון א

473) קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.
474) זע הערה 455.

סך מענטשן פון דאָרט זענען אָנגעקומען באַפעלן, אַז די פאַמיליע זאָל אָפּ־נעמען דאָס אַש פון די פארשטאָרבענע. — בשעת אין קראָקע איז געווען א ייד[ישע] דעלעגאַציע און פאַרציילט וועגן דער גימנאַסטיק, האָט ער גע־פרעגט וויפל יידן, ווען ער האָט זיך דערוווסט, אַז 20% האָט ער דערקלערט, אַז מ׳מוז צוגעוווינען די יידן צו אָרדנונג. מען פאַרציילט, אַז קריסטלעכע דינסטן האָבן נישט קיין פשעפּוסטקעס, געווען אויפגעבראכט, הלמאי מען האַלט מענטשן, וואָס האָבן מיט עטלעכע יאָר צוריק געמאַכט פּאָגראָמען אויף יידן. אין אַרישן טייל פון ווארשע איז שטאַרק פאַרשפּרייט דער טיפוס, דעריבער האָט מען געמאַכט א קאָנטראָל אין אַלע יידישע דירות, צי זענען נישט פאַראַן קיין פארבאהאלטענע פאלן, אָבער מ׳האָט נישט אַנטדעקט קיין איינעם. געהערט, אַז די משומדים ווילן האָבן אן אייגן געטאָ אין די ראמען פון געטאָ.

אין ריפּיק האָט מען צוגענומען די מצבות און פאַראַקערט דעם בית־עולם. נעכטן האָט מען ביי יידישע אַרבעטער, וואָס קומען פון יענער זייט, צוגענומען מער ווי 2 ברויט און אריבערגעוואָרפן צו די פּאָלאַקן. א קרום בילד וועגן געטאָ בילדן די צאָלרייכע צוקערניעס, וואָס זענען לעצטנס אויס־געוואַקסן אויפן אָרט פון די מאַנופאקטור־געשעפטן. נאָכן 15 דעצעמבער, זאָגט מען, וועט מען נישט אריינלאָזן קיין צייטונגען אין דעם געטאָ. אין קראָקע קומט פאָר א מאסנהאַפטע באַזייטיקונג פון יידן פון דער שטאָט. אין סאָסנאָוויעץ האָט געזאָלט זיין א געטאָ, אָבער די גזירה איז אָפּגערופן געוואָרן. אין קוטנע איז אן אָפענע געטאָ. שומרים זענען פארווערט געוואָרן און זיי לאָזן [דאָך] אַרויס דעם עולם. מיט דער פּאָסט ווערן אָנגענומען פּעקלעך פון יענער זייט, מען קאָן אַלזאָ שיקן אַ פּעקל פון ביעלאַנסקע אויף טלאָמאַצקע [475]. נעכטן האָט מען אַריינגעפירט א לאַסט־אויטאָ מיט פיש, פרייז פיר אלפים שוחד. אַ געוויסער ערליך [476] איז געקומען צו אָבמאַן מיט אַ בריוו פון די דייטשן, אין וועלכן ס׳איז געווען געשריבן, אַז ער דאַרף באַשעפטיקן 25 זיינע מענטשן. דער פילאָזאָף [477], דער אוהב ישראל, איז גע־קומען אַ טאָג פאַרן שליסן דעם געטאָ זיך געזעגענען מיט אחינו בני ישראל. ער זאָגט, אַז אין דער שטאָט ווערן געבויט באַראַקן. דער עולם ווייסט נישט פאַר וועמען. די שפּראַך פון די קהל־לייט איז ביי יעדער געלעגנהייט קאוועטשינסקא, אַרבעטסלאגער וכדומה [478]. „דו ווערסט ברענגען דאָס געלט

---

475) צוויי שכנותדיקע גאסן אין ווארשע. איינע אַן „אַרישע“, די צווייטע אַ יידישע.

476) יאָסל ערלעך, „יאָסל קאַפּאָטע“. אַ געסטאַפּאָ־אַגענט אין וואַרשעווער געטאָ.

477) געמיינט ווארשיינלעך פּראָפ. קאָטאַרבינסקי.

478) אויף קאַוועטשינסקאַ — אַ גאַס אויף פּראַגע — איז ביזן פאַרמאַכן דאָס געטאָ געווען דער זאַמלפּונקט, פון וואַנען מ׳פלעגט אַרויסשיקן אין די אַרבעטס־לאַגערן, ד. ה. די קהלה־לייט האַלטן אין איין דראָען פאַר יעדער קלייני־קייט מיט אַרויסשיקן אין אַ לאַגער.

אין די ציין". הויראקעס, ווילע יונגען אין לאַנגע שטיוול האָבן איבערגע־ נומען די ממשלה אין דער קהלה. די פּאָסטנס פּאַר לאַפּוועקע. סטרוזש 300 זל. פּאָסט 500 זל., יעדער דינסט קאָסט געלט. פּאַר 600 זל. איז ' איינער דעם זעלבן טאָג געוואָרן איינגעאָרדנט. א חברה מאכערס און קאָמבינאַטאָרן האָבן געוועלטיקט אין דער קהלה אָן שום קאָנטראָל. די לייטער זענען טייל־ וויז אָרנטלעכע, אָבער אָן שום געזעלשאַפטלעכן צוגאַנג. איינער פון די שומרים האָט געזאָגט צו זיין ייד[ישן] חבר: „דאָס האָט דער טייוול אויס־ געטראכט דעם פּלאַן צו דערשטיקן 400.000 מענטשן". א טייל מאַכן זיך נישט זעענדיק, ווי מען גייט אריבער אויף יענער זייט און מ'ברענגט פּראָדוקטן.

די דאָקטוירים און פּערסאָנאַל פון ייד[ישן] שפּיטאָל (צוזאַמען טויזנט מענטשן) האָבן לכתחילה באַקומען 75 פּשעפּוסטקעס, איצט 200, דער רעשט מוז 7 פּרי קומען אויף טווארדע 6 און פון דאָרט גייט מען אין רייען אין שפּיטאָל אויף טשיסטע. ס'פעלט אויס סוראָוויצע אין געטאָ, ווייל פּריוואטע פּערזאָנען האָבן אַלץ אויסגעקויפט. מאַנכע יידן באַקומען רעקאָמענדאַציעס פון יענע אויף פאַרשיידענע קאָנצעסיעס אין געטאָ. דאָס זעלבע אויך פּאָס־ טנס. היינט האָט מען אויף ראָג לעשנאָ און זשעלאַזנע געהייסן אז מענער און פרויען זאָלן טאַנצן און א אַדורכגייענדיקע קאַפּעליע האָט געשפּילט. אויסער דעם אַ סך גימנאַסטיק. די קהלה האָט געוואָלט נעמען צו עטלעכע הונדערט זל. פון די אַדמיניסטראַטאָרן, אָבער לעשנאָ 13 (אָפּט[יילונג] צום קאַמף קעגן ליכווע) איז נישט מסכים און פאַרבאָטן עס. זיי זענען אויך גע־ ווען קעגן דעם, אַז 25 פּראָצענט פון זיי זאָלן זיין ייד[ישע] אַדוואָקאַטן (קעגן פּריווילעגיע פון איין פּאַד). דאָס ביוראָ לעשנאָ 13 וועט זיך פאַרנעמען מיט מאַכן סקלאַדעס פון סחורות. דאָס ביוראָ האָט באַקומען די פאַרוואַלטונג פון ייד[ישע] הייזער אויף לעשנאָ. אויך שאַפט זי עפּעס אַ סאַניטאַרע קאָמיסיע.

געהערט וועגן די גרויסע העלדישקייטן פון יידן בשעת דער מלחמה. אין דער געגנט פון מלאַווע זענען געשטאַנען איניקע זעניטוועקעס. בשעת אַן אַליאַרם זענען אַלע אַוועק, געבליבן זענען בלויז די יידן און אַראָפּגעשאָסן 17 אַעראָפּלאַנען. אין אַנדער פאַל: פּויל[ישע] אַרטילעריע איז באַשאָסן גע־ וואָרן, אַלע אַנטלאָפן, געבליבן בלויז איין ייד, וועלכער האָט אַליין באַדינט אַ האַרמאַט, שפּעטער זענען צוגעקומען אַנדערע, ער איז געוואָרן פאַרוווּנ־ דעט, ליגנדיק נאָך באַדינט דעם האַרמאַט. דער דאָקטאָר האָט אים געהיילט אין שפּיטאָל. אַזעלכע פאַקטן זיך אַנגעהערט אַ סך אין געפאַנגענשאַפט. די יידן זענען געווען אַ מוסטער פון אויסדויער און העלדנטום. אַ יידישער דאָק־ טער פון מאַרשאַלקאָווסקאַ (געזוכט שפּעטער דורך דער דאָקטוירים־קאַמער) געשטעלט זיך בראש פון אַן אָפּטיילונג נאָכן טויט פון קאָמענדאַנט, געפירט די אָפּטיילונג צום אַטאַק, געפאַלן.

היינט דעם 10 דעצ[עמבער] האָט מען אין דער פרי צוגענומען ביי יידן אויף כלאָדנע — זשעלאַזנע זעק מיט ברויט, פּעטס א. א. לויט אַ מסירה פון אַ פּוילישן שומר, וועלכער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז שמוגל. שפּעטער זענען

געקומען יידישע שומרים און אַנגעוויזן, אַז די יידן זענען געגאַנגען אין יידןישע] גאַסן. אין רעזולטאַט האָט מען דאָס ברויט צעטיילט צווישן אָרע־מע לייט. דער יידישער שפּיטאָל ווערט עוואַקואירט ביז אַפּריל. אין וואַרשע זענען דאָ 750 יידישע דאָקטוירים. דער דאָלאַר איז ווידער שטאַרק געשטיגן ביז 108. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, אַז דער עולם קויפט סחורות נישט גלייבנדיק אין ווערט פון געלט, אויך זאָלן יענע אויסקויפן מאַסנווייז דאָ־לאַרן. מען זאָגט, אַז אויף יענער זייט זאָל מען האָבן געהרגעט 4 פון די דייטשן, דערמיט דערקלערט זיך, וואָס עס זענען אָפּגעשניטן אייניקע גאַסן. די וואַנט דאָרט איז דער סימבאָל פון כאַבאַר אין דער קהלה, אַזוי זאָגט מען בשעת מען מאַכט פּאַרוואָקעס אין יידישע דירות און מען וויל נעמען כאַבאַר. נעכטן איז אַרויסגעשפּרונגען אַן איש חייל פון אויטאָ און געגעבן אַ יינגל מיט אַן אייזן איבערן קאָפּ. דאָס יינגל איז געשטאָרבן. אויף גזשיבאָוו איז נעכטן געווען אַ מאַסאַקרע. יענע שכורע האָבן געשלאָגן און געהרגעט צענדליקער יידןישע] דורכגייער. מען שאַצט אָפּ 100 פּאַרוואונדעטע, צווישן זיי אַ יינגל דערהרגעט. עס קומען אָן מאַסנהאַפט דעפּעשן פון אָשוויענטשים וועגן טויט פון דאָרט פּאַרשיקטע. דאָרט מאַכט מען טעגלעך 3 שעה איבונגען אונטער וואַסער־שלויכן און דאָס רופט אַרויס לונגען־אָנצינדונגען און דערנאָך דעם טויט. פּאַראַן קאַרטלעך פון דאָרט וועגן דער שווערער לאַגע, אַז מען־טשן ווינטשן זיך דעם טויט.

געהערט היינט אַן אינטערעסאַנטע אינטערפּרעטאַציע פון דער נייער מאָ־דע פון לאַנגע שטיוול. עס אימפּאָנירט דער כוח פון יענע און זייער האַל־טונג. מען וויל זיך אַרויסרוקן פון דעם כלל און אים אימפּאָנירן. די הפקר־יונגען פּאָרן אַרום איבער דער שטאָט און שלאָגן מיט בייטשן אומשולדיקע דורכגייענדיקע יידן. דער דאָלאַר געשטיגן, איבער 100 ווייכע, 115 האַרטע, ברויט 3.50 אַ קילאָ, קאַרטאָפל 5—6 זל. די קהלה אָרדנט איין דאָס טראַנס־פּער־ביוראָ פאַר 150 טויזנט זל. רעמאָנט. אויף די פענצטער, וואָס גייען אַרויס אין געטאָ, ווערן געמאַכט שיאַטקעס.

12, 13, 14 דעצעמבער 1940

מיינע ליבע![479]

געהערט, אַז יענע וואָך האָט דער גלח געהאַלטן אַ דרשה אין גזשיבאָ־ווער קלויסטער פאַר די משומדים אין די אָפּאַסקעס, אַז ער נעמט אונטער זיין שוץ, ער וועט מאַכן פאַר זיי אַ קיך וכדומה. ער וועט זיך באַמיען זיי אי־בערצוטראָגן אויף יענער זייט. געשטאָרבן אַ משומד אויף שיעננאַ, מען האָט אים אַרויסגעפירט אויפן פּאָוואָנזקער צמענטאַזש. גזשיבאָווסקי 48 געווען אַ קריסטלעכע ווילטעטיקע אינסטיטוציע. פאַר איבערטראָגן זיך אַלץ וואָס נאָר אַ ווערט צוגענומען, אַרויסגעריסן די פּוטרינעס פון פענצטער, אויסגע־האַקט אַלע שויבן, צוגענומען די איוון א. א. וו. איצט איז דאָרט אַ גרויסער

479) קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.

רעמאָנט. ביי די פּלאַקן — קלאַנגען, אַז דעם 15 דעצ[עמבער] צעלאָזט מען די קריגס־געפאַנגענע און גלייכצייטיק ווערבירונג אין פּוילישן לעגיאָן קעגן רוסלאַנד. מ׳זאָגט, אַז בראש פון דער רעגירונג וועט שטיין אַלס רע־גענט פּירשט פּלעס, אויסערדעם ראַניקער און ביספּינג [480]. געהערט, אַז אין ענדעקיש בלעטל געווען אַן אַרטיקל קעגן דעם געטאָ. אויף לעשנאָ 13 באַ־שעפטיקט זייער אַ סך לאַדזשער. בשעת מען האָט ווערבירט דאָרט מענטשן, האָט מען אויסגערעדט אויף דער קהלה. געוויזן אַ רשימה פון אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים, וואָס אַרבעטן אין דער אינסטיטוציע.

געווען נעכטן אין יידישן טעאַטער. דער ניווֹא אַ מיטלמעסיקער. פאַראַן שיינע נומערן פון פּיוווישעס, גלאַטשטיין. אויסגעפּירט עפּעס רוסישע סקעטשן. מען זוכט צו אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט. סאַמבערג, דיאַנאַ בלומענפעלד, קורץ — גלאַנצן. דער לאָקאַל אַ שיינער. מען פאַרגעסט אויף 2 שעה וועגן דער אַרומיקער, טרויעריקער וועלט. געווען בלויז איין אַקטו־עלער סקעטש: קריטיק פון דזשאָינט, קהלה א. א. וו. מען צערייסט אַ פּאָר שיך ביז מען באַקומט אַ פּאָר זוילן. די טראַגעדיע פון אַ יידישן אוניווער־סיטעט פּראָפעסאָר, וועמענס פרוי און טאָכטער (פון אַן אַנדער מאַן) נאָך פון פאַר דער מלחמה געשטרעבט צו יענע, ווייל מאַן פון יענער אָפּשטאַמונג. די טאָכטער פלעגט קויפן אין געוועלבער פאַרשיידענע סחורות און דעם חשבון צושיקן דעם שטיפפאָטער. איצט איז די פרוי אויף יענער זייט. ער האָט מורא, די טאָכטער זאָל אים נישט מסרן. זי פאַרקערט מיט יענע ראַ־שים. ער איז געבליבן איינזאַם. געלייענט אַן אינטערעסאַנטן בריוו פון ווילנע, ווי די גאַנצע מלחמה באַשריבן ווי אַ באָקס־מעטש, צי קען טאַקע זיין, אַז דאָס אַלץ איז נישט מער ווי אַ באָקס. עס מאַכן זיך פייערלעכן איינדרוק די פענצטער מכל טוב בולקעס, זעמל און אַנדערע גוטע זאַכן, עס רייצט דעם הונגעריקן, אויפן גאַס גייט אַ ריזיקער האַנדל מיט ברויט, באַזונדערס מיט סיטקאָווע. מען נעמט ווייטער מעבל פון געטאָ, אָבער ווען מען פאָרט אויפן פּאַוויאַק, שטעלט מען זיך אָפּ אויף אַ 10—15 מינוט און נעמט צו אַלעס.

דער יידישער שפּיטאָל מוז פאַרלאָזן [481] די בנינים דורכפירן אַ ריזיקן רעמאָנט, צווישן אַנדערן מוז מען אויפבויען אַ וועשעריי און אַ בעקעריי, וואָס זיינען בשעת דער מלחמה פאַרניכטעט געוואָרן. דאָס וועט קאָסטן אַ סך געלט (איבער 100 טויזנט זל.).

היינט דעם 12־טן דעצ[עמבער] איז אַ טייל שיעננאַ: פון מיטן [?] ביז סאַסנאָוואַ אַרויסגעפאַלן פון געטאָ, פאַר דעם וועט מען באַקומען אַ טייל לעשנאָ ביז וואָראַניאַ און אַ טייל נאָוואָליפּיע. אין דעם ביוראָ צום קאַמף מיט וווכער און שלייכהאַנדל האָט מען געזאָגט די 100 פערזאָן, אַז שמוגל זאָל מען

480) ביספּינג גאָללען־קאָזשימיעזש, גוטבאַזיצער, געז. אָרגאַניזאַטאָר פון דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער פּוילישער אַרמיי אין רוסלאַנד אין יאָר 1917, מיטגליד פון לעצטן פּוילישן סעניאָט (1938).

481) דער יידישער שפּיטאָל איז געווען אויף טשיסטע־גאַס, וואָס איז גע־ווען מחוץ דעם געטאָ.

טאָלערירן, נאָר ביי מאַגאַזינען, וואָס זיינען געשאַפן צוליב וווכער, וועט מען צונעמען 25 פּראָצענט פאַר די פאָלקס־קיכן, 25 פּראָצענט פאַר דעם ביוראָ און 50 פּראָצענט פאַרן סוחר. זיי וועלן קאָנטראָלירן די פּרייזן אין די געוועלבער וכדומה.

קלאַנגען וועגן אַ שלום־ווענדונג פון טשערטשיל צום איטאַליענישן קעניג. דאָס משומדים פּראָבלעם געוואָרן זייער אַקטועל אין געטאָ. אין דער מעדיצינישער וועלט געקומען זייער פּעאיקע מענטשן, פאַרנומען אָנפירנדע שטעלעס אין פּוילישן לעבן און יעצט פּרעטענדירן זיי צו דער אָנפירונג אין יידישן לעבן. מעכעס — האָט מיר געזאָגט דער סענטימענטאַלער דאָקטאָר 482 מינדערוווערטיקייטס־געפיל לגבי קריסטן און מעגאַלאָמאַניע לגבי יידן. מיר קענען זיי געבן ברויט, זיך טיילן מיטן לעצטן, אָבער קיין טאָן־געבער אין יידישן לעבן וועלן זיי נישט זיין. די פרוי פון דעם באַקאַנטן היס־טאָריקער משומד 483, אַן עכט סעמיטישער טיפּ, גייט נישט אַרויס פון שטוב, זי וווינט ביי איר אַרישן איידעם. איר מאַן, וואָס זעט אויס ווי אַ פּוילישער פּריץ, גייט יאָ אַרויס. אַ טייל פאַלאַקן זיינען מודה אין געשפּרעכן, אַז כאַ־ראַקטער ווייזן זיי נישט אַרויס. יאַנוש 484 האָט דערקלערט, אַז זייערע געזעצן לגבי ייִדן זיינען נאַרישע. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון עסקנים איז אַ משו־מד אַרויסגעטרעטן קעגן יידיש. מען האָט שפּעטער משלח געווען. די משו־מדים רוקן זיך, צום [אומ]גליק אַרויס אין יידישן לעבן. ווען מען האָט אַ טייל משומדים געפרעגט, הלמאַי זיי גייען זונטיק אין קלויסטער מיט די אָפּאָס־קעס, האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי טוען דאָס אויס געוווינהייט. ביי די דאַר־דאַנעלן 485 דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע יידישע געזעלשאַפט. אַלע אַראָפּגענומען דעם הוט אויסער אַ ייִנגל פון 10 יאָר. ער איז געווען זייער שטאָלץ. היינט געווען קלאַנגען, אַז איינע פון די באַדינגונגען [פון] דער פויל[ישער] רעגי־רונג איז עפנען דאָס געטאָ, איבערלאָזנדיק אַ יידיש וווינפערטל. דערווייל ווערן אַלץ נייע גאַסן פאַרמויערט, למשל, ראָג טשיעפלאַ — האַלע א. א. די צאָל דורכגענג איז זייער אַ קליינע. נעכטן האָט מען די יידן פון טלאָמאַצ־קע 3 אויפגעוועקט אַ זייגער פיר און גענומען זיי ביז 7 אויף אַרבעט אויס־צורוימען אַ פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט.

די יידישע מיליץ באַשטייט פון זייער העפלעכע, סימפּאַטישע מענטשן. דער עולם פאַרשטייט אָבער נישט תמיד, פאַרוואָס זייער באַוועגונג מוז זיין אַן איינזייטיקע און מען בייזערט זיך אויף זיי. אין צוזאַמענהאַנג מיטן געטאָ געענדערט די יורידישע לאַגע. די קהלה פאַלט אַרונטער אונטער דער טראַנספערשטעלע 486 פון דעם אומזידלונגס־אַמט, וואָס דאַרף געבן די דער־

482) מילייקאָווסקי?

483) פּראָפ. מאַרצעלי האַנדעלסמאַן?

484) קאָרטשאַק.

485 די שמאָלע קאַרמעליצקע האָבן די יידן הומאָריסטיש אָנגערופן דאַרדאַנעלן.

486) „טראַנספערשטעלע“ — דייטשער אַמט, געשאַפן אָנהייב דעצעמבער

לויבניש אויף אַריינפירן פּראָדוקטן וכדומה. די פריערדיקע צייטן, ווען מען איז געווען אָפּהענגיק פון יענע, ווערט באַטראַכט פאַר אַ גן־עדן. איבער אַ וואָך צייט זייען נישט טעטיק די קיכן צוליב אַ דערלויבעניש אויף קאַרטאָפל, און עס אַרט קיינעם נישט, וואָס מענטשן הונגערן. די אויבן דער־מאָנטע כלומרשטע פאָדערונג פון דער פוילישער רעגירונג וועגן עפּענען דאָס געטאָ ווערט מאָטיווירט דערמיט, וואָס דער מסחר אויף יענער זייט האָט איינגאַנצן אויפגעהערט. אין דעם ענדעקישן בלעטל קעגן געטאָ איז מען אַרויסגעטרעטן קעגן די פּאַלאַקן, וואָס שמייכלען צופרידיק די ענויים פון די יידן. די וואָס טוען דאָס, פאַרגעסן וועגן די פויל[ישע] געטאָס אין פּויזן.

היינט דעם 13־טן דעצ[עמבער] איז אָנגעקומען אַ שריפט פון אַרבעטס־אַמט אַז אין יידישן רעוויר וועלן די אַרישע פאַבריקן העכסטנס באַקומען אויסוויִיזן פאַר מייסטערס, דער רעשט וועט מוזן זיין יידן. דערוויילץ פעלן נישט קיין לעבענס־מיטל אין געטאָ. ברויט איז אַ ביסל געפאַלן, אזוי שטאַרק איז דער שמוגל. די וואַכן לאָזן אין אַ טייל פּונקטן אַדורך די פרויען און קינדער נאָך ברויט. עס טרעפן פון יענער זייט פאַלן, אַז פוילישע ווייסע חברההגיקעס רייסן אַרויס פעקלעך פון די הענט פון די יידן. אַנדערע באַגע־גענען מיט ברוך הבא „יודע". מען נעמט צו מעבל, טישן, געשיר א. א. מען זאָגט, אַז פאַר דעם שפּיטאָל אויף טשיסטע. אַ טרויעריקן איינדרוק מאַכן די מחנות יידישע פרויען און יונגוואַרג, וואָס באַלאַגערט מחנותווייז די גרע־נעצן, וואַרטנדיק אויף אַ פּאַסיקן מאָמענט אַדורכצושמוגלען זיך אויף יע־נער זייט.

דעם 14־טן דעצ[עמבער] האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן דעם, אַז עס ווערן געמאַכט שטאַרקע באַמיונגען צו לאָזן די יידן אַ פאַר שעה אַרויס פון געטאָ. אויף טלאָמאַצקע האָט די וואַך אַרויסגעלאָזט גרופּן פרויען און קינדער אויף צו קויפן ברויט. זיי האָבן דערלויבט אַרויסצוגייען גרופּן צו 30 מענטשן. אויף סאַלנע האָט די מאַכט דערלויבט צו קויפן ברויט דורך דער פאַרמיטלונג פון קריסטלעכע יינגלעך, דערביי האָבן זיי פעסטגעשטעלט דעם פּרייז פון 20 גר. פאַר ברענגען דאָס ברויט. עס ווערן אַריינגעפירט גאַנצע וואַגאָנען מיט מעל. דער פּרייז: יענע צו 20 זל. פאַר אַ וואַגאָן, פּוי־ל[ישע] 50 זל. יידישע 100 זל. אָנגעשריבן גרויסע פּאָעמע „יזכור" 486א, ווי עס ווערט אָנגעזאַמלט די איבערלעבונגען אין פּוילן. אַ שמועס פון צוויי טרעגער: „דו האָסט אַ זאַפּאַס אויף ווינטער?" „אַוודאי, אַ זעקל מעל האָב איך ביי גרונמאַן אויף דער און דער גאַס, אַ זאַק צוקער ביי פּלוני און דאָרט" א. א. וו. יענע ראש געזאָגט אין רמאס שטאָט 487 בעת אן אינטערוועניץ וועגן געטאָ, אַז אויב נאָך 7 יאָר פון דעם רשעס תורה הרגענען יענע נישט יעדן ייד, איז עס אַ גרויס גליק.

1940. ער האָט געהאַט די פולע השגחה איבער די ווירטשאַפטלעכע פאַרבינדונגען פון געטאָ מיט דער אויסן=וועלט.

486א) דער מחבר פון דער פּאָעמע: יצחק קאַצענעלסאָן.

487) קראָקע.

וואַרשע טיילט זיך אין דריי טיילן: יחות — לעשנאָ, עלעקטאָראַלנע כלאָדנאַ, מעכעס—סיענגע, פּאַרכעס — דער רעשט. אויף דער יידישער קהלה איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ פליכט צו מאַכן אַ קאַסינאַ פאַר די באַ־אַמטע אין פּאַלע ברילל [488]. דאָס וועט אָפּקאָסטן דער קהלה אַ פערטל מיל־יאָן זל. די קהלה אָרדנט איין די טראַנספּערשטעלע אויף קרולעווסקאַ. מען האָט שוין 3 מאָל געריסן טאַפּעטן, ווייל זיי זיינען נישט געפעלן געוואָרן. עס קאָסט שוין ביז איצט איבער 100 טויזנט זל. געהערט, אַז יענע שומרים האָבן אין איינציקע פאַלן אויסגעדריקט זייער עמפּערונג קעגן דעם אויסהונ־גערן אַ האַלבן מיליאָן יידן. ביי די גרענעצן זיינען אַרויסגעשפּרייט שטעכיק דראָט אויף ביידע זייטן טראָטואַר. קאַרמעליצקע הייסט די דאַרדאַנעלן, זשעלאַזנע, כלאָדנע — גיבראַלטאַר און די גרענעץ — מאַלקין. יידישע פּאָ־ליציאַנטן האָבן באַקומען מעשענע נומערלעך, בלויע היטלען מיט אַ מגן־דוד. זיי טראָגן געוויינלעך בורקעס.

15, 17, 20 דעצעמבער 1940

מיינע ליבע!

מען האָט די לעצטע טעג (15 דעצ[עמבער]) געעפנט ייד[ישע] געוועל־בער אויף יענער זייט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען געווען ליידיק. מען איז משער, אַז די „גנבים" זענען געווען אייגענע בעלי־בתים. ייד[ישע] בעלי־מלאכות וועלן קענען אַריבערפירן אַהער פון יענער זייט זייערע מכשי־רים און פאַמיליע. אנדענקען, אָבער נישט די סחורה. היינט געווען אויף אַ ייד[ישן] וואָרט־קאָנצערט אין יודאיסטישער ביבליאָטעק, עס זענען אַרויס־געטראָטן ייד[ישע]אַרטיסטן, וואָס זינגען צום ערשטן מאָל יידיש. דער פּראָגראַם אינגאַנצן אין יידיש. אפשר איז דאָס אַן אָנהויב פון „מיטן פּנים צו יידיש". מען זאָגט, אַז מען האָט נישט אַדורכגעלאָזט ביי דער וואך דעם גלח, וואָס איז געגאַנגען זונטיק אויף אַ דרשה אין קירך צו די משומדים. פאַראַן משומדים, וואָס האָבן זיך מיט 40 און 60 יאָר צוריק געשמדט און איצט מוזן זיי אָפּריכטן גלות אין געטאָ. אַ טייל משומדים האָבן זיך געזעגנט [צעגיין] מיט זייערע אַרישע פרויען, וואָס זענען געבליבן אויף יענער זייט.

איינער אַדורכגעגאַנגען מיט אַ פשעפּוסטקע די וואך אויף גזשיבאָווסקע, גענומען אין דער וואך־שטוב, 2 שעה געפּייניקט, געצוווּנגען צו טרינקען אורין, באַציונגען מיט אַ שיקסע, געמאַכט אים עטלעכע לעכער אין קאָפּ און אָפּגעווישט מיט אַ באַרשט צום קערן. די צווייטע טור באַצויגן זיך צו אים מענטשלעך, געגעבן אים עסן און טרינקען. די קהלה פאָרגעלייגט עטלעכע און דרייסיק קאָמיסאַרן איבער הייזער צו באַשטעטיקן, געשטראָכן 20 און פאָרגעלייגט אַנדערע. יענע האָבן מאַכערס געגעבן צו 3 טויזנט זל. פאַר אַ

---

488) פּאַלאַץ בריל האָט זיך געפונען אויפן פּלאַץ סאַסקי און פרעדראָ־גאַס 3, דאָ האָט זיך געפונען דער אַמט פונעם גובערנאַטאָר.

פאַסטן. היינט ווערן אָנגערופן אַנדערע אין דער פּוילישער רעגירונג, דהיינו בנינסקי [489].

צווישן די מיטאַרבעטער פון לעשנא 13 [490] זענען דאָ אויך אַרבעטלעכע מענטשן. — עס דערמאָנט זיך, אַז מיט אַ צייט צוריק זענען געגאַנגען מסירות אויף אדמען [491]. די „ווילע" האָבן געזאָגט: „מיר וועלן שוין אויס־געפינען דאָס געלט פון די רייכע יידן, איר וועט האָבן, מיר וועלן האָבן". אויף אַן ענלעכן שטייגער גייען לעש[נאָ] 13, וועלכע ווערן אונטערשטיצט דורך ס. ס., זיי ווילן ווערן אַ צווייטע קהלה און זאָרגן פאַרן כלל, נישט פאַרגעסנדיק וועגן זיך. עס זענען דאָרט דאָ אַ סך טונקעלע פאַרשוינען. די קהלה האָט איבערגענומען די פאַרוואַלטונג מיט ייד[ישע] הייזער. מען זאָגט, אַז די וואָס וועלן נישט צאָלן קיין דירה־געלט, וועלן ווינען אין באַראַקן.

געהערט פאַלגנדן וויץ: יענער[491א]. איז געקומען צו אַ וורוזשקע אין קליי־דונג פון אַ שאָפער און געפרעגט, וואָס וועט זיין מיט אים. געענטפערט די וועסט נישט האָבן קיין בענזין, די אַקס וועט דיר פּלאַצן און מען וועט דיר צונעמען די פיר־קאַרטע. נעכטן געווען אַ גרויסע אַוואַנטורע אין דער קהלה, מען האָט פאַרטיילט די פּאָסטן פון אדמיניסטראַטאָרן צווישן אייגענע. קאַמינער האָט זיינע טעכטער פאַרטיילט די גרעסטע הייזער, ווי שוויענטאָיערסקאָ 34, 32, 28 וכדומה. אויף עק לעשנאָ — זשעלאַזנע געגאַנגען אַן עלעגאַנט מיט אַ מעלאַניק, נישט אַראָפּגענומען דעם הוט, געשלאָגן אים, אַראָפּגעוואָרפן דעם מעלאַניק, אָבער יענער זיך נישט פאַרנייגט. אַן אָריגינעלער אופן פון שמוג־לען מילך. אויף ביידע זייטן גרענעץ ביי די האַלעס שטייען: אויף דער יידישער — אַ יידישער וואָגן מיט ליידיקע קאַנען, אויף דער אַרישער — אַן אַרישער מיט פולע קאַנען. נאָך אַ געוויסער צייט, ווען ביידע שומרים זענען פאַרנומען, ווערן די קאַנען געטוישט און ביידע וואָגנס פאָרן זיך אַוועק. דער פראָסט איז היינט דעם 17 דעצעמבער זייער אַ שטאַרקער, 14 גראַד און קיין קוילן איז נישטאָ. קוילן קאָסטן 1.000 זל. אַ טאָן. די שפּיל מיט אָפּנעמען אויף לעשנאָ — זשעלאַזנע ברויט פון יידן און פאַרטיילן עס צווישן קריסטן דויערט ווייטער. דער שמוגל דויערט דערוויל ווייטער. די באַזע, זאָגט מען, געפינט זיך אין לאָקאַל פון די געריכטן אויף לעשנאָ. די פּאַלאַקן האָבן אַן איינגאַנג פון איין זייט, די יידן פון דער צווייטער זייט. די אויס־פירער פון די טראַנזאַקציעס זענען יענע ראשים. מען האָט די לעצטע אַריינגעפירט אַ גרויסן סכום ווייץ, וואָס ווערט געמאָלן אין מילן אין געטאָ. נעכטן שטאַרק געשלאָגן דעם פּראַגער רב דערפאַר, וואָס ער האָט אפילו אַראָפּגענומען דעם הוט, אָבער געטראָגן די יאַרמולקע. די טראַנספּאָרט־פיר־מע „האַרטוויג" מאַכט גלענצנדע געשעפטן. זי פירט אַרויס סחורות און

---

489) אַדאָלף בנינסקי (Bniński) קאַנדידאַט אויף פּרעזידענט פון פּוילן אין 1926, פירער פון דער רעאַקציאָנערער אָרגאַניזאַציע „אַקציאַ קאַטאָליצקאַ".

490) זע הערה 472.

491) אַדאַם טשערניאַקאָוו.

491א) היטלער.

ברענגט אריין רווישטאָף. דער אונטערשייד אין פּרייז פון קוילן זייער א גרויסער: דאָ איבער 1.000 זל. דאָרט 400 זל. געזען איינעם פון געד [?]. ער וויל גאָרנישט פאַרציילן, מער נישט עס איז אים אָפּגעקומען 24 קילאָ (פון 82 אויף 58). דאָ לעבן מענטשן און דאָרט לעבן מענטשן, מען שטאַרבט אויך דאָרט. פאַראַן אַזעלכע אַ 90 אין לאַנד. יידן זענען אָפּגעזונדערט פון אַנדערע. מען זאָגט, אַז מען וועט קאָנען פאָרן, מער נישט די קרובים וועלן מוזן געבן 700 דאָלאַר. פאר 300 זל. קען מען דינגען דעם לאַסט־אויטאָ און אריינברענגען אַהער סחורה פאר וויפל מען וויל נאָר.

ביי די פּאָלאַקן שטאַרק פאַרשפּרייט פאַרשיידענע ווּרוזשבעס וועגן דער צוקונפט און וועגן דעם ענדגילטיקן נצחון. געזען אַזאַ נביאות אין גראַמען, אָבער אָן טאַלאַנט. מיט אַ צייט צוריק געהערט אַ מעשה מיט אַ ייִנגעלע אויף פּאַנסקאַ, וואָס האָט נביאות געזאָגט וועגן דער גאולה — דאָס דערמאָנט אַ מעשה פון 17 י.ה. (אין ציִנבערס 4־טן באַנד) וועגן אַ ייִנגעלע פון גריי־דעק, וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע ייד[ישע] וועלט. ענלעכע באַדינ־גונגען שאַפן ענלעכע סיטואַציעס. דער עולם ציטערט פאַרן 31 דעצ[עמבער] מען האָט מורא דאָס געטאָ זאָל נישט ווערן הערמעטיש פאַרמאַכט. דער־ווײַלע קען מען נאָך דורך דער פּאָסט אַלץ באַקומען, אויך געלט. די סיבה, וואָס ביי יידן איז נישט פאַרשפּרייט דער טיפוס און ביי די קריסטן יאָ איז אַ גאַנץ פּשוטע: ביי זיי עסט מען אַ סך פּרוכטן, דאַקעגן ביי די יידן זייער ווייניק. נעכטן איז דערשאָסן געוואָרן אַ ייד[ישע] פרוי. עס האָט זי אַרויס־לאָזט אַ גוטע וואַך, ווען זי איז צוריקגעקומען, איז שוין די וואַך געווען גע־ענדערט. זי איז אַנטלאָפן, האָט מען איר נאָכגעשאָסן און געטראָפן.

געזען היינט אַ גאַנצע אָפּטיילונג ייד[ישע] אַרבעטער אָנגעלאָדן פון אַלע זייטן מיט ברויט און אַנדערע גוטע זאַכן. קליינע 9—10־יעריקע יידישע קינדער אָן בינדעס זעט מען אַ סך אין יענע גאַסן. אין די צוגן וואָס קומען אָן אַהער, ווערט ביי די קריסטן אַלץ צוגענומען. קריסטן קויפן אַ סך סחורה אין וואַרשע. זיי צאָלן יעדן פּרייז. עס איז דעריבער געשטיגן סחורה, אויך ברילִיאַנטן, וואָס ווערן געקויפט דורך קריסטן. אַפריקאַ ליסיעיע, באָ וולאָסי וויכאָדזאָן [492]. אין טשענסטאָכאָוו זענען די באַדינגונגען גאַנץ גוטע. מען כאַפּט נישט צו דער אַרבעט. הימלערס שוואָגער איז דער שטאָט־קאָמענדאַנט. יידן האַנדלען און וואַנדלען. אויב מען דאַרף עפּעס האָבן, גיט עס די קהלה. ווי אַזוי אַ יידענע שמוגלט פון אָטוואָצק סחורה? ווען זי קומט צוריק, טוט זיך אָן די אָפּאַסקע און שטעלט זיך מיט דער פּלייצע צום געטאָ. דער שומר הייסט איר נאַטירלעך גיין צוריק, זי טוט עס, ווען עס זאַמלט זיך אָן אַ גרע־סערער עולם אַרום דעם שומר. ווען זי גייט אַרויס, טוט זי אויס די אָפּאַסקע און שטעלט זיך אַנידער פאַרקערט.

492) אַ וואָרטשפּיל אין פּויליש, האָט אַ שייכות צום אַנטלויפן פון די אי־טאַליענער פון אַפריקע, באַשטייט אויף דער צווייד־ייטיקייט פון וואָרט „וולאָסי" (האָר און איטאַליענער) „אַפריקע באַקומט אַ ליסינע", ווייל די האָר קריכט פון איר אַרויס.

הייַנט דעם 20 (נאָוו[עמבער][493] שבת, איז פאַרפאָרן אויף געגנשע מיט ייד[דישע] אַרבעטער. די ייד[ישע] אַרב[עטער] זענען אויסגעשטיגן, האָט זיי יענער שומר געהייסן זינגען, האָט זיך איינער פון זיי, א חזן פון באַרוף, אָוועקגעשטעלט אויפן אויטאָ זינגען „אל מלא רחמים״ — די גאַס איז געווען פול מיט מענטשן. אין געריכט אויף לעשנאָ קאָסט דער אַדורכגאַנג 5 זל. פּאָלאַקן גייען אַריין אַין געטאָ אַנטוענדיק ביגדעס. אין געריכט גופא טרעפן זיך יידן מיט פּאָלאַקן ערלייִדיקנדיק זייערע ענינים. א בילד: ער איז אַן אַריער, זי א יידישע, זיי באַגעגענען זיך ביי דער גרענעץ. די וואך רוקט זיך אָפּ דיסקרעט אָן א זייט און זיי פירן זייער אינטים געשפרעך. די משומדים שאַפן זיך איצט ווייַנאַכט־ביימער. מען זאָגט, אַז „קאַריטאַס״[494] פירט לטובת זיי אַ הילפאַרבעט. — פאַרשאַוויאַק[495] אַרבעט אויף לעשנאָ 13. גאַנצווייך וועט האַלטן א רעפעראַט וועגן חנוכה. א פראַגע אין א בריוו וויפל עס קאָסט א דאָלער: אונטער וועלכן נומער פון טוואַרדע ווינט פלוני און אונטער וועלכן זיין שוואָגער[496]. געענטפערט 48 און 90. דער ייד[ישער] שפּיטאָל מוז זיך אַרויסציען אין די נאָענטסטע חדשים. זיי טאָרן נישט מיטנעמען די זאַכן, וואָס זענען צוגעקלאַפּט צו דער וואַנט (און דאָס דער רוב טייערסטע מאַשינען). דאַקעגן די סקאַרבאָווצעס נעמען אַרויס פון שפּיטאָל אויף לעשנאָ אַפילו די קראַנען, וואַשבעקנס און אַלץ, וואָס לאָזט זיך נאָר אָפּשרויפן. לעצטנס שטאַרבן 12—14 יידן אַ טאָג, פאַר דער מלחמה עטלעכע און צוואַנציק. זעלבסטמאָרדן פאַר דער מלחמה 7 א וואָך, איצט 3—4.

23, 24 דעצעמבער 1940

מיינע ליבע![497]

23.12 דעם 17 דעצ[עמבער] א זייגער 3.30 נאָכמיטאָג איז אויף סמאָטשע 22 א טאַקסוווקע צו [צו] א קליינהענדלער פון שניידער־צודאַטן. עס איז פון דאָרט אַרויס א יון מיט יידישע באַגלייטער. זיי האָבן דאָס געוועלבל אויסגעליידיקט. נאָכן פאַרענדיקן דאָס שטיקל אַרבעט זענען זיי אָוועק ווייטער. מיט א זעלטענער רואיקייט האָט פלוצים דער יון פון געסטאַפּאָ אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און אויסגעשאָסן אין המון יידן, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען. דאָס זענען אַלץ געווען הענדלער, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט. אין רעזולטאַט איז אַן 11־יעריק

493) אַ טעות, דאַרף זיין דעצעמבער.
494) „Coritas״, אַ קאַטוילישע קאַריטאַטיווע הילפס־געזעלשאַפט.
495) געמיינט יהודה וואַרשאַוויאַק, יידיש־העברעישער שרייבער, מיטאַרבעטער פון „13־טל״.
496) טוואַרדע (האַרטע) — גאָלדענע דאָלער, „שוואָגער״, וואַרשעווער „ווייכע״ (פּאַפּירענע דאָלאַרן).
497) קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.

יינגל געבליבן טויט אויפן אָרט, א פרוי פון דזשעלנע גאַס איז געבליבן ליגן שווער פאַרוואונדעט. נעכטן איז ביי דער גרענעץ אויף טלאָמאַצקע צוגעקומען אן אויטאָ און עס זענען פון אים אַרויס אייניקע יונים. זיי האָבן אָנגעהויבן שרעקלעך שלאָגן אַלע יידן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. געשלאָגן האָט מען שרעקלעך און א ייד איז געוואָרן פאַרוואונדעט. מען האָט געוואָלט אַרויסרופן א דאָקטאָר, אָבער וואָס שטעלט זיך אַרויס, וואַז אין געטאָ איז נישט טעטיק די גיכע הילף. מען האָט אָנגעהויבן זוכן אַ דאָקטאָר, אָבער אויך אַזעלכן האָט מען נישט געפונען און עס האָט לאַנג געדויערט ביז מען האָט געקאָנט געבן די ערשטע הילף. היינט האָט מען ווייטער געשלאָגן אויף קאַרמעליצקע גאַס. עס באַווייזט זיך אן אויטאָ פון ס.ס. די יונים, וואָס געפינען זיך אין דער הינטערשטער טייל פון דעם לאַסט־אויטאָ האָבן אין דער האַנט[498] — —

געפאָרן א לאַסט־אויטאָ פון די טויטנקעפּ. זענען פון אים אַראָפּ די יונים און שרעקלעך געשלאָגן אַלע יידן וואָס האָבן זיך געפונען אין גאַס. דער עולם איז שנעל אַנטלאָפן אין די טויערן, שטופנדיק און טרעטנדיק איינער דעם צווייטן. אין א טייל טויערן האָבן זיך געמאַכט גאַנצע הויפנס מיט מענטשן. שפּעטער זענען די יונים צוריק אַרויף אויפן אויטאָ און ווייטער געפאָרן. ביי דער גרענעץ כלאָדנאַ — זשעלאַזנאַ רופט זיך אָן דער יון צום ייד[ישן] שומר: „דו ווייסט, אונדזער קאמעראד איז שוין גאַנץ קאַפּוט”. דער ייד האָט מורא זיך אָנצורופן און ציט מיט די אַקסלען, דער יון זעט דאָס און רופט זיך אָפּ: „דו פאַרשטייסט דאָך, אַז איך מיין די איטאַליענער, זיי זענען קיינמאָל נישט געווען קיין גוטע זעלנער”. א פּאָר מינוט שפּעטער רופט ער זיך ווייטער אָן: „ווען איך וואָלט געווען א ייד, וואָלט איך באַגאַנגען זעלבסטמאָרד . אַזאַ דערנידערונג ווי יידן מאַכן דורך, וואָלט איך נישט אויסגעהאַלטן”. דער שומר האָט זיך שוין נישט געקענט ווייטער איינהאַלטן און רופט זיך אָן: „יידן זענען אן אַלט פאָלק און האָבן שוין א סך דורכגעהאַלטן”. דער יון רופט זיך אָן: „דו האָסט רעכט”. דער שמועס האָט אָבער גאָרנישט געשטערט, אַז דער יון זאָל באַלד אָפּשטעלן יידן און זיי הייסן מאַכן איבונגען מיט ציגל אין ביידע הענט.

24/12. מען דערציילט, אַז נעכטן איז אויף לעשנאָ ווייטער געשען א פאַל. עס איז דורכגעפאָרן א לאַסט־אויטאָ מיט טויטנקעפּ, פּלוצים האָט זיך דער אויטאָ אָפּגעשטעלט און זיי זענען אַראָפּ אין גאַס, עס איז געוואָרן אַ שרעקלעך געלויף. א טייל יידן זענען געבליבן שטיין און אַראָפּגענומען די היט. די יידן האָט מען נישט געשלאָגן. דאַקעגן האָבן זיי נאָכגעיאָגט די אַנטלויפנדע און שרעקלעך געשלאָגן. איין ייד האָבן זיי אומגעוואָרפן אויף דער ערד און מיט די פיס געטראָטן און געשלאָגן ביז בלוט. היינט האָט זיך ווידער באַוויזן אן אויטאָ אויף קאַרמעליצקע, עס זענען אַראָפּ די יונים און שרעקלעך געשלאָגן אַלע יידן. מ'האָט געשלאָגן מענער, פרויען און קינ־

[498]) די פעלנדיקע שורות זענען אויסגעבראָכן אין אָריגינאַל.

דער. עס איז דורכגעגאַנגען אויפן טראָטואַר א פרוי מיט א קינד, דאָס קינד האָט באַקומען א קאַפּע מיט אַזאַ קראַפט, אַז עס איז געפאַלן אין מיטן גאַס. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז מענטשן האָבן געוויינט און ספּאַזמירט בלויז צוקוקנדיק זיך צו דעם, וואָס קומט פאָר.

לעשנאַ 13 מאַכט ווייטער באַמיונגען אַריינצוציען אַנגעזעענע מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען. מען שיקט ארויס ספּעציעל צו ווערבירן. עס גיט זיך אָבער נישט איין. מען דערציילט, אַז ווער עס נעמט אָן א פּאָסטן, קען זיך שוין מער נישט אָפּזאָגן. עס דערציילט א פרוי, דאָס פּוריקע יאָר דעם 19/12 האָב איך דורכגעלעבט פאָלגנדן פאַל: איך בין געפאָרן מיט דער באַן פון לאָדזש נאָך וואַרשע. דער וועג האָט געפירט דורך קוטנאָ און אויפגעזעצט האָט מען זיך אויפן קאַלישער וואָקזאַל. אויף קיין אַנדערן וועג האָבן דעמלט יידן נישט געקאָנט פאָרן. צו יענער צייט האָבן יידן געטראָגן לאַטעס פון פאָרנט און הינטן, געמעגט גיין אין גאַס פון 8 ביז 5 נ. מ., מ׳האָט דעריבער געמוזט לויפן אין—— [499] נאָך וואַרשע געדאַרפט אָפּגיין 10 בייטאָג. אַלע זענען אַריין אין וואַרטע־זאַל, וואָס איז געווען זייער פול, ווייל דאָס איז געווען די צייט פאַר יום־טוב. יידן איז נישט געווען קיין סך. אין א צייט שפּעטער האָבן זיך באַוויזן גאַנץ יונגע יונים און דערקלערט, אַז די יידן איז אין זאָל דעמפּיק און זיי זאָלן אַרויס אויף פרישער לופט. די יידן האָבן געמוזט אַרויסגיין צו דער זייט, וואָס פירט אין שטאָט. דער עולם האָט זיך געזעצט אויף די באַגאַזשן. שפּעטער זענען די זעלבע יונים אַרויס און אָנגעהויבן שרעקלעך שלאָגן די מענער. דאָס שלאָגן איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די יידן האָבן איבערגעלאָזט די באַגאַזשן און אַנטלאָפן. דאַן האָבן זיי אָנגעהויבן שרעקלעך שלאָגן די פרויען. געשלאָגן האָבן זיי אין פּנים. קיין איין פרוי איז נישט אַרויס גאַנץ, פון אַלע האָט זיך געגאָסן בלוט. צווישן די יונים האָבן זיך געפונען צוויי, וואָס האָבן גאַנץ אויפגערעגט אָנגעהויבן פאַרוואַרפן, פאַרוואָס זיי שלאָגן. דערויף איז געקומען דער ענט־פער, אַז יידן זענען שולדיק, וואָס די דייטשן און פּוילן האָבן זיך געפונען אין אַזאַ קריטישער לאַגע. די צוויי האָבן געענטפערט, אַז דאָס זענען נישט שולדיק די יידן, נאָר דאָס איז געווען די פּאָליטיק פון דער רעגירונג. די שלעגער זענען אַרויס און מיט זיי אויך די צוויי פאַרטיידיקער. די ביידע זענען כסדר אַרויסגעקומען, ספּעציעל איינער פון זיי האָט זיך מיט אונדז פאַראינטערעסירט. זיי האָבן געברענגט וואַסער מיר זאָלן אָפּוואַשן דאָס בלוט און אויסגעדריקט זייער מיטגעפיל. ער האָט דערקלערט, אַז ער גייט אינטערווענירן, אַז מען זאָל אונדז אַריינלאָזן אין וואַרטע־זאַל. זיי זענען אַוועק, אָבער נישט צוריקגעקומען. דאָס האָט באַטייט, אַז זיי האָבן דאָס נישט אויסגעפועלט. אַרום 3 ביינאַכט איז אָנגעקומען אַן אויטאָ מיט אָפיצירן. עס זענען ארויס צו אונדז די זעלבע יונים, וואָס האָבן געשלאָגן און באַפוילן אַרויסטראָגן די זאַכן פון די אָפיצירן. איך האָב באַקומען צו שלעפּן א קאַ־

---

499) זע הערה 498.

פער, נאָך אַ פּאָר טריט האָט זיך דער אָפיציר, זעענדיק ווי איך, פאַרוווּנדערט פון פריער, שלעפּ אַזאַ שווערן קאָפער, אָנגערופן, אַז דער קאָפער איז צו שווער פאַר מיר און אַליין אים גענומען. איינער פון די צוויי יונים, וואָס האָבן אונדז פאַרטיידיקט, האָט זיך צו אונדז אָנגערופן: „וואַרט צו, די לומפּן פאַרן גלייך אַוועק, וועט איר קאָנען אַריינגיין" (דאָס האָט ער געמיינט די יונים, וואָס האָבן געשלאָגן). אין אַ צייט אַרום האָבן זיי אונדז דערקלערט, אַז זיי וועלן זען, אַז מיר זאָלן נישט דאַרפן וואַרטן אויפן צוג ביז 10 אַ זייגער. צום גליק האָט זיך באַוויזן אַ ספּעציעלער אויסעראָרדנטלעכער צוג. שוין 6 אַזייגער, ווי מען האָט אונדז דערקלערט אויף דער סטאַציע, איז דער צוג געלאָזט געוואָרן אויף אַ ספּעציעלער אינטערווענץ פון זעלנער. — —[500]

1940 יאָר

מיין ליבער פריינט.[501]

רומעניע. יידן פאַרריכטן די פּאַרניכטעטע פון ערדציטערניש געביטן. נאָך דער קבורה פון קאָדרעאַנו[502] אַנטי יידישע פּאָגראָמען. דעלעגאַציע ביי אַנטאָנעסקו[503]. 14 טויזנט בעסאַראַבישע יידן אין רומעניע געווענדעט זיך וועגן אַריינלאָזן. 50 טויזנט יידן עמיגרירט פון רומעניע קיין בעסאַראַביע. אויפגעלייזט דעם „יונייטעד דזשואיש אַפּיל". ל. לערער[504] — יידישקייט און אַנדערע פּראָבלעמען. גאָלאָמב[505] — יידן און יידישקייט אין אַמעריקע. דיסקוסיע וועגן דעם, אַז די שפּראַך קען נישט זיין די איינציקע מאָס. פּוליט[506] קעגן די פּליטים אלס שפּיאָנען. איינציקע באַשורן וועגן דער פינפטער קאָלומנע. די דערלאַבערטע אייראָפּע שטעלט זיך אַנטקעגן דעם נאַצי אַנטיסעמיטיזם. די הילף פאַר יידן און דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם אַלס הילפס־פאָרם פאַר יידן. אין מאַרסעל קאָנפיסקירט אַ צייטונג וואָס קריטיקירט די אַנטי־ייד[ישע] געזעצן. אין די אַנאָנ־

(500 נישט ליינבאַרער טעקסט.

(501 קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.

502 קאָרנעליו קאָדרעאַנו (1899—1940), פירער פון דער פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע „אייזערנע גוואַרדיע" אין רומעניע, אָרגאַניזאַטאָר פון אַנטי־יידישע פּאָגראָמען אין 1937 און פון מאָרדן פון רומענישע פּאַטריאָטן און פּאָליטיקער אין 1939.

(503 יאָן אַנטאָנעסקו (1882—1946), רומענישער מאַרשאַל, זינט 1940 שעף פון דער רומענישער רעגירונג, אַנטיילגענומען אין היטלערס קריג קעגן ראַטנפאַרבאַנד, פאַרמשפּט אין 1946 צום טויט דורכן רומענישן פאָלקס־טריבונאַל.

(504 לייבוש לערער, יידישער פילאָלאָג, קולטור־טוער.

(505 אברהם גאָלאָמב, יידישער פּעדאַגאָג און געזעלשאַפטלעכער טוער.

(506 וו. בוליט, אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַט, אַמבאַסאַדאָר אין פראַנקרייך (1936 — 1940).

סן געמאָלדן, אַז די רעדאַקציע קאָן געבן דערקלערונגען וועגן דעם צענזורירטן אַרטיקל. אינגיכן דער אַרטיקל פאַרשפּרייט אין גאַנץ וואַרשע.

ב ע ל ג י ע. א טאָג פאַרן אונטערדריקן בילינקער פאַרקויפט יידן, דערהרגעט וואָן אַפּעל [507], אַן אַנטיסעמיטישער שרייבער מיט א צעטל: געוועזן יידן גלייכצייטיק גרויסע בעלגיער, מיר וועלן ערן זייערע נעמען — א טויט צו אַזעלכע בעלגיער. די גייסטלעכקייט אין האָלאַנד און בעלגיע פּראָטעסטירט קעגן די אַנטייידישע רדיפות. אין פראַנקרייך באַגייט די הורגענאָטישע טראַדיציעס. „אויסדויער" זייער לאָזונג. אין א שטאָט האָט א גלח געלייענט „מגילת אסתר". ביי המנען געצויגן „ה". די וואָס ווילן פאַרניכטן יידן — מוזן פאַרשווינדן. לייענט די מגילת אסתר. צוזאַמען וועלן מיר זיך אַנטקעגנשטעלן דעם טייוול. דעם טאָג אַלע געהאָלפן די יידישע פּליטים. „לאַ־קרואַ" [508] געוואָרנט די יוגנט, וואָס האָט אויסגעבראָכן די פענצטער אין יידישע קראָמען אין מאַרסעל.

האָלאַנד. שוועריקייטן ביים קאָמפּלעטירן די פאַרזאַמלונגען פון די קאָמפּאַניעס, פון וועלכע מען האָט באַזייטיקט יידישע דירעקטאָרן. בעלגישע פרייהייטלער העלפן די גערודפטע יידן. פּראָפעסאָר פון ראָטערדאַם פאַרמשפּט פאַר אויסלאַכן די נאַצישע תורה. א סך פּראָפעסאָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. פאַרמאַכט די אוניווערסיטעטן אין לײדען און אוטרעכט פאַר שטרייקן לטובת יידן. סטודענטן אין אָסלאָ באַזייטיקט אַנטי־יידישע אויפשריפטן פון געשעפטן. אין פּראַג טשעכישע סטודענטן אויסגעמעקט אַנטיסעמיטישע אויפשריפטן אין די קאַפעס און רעסטאָראַנען. פאַרניכטעט קיאָסקן מיטן „שטורמער", דעמאָנסטרירט מיט אויפשריפטן „נידער מיט אַנטיסעמיטיזם", 2 טויזנט אַרעסטירטע.

אויף אַ רעדע פון סייסן [509] וועגן ביאָרדנונג געענטפערט אַ באַקאַנטער געלערנטער: מיר זיינען קענער פון אַלע ראַסן־טעאָריעס. לאָזט אונדז בלייבן נידערלענדער, מיט אונדזערע שפּינאָזעס און אַנדערע יידישע געלערנטע. די יידישע אָנגעשטעלטע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס ווערן געהיט דורך אומלעגאַלע וואַכן קעגן היימישע פאַשיסטן. אַרויפגעלייגט אויף יידן אין האַג [א קאָנטריבוציע פון] 50 טויזנט גילדן. די סומע איינגעצאָלט קריסטן. שפּינאָזעס מאָנומענט ווערט כסדר באַזוכט און פול מיט בלומען. אין אַמסטערדאַם געשלאָסן מוסערטס אָנהענגער [509א], וואָס געפּרוווט מאַכן אַן אָנפאַל אויף יידן. מוסערט דערקלערט זיך קעגן אָנווענדן אַנטי־יידישע געזעצן קעגן געבוירענע האָלענדישע יידן. דער פילם גרענאַדירשטראַססע

---

507) דער אַטענטאַט איז אויסגעפירט געוואָרן אויפן באַפעל פון דער בעלגישער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע.

508) „דער קרייץ", אָפיציעלער פּרעסע־אָרגאַן פון דער קאַטוילישער קירכע אין פראַנקרייך.

509) Artur Seyss Inquart (1892 — 1946), פאַרטרעטער פון גענ. גוב. פראַנק.

509א) האָלענדישע נאַצים.

געמוזט אראָפּגענומען ווערן אין אָסלאָ צוליב פּראָטעסטן. טשעכישע פּאָליציי אויפגעריסן אַנטי־יידישע מיטינגען פון היימישע נאַציס. די צוויי רעסטאָ־ראַציעס פאַר יידן אין פּראָג האָבן מער קריסטן ווי יידן. סלאָוואַקישע פויערים האַנדלען מיט יידן. אין א שטעטל אין פראנקרייך געוואָלט נעמען פינף יידן צו צוואַנגס־אַרבעט, געשטעלט זיך אינמיטן מאַרק און סקאנדירט: „אָ טויט די פארפאָלגער פון יידן״.

סוף 1940

נאָרוועגיע. באַזייטיקט יידן פון אַלע פאכן. אָפּצייכנס פאַר ייד[ישע] געוועלבער. רעליגיע־פאריין פאַרבאָטן צו לערנען. סטודענטן פאריכט יידישע געוועלבער פארניכטעט[ע] דורך יענע.

א״י 9 סעפּט[עמבער]. לופט אָנפאַל אויף תל־אביב פאַר דער ייד[ישער] אַנטיאיטאַליעניש[ער] פראָפּאַגאַנדע. 127 פערזאָן, דערפון 107 יידן. פארניכטעט דעם בית־עולם. 45 הייזער פאַרניכטעט, 2 טויזנט פונט שטיצע פון דער רעגירונג, געזאמלט געלט פאַר 6 — א״י אינפאנטעריע. די יידן ווילן שאפן אן אומאָפּהענגיקע ייד[ישע] ארמיי.

טערקיי. 5 יאָר קיעווער „שטערן״ געפייערט — 8 אָקט[אָבער]. דר. העניק שיפּער, יידישער היסטאָריקער, אַ מיטגליד פון דער אַקאַדעמיע פאר געשיכטע. 200 פוי[לישע] פליטים אין — — פוי[לישע] רעגירונג ראטשקעוויטש, סטראָנסקי וויצע פרעמיער, זאלעווסקי, קאָץ — פינאנסן. גענ[עראל] האַלער, סאָסנקאָווסקי, לאדיש — (פויערים־פּאַרטיי), סיידא, סטאנטשיק, ק. פערדינאנס [?] קאָץ. ד״ר שטראסבורגער [510], א סיים פון 24 מענטשן, ד״ר שוואַרצבאַרד [511] און אַרטור [512]. אין „גלאָס פּאָלסקי״ בלעטער פון א פאַרטיידיקער פון וו[אַרשע], גרינגשעצנד וועגן יידן ווי אַזיאטן ווי פּראָפּעסיעס, יידן געשלאָגן אין די פּוילישע לעגיאָנען. 18 טויזנט יידן פון פראנקרייך, בעלגיע, ענגלאַנד און האָלאַנד געווען אין דער אַרמיי. „יעסטעס פּאָלאַקעם״ [512א] אן אָנפאל אויף דער היילער [?] — —. מודה געווען, אַז די פּאָליטיק לגבי די מינדערהייט געווען א פאלשע „פּאָלסקא וואלטשאָנצאַ״.

מנחם באָריישא [513]. דער קריזיס ביי יידיש.

---

510) מיטגלידער פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן.

511) ד״ר איגנאַצי שוואַרצבאַרד (1888 — 1961), באַקאַנטער ציוניסטישער טוער, מיטגליד פון פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט אין לאָנדאָן.

512) שמואל זיגעלבוים („אַרטור״) (1895 — 1943) טוער פון „בונד״ און יידישע פּראָפאַרייִנען אין פּוילן, מיטגליד פון פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט אין לאָנדאָן, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין לאָנדאָן דעם 12 מאַי 1943, אַלס פּראָטעסט קעגן דעם שטילשווייגן פון דער וועלט לגבי דעם פעלקערמאָרד איבער די יידן אין פּוילן.

512א) אַ פּוילישע רעאַקציאָנער־אַנטיסעמיטישע צייטשריפט אין ענגלאַנד.

513) מנחם באָרײַשא (1888 — 1949) יידישער דיכטער אין אַמעריקע.

א״י. זווקס פון עלעקטריע פון 20 מיליאָן אויף 27. דימענט־שלייפונג דורך פליטים פון בעלגיע. ערשטע 6 חדשים 600 טויזנט אינוועסטיציע אין אינדוסטריע, 500 אין בוי, 300 אין געמישטע לאַנדווירטשאַפט, 200 אין טראַנספּאָרט, פּאָמעראַנצן עקספּאָרט געפאַלן פון 80 מיליאָן אויף 70. פרויען און קינדער קיין ירושלים צוליב דער באָמבאַרדירונג. מיליטערישע אַרבע־טן: בריקן־וועגן א. א. 9 נייע ישובים, זווקס פון פּראָדוקציע פון מילך, אייער און ירקות. 24.000 עולים אין ערשטן מלחמה־יאָר. אויסגעשלאָסן די באַזי־צער פון עסטרייכישע און דייטשע פּעסער. די פּאָליטיק פון ענגלאַנד לגבי א״י נישט געענדערט. 4.000 יידן אין דער ענגלישער אַרמיי. בלוטיקע קאַמפן צווישן — — און א״י. 42,000 פונט פּאַלעסטיין עקאָנאָמיק קאָרפּאָריישן אָף ניו־יאָרק. צוזאַמענאַרבעט פון — — באַזיצער יידן און אַראַבער. אַראַ־ביש־יידישע ספּאָרט־מאַטשן — 16 אַראַבער אויפן אי — —[541].

514) די ווייטערדיקע שורות אומלעזבאַר.

1941

31 דעצעמבער 1940 — 5 יאַנואַר 1941

מיינע ליבע!

געהערט אַז אין די לעצטע טעג זיינען פאָרגעקומען אין די פּוילישע גאַסן דעמאָנסטראַציעס מיט דער לאָזונג: „וואַרשע אָן יידן”. גלייכצייטיק געהערט, אַז אין אַלע קירכעס געווען דרשות, מען זאָל פאַרגעסן וועגן די מיספאַרשטענדענישן מיט די יידן, פאַרקערט, זיי לעבן איצט פאַרמאַכט הינטער מויערן. מען זאָל זיך נישט לאָזן אָנדרייען דורך די שונאים, וואָס ווילן זייען שנאה צווישן פעלקער. לעצטנס זיינען פאָרגעקומען מאַסן־פאַרווילונגען אין די הייזער, מען טרינקט וויין און בראָנפן און מען ווילט זיך. — עס איז לעצטנס ווייער פאַרשפרייט די טראָטשינעס־אייוועלעך. וואָ אַ אייוועלע קאָסט 40 זל. א טאָג איינהייצן קאָסט 2 זל. אַמאָל; בשעת מיט קוילן 7 — 6 זל. אויסער דעם איז די וואַרעמקייט א היגיעניש. — דאָס געטאָ האָט געשפאָלטן פאַמיליעס. די פרוי איז אַוועק אויף יענער זייט צו איר ברודער, א משומד; די טאָכטער זיך געשמוגלט אַלס קריסטן אין א שטעטל, ווייל נישט געוואָלט בלייבן אין געטאָ. דער פאָטער געבליבן מיט צוויי טעכטער. — אין ראָדעם האָט מען אין 3 טעג געזאַמלט 150 טויזנט זל. פאַר די 2.000 יידן, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון דאָרט אין די אַרומיקע שטעטלעך[1]. — מען זאָגט, אַז א סך מענטשן שרייבן זכרונות. גערגעפ[2] א. א. — דאָס ליד „יזכור”[3] מאַכט א שטאַרקן איינדרוק, הגם קינסטלעריש נישט געהויבן. דער דיכטער פאָדערט נקמה פאַר די צרות, [אַנקות] ואנחות, ער פאַרציילט וועגן דער כאַפּעניש, דעם טויטשרעק אין גאַס, די ארבעטלאַגערן (פיאַוקעס, וואָס זויגן די אין בלאָטע אַרבעטנדיקע, אין זומפּן), פון וועלכע מען קומט נישט צוריק. די מעשים תעתועים פון די קהלניקעס, וואָס זיינען טיילמאָל ערגער פאַר יענע. דער צער פון קינדער אָן שולן. און דער־

---

1) דעם 3—5 דעצעמבער 1940 האָבן די דייטשן אויסגעזידלט פון ראָדאָם לערך 2.000 יידן.

2) אברהם געפּנער זע הערה 426 (1940).

3) א פּאָעמע געשריבן אין וואַרשעווער געטאָ דורך דעם באַקאַנטן העברעיש־יידישן דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן (1866—1943; אומגעקומען אין אוישוויץ). דער טעקסט פון „יזכור“ איז פאַרלאָרן געגאַנגען.

ציונג. די הריגות פון קדושים, דאָס קינד, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן צו־ליב זיין שיינקייט.

אין דעם נייעם טעלעפאָן־בוך איז אונטער יאראָסליי [?] אויף יעזואיטן־שטראסע אָנגעגעבן דער טעלעפאָן פון א באָרדעל פאר יענע. רומקאָווסקיס נוסח: ער האָט צו זיינע מענטשן צוגעטיילט דירות און גענומען דערפאַר צו עטלעכע טויזנט מאַרק פאַר סאָצ[יאלער] פארזאָרגונג. אים איז געלונגען ביז איצט צו באַקומען א 5 מיל[יאָן] מאַרק פון יענע. די הויפּט־הכנסה איז ביז איצט די בלאָקירטע ייד[ישע] קאָנטעס, א טייל פון דירה־געלט וואָס רומק[אָווסקי] מאָנט איין סיי פון די ייד[ישע] און סיי פון קריסטלעכע היי־זער. — אויף לעשנאָ 6 וווינט אַ משומד. ער גאַרט זיך צוזאַמענצולעבן מיט יידן. ער אַרבעט טאָג און נאַכט אין קאָמיטעט.

היינט דעם 31 דעצ[עמבער] איז אויף ראָג ניסקא און זאַמענהאָף דער־שאָסן געוואָרן א ייד[ישע] פרוי ביים שמוגלען די גרענעץ. עס געלונגט דאָך הונדערטער אריבערצוגיין אויף יענער זייט, כדי צו קויפן דאָרט פראָ־דוקטן. — היינט האָט מען פאַרבאָטן די יידן צו מאַכן סילוועסטער־פייערונ־גען. — דער ענין שעננע שטינקט שרעקלעך [5]. קאָמבינאַטאָרן פון דער קהלה זיינען דערין פאַרמישט. מען זאָגט, אַז דעם גאַנצן ענין האָבן אַרויסגערופן די קהלה־לייט. געהערט פון איינעם, וואָס איז געווען אין דייטשלאַנד אין א קריגסגעפאנגענעם־לאַגער, אַז ער האָט געזען א באַשטעטיקונג פון א ייד, אַז ער איז דער בעסטער מעלקער. ער האָט געהאַט מעלקער פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, דער בעסטער איז אָבער דער ייד. די וואקכאנאליע פון פארוויילונגען גייט איבער אַלע גרענעצן. מען האָט מיר פארציילט, אַז מען זעט 6—7 אין דער פרי צוריקגיין פון טאַנץ־זאלן, פון באַלן מיט באַלאָנען אין די הענט, האַלב שיכור, זינגענדיק אין גאַס, ווי אין די גוטע פאַרמלחמה־יאָרן. די קהלה האָט געהייסן פארשטעלן אַלע פענצטער פון פאָרנט — מסתמא, כדי נישט צו רייצן יענע מיט די באַלויכטענע פענצטער. צענדלי־קער יידן גייען צופוס קיין אָטוואָצק און ברענגען פון דאָרט פלייש. ווי אַזוי זיי קומען און ווי אַזוי זיי קומען אַהין ווייסט מען נישט. מען זאָגט, אַז אין לאָדזש איז אין די לעצטע טעג געווען א פּאָגראָם [6]. קיין פרטים דערפון און א באַשטעטיקונג זענען נישטאָ. אין די לעצטע טעג זיינען יענע געקומען אויף סיענגע 16 אין דעם מאָדערנעם רעסטאָראַן און געמאַכט אויפנאַמעס ווי יידן ווילן זיך. דאָס זעלבע האָט מען פאָטאָגראפירט פלאַקאַטן מיט דער

---

4) אויף יעזואיטן־גאַס 4 (אין וואַרשע) איז געווען א רעסטאָראן און א קאַבאַרעט פאַר דייטשן. קיין נאָמען יאראסליי איז נישט געלונגען פעסטצושטעלן. נישט אין טעלעפאָן־בוך פון יאָר 1939, נישט פון די יאָרן 1940—1941 פיגו־רירט נישט אזא נאָמען.

5) עס האַנדלט זיך אין דעם, צי מען זאָל די שעננע־גאַס אַרויסנעמען פון געטאָ.

6) ווארשיינלעך א נישטפינקטלעכע ידיעה. זי נעמט זיך אפשר פון דעם, וואָס אין דעצעמבער 1940 זענען אין לאָדזשער געטאָ פאָרגעקומען אומרוען.

אויפשריפט „זאבאווא קאַרנאַוואַלאָווא". היינט לכבוד דעם פּראָסט האָט מען געקאָנט אַדורכגיין דעם גיבראַלטאַר [7] נישט אַראָפּנעמענדיק דעם הוט. — אין א יידישער מעלקעריי אויף מוראַנאָוו ווערט יעדן טאָג געטוישט די קו, די פריערדיקע ווערט געשאָכטן. דאָס קומט פאָר אַזוי: פויערים קומען יעדן טאָג. ביי דער וואַך דערקלערן זיי, אַז די באַשייניקונג אויף אַריינפירן די בהמה האָבן זיי איבערגעלאָזט אין דער היים. זיי גיבן 700 זל. זאלאָג, ביז זיי וועלן ברענגען דעם באַוויז. דערנאָך פאַרגעסן זיי עס צו ברענגען. — מען פאַרקויפט אין דער גאַס הערינג, דאָס טוען די משומדים, וועלכע האָבן עס באַקומען פון דער קאַטוילישער אָרגאַניזאַציע „קאַריטאַס" [8] — ניעמצי — נעם צו, אלאמיין — אַלעס מיין [9].

געהערט היינט דעם 5 יאַנ[ואַר] וועגן איינעם, וואָס האָט באַזוכט לאָדזשער געטאָ. די מענטשן מאַכן אַן איינדרוק פון בעטלער, איינגעהויקערטע, אויסגעהונגערטע. אסך מענטשן באַקומען איצט בריוו וועגן טויט פון זייערע קרובים. — אין גאַס געטראָפן א באַקאַנטן לאָדזשער פאַבריקאַנט מאַנדעלטאָרט אַן איינגעהויקערטן מיט א שטעקן אָנגעשפּאַרט ווי א בעטלער. מען זאָגט, אַז רומקאָווסקי האָט אַלעמען געהייסן געבן זיך די פוטערס, אונטער דראָונג פון תפיסה. אין לאָדזש האָבן מענטשן אַלץ אויספאַרקויפט פאַר שפּאָט ביליק, למשל פאַר א פוטער, פאַר וועלכן מען קען אין וואַרשע נעמען טויזנט זל. האָט מען איצט גענומען 50 מאַרק [10]. — אין גאַס זעט מען היינט א מאַסע קינדער אין שמאַטעס וואָס בעטלען, — מען זאָגט, אַז 80% פון די איינגעוויקלטע אין [שמאַטעס] קינדער אין די פליטים־פונקטן בעטלט אין גאַס. אויף לעשנאָ זעט מען יעדע פאָר שריט מענטשן געפרוירענע, וואָס ליגן איך די ווינקלען און בעטלען. אויף יענער זייט געזען ווייניק אַזעלכע פאַקטן אויף מאַרשאַלקאָווסקא. — גאנצווייך, זאָגט מען שאַפט א קולטור־בונד צוזאמען מיט סטופּניצקין און קאצענעלסאָנען [11]. ווען מען האָט זיך געווענדעט וועגן אַריינלאָזן שטרוי פאַר די פליטים־פונקטן, האָט די טראַנספערשטעלע פאַרלאַנגט א נאָמען.

---

7) די שמאָלע גאַס קאַרמעליצקא, ווו עס איז געווען א גרויסע באַוועגונג און די דייטשן פלעגן דאָ מאַכן אנפאלן, האָבן די יידן גערופן „גיבראַלטאַר" (און אויך „דאַרדאַנעלן").

8) א פּויליש־קאַטוילישע פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפט.

9) אַלעמאַן — אין פראַנצויזיש באַדייט עס דייטשלאַנד. אין יידיש פאַנעטיש — אַלעס (אַלץ) מיין.

10) אָפיציעל איז א דייטשישער מאַרק געווען גלייך צו 2 זלאָטעס. אין לאָדזשער געטאָ איז איינגעפירט געוואָרן ספּעציעל געלט, פאַקטיש — קוויטונגען וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין אומגאַנג מחוץ דעם געטאָ.

11) שאול סטופּניצקי (1942—1876), באַקאַנטער פּובליציסט, מיטאַרבעטער פון „מאָמענט", אומגעקומען בעת דער ערשטער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ.

לעצטנס באַמערקט זיך פראָסטיטוציע אויף די גאַסן. נעכטן האָט מיך פארהאלטן א זייער לויטן אויסזען אָנשטענדיקע פרוי. די נויט טרייבט צו אַלעם. געהערט וועגן א פליט, וואָס פלעגט אַרבעטן אַלס פאַרטרעטער[12] פאר 2 — 3 זל.; אין די טעג, ווען ער האָט נישט געהאט קיין פארטרעטונג, געארבעט פארן עסן, וואָס ער פלעגט באַקומען ביי די ס. ס.

— די ידיעה וועגן שימעקן באַשטעטיקט[13]. אויך וועגן שיען — סטאַניסלאַוו[14].

אין די לעצטע טעג (אָנהויב יאנואַר) געהערט וועגן א טראגישער געשעעניש אין לאָדזש. פארהונגערטע האָבן זיך געוואָרפן צו באַראַבעווען די קהלה־מאַגאַזינען. נישט קענענדיק זיך געבן קיין עצה האָט די קהלה גערופן די פאָרשטייער פון דער מאַכט. עס זיינען געפאלן עטלעכע הונדערט מענטשן און עס זיינען א גרויסע צאָל (טויזנטער) פאַרוואונדעט געוואָרן[15]. געווען אן אָבלאַווע אויף די גאַסן. מען האָט אַרויסגענומען מענטשן פון גערטנערן[16], געכאַפּט מענטשן אויפן גאַס; אין א צוקערניע אויף נאָוואָליפּקי האָט מען צוגענומען אין שאַטניע אַלע פאַלטנס. — געהערט וואונדער וועגן דעם שמוגל דורכן ייד[ישן] בית־עולם. דאָרט האָט [מען] אין איין נאַכט איבערגעפירט 26 קי. עס זענען פאַראַן שיפרען צווישן די שמוגלער, וועלכן מען שרייט אַריבער דורכן — — .

15, 16 יאנואר 1941

היינט דעם פינפצנטן יאַנואַר אָנגעקומען די ידיעה וועגן דער אויסווייזונג פון הונדערט פופציק טויזנט יידן פון סאָסנאָוויעץ און בענדין[17]. הם חפצים שאַנחנו נעשה את הדבר ובתנאי הזה תהיה האפשרות להציל את הממון של האַנשים האלה[18]. דאָס איז אַן עיקר־פראַגע, צי זאָל מען מיט אייגענע הענט טאָן אַזאַ זאַך. יידן זיינען נאָך פאַראַן אין די אַנשטאַלטן פון דרעווני־

---

12) פאַרמעגלעכע מענטשן אין געטאָ פלעגן באַצאָלן פאַר פארטרעטן זיי ביי דער צוואַנגס־אַרבעט און ביים אַרויסשיקן אין די אַרבעטס־לאַגערן.

13) דער גימנאַזיע־לערער שמעון לובעלסקי, אַ קאָמוניסט, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן אין שייכות מיטן ענין אַנדזשעי קאָט. זע די הערות 200 און 216 (1940).

14) ווארשעווער — אַדוו. סטאַניסלאַוו בענקעל, באַקאַנטער טוער פון פּ. פּ. ס., א ייד, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט די פאַרדעכטיקטע אין דער מעשה קאָט.

15) פון 11 יאַנ. 1941 זענען אין לאָדזשער געטאָ פאָרגעקומען גאַסן־דעמאָנסטראַציעס לשם פאַרגרעסערן די שפּייז־צוטיילונגען, דער המון האָט ראַבירט שפּייז פון די וואָגנס.

16) אַ פּאָפּולערער יידישער רעסטאָראַן אויף לעשנאָ 2.

17) דאָס זענען געווען קלאַנגען.

צאַ[19]און פון — —. מען האָט חשק צוצונעמען זאַפּיוווקע[20] מיט 400 קראַנ־קע. די אַפּגעלאָזנקייט פון דער קהלה, גיט נישט קיין גראָשן פאַר דעם אַנ־שטאַלט. אַ שררה צעשלאָגן אַ יהודי און דערביי צעקלאַפּט דאָס זייגערל, גע־קומען פאָדערן הונדערט זל. פאַר דער באַשעדיקונג. ספר לי קנעפל [21] שבכל אמצי כוחותיו הוא עמל שלא להכות אותו כאשר היה בגלריה. [22] דאָס וואָרט פאַרפּלוכטע, דרעקיקע פערדאַמטע יודע נישט אַרויס פון זיין מויל. די פאַר־אָרדענונג וועגן צוואַנגס־אַרבעט פון יידן, באַזונדערס פון 12 יאָר, און די דערציונגס־אַרבעט, וואָס דאַרף געבן פּרוכטן, דערמאָנט ביי אַלעמען די קאַנטאָניסטן[23]. — געהערט פון סעתייעע [?], אַז די צוואַנגס־אַרבעטן זיי־נען אַ יש. מען וועט יידן באַנוצן צו רייניקן, אויפבויען די חרוב־געוואָרענע שטעט אין גובערניע, צו לאַנדווירטשאַפט, און ווי עס דרינגט אַרויס פון איין קורירערס אַרטיקל[24] — צו וואַסער־רעגולאַציע.

דעם זעכצנטן יאַנואַר פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז האשכנז הולך בדרך לוואָוו [25] קיין רוס. [לאַנד]. אויך די שטעט ביאַליסטאָק און גראָדנע זאָלן אַריבער צו אַנדערע. מען זאָגט, אַז דאָרט הערשט אַ גרויסע פּאַניק, מען מאַכט ויברח קיין טיף רוסלאַנד. מען איז צוגעגאַנגען צו אַ גרופּע טרעגער און גענומען ביי זיי צו חמשים גראָשן. — נעכטן צוגענומען ביי איינעם 15 דעקאָ פּוטער. געווען ביי מיר אַן אַרבעטסלאָזער אַ דערפינדער פון אַן אויטאָ אָן בענזין. זיינע אַרבעטן געמאַכט ביז איצט אין דריי פאַרשידענע שטעט צוליב סוד. פאַרגעלייגט אים צו פירן קיין א״י, אויב עס וועלן זיין סערטיפיקאַטן. געהערט פון איינעם, אַז יידן טאָרן נישט ווענדן זיך צו די ראשים, טיטולירנדיק זיי. געהערט וועגן דעם יידן מיט דער באָרד. בשעת דער געטאָ־מעשה געקומען אַ ראָש און געפרעגט וואָס מיטן געטאָ. די

18) העברעיש: זיי ווילן, אַז מיר זאָלן מאַכן די זאַך. אונטער דעם באַ־דינג, וועט זיין די מעגלעכקייט צו ראַטעווען דאָס פאַרמעגן פון די דאָזיקע מענטשן. אין טעקסט איז פאַראַן א טעות: אַנשטאָט „תהיה האפשרות“ איז דאָ „יהיה האפשרות“.

19) אַן אָרטשאַפט אין וואַרשעווער דיסטריקט, וו עס איז געווען אַן אַר־בעטס־לאַגער פאַר יידן.

20) א יידישער הייל־אַנשטאַלט פאַר נערוועיש־ און פסיכיש־קראַנקע.

21) דוד גוזשיק, איינער פון די דירעקטאָרן פון „דזשוינט“ אין וואַרשע. גוזשיק אויף פּויליש איז דער טייטש — קנעפל. זע הערה 181 (1940).

22) העברעיש: עס האָט מיר דערציילט קנעפל (גוזשיק), אַז ער האָט געאַר־בעט מיט אַלע כוחות, כדי ער (דער דייטש) זאָל אים נישט שלאָגן, ווען ער איז געווען אין דער גאַלעריע (ווייזט אויס, געווען געכאַפּט אויף אַרבעט).

23) אין דער צייט פונעם צאַר ניקאָליי I פלעגט מען כאַפּן יידישע קינדער, זיי פאַרשיקן אין ווייטע מקומות און זיי דערציען פאַר סאָלדאַטן, אָפטמאָל זיי צווינגען צו שמד. מען האָט זיי גערופן „קאַנטאָניסטן“.

24) „נאָווי קוריער וואַרשאַווסקי“, זע הערה 129 פונעם (1940)

25) העברעיש: דער דייטש גייט מיטן וועג דורך לעמבערג (אויפן ראַטנ־פאַרבאַנד).

תשובה [:] כדי די יידן זאָלן פרייוויליק אַרויס, דאַרף מען זיי שלאָגן און טרייבן — דאָס קענען מיר נישט טאָן. וואָס טוט איר, ווען יידן קומען זיך פרעגן. מיר ראטן זיי נישט צו רירן זיך פון אָרט. געדונערט, אָבער שפּע־טער געזאָגט צו אַן אַנדערן עלטסטן: ווער איז דער בראַווער מאַן וואָס האָט מוט? די טאַקטיק לגבי יענע. זאָגן, אַז מען איז מסכים אויף די סאַמע אוממעגלעכסטע פאָדערונגען און שפּעטער באַווייזן, אַז צוליב טעכנישע סיבות, אויסגעפירט בלויז אַ טייל. די מעשה מיט צוויי טויזנט שטולן פון שימעקן. מסכים געווען. געבראַכט דעם צווייטן טאָג פּופּציק, דעם רעשט דאַרף מען באַשטעלן אין ראַדאָמסק. דערויף אַן אויסווייז א. א. פון מאַנסן[26].

מיט האַרציקע גרוסן אייער פּיוויש

19 פעברואַר 1941.

מיין ליבער פריינט!

אין לובלין איז מיט אַ צייט צוריק (דעצעמבער 1940) אַרויס אַ פאַר־אָרדנונג, אַז יידן טאָרן נישט גריסן יענע מיט אַראָפּנעמען דעם הוט. וועגן דעם זענען דאָ פּלאַקאַטן אין גאַס. אַ טייל, וועלכע מ׳גריסט נישט, שלאָגן דערפאַר, אַנדערע, וועלכע מען גריסט, שלעפּן צו צום פּלאַקאַט און ווייזן, אַז מ׳טאָר נישט גריסן. אין שייכות מיטן פּלאַקאַט איז איינגעזעצט געוואָרן דער ראַט־מיטגליד ד״ר אלטער [אַלטען].

וועלכע זענען די מאָטיוון פון איינפירן דאָס געטאָ: פאַראַן סברות, אַז מען וויל אַלע יידן פון פּוילן קאָנצענטרירן אויף פיר ערטער: וואַרשע, קראָקע, קעלץ און ראַדאָם. דאָס זאָל געשען אין פאַל פון אַ מלחמה מיטן מזרח. מען זאָל האָבן אַ זיכערע סיטואַציע. אין קראָקע איז די לאַגע זייער אַ שווערע. מען שיקט אַרויס כסדר יידן, בעיקר פאָרן זיי קיין מערב־גאַליציע[27]. מ׳כאַפּט יעדן טאָג יידן אָן קענקאַרטן און מ׳שיקט זיי אויף מאַגילסקאַ (נאָמען־אָמען[28]). — אין לאָדזש צענעמט מען אַ סך הייזער,

[26] אָטטאָ מאַנס איז אין יאָר 1940 געווען דער פאַרטרעטער פון שען, דעם לייטער פון אומזידלונגס־אָפּטייל ביים דיסטריקט־אַמט אין וואַרשע. זינט דעם 1 אָקטאָבער 1941 איז ער געווען דער לאַנדסקאָמיסאַר אין שטעטל ראַדזי־מין הינטער וואַרשע.

[27] אין אַפּריל 1940 איז אַרויס א פאַראָרדענונג וועגן אַרויסשיקן פון קראָקע, אַלס הויפּט־שטאָט פון דער גענעראַל־גובערניע, עטלעכע צענדליק טויזנט יידן. די גענעראַל־גובערניע האָט אַרומגעכאַפּט פיר אָקופּירטע דיסטריקטן: וואַרשעווער, קראַקעווער, ראַדאָמער און לובלינער. נאָכן אָקופּירן מזרח־גאַליציע איז זי אויך איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער גענעראַל־גובערניע.

[28] מאַגילסקאַ — אַ נאָמען פון א גאַס אין וואַרשע, שטאַמט פון וואָרט מאָגילאַ, וואָס באַטייט — א קבר.

דער עיקר אָפּיצינעס, בכדי ס'זאָל נישט זיין ענג. אויף נאַוואָמיעיסקאַ צענעמט מען די ווענט זוכנדיק וואַלוטע, גאָלד, בריליאַנטן. אין לאָדזש זענען דאָ איינציקע יידן, וואָס אַרבעטן אין פאַבריקן. זיי טאָרן נישט פאַר־לאָזן דאָס וווינאָרט. די שמאַטשאַזשעס[29] זענען שוין נישט פאַראַן דאָרט. — ביי די טויטע חסידים[30] אויף נאַוואַליפּיע פאַראַן אַ גרויסער אויפשריפט: „געוואַלט, יידן, זייט זיך נישט מיאש". די יידן טאַנצן דאָרטן ווי פאַר דער מלחמה. אַ ייד, וועמענס טאָכטער עס איז אַ טאָג פריער געשטאָרבן, האָט דעם צווייטן טאָג געטאַנצט נאָך דער תפילה. — עס זענען דאָ אַ טייל פּעסימיסטן, וואָס דריקן אויס די מורא, אַז די ענגלענדער זאָלן נישט קומען אויף די קברים און אָנזאָגן אַ בשורה: „מיר האָבן געזיגט". — אויף קוישן[31] קען מען היינט באַקומען שפּאָט־ביליק ייד[ישע] ביכער, שמאַטעס פון לאַטיינער[32] און בכלל איינאַקטערס ווערן געזוכט מיט לעכט. מען באַ־צאָלט דערפאַר צו 10 זל. פאַר אַן עקזעמפּלאַר, ווייל מען שפּילט אין די הויז־קאָמיטעטן. אויף קראָכמאַלנע שפּילט מען „ציפּקע פייער"[33]. — בעת פראַנק איז עטלעכע וואָכן צוריק געווען אין וואַרשע (יאַנואַר)[34], האָט מען פון די שויפענסטער אָפּגערוימט די טשיאַסטעס. 48 שעה איז געווען פאַ־גאַטאָוויע פון דער יידישער פּאָליציי. ער איז געווען אויף זאַמענהאָף 7 אין אַ ייד[ישער] דירה. — אין מעלאָדי פּאַלאַס איז פאָרגעקומען אַ קאַרנאַ־וואַל מיט אַ קאָנקורס פון די שענסטע פיס. דאָס געטאָ טאַנצט (דער קאָנג־רעס טאַנצט)[35]. געוואָלט שטערן די שמחה דורכן אָרדנונגסדינסט, אָבער אַרויסגעשטעלט האָט זיך, אַז די שותפטע איז פון יענע און מען קען זי נישט רירן[36]. דאָס זעלביקע איז מיטן רוב יידישע פאַרוויילונגס־לאָקאַלן.

29) שמאַטע־קלייבער.

30) טויטע חסידים ווערן אָנגערופן די חסידים, וואָס זענען אָנהענגער פון ר' נחמן בראַסלאַווער און האָבן נישט אויסגעקליבן קיין נייע רביים נאָך ר' נחמן בראַסלאַווערס טויט. זייער שטיבל אין וואַרשע האָט זיך געפונען אויף נאַוואַליפּיע גאַס.

31) אין וואַרשעווער געטאָ האָט מען געהאַנדלט מיט ביכער אין די גאַסן. די ביכער האָט מען ס'רוב געהאַלטן אין קוישן.

32) יוסף לאַטיינער (1853 — 1935), מחבר פון שונד־פּיעסן.

33) „ציפּקע פייער" — א פּאָפּולערע יידישע אָפּערעטע (קאָמעדיע אין 4 אַקטן מיט געזאַנג, דערשינען א רעדאַגירטע דורך ראובן מאַנדעלבוים־מאַרסאַ־לאָוו אין וואַרשע אין 1925, אינעם פאַרלאַג פון ש. גאָלדפאַרב).

34) דעם 20 און 21 יאַנואַר 1941 איז אין וואַרשע געקומען דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האַנס פראַנק און האָט אָפּגעהאַלטן א קאָנפערענץ מיט די לייטער פון וואַרשעווער דיסטריקט־אַמט.

35) דאָס איז דער נאָמען פון א פילם, געמאַכט אינעם צווישנמלחמה־פּע־ריאָד, א. ד. ט. פונעם ווינער קאָנגרעס פון יאָר 1815.

36) די שותפטע פון דעם טאַנץ־לאָקאַל „מעלאָדי פּאַלאַס" איז געווען פרוי יודט (יודטאַווא), וועלכע האָט געהאַט פּערזענלעכע קאָנטאַקטן מיט די דייטשן. וועגן איר זע ווייטער ביי רינגעלבלומען.

מען טאָר נישט שפּילן די אַרישע מוזיקער און פון די יידישע די, וואָס זענען ערן־אַריער, ד. ה. עס ווערן געשפּילט מענדעלסאָן, קאַלמאַן, ביזעט און מייערבער. עס קומען לעצטנס אָן מאַסנווייז פּעקלעך פון רוסלאַנד און יוגאָסלאַוויע. די פּעקלעך (צוויי טויזנט אַ טאָג) זענען זייער גוטע: פּעטס, קאַווע וכדומה. זיי זענען אַ וויכטיקער דערהאַלטונגס־מאָמענט פאַר דעם עולם. דער עולם נעמט זיך אָן פאַרן ייד[ישן] פּאָליציאַנט: „דעם פּוילישן וואָלסטו געהערט, אַ יידישן נישט״. פאַראַן אינטעליגענטע פּאָליציאַנטן, וואָס שטערט צו באַפעלן, נעמען זיי דיסקוטירן און איבערצייגן. פון לאָדזש בײַ־טערע ידיעות: צוליבן מאַנגל אין הייצמאַטעריאַל פאַרברענט מען די מעבל, די פּאָדלאָגעס. די גמינע פאַרקויפט הייס וואַסער. פון רומקאָווסקין[37] אַ מעשה: מיר האָבן אין געטאָ גאָלד־וואַלוטע, יענער רופט זיך אָפּ פאַרחידושט: „ווי אַזוי?״ ער הויבט אויף די פויסטן און זאָגט: „אָט די אַרבעט פון אונדזערע הענט איז אונדזער גאָלד־וואַלוטע״. „דאָס איז דאָך אַ דייטשע טעאָריע״, „מיר לערנען טאַקע פון אַלע״ — ענטפערט ער. — פּויל[ישע] פּאָ־ליציאַנטן האָבן זיך אין יאַנואַר געמאַכט אַזאַ פּרנסה. זיי פלעגן איינזעצן יידן אַפילו מיט פּשעפּוסטקעס און אַזוי אַרום באַקומען בײַ זיי 10 זל. עס איז אין יאַנואַר אַרויס אַ פאַראָרדנונג, אַז פאַר גיין אויף יענער זייט געטאָ אָן אַ פּשעפּוסטקע דראָט אַ שטראָף פון טויזנט זל.[38]. אין לובלין האָבן זיך די פּויל[ישע] סוחרים געווענדעט וועגן צונעמען ייד[ישע] געשעפטן. — די אויפשריפט פון אַ דיסטריקט־באַאַמטן: נישט אַזוי שנעל. אויף אַ בקשה פון אַ יידישער פאַמיליע צו באַפרייען זייער זון פון לאַגער איז אָנגע־שריבן: און ווי איז געווען אין בידגאָשטש[39]? דער באַקאַנטער פּראָפ[עסאָר] סעראַפים[40] האָט זיך צוזאַמען מיט ר׳ מייערן[41] צוגענומען די בעסטע יודאַי־קע פון אַדעלבערגן[42]. ער האָט דערבײַ אַרויסגעוויזן אַ צו גרויסן אייפער.

---

37) מרדכי=חיים רומקאָווסקי, דער יודנעלטסטער אין לאָדזשער געטאָ.

33) דער פאַרבאָט אַרויסצוגיין פון געטאָ געפינט זיך אין דער „אַנאָרדע=נונג״ פון לייסט, דעם „בעאויפטראַגטען דעם דיסטריקטס פיר די שטאַדט וואַר=שאַו איבער דען יודישען וואָהנבעצירק אין ווארשאַו״ פון 14 יאַנואַר 1941.

39) די היטלעריסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט אָנהייב דער מלחמה מיט פּוילן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אין בידגאָשטש זענען אַ סך דייטשן דערמאָרדעט גע=וואָרן דורך פּאָליאַקן און יידן. די ווערמאַכט האָט דעם 3=טן סעפּטעמבער 1939 איינגעאָרדנט אין דער שטאָט אַ שחיטה פון פּאָליאַקן און יידן.

40) דער באַקאַנטער היטלעריסטישער „געלערנטער״ פּראָפ. פּעטער=היינץ סעראַפים, אַ „ספּעציאַליסט״ אין דער יידן=פראַגע, האָט צוגערויבט די רייכע יודאַיסטישע ביבליאָטעק פון סאַמועל אַדעלבערג (זע ווייטער הערה 42). איז איצט אַ פּראָפעסאָר אין מערב=דייטשלאַנד.

41) וואַרשעווער: פּראָפ. מאיר באַלאַבאַן.

42) סאַמועל אַדאַלבערג (1875 — 1940), געלערנטער, מחבר פון בוך פון פּוילישע שפּריכווערטער Księga przysłów polskich לאַנגיאָרי=קער רעפערענט פאַר יידישע ענינים בײַ דער פּוילישער רעגירונג, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין געטאָ.

אין לובלין אַרבעטן זיבן הונדערט קריגסגעפאַנגענע פון יענער זייט (רוס־לאַנד)[43], מען האָט זיי לעצטנס געוואָלט אָנטון בינדעס, אָבער זיי האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט אַפילו ווען מען זאָל זיי דערשיסן. לעצטנס אין חודש פעברואַר זאָגט מען, אַז בריליאַנטן זענען געשטיגן. די סיבה: יענע קויפן אויף מאַסנווייז. היינט דעם 19 פעברואַר אַרויס אַ פאַראָרדנונג, אַז אונטער אַ שטראָף פון טויזנט זל. טאָר מען נישט פאַרקויפן, שענקען, איבערגעבן יידן קיין זאַכן[44]. אויף סטאַווקי ווערן געבויט באַראַקן, וווּ עס וועט פאָר־קומען דער טראַנספער מיט דער ייד[ישער] באַפעלקערונג. דאָרט וועלן פאַרפאָרן וואַגאָנען דירעקט פון דער באַן. אויף קראָכמאַלנע 17 האָט גע־האָנגען אַ פלאַקאַט: אַ מעסער אין בויך דעם, וואָס וועט געבן איין זל. פאַר דער שטשעפּיאָנקע פון דער קהלה. דער רוב בעטלערקעס אין די גאַסן זענען פון די פונקטן פאַר פליטים.

27, 28 פעברואר 1941

אויף יענער זייט בית־עולם געשאַפן זיך פויל[ישע] יוגנטלעכע רויבער־באַנדעס, וואָס פאַרטשעפּען אויך קריסטן. געווען פאַלן, אַז דאָרט האָט מען אויסגעטון יידן און ביי [זיי] אַלץ צוגענומען. וועגן פלאָנסק געהערט פאָלגנדע מעשה: אין דער דאָרטיקער היסטאָרישער שול פאַראַן אַ היס־טאָרישער ארון, האָט מען אַ גרופּע יידן פאַרמאַכט אין שול, פאַרשלאָסן פון דרויסן און אַזוי לאַנג געהאַלטן, ביז וואַנען נישט צעהאַקט דעם ארון־קודש אויף שטיקלעך[45]. — געהערט. פאָלגנדע ערקלערונג: עס האַנדלט זיך דאָ וועגן דעם, אַז עס זאָלן נישט בלייבן קיין שפּורן פון יידישן עבר אין פוילן. דאָס איז נויטיק, כדי צו באַווייזן, אַז יידן זיינען אַ צוגעקומענער עלעמענט, וואָס האָט נישט קיין אחיזה. די קראָקעווער רבנים, וואָס זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין אָשוויענטשים, לעבן שוין נישט. זייער חטא: זיי האָבן זיך געווענדעט מיט אַ מעמאָראַנדום צום מעטראָפּאָליט סאַפּיעהאַ און גראַף ראָניקער וועגן דער פראַגע פון גירוש[46]. אין די לעצטע טעג

---

43) אויף ליפּאָווע־גאַס אין לובלין האָבן די דייטשן געשאַפן אַ לאַגער פאַר יידישע קריגס־געפאַנגענע, געוו. סאָלדאַטן פון דער פּוילישער אַרמיי, וועלכע האָבן געשטאַמט פון מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד. אויפן שוועל פון 1939 — 1940 האָבן די דייטשן עטלעכע טראַנספּאָרטן פון דעם לאַגער אויסגעמאָרדעט.

44) דער פאַרבאָט פון פאַרקויפן צו יידן איז פאַראַן אין דער „אַנאָרדענונג" פון „בעאויפטראַגטן דעם דיסטריקטסשעפס פיר די שטאָדט וואַרשאַו" פון 13 פעברואַר 1941.

45) דער דאָזיקער ארון קודש האָט וואַרשעווער געשטאַמט פון דער צווייטער העלפט 17־טן י"ה.

46) אין דעצעמבער 1940 האָבן זיך דריי יידישע עסקנים, דערונטער צוויי רבנים — שאול קורניצער, שבתי ראַפּאַפּאָרט און מאיר פרידעריק — אין קראָקע געווענדט צום אַרציביסקופּ סאַפּיעהאַ און דעם פּאָרזיצער פון דעם פילאַנטראָפּישן הויפּט־ראַט (ר.ג.אָ.) גראַף ראָניקער וועגן אַן אינטערווענץ פאַר אָפּשטעלן דעם

איז פאַרשאַרפט געוואָרן די פראַגע פון גירוש קראָקע. בלויז זיבן טויזנט יידן האָבן „קענקאַרטן", די איבעריקע צוואַנציק טויזנט מוזן פאַרלאָזן קראָקע. קיין אָפּאָלע זענען אָנגעקומען טויזנט יידן פון ווין[47]. — מען האָט אַרויסגעפירט כמעט אַלע וויכטיקערע פוילישע מוזעאומס. — אויף קאָזשלע גאַס גייט דער שמוגל דורך אַ טיר אין אַ וואַנט, וואָס גרענעצט מיט דער אַרישער זייט. אַדורכגיין קאָסט 5 זל. דער ייד מאַכט גילדענע געשעפטן. מיט עטלעכע טעג צוריק (23 — 27) פעבר. פאַרגעקומען קבלת פּנים פאַר די איבער 20 פאַמיליעס פון משומדים, וואָס זענען געווען אויף ראַניקערס ליסטע[48]. צווישן זיי בענעדיקט הערץ, פּראָפ. הירשפעלד, ד"ר ווערטהיים א. אַ[49]. אין דער קהלה האָט מען פאַר זיי צוגעגרייט אָפּאַסקעס. די טעג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ פאַרבאָט צו פאַרקויפן יידן סחורה[50]. דערביי דראָט ביידע זייטן אַ שטראָף פון טויזנט זל. דאָס איז אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַרן האַנדל באַזונדערס פאַרן שמוגל. — אין צוזאַמענהאַנג מיט די באַשטעלונגען פאַרן דרויסן אין געטאָ ווערט דערלויבט צו פאַרמאָגן מער ווי צוויי טויזנט זל[51]. די לובאַוויטשער חסידים האָבן באַקומען וויזעס פאַר 50 חסידים אַרויסצופאָרן קיין אַמעריקע. עס גייט אָן אינטענסיווע קולטור־אַרבעט. אין איבער 90 הייף זיינען פאַרגעקומען מענדעלע־אַקאַדעמיעס. עס זיינען אין צענדליקער הייף פאַראַן ביבליאָטעקן פון ייד[ישע] און פויל[ישע] ביכער. צוויי טויזנט חסידישע יונגעלייט לערנען נישט בלויז, נאָר

יידן־גירוש פון קראָקע. זיי האָבן אויך דערלאַנגט א מעמאָריאַל דעם גובערנאַטאָר פון קראקעווער דיסטריקט. די יידישע עסקנים זענען תיכף אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשיקט קיין אוישוויץ, וו זיי זענען אומגעקומען. סאַפּיעהא האָט, אגב, אָפּגעזאָגט צו העלפן.

47) דאָס שטעטל אָפּאָלע ליגט אין לובלינער דיסטריקט.

48) גראַף ראַניקער האָט איבערגעגעבן דער דייטשישער מאַכט, אויף איר פאַרלאַנג, א ליסטע פון קריסטן פון יידישן אָפּשטאַם, וועלכע האָבן זיך באַמיט, דורך דער פאַרמיטלונג פון .R. G. O צו באַקומען א דערלויבעניש צו בלייבן וווינען מחוץ געטאָ. די דייטשישע פּאָליציי האָט, אויסנוצנדיק די ליסטע, אַרעסטירט אַלע משומדים און זיי אַריבערגעפירט אין געטאָ. זייער פאַרמעגן איז צערויבט געוואָרן.

49) בענעדיקט הערץ (1872 — 1952), א באַקאַנטער פוילישער משלים־ און מעשהלעך־שרייבער און סאַטיריקער, געשטאַנען נאָענט צו פּפּס. פּראָפ. לודוויק הירשפעלד (1884—1954), בארימטער באַקטעריאָלאָג און סעראָלאָג, אָרגאַניזירט אין געטאָ העכערע מעדיצינישע קורסן, מחבר פון אן אויטאָביאָגראַפיש בוך („די געשיכטע פון איין לעבן", אין פויליש), וואָס איז טיילווייז געווידמעט דעם געטאָ. ד"ר אַלעקסאַנדער ווערטהיים — געוו. אָרדינאַטאָר פון ערשטן כירורגישן אָפּטייל פונעם יידישן שפּיטאָל אויף טשיסטע, אין געטאָ אָרדינאַטאָר אינעם שפּיטאָל אויף לעשנא. אַלע דריי משומדים.

50) זע הערה 44 (1941).

51) ביז אויגוסט 1941 האָט א ייד געמעגט פאַרמאָגן ביז 2000 זל. מזומן. אין אויגוסט 1941 איז אַרויס א פאַראָרדענונג, אַז מען מעג פאַרמאָגן מער ווי 2000 זל. דער ציל פון דער ענדערונג איז געווען, מען זאָל דערמעגלעכן די יידישע סוחרים צו קענען גרינדן האַנדלס־ און אינדוסטריע־געזעלשאַפטן.

פירן װאַ קעגנזייטיקע הילפס־אַרבעט. אַ יידישער שרייבער (גילבערט)[52] קומט אַריין אין אַ ביוראָ — זיין איינציקע בקשה 20 מינוט זיך אָנוואַרעמען. אַ בילדל אויף לעשנע 5: אין דעם אָפּגעבריענטן פּאָסט־בנין שטאַרצט אַרויס פון אַ קעלער־לאָך דער קאָפּ פון אַ יידישן שמוגלער. דאָס דערזעען שומרים[53]. זיי רופן צו צוויי יידן און באַפוילן זיי אַרויסצושלעפּן דעם ייד. זיי טוען עס, באַקומען אַ קאָפּ אויפן וועג און איצט הייסן זיי דעם שמוגלער אַריינקריכן צוריק און פאַרוונדן אים דעם קאָפּ מיט די באַגנעטן. זיין געשריי הערט מען אין דער שטילקייט פון דער גאַס. אַ צווייט בילדל: אין יידישן שפּיטאָל ביי די סקאַרבאָווצעס [54] קומט פאָר אַן אָפּעראַציע. עס קומען אַריין די באַאַמטע פון עלעקטראָווניע: די סקאַרבאָווצעס זענען שולדיק זעכציק טויזנט גילדן פאַר עלעקטריע. דער ד״ר באַרקאָווסקי[55] בעט זיך 5 מינוט צייט, כדי צו קענען פאַרענדיקן די אָפּעראַציע. „עס מאַכט נישט אויס — ענטפערן די באַאַמטע פון דער עלעקטראָווניע — וועט זיין מיט איין ייד וויניקער”. די אָפּעראַציע האָט געמוזט פאַרענדיקט ווערן ביי ליכט.

היינט דעם 27 פעבר. איז דערהרגעט געוואָרן אַ ייד[ישער] יונגערמאַן דורך דעם ייד[ישן] אָרדנונגסדינסט, ער האָט געקאָפּעט אַ ייד[ישן] פּאָליציאַנט, האָט מען [אים] אין קהלה־בנין דערטליקעט צום טויט. — אויף דער פּראָווינץ נעמט מען שטייערן ביי יידן אויף אַזאַ אופן: מען נעמט צו אַ מלבוש און מען גיט אַ טערמין פון צוויי וואָכן צום אויסקויפן — ווערט דאָס נישט געטון, ווערט דאָס מלבוש פאַרקויפט. יענע וואָך פאַרגעקומען אַ מעשה מיט דריי יידן שנהרגו על ידי שומרים[56], געוואָלט צעטרייבן אַ גרופּע וואָס געשטאַנען ביים ראָג לעש — זשעלאַזנע, דערווייל די ביקס געפאַלן אויף דער ערד און צעבראָכן געוואָרן. פון אַדורכפאָרנדיקן [אויטאָ] געשאָסן און געהרגעט 3 צופעליקע יידן.

היינט שבת דעם 28 פעבר. דערוווסט זיך וועגן פלאַקאַטן פון יענער זייט, אַז עס זאָלן זיך מעלדן אַריער נישט אַשכנזים צום לאַגער־דינסט אײבער יידן פון וואַרש[עווער] דיסטריקט[57]. דער עולם עס פאַרשטאַנען, אַז

---

52) שלמה גילבערט (1885 — 1942), יידישער שרייבער, אומגעקומען בעת דער ערשטער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ.

53) שומרים — אין דעם פאַל: דייטשישע וואַך.

54) לאָקאַל פון דעם שטייער־אַמט און פון ספּירט־מאָנאָפּאָל אויף לעשנאָ־גאַס נומער 1, וווהין עס האָבן זיך אַריבערגעצויגן די כירורגישע אָפּטיילונגען פון דעם יידישן שפּיטאָל פון טשיסטע־גאַס, וועלכער איז געצוונגען געוואָרן צו באַצאָלן די אַלטע שטייערן און עלעקטריע־חובות.

55) ד׳ר איגנאַצי באַרקאָווסקי, אָרדינאַטאָר פון דער דריטער כירורגישער אָפּטיילונג אין שפּיטאָל אויף לעשנאָ 1, אומגעקומען אין געטאָ אין אַפּריל 1943.

56) העברעיש: וועלכע זענען דערהרגעט געוואָרן דורך דייטשישע וואַכליים.

57) דעם 27 פעברואַר 1941 האָט דער וואַרשעווער גובערנאַטאָר לודוויג פישער אַרויסגעלאָזט אַ „באַקאַנטמאַכונג“ וועגן ווערבירן צום לאַגערשוץ פון די

װאַרש[עװער] ייִדן װערן אױסגעזידלט און אָװעקגעשיקט אין באַראַקן, דעריבער אַ גרױסע באַאומרואיקונג. אין דער אמתן פֿאַרבונדן מיט דער אַרבעטס־פּליכט. צװישן די אָנגעקומענע משומדים געפֿינט זיך פּראָפֿ. הירשפֿעלד, אַן אײראָפּעישער נאָמען אױפֿן געביט פֿון באַקטעריאָלאָגיע װי אױך נאַטאַנזאָן[58]. טשערניאַקאָװ געװיזן אים דאָס בילד פֿון זײַן זיידן דעם געװ. װאַרש[עװער] ראש קהלה[59]. דאָס אייניקל מודה געװען, אַז דער זיידע בעסער געטון װי ער. אָנגעקומען אַ ידיעה פֿון טויטן אַ ייִד [אַ]משומד פֿון אָשװיענטשים. זײַן חטא און פֿון צװיי אַנדערע חברים איז, אַז ער האָט געזאָגט צו אַ פּויל[ישן] פּאָליציאַנט, אַז ער איז ערגער פֿון אַן אַשכנז. אָנגעקומען 8 טויזנט װינער ייִדן — אין אָפּאָלע 2.000, קעלץ א. א. שטעט[60]. דער פּרייז פֿון פּוטער איז געשטיגן אױף 35 זל. קײן גראָדזשיסק זײַנען צוריקגעפֿאָרן איבער 50 ייִד[ישע] בעלי־מלאכות, זיי דאַרפֿן צורעכט מאַכן די דאָרטיקע הײַזער פֿאַר די אַשכנזים, װאָס קומען אַהין. — צו אַ ייִד, װאָס האָט פֿאַרלױרן די בינדע, רופֿט זיך אָן אַן אַשכנזישער ראש: „זיע יודע זיע האַבען פּערלאָרען דאָס צװאַנציקסטע יאַרהונדערט". די אינטערעסאַנטע דעפּעשן פֿון קאַרלסבאַד צו סקלאַדקאָװסקין פֿון יאָר 1937 װעגן די ייִד[ישע] פּאָגראָמען אין 1937 און די באַמערקונגען פֿון פּאַפּראָצקין װעגן אַרײַנשטעלן די פּערזאָנען אױף דער שװאַרצער ליסטע[61]. — פֿון אײנס ביז 3 אַזײגער װערט ספּעציעל פֿאַרשטאַרקט די אָרדנונג אױף קאַרמעליצקאַ, בכדי נישט צו געבן יענע אַ גרונד צו שלאָגן ייִדן אױפֿן װעג צום פּאַװיאַק. מען זאָגט, אַז יעדן טאָג פֿאָרן זיי אַהין כדי צו שלאָגן די אַרעסטירטע. װען עס האָט זיך געהאַנדלט װעגן שבת־רו האָט זיך אין דער קהלה געשאַפֿן אַ קוריאָזע לאַגע:

ייִדישע אַרבעטס־לאַגערן מענער פֿון „נישט דײַטשישע פֿאָלקס־גרופּן (פּאָליאַקן, אוקראַינער און װײַסרוטענער)".

58) דאָס איז אײנער פֿון די אָפּשטאַמיקע פֿון דער באַקאַנטער רײַכער אַסימילירטער משפּחה די נאַטאַנסאָנס (זע װײַטער הערה 59), אַ גרױסער אונטערנעמער און משומד. זײַן פֿרוי איז געװען באַקאַנט פֿון איר איבערגעטריבענער קאַטױלישער פֿרומקייט.

59) ד"ר לודװיק נאַטאַנסאָן (1821—1896), אַ באַקאַנטער גינעקאָלאָג, איז געװען אין די יאָרן 187₁—1896 פּרעזעס פֿון דער ייִדישער קהלה אין װאַרשע. זײַן ברודער, דער פֿאַרלעגער און בוכהענדלער הענריק נאַטאַנסאָן, איז געװען פּרעזעס פֿון דער גרױסער סינאַגאָגע אױף טלאָמאַצקע. בײדע זענען געװען פֿאָרשטײער פֿון דער אַסימילאַציע.

60) די דײַטשן האָבן פּלאַנירט איבערצוזידלען 10 טויזנט װינער ייִדן. עס איז אונדז באַװוּסט װעגן זיבן טראַנספּאָרטן: דעם 15 פֿעברואַר 1941 קײן אָפּאָלע (טויזנט נפֿשות), דעם 28 פֿעברואַר קײן אָפּאָלע (טויזנט נפֿשות), סוף פֿעברואַר קײן קעלץ (טויזנט נפֿשות), דעם 7 מערץ קײן מאָדליבאָזשיצע (אין יאַנאָװ־לובלינער פּאָװיאַט 1035 נפֿשות), דעם 13 מערץ קײן אָסטראָװיעץ (טויזנט נפֿשות), דעם 27 מערץ אין אָפּאָטער פּאָװיאַט (טויזנט נפֿשות) און דעם 10 אַפּריל קײן ראַװאַ מאַזאָװיעצקאַ (טויזנט נפֿשות).

61) אין יאָר 1938 האָט דער ייִדישער װעלט־קאָנגרעס געשיקט אַ פּראָטעסט־דעפּעשע צו דער פּױלישער רעגירונג (פּרעמיער סקלאַדקאָװסקי) קעגן די פּאָגראָמען. סטעפֿאַן־יוזעף פּאַפּראָצקי, דער דירעקטאָר פֿון ביוראָ פֿאַר נאַציאָנאַליטע־

די אַגודה ־ לייט זענען געווען פאַר איינהאַלטן די זונטיק ־ רו, ווייל זי איז באַשטימט געוואָרן דורך דער פריערדיקער מלוכה. די משומדים זענען געווען פאַר שבת ־ רו און אַזוי איז טאַקע געשען [62]. אין די צוקערניעס און קאַוויאַרניעס איז דאָ אַ נייע פרנסה: עס שטייט אַ פרוי וואָס לייט די אָפּאָסקע די אַריינגייער. דערפאַר באַקומט מען 10—20 גר. לעצטנס טרעפט כמעט יעדן טאָג, אַז אויף די גאַסן ליגן אינמיטן טראָטואַר מענטשן פאַרחלשטע אָדער טויטע. דאָס מאַכט כמעט שוין נישט קיין איינדרוק. די גאַסן זענען כסדר פול מיט צוגעקומענע פליטים. די הויכע פורן אָדער אויטאָס אָנגעלאָדענע מיט בעבעכעס פון אָרעמע יידן מאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק [63]. די גרויסע אסיפה וועגן ייד[ישער] קולטור־ארבעט. איבער 90 מענדעלע־פייערונגען אין די הייף. אַ גרוס פון יענער וועלט: די רעקאָרדס [?] דערוווסט זיך, אַז דעם בונד איז ענדלעך געלונגען אַריין אין סיים (אַרטור) [64].— אַ פליטקע אויף דזיעלנע 7 געווינט אַ גאַנץ יאָר אין פונקט, געהאַט שמוק,מטבעות וכדומה אין ווערט פון 120 טויזנט זל. אַ בילד פון אָפּפערוויליקייט: אַ פליט פון שלעזיע, עפשטיין אויף ספּאָקאָינע [65] פאַרבראַכט אַ גאַנצע נאַכט דאָרט, כדי צו היטן ייד[ישע] פליטים פון דער עקספּלאָאַטאַציע פון פויל[ישע] פּאָליציאַנטן. דערוווסט זיך, אַז זיי ווילן נעמען פון יעדן פעקל צו 5 זל. צוזאַמען געוואָלט האָבן אַ רויב פון 1.500. אויפגעוועקט דעם פויל[ישן] לייטער און אַפּעלירט צו זיין געוויסן, דערקלערט די פּאָליציאַנטן אַז כל־זמן ער לעבט וועלן זיי דאָס געלט נישט באַקומען — און אויסגעפועלט, באַוויגן דעם אַנטיסעמיטישן דירעקטאָר צו באַזייטיקן די פּערזאָנען, וואָס [האָבן] גענומען כאַבאַר ביי די פליטים. בכלל נישט איינמאָל אויסגעקומען די עסקנים צו טראָגן פעק אויף לעש 109 און ספּאָקאָינע אונטער די קלעפּ פון די שומרים, וואָס האָבן געהאַלטן אַז עס געדויערט ביי זיי צו לאַנג דאָס איבערטראָגן קראַנקע אָדער אַלטע פון די וועגנס. עס זענען אין וואַרשע פאַראַן 107 אינוואַלידן פון יאָר 1939. זיי האָבן אַלע באַשטעטיקונגען פון פּ.צ.ק. [66]. דער לעצטער ליקווידירט זיין טעטיקייט אויפן שטח פון געטאָ.

טן=פּאָליטיק ביים פּרעזידיום פון מיניסטאָרן=ראַט, האָט אַריינגעשטעלט די פּראָטעסט=שיקער אין אַ שוואַרצער ליסטע.

62) נישט פּינקטלעך. די אגודה איז פאַקטיש געווען פאַר שבת=רו.

63) אין די לעצטע טעג פון יאַנואַר, אין פעברואַר און תחילה מערץ 1941 האָט מען איינגעזידלט אין וואַרשעווער געטאָ די יידן פון דעם מערב=טייל פון וואַרשעווער דיסטריקט.

64) נאָך לאַנגע פאָדערונגען האָט איצט דער „בונד" באַקומען אַ פאָרשטייער אין דעם פּוילישן נאַציאָנאַל=ראַט אין לאָנדאָן. דעם „בונד" האָט דאָרטן רעפּרעזענטירט שמואל זיגעלבוים („ארטור").

65) דאָ האָט זיך געפונען דער באַד=אַנשטאַלט, וווּ מען פלעגט דורכפירן די דעזינפעקציע פון די זאַכן, וואָס די פליטים און גולים האָבן מיט זיך געבראַכט. דאָס איז געווען אַן אָרט פון פאַרשיידענע שיקאַנעס. אויף לעשנאָ 109 איז געווען די „קוואַראַנטאַנע".

66) פּאָלסקי טשערוואָני קשיזש (P.C.K.) — פּוילישער רויטער קרייץ.

מיין ליבער פריינט! [67]

אויף מלאַווסקאַ איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ הילצערנע בריק, וואָס פאַרבינדעט איין גאַס פון געטאָ מיט דער צווייטער. די צוויי ייד[ישע] טראַמווייען 15 און 28 זענען סקאַסירט געוואָרן. איצט (פעברואַר) גייט בלויז איינער מיט אַ גרויסן מגן־דוד. די קריסטל[עכע] אַפטייקן האָבן אַ גרויס לייזונג. זיי ווערן פשוט אויספאַרקויפט. עס איז גרויס די סכנה פון שווינדזוכט, וועלכע פאַרשפרייט זיך זייער צווישן יידן. צוליבן פאַרשפּאַרט זיין אין געטאָ דראָט, אַז די קראַנקהייט זאָל זיך שרעקלעך פאַרשפרייטן. אָפטע פאַלן פון אַרויסשלעפן רעשטלעך עסן פון די מיסטקאַסטנס. אין דער זעלבער צייט פאַראַן דירות, ווו מען עסט יעדן טאָג מאַראַנצן 25 זל. אַ קילאָ, וויינטרויבן וכדומה. עס אַנטשטייען אַלץ מער און מער לאָקאַלן פאַר פאַרווײַלונגען. די שותפים זענען אָפט פאָלקס־אַשכנזים [68]. געמוזט צושטעלן אין דער טראַנספּערשטעלע אַ גרויסן נאַכט־טאָפּ. פאַראַן יידן וואָס אַרבעטן ביי ס.ס., ס.אַ. און אַנדערע שטעלן. זיי קומען טיילמאָל אין ייד[ישע] אינסטיטוציעס און פאַרלאַנגען אין זכות פון יענע מלבושים וכדומה. ביי דער קלענסטער געלעגנהייט דראָען זיי מיט יענע. מען דערציילט גאַנצע לעגענדעס וועגן ד״ר שובערט [69] פון דיסטריקט. ער איז דער אַפּוטראָפּס פון גאַנצוויכן. ער טוט אָן אַן אָפּאַסקע און גייט אין געטאָ. מען זאָגט, אַז ער האָט געטויט טיילמאָל אָן יידיש פאַרמעגן. ער איז אַ באַפּטיסט. דער ייד פון פראַנצישקאַנער מיט דער מצבה מיט זיין בילד, האָט מיט מזל חתונה געהאַט.

מיזעריקאָרדיאַ עט יוסטיציאַ [70], די לאָזונג פון דער אינקוויזיציע. לעצטנס זייער שטאַרק פאַרשפרייט די סוויעזשבע [71], סיבה — מאַנגל אין זייף. געטראָפן אַ שוידערלעכן פאַל מיט אַ 3־יאָריק קינד פון אַ פּליט. דער שומר האָט בשעתן פאָרן אַריינגעוואָרפן דאָס קינד אין שניי. די מוטער אַראָפּגעשפרונגען און געוואָלט ראַטעווען דאָס קינד. דער שומר געדראָט מיט אַ רעוואָלווער. די מוטער האָט אָבער דערקלערט, אַז אָן קינד האָט איר לעבן קיין שום ווערט נישט. דעמלט געדראָט צו דערשיסן אַלע יידן פון וואָגן. די

67) קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.

68) פאָלקסדויטשן, ד. ה. פּאָליאַקן פון דייטשישן אָפּשטאַם, אָדער סתם רענעגאַטן, וועלכע האָבן אונטערגעשריבן די היטלעריסטישע א. ג. פאָלקס־ליסטע.

69) אין וואַרשע זענען געווען צוויי דייטשישע באַאַמטע מיטן נאָמען שובערט: שובערט ריכאַרד — אין דעם פּראָפּאַגאַנדע־אַמט פון וואַרשעווער דיסטריקט, און שובערט (נאָמען נישט באַוווסט) — א רעפערענט אין אינערן־פאַרוואַלטונג פונעם דיסטריקט.

70) לאַטיין: רחמנות און יושר.

71) פּויליש: אויסשיט אויף דער הויט.

פריי געקומען קיין וואַרשע און דאָ אַראָפּ פון זינען. אין דער פּראָווינץ נעמט מען גרויסע באַשטייערונגען. אין ראַדאָם געשאַפן במשך פון 3 שעה 50 טויזנט פאַר 500 אויסגעזידלטע פון דאָרט. מען זאָגט, אַז מען האַלט ביים קאָנצענטרירן די יידן אין 4 ערטער: וואַרשע, לובלין, ראַדאָם און קעלץ. אין וואַרשע וועט מען אַריינוואַרפן די יידן פון וואַרשעווער דיסטריקט אַ 200 טויזנט [72], די סיבה אַ פּאָליטישע. אין פאַל פון אַ מלחמה מיט רוסלאַנד זאָל מען האָבן קאָנצענטרירט אַלע יידן אויף 4 ערטער. שוין איז אין יאַנואַר געווען אין די נייע אַזילן, געזידלט די רייכע יידן, געדרשנט וועגן ציוויליזאַציע וכדומה. אַנדערע זאָגן, אַז די סיבה פון אויסזידלונג פון וואַרש[עווער] דיסטריקט איז דאָס אָנקומען פון פּאָלאַקן פון פּאָמערן. באמת זענען טאַקע אָנגעקומען קיין פּיאַסעטשנע אין אַ קורצער צייט נאָכן אויסזידלען די יידן, פּאָלאַקן פון פּאָמערן. מיט אַ קורצער צייט צוריק (אָנהויב פעברואַר) זענען קיין גריצע אַרויסגעפאָרן אַ גרופּע פון 20 יידן אין אַ דאָרף פון אַ דייטש אויף לאַנדווירטשאַפט פון דעם פּאָוויאַט, פון וועלכן מ'האָט פאַרטריבן די יידן. אַרבעט האָט אַלזאָ געעפנט די טויערן פון געטאָ.

נישט לאַנג איז אין דער טראַנספּערשטעלע פאָרגעקומען אַ גרויסע אַוואַנטורע צווישן אַ היגן ראש וועגן ייד[ישע] אַרבעטער, וועלכע יענער וויל נישט אַרויסגעבן קיין פּזשעפּוסטקעס. דער ראש וויל נישט באַשעפטיקן קיין פּאָלאַקן אויס מורא פאַר סאַבאָטאַזש. אויף קראָכמאַלנע 17 אַרויסגעהאָנגען אַ פּלאַקאַט: אַ מעסער אין בויך דעם, וואָס וועט געבן אַ זלאָט אויף אַ שטשעפּיאָנקע אין דער קהלה. עס זענען פאַראַן אומלעגאַלע באַוועגלעכע ביבליאָטעקן, וואָס ברענגען אַהיים ביכער פאַר דעם לייענער. עס איז פאַראַן אַ תלמוד־תורה פון 700 תלמידים מיט רבנים אַלס מלמדים. „שאַפּאַ גראַ" איז דאָס פּאָפּולערסטע ווערטל וועגן דער קהלה. אַז מען וואַרפט אַריין אין דער שאַפּע, שפּילט זי. אין פעברואַר געענדערט די נעמען פון אַ טייל גאַסן. זאַמענהאָף — צוריק דזשיקאַ. מייזעלס — קורזשאַ [73]. סיענאַ־גאַס איז ווידער איינגעשטעלט [74]. יידן מוזן דערפאַר באַצאָלן 160 טויזנט זל. אין גאָלד. מען האָט געגעבן פּזשעפּוסטקעס יידן אויף יענער זייט איינצוקויפן גאָלד: רינגלעך, שמעלץ וכדומה. דאָס געלט גייט אויף ווינטער־הילף פאַר דער פּאַרטיי. איינער געווען אויף אַ בדיקה [75] ביי אַ ייד. גאָרנישט געפונען. געבעטן אַ ייד[ישן] ספר אַלס אַמולעט. די גאַסן־פאַרקויפער פון לענטעס שרייען: אויב שוין קויפן די שמאַטע, קויפט אַ ריינע. בעטלער מאַכן אַ לעבן אויף פאַרשיידענע אופנים: דער פּולטוסקער חזן שטייט מיט זיין משורר און גאָרגלט זיך מיט אַן אל מלא רחמים א. א. וו. אַן אַנדערער ווידער

---

72) פּאַקטיש האָט מען דעמלט איינגעזידלט אין וואַרשעווער געטאָ איבער 50 טויזנט יידן פון וואַרשעווער דיסטריקט.

73) די גאַסן זאַמענהאָף האָבן די דייטשן געהייסן אָנרופן צוריק דזשיקאַ (ווילדע) און מייזעלס — קוזשאַ (הינער־גאַס).

74) שענאַ־גאַס האָט געדראָט אַרויסצופאַלן פון געטאָ.

75) דאָס העברעישע וואָרט בדיקה באַטייט אין דעם פאַל: רעוויזיע.

האַלט גאַנצע דרשות. ער איילט זיך, ווי עמעצער וואָלט אים געיאָגט און וואַרפט מיט די הענט ווי אויף דער בימה. אַ מוטער געבעטלט און געהאַלטן ביי דער זייט אַ קינד, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר טויט. עס בעטלען אין גאַס קינדער 3 און 4 יאָריקע און דאָס איז דאָס פיינלעכסטע. אַ טייל בעטלער שטודירט טעאַטראַלע פּאָזעס צו מאַכן אַ שטאַרקערן איינדרוק. דער דראַנג צו שרייבן מעמואַרן איז אַזוי שטאַרק, אַפילו אין אַרבעטס־לאַגערן האָבן יונגעלייט געשריבן מעמואַרן. מ׳האָט געפּאַקט, די פּאַפּירן צעריסן און געשלאָגן. אַ משוגענער לויפט אַרום און שרייט אין די גאַסן: אַלע גלייך[76] — דאָ אין געטאָ זענען אַלע גלייך — עס האַלט נאָך נישט דאַביי, אָבער עס איז נישט ווייט. מען זאָגט, אַז דער שטאַב פון ליובאַוויטשער חסידים באַקומען איינרייזע־דערלויבענישן קיין אַמעריקע און פאָרן אַוועק אַ ליאַדע טאָג. די אויפנאַמען פון יידן אין די אַמטן [איז] זייער אַ געררייצטע צוליב אַמעריקעס באַציונג. אַ באַאַמטן נישט דערלויבט זיצן אין וואַרטע־זאַל. אַ ייד קען אויך שטיין. עס קומען לאָדזשער אשכנזים, וועלכע קויפן איין פוטערס, בריליאַנטן, גאָלד און וואַלוטע. מען וויל זיך פאַרזיכערן. מען קויפט עס אויף אין וואַרשעווער געטאָ. דעריבער איז געשטיגן דער פּרייז פון בריליאַנטן. כאַראַקטעריסטיש, אַז מ׳האַנדלט מיט הייזער אין געטאָ. עס קומען אָן אַ סך פּעקלעך פון רוסלאַנד און אַנדערע לענדער ביז צוויי טויזנט אַ טאָג. די רוס[ישע] פּעקלעך זענען אויסגעצייכנטע און זיי זענען אַ שטיצע נישט פאַר איין משפּחה. גראַף ראָניקער, זאָגט מען, מאַכט באַמיונגען וועגן דערלויבן אַ טייל משומדים בלייבן אויף יענער זייט. ער האָט צוגעשטעלט דער מאַכט אַ ליסטע, די מענער פון דער ליסטע זענען איינגעשיבנט געוואָרן, די פרויען — אויסגעזידלט אין געטאָ. אויף סיענגא זאָלן זיך געפינען אַ סך פון די משומדים. אין אַ שטעטל יידן געשריבן בריוו צו דער הילפס־אינסטיטוציע און געענדיקט מיט ס. אָ. ס. איינגעשיבנט דורך קרייזהויפטמאַן. לעצטנס פאַסירט אָפט, אַז מען פאַרמאַכט הייף, אייגנטלעך גאַנצע גאַסן פאַר נישט איינצאָלן דירה־געלט. מ׳לעשט אויס די עלעקטריע. קאַמעליצקאַ מאַכט אַ מיראַדיקן איינדרוק. צוליב דער פינצטערניש קריכט איינער דעם צווייטן אויפן קאָפּ. דער עולם שאַפט לידלעך וועגן דער קהלה, וועגן די ברידער ליכטנבוים, וואָס מאַכן מויערן און פאַרדינען דערביי מיט דער הילף פון דעם פאָטער און מאַכן גרויסע מאַיאָנטקעס. דער פאָטער גיט אַרויס אַרבעט זיינע צוויי זין[77]. פאַר רעפּאַרירן דאָס סוחרים־הויז אויף פּראָסטע ליכטנ[בוים] פאַרלאַנגט 60 טויזנט, אַנדערע אַ פערטל פון דער סומע. אויף יענער זייט זאָגט מען, אַז מען ווילט זיך ווי אין געטאָ.

---

76) דאָס איז געווען דער פּאָפּולערער אין וואַרשעווער געטאָ משוגענער און ליך רובינשטיין.

77) די זין פון אינזש. מאַרעק ליכטענבוים, דעם מיטגליד פון יודענראַט — פּרעזידיום, האָבן זיך געחברט מיט דייטשן און זענען געווען פאַרדעכטיקט אין מיטאַרבעט מיט זיי.

דאָס גוטאָ טאַנצט; עס קומען צו כסדר נייע נאַכט־לאָקאַלן. אויף זשעלאַזנאַ — פּאַלערמאָ מיט קאַבינעטן, קאַסאַנאָוואַ — אויף נאָוואָליפּיע 18 (דורך דער חברה פון לעשנאָ 13). אין בענדין, סאָסנאָוויעץ נעמט מען געלט מיט דער הילף פון „שלעפּערס", וואָס באַזעצן די דירה פון דעם באַשטייערטן, ביז וואַנען ער באַצאָלט נישט די פולע סומע.

פעברואר 41

10 מערץ 1941.

מיין ליבער פריינט![78]

אַ בילדל: עס פאָרט אָן אַן אויטאָ מיט יענע. אויף קאַרמעליצקע פאַרשטעלט דעם וועג אַ יידיש האַנט־וועגעלע. ער קען ווייטער נישט פאָרן. עס שטייגט אויס איינער פון זיי און נעמט שלאָגן דעם ייד. פון יידס פּלייצע הויבט זיך אויף אַ קאָרזש[79], רופט זיך אָן אַ צווייטער: לאָז אים אָפּ, דאָס איז דאָך ריינע עפּידעמיע. דער ערשטער פאַרטראַכט זיך און לאָזט אָפּ דעם ייד. — פאַר עטלעכע טעג האָט אויף ראָג זשעלאַזנע — גזשיבאָווסקע פּאַסירט אַ טראַגישע מעשה: אויפן ראָג איז געשטאַנען אַ גרעסערע גרופּע יידישע אָרעמעלייט, וואָס האָבן געזוכט זיך אַריבערצושמוגלען אויף יענער זייט. אַ שומר ווענדט זיך צום יידישן פּאָליציאַנט, ער זאָל אין 5 מינוט אַרום אָפּרייניקן דעם פּלאַץ. דאָס געלינגט אים אָבער נישט. ער שיסט אויס און עס פאַלן 2 אָדער 3 קרבנות (אָנהויב מערץ). — מיט עטלעכע טעג צוריק איז אַנטדעקט געוואָרן אַ געהיימער טיפוס־שפּיטאָל אין אַ נישט קאַנאַליזירט הויז. עס זענען דאָרט געלעגן 8 קראַנקע, דערפון 2 פון אַן אַנדער הויז. אין דעם ענין זענען אַריינגעמישט 2 דאָקטוירים און אַ פעלדשער. — הגם עס ווערט געמאַכט אַ גרויסע טרעוואָגע מיטן טיפוס (ריזיקע פּלאַקאַטן מיט אַ „שטירמער"־ייד [80] מיט דער אויפשריפט: „זשידזשי — ווּשי — טיפוס פּלאַמיסטי"[81] — אַ גרויסע לויז קריכט אַריין אין באָרד פון דעם יידן. די פּלאַקאַטן זענען אויך אויסגעהאָנגען אין אַרישע טראַמווייען. די פּלאַקאַטן זענען אומעטום אין יידישן געטאָ אָפּגעריסן געוואָרן. הגם מען האָט לכבוד זיי אויסגעקלעפּט די מעלדונגס־ברעטער מיט ווייסע פּאַפּירן,) — פאַרשפּרייט זיך דער טיפוס זייער שוואַך צווישן יידן. ס'איז פּוֹר־

78) קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.

79) פּויליש: א שטויב.

80) „דער שטירמער" פלעגט דרוקן קאריקאטורן פון יידן צוליב נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן.

81) פּויליש: יידן — לייז — פלעק־טיפוס.

אָרדנט געוואָרן, אַז יידישע ארבעטער אויף אַשכּנזישע פלאַצוווקעס[82] מוזן זיך יעדן טאָג באָדן פאַרן גיין צו דער אַרבעט. מען זאָגט אויך, אַז יעדער ייד, וואָס וועט האָבן אַ פּזשעפּוסטקע, וועט גלייכצייטיק מוזן ווייזן אַן ענט־לויזונגס־שיין. אין שייכות מיט דער טיפוס־געפאַר וויל מען דאָס געטאָ אַזוי ענג פאַרמאַכן, אַז קיין פויגל זאָל נישט קענען אַדורך. — אין אַן אַש־כּנזישן אַנשטאַלט זיך פאַרלאָפן פאָלגנדע מעשה: אַ ייד, וואָס קומט דאָרט אַריין אַ גאַנץ יאָר, ווערט באַגריסט דורך אַ דאָרטיקן באַ מטן בלויז מינדלעך, נישט דורך האַנט רייכן. ער רופט אַריין דעם יידן אין אַ חדר־מיוחד און אַנט־שולדיקט זיך. ער האָט גאָרנישט קעגן דעם ייד. מער נישט עס איז מלחמה. דאָס יידנטום איז קעגן יענע. קען ער נישט געבן די האַנט קיין שום יידן. פערזענלעך האָט ער אָבער גאָרנישט קעגן דעם ייד. — די באַפרייונגס־פאַבריק פון די אַרבעטס־לאַגערן אַרבעט שוין. געמישטע קאָמיסיע פון יענע און יידן באַפרייען שוין פאַר אויסקויף־געלט; מען זאָגט, אַז ס'וועלן נויטיק זיין איבער 50 טויזנט יידן. — מען האָט מיט עטלעכע טעג דערקלערט, אַז די איבערזידלונגס־אַקציע וועט ביזן סוף מערץ איבערגעריסן ווערן.

היינט דעם 10־טן איז אָבער אָנגעקומען אַ צוג מיט צוויי טויזנט יידן פון דאַנציג, בידגאָשטש, בכלל פון פאָמערן. פרייטיק ביינאַכט האָט מען זיי איפּגעוועקט צוויי אַזייגער און געהייסן אין 2 שעה זיך צונויפפּאַקן. מען האָט זיי דערלויבט מיטצונעמען 20 מאַרק, וועלכע זענען אויף דער גרענעץ אין טשעזו פאַרטוישט געוואָרן אויף אומגילטיקע 40 זל. (אַרויסגעצויגענע פון קורס 20־ער זל.).

עס אַנטשטייען אַ טייל קאַוויאַרניעס, וואָס זענען אַ שותפות פון אַ גרעסערער צאָל משפחות, ווי, צ. ב. „שטיקאַ" (לעשנא 2) עטלעכע צוואַנ־ציק משפחות. — דער שמוגל גייט אין אַ גרויסן טייל דורך די טראַמווייען. בשעתן דורכפאָרן דורכן יידישן קוואַרטאַל שפרינגען קריסטן אַראָפּ מיט פעקלעך, באַזונדערס אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ. דאָרט צאָלט מען דעם קאָנ־דוקטאָר מיטן פאָליציאַנט פאַר אַ קורס אַ הונדערט זל. ער פאָרט אַ ביסל פּאַמעלעכער און מען שפרינגט אַרויס מיט גאַנצע זעק קאַשע אָדער מעל. אויפן בית־עולם גייט אַ ריזיקער שמוגל. אַ גרופּע קריסטן קומט אַריין אין געטאָ און יידן גייען אַרויס. די „באָסאַקעס" זעט מען ווידער אין שטאָט. — אַ גרוס פון לאָדזש. דאָרט איז די אַפּראָוויזאַציע אַ נישקשהדיקע. מען באַ־קומט 400 גראַם ברויט טעגלעך אויף אַ פּערזאָן. דאָרט הערשט אָרדנונג און ריינקייט. אויף יעדן, וואָס קומט פון דאָרט מאַכט וואַרשע אַן איינדרוק פון אַ באַלאַגאַן. דאָרט אַרבעטן אין פאַבריקן מחוץ דעם געטאָ 15 — 16 טויזנט פּערזאָן[83]. איניקע טויזנט זענען פרייוויליק אַרויסגעפאָרן צו בויען

---

[82] דייטשישע אַרבעטס־פּלעצער מחוץ דעם געטאָ, ווו עס פלעגן אַרבעטן יידן, וועלכע מען האָט צוליב דעם אָנגערופן — פּלאַצוווקאַזשעס.

[83] דעם 24 יאַנואַר 1941 איז אין לאָדזשער געטאָ פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ פּלאַקאַט, אַז מען וועט באַקומען 400 גראַם ברויט.

אין אשכנז וועגן. געהערט פון יידן פון גלאָוונאָ, אַז די פּייערים האָבן זיי ממש אויסגעהאַלטן אַ גאַנצן ווינטער, נישט געווען קיין פאַל, אַז אַ ייד זאָל אַרייס אין דאָרף און נישט צוריקקומען מיט אַ זאַק קאַרטאָפל. — אין וואַרשע קומען פאָר אָפט פאַלן פון פאַרקויפן פלעצער אין הייזער דורך יידן. די אָפּמאַכן ווערן פאַרשריבן ביי אַדוואָקאַטן, לעצטנס קומט דאָס זעלטענער פאָר. דאַקעגן פאַרקויפט מען נחלות אין א״י. געהערט וועגן איינציקע אַזעלכע פאַלן. — אין די לעצטע דריי טעג, זייט דעם 7־טן, דעם דערהרגענען איגאָ סימען[84], לעבט וואַרשע איבער שווערע טעג. ס׳זענען איינגעשפּאַרט געוואָרן 220 פּאָליאַקן. די גרעסטע פּוילישע קינסטלער — סטעמפּאָווסקי, יאַראַטש, מאַליצקאַ, פּשיבילקאָ־פּאָטאָצקאַ, פּראָפ. מיכאַלאָוויטש, פּראָפ. ראַדלינסקי, געבעטנער, ספּיס, פּאַקולסקי[85], ריכטער, אַדוואָקאַטן א. א. וו. עס דראָט זיי אַלעמען דער טויט, אויב דער מערדער וועט זיך נישט מעלדן. מען זאָגט, אַז נעכטן האָבן זיך געמאָלדן 44 פּוילישע פרויען. צווישן אַנדערע דערציילט מען, זאָל זיך האָבן געמאָלדן די קינסטלערין בזשעזשינסקאַ בריוולעד אין זיך פּאַרסמט. מען דערציילט וועגן אַן ענלעכער געשיכטע אין ליוויטש, ווו די גאַנצע פּוילישע אינטעליגענץ איז איינגעשפּאַרט געוואָרן.

10 ,3 ,41

18 מערץ 1941.

מיין ליבער![86]

די צאָל טויטע וואַקסט אין וואַרשע פון טאָג צו טאָג. מיט צוויי וואָכן צוריק איז געשטאָרבן אַ 200 יידן אַ וואָך. די לעצטע וואָך (אָנהויב מערץ) איבער 400. זיי ווערן אַריינגעלייגט אין מאַסן־קברים. איין מת איז אָפּגעטיילט פון צווייטן מיט אַ ברעטל. דער רוב מתים, געבראַכטע פון שפּיטאָל, ווערן אַריינגעלייגט נאַקעט. אין מיין הויז איז אין איין טאָג געשטאָרבן פון הונגער: אַ פאָטער, אַ מוטער און אַ זון. פּינקערט, דער מלך פון מתים, עפנט

84) דעם 7 מערץ 1941 איז דער פּוילישער אַקטיאָר איגאָ סים, וועלכער איז געווען פאַרדעכטיקט אין מיטאַרבעטן מיט דער דייטשישער געהיים־פּאָליציי, דערשאָסן געוואָרן דורך א קאַמפּס־גרופּע פון דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אונטער דער אָנפירונג פון ראָמאַן ראזמילאָווסקי (פּסעוודאָ „זאַוואַדאַ“). וואָס איז שפּעטער געווען א מיטגליד פון א. ק. (קאָנספּיראַטיווע לאַנדס־אַרמיי) און איז געפאַלן בעתן וואַרשעווער אויפשטאַנד, אין אויגוסט 1944. תיכף דעם 7 מערץ איז די געסטאַפּאָ צוגעטראָטן צו מאַסן־אַרעסטן צווישן דער פּוילישער אינטעליגענץ, בפרט צווישן דער טעאַטער־וועלט.

85) סטעפאַן יאַראָטש (1883—1945), באַוווסטער פּוילישער שוישפּילער און רעזשיסער, אַן אַסיר פון אוישוויץ; מאַריאַ מאַליצקאַ און פּשיבילקאָ־פּאָטאָצקאַ — פּוילישע שוישפּילערינס; פּראָפ. מיכאַלאָוויטש — מעדיצין־פּראָפעסאָר; פּראָפ. ראַדלינסקי — געאָגראַף; געבעטנער — קונסט־קענער; ספּיס — אינדוסטריעלער; פּאַקולסקי — אינהאַבער פון א גרויסן סחורות־הויז; אַלע פון וואַרשע.

86) קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.

כסדר נייע פיליעס. ער האָט לעצטנס געעפנט אַ פיליע אויף סמאָטשע, ווו ער דערליידיקט די קבורה מיט „לוקסוס" (ד. ה. מיט באַגלייטער אין ספּע־ציעלע מונדירן) פאַר 12 זל. אַ בילדל: אין אַ יידישן הויף אין אַ באַהאַלטע־נער דירה ווערט געלערנט. די דירה איז אַ קאָנספּיראַטיווע, מען עפנט נאָר פאַר די, וואָס זענען באַקאַנט מיט דער ספּעציעלער האַסלאָ[87] (אַן אייגנאַר־טיקער קלאַפּ). דאָרט זיצט אַ גרעסערע גרופּע ישיבה־בחורים און אַנדערע און לערנען. איינער קוקט אַריין אין אַן עין־יעקב, אַ צווייטער זאָגט אַ קאַ־פּיטל תהילים, אַ דריטער קוקט אַריין אין אַ גמרא. — יעדן טאָג אַ העצע אין דער פּוילישער צייטונג[88] קעגן יידן אין שייכות מיט טיפוס. יעדן טאָג איז דאָ אַ לאָזונג, אַז מען דאַרף זיך האַלטן ריין און אויסמיידן יידן, ווייל זיי ברענגען מיט טיפוס, דער עקלהאַפטער פּלאַקאַט וועגן טיפוס און יידן הענגט אויך אין יידישן טראַמוויי. — לעצטנס איז אַ נייע מאָדע ביי פרויען: אַנשטאָט היטן טראָגט מען טיכלעך. מיט איין וואָרט, די מאָדע בליט. דער משוגענער רובינשטיין גייט איבער די גאַסן און שרייט: „אַלע גלייך, — אין געטאָ, אַלע גלייך". „עס לאָזן זיך אויס די גבירים — וועט זיין שמאַלץ". דער דאָלאַר איז אין שייכות מיט די קלאַנגען וועגן מאָביליזאַציע אין רוסלאַנד (דער קלאַנג האָט זיך פאַרשפּרייט דעם 13 מערץ) געשטיגן מיט 4 פונקטן. — צווישן די משומדים אין געטאָ איז דאָ די באַרימטע אַנטיסעמיטישע, ענדעקישע טוערין און שרייבערין זוזאַננא ראַבסקאַ[89]. אין דער פּאָליציי דינען אַ הונדערט משומדים אויף עקספּאָנירטע פּאָסטנס. זיי רייסן זיך אויך צו בענקלעך אין די הויז־קאָמיטעטן, באַזונדערס אין פינפטן רעוויר. צווישן די שכנים גייט אַ דיסקוסיע, צי דאַרף מען זיי צולאָזן צו וויכטיקערע אַמטן. אין קלויסטער אויף גזשיבאָוו האָט איינער פון די פּאָ־ליציאַנטן־משומדים אויסגעשריגן: נידער מיט די יידן. מען האָט נישט גע־קאָנט פעסטשטעלן, ווער דער פאַרשוין איז. דאָס איז אָבער כאַראַקטעריס־טיש פאַר זייער חוצפה. אין די לעצטע טעג פאָרגעקומען אַ גירוש פון פּלאַצק ביי זייער שווערע באַדינגונגען. מען האָט ביינאַכט אויפגעוועקט די יידן און געטריבן ממש נאַקעטערהייט. אַ טייל, וואָס [האָט] זיך נישט צוגעשטעלט, אויפן אָרט דערהרגעט, אַנדערע אויפן וועג. זיי געפינען זיך היינט אין ראַ־דאָמסק. דעם היינטיקן פּורים האָט מען געפייערט מיט פּאַרווילונגען. מען האָפט אויף אַ נייעם פּורים, וואָס וועט געפייערט ווערן ווי לאַנג יידן וועלן זיין אויף דער ערד. דער נייער פּורים וועט איבערשטייגן אַלע ביז איצטיקע אין דער יידישער געשיכטע. — מען האָט די לעצטע טעג צוגע־נומען אַלע פערד ביי די יידישע דראָזשקאַזשעס אַזוי, אַז איצט איז נישט

---

87) פּויליש: לאָזונג, פּאַראָל.

88) „נאָווי קוריער וואַרשאַווסקי" — זע הערה 129, (1940).

89) אַ טאָכטער פון ייִדיש־פּוילישן היסטאָריקער אַלעקסאַנדער קרויזהאַר. און פרוי פון ענדעקישן שריפטשטעלער ראַבסקי. זי איז געשטאָרבן אין וואַרשע אין יאָר 1960.

פאראן קיין אנדערע קאמוניקאציע א חוץ די ראווער־וועגעלעך. דאס זעלבע זאל האבן פארגעקומען אין ארישן טייל. היינט פארשפרייט זיך א קלאנג וועגן גרויסע ענדערונגען אין געטא. עס וועלן ארויספאלן א טייל גאסן פון געטא: סיענגא, וויעלקא, פרוזשנא א. א. און עס וועלן צוקומען: א טייל דלוגע, פושעיאזד, זאקראטשימסקא א. א. אין די לעצטע טעג (אן ערך דעם 10־טן מערץ) איז אנגעקומען א טראנספארט יידן פון דאנציג, קעניגסבערג, בידגאשטש. זיי זענען בייגוכט אויפגעוועקט געווארן און אין צוויי שעה האבן זיי זיך געזאלט איינפאקן. זיי האבן געמעגט מיטנעמען נאר 10 מארק. אויף דער גרענעץ אין טשעוו האט מען געטוישט די מארקן אויף 20 זל., וואס זענען שוין נישט גילטיק. מען האט זיי זייער ווארעם אויפגענומען אין ווארשע[90]. געשאפן פאר זיי א גוטן פונקט (פראסטא 14). איינער, אן אלטער פאסט־באאמטער (40 יאר) האט נישט געקאנט פארשטיין, ווי אזוי מען וועט יידן נישט צולאזן צו דער רייכספאסט, וווּ ער האט 40 יאר געדינט. איין וואגאן מיט לעבנסמיטל, וואס זיי האבן איינגעקויפט, איז אויפן וועג פארפאלן געווארן. אין די לעצטע טעג שפרינגען שטארק די פרייזן פון פראדוקטן. אין צוזאמענהאנג מיט דער מעשה איגא סים [91] איז געווען געשלאסן דער צוטריט צום געטא פאר אריער און די פרייזן פון ברויט און אנדערע ארטיקלען זענען געשטיגן. דער שמוגל קומט לעצטנס פאר אויף פאלגנדן אופן: קריסטלעכע יינגלעך שפרינגען פון די טראמווייען מיט פעקלעך קארטאפל, מעל. זיי פליען ארײַן פלינק אין א טויער, אנטלויפנדיק אן אפאסקע און גייען ארויס אין גאס. מאקסימיליאן, דער דייטשער קיסר האט געהאלטן, אז יידן זענען הינער, וואס לייגן גאלדענע אייער, דעריבער דארף מען זיי גוט היטן און איינזעצן אין תפיסה, כדי זיי זאלן נישט אנטלויפן. די חוצפה פון א טייל קהלה־באאמטע, לאפוועק־נעמער דערגרייכט דערצו, אז א פאסט באאמטער, וויסנדיק, אז א יידישע משפחה באקומט א סך פעקלעך, איז ער מיט זיין פרוי געקומען און פארלאנגט, מען זאל אים פארקויפן פראדוקטן צו ביליקע פרייזן. דאס אונטערווארפן קינדער אין די לאקאלן פון די אינסטיטוציעס, יידישע פאליציי קאמיסאריאטן א מאסנהאפטע דערשיינונג, ס'האט נישט געהאלפן דאס גרינדן די קינדער־היים פאר קינדער־בעטלער, ווו ס'געפינען זיך 100 קינדער. די בעטלעריי פון קינדער דויערט ווייטער און האט זיך נישט פארקלענערט. לעצטנס א נייער פזמון פון די בעטלערס: „עס פעלט אים צען גראשן צום נאכטלעגער, אויפן גאס קאן מען נישט שלאפן". נאך דער ידיעה וועגן גירוש פון לובלין[92] (15 טויזנט יידן באזייטיקט) האט די יידישע באפעלקערונג אין ווארשע באהערשט א שטארקע בהלה שטימונג. קראקע, לובלין, ראדאם — יעצט די ריי אויף

---

90) די יידן האבן זיי ווארעם אויפגענומען.

91) זע הערה 84.

92) פארן שאפן א געטא אין לובלין האט מען פון דאנען אויסגעזידלט 15 טויזנט יידן אין פארשיידענע שטעטלעך פון לובלינער דיסטריקט.

וואַרשע· מע דאַרף גרייטן די פּלעצאַקעס. די לובלינער זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין פּאָוויאַט: רעיאָוויעץ, בעלזשיץ, פּאַרטשעוו. דער רוב אַרויסגע־שיקטע פרויען, ווייל מענער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. האָט מען אין די גאַסן געכאַפּט פרויען און זיי אַרויסגעשיקט. לעצטנס פאַרקויפט מען אין די גאַסן בינדעס מיט דער אויפשריפט „אָרדנונגסדינסט" פאַר קינדער. מיט איין וואָרט — די פּאָליציי איז אין דער מאָדע. „יינגל האַלט אויס, די הילף קומט" — אַ פּאָלקס־לידל. האָט גרויס דערפאָלג. אַ טייל משומדים וווינט אין דעם פּאַראַפיע־הויף פון „אַלע הייליקע", לעבן דער גזשיבאָוו קירך[93]. די משומדים ווילן נישט קענען יידן. זיי באַקומען הילף ביי דער קאַטוילי־שער געזעלשאַפט קאַריטאַס.

די ליטעראַרישע פּראָדוקציע קעגן דער קהלה וואַקסט. פּאָפּולער דאָס ליד וועגן די ברידער ליכטענבוים, וואָס הערשן אין דער קהלה צוזאַמען מיט זייער פאָטער. דאָס ליד איז לויט טוווימס אַ ליד. — די דאַנציגער פּליטים אין וואַרשע גלויבן, אַז אַזוי ווי דער פירער האָט דערקלערט, אַז די מלחמה וועט זיך נאָך הײַ־יאָר ענדיקן, וועלן זיי זיך אומקערן אין דער היימאַט. דער הונגער איז אַזוי גרויס, אַז אָרעמעלייט כאַפּן אַרויס ברויט פון די אָרעמע ברויט־פאַרקויפערס. גלייך ווערט דאָס ברויט צעריסן אויף צוויי טיילן און איינגעביסן. אַזאַ ברויט קאָן מען שוין ווייטער נישט פאַרקויפן. — דאָס געריכט — איז דער טרעף־פּונקט פון יידן מיט קריסטן[94]. אויב אַ ייד האָט אַן ענין אין געריכט, רופט ער אַרויס טעלעפאָניש אַן אַדוואָ־קאַט און רעדט זיך מיט אים דורך וועגן דעם ענין. דאָרט טרעפט זיך דער פּראָפעסאָר מיט זיינע אַסיסטענטקעס[95]. — אין אָנהייב מערץ די ידיעה וועגן אויסטיילן גזשיבאָוו מיט פּרוזשנע. די סיבה: אַ גרויסע פירמע פון אַלטאייזן, סוויעצאַ, האָט אַ מאַגאַזין. עס דאַרף לאַנג דויערן, ביז זי וועט איבערפירן דעם לאַגער אויף יענער זייט. לויטן פאַרשלאַג פון סוויעצאַ האָט דער קאָמיסאַר זיך באַמיט וועגן אויסטיילן גזשיבאָוו פון געטאָ. די טרעגער צעשלאָגן דערפאַר סוויעצאַ. ביי די דאַנציגער זאָל מען האָבן צוגענומען אַ האַלבן מיליאָן מאַרק. קלאַנגען וועגן אָנקומען פון יידן פון דרויסן: וויך, בעלגיע און האָלאַנד. „טשאָלנט" איז לעצטנס זייער פּאָפּולער געוואָרן אין

---

93) אין וואַרשעווער געטאָ זענען געווען פאַר משומדים צוויי קירכעס: איינע אויפן גזשיבאָווער פּלאַץ א. נ. „ווש־סטקיך שוויענטיך" (פון אַלע הייליקע), די צווייטע אויף לעשנאָ־גאַס א. נ. „נאַיש־וויענטשעי פּאַנני מאַריי" (פון דער הייליקער מאַריע).

94) דער גרויסער געריכט־בנין אויף לעשנאָ 56 איז געווען אַ טרעף־פּונקט פון פּאָליאַקן און יידן. פּאָליאַקן האָבן געהאַט אַהין אַן אַריינגאַנג פון דער „אָרי־שער" זייט דורך דער ביאַלער גאַס, די יידן — פון דער אַקעגנדיקער זייט פון לעשנאָ־גאַס.

95) פּראָפ. טאַדעוש קאָטאַרבינסקי, באַרימטער לאָגיסט און פילאָזאָף, געווע. קוראַטאָר פון דעם יידישן סטודענטן־פאַרבאַנד „ווזאַיעמנאַ פּאָמאָץ" (קעגנזייטיקע הילף) אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט, איצט פּרעזידענט פון דער פּוילישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

געטאָ־אַפּילו אַ פּראָלעטאַרישער טשאָלנט. עס ווערן געשטעלט צענדליקער טויזנטער טשאָלנטער. די צאָל גנבים וואַקסט. לעצטנס געטראָפן גנבות און נישט געקאָנט ביי די גנבישע פאַריינען צוריקקויפן די זאַכן. די סיבה: די נייע גנבים זענען נאָך נישט אָרגאַניזירט אין די פאַריינען. עס מערן זיך קאָמבינאַטאָרן, וואָס באַגנבענען דירות אויף אַ קונציקן אופן. אין דער פּאָליציי איז לעצטנס אַזאַ מנהג: דאָס שוחד־געלט ווערט יעדע וואָך געטיילט דורכן פּלוטאָן[96]. עס ווייזט זיך אָבער [אַרויס], אַז דאָס בחפזון געכאַפּטע געלט, איז פאַלש. אין איין פּלוטאָן איז אויסגעפאַלן צו 80 זל אויף אַ פּערזאָן. עס האַלט ביים אָפּקויפן אַ ניין קריסטלעכע אַפּטייקן[97]. יידן וועלן צונויפזאַמלען אַ קאַפּיטאַל פון 300 טויזנט זל. און פאַר דעם געלט אָפּקויפן זיי. לעצטנס אָנגעקומען 4 טראַנספּאָרטן מיט ווינער קיין קעלץ, צוזאַמען 6.500 מענטשן. זיי קומען מיט עלעגאַנטע וואַליזעס אין ספּעציעלע וואַגאָנען. אויף יאַגעלאָנסקע אַ גרויסער לאַגער מיט סחורה, ווו געאַרבעט 300 יידישע אַרבעטער. דער טעגלעכער פאַרדינסט 4,80, לעצטנס ווערט זיי אויסגעצאָלט מיט 15 פּראָצענט ווייניקער, ווייל 10 פּראָצענט נעמט די טראַנספּערשטעלע, דער רעשט אַלגעמיינער אָפּצאָל פון אַרבעטער. לעצטנס געווען אַ גנבה, ווערט יעדן אַרבעטער אַראָפּגערעכנט 1 זל. אַ טאָג פון פאַרדינסט, לעצטנס געאַרבעט ביים אויסגראָבן די קאָפּצעס פון קאַרטאָפל. זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע פאַרמענטירן. געווען צו וואַרעם אין די קאָפּצעס, ווייל געמאַכט זיי צו וואַרעם: געגראָבן טיף אין דער ערד, אַריבערגעלייגט אַ פּאָר שיכטן קאַרטאָפל מיט ערד און שטרוי — לויט כללים פון וויסנשאַפט, אָבער נישט צוגעפּאַסט צום פּוילישן ווינטער, וואָס געווען דאָס יאָר מילד. די שכירות באַקומען זיי אין דער קהלה דורך די טראַנספּערשטעלע.

נעכטן דעם 17 מערץ געזען אַ בילדל: צוליב אַ חטא (מסתמא שמוגל) האָבן אייניקע קינדער צו 7 — 8 יאָר און אַ קריסטלעכע פרוי געמוזט איבער אַ שעה מאַכן גימנאַסטיק, (כסדר זיך בייגן אין דער ערד). די פּוילישע און יידישע שומרים אַריינגענומען שפּעטער די קינדער מיט דער פרוי אין אַ קאַפּע און זיי אָנגעקאָרמעט. איין קינד זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט. דאָס בילד פון קינדער, וואָס בוקן זיך כסדר צו דער ערד און דאָס געשריי פון די שומרים איז נישט צו פאַרגעסן. די משומדים פירן זיך אויף עקלהאַפט. איינער ד״ר שעניצער בייזערט זיך אין שפּיטאָל אויף די פאַרשיווע יידן. מען זאָגט, אַז ד״ר ווערטהיים, דער באַקאַנטער כירורג, האָט זיך געווענדעט צו דער מאַכט, אַז ער איז געשמדט נישט 20 נאָר 30 יאָר און זיין

96) דאָס געלט פלעגט גיין אין אַ בשותפותדיקער קאַסע („פּולע״) און דערנאָך לויט אַ שליסל געטיילט ווערן צווישן די מיטגלידער פונעם פּאָליציי־פּלוטאָן, נישט אויסמיידנדיק דעם קאָמענדאַנט פונעם פּלוטאָן. מיטן געלט, וואָס איז אַרויסגעריסן געוואָרן ביי די יידן, האָבן זיך אָפּט געטיילט דריי שותפים: דער דייטשישער, פּוילישער און יידישער פּאָליציי־מאַן.

97) דער יודענראַט אין וואַרשעווער געטאָ האָט איבערגענומען 13 אַפּטייקן, וועלכע ער האָט פאַרדונגען צו פּריוואַטע אונטערנעמער.

באַציונג צו יידן איז נישט קיין ליבעראַלע נאָר אַ פּיינטלעכע און ער איז געוואָרן אָרדינאַטאָר אין יידישן שפּיטאָל. זייט מאָרגן וועלן די טראַנזיט־טראַמווייען גיין נישט דורך לעשנאַ, נאָר דורך כלאָדנאַ, כדי אויסצומיידן דעם שמוגל. די שאָפּן פון שניידער, היטלמאַכער זענען דערוויל נישט טעטיק. די בעל־מלאכות האָבן אויסגעבראַכט אַ סך געלט אויף דער איינאָרדנונג פון די שאָפּעס, אָבער דערוויל אָן רעזולטאַטן [98]. דער רוב מאַשינען פון יידישע פאַבריקן און בעל־מלאכות זענען דעמאָנטירט און באַהאַלטן. כמעט יעדן טאָג זע איך אַ צוויי דריי מענטשן פאַלן אויפן גאַס פון הונגער. די איינוווינער פון פּרוזשנאַ האָבן שוין באַקומען באַפעלן צו פאַרלאָזן די דירות ביז סוף מערץ. מען ליידיקט ווייטער אויס יידישע דירות פון מעבל. דאָס אויסערלעכע אויסזען פון דער יידישער באַפעלקערונג זייער אַ טרויעריקעס. מען זעט אויף טריט און שריט מענטשן אָן מלבושים, אין צעריסענע פּאַלטנס אָדער פּאַלטנס פאַרשפּיליעטע מיט אַ פאַרזיכערונגס־נאָדל, כדי צו פאַרדעקן, אַז מען טראָגט נישט קיין העמד. די פראַגע פון מלבושים ווערט פּשוט אַ טראַגישע. יידן גייען אַרום פּשוט נאַקעט. לעצטנס שותּפותן פון בעטלער: איינער ליגט אויף דער ערד, אַ פאַרחלשטער אָדער אַן אָפּגעריסענער, און אַ צווייטער רופט דעם עולם, מען זאָל רחמנות האָבן אויף דעם ליגנדן.

23 מערץ 1941.

די יידישע קהילה אין ווארשע איז איסער א סך אנדערע „מעלות" א נעסט פון עקלהאפטער אסימילאציע. 95 פראָצענט באַאַמטע רעדן מיט די פּעטענטן פויליש אַפילו ווען זיי פאַרשטייען עס נישט. היינט דעם 23־טן מערץ געווען א באזוך פון דער מאקדאָנאלד הילף קאָמיסיע[99], האָבן די יידישע באאמטע פון דער קהלה נישט געקאָנט אָנגעבן וויפל אותיות זענען דאָ אין יידישן אלף־בית. און די, וואָס האָבן יאָ אָנגעגעבן ציפערן, האָבן אָנגעגעבן פאַלש (24)[100]. די באגלייטער פון מאקדאָנאלדן האָבן זיך נישט געקענט אַנחידושן, אַז באַאַמטע פון אַ יידישער אינסטיטוציע פאַרשטייען נישט יידיש. אין שייכות דערמיט איז אינטערעסאַנט דער אינצידענט צווישן מיר און אברהם זקן סוחר[101], וואָס האָט מיר פאָרגעוואָרפן דעם מאַנגל אין פּאַטריאָטיזם און נישט לאָיאַלקייט לגבי פּאָלאַקן. אַסימילאַטאָר בלייבט אַסימילאַטאָר. היינט געהערט פון אַ זיכערע קוועלע, אַז עס זענען פאָרבאַרייט פּראָיעקטן פון גי־

98) די שאָפּן זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אָנהייב יאַנואַר 1941.

99) דער אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַט דזשיימס מאַקדאָנאַלד איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער קאָמיסיע פון הילף פאַר פּליטים ביים פעלקער־בונד. אין די יאָרן 1948 — 1951 איז ער געווען אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין מדינת ישראל.

100) דער יידישער אלף־בית האָט 22 גרונד־אותיות.

101) העברעיש: אברהם דער אַלטער סוחר, וואַרשעווער: אברהם געפּנער.

דוש וואַרשע און די פּראָווינץ־שטעט פון כעלם, לובלין און אַנדערע באַגנט צו דער סאָוויעטישער גרענעץ. די גירושים זאָלן פּאַרקומען לויט גאַסן. די ערשטע לעשנאָ, אָדער לויט פאַכן (אינטעליגענץ און סוחרים). די בעל־מלאכות דאַרפן פאַרבלייבן — דאָס איז דערווייל בלויז פּראָיעקטן. אינטע־רעסאַנט איז צוזאַמענהאַנג מיט מאַקדאָנאַלדס באַזוך אין געטאָ האָט מען באַזייטיקט די בעטלער, גאַסן־הענדלער א. א. פון די גאַסן. מען האָט ענערגיש גערייניקט די גאַסן דורך וועלכע עס דאַרף אַדורכפאָרן די דע־לעגאַציע. אויף דער גאַס שפּילן זיך אָפּ טרויעריקע אָבער באַמערקונגסווער־טע סצענעס. אויף לעשנאָ ליגט אויף דער גאַס אַ טאַטע (שטאַרק פאַרוואַקסן מיט האָר) מיט דריי קינדער אַרום אים, וואָס מאַכט אַ מוראַדיקע לאַרם. אויף אַן אַנדערן אָרט ליגט אַ קינד מיטן קעפּל צו דער ערד. מיט איין וואָרט: יעדער בעטלער אַן אַנדערע פּאָזע, דער רוב „שפּילן" גוט קינסטלער. מען מוז אָבער מודה זיין, אַז מענטשן זענען געוואָרן פאַרהאַרטעוועט און גיבן ווייניק. לעצטנס ווערן אונטערגעוואָרפן קראַנקע אין פאַרשיידענע אינ־סטיטוציעס, דער רוב קאָמיסאַריאַטן, וועלכע שיקן זיי איבער אין שפּיטאָל, וועלכער שיקט זיי צוריק אין די קאָמיסאַריאַטן. אין רעזולטאַט בלייבן די מענטשן ליגן אויף די טרעפּ פון די קאָמיסאַריאַטן. אַ טייל יידישע דראָזש־קאָזשעס האָבן פאַר דער מוסטערונג פון די פערד באַהאַלטן די גוטע פערד, געקויפט פּגרים און געשיקט זיי צו דער מוסטערונג. צום יידישן טראַמוויי, דעם מגן־דוד און אַנדערע אָפּצייכענונגען פון יידישקייט קומט צו שבת־רו אין די יידישע אַנשטאַלטן. עס האַלט דערביי, אַז שבת זאָל איינגעפירט ווערן שבת־רו אין די יידישע אונטערנעמונגען ווי אין תל־אביב. מיט עט־לעכע טעג צוריק האָבן יענע געטיילט ברויט, פּאַפּיראָסן, פון לאַסט־אויטאָס; נאַטירלעך, אַז דאָס אַלץ האָט מען פאָטאָגראַפירט. דער פּרייז פון ברויט איז געשטיגן פון 50 גראָשן אויף 60 גראָשן, צוליב די 15% טראַנספּער, וואָס קומען פון דער טראַנזאַקציע. קאַרטאָפל באַקומט מען נישט אויף קיין קאַרטן. דעריבער איז דער פּרייז דאָרט 90 גר. דאָ[102] 1.40 זל. די גענשע גאַס איז צוליב טיפוס־פאַלן אָפּגעשלאָסן געוואָרן פאַר די דורכגייער. אין קראָקע האָבן אַלע פּוילישע פּאַרטייען אַנהויבנדיק פון פּ. פּ. ס. ביז אָ. נ. ר. באַשטיי־ערט זיך לטובת יידישע איבערזידלער[103]. די חברה פון לעשנאָ 13 באַקומט קעלערן און דאָרט ווו מען טרעפט שמוגלער הייסט מען זיך באַצאָלן. אין איין פאַל האָבן זיי גענומען עטלעכע טויזנט זל. די אומלעגאַלע פּוילישע פּרעסע, האָט אויפגעפּאָדערט די פּאָליאַקן נישט אָננעמען די פונקציעס פון שוץ־לאַגעריסטן (איבער די יידישע לאַגערן), גלייכצייטיק איז אויסגעדריקט געוואָרן די גרעסטע אָנערקענונג פאַר די שמוגלער, וועלכע ווערן דער־קלערט אַלס העלדן, ווייל זיי נעמען צו ביים שונא די לעבנס־מיטל. אויך איז פאַרבאָטן געוואָרן יעדער מין אַנטיסעמיטיזם, אַלס באַשלוס פון דער

102) דאָרט — „ארישע" זייט, דאָ — געטאָ.

103) די דאָזיקע ווערסיע באַשטעטיקט זיך נישט פולשטענדיק.

פוילישער רעגירונג. לעצטע וואָך פאָרגעקומען אייניקע טויט־פאַלן פון יוגנטלעכע בשעתן שמוגל: אויפן בית־עולם און אויף ראָג גזשיבאָווסקאַ־זשעלאַזנאַ, וווּ באַנדעס שמוגלערס, דער רוב פרויען און יוגנטלעכע וואַרטן אויף אַ שמייכל פון דעם וואַרטאָווניק[104], כדי צו קענען אַריבער אויף יענער זייט און עפּעס איינקויפן. עס טרעפן פאַלן, ווען די וועכטער ווענדן זיך צו די יידישע שומרים[105] אַדורכצולאָזן אויף יענער זייט די שמוגלערס איינצו־קויפן זיך לעבנס מיטל. דער שמוגל גייט דורך חרובע הייזער, דורך די לע־כער אין די מויערן דורך וועלכע עס דאַרף אַדורכגיין דאָס וואַסער כדי נישט אונטערצושווענקען די מויערן. די אָרטאָדאָקסיע צופרידן מיטן געטאָ. זי האַלט (דער רב פון שמואל זביטקאָווערס אַ קינד)[106], אַז אַזוי דאַרף זיין. יידן צווישן זיך. מער נישט, זיי[107] איז נישט צופרידן פון די באַגלייט־דער־שיינונגען פון דעם געטאָ. דאָס פעלן פון קידוש השם, פאַלן פון צערייסן ספר־תורות דורך פרומע יידן און ענלעכע סצענעס און נישט איינגעשטעלט דאָס לעבן דורך אַנטקעגנשטעלן זיך. קידוש השם הייגט סובלימירט אין דער שטרעבונג אויפצוהאַלטן די יידישע באַפעלקערונג. געהערט פון אַ נישט זיכערע קוועלע וועגן מאַכט־פאַרטיילן אויף די פיר גדולי־הדור: אדאם[108], העגדל[109], שערינסקי[110], שטערנפעלד[111] צוליב די באַציונגען מיט די גאָ־לעען. דער אורטייל זאָל האָבן פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם קאָמוני־קאַט פון פּ. אָ. וו.[112] דער אורטייל זאָל זיין א דעמאָנסטראַציע. לעצטנס פאַר־

---

104) פוילישׂ: וואַכמאַן.

105) אין דעם פאַל — שומרים: די יידישע פּאָליציי (די א. ג. אָרדנונגס־דינסט).

106) וואַרשעווער געמיינט דעם וואַרשעווער רב חיים פאָזנער, דעם זון פון שמואל־בער.

107) די אָרטאָדאָקסיע.

108) טשערניאַקאָוו.

109) מאַריאַן הענדעל, געשטאַמט פון לוואָוו, שטעלפאַרטרעטער פון דעם קאָמענדאַנט פון דער אָרדנונגס־דינסט שערינסקי. לעבט אין דרום־אַמעריקע.

110) יוזעף־אַנדזשעי שערינסקי — א משומד, דער פריערדיקער יידישער פאַמיליע־נאָמען: שענקמאַן. געווען פאַר דער מלחמה אַ פּולקאָווניק אין דער פוילישער מלוכה־פּאָליציי, געאַרבעט אין דער הויפט־קאָמענדאַטור און זינט 1936 פאַרטרעטער פון קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי אין לובלינער וואָיעוואָדשאַפט. אין געטאָ: קאָמענדאַנט פון דער אָרדנונגס־דינסט. לויט אַן אורטייל פון דער יוד. קאַמפ־אָרגאַניזאַציע פאַרמשפט צום טויט. דעם אורטייל האָט אויסגעפירט

דער קעמפער ישראל קאַנאַל דעם 25 אויגוסט 1942. שערינסקי איז דאַן פאַר־וווּנדעט געוואָרן. אין יאַנואַר 1943 באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

111) דוד שטערנפעלד — א געסטאַפּאָ־אַגענט, א מיטאַרבעטער פון גאַנצוויכס 13־טל.

112) פּ.אָ.וו. — פּאָלסקאַ אָרגאַניזאַציאַ וואָיסקאָוואַ (פוילישׂ: פוילישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע), דאָ געמיינט וואַרשעוולעך די פוילישע אונטערערדישע מיליטערישע פאָרמאַציע ק. ב. (קאָרפּוס בעזפּיעטשענסטוואַ, זיכערקייט־קאָרפּוס), וואָס איז געווען א טייל פון א. ק., געשטאַנען נאָענט צו גענ. שיקאָרסקי און גע־

שטאַרקט זיך די „מגפה" פון מסירות. לעש 13 האָט פשוט אויפגעלעבט און געעפנט דעם קאַנאַל פון בייזע אינסטינקטן. לעש 13 האָט פשוט רע־האַביליטירט און מעגלעך געמאַכט אַזעלכע טענדענצן. לעצנטס די קראָם פון „באַקאַנטן געטסרט ר. 311 געקוקט גלייך און ארויסגענומען פארשיי־דענע זאַכן פון דער באַהעלטעניש. דער פאַרד[114] שיקט זיינע קאָמיסאַרן שטאַט דער גמינע אָבער נישט אָנגעשטראַשעט[115].

מיט עטלעכע טעג צוריק פאַרעפנטלעכט געוואָרן די מעלדונג וועגן דער מיסטעריענג פאַר די אַרבעטס־לאַגערן פון 18 ביז 60 יאָר. אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרודערונג צווישן דער באַפעלקערונג. דער באַרימטער סאַק־כעזשיז איז איינגעשיבנט געוואָרן, לעש 13 באַלעבאַטעוועט לעצטנס. עס מערן זיך דראָונגען וועגן אויספּרעסונגען פון רייכע יידן, עס קומען יידישע מעקלערס וואָס וואָרענען, אַז אייב מען וועט נישט באַצאָלן כך וכך וועט מען איינישבנען. דער אינטערעס פאַר יידישער קולטור וואַקסט. אויף די אימפּריעזעס פאַרנעמט יידיש אַלץ אַן אָנגעזעענעם אָרט. די רבנים זיינען מודה, אַז לעצטנס איז שטאַרק געפאַלן דאָס כשרות. עס איז שווער אָפּצו־היטן בשעת היינטיקע באַדינגונגען. אַ חוץ דעם איז שפּעק ביליגער ווי כשר פלייש. דער משוגענער רובינשטיין פון לאָדזש גייט אַרום אין די גאַסן מיט אַ נייעם רעפּערטואַר: „איך דאַרף נישט יענע וועלט, איך דאַרף נישט די וועלט, איך דאַרף די רוזוועלט". (נאָך רוזוועלטס באַרימטע רעדע)[116]. ער פאַרלאַנגט באַנעס פון די מתים וועלכע מען פירט איבער אויף ראָווע־רישע וועגלעך (די נייסטע ערפינדונג פון קעניג פון די מתים — פינקערט)[117] די יידישע פּאָליציאַנטן, וואָס באַקומען נישט קיין פענסיעס, פאַרפולן די עלעגאַנטסטע לאָקאַלן מיט שיינע פרויען. אויף אַלע אימפּרעזן זיינען זיי די טאָן־געבער. זייערע עלעגאַנטע גלאַנציקע אָפיציר־שטיוול

האָט אַן אָפּטיילונג אין געטאָ, וועלכע האָט פאַרפאָלגט געסטאַפּאָ־אַגענטן און מוסרים.

113) וואַרשעווער געמיינט אברהם יעקב רעשאל, אַן אַדוואָקאַט, דעם שעף פון דעם אויספאַרשונגס־קאַמער ביים „דרייצנטל".

114) געמיינט גאַנצוויכן.

115) דער יודענראַט האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשרעקן דורך גאַנצוויכן, וועלכער האָט אונטער אים געגראָבן אין אַנטשפּרעכיקע דייטשישע פּאָליציייִשע אַמטן.

116) אין מערץ 1941 איז דער פּרעזידענט פון פ"שא פראַנקלין רוזוועלט (1882 — 1945) אַרויסגעטראָטן אויפן אַמעריקאַנער קאָנגרעס מיטן פּראָיעקט פון „לענד־ליז" — צו געבן אַלס אויסליי אָדער אין אַרענדע געווער, אַמוניציע, סטראַטעגישן רוישטאָף, שפּייז און אַנדערע מאַטעריאַלן צו די לענדער, וואָס נעמען אָנטייל אין דער מלחמה קעגן היטלער־דייטשלאַנד, דאָס איז געווען דער ערשטער פּראַקטישער שריט פון אַמעריקע אין דער מלחמה קעגן היטלער־דייטש־לאַנד. אָפיציעל איז פ"שא אַריין אין דער מלחמה אין דעצעמבער 1941.

117) מאָטל פּינקערט, דער לייטער פון דער לויה־געזעלשאַפט „חסד של אמת". מען האָט אים גערופן: קעניג פון די מתים.

אימפּאָנירן ווייזט אויס די פּרויען. די פראגע פון מצות אַבסאָרבירט די יידי־שע עפנטלעכקייט. דאָס אריינברענגען פון די שכנותדיקע שטעטלעך היי־יאָר אוממעגלעך. אַ גרויסע מאָראַלישע באַדייטונג דאָס באַזאָרגן די אָרעמע באַפעלקערונג מיט שפּייז אויף יום־טוב. די נאָטיץ אין דער אונטערערדי־שער פּרעסע וועגן דעם העלדנטום פון שמוגל אין צוזאַמענהאַנג מיט דער העצע פון דעם קוריער ווארש[אַווסקי] וועגן די שמוגלערס אַלס שבת־גויים. פאַריאָרן האָט דער אוזשאָנט האַנדלאָווי [118] נישט מסכים געווען אויסצושליסן די יידן פון דער קאַמער.

מערץ 1940

דער באַקאַנטער באַזיצער פון איינער פון די גרעסטע העבראיקא־ביבל־יאָטעקן רייטנעמער[119] איז די טעג געשטאָרבן. די סיבה איז געווען: די בענקשאַפט נאָך זיין ביבליאָטעק, וועלכע איז געבליבן אויף יענער זייט אין צוויי גרויסע צימערן. דאָס פאָרען זיך אַרום די ספרים איז געווען זיין לעבנס־אינהאַלט. לעצטנס ווען צוליבן שאַפן דאָס געטאָ האָט דאָס אויפגע־הערט, האָט ער זיך אַרומגעדרייט איינער אַליין אין דער דירה און פאַר בענקשאַפט געשטאָרבן.

לעצטנס (מיט מערץ) האָט די קהלה (געזונטהייטס־אָפּטיילונג) איינגע־אָרדנט א פאָרלעזונג פון דר. הירשפעלד פאַר דאָקטוירים. א גרויסער טייל פארזאמלטע האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם, ווייל פּראָפ. הירשפעלד איז געווען באַקאַנט דערפון, אַז ער האָט דעם אינסטיטוט פון היגיענע געמאַכט יידן־ריין. ער האָט געפירט אַן אויסגעשפּראָכן אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק. דאָס מינדערווערטיקייטס־געפיל פון א ד״ר מילייקאָווסקי [120] איז, ווייזט אויס, זייער א שטאַרקס. די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ פון דער קהלה מיט די באַזונדערע אַמטן קומט פאַר דורך דער פאַרמיטלונג פון דער טראַנספער־שטעלע, דורך וועלכער די יידן קענען אַנטהאַלטן איינציק און אַליין די פאַרבינדונג מיט דער אומוועלט. זונטיק איז פאָרגעקומען א באַזוך פון א 40 מאַן פון דער טראַנספערשטעלע אין דער קהלה. ווען מען האָט זיי געוויזן די האַנטווערקער־שול, האָבן זיי געפרעגט, צי די יידן אַרבעטן בלויז היינט אָדער שטענדיק. צום סוף האָבן זיי דערקלערט, אַז דאָס אַרבעטן פון די יידן איז זייער פאַרדינסט. — גראָכוו [121] איז ווי אַן אינדזל אַרום וואַרשע, ווו 19

---

118) פּויליש: האַנדלס־אַמט.

119) עס קאָן זיין, אַז דאָס איז א טעותדיקע פאַרדרייונג פונעם נאָמען גוט־נייער, אַ ברייט באַקאַנטער רייכער יידישער אַנטיקוואַר און בוקיניסט, וועלכער איז געווען אין געטאָ. פון אַנדערע באַזיצער פון רייכע יודאיקא־ביבליאָטעקן און יידישע אַנטיקן אין וואַרשע, איז כדאי אויסצורעכענען סטאַניסלאַוו זאַגאַיסקי און בנימין מינץ.

120) ד״ר ישראל מילייקאָווסקי, מיטגליד פון וואַרשעווער יודענראַט און לייטער פון געזונט־אָפּטייל.

121) אין גראָכוו, ביי וואַרשע, איז פון פאַר דער מלחמה געווען אַ חלוצי־שע פערמע.

חלוצים האַלטן זיך אויף. עס איז געווען לכתחילה א פּראָיעקט אַרומצובויען גראָכאָוו מיט א מויער, אָבער צוליב די אוממעגלעכע קאָסטן האָט מען פון דעם פּראָיעקט געמוזט רעזיגנירן. אין דעם דאָרף טשערניאַקאָוו [122] וועלן אויך זיין באַשעפטיקט א 50 חלוצים. פאַראַיאָרן האָבן זיי אויך געאַרבעט ביי אים. די פּוילישע אומלע[גאַלע] אויסגאַבע „זאַ נאַשאַן אי וואַשאַן וואָל־נאַשטש" [123] טרעט שאַרף אַרויס קעגן דעם פּראָיעקט צו באַשעפטיקן 5.000 ייד[ישע] יונגעלייט איף לאַנדווירטשאַפט פּריוואַליק, זיי האַלטן, אז דאָס איז א מיטאַרבעט מיטן שונא. אין לאָדזש האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג אין משך פון די לעצטע 10 חדשים פאַרקלענערט מיט 23 טויזנט, וועלכע זענען אויסגעשטאָרבן פאַר דער צייט. — אין די קוישן באַווייזן זיך לעצטנס ערנסטע ליטעראַטור אין יידיש, עס ווייזט אויס, אַז דאָס איז א געשעפט, ווייל אַרום די קוישן איז א גרויסע באַוועגונג און די פּרייזן פון ביכער האָבן זיך געהויבן.

א גאַנצע ריי אַרנטלעכע מענטשן פון יענע, וואָס האָבן פאַרנומען וויכ־טיקע שטעלעס, האָבן פאַרלאָזן וואַרשע, זיי קענען נישט פאַרטראָגן דאָס אַלץ וואָס געשעט מיט די יידן. דערהרגעט געוואָרן ביי א ייד[ישער] פאַמיליע דורך א קלאַפּ מיט אן אייזן אין קאָפּ דער 17־יעריקער זון פון האָכמאַן. די מוטער באַזוכט יעדן טאָג דעם קבר, דער פאָטער האָט זיין גאַנץ לעבן אַריינגעלייגט אין הילף פאַר אָרעמע. ער איז געוואָרן דער מאַנער פון רייכע. ער האָט אָרגאַניזירט אן ערנאַמטלעכע באַיוווקע, וואָס בלאָקירן די דירה ביז וואַנען די סומע ווערט נישט איינגעצאָלט. ער זעצט אַריין פּליטים אין דירות וכדומה. די שענסטע פאַרקערפּערונג פון דעם גערעכטן צאָרן קעגן די רייכע, וואָס דערפילן נישט זייערע פליכטן לגבי די אָרעמע. איינע פון די גרעסטע קולטור־פאַרלוסטן פון פּוי[לישן] יידנטום איז די פאַרניכטונג פון דער שול אין פּינטשעוו — א שול געבויט אין רענעסאַנס־סטיל, אפשר די איינציקע אין פּוילן. דאָס דייטשע יידנטום האָט אין יאָר 1938 פאַרלוירן די עלטסטע שול — די וואָרמסער, געבויט אויף ראָמאַנישע יסודות מיט א גאָטישן איבערבוי [124].

איינער פון די גרעסטע לאַפּאַוניקעס פון דער ייד[ישער] קהלה קופּ־טשיקער [125], הייסט אין פאָלקס־מויל קופּצוקער [126], דער נאָמען נעמט זיך

---

122) אין טשערניאַקאָוו, ביי וואַרשע, איז געווען א חלוצישע פערמע.

123) „זא נאַשאַן אי וואַשאָן וואָלנאָשטש" (פּויליש: פאַר אונדזער און אייער פרייהייט) — אומלעגאַלע צייטשריפט פון „בונד" אין וואַרשעווער געטאָ.

124) די דאָזיקע שול איז צוזאַמען מיט נאָך אַ סך אַנדערע שולן פאַר־ברענט געוואָרן דורך די נאַציס אין דער „קריסטאַל־נאַכט" (8 — 9 נאָוועמבער 1938).

125) לעאָפּאָלד קופּטשיקער, פאַבריקאַנט פון שאָקאָלאַד און צוקערלעך, טוער פון יידישן האַנטווערקער־פאַריין, מיטגלידער פון יודענראַט.

126) ווערטער־שפּיל: קופּצוקער באַטייט אין פּויליש — קויף צוקער, איז געגעבענעם פאַל — גנבע צוקער.

דערפון, וואָס ער באַקומט פון יעדער צוקערצוטיילונג — א גרויסן טייל פאר
זיין פאבריק פון צוקערלעך. סאַסקענהויז[127] איז פאַרהאַפטעט געוואָרן און
זאָל זיך געפינען אין אָשוויענטשים.

דאָס זעלבע מיט איינעם פון די גרעסטע אויסוואורפן אין דער פאָליצײ
ערליך[128], דעם אָבוואָדאָווי[129] אין דער געגנט פון בית־עולם. ער פלעגט
יעדן טאָג צונעמען פאַר זיך אַלץ וואָס איז דאָרט צוגענומען געוואָרן ביי די
שמוגלערס. עס ווייזט אויס, אַז דאָס איז א סיסטעם פטור צו ווערן פון איי־
גענע מענטשן, וואָס ווערן מיט דער צייט אומנויטיק. דער סיסטעם פון
שאַנטאַזש און פון „באַשטעלטע ארעשטן” נעמט אן א מאסנהאפטן כאראק־
טער. די פראָצעדור איז פאלגנדע: אַזייגער 8 ווערט א ייד איינגעשבנט אויף
דאגילאָוויטשאָווסקא[130], אין 2—3 שעה ארום קומט צו גיין א ייד, וואָס
האָט רחמנות, געהערט וועגן דעם אומגליק און גרייט צו העלפן און ווירק־
לעך, נאָכן איינצאָלן א געוויסע סומע ווערט דער ייד נאָך 2 טעג באַפרייט.
דער ייד האָט א באַשטעטיקונג, אז ער שטייט אינעם דינסט פון גאלעס.
אין טאָג פון יוגאָסלאַוויע (29 מערץ)[131] געקומען צו א הויכן באאמטן פון
דער טראנספערשטעלע, מכבד געווען מיט א פאַטש איבערן פנים. „איך
זועל קומען מאָרגן, איר זייט היינט דענערווירט” האָט געזאָגט דער ייד[די־
שער] באַאַמטער. מען זאָגט, אַז א ריי אַרבעטסאַמטן פון די שטעטלעך, פון
וואַנען יידן זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן, האָבן זיך געווענדעט וועגן
ייד[ישע] אַרבעטס־כוחות. מען זאָגט, אַז צוליב דעם וועלן דערווײלע אָפּ־
געשטעלט ווערן די וויי־ערדיקע אויסזידלונגען. די געמיינהייט פון די ייד[י־
שע] פאָליציאנטן דערגייט דערצו, אַז מען נעמט פון די יינגלעך —
שמוגלער צו 20 גראָשן פון יעדן געשמוגלטן ברויט. יעדן טאָג קומט א
וואכמייסטער אויפן בית־עולם זיך דערוויסן וועגן דער צאָל מתים. זיי
קענען נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס דאָ שטאַרבן אַזוי ווייניק יידן בשעת אויף
יענער זייט איז די שטערבלעכקייט אַזוי גרויס. ער פרעגט, צי פאַרהיימ־

---

127) קיין גענויערע ידיעות וועגן זאקסענהויזן איז נישט געלונגען צו
באַקומען.

128) יוסף ערליך, גערופן „יאָסל קאַפּאָטע”, אן אגענט פון געסטאַפּאָ.

129) א ליטער פון א ראיאָן אין דער אָרדענונגסדינסט.

130) אויף דאגילאָוויטשאָווסקא־גאס איז נאָך פון פאר דער מלחמה געווען
א פאָליציייאישער אַרעסט.

131) דעם 27 מערץ 1941 איז אין בעלגראד פאָרגעקומען א מיליטערישע
איבערקערעניש. עס איז געוואָרן אַראָפּגעזעצט דער דייטשלאַנד־פריינדלעכער רע־
גענט פרינץ פאַוועל און די מאַכט האָט איבערגענומען דער קיניג פּיאָטר II,
וועלכער האָט געהאַט א פּראָבריטישע אָריענטאַציע. די נייע רעגירונג האָט שפּע־
טער געשלאָסן א נישט־אָנגריף־פּאקט מיטן ראטנפאַרבאַנד. היות יוגאָסלאַוויע
איז אַזוי אַרום אַרויסגעפאַלן פן די השפעות פון דער „אַקס”, האָט די באַפעל־
קערונג פון אָקופּירטן פוילן אין דער שטיל געפייערט דעם דאָזיקן טאָג אַלס
„טאָג פון יוגאָסלאַוויע”.

רעכנט מען נישט די ר. נ— — [132] מתים אדער צי ווערן זיי נישט באַגראָבן אויף אן אַנדערן אופן.

מערץ 1941

מיין ליבער! [133]

אַ טייל פּאָלאַקן, זאָגט מען, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין געטאָ. די פּאַרוויילונג־ערטער זיינען פאַרמאַכט געוואָרן ביזן ווידעררופן. די פּאָליציי שעה איז באַשטימט געוואָרן אויף 8 אָוונט. דאָס זעלבע איז געשען אין יידישן קוואַרטאַל. פאַרגעקומען אן אינטערעסאַנטע דיסקוסיע [134] וועגן געטאָ: ר' אהרון [135] איז אַרויס מיט אַ טענה, אַז דאָס געטאָ האָט פאַרטעמפּט די רחמנות־געפילן. נישט געשאַפן קיין שום אויטאָריטעט, קיין שום פאַר־טיפונג פון יידישקייט בכלל נישט געשאַפן קיין נייעס אויפן געביט פון יידישער קולטור. אין משך פון 3 חדשים האָט דאָס אַלץ, וואָס האָט [זיך] בהדרגה אַנטוויקלט אין די אַמאָליקע צייטן, געדאַרפט געשאַפן ווערן. די אַנאַלאָגיע מיטן אַמאָליקן געטאָ א נישט ריכטיקע, ווייל יענץ איז געווען א פועל־יוצא פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג און איז געווען אן אַלגעמיינע דערשיינונג, בשעת דאָס היינטיקע געטאָ איז א קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווו די איינוווינער מוזן זיך אַליין אויסהאַלטן. פאַר דעם היינטיקן געטאָ זיינען שוין געווען ענלעכע מוסטערן (קאָנצענטראַציע־לאַגערן) פאַר געוויסע גרופּן פון דער באַפעלקערונג.

אויף נאָוואָליפּקי 18 פאַרגעקומען א מעשה: ל'יט א מסירה געקומען צו א לאָדזשער משפחה וועגן וואַלוטע און גאָלד. דאָרט דערוויסט זיך, אַז דער מאַן איז אויף א פאַרזאַמלונג פון הויז־קאָמיטעט. דאָרט געטראָפן 100 מאַן, צוגענומען ביי אַלעמען דאָס געלט. געווען אַ פּאָר טויזנט צוויי הונדערט זל. אומגעקערט 1300 פאַר דער הויף־קיך (דערוווסט זיך, אַז דאָס ציל פון דער פאַרזאַמלונג צו שאַפן אַ הויז־קיך), פאַרלאַנגט פון דעם לאָדזשער צו פאָרן מיט זיי צום שווער. די פרוי געבעטן, אַז זי וועט פאָרן. דער־קלערט, אַז זיי באַוווּנדערן די העלדישקייט פון דער ייד. פרוי. וואָס שטעלט זיך איין פאָרן מיט פרעמדע דייטשן. אַ דייטשקע וואָלט דאָס נישט געטאָן, צוגעפאָרן צום שווער. געפאָדערט געלט און דעם אַלטן געהייסן אַריינגיין

(132 וואַרשעווינלער: לויפנדיקער נומער פון די מתים.

(133 קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.

(134 עס זענען פאַרגעקומען אין געטאָ דיסקוסיעס וועגן די ענדערונגען, וואָס עס האָט אַריינגעבראַכט אין יידישן לעבן דאָס געטאָ. אויף דער טעמע איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אן אַנקעטע צווישן פאַרשטייער פון דער שעפערישער אינטעליגענץ.

(135 דער פּובליציסט אהרן איינהאָרן פון „היינט".

אין אַ וואַגנע, בכלל געפּייניקט. דערנאָך אָפּגעפירט די פרוי מיטן אויטאָ, ווייל געגעבן דאָס וואָרט, אַז זיי וועלן צוריק ברענגען די פרוי. דערנאָך געגאַנגען אין דעם נאַכטלאָקאַל, נאָוואָליפּיע 18, געהייסן אַלעמען זיך אויסטון ביזן העמד און צוגענומען געלט און ביזשוטעריע. די קהלה האָט באַשטימט צו געבן 10% פון די אַריינגעפירטע פּראָדוקטן פאַר די נויט־ליידנדע (פּאָלקס און קינדער קיכן). די ייד. אובעזפּיעטשאלניע[136] נעמט 5%. זי גיט אָבער גאָרנישט. אין אַ פּראָווינץ־שטעטל איז דאָס געטאָ אויף און אַרום בית־עולם. אייניקע משפחות וווינען אין טהרה־שטיבל. יידן וווינען אויפן „גוטן־אָרט". דאָס אויסזען פון דער סטרוזשוווקע[137] האָט זיך ראַדיקאַל געביטן. שטאָט די הייליקע בילדער אַ בשמים־ביקסל, אַ מזוזה און לייכטער. עס טרעפט, אַז אַ סטרוזש בראָקט אַריין עטלעכע פסוקים פון דער גמרא[138]. עס איז אַרויס א געדרוקטע בראָשור וועגן זשאַבאָטינסקין[139], די איינציקע געדרוקטע אויסגאַבע (500 עקזעמפּלאַרן). עס ווערן איינגעאָרדנט מענדעלע־פייערונגען, יהודה־הלוי אָוונטן. אין דער געז[עלשאפט] טאָפּאָראָל 140 איז דאָ מצד פּריצים אַ גרויסע נאָכפראגע אויף ייד. הענט. די שוועריקייטן מצד דער טראַנספּערשטעלע, 10% פון דער ריינער הכנסה דאַרף גיין לטובת זיי, דערווייל לאָזן זיי נישט אַרויס קיין יידישע אַרבעטער. נישט לאַנג געזעגנט אַ גרופּע חלוצים קיין גריצע אין א מאיאָנטעק ס. ס., דער זעלבער מאורער 141 וואָס אונטערגעשריבן דעם באַפעל פון גירוש פון גריצער פּאָוויאַט און געמאָלדן, אַז יעדער ייד, וואָס וועט באַגעגנט ווערן דאָרט, וועט דערשאָסן ווערן, איינגעלאַדן צוויי צענד־ליק יידישע אַרבעטער אין אַ גוט. די אַרבעט האָט די ערשטע געעפנט די טויערן פון געטאָ. געלייענט דעם פזשעגלאָנד מאַרקשיסטאָווסקי[142]. דאָרט ווערט דיסקוטירט די באַציונג פון אַרבעטער קלאַס צו דער מלחמה. דאָרט ווערט קריטיקירט די אַרויסטרעטונג פון ל־קי[143], וועלכער פאַרופט

---

136) פּויליש: אַנשטאַלט פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג.

137) פּויליש: די דירה (דאָס שטיבל) פונעם הויז־וועכטער.

138) היות אַלע פּאָליאַקן האָבן געמוזט זיך אַרויסציען פונעם געטאָ־שטח, האָבן יידן פאַרנומען די שטעלעס פון הויז־וועכטער (סטרוזשעס).

139) די געדרוקטע רעוויזיאָניסטישע צייטשריפט „המדינה", געווידמעט דעם אָנדענק פון דעם רעוויזיאָניסטישן פירער וולאדימיר (זאב) זשאַבאָטינסקי, וואָס איז געשטאָרבן אין יאָר 1940.

140) „טאָפּאָראָל": ראשי תיבות פון „טאָוואַזשיסטוואָ פּאָפּיעראַניא ראָל־ניצטוואַ" (פּויליש: געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן לאַנדווירטשאַפט צווישן יידן).

141) מאורער — וואַרשעווער דער פאַרטרעטער פון קרייזהויפּטמאַן — האָט אונטערגעשריבן די פאַראָרדענונג דעם 21 יאַנואַר 1941.

142) „פּשעגלאָנד מאַרקשיסטאָווסקי" (פּויליש: מאַרקסיסטישער איבערבליק), אומלעגאַלע צייטשריפט פון די טראָצקיסטן אין וואַרשעווער געטאָ.

143) העראַלד־דזשאָזעף לאַסקי (1893—1950) — מיטגליד פון עקזעקוטיוו פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, וואָרטזאָגער פון איר לינקן פליגל, געשטאַמט פון אַן אָנ־געזעענער יידיש־ענגלישער פאַמיליע.

זיך אויף לעניבעץ און זיין באַציונג צו קאָרנילאָוו און כלומרשטן אונטער־שאַצן קערענסקין[144]. די חברה לעשנאָ 13 האָבן לעצטנס געשיקט מענטשן אין בעקערייען, וווּ מען האָט מיט געוואַלט צוגענומען ברויט פאַר זייערע מיטגלידער. לעצטנס שמייען זיי ביי די אויסגאַנגס־פּונקטן פון געטאָ און נעמען כאַבאַר ווי דער אָרדנונגס־דינסט, ווייל „אויך זיי מוזן לעבן". לעצטנס זיינען זיי איבגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן מיט זייער „קולטור"־טעטיקייט. זיי פּרוּוון אויך נישט צו דערנענטערן זיך צו דער יידישער געזעלשאַפט. פון צייט צו צייט וואַרפן זיי אַריין קאָנפיסקירט ברויט אין אַ יתומים הויז, פאָדערנדיק אַ באַשטעטיקונג אויף אַ גרעסערע צאָל ברויט, ווי זיי האָבן געגעבן. אַזוי ווי דער שמוגל קומט פאַר איבער די מויערן האָט מען איצט אויפגעשטעלט אויף די מויערן אייזערנע סלופּעס מיט שטעכיקע דראָט.

מערץ 1941.

6 אפריל 1941.

מיין ליבער![145]

דער סיסטעם פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אַ ייד האָט באַגנבעט די עלעקטראָווניע מיט אַ פאַלשן ליטשניק[146]. ער האָט נישט געקאָנט באַצאָלן די שטראָף פון 100 זל. האָבן געמוזט באַצאָלן די שכנים פון הויז. די אומלעגאַלע „וואָלנאָשטש"[147] פאַראורטיילט די האַנדלונג פון פוילישן המון, וואָס האָט פאַרן פאַרלאָזן זייערע דירות אויף דזשיקאַ זיי פולשטענדיק חרוב געמאַכט: אַרויסגעריסן פּוטערינעס, טירן, פענסטער, אויוונס, דעכער. דער סם[148] ברענגט פּירות. אין וואַרשעווער געטאָ זיינען דאָ 61 פאַרוויילונגס־לאָקאַלן. אַן אויסערגעוויינלעכע דעמאָראַליזאַציע צווישן די נאָענטסטע. עס קומען אָפט פאָר פאַלן, ווען מען קומט צונעמען דווקא דאָס בילד, ווייל מען ווייסט, אַז דאָרט איז באַהאַלטן וואַלוטע אָדער גאָלד. דער ראַבינאַט האַלט ביים כשרן קטניות: פאַסאָלעס, אַרבעס און ענ־

---

144) דער „פּשעגלאָנד מאַרקשיסטאָווסקי" נ' 6 פון פעברואַר — מערץ 1941 האָט אין אַרטיקל א. נ. „לענין און... בעווין" פּאָלעמיזירט מיט ה. לאַסקי, וועלכער האָט ערב דער קאַפּיטולאַציע פון פראַנקרייך גערופן די סאָציאַליסטן פון גרויס־בריטאַניע און פראַנקרייך צו האַנדלען אַזוי ווי לענין בעת קאָרנילאָווס פּוטש, ד. ה. אַנטווילנעמען אין דער פאַרטיידיקונג פון זייערע לענדער קעגן דעם היטלערישן אַגרעסאָר. דער „פּשעגלאָנד מאַרקשיסטאָווסקי" טרעט אַרויס אין דעם פּאָלעמישן אַרטיקל קעגן אַן אייניקייטס־פראָנט מיט דער בורזשואַזיע.

145) קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.

146) פּויליש: עלעקטריע־זייגער.

147) פּויליש: פרייהייט. אומלעגאַלע צייטשריפט פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע „גוואַרדיאַ".

148) דעם סם — די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע.

לעכע צוליב דער מורא, אז עס וועט נישט זיין גענוג מצות. אויף דער טענה, הלמאי טשערניאקאָוו טאָלערירט משומדים און רוקט זיי אויף אָנגעזעענע ערטער, ווי למשל ענין פראָפ. הירשפעלד, האָט ער געענטפערט, אַז ער קען נישט צוגיין צו דעם פּראָבלעם פון ייד[ישן] שטאַנדפּונקט נאָר פון אַלגעמיין־מלוכהשן. דאָס געטאָ איז נישט קיין ייד[ישע] מלוכה, נאָר אַ טעריטאָריע, אויף וועלכער עס וווינען משומדים אויך, דעריבער דאַרף מען זיי גלייך באַהאַנדלען. אַ טייל ווייזן [אָן], אַז אנשטאט די משומדים זאָלן זיך אַסימילירן צו יידן, קומט פאַר באַזונדערס אויף סיעננא, ווו זיי בילדן אַ באַדייטנדן טייל פון די איינוווינער, אַ פאַרקערטער פּראָצעס. זיי זענען משפיע אויף די יידן אין דעם אַסימילירנדיקן גייסט. אויף סיעננא 38 איז ביי דער משמודישער יוגנט פאָרגעקומען אַ פייערונג פון אָנטון דעם מגן־דוד. דערביי זענען געהאַלטן געוואָרן אַנטשפרעכנדע רעדעס. די שטימונג אין גאַס אין די לעצטע טעג (אָנהויב אַפּריל) אַ נערוועזע. פון יענער זייט קומען אָן גרוסן, אַז אַלץ איז גרייט ווי צו אַ מלחמה. עס זענען געשטעלט געוואָרן קעגנלופט־האַרמאַטן, אַ טייל הייזער זענען אָפּגערייניקט געוואָרן פאַר שפּיטעלער. די פּאַפּיר־פאַבריק מירקאָוו אַרבעט אויס בלויז שוואַרץ פּאַפּיר. די דייטשע פרויען (פון רייכסדייטשן) דאַרפן ביזן 5־טן, אַנדערע זאָגן ביזן 10־טן, פאַרלאָזן וואַרשע. די שפּיטעלער זענען אָפּגערייניקט געוואָרן. דאָס אַלץ דערוועקט די מורא פאַר אַ נאָענטער מלחמה מיט רוסלאַנד. — דער יקרות וואַקסט כסדר. א קילאָ קאַרטאָפל קאָסט היינט (6 אַפּריל) 1.50, שוואַרץ ברויט 6 זל., ווייס 7.50. — עס איז פשוט נישט אויסצוהאַלטן. די שטימונג האָט שטאַרק פאַרערגערט טשערניאַקאָווס אַרעסט צוזאַמען מיט אים אינזש. ליכטענבוים און אַ געוויסער הערמאַן, דער קאָנצעסיאָנער פון מיסט־אַרויספיר פון געטאָ[149]. אויף לעש 13 געפינט זיך אַ פאָלקסדייטש, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אַרויספירן מיסט. אין דער קהלה זענען איינגעפלאָסן 3 אָפערטעס אויפן אַרויספירן מיסט: איינע פון זאָם[150], די צווייטע אויף 27 גר. און די דריטע אויף 25 גר. דער זאָם איז אָפּגעפאַלן צוליב אַרישקייט. דאַקעגן האָט מען אָנגענומען די אָפערטע אויף 30 גר., האָפנדיק אַראָפּנידעריקן אויף 25 גר. אַ קאָפּ. דאָס האָט דורכגעפירט די טראַנספּערשטעלע. מען זאָגט, אַז די קהלה ווערט באַשולדיקט אין נעמען כאַבאַר, ווייל זי האָט אָנגענומען קויציע בלויז פופציק טויזנט זל. אַנדערע זאָגן, אַז די סיבה פון אַרעסט, איז דער ענין קאַרטאָפל. די קהלה האָט פאַרקויפט צו מאַרק־פרייזן אַ טראַנספּאָרט קאַרטאָפל, שטאָט

149) עס האַנדלט זיך וועגן דעם אַרעסט פון טשערניאַקאָוו, ליכטענבוימען און דעם יידישן סוחר היימאַן. דער לעצטער האָט פרעטענדירט אויף דער קאָנצעסיע פון אַרויספירן דאָס מיסט פון געטאָ (אין 1942 האָט ער ווירקלעך אַזאַ קאָנצעסיע באַקומען). עס קאָן זיין, אַז דעם אַרעסט האָט גורם געווען אַ מסירה פון גאַנצוויכן.

150) דאָס זענען ראשי תיבות פון „זאַקלאַד אָטשישטשאַניאַ מיאַסטאַ" (פויליש: אָנשטאַלט פון ריניקן די שטאָט).

אָפּצוגעבן דער באַפעלקערונג. דאָס פאָלק דורכן מויל פון משוגענעם רובינשטיין פאַרבינדעט דעם ענין מיט די קאַרטאָפל. אַנדערע זוכן אַ צוזאַמענהאַנג מיט די אַרעסטן אין ראַדאָם, דעם ראש הקהל אין שעדלעץ און לובלין (ד"ר אַלטען)[151]. — רוזוועלט האָט דעפּעשירט צו פּעטענען: יינגל, האַלט זיך. אין געטאָ פילט זיך אַ מאַנגל אין דעזינפעקציע־מיטלען און בכלל אין מעדיצינען. שוין אַ לענגערע צייט זענען געמאַכט געוואָרן באַשטעלונגען ביים טראַנספּער, אָבער קיין ענטפער איז נישטאָ. דער טראַנספער מאָטיווירט דאָס נעמען דורך אים 15% דערמיט, אַז דאָס געטאָ איז אַן עקסטעריטאָריאַלע צאָל־טעריטאָריע. אין געטאָ איז פאַראַן אַ ליגנצענטראַלע, וועלכע פאַרשפּרייט כלומרשטע ראַדיאָ ידיעות, פאַקטיש צייטונגס ידיעות מיט אַ ביסל פעפער, אַזוי למשל האָב איך מיט עטלעכע טעג צוריק געהערט וועגן דעם, אַז די אויפשטענדלער האָבן איינגענומען אדיס־אבעבא, באַזייטיקט די איטאַליענער, צונויפגענומען פרויען און קינדער און זיי פאַרברענט אויפן פלאַץ באַלבאַ. געהערט אַז די באַציונג פון מאַגיסטראַט צו יידן אַ גוטע, מיט וואָס מען קען העלפן מען יידן. מען גיט גלייך צו וויסן וועגן אָנקומען פון פּראָדוקטן וכדומה. — געהערט וועגן דער אויסערגעוויינלעך האַרציקער אויפנאַמע פון די פּלאָצקער יידן דורך די קאָנסקער. ווען אָפּגענומען דעם צוג, זענען אין די וואַגאָנען [געווען] אַ פּאָר צענדליק מיט צעבראָכענע הענט און פיס, אין טייכן בלוט. איין פרוי אַ קראַנקע, איז געלעגן איינגעגאַנצן אַ נאַקעטע. אַ דאָרטיקער עסקן האָט זיך ביי דער סצענע צעוויינט. דער דאָרט אַנוועזנדער קרייז־הויפּטמאַן, נישט קיין אוהב ישראל, האָט זיך אַוועקגערוקט אָן אַ זייט און געווישט די טרערן. ער האָט דערלויבט איבערפירן די פאַרוונדעטע און קראַנקע מיט זייַנע לאַסט־אויטאָס. די ייד[ישע] באַפעלקערונג האָט זיי זייער האַרציק צוגענומען. עס איז געווען גרייט ברויט מיט קאַווע. די גאַנצע באַפעלקערונג איז ביינאַכט נישט געשלאָפן, איבערלאָזנדיק די בעטן די צוגעקומענע. מען האָט זיי אַ גאַנצן טאָג געטראָגן פון כל־טוב. נאָך 3 טעג איז געקומען אַ באַפעל די יידן צו צעשפּרייטן אין די אַרומיקע שטעטלעך. די קאָנסקע קהלה האָט אומעטום געשיקט מענטשן, וואָס האָבן געבראַכט געלט, אין פאַראַדיזש[152] געשאַפן [אַ] יודענראַט, מיט איין וואָרט: זיי האָבן אויסערגעוויינלעך געזאָרגט פאַר „זייערע" פּלאָצקער יידן. — אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג, ווען יענע זענען צוזאַמען, טאָר מען נישט אַרויסווייזן קיין מענטשלעכקייט, פאַרקערט, וואָס מער אכזריות. צום ביישפּיל: מען האָט זיך געווענדעט צו ד"ר האַגענען[153] וועגן מילך פאַר זויג־

151) ד"ר מאַרעק אַלטען — לכתחילה וויצע־פּרעזעס און זינט אַפּריל 1942 פּרעזעס פון יודענראַט אין לובלין.

152) נאָמען פון אַ דאָרף, וואָס געהערט צו דער גמינע וויעלקאַ־וואָליאַ אין טאָמאַשעוו־מאַזאָוויעצקער פּאָוויאַט.

153) ד"ר כ. האַגען, מעדיצינראַט, לייטער פון געזונט־אָפּטייל ביים דיסטריקט־אַמט אין וואַרשע.

קינדער. די תשובה: מען זאָל זיך צו אים נישט דערוועגן ווענדן מיט אַזעלכע פאָרשלאָגן; די ייִדן האָבן אַ דאַנק דעם שלייך־האַנדל אַלץ. דערביי איז זיין באַציִונג ביז איצט אַ מענטשלעכע. מען זאָגט, אַז ביי טשערניאַקאָוון זאָל מען האָבן געפונען אַ נאָטיץ־בוך אויף אַ סומע פון 60 טויזנט זל, וואָס פיגורירן נישט אין די גמינע־ביכער. ער קען נישט אויפקלערן, פון וואַנען עס נעמט זיך די דאָזיקע סומע. אַנדערע באַהויפטן, אַז די סיבה פון אַרעסט ליגט אויף לעש 13, די קאָנקורענץ צווישן ביידע. אַנדערע ווידער זאָגן, ווי מש[ערניאַקאָוו] זאָל זיך האָבן געקלאָגט, אַז ער האָט נישט קיין מאַכט אין געטאָ, ווייל איינצלנע פון יענע שטיצן איינצלנע ייִדן און דאָס שוואַכט אָפּ זיין מאַכט.

אַפּריל 1941

10 אַפּריל 1941

מיין ליבער פריינט![154]

לעצטנס געהערט וועגן אַ גוטן איינפאַל פון אַ בעטלער: אַוועקגעזעצט זיך לעבן געריכט און גענומען זאָגן בקול־רם קאַפּיטלעך תהילים. עס זיינען אים איינגאַנצן נישט אָנגעגאַנגען די דורכגייער. ער האָט געהאַט דערפאָלג. אַסך דורכגייער האָבן אים אַרייַנגעוואָרפן אַ פּאָר גראָשן אין האַנט. דער שפּיטאָל־שטייער ווענדעט אָן פאָלגנדע סאַנקציעס: פון 1 ביינאכט נעמט מען ייִדן צו טראָגן נאַקעטע מתים פון שפּיטאָל, וועלכע ווערן געפירט אויפן בית־עולם אין וועגעלעך. ווען די קהלה האָט זיך פאַרן גרינדן דאָס געטאָ געווענדעט וועגן עפענען שולן, האָט דער שול־ראַט געענטפערט: מיר מוזן האָבן אַ טיפוס, ווייל מיר מוזן שפּערן דאָס געטאָ. העלדישקייט פון דער חלוצישער חברה. אַ חלוצה פאָרט מיט דער באַן אויף [אַ] קריסטלעכן נאָמען. ביי אַ פּערזענלעכער רעוויזיע געפינט מען ביי איר אומלעגאַלע ליטעראַטור. 100 זל. און זי איז געראַטעוועט. די ליטעראַטור ווערט פאַרברענט. די בונדישע „זאַ נאַשאָן אי וואַשאָן וואָלנאַשטש" האָט געשריבן אַ גאַנצן אַרטיקל וועגן דער ווערבירונג פון אַ פּאָר טויזנט אַרבעטער אויף לאַנדווירטשאַפט דורכן „טאָפּאָראָל" פאַקטיש איז די מעשה נישט ריכטיק. עס איז בסך־הכל אַרויסגעפאָרן עטלעכע הונדערט ייד[ישע] יוגנט אויף אַרבעט אין דאָרף. דער טראָצקיסטישער „טשערוואָני שטאַנדאַר" איז אָנגעפאַלן אויף די רעפאָרמיסטישע פאַרטייען פאַר זייער אָנטייל אין דער קהלה[155]. דער אָרגאַן האַלט, אַז זיי וועלן דאָרט גאָרנישט אויפטאָן פאַר די אָרעמע מאַסן. לויט אַ זיכערע ידיעה פון בעל־

---

[154] קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.

[155] אין וואַרשעווער יודענראַט האָבן זיך נישט באַטייליקט די ייִדישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, אַזוי אַז דער פאָרוואָרף איז געווען נישט קיין ריכטיקער. די גאַנצע ייִדישע אונטערערדישע פרעסע, אָן אונטערשיד, פון סאַמע רעכטע ביז עקסטרעם לינקס האָט באַקעמפט דעם יודענראַט.

הבית פון קאַסאַנאָוואַ האָט העגדעל מיט איינציקע „בעסערע” פרויען אויס־געגעבן אַ נאַכט פיר טויזנט זל. אויסער כאַבאַר, וואָס בליט אין אַלע אָפּטיילונגען פון דער קהלה, איז פאַראַן אַ צווייטע פאָרם פון מאַכן געלט. געהערט, אַז קאָברינער[156] האָט 7 — 8 באַצאָלטע שטעלעס, לעצטנס אַ פונקט פון ירקות, פאַרמאַצעווטישע פאַרייניקונג וכדומה. אַ גרופּע זאַכקענער האָט באַרעכנט, אַז איין חודש האָט ער פאַרדינט 60 טויזנט זל. אַפילו מיט איין נול ווייניקער, וואָלט אויך געווען גענוג. און דאָס איינער פון די א. ג. אָרנטלעכע לייט אין קהלה. קופּשטיקער הייסט היינט „פשע־קופּטשיקער”[157] אָדער „קופּצוקער” צוליב דער צוטיילונג פון צוקער פאַר זיין צוקערלעך־פאַבריק. די צוגעבונדנקייט פון אַסך פאַטראָנאַטן צו זייערע פליטים־פונקטן איז אַזוי גרויס, אַז ווען מען האָט איבערגעפירט אַ פונקט פון פּלאַץ־גזשיבאָווסקי אויף פראַנטשישקאַנער, טראָגן די אַפּיטרופּסים די מיטאָגן אַהין. די מויער אויף פשעיאַזד איז געהעכערט געוואָרן אויף 4 מעטער, דאָס וועט אוממעגלעך מאַכן דעם אַריבערכאַפּן זיך. געהערט, אַז אין סאָסנאָוויץ האָבן יידן אַ דאַנק מערינגען[158] גענוג שפּייז, ווייל זי חוץ קאָנטינגענט־אַרטיקלען מעג די קהלה קויפן מאַרגאַרין צו קאָנטינגענט־פּרייזן. אין שייכות מיטן אָנקומען פון פסח ווערט אָנגעוויזן אויף דער אָפּ־שוואַכונג פון רעליגיע ביי יידן. כשרות ווערט ווייניק אָפּגעהיטן, ווייל עס איז שווער צו האַלטן ביים מאַנגל אין פעטס. דאָס זעלבע אין פאַרשיידענע אַנדערע געביטן פון לעבן. מען זאָגט, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק, בשעתן זיין פון פראַנק אין וואַרשע איז אויך געווען גענעראַל קייטעל און עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע פון יידן־גירוש פון וואַרשע אין שייכות מיט דער נאָנטער מלחמה. עס איז אַרויס אַ פּלאַקאַט פון לעש 13, דאָס איז אַ מאָטטאָ גענומען פון חושן־משפט וועגן דעם, אַז מען דאַרף באַשיצן וועכטער ביי די טויערן, וואָס זאָלן היטן, אַז מען זאָל נישט אַריבער־שרייטן די פּרייזן. ערליך פון לעש 13 איז איינגעשפּאַנט געוואָרן פאַרן אַרויסגעבן פאַלשע פּשעפּוסטקעס. טשערניאַקאָוו איז באַפרייט געוואָרן. ער איז אין תפיסה שטאַרק געפייניקט געוואָרן. דאָס פנים איז פאַרלאָפן מיט בלוט פון די קלעפּ איבער זיין קין. ער האָט געמוזט טאָן די מיאוסטע אַרבעטן, ווי רייניקן קלאָזעטן וכדומה. איבטערעסאַנט איז די פראַגע פון 26 מערץ. דאָס איז געווען דער טאָג פון יוגאָסלאַוויע, דעם טאָג האָט געהערשט אַ שמחה אויף דער אַרישער זייט. מען האָט געוואָלט איינרעדן, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע געלט־זאַמלונג. פאַרן אַרויסגיין האָבן זיי געמוזט געבן אַ פייערלעך וואָרט, אַז זיי וועלן גאָרנישט דער־

[156] עדוואַרד קאָברינער (1880—1943) — מיטגליד פון וואַרשעווער יודענ־ראַט, פאַר דער מלחמה אַ האַנדלס־ריכטער.

[157] ווערטער־שפּיל: פּשעקופּטשיקער אויף פּויליש שטאַמט פון וואָרט פּשע־קופּיטש — אונטערקויפן, נעמען שוחד.

[158] משה (מאָניעק), מערין — זע הערה 94 (1940).

ציילן[159]. דער היינטיקער 10 אַפּריל איז געווען איינער פון די שווערסטע טעג, וואָס די ייד[ישע] באַפעלקערונג האָט איבערגעלעבט בשעת דער מלחמה. די ידיעה וועגן פאַרנעמען סאַלאָניקי און טאָברוק האָט געווירקט דעפּרימירנד. אַחוץ דעם איז אין די לעצטע טעג געוואָרן אַ שרעקלעך יקרות, אַרויסגערופן דורך טראַנספּאָרט-שוועריקייטן. ברויט איז געשטיגן די לעצטע טעג: שוואַרץ — 8 זל. אַ קילאָ, ווייס — 11 — 12, קאַרטאָפל — 4 זל. אַ קילאָ, מצות 18 — 20 זל. אַ קילאָ. עס האָבן זיך אָנגעהויבן רוי־בערייען אויף די גאַסן, מען האָט אויף נאַלעווקעס צוגענומען אַ פורגאָן מיט קאָנטיגענט־ברויט. אויף סמאָטשע האָט מען ראַבירט ברויט, די גע־וועלבער זיינען ליידיק, מען האָט באַהאַלטן די סחורה, וואַרטנדיק אויף ספּעקולאַציע.

דער דאָלאַר האָט געהאַלטן ווידער ביי 150 זל., בשעת מיט אַ קורצער צייט עטלעכע פּופּציק זל. די לייט פון לעש 13 זיינען געגאַנגען איבער די געוועלבער און גענומען לאַפּוועקעס. אויף יענער זייט האָט מען ראַבירט אין די האַלעס, דער יקרות איז דאָרט אויך גרויס. די סיבה פון יקרות זעט מען [אין דעם], אַז יידן האָבן אַלץ אויסגעקויפט. פּאַקטיש איז דער מאַסנהאַפטער אויספאַרקויף פאַרגעקומען אויף יענער זייט. אַפילו זאַכן נישט נויטיקע. היינט נאָכמיטאָג האָט [זיך] אין שייכות מיט דער אָנט־שפּאַנונג צווישן ד[ייטשלאַנד] און רוסלאַנד די לאַגע אַביסל געבעסערט. עס ווערט געשאַפן אַ קאָנקורענץ־אינסטיטוציע צו לעש 13. ערליך און קאָן[160] האָבן זיך אָפּגעריסן און אַרויסבאַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבע־ניש פון דיסטריקט. רובינשטיין לויפט אַרום אין די גאַסן מיט אַ ניי ווערטל: עס האָט זיך אָנגעהויבן ביים קאָרידאָר און עס וועט זיך ענדיקן ביים באַלקאָן (באַלקאָן). מען זאָגט, אַז לעש 13 האָט זיך לויטן אָפּמאַך פאַרפּליכ־טעט צוצושטעלן צוויי נייע קרבנות. אין דעם „ביולעטין אינפאָרמאַ־ציני"[161] איז געווען אַ נאָטיץ, ווו עס ווערט געבראַכט אַ פאַראָרדנונג פון אַ קרייז הויפּטמאַן, אַז יידן דאַרפן נישט גריסן קיין אשכנזים, בשעת אַנ־דערע שלאָגן פאַר נישט גריסן. די חלוקה פון די לאַפּוועקעס ביי די אַרויס־גאַנגען זעט אויס ווי פאָלגנד: קודם נעמט מען אַראָפּ פאַר מתנות פאַר אשכנזים, אַ העלפט פון פאַרבליבענעם — פאַר פּאָליאַקן, די צווייטע העלפט פאַר יידן. פון די יידן באַקומען מער די, וואָס פירן די אונטער־האַנדלונגען וועגן דורכלאָזן. דעם רעשט די איבעריקע. לעש 13 האָט

---

159) אפנים געמיינט טשערניאַקאָוו און די אַנדערע, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן פון געסטאַפּאָ.

160) געמיינט: זעליג העלער און מאָריץ קאָן, צוויי שותפים, טונקעלע פּאַר־שוינען, געשטאַמט פון לאָדזש, וואָס זענען געווען מאַכערס ביי געסטאַפּאָ און אייגנטימער פון גרויסע אונטערנעמונגען אין וואַרשעווער געטאָ.

161) צענטראַלער אומלעגאַלער אָרגאַן פון א. ק., שעף־רעדאַקטאָר איז געווען פּראָפּ. הענריק קאַמינסקי, דער פירער פון פּוילישן סקויטן־פאַרבאַנד, ער האָט פאַר־דינסטן ביים העלפן דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף וועגן וווכער־פרייזן און אַלס מאָטאָ ווערט אָנגעגעבן אַ ציטאַט פון חושן־משפט וועגן שומרים ביי די טויערן, וואָס זאָלן היטן די פרייזן. די משפחות פון די יאַנואַר קרבנות[162] טרייסטן זיך נאָך אַלץ, אַז זייערע משפחה־מיטגלידער לעבן. יעדעס מאָל הערט מען, אַז אָט זיינען זיי אין שלעזיע, אָט אין וועסטפאַליען וכדומה. דאָ הערט מען, אַז אַ פּאָלאַק, וועלכן קיינער האָט נישט געזען, איז צוריקגעקומען און פאַרציילט, אַז ער האָט געהערט וועגן זיי א.א.וו. דאָ הערט מען ווידער, אַז זייערע דאָקומענטן זיינען נישט שוין אין וואַרשע, נאָר ביי הימלערן. עס ווערן לעצטנס איינגאַנצן פאַרמויערט אַרויסגענג פון געטאָ. לעצטנס טלאָמאַצקע. פרצן פייערט מען הייאָר פסח אַלס גרינדער פון פאָלקס־קיכן און קינדער־היימען. צווישן די אַרכיוון, וואָס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן, איז איינער פון די וויכטיקסטע דער פינאַנס־אַרכיוו. קאַליש און פלאָצק די עלטסטע יידישע קהלות זיינען יידן־ריין. עס איז נאָך נישט געווען קיין תקופה און זייער געשיכטע זייט 800 יאָר, אַז דאָרט זאָלן נישט האָבן געווען קיין יידן, לעצטנס זיינען באַסטריפּיצירט געוואָרן עטלעכע צענדליק ייד[ישע]דאָקטוירים וואָס באַמיען זיך זייט יאָרן וועגן דעם. אויך דאָסמאָל זיינען קעגן זיי געווען די פוילישע דאָקטוירים, אָבער געזיגט האָבן יענע. אין וואַרשעווער געטאָ איז יעצט, אין קעגנזאַץ צום לאָדזשער, די לאַגע זייער אַ שלעכטע. בשעת אין לאָדזש האָט מען די לאַגע ווי נישט איז באַהערשט, איז דאָ פון טאָג צו טאָג ערגער. נביאות פון אַ פרומען ייד: דעם 1־טן יוני 41 וועט שטאַרבן דער גרעסטער מענטש פון דער וועלט. שוידערלעכער יום־טוב: מאַנגל אין מצות, קאַרטאָפל, יקרות — פשוט עס דראָט אַ הונגער־טויט דער יידישער באַפעלקערונג.

אָנהויב אפריל 41.

17 אפריל 1941:

מיין ליבער![163]

ערב יום־טוב האָבן זיך אָפּגעשפּילט שרעקלעכע סצענעס אין לאָקאַל פון דער פּליטים־אָרג[אַניזאַציע]. עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַן עולם פון 7 — 8 טויזנט פּליטים, וועלכע האָבן געוואַרט אויף מצות און בכלל אויף פּעקלעך. דער ערב־פּסח האָט באַוויזן דעם גאַנצן שוידער פון דער לאַגע. ס'האָבן זיך געמאָלדן נאָך פּעקלעך מענטשן, וועלכע דער אָרום האָט געהאַלטן פאַר פאַרמעגלעך און וועלכע האָבן אַליין מיט אַ קורצער צייט צוריק געגעבן שטיצע. די פאַרצווייפלונג פון די, וואָס האָבן נישט באַקומען איז אין לשער. דער יקרות (אַ קילאָ ברויט — 11 זל., קאַרטאָפל — אָרום

162) געמיינט די קרבנות, וואָס זענען געפאַלן אין שייכות מיט דער געסטאַפּאָ־אַקציע קעגן אַנדזשעי קאַט און זיין אונטערערדישע גרופּע.

163) קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.

3 זל., מצות 16 — 18 זל.). די פּאָל[יטישע] געשעענישן (מפּלה פון יוגאָסלאַוויע) און די אַרבעטסלאַגערן, דאָס זענען געווען דער טריאָ, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט די לאַגע אין געטאָ. דער הונגער האָט זיך גוט געלאָזט פילן, ווייל מען האָט נישט באַקומען אויף באָנעס נישט קיין ברויט און נישט קיין קאַרטאָפל. — אַ באַקאַנטער, וועלכן איך האָב געווונטשן אַ רויִקן פסח (דאָס איז געווען דער פאַראָל פון הייַנטיקן פסח), האָט מיר געענטפערט: „ווינטשט מיר בעסער אַ לייכטן תענית". — דאָס כאַפּן צו די אַרבעטסלאַגערן האָט זיך גענומען דערפון, וואָס די קהלה האָט נישט צוגעשטעלט די געהעריקע צאָל אין די לאַגערן. די ייִד[ישע] מיט דער פּויל[ישער] פּאָליציי האָבן דעריבער געדאַרפט גיין כאַפּן, [די] וואָס זענען אָנערקענט געוואָרן אַלס טויגלעך און האָבן באַקומען איינבאַרופונגען, האָבן זיך אָבער נישט צוגעשטעלט. פאַרשטענדלעך, אַז די האָבן נישט געגעכטיקט אין דער היים. האָט מען געכאַפּט אַפילו איבער 50 יאָר. די ייִד[ישע] און פּויל[ישע] פּאָליציי האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און געמאַכט גוטע געשעפטן. מען האָט גענומען הונדערטער זל. פון אומשולדיקע מענטשן, מען האָט גענומען אויסקויף־געלט פון גאַנצע הייף. עס איז געווען אַן אמתע וואַקכאַנאַליע. די ייִנגערע מענטשן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דעכער, קעלערס, אין פּאָלקס־קיכן און אין אַנדערע עפנטלעכע לאָקאַלן. — די גרויסן פון די לאַגערן זענען נישקשהדיקע. דאָס וועט אָן ספק ווירקן, אַז ייִדן וועלן גערן גיין אין די לאַגערן. די פּליטים־פּונקטן, למשל, זענען באַדייטנד אויסגעליידיקט געוואָרן פון מענטשן. בכלל איז די ייִד[ישע] פּאָליציי שוידערלעך קאָרומפּירט. איף 1.700 פּאָליציאַנטן האָבן 750 דיסציפּלינאַר־פּראָצעסן. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דער הויפּט־מאַכער ביים אָננעמען פּאָליציאַנטן איז געווען קופּטשיקער און ביי אים איז געווען אַ טאַקסע ביים אָננעמען אין דער פּאָליציי. עס איז דעריבער אָנגענומען געוואָרן זייער אַ שלעכטער עלעמענט. — איינער פון די שומרים רופט דעם ייִד[ישן] פּאָליציאַנט. רעדט צו אים 10 מעטער פאַר אים און שטייט 50 מעטער ווייט. ייִדן זענען אַ גאַנגרענע. דאָס ערט, וווּ דער ייִד טרעט, דאַרף מען אויסברענען.

מיט אַ וואָך צוריק געטראָפן אַ שוידערלעכער פאַקט מיט אַ ייִד[ישן] פּאָליציאַנט (אַן ערך דעם 10 אַפּריל). עס זענען אָנגעקומען נייע וואַכן אין וואַרשע. דאָס זאָל זיין דער פּלוטאָן, וואָס איז געווען ביים איינפירן דאָס געטאָ, באַרימט פון גימנאַסטיק[164]. אויף סאָלנאַ האָט אַ שומר צוגענומען ביי אַ ייִדישער פרוי אַ זעקל קאַרטאָפל. דער ייִד[ישער] פּאָליציאַנט גינסבורג פון לאָדזש האָט געבעטן דעם שומר אומצוקערן דער אָרעמער

164) די דײַטשישע וואַכן ביי די געטאָ־טויערן האָבן דערמלט אָפט געצוווּנגען די ייִדן ביי אַרויסגיין פון געטאָ צו מאַכן גימנאַסטישע איבונגען און בעת מעשה זיי געפּייניקט. אין אָט די פּייניקונגען האָבן זיך „אויסגעצייכנט" דער שופּאָ־רעגימענט 61 און דער זשאַנדאַרמעריע־באַטאַליאָן 303.

פרוי. אַלס שטראָף פאַר דער חוצפה האָט ער אים געוואָרפן אויף דער ערד, געשטאָכן מיטן באַגנעט און צום ליגנדן אויף דער ערד געשאָסן. גינסבורג, אָפּגעשוואַכט פון הונגער, איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל. אַ צווייטער פּאַליציאַנט איז אויף דעם זעלבן פּונקט פאַרוווּנדעט געוואָרן פון אַ קויל פון אַ שומר. דעם זעלבן אָוונט נאָך 9 אַזייגער האָט מען געשאָסן אין פאַרשפּעטיקטן עולם. צוויי מענטשן פאַרוווּנדעט.

אין אַ גרויסן טייל פּליטים־פּונקטן זענען איינגעאָרדנט געוואָרן סדרים מיט פלייש, קניידלעך און ווייַן. די פּליטים האָבן אויף אַ קורצער ווײַלע פאַרגעסן דעם טרויעריקן מצב און זייער עלנט. די סדרים זענען געווען אַ מאָראַלישע שטאַרקונג פאַר די אויסגעשעפּטע הימלאָזע.

דעם 13 אַפּריל האָט מען אין די גאַסן געכאַפּט אויף אַרבעט. אַ סך זענען נישט אַנטלאָפן, נאָר גערן געגאַנגען אַרבעטן צו 3.20 זל. אַ טאָג. געווען די טעג מערין. מען האָט אים אויפגענומען ווי אַ מלך. אין טעאַטער האָבן אים די אַרטיסטן באַגריסט. אויך ר' מנחם מענדל[165] האָט אים פאָרגעשטעלט פאַרן עולם. אַ נייער אויסלייזער פון יידישן פאָלק! אין בענדין — סאָסנאָוויעץ געלונגען אויסצומיידן דאָס געטאָ אַדאַנק זיינע באַמיונגען. די שטערבלעכקייט דאָרט קלענער ווי פאַר דער מלחמה. נישטאָ קיין בעטלער אין די גאַסן. מערין האָט אין אַ קורצער צייט אָרגאַניזירט דאָס איבערזידלען 6 טויזנט יידן פון אָשוויענטשים און סביבה[166]. די יידן האָבן אַלץ מיטגעבראַכט מיט זיך, אַפילו מעבל. די דירות־פראַגע איז געלעזט אויף אַזאַ אופן, אַז אין יעדער שטוב זענען אַריינגעזעצט געוואָרן פּליטים. אויב אַ משפחה האָט גוטוויליק נישט געוואָלט אַריינלאָזן די פּליטים, האָט מען די משפחה באַזייטיקט. — מען זאָגט, אַז בשעת די נאַכט וויזיטן פון דער ייד[ישער] און פויל[ישער] פּאָליציי האָבן דעם גרעסטן דערפאָלג די לעגיטימאַציעס מיט מליבאַרסקיס פּאָטאָגראַפיעס[167]. — לעצטנס איז געלונגען אַ קליינער גרופּע פון 7 חלוצים דורכצושמוגלען זיך קיין בראַטיסלאַוואַ דורך נייסאַנץ, בכדי פון דאָרט עולה צו זיין קיין א"י. דער וועג געקאָסט 1200 זל. אַ פּערזאָן. דאָס בילד פון טהרה־שטיבל שוידערלעך. יעדן טאָג געפינט מען אויף דער גאַס עטלעכע מתים, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע. דאָס בילד פון האַלב נאַקעטע מתים, באַדעקטע מיט שמאַטעס, אַנגעוואָרפענע איינע אויף דער צווייטער, איז אַ מאַקאַברישעס. — ביי דער וואַנט שטייט אָנגעשפּאַרט אַ גלעזער, האַלב פאַרחלשט, די הענט צעשפּרייט אַזוי ווי ער וואָלט פאָזירט צו אַ בילד. — די הכנסות

---

165) עס קאָן זיין, אַז געמיינט דעם מיטגליד פונעם דירעקטאָריאַט פון „דזשוינט" און אַליינהילף מנחם־מענדל קירשענבוים.

166) אין מערץ־אַפּריל 1941 זענען קרוב 6000 יידן אויסגעזידלט געוואָרן פון אוישוויץ קיין כשאַנוּוו, סאָסנאָוויעץ און בענדין, אין שייכות מיטן אויפשטעלן אין אוישוויץ אַ קאָנצלאַגער.

167) באַנקנאָטן פון מלוכהשן עמיסיע־באַנק, וואָס זיין דירעקטאָר איז געווען מלינאַרסקי; זיין אונטערשריפט האָט פיגורירט אויף די באַנקנאָטן.

פון דירה־געלט, וואָס האָבן באַטראָפן לויט־ערך 60%, זענען לעצטנס גע־פאַלן ווידער מיט 10 פּראָצענט. בשעת מען האָט זיך געווענדעט צו אַ וואַר־שעווער גביר צו באַשטייערן זיך פאַר די פּליטים, האָט ער געענטפערט: דאָס וועט נישט העלפן, די פּענטאַקעס וועלן סיי ווי מוזן אויסשטאַרבן. דאָס איז די דענקאַרט פון די וואַרש[עווער] גבירים, וועלכע ווילן נישט געבן קיין גראָשן פאַר די פּליטים. — מען זאָגט, אַז דאָס באַפרייען טשער־ניאַקאָוון האָט געקאָסט דער קהילה 20 טויזנט זל. דאָס געלט ווערט יעדע נאַכט פאַרשיכורט אין „קאַסאַנאָוואַ“. שטערנפעלד דערקלערט, אַז צו דעם געלט רירט ער זיך נישט צו. ער מוז עס פאַרשיכורן, וויפל אמת איז אין דעם, נישט באַוווּסט.

17 אַפּריל 41

26 אַפּריל 1941

מיין ליבער![168]

געהערט פאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע טעאָריע, וואָס דאַרף באַרעכטיקן דאָס מאַרטירערטום פון דער ייד[ישער] באַפעלקערונג. יידן זענען אַ קריגס פירנדער צד, דעריבער מוזן זיי ברענגען קרבנות (די מיינונג פון ה. איג־נאַצי)[169]. — אין דער צייט פון קריגסצוג 1939 איז אויפן מזרח פראָנט געקומען אַ מיטינג פון פּוילישע זעלנער, אויף וועלכן מען האָט זיך פאַר־טראַכט איבער דער פראַגע, צי גיין קיין וואַרשע אָדער קיין מזרח. כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר דעם פונאַנדערפאַל פון דער פּוילישער אַרמיי. אין איינעם פון די קריגסגעפאַנגענע־לאַגערן (ר. יצחק)[170] געהייסן די יידן אי־בערחזרן: אַזוי לאַנג וועט נישט זיין קיין רו, ביז וואַנען עס וועט פאַר־שווינדן דער לעצטער ייד און דער לעצטער פּאַפּאַס (מסתמא אַ ציטאַטע פון באַקאַנטן ווערק)[171]. —די יידן טרייסטן זיך מיט חלשות־טראָפּן: די מפּלה יוגאָסלאַוויע דערקלערט מען, אַז די ענגלענדער זוכן פונאַנדערציען דעם פראָנט, זיי זוכן רוים. די מפּלות האָבן געמאַכט אַ דערדריקנדן איינדרוק אויף יידן. עס וואַקסט דער יאוש און האָפנונגסלאָזיקייט. עס איז דאָ אַ שטימונג, מען וויל אונדז איינגאַנצן אויסהונגערן און קיין אויסוועג איז נישטאָ אַחוץ אַ נס. מיט עטלעכע טעג צוריק פאַסירט פאָלגנדער פאַל. גנבים געפונען אין אַ קעלער אויף מוראַנאָוו 31 צוויי ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, פאַרלאַנגט צוואַנציק טויזנט זל. לא יחרץ־געלט. דער הויף זיך געווענדעט אויף לעשנאָ 13, זיי געמאָלדן דער מאַכט, אַז זיי פירן אַן אויספאָרשונג. —

168) קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.

169) וואַרשעווער — ד״ר איגנאַצי (יצחק) שיפּער.

170) וואַרשעווער — יצחק גיטערמאַן (1899 — 1943), דירעקטאָר פון „דזשוינט“ און אונטערשטיצער פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

171) געמיינט היטלערס „מיין קאַמף“.

געהערט אַ מיינונג: די מלחמה אַנטפּלעקט דאָס בעסטע און דאָס ערגסטע. ווי אין אַ גרויסער היץ ווערט אַלץ געלייטערט. הילף פֿאַר יידן און חיה־שער אַנטיסעמיטיזם, שטיינהאַרציקייט און גרעסטע אָפּפּערוויליקייט פֿאַר די הונגער־ליידנדע. געזען אין גאַס אַ בעטלער מיט אַ וויגעלע — אויך אַ גוטער איינפֿאַל ווי אַרויסצובאַקומען געלט. קינדער 3־יאָריקע בעטלען אין די גאַסן. אין אַ ייד[ישער] דירה קען מען היינט נישט רוען. מען קלאַפּט פֿון ביידע זייטן טיר אומאויפֿהערלעך. אין די ערשטע פֿרילינגטעג הערט זיך מוזיק אויף די גאַסן. אַרבעטסלאָזע ייד[ישע] מוזיקער שפּילן און מאַכן אַ לעבן. דאָס אַרויסכאַפּן ברויט, וואָס איז פֿון אָנהויב געווען אַן אויסדרוק פֿון הונגער, איז לעצטנס געוואָרן אַ פּרנסה. פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס כאַפּן אַרויס דאָס ברויט, צעברעכן גלייך אָדער עסן זיך גלייך איין אין ברויט, כדי מען זאָל נישט קענען צוריקנעמען. עס קומען פֿאַר פֿאַלן פֿון פֿאַרקויפֿן טיילן פֿון הייזער, הגם די הייזער זענען אונטער קאָמיסאַרישער לייטונג. בשעת דער פּסח־אַקציע דער מיליאָנער פֿון לודוויטש ראַוויצקי צוויי מאָל געחלשט אויפֿן וועג פֿון הונגער. קאָן און העלער זענען אַרויס פֿון לעש 13 און מאַכן אַ באַזונדער קרעמל. איינקויף־געלט צו ווערן ביי זיי אַ מעקלער קאָסט 500 זל. לעצטנס פּאַסירט אַזאַ פֿאַל: געקומען יענע און געהייסן קומען דעם צווייטן טאָג אין די אַלייען. געקלונגען צו קאָנען. ער האָט טאַקע געהערט וועגן דעם ענין. פֿאַר טויזנט זל. האָט מען שוין נישט גענאַרפֿט קומען דאָרט.

אין לאָדזש באַקומען די אָרעמעלייט 9 מאַרק פֿון דער קהלה, נישטאָ אין די גאַסן קיין בעטלער. — דער פֿירער פֿון דער טראַנספֿערשטעלע האָט אַ טבע נישט צו רעדן מיט יידן. פֿאַראַן אַזעלכע דיגניטאַרן, וואָס פּרינציפּיעל נעמען זיי נישט אויף קיין יידן. אין דער טראַנספֿערשטעלע הייסט מען עפֿענען די פֿענסטער צוליב דעם געשטאַנק, וואָס די יידן האָבן אָנגעמאַכט. — די ייד[ישע] משוגעים פֿון גאַנצן לאַנד ווערן קאָנצענטרירט אין זאַפּיוויקע, אַהין זענען געבראַכט געוואָרן איבער 100 משוגעים פֿון טוואַרקי און 30 פֿון קאָביעזשין. צוזאַמען איז דאָרט פֿאַראַן אַ 400 קראַנקע, וועלכע גייען אויס פֿון הונגער. לעש 13 האָט לעצטנס באַקומען אַ דערלויבעניש אַריינצופֿירן אַ גרעסערן סכום קאַרטאָפֿל און דערביי גוט פֿאַרדינט (איבער הונדערט טויזנט זל.). לעש 13 וועט האָבן אַן אייגענע תּפֿיסה און אַ קרימינאַל געריכט. — דער 19, 20 און 21 אַפּריל וועלן פֿאַרבלייבן אויף אייביק אין זכרון פֿון דער ייד[ישער] באַפֿעלקערונג אין וואַרשע. דאָס האָט די ייד[ישע] גמינע מיט דער הילף פֿון ייד[ישער] פּאָליציי באַנייט די טרויעריקע טראַדיציע פֿון מענטשן־כאַפּעריי. די קאָפּיע איז געווען אַ געטרייע, ווי מע וואָלט אין אַ ליכט־בילד פֿאַרגעשטעלט אַ בילד פֿון דער טרויעריקער נאַראַגאַנגענהייט. די סיבה פֿון דער כאַפּעריי איז געווען פֿאָלגנדע: די קהלה האָט גענאַרפֿט דעם טאָג צושטעלן 1500 מענטשן אין אַרבעטסלאַגערן. געשטעלט האָבן זיך בלויז 50. ווען די פּאָליציי (ייד[ישע] און פּוילישע) האָבן געזוכט די שולדיקע, האָט מען געטראָפֿן אין די דירות

נאָר 130, דער רעשט האָט נישט גענעכטיקט אין די דירות. דערצו האָבן גורם געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך די רעמיניסצענצן פון די פאַראַיאָריקע ארבעטס־לאַגערן, בעת וועלכע כמעט 100% איז צוריקגעקומען מיט פעלערן, פיזיש און גייסטיק צעבראָכן. די צווייטע סיבה איז די פאַרברעכערישע באַציונג פון דער קהלה, וועלכע האָט סיי פאַראַיאָרן, סיי היי־יאָר גאָרנישט געטון, כדי צו לינדערן די לאַגע פון די משפחות פון די לאַגעריסטן, מען האָט אויך גאָרנישט געטון, כדי צו לינדערן די לאַגע פון די לאַגעריסטן גופא. די פאַרשטייער פון דער קהלה, וואָס זענען פאַראַיאָרן געפאָרן אין די לאַגערן, האָבן אַפילו נישט באַזוכט די לאַגערן און צוריקגעקומען מיט גרוסן, אַז אַלץ איז אין בעסטער אָרדענונג. די דריטע סיבה איז די הימלשרייענדע עוולה, אַז אין די לאַגערן ווערט גענומען בלויז די אָרעמקייט. די רייכע ייִנגלעך ארבעטן אין דער פאָליציי, אין געזעלש[שאַפלעכע] איבסטיטוציעס, זיי זענען פאַרזיכערט אין קראַנקן־קאַסע אַלס כלומרשט באַשעפטיקטע אין פאַרשידענע פירמעס און ועל כולם קאָנען זיי זיך אויסקויפן פון די אַרבעטסלאַגערן. מען קויפט זיך אויס פאַר גאָר קליינע סומעס. איך קען אַ גביר אדיר, וואָס צאָלט פאַר זייַן זון הונדערט זל. א חודש. אַ סך רייכע זינדלעך קויפן זיך אויס ביי ייִד[ישע] דאָקטוירים בשעת אונטערזוכונגען. דאָ איז פאַראַן אַ שותפות פון ייִד[ישע] מיט יענע דאָקטוירים, וואָס שרייבן אונטער די צייגענישן. עס זענען פאַראַן מעקלערס, וואָס פאַרמיטלען ביי דעם עסק. ביי אַזאַ קאָרופּציע איז נישט קיין חידוש, וואָס די אָרעמקייט האָט זיך צעבונטעוועט און נישט געוואָלט גיין אין די לאַגערן. עס איז כדאַי צו באַמערקן, אַז אויף 45 טויזנט מענער, וואָס האָבן זיך געדאַרפט רעגעסטרירן צו די לאַגערן, האָבן זיך 11 טויזנט נישט געמאָלדן. עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז אַזאַ צאָל האָט זיך באַוווסטזיניק נישט געשטעלט. די אַרבעטס־פאַרטיילונג איז נישט בלויז קאָרומפּירט, נאָר אויך פולשטענדיק אינדאָלענט. יעדע קלייניקייט (צוגאָב־רעגיסטראַציע) פאָדערט פון יעדן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג. כדי זיך צו אונטערזוכן דורכן דאָקטאָר, דאַרף מען אָפּשטיין אַ 2 — 3 טעג פון 5 אין דער פרי. אין דער זעלבער צייט קען מען זיך אַריינבאַקומען דורך אַ זייטן־אַריינגאַנג פאַר אַ 5 — 10 זל. קיין שום זאַך איז נישט געווען פאַרויסגעזען. א פולשטענדיקער באַלאַגאַן און צעפוילטקייט. דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז די פירער פון דעם אַרבעטס־אָפּטייל האָבן פאַרלוירן די קעפ און נישט קענענדיק באַהערשן די לאַגע האָבן זיי זיך גענומען צו מענטשן כאַפּעריי. די ערשטע נאַכט איז געווען א שוידערלעכע. זי האָט עס געבראַכט דער ייִד[ישער] פאָליציי דעם ערן־נאָמען „גענגסטערס”, וואָס איז איבערגעחזרט געוואָרן הונדערטער מאָל אויף פאַרזאַמלונגען פון די הויז־קאָ[קאָמיטעטן] ווען דעם ענין. די ייִד[ישע] צוזאַמען מיט דער פוילישער פאָליציי האָט שטאָט צו זוכן די, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דער נאַכט פון 19 אויפן 20, באַזעצט גאַנצע הייזער און פאַרלייגט אייסקייף־געלט. מען פאַרציילט וועגן אין פאָליציאַנט, וואָס האָט

יענע נאַכט פאַרדינט 5 טויזנט זל. מען איז אַרײַן צו יידן איבער 40, צו קראַנקע און פאַרלאַנגט פון זיי אויסקויף־געלט. פאַרשטענדלעך, אַז גענומען האָט מען בלויז אַזעלכע, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט אויסקויפן, אָדער אַזעלכע, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן אַלס קראַנקע. אַלס איינציקע שפּייזער. צווישן די געכאַפּטע האָט זיך געפונען אַ טאַטע פון זיבן קינדער דאָס יינגסטע 2 וואָכן. מען האָט באַזונדערס געמאַכט אַבלאַוועס אין די פּליטים־פּונקטן, צונעמענדיק פון דאָרט די מענער, אויסגעהונגערטע, פאַרפייניקטע. עס האָט מיר דערציילט אַ פּאָליציי־אָפיציר, אַז אין איין פּונקט האָט אים אַ פּליט געקושט די שטיוול און אויף די קני געבעטן, מען זאָל אים לאָזן ביי דער פאַמיליע, וועלכע ער באַשפּייזט. דער פּאָליציי־אָפיציר האָט מיר דערקלערט: איך בין גרייט אָנעקצוגעבן 5 יאָר פון מיין לעבן, כדי נישט דאַרפן איבערצולעבן אַזעלכע שרעקלעכע טראַגעדיעס. דעם צווייטן און דריטן טאָג זענען ווייטער פאָרגעקומען אַבלאַוועס, וועלכע האָבן פולשטענדיק פאַראַליזירט דאָס לעבן.

די באַזאַרן זענען כמעט נישט געווען טעטיק, ווייל מען האָט נישט האָנאָרירט קיין שום לעגיטימאַציעס פון כאַריטאַטיווע אינסטיטוציעס. מען האָט אָפּגעשלאָסן גאַנצע בלאָקן הייזער און דערנאָך גאַנצע גאַסן זוכנדיק סתם יונגעלייט און ווידער האָט געבליט כאַבאַר. די רעוויזיעס האָבן קיין גרויסע רעזולטאַטן נישט געגעבן, ווייל דער עולם האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין קעלערן, בוידעמס און געוועלבער, סקלאַדעס, באַהאַלטענע צימערן און יחידים אויף יענער זייט. גאַנצע נעכט איז די יוגנט נישט געשלאָפן, וואַרטנדיק אויפן סיגנאַל פון סטרוזש, אַז די שומרים גייען. עס זענען געווען עקלהאַפטע טעג, וואָס וועלן בלייבן אַ שאַנד־פלעק פון דער ייד[ישער] קהלה. די אויפרעגונג פון דער ייד[ישער] באַפעלקערונג קעגן דער קהלה איז דעריבער טאַקע געווען אַן אומבאַשרייבלעכע, אמבולטסטן איז דאָס געקומען צום אויסדרוק אויף דער פאַרזאַמלונג פון ה. ק. [הייז־קאָמיטעטן] גערופן אין דער קהלה, אויף וועלכער מען האָט געוואָלט ווירקן אויף [דער] באַפעלקערונג, מען זאָל זיך צושטעלן צו די לאַגערן. אויף דער פאַרזאַמלונג האָט מען כסדר איבערגעריסן די אָפיציעלע רעדנער. מיט פאַרשיידענע פּראָטעסט־אויסרופן געגעבן צו וויסן די שטימונג פון דער ייד[ישער] באַפעלקערונג. אויף דער דאָזיקער זיצונג האָט דאָס דער לייטער פון דער [אַ]רבעטס־אָפּטיילונג ראָטמאַן ראָזען אַרויסגעזאָגט די „גאָלדענע” ווערטער וועגן דער פערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די פּאָרזיצערס פון ה. ק. פאַר דעם נישט צושטעלן זיך פון די לאַגעריסטן. ווי דער מנהג איז ביי דער קהלה, האָט מען נישט צוגעלאָזן צו קיין שום דיסקוסיע. די פאַרזאַמלונג איז דעריבער אויפגעלעזט געוואָרן ביי הילכיקע פּראָטעסטן פון די פאַרזאַמלטע. אויף דער דאָזיקער פאַרז[אַמלונג] האָט דער פּאָרזיצער פון ה. ק. לעש 2, שפּירא, אויסגערופן: ווו איז דער פירער פון די גענגסטערס, [בא] וועלכע מיר האָבן זיך געמוזט אויסקויפן די לעצטע נאַכט. ער מיט נאָך 2 אָנטיילנעמער זענען דעריבער פאַרהאַלטן געוואָרן דורך

דער ייד[ישער] פאליצײ, אבער אין אײניקע מינוטן שפעטער האט מען זײ געמוזט באפרײען צוליב די שטורמישע פראטעסטן פון די פארזאמלטע. — פאראיארן זענען אין די לאגערן געװען קאליקעס, א ייד מיט אײן פוס. מען האט אין לובלין, זאמאשטש געכאפט אין די גאסן, אבי אויסצופילן דעם קאנטינגענט. דער לײטער פון דער אפטײלונג אינערע פארװאלטונג אין דיסטריקט, מאנס האט צוגעשיקט א בריװ צו דער קהלה, אז אין פאל יידן װעלן נישט געבן די געהעריקע קאנטינגענטן, װעט מען אפשטעלן די באשפײזונג פון געטא און די ארבעטסלאגערן װעלן פארװאנדלט װערן אין שטראפלאגערן. דאס האט געװירקט, אז דער בירגערקאמיטעט האט גערופן פארזאמלונגען פון ה. ק. און אגיטירט צו גײן אין די ארבעטס־לאגערן. דער פארשטארבענער אדװאקאט בערענסאן[172] האט אויף דער זיצונג דערקלערט, אז עס איז דער חוב פון 50 עסקנים זיך מעלדן פרײװיליק אין די לאגערן, כדי צו װירקן אויף דעם עולם, אז ער זאל דערפילן זײנע פליכטן. עס האבן זיך געפונען רעדנער, װי ד״ר װיעליקאװסקי[173], װאס האבן געהאלטן, אז דאס איז א נאציאנאלע פליכט. אנדערע, מער ניכטערע, האבן אנגעװיזן, אז מען קען נישט אויסבאהאלטן קײן צענדליקער טויזנטער מענטשן און מען מוז געדענקען די שרעקלעכע פאלגן, װאס דאס קען האבן פארן כלל. אײנער פון ארבעטס־אמט האט דערקלערט: מיר האבן זיך אן עצה געגעבן מיט אנדערע, װעלן מיר זיך נישט געבן קײן עצה מיטן געטא? ער האט געדראט מיט א שטראף־עקספעדיציע פון ס.ס., װעלכע װעלן כאפן צו דער ארבעט. פאראיארן האבן די עטלעכע טויזנט לאגעריסטן פון װארשע געארבעט אין 56 לאגערן. הײ־יאר האט מען באשלאסן צו באשעפטיקן די לאגעריסטן לויט לאנדסמאנשאפטן. אין א טײל לאגערן, װי למשל, קאמפינאסער פושטשע האט מען אויסגעבויט לוקסוס־באראקן. אין די ערשטע טעג האבן זיך געמאלדן ביז 2.000 פרײװיל[יקע]. די ערשטע גרופן פון די לאגערן, באזונדערס פון לויװיטש, זענען געװען שלעכטע: 200 גראם ברויט, דערצו ארבעט אין װאסער בײם רעגולירן די בזורע. האנטװערקער און בכלל װירטשאפטלעך־אקטיװע װערן באפרײט פון די לאגערן. די אויפרעגונג פון יידן צו די כאפערס געװען אזא גרויסע, אז א דעלעגאציע פון אפיצירן פון פאליצײ האט זיך געמאלדן אין דער קהלה דערקלערנדיק, אז זײ װילן נישט, מען זאל זײ באנוצן צו דער דאזיקער מיאוסער ארבעט. א טײל האבן דערקלערט גרײט אלײן צו גײן אין לאגער, אבי נישט צו דארפן כאפן צו דער ארבעט. אײניקע פון די

---

172) ליאן בערענסאן (1882 — 1941). באװוסטער אדװאקאט, א פארטײדיקער אין פאליטישע פראצעסן, א פירשפרעכער פון אסימילאציע פון די פױלישע יידן, געשטאנען נאענט צו פ.פ.ס.

173) ד״ר גוסטאװ גאמזיא װיעליקאװסקי, באקאנטער אדװאקאט, קרימינאלאג, פרעזידיום־מיטגליד פון ייד. געזעלשאפטלעכער אלײנהילף, ראטגעבער פונעם דיסטריקט־שעף אין פראגן פון סאציאלער שוץ, שפעטער אויך פרעזידיום־מיטגליד פון יודענראט.

פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט ביים נעמען כאַבאַר, האָט מען געשיקט אין די לאַגערן. (אַ גאַנץ קליינעם טייל). איינער, וואָס האָט פֿאַרדינט 5 טויזנט זל. איין נאַכט, איז נאָך עטלעכע טעג פֿאַרשיקן אין לאַגער געקומען צו פֿאָרן מיט אַ שומר אויף איינקויפֿן פּראָדוקטן. ער האָט דערקלערט, אַז פֿאַר 200 זל. קען ער באַפֿרייען פֿון לאַגער. דער לאַגער־שוץ, וואָס רעקרוטירט זיך פֿון דעם רוב אוקראַינער, באַשטייט פֿון אויסוואָרפֿן, וואָס האָבן זיך געלאָזט פֿילן דער ייד[ישער] באַפֿעלקערונג. נעכטן דעם 25 אַפּריל האָבן זיי געפּרוווט רויבן אין ייד[ישע] געשעפֿטן. יענע האָבן זיי געכאַפּט, פֿאַרקאָוועט אין קייטן און אַוועקגעפֿירט. הײַנט דעם 26 איז פֿאָרגעקומען דאָס זעלבע אין לוויוויטש. פֿאַרציילט מען, אַז איינער פֿון ל. ש. (לאַגער־שוץ) האָט באַגאַסן אַ יידישן יונגערמאַן מיט בענזין און אונטערגעצונדן. זיי טראָגן ביקסן און זענען באַקליידעט אין גרינע מונדירן. אין קאָלעגיום — זשעלאַזנע 84 האָט די פּויל[ישע] פּאָליציי פֿון 700 געכאַפּטע אַרויסגעלאָזט 400, אַזוי אַז סוף כל סוף זענען געבליבן בלויז די אָרעמעלייט. ווי ווייט מען האָט פֿיינט די קהלה און באַשולדיקט זי אין אַלדאָס בייז, קען דינען דער קלאַנג, אַז ס'האָבן זיך געמאָלדן אַ סך פֿרייוויליקע פֿון וועלכע מען האָט אָבער פֿאַרלאַנגט צו 50 זל. עס ווייזט אויס, אַז דאָס איז בלויז אַ קלאַנג. מען האָט באַשולדיקט, אַז די קהלה האָט נישט געוואָלט נעמען קיין פֿרייוויליקע, כדי צו נעמען געלט ביים עולם. די הילף פֿון ה. ק. פֿאַר לאַגעריסטן איז זייער אַ גרויסע. מען באַזאָרגט די אַוועקגייענדיקע מיט וועש, מלבושים, שיך, געלט, מען שטיצט די פֿאַמיליעס וכדומה. אויף 1700 ייד[ישע] פּאָליציאַנטן זענען פֿאַרפֿירט געוואָרן פּראָצעסן קעגן 700. בשעתן אָננעמען אין פּאָליציי האָט געאַרבעט אַ געז[על־שאַפֿטלעכע] קאָמיסיע, פֿון אַלע מיטגלידער איז טעטיק געווען בלויז קופּטשיקער. ער האָט געמאַכט דערביי אַ סך געלט. אַ קאָפּ האָט געקאָסט אַ 500 זל. ביי דער פּאָליציי איז אַ וויכטיק פּראָבלעם: גומענע צי הילצערנע שטעקעלעך. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז הילצערנע זענען געפֿערלעכער, ווייל זיי צעברעכן די ביינער. גומענע זענען דערווייל אין געטאָ נישט צו באַקומען. דאָס בילד פֿון די גאַסן אין די טעג פֿון 19, 20 און 21 — בלויז פּוסטע אין די גאַסן. וויינענדע פֿרויען רינגלען אַרום די געכאַפּטע, וועלכע מען האָט דעם ערשטן טאָג אַוועקגעשיקט אָן קיין שום זאַכן אַזוי, ווי זיי זענען געשטאַנען. אַ דרייאָריק קינד האָט מיט געוויין געבעטן אַ פּאָליציאַנט נישט צוצונעמען דעם טאַטן. ווער וועט געבן ברויט? דער פּאָליציאַנט האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס בילד וועט אים פּייניקן דאָס גאַנצע לעבן. די אומגעלומפּערטקייט פֿון דער קהלה: די באַפֿרייטע פֿון אַרבעטסלאַגערן האָט מען אַ לאַנגע צייט נישט אַרויסגעגעבן קיין באַפֿרייאונגס־קאַרטע, ווייל די דאָקטוירים האָבן אין דער ערשטער ריי אַרויסגעגעבן די, וואָס האָבן זיך ביי זיי אויסגעקויפֿט, דעריבער האָבן זיי נישט געהאַט קיין צייט אַרויסצוגעבן די באמת באַפֿרייטע. ביי דער כאַפּעריי האָט מען, פֿאַרשטייט זיך, צוגענומען אויך אַזעלכע, וואָס זענען באַפֿרייט

געוואָרן, וועלכע האָבן אָבער נישט געהאַט דערויף קיין באַווייזן. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז מען האָט געכאַפּט צו די לאַ[נ]גערן מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אין דער ריי זיך צו רעגיסטרירן אין די אַרבעטסלאַגערן. פולשטענדיקע קאַפּלאָזיקייט און הפקרות.

עס זענען באַפרייט געוואָרן 1300 רבנים. אין גאַנץ פּוילן איז קיינמאָל נישט געווען אַזאַ צאָל! געהערט פון אַ לאָדזשער פּליט, אַז דער רעדאַקטאָר פון דער לאָדזשער צייטונג, אַ געוועזענער דעמאָקראַט קאַרגעל, האָט ביים ייד[ישן] מאָלער האַנעמאַן[174] באַשטעלט אַ בילד פון אים אויף די חורבות פון וואַרשע, אָבער אַלס דעראָבערער פון וואַרשע. באַטירלעך האָט דאָס בילד געזאָלט אונטערגעשריבן ווערן דורך אַן אַרישן מאָלער. קאַרמעליצקא האָבן די קינדער אָנגערופן „וואָנוווז שמיערצי"[175]. איינער פון ל[אַגער]־שוץ האָט דעם 20־טן פאַרווונדעט (אָדער דערשאָסן) אַ פרוי מיט אַ קינד בשעת זי האָט אַרויסגעקוקט צו איר מאַן אין קאָלעגיום. — ה[יטלער] קעמפט פאַר ראַסע, סטאַלין פאַר קלאַסע און ענגלאַנד פאַר קאַסע. דער סטיל פון דער קהלה: מאָלטשאַט, ביע ראַססוזשדאַט[176], אויף קיין שום פאַרזאַמלונג דערלאָזט מען נישט קיין דיסקוסיע, העכסטנס אַנפראַגן. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דאָקטוירים וועגן שטשעפּיאָנקע, נישט דערלאָזט צו דיסקוטירן. די באַציונג צו טשערניאַקאָוו ווי צו אַן אָפּגאָט. ־ינע פאַראָרדענונגען זענען נישט דיסקוטאַבל. יעדעס וואָרט זיינס איז אַ באַפעל. בכלל איבערגענומען, נאָכגעמאַלפּעוועט דעם פּרינציפּ פון פּירערטום. די באַציונג צו דער קהלה כאַראַקטעריזירט פאָלגנדער פאַל: אויף אַז אַ[illegible]זאַציע־פאַרז[אַמלונג] פון טאַפּאַראַל געשטעלט די ערשטע פראַגע דורך איינעם פון עולם: האָט איר אַ שייכות צו דער קהלה־ווירטשאַפט, פּריוואַטע פּערזאָנען באַקומען גאַנצע טאָנען קוילן, בשעת די קיכן, אינטערנאַטן מוזן בוצן צו 1500 זל. אַ טאָן קוילן. דער אָפּנעמער קען נישט זיין ביים וועגן די קוילן. מען גיט אים אַ פאַרטיקן וואָגן. אויב מען גיט דעם טרעגער אַ 20 זל. באַקומט מען נישט קליינע קוילן, נאָר גאַנצע שטיקער. אויפן וועג אָפּערירט אַ גאַנצע באַנדע, וואָס צענעמט דעם וואָגן קוילן, אויב מען גיט נישט קיין אויסקויף־געלט. די שטאַרביקייט פון דער ייד[ישער] באַפעלקערונג אַ קאָלאָסאַלע: געוואַקסן פון 150 אויף 500 — 600 אַ וואָך. מענטשן שטאַרבן אין גאַס. ווען מען האָט זיך געווענדעט צו אַ מוטער, פאַרוואָס זי איז אַרויס מיט די קינדער אין גאַס, האָט זי געענטפערט, אַז זי וויל נישט שטאַרבן אין שטוב נאָר אין גאַס. אין גאַס ליגן מאַסן פאַרחלשטע. אויסער אמת פאַרחלשטע זענען דאָ סימולאַנטן, וואָס

174) מאַקסימיליאַן האַנעמאַן, אַ יידישער קונסט־מאָלער, געמאָלט פּוילישע פּייזאַזשן און ארץ־ישראל־מאָטיוון. אומגעקומען אין לאָדזשער געטאָ.

175) פּויליש: באַרגשפּאָלט פון טויט.

176) רוסיש: שווייגן, נישט טראַכטן — לאָזונג פון די צאַרן (אויספירן די באַפעלן אָן טראַכטעניש).

חלשן יעדע פּאָר מינוט. אויב מען קען נאָך דורכגיין, ווען יענער שרייט נאָך ברויט, שטעלט מען זיך אָבער אָפּ, ווען יענער ליגט אַ פאַרחלשטער. געוויינלעך גיט מען אַזעלכע ברויט, אַ גלאָז טיי וכדומה. דער יקרות און דער דאָלאַר שפּרינגען לויט די קלאַנגען וועגן מלחמה מיט רוסלאַנד. דעם 21־טן אַפּריל האָט מען גערעדט וועגן פּאַרטיזאַנקעס, איז ברויט געשטיגן פון 7 אויף 11 זל. און די „האַרטע" (גאָלד־דאָלאַר) אויף 240, ווייכע 60 זל. דאָס בילד האָט זיך לעצטנס כסדר איבערגעחזרט. ווי נאָר עס דערהערט זיך אַ קלאַנג וועגן מלחמה פאַרשווינדן די פּראָדוקטן, און דאָס ברויט מיטן דאָלאַר שטייגן, דאָס זעלבע קאַרטאָפל, וואָס האָבן שוין געקאָסט 4 זל., היינט דעם 26 אַפּריל 2.40.

רב נוס[177] איז געוואָרן אַן אורוגווייער בירגער און זיך איבערגעצויגן אויף יענער זייט. מען האַלט, אַז דאָס איז נישט דווקא אין הסכם מיטן פּראָלעטאַרישן כלל: אַרויסצוראַטעווען זיך אַליין און אַרויסנעמען זיך פון כלל. — לעצטנס אַנטלויפט מען פון וואַרשע צוליב דער ביליקייט אין דער פּראָווינץ. מען פאָרט אַרויס מיט פאַרשידענע אויטאָס. עס ווערן לעצטנס אַלץ נייע אַרויסגאַנג פאַרמירט. דאָס פאַרקלענערט די מעגלעכקייט פון שמוגל און שטעלט פאַרן געטאָ די סכנה פון הונגערטויט, ווייל מיט דער קנאַפּער צאָל קאָנטינגענט־אַרטיקל מוז מען אויסגיין פון הונגער. אַ בילד: אויף שענקא אָדער שליסקא לאָזט זיך אויף דער מויער אַ קריסטלעכער שמוגלער. די שומרים, באַהאַלטן אין טויער, דערשיסן אים. ער פאַלט אַראָפּ אַ טויטער אין געטאָ. אויף דער מויער באַווייזט זיך זייער אַ באַן־ אָדער פּאָסט־ באַאַמטער, ער באַזוכט אים די קעשענעס, נעמט ביי אים אַלץ צו און קריכט צוריק אַריבער. דאָס אַלץ געשעט 12 בייטאָג אין די אויגן פון שומרים פוןביידע זייטן. — בשעת אַ שטורעם פליט אין די לופטן דאָס מיסט. וועגן דער קאָרופּציע אין געטאָ. די פינאַנס־קאָמיסיע פון די אַר־בעטסלאַגערן פון דער קהלה בראש מיט רעגירער, דעם פּאָרזיצער, האַלט פון דער טעאָריע פון דעמאָקראַטישע שטייערן, ווייל קיין רייכע לייט זענען נישטאָ. 40% פון פרייז פון מעדיצין נעמט צו די קהלה — אויך אַ דעמאָ־קראַטישער שטייער. פון 500 געשיקטע קיין לוויוויטש זענען 150 צוריקגע־קומען, אַלס קראַנקע; 3 זענען געשטאָרבן. די סיבה אַ פּשוטע: אויסגעמאַ־טערטע פליטים זענען צוויי טעג געלעגן אין קאָלעגיום אָן שפּייז. אין לוויוויטש האָבן זיי ביי אַ שווערער אַרבעט באַקומען 200 גראַם ברויט אַ טאָג. אַפילו די מתים האָבן נישט קיין רו אין געטאָ. אויפן בית־עולם הערט מען כסדר שיסערייען אין צוזאַמענהאַנג מיט שמוגלען. קאָן און הע־לער, וואָס זענען אַרויס פון לעש 13 האָבן געעפנט אויף לעש 14 אַן

[177]) מוריצי אָזשעך (1889—1943), פּאָרזיצער פון אונטערערדישן צ. ק. פון „בונד", אַרעסטירט אין אויגוסט 1943 ביים פּרוּוו פון אַריבערגיין די גרענעץ אין קאַלאָמיי (מזרח־גאַליציע) און דערמאָרדעט דורך געסטאַפּאָ אין דער וואַר־שעווער פּאַוויאַק־תּפיסה. אָזשעך באַטייט אויף פּויליש — אַ נוס. אַ טעות: אין ערשטער העלפט 1942 איז אָזשעך געווען אין געטאָ.

איגן האַנדלס־הויז — אַזוי הייסט די פירמע. לעצטנס קאָנוולסיעס פון פרייזן: ווען דער הילכער זאָגט אָן איינס אַזייגער נישט גינסטיקע ידיעות, שפרינגען די פרייזן. ווען דער הילכער לייקנט אָפּ די קלאַנגען וועגן פאַרשאַרפטע באַציונגען — — אַזוי דרייט זיך כסדר. — ווי ווייט איז פון באַרדיע[178] קיין סאָכאַטשאָוו? — פרעגט אַ ייד בשעת מען האָט אים פאַרציילט די בשורה, אַז ענגלענדער האָבן אָפּגענומען די שטאָט. די לאַגע פון דער אינטעליגענץ לעצטנס פאַרצווייפלטע. עס האָט זיך שוין אַלץ אויסגעלאָזט, מען האָט שוין אַלץ פאַרקויפט, מען ווערט געשוואָלן פון הונגער. פון אויסלאַנד קומען אָן פעקלעך, עטלעכע טויזנט אַ טאָג, אָבער נישט אין דער פראָפּאָרץ צו אונדזער לאַגע. עס ווייזט אויס, אַז מען גיט זיך נישט אָפּ קיין דין־וחשבון וועגן אונדזער לאַגע. אָנגעקומען גרוסן פון לאָדזש, אַז דאָרט איז די פסח־אקציע אַדורך גוט. יעדער ייד באַקומען 2.½ קילאָ מצות און 9 אייער. די קהלה באַקומען אַ דערלויבעניש צו עפענען שולן פאַר פינף טויזנט קינדער און פיר בתי־תפילות. די שולן אין יידיש און העברעיש. — די טאָוולען מיט די אויפשריפטן לכבוד די גרינדער פון די באַזונדערע פאַוויליאָנען זענען אויף טשיסטע פאַרמויערט געוואָרן. — איינער פון די יידישע געלערנטע פאַרגליכן דאָס געטאָ מיט דעם ספּאָלאַריום, ווו עס האָבן געוווינט די גלאַדיאַטאָרן. מען פלעגט זיי אַראָפּ־רייסן די מלבושים און לאָזן באַקעט.

26 אַפּריל 41.

7 מאַי 1941

מיין ליבער!

דער מאַנגל פון ברויט לאָזט זיך שטאַרק פילן. די פּאַרטייל־פּונקטן גיבן אַרויס באָנע־ברויט אָן שום סדר. מ׳באַקומט זעלטן ברויט און בכלל ווייסט מען נישט אויף וועלכן נומער מע באַקומט ברויט. פאַרן געטאָ איז יעדע וואָך פּלאַקאַטירט געוואָרן, וואָס און אויף וועלכע נומערן ס׳וועט אַרויסגעגעבן ווערן די נעקסטע וואָך. נאָכן שאַפן פונעם יידישן וווינ־קוואַרטל האָט דאָס לגמרי אויפגעהערט, די געוועלבער דערקלערן, אַז דאָס איז ווייל די קהלה נעמט איבער די אַפּראָוויזאַציע.

פון לאָדזש קומען ווייטער אָן שרעקלעכע ידיעות. עס איז לגמרי נישטאָ קיין שום הייץ־מאַטעריאַל. דער עולם צעהאַקט די שרענק און בעטן. דאָס איז שוין דאָס לעצטע, וואָס די יידן האָבן אַרויסגעראַטעוועט. לויט די ידיעות איז אויך אין שטאָט, מחוץ דעם געטאָ, אַ שרעקלעכער מאַנגל אין הייץ־מאַטעריאַל.

---

178) באַרדיע, אַן אָרטשאַפט ביי דער גרענעץ פון עגיפטן, וואָס איז דעמלט פאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשן.

מען דערציילט, אַז לעשנא 13 באַקומט ווייטערע הייזער אין אַדמי־ניסטראַציע אויף שוו.יערסקי און נאַלעווקי און מען אַנגאַזשירט ווייטער פרישע מענטשן.

די קלאַנגען וועגן פאַניען[179] מיט געגנויע דאַטן פאַרשטאַרקן זיך כסדר. דאָס איז די טעמע פון אַלע געשפּרעכן. עס קומען אָן כסדר בריוו פון יענער זייט ווו עס ווערט איבערגעגעבן די זעלבע ידיעה. אויך פון בערלין קומען אָן די זעלבע ידיעות און אַפילו פון אויסלאַנד. דער עולם גלויבט שוין אָבער נישט דעריקן — ער איז שוין גענוג גענאַרט געוואָרן. ס׳קומען שוין ווייטער אָן ידיעות פון געשטאָרבענע אין אָשוויענטשימער קאָנצענ־טראַציע־לאַגער. ס׳באַקומט זיך דער איינדרוק, דאָס אַלע דאָרט זיינען פאַרמשפט צום אויסשטאַרבן.

ביי די גרעניצן צווינגט מען שוין ווידער אַראָפּצונעמען די היטלען. פאַר נישט גריסן שלאָגט מען. עס איז צוריק ווי געוועזן.

עס דערציילט אַ לאָדזשער ייד 2 עפּיזאָדן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט: אין דעצעמבער 39 האָט מען מיך גענומען אויף אַרבעט אין דער ייד. גימנאַזיע. אונדזער גאַנצע גרופּע האָט געדאַרפט רוימען די לאָקאַלן. אין קלענערע גרופּן האָט מען אונדז גענומען צום ריינקן די קלאָזעטן. עס איז געוואָרן אַ פראָסט און אַלעס איז געוואָרן פאַרפרוירן. מיר האָבן גע־בעטן כאָטש שטעקעלעך צום רוימען. דערויף זענען אַרויס 4 יונגים[180] מיט שטעקנס און אַלעמען שרעקלעך געשלאָגן. זיי האָבן ספּעציעל געשלאָגן אי־בערן קאָפּ און פּנים. זיי האָבן דערביי געזאָגט: „איר האָט געוואָלט שטעקנס, האָט איר״. מיט 2 וואָכן שפּעטער, אין יאַנואַר, האָט מען מיך ווידער גע־נומען אויף אַרבעט אויף עק טאַרגאָווע־פּלאַץ דאָמבראָווסקיעגאָ צו רוימען שניי. דעם שניי האָט מען געדאַרפט אַריבערוואַרפן איבער אַ דראָטענעם פּאַרקאַן. אויף דער צווייטער זייט פון פּאַרקאַן האָט זיך שוין אָנגעזאַמלט זייער הויך שניי האַרט ביי דער וואַנט. די יונגים האָבן אַרויסגענומען פון אַנדערע גרופּעס 2 ייִנגלעך, געצוווּנגען זיי אויסטון די שיך און באָרוויס אַריבערקריכן איבער דעם דראָטענעם פּאַרקאַן אַפּצושאַרן דעם שניי. נישט ווייט האָט זיך געפונען אַן אַריינגאַנג אויפן פּלאַץ, אָבער די יונגים האָבן נישט דערלויבט דורך דעם אַריינגאַנג צו גיין. ווען די ייִנגלעך זיינען שוין געווען אויף דער צווייטער זייט האָבן די יונגים אַוועקגעשליידערט די שיך זייער ווייט פון זיך, אַז מ׳זאָל מוזן אַהינגיין באָרוויס.

---

179) געמיינט: רוסלאַנד, ראַטנפאַרבאַנד.

130) אין דעם פאַל: דייטשן.

6 — 11 מאַי 1941.

מיין ליבער![181]

די ייד[ישע] באַפעלקערונג שטייט יעצט, אין אָנהויב מאַי, אונטערן איינדרוק פון די שרעקלעכע ידיעות, וואָס קומען פון די אַרבעטסלאַגערן, פון וואַנען עס קומען אויך קיין וואַרשע אַ סך אַנטלאָפענע אָדער באַפרייטע צוליב קראַנקהייט פון לאַגער. די עיקר־סיבה פון די טויט־פאַלן (ביזן 6 מאַי 91 טויט־פאַלן) איז די שרעקלעכע באַהאַנדלונג פון די לאַגעריסטן מצד דעם רוב אוקראַינער שוץ־לאַגעריסטן, ווי אויך די זייער שלעכטע, ממש הונגער־באַשפּייזונג, וואָס איז גורם טויט־פאַלן פון די לאַגעריסטן. די אוקראַינער האָבן זיך געלאָזט פילן נישט בלויז די לאַגעריסטן נאָר דעם כלל יידן. — עס זענען אין די לעצטע טעג פאָרגעקומען אַ גאַנצע ריי פאַלן פון רויבערייען אין ייד[ישע] געשעפטן, פון ווען נעמען למשל ביי אַ זייגערמאַכער לעש 18 אַ זייגערל פאַר 50 זל. פאַר 10 זל. וכדומה. אין די אַלע פאַלן האָט אינטערווענירט דער אָרדנונגסדינסט אָדער דאָס 13־טל מיט דערפאָלג. די זשאַנדאַרמעריע האָט די חברה־לייט פאַרהאַפטעט און אַנטוואָפנט. זייערע חברים פלעגן זיך דערפאַר נוקם זיין אין די לאַגעריסטן. אמערגסטן איז געווען אין פּושטשאַ קאַמפּינאָווסקאַ[182], ווו עס זענען דאָ 37 קרבנות, ד. ה. 10 פּראָצענט פון דער אַל[געמיינער] צאָל. דאָרט האָט דער לאַגער שוץ פשוט צוגערויבט די באַשפּייזונג פון די לאַגעריסטן (18 דעקאָ ברויט, אַ שיטערע זופּ און אַ גלאָז שוואַרצע קאַווע). — די צוריקגעקומענע לאַגעריסטן זענען אויסגעשטאָרבן אין דער קהלה נאָכן צוריקקומען פון די לאַגערן. אַ טייל זענען דערשאָסן געוואָרן בשעתן אַנטלויפן פון לאַגער. דער רעזשים אין די לאַגערן אַ שוידערלעכער. די צוריקגעקומענע זענען שרעקלעך אויסגעשעפּט. אַ טייל זענען נאָך אונטערן פּסיכאָז פון די שווערע לאַגער איבערלעבונגען און ציטערן פאַר יעדן מענטשן אין מונדיר. די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט פון די קהלה־קרייזן גייט איצט אין דער ריכטונג פון אָפּשאַפן דעם ל.[אַגער]ש.[וץ], וועגן דעם זאָל דער קאָמיסאַר פאַר דער ייד[ישער] שטאָט מאַנס מאַכן אַן אינטערווענץ ביים גוווערנער. עס פאַרשטייט זיך אַליין, וואָס פאַראַ שטימונג עס מוז הערשן ביי די, וואָס מוזן גיין אין די לאַגערן. דער נעכטיקער טראַנספּאָרט (5 מאַי) האָט ממש געמאַכט אַ רעוואָלט נישט וועלנדיק גיין. איצט זעט מען וויפל צוטרוי מען קען האָבן צו זייערע הבטחות, אַז אין די לאַגערן וועט זיין בעסער, ווי פאַראַיאָרן. ביי דער מינדסטער געלעגנהייט, פאַרציילן די לאַגעריסטן, שלאָגט דער לאַגער שוץ. עס ווערן נישט באַנוצט קיין ווערטער נאָר קלעפּ. ביי אַ מיטאַרבעטער פון די אַלעען געאַרבעט אַ יידישער גלעזער. די דינסט

---

181) קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.

182) גרויסע וואַלד־מאַסיוון אין דער צפון־ריכטונג פון וואַרשע, אויפן וועג צו לאָמזשער געגנט.

האָט געהאַט דעם אומגליקלעכן איינפאַל אים מכבד צו זיין מיט אַ טעלער זופּ. ווען דער בעל־הבית האָט אַהיימקומענדיק, זיך דערוווסט וועגן דעם. האָט ער אין זיין אָנוועזנהייט באַפוילן דעם דינסט־מיידל צעברעכן דעם טעלער. אויף שענאַ, שליסקאַ מאַכן זיך די שומרים[183] אַ פאַרדינסט פון איבעררוקן דעם זייגער. 15 — 20 מינוט פאַר 9 פאַרהאַלטן זיי די דורכגייער מיט דער טענה, אַז עס איז שוין 9. פאַר 10 — 20 זל., אַ זייגערל, אַ רינגל א. א. קאָן מען זיך אויסלייזן. מען זאָגט, אַז טעלעפאָנירן וועט מען קענען נאָר דורך דער טראַנספּערשטעלע, וועלכע וועט צענזורירן אַלע פאַרבינדונגען. איצט איז דער טעלעפאָן דער וויכטיקסטער הילפס־מיטל פון שמוגל, דורך זיין פאַרמיטלונג זאָגט מען אויף יענער זייט, ווען מען קען אַריבערפירן אַ וואגן מיט סחורה וכדומה. אויף שענאַ פאָלגנדער אופן פון שמוגל: דער גאַסן־קערער שטייט אויף יענער זייט מויער און קערט כסדר מיטן בעזעם. דורך דעם לאָך, וואָס דינט פאַר דעם רעגן־וואַסער, שאַרט מען דורך מיטן בעזעם פאַרשיידענע פּראָדוקטן, דורך דאַנען באַקומט ער געלט. דורך אַזעלכע לעכער קריכן דורך אויסגעדאַרטע 3—4־יעריקע קינדער, וואָס נעמען אָפּ די סחורה פון יענער זייט. וואָס עס לעבט איבער אַ מאַמע, ווען יעדע מינוט דראָט אַ טויט־סכנה איר קינד, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן. — לעצטנס נעמט אָן די שטערבלעכקייט אַ קאַטאַסטראָפאַלן כאַראַקטער. לויט דער סטאַטיסטיק איז אין אַפּריל געווען 7 מאָל אַזוי פיל ווי אין נאָוועמבער. דערביי איז כדאי צו באַמערקן, אַז אויך פאַר דער מלחמה [איז] די שטערבלעכקייט אין וואַרשע געווען אַ גרויסע, צוליבן אָנקומען פון פּראָווינצער קראַנקע אין יידישן שפּיטאָל. אין פאַרגלייך מיט דער פאַרמלחמהדיקער צייט איז די שטערבלעכקייט נאָך אַ גרעסערע. „די יידישע צייטונג" (גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ) האָט באַקומען אַ מודעה פון דער מאַכט, אַז אין געטאָ וועלן נישט אַריינגעלאָזן ווערן קיין דייטשע און פּוילישע צייטונגען, אָנהויבנדיק פון 1 מאַי. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די פאַראָרדנונג איז באַשטעלט געוואָרן דורך דער ייד[ישער] צייטונג, וועלכע האָט נישט צופיל לעזער. אין רעזולטאַט: מען שמוגלט די צייטונגען און זיי קאָסטן טייערער. דער נאָווי קוריער וואַרש[אַווסקי] קאָסט 35 גר. שטאָט 20 גר. און די קראָקעווער[184] 50 גר. לעצטנס זענען זייער פאַרשפּרייט די ריקשעס. הונדערטער יונגעלייט פאַרדינען דערביי אויף פּרנסה. איינער האָט פאָטאָגראַפירט, ווי אַ האַרער יונגערמאַן פירט אַ דיקע פרוי מיט אַ קינד אין אַ ריקשע. יענע וואָך פאַסירט אַ טראַגישער פאַל. אויף וואַליצעוו, ווו די באַוועגונג [איז] אַן אוממעגלעכע האָט אַ מיליטער־אויטאָ געמוזט בלייבן שטיין צוליב אַ ריקשע. דער איש חיל איז אַרויס פון וואָגן און דערשאָסן איין ייד און עטלעכע פאַרווונדעט. איינע פון די שווידערלעכסטע גאַסן איז די גזשיבאָווסקאַ. דאָרט ווערט פאַרקויפט קאַווע מיט סאַכאַרין

[183] די וואַכלייט.

[184] „די קראָקאַוער צייטונג" — דייטש־היטלעריסטיש טאָגבלאַט.

פאַר 10 גר. אַ גלאָז. עס שטייען דאָרט פרויען מיט אַלטפרענקישע סאַמאָוואַרן ווי אין אַ קליין שטעטל. — דער עולם פאַרלאָזט וואַרשע מאַסנהאַפט. מיטן אשכנזישן אויטאָ פאָרן רייכע (אַן אָרט עטלעכע הונדערט זל.). דער ־וב פאָרט אַרויס מיטן טראַמוויי נר. 3 אָדער דורך דער וואך צופוס, צאָלנדיק פראָ קאָפּ 5 — 10 זל. דערנאָך גייט מען צופוס. אין רעמבערטאָוו איז במשך 2 וואָכן (צווייטע העלפט אַפּריל) פּאַסירט אַ 1500 יידן, זייער אָפט פרויען מיט קינדער די מענטשן קומען אין אַ שרעקלעכן מצב: אויסגעשעפּט קוים לעבעדיק.

־ינער דאָנערשטיק 8 מאַי איינער פון די שרעקלעכסטע טעג. עס זענען אין ־עם טאָג געשטאָרבן 210 יידן — אַ רעקאָרד ציפער. — דער פסח, בשעת וועלכן אַ סך פראָווינצער יידן האָבן געפּאַסט, האָט צוגעשפּילט און גורם געווען אַ באַ־ייטנדיקן וווקס פון שטערבלעכקייט. רובינשטיין זאָגט: „דער איינער טויג, דער צווייטער טויג נישט, דער דריטער און דער פירער, ברענען זאָלן". 40: „גזשיבאָווסקאַ [185]26, לעש 13 און דער פערציקסטער איז דער, וואָס איר ווייסט שוין אַליין"[186]. אין איין טאָג איז געשטאָרבן 63 מענטשן, דערפון 20 וואַרשעווער, 43 פראָווינצער. אין דער לעצטער צייט איז איינגעפירט אָפיציעל שבת־רו. זונטיק זענען טעטיק די געוועלבער. די רייכע דרייען זיך אַרויס פון די אַרבעטס־לאַגערן אויף פאַרשידענע אופנים: איינער זענען די שאָפּעס, פון וועלכע אַ גרויסער טייל איז דערווייל נישט טעטיק. די, וואָס גיבן געלט, ווערן אַריינגעשטעלט אין די ליסטעס פון די באַשעפטיקטע און אַזוי אַרום באַפרייען זיי זיך פון אַרבעטסצוואַנג און דערביי קאָסט זיי גאָרנישט די קהלה. אַ סך רייכע יידן ווערן אויך אויסרעקלאַמירט דורך קאָמיסאַרישע פירמעס, פאַרשטייט זיך, אַז פאַר כאַבאַר. די שטימונג פון דער ייד[ישער] באַפעלקערונג איז לעצטנס זייער אַ געדריקטע. די מפּלה אויפן באַלקאַן, די נצחונות אין צפון־אַפריקע און דאָס דערנעענטערן זיך צו א"י, דער יקרות, די אַרבעטסלאַגערן, די שטערבלעכקייט — דאָס אַלץ האָט צוגענומען דעם מוט די גרעסטע אָפּטימיסטן. אַ סך האַלטן, אַז מיר זיינען פאַרלוירן און אַז די נעגל פון הונגער וועלן זיך אין אונדז אַלע איינבייסן. עס קומען לעצטנס פאָר פאַלן פון זעלבסטמאָרדן — דאָס אַראָפּוואַרפן זיך פון 4־טן שטאָק. מאיר[187] ביבל[יאָטעק] אין ווערט פון 10 טויזנט פונט איז געבליבן אויף יענער זייט. וואָס וועט מיט איר ווערן? איינער פון דער טראַנספערשטעלע האָט געזאָגט אַ ווערטל: אויב די דייטשן וועלן זיגן, וועט אויסשטאַרבן 25 פראָצענט יידן, אויב די ענגלענדער — 75 פראָצענט (אַזוי לאַנג וועט דויערן ביז זייער נצחון). די רבנים, האָט מען אָנגעוויזן אין אַ דיסקוסיע, האָבן נישט אַרויסגעוויזן

(185 אויף גזשיבאָווסקע גאַס 26, אין לאָקאַל פון דער פריערדיקער קהלה, האָט זיך געפונען דער יודענראַט ביז דער ערשטער ליקווידאַציע, יולי 1942.

(186 היטלער.

(187 פראָפ' מאיר באַלאַבאַן.

קיין קידוש־השם. זיי האָבן געצוווּנגענערהייט געטרעטן מיט די פיס ספרי־תורות. מען האָט עס פאַרטיידיקט, אַז יענע ווענדן אָן דעם פּרינציפּ פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דאָס נישט פאָלגן זייערע באַפעלן וואָלט געהאַט טרויעריקע פאָלגן פאַרן כלל. אַנדערע האָבן דאָס אָפּגע־פרעגט זאָגנדיק, אַז דאָס וואָלט דערפירט באַר צום דערשיסן די רבנים. אָבער נישט געהאַט קיין פאָלגן פאַרן כלל. בעת די הייסע טעג פון כאַפּן האָט לויט 13 געגומען 30 זל. פאַר איבערבעכטיקן אין זייער ביורא. אין די ערשטע טעג מאי געווען דורך זיי 3 קאָנפערענצן מיטן אָנטייל פון 60 מענטשן סוחרים, זשורנאַליסטן, דאָקטוירים, אינזשיניערן. צווישן אַנדערע באַקאַנטע פערזאָנען, ווי ליפּמאַן(רעוויזיאָניסטישער אַפּעריסט), ד״ר פעלד־שוה, לייזעראָוויטש[188], ד״ר. קאַרטשאַק א. א. אַ טייל איז געגאַנגען אויס מורא, אַנדערע אויס ביַיגעריקייט. גאַנצווייך איז אַ פּאַסיווער רעדנער, דעריבער געווינט ער אַנהענגער, וואָס ווייסן נישט וועגן זייַנע מעשים תעתועים. זיי גלויבן, אַז ער קען עפּעס אויפטון, באַזונדערס ווען ער דער־קלערט, אַז ער קען העלפן אין דער אָפּראָוויזאַציע, מער נישט ער דאַרף האָבן אַ בירגער־קאָמיטעט, כדי צו באַוויזן, אַז ער שפּאַרט זיך אָן אין די מאַסן. ער האָט געשאַפן אַן אָפּראָוויזאַציע־קאָמיסיע, אַ קינדער־שוץ־קאָ־מיסיע (מיט ד״ר קאַרטשאַק בראש), אַ קולטור־קאָמיסיע א. א. לעצטנס האָט ער געהאַט אייניקע ביליקע עפעקטן מיט פאַרהאַלטן פאָליאַקן, אָדער פאָלקס ד.[ייטשן], וואָס האָבן גערויבט אין געטאָ. אין די לעצטע טעג (פאַרן 10 מאי) זענען אין יידישן געגנט, פונקט ווי אויף יענער זייט פאַרגעקומען רויבערייען, אָבער נישט אין אַזאַ שרעקלעכן פאַרנעם ווי דאָרט. מען האָט אויף סמאָטשע, גענשע, זאַמענהאָף געהאַקט שויבן און צוגענומען די פּראָ־דוקטן. ביז 6/5 [6 מאַי] זענען געווען 91 טויטע אין די אַרבעטסלאַגערן, און טויזנט אויף זיבן טויזנט זענען צוריקגעקומען אַלס שוואַכע און קראַנקע. די שטערבלעכקייט איז געוואָרן [אַזוי גרויס], אַז דער טויט ליגט אויף אַלע גאַסן. קינדער האָבן שוין נישט קיין מורא פאַרן טויט. אין אַ הויף האָבן זיך קינדער געשפּילט מיט קיצלען אַ מת. אין ראַוואַ־מאַזאָווו.[יעצקאַ], זאָגט מען, זענען דאָ 4.500 פון וואַרשע. אין מאָרדי[189], לובלין, האָט דאָס מאַסנהאַפטע אויסוואַנדערן גורם געווען אַ יקרות. אַ טייל יידן זענען גע־בליבן אַרבעטן ביי קריסטן. אין זשאַרנאָוו און אין אָפּאַטשנע האָבן די פּויערים געבראַכט פּראָדוקטן. אָן זייער הילף וואָלט נישט געבליבן קיין שריד ופליט פון די יידן. דאָס זעלבע אין קאַליש. הימלאַזע פון מלאַווע האָבן געזאָגט, אַז זיי וואָלטן אויסגעשטאַרבן, ווען נישט די הילף פון די פּויערים. די וואַרשעווער גבירים פאַרשליסן זיך ביים עסן, אַנדערע ווידער

---

[188]) צום צ. ק. פון דער ציוניסטיש־רעוויזיאָניסטיש־ודענישטאַטלערישער פּאַרטיי אין פּוילן האָבן געהערט: ד״ר ראובן פעלדשוה („בן־שם“) — פאַרזיצער, ד״ר ליפּמאַן — וויצע־פאַרזיצער, דער זשורנאַליסט פון „הײנט“ משה לייזעראָ־וויטש, אַדוו. לאַבענצקי, מרדכי אונגער און לוי יינגסטער (קאַסיר).

[189]) דאָס שטעטל מאָרדי ליגט אין שעדלעצער פּאָוויאַט.

באַהאַלטן אין שופלאַד פון טיש דאָס ווייסע געבעקס און שליסן עס אַרויס ביים עסן, כדי אַנדערע זאָלן עס נישט זען.

„דער שראַנק־שפּילער", איז דער וואָס נעמט אַ סך כאַבאַר, „מוזיקאַ־ליש" הייסן מענטשן וואָס נעמען כאַבאַר. — לייפּ[190], און ווינדערן[191] שרייבן מעמואַרן. ביי שורן[192] איז געבליבן אַ טייל וויכטיקע [כתב] ידן: II באַנד פון קאַפּיטאַל, קאַנטס פּראָלעגאָמענאַ און צו דער קריטיק פון דער ריינער פערנונפט[193]. — דעם גדולס סעקרעטאַר געווען אין פּאַלענטי, געווען אַנטציקט מיט דער אַרבעט פון די יידן. זיך איבערצייגט, אַז אויב מען באַגייט זיך גוט מיט ייד[ישע] אַרבעטער, קענען זיי אַ סך באַווייזן. די דעמאָראַליזאַציע אויף דער ייד[ישער] גאַס אַנגענומען שרעקלעכע פאַר־מען. עס דערגייט דערצו, אַז ווען 2 יידן טרעפן זיך, זאָגט איינער צום צווייטן: איינער פון אונדז דינט דאָך זיכער אין די גאַלעען. לעצטנס פאַר־געקומען אַזאַ פאַל: אין פרוי געגעבן דער צווייטער צו האַלטן איר זשאַקעט, יענער האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עפּעס געווען איינגענייט, דעם צווייטן טאָג געווען אַ רעוויזיט[194]. אין אַ צווייטן פאַל האָט מען זיך געפרעגט אויף אַ טישל, וואָס איז געשטאַנען אין אַ צימער, אין וועלכן עס זאָל עפּעס האָבן געווען באַהאַלטן. וועגן אַזאַ זאַך האָבן, פאַרשטייט זיך, געקאָנט וויסן נאָר שטוב־מענטשן. דאָס זענען פאַקטן. ביי יעדער געלעגנהייט זאָגן יענע, אַז אַלץ ווייסן זיי אַדאַנק יידן. די פּרייזן שטייגן ווי היינט. דאָס אַלץ איז פאַר־בונדן מיט דער פּאָליטישער לאַגע. — די פּלאַקאַטן וועגן פּאַרדונקעלונג און אפשר די מיליטער־טראַנספּאָרטן האָבן גורם געווען, אַז דעם 11 מאַי איז דער פּרייז פון קאַרטאָפל געשטיגן ביז 5 זל. דער דעמענטי פון „טאַסס" וועגן די דייטש־רוסישע באַציונגען האָט געווירקט אויף דעם אַראָפּנידעריקן אויף 3.50. דעם זעלבן טאָג זענען די פּרייזן אַנדערע אין דער פרי און אַנ־דערע באַכמיטאָג. אין אָטוואָצק האָט מען 100 קהלה־אַנגעשטעלטע גענומען אין די אַרבעטסלאַגערן, ווייל די קהלה האָט נישט צוגעשטעלט די אַנט־שפּרעכנדע צאָל. יעדעס פאָלק האָט אַזאַ פּאָליציי ווי זי פאַרדינט האָט גע־זאָלט זאָגן שערינסקי. די וועגן, זאָגט מען, זענען פול מיט יידן, וואָס וואַנ־דערן צופוס פון אָרט צו אָרט. פּסח־צייט האָט מען געזוכט פּראָפּאַגאַנדע

190) ד״ר י. לייפּונער, פּאָפּולערער דאָקטער און מעדיציניִשער זשורנאַליסט. אומגעקומען בעת דער געטאָ־ליקווידאַציע.

191) מאיר ווינדער, אַקטיאָר און אימפּרעסאַריאָ. אומגעקומען בעת דער געטאָ־ליקווידאַציע.

192) לייב שור, זעצער און פאַרלעגער (פאַרלאַג „תמר"), אין געטאָ געראַטע־וועט יידישע ביכער, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד בעת דער ערשטער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ.

193) די איבערזעצער זענען געווען שלמה לעווין (געשטאָרבן אין ראַטנפאַר־באַנד) און מיכאל טאַבאַטשניק (מורסקי).

194) געמיינט: געקומען געסטאַפּאָ.

אין די מצות. — 100 יידן געדראָט מיט דערשיסן. ר' מענדל[195] אַנטדעקט אין געטאָ 3 פֿאַבריקן פֿון פֿזשעפּוסטקעס. די ייד[ישע] פּאָליציי ווענדעט אָן דעם פּרינציפּ פֿון קאָלעקטיווער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, מען פֿאַרמאַכט טויערן פֿאַר נישט אײַנצאָלן דורך אַלע לאָקאַטאָרן דעם פּאָליציי־שטייער[196]. מען נעמט ערובניקעס צווישן די מיטגלידער פֿון ה. ק. [הויז־קאָמיטעטן], אויב דער לאַגעריסט שטעלט זיך נישט צו. מענטשן זאָלן שוין האָבן געזען אַ נאָמינאַציע אויף אַ דירעקטאָר פֿון אַ צוקראָווניע אין אוקראַינע, אַנדערע זאָגן, אַז מען דרוקט אוקראַיִניש געלט (10 אַפּריל). געזען די לאָדזשער געטאָ־צײַטונג אין יידיש מיט אַ באַריכט פֿון ייד[ישן] זאָנדערגעריכט, וואָס פֿאַראורטיילט [אויף] 5 חדשים שווערע תפֿיסה פֿאַר נעמען כאַבאַר און אַרעשט פֿאַר אַרויסרייסן האָלץ פֿון די דילן. בערנסאָנס מיינונג: „אַ טיפֿער מענטש"[197] זכרונות פֿון זון וועגן פֿאָטער (ברענגט אַ סצענע: אַ פֿרוי רייסט אַרויס אַ בייגל פֿון אַ בייגל־הענדלערין. יענע שלאָגט, רייסט איר ביי די האָר — עס האַרט איר נישט, זי פֿילט נישט די קלעפּ, זי שטילט דעם הונגער). די 17 מתים, וואָס מען האָט דעם 7 מאַי געבראַכט פֿון לאַגער, מאַכן אַ שוידערלעכן אײַנדרוק: אָן אויערן, אויסגעדרייטע הענט און אַנדערע אברים, קענטיק די פּײַניקונגען פֿון די אוקראַיִנער. געווען אַ מעדיצינישע קאָמיסיע פֿון זיי, פֿעסטגעשטעלט אויסשעפּונג אַלס סיבה פֿון טויט. רעמבערטאָוו — אַ בילד פֿון אַ קהלה, וואָס זאָרגט פֿאַר אירע אָרעמעלייט. די שטערבלעכקייט אַ קלענערע ווי פֿאַר דער מלחמה. פֿון 1500 ייד[ישע] אײַנוווינער זענען דאָ 300 פּליטים פֿון לאָדזש, קאַלושין. [בא] די, וואָס ווילן נישט צאָלן דעם קהלה־שטייער, נעמט מען צו די קאַפּאָטעס, די פּראָדוקטן וכדומה. פֿאַראַן דאָרט אַ קיך, וואָס גיט אַרויס 600 מיטאָגן. איין טיפֿוס־פֿאַל געווען, דעריבער אַרויסגעגעבן אַ פֿאַראָרדנונג, אַז יידן וואָס ווילן אַרויס פֿון געטאָ און קומען אין אַרישן טייל דראָט טויט־שטראָף. דעם 9 מאַי האָבן די פּרייזן ווידער אָנגעהויבן צו שטייגן צוליב פּאָליטישע ידיעות: סטאַלין פּרעמיער. ברויט 12 זל., קאַרטאָפֿל 3,40 — 4 זל. רובינשטיינס פּאָפּולאַריטעט וואַקסט. לעצטנס גיט מען אַ רעוויע אין מעלאָדיפּאַלאַס: „אַלע גלייך". — די שטערבלעכקייט איז אַזאַ גרויסע, אַז די הויזקאָמיטעטן מוזן איצט זאָרגן מער וועגן די טויטע ווי וועגן די לעבעדיקע. זיי מוזן שאַפֿן 15 זל. וואָס עס קאָסטן די פֿאָרמאַליטעטן. דאָס שטאַרבן אין גאַסן ווערט אַ מאַסן־דערשיינונג. עס ליגן אין געריכט אויף לעשנאָ אַ גאַ־

[195] וואַרשעווער מ. מ. קאָן, רינגעלבלומס נאָענטער מיטאַרבעטער אין דער אָנפֿירונג פֿון דעם אונטערערדישן אַרכיוו פֿון וואַרשעווער געטאָ.

[196] דער פּאָליציי־שטייער אויף אויסצוהאַלטן די אָרדענונגס־דינסט האָט באַטראָפֿן 30 גראָשן פֿון אַ קאָפּ. די באַפֿעלקערונג האָט זייער נישט גערן געצאָלט דעם שטייער, צוליב דעם זענען געווען רעפּרעסיעס.

[197] עס איז נישט קלאָר, וועמען אַדוו. בערענסאָן איז אויסן. עס קאָן זיין, אַז דאָס האָט אַ שייכות צום פֿריערדיקן זאַץ וועגן לאָדזשער געטאָ און איז אַ חוזק־אויסדרוק אויף רומקאָווסקיס אַדרעס.

לערײ פֿון קראַנקע, שוואַכע, וואָס האָבן נישט קײן כּוח צו בעטלען. אויף פּאַוויאַ 65 זענען געווען 25 טיפֿוס־פֿאַלן, הערפּון 15 טויט־פֿאַלן. די „ווײַלע"[198] ווײַזן אַרויס אַ גרויסן אינטערעס, וואָס ייִדן טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס קומט פֿאָר אין דער וועלט. זײ גיבן יענע באַריכטן וועגן דעם. זײ פֿאַרשיטן מיט מסירות אויף פּערזאָנען און אינסטיטוציעס, צווישן אַנדערע אויך אויפֿן בירגער־קאָמיטעט[199]. זײ שרײַבן דאָרט, אַז אַלע גנבֿענען און באַגייען מיסברויכן. דערווײַלע זענען זײ די אמתדיקע נעסט פֿון אַלדאָס בייז. געהערט פֿאָלגנדע מעשׂה: גענומען בײַ אַ פֿאַמיליע פֿון אַן אַרעשטירטן אַ גרעבערע סומע און דערנאָך אַ לענגערע צײַט געגאַרט כּסדר, אַז ער האָט ידיעות, ער האָט גרוסן וכדומה. און דאָס אַלץ געטאָן געוואָרן נאָכדעם, ווי יענער איז שוין געווען טויט. ער נאַרט נאָך ביז יעצט אַ פֿרוי. געהערט פֿאָלגענדע מעשׂה וועגן דער פֿירמע העלער — קאָן. זײ האָבן באַקומען אַ מאָנאָפּאָל אויפֿן פֿיש־האַנדל אין געטאָ. שטאָט צו רעכענען אַ קילאָ פֿיש 1.50 זל. (1 זל. קאָסט בײַ די הורטאָווניקעס) מאַכן זײ פֿאָלגענדע קאָמבינאַציע: זײ צאָלן דעם מאָנאָפּאָל 2 — 3 זל. פֿאַר אַ קילאָ בתּנאַי, אַז יענע זאָלן זײ דערלויבן צו פֿאַרקויפֿן צום פּרײַז פֿון 6 — 7 זל. דעם הויכן פּרײַז מאָטיווירן זײ דערמיט, אַז דרײַ פֿערטל פֿון די פֿיש איז פֿאַרפֿוילט. דער קאַמף מיט פֿאַסקאַרסטווע באַשטייט אין נעמען פֿון יעדן געוועלב אַ געוויסע סומע אויסקויף־געלט. אויסער דעם נעמען אײנצלנע פֿון זײ כאַבאַר אויף שריט און טריט. דערצו ברויט און פּראָדוקטן.

11. 5. 1941

18 מאַי 1941

מײַן ליבער![200]

דעם 16־טן מאַי האָט זיך בליץ שנעל פֿאַרשפּרייט די ידיעה, אַז האַלבע 12 אַזייגער האָט דער הילכער אָנגעגעבן, אַז גערינג איז געשטאָרבן פֿון די דערהאַלטענע וווּנדן, אַ האַלבע שטאָט האָט דאָס כּלומרשט געהערט. מען האָט אָבער נישט געקאָנט אָנטרעפֿן אויף די פּערזאָן, וואָס האָט דאָס געהערט מיט די אייגענע אויערן. אויב אַזאַ פּערזאָן איז שוין יאָ געוואָרן אָנגעגעבן, האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז נישט ריכטיק. אַ טייל האָבן די ידיעה געהערט אַ טאָג פֿריער, בעמלעך: אַז גערינג האָט נאָך דעם פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר, בשעת וועלכן עס איז געקומען צו אַ שאַרפֿן מיינונגס־אויסטויש און טיפֿע חילוקי־דעות, געפּרוּווט אַנטלויפֿן. ער איז אָבער דערבײַ פֿאַרווּנדעט געוואָרן. אויף דעם יסוד האָט דאָס געטאָ געטרונקען לחיים און אויף אַ קורצער ווײַלע פֿרייער אָפּגעעטעמט. געווען אַזעלכע,

---

198) געמיינט די יידישע קאָנפֿידענטן פֿון די דײַטשישע זיכערהייטס־אָרגאַנען.

199) וואַרשעווער געמיינט, דעם זשיטאָס (זשידאָווסקע טאָוואַזשיסטוואָ אָפּיעקי ספּאָלעטשנעי) — ייִדישער הילפֿס־קאָמיטעט.

200) קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.

וואָס האָבן שוין געוואָלט גיין אויף יענער זייט, ווייל ווער וועט זיי שטערן. מען האָט שוין געזען אין דמיון די אויפגעריסענע מויערן. יענע האָט מען שוין געזען גיין מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ. דער קלאַנג זאָל זיך נעמען פון אַ ידיעה פון טויט פון דעם פּאַסטאָר גערלינג אָדער גערליטש. נאָכמיטאָג און אויף דעם צווייטן טאָג איז געקומען די ביטערע אויסניכטערונג. די פּרעסע האָט די ידיעה נישט באַשטעטיקט. דער דאָזיקער מאַסן־פּסיכאָז, בשעת וועלכן איניקע האָבן, למשל, אין פּאָסטאַמט געהערט [ווי] יענע חיילים רעדן וועגן טויט פון גערינג, דערמאָנט אונדז דעם פּסיכאָז בימי שבתי־צבי, ווען יידן האָבן פאַרקויפט זייער האָב און גוטס און זיך געגרייט צו פאָרן קיין א״י. אויף יענער זייט האָט מען גאָרנישט געוווסט וועגן דער גאַנצער מעשה. ערשט דעם צווייטן טאָג האָבן זיי זיך דערוווסט וועגן דעם פון יידן. — דאָס 13־טל האָט געגרינדעט אַ רעטונגס־געזעלשאַפט מיט ד״ר סיראָטא (דער זון פון חזן סיראָטא), וואָס טיילט יעדן טאָג ברויט מיט קאַווע. אויף לעש שטייט אַ לאַנגע ריי, פון וועלכער אַ טייל באַקומט צו שטיקלעך ברויט. הייַנט דעם 18־טן האָבן זיי פאַרטיילט 110 ברויט רעקווירירטע ביי בעקערס. ווייניק הוצאות און א סך רעקלאַמע! מען זאָגט, אַז דאָס 13־טל באַקומט די קאָנצעסיע אויף אַרייַנברענגען קאַרטאָפל און גרינס אין געטאָ. קאָן באַקומט אַ קאָנצעסיע אויף אַ פערד־טראַמווי. בשעת דער גערינגיאַדע געשטיגן האַרטע ביז 200. מען זאָגט, אַז די מעשה האָט אָנגעמאַכט די בערזשע מיט אַ געוועזענעם זשורנאַליסט פ.,[201] וואָס שאַפט זיך אַזוי אַרום פּרנסה. דער דאָלאַר אויפן צווייטן טאָג געפאַלן אויף 150. דער יקרות האַלט כסדר אָן. ברויט קאָסט ווייטער 14 פופציק. אין מעמאָראַנדום פון מייסנער[202] (גאַלעען) אָנגעוויזן, אַז דער ל.[אַגער]־שוץ איז געבילדעט געוואָרן לויט אינסטרוקציעס פון ראָזענבערג. נאָך בשעת דעם קורס[203] האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אַ פּאָר צענדליק געפינען זיך אין קאַרטאָטעק פון פאַרברעכער פון דער דייטשער און פוילישער פּאָליציי. עס ווערט דערמאָנט, אַז אין אַ טייל לאַגערן איז פון 4 ביזן 9 מאַי בכלל נישט געווען קיין באַשפּייזונג פאַר די לאַגעריסטן. בכלל באַקומען די פירמעס די פּראָדוקטן אויף באַצוגשיינען. עס פעלן פשוט פּראָדוקטן. די געשטאָרבענע לאַגעריסטן ווערן דורך פּינקערטן[204] געבראַכט קיין וואַרשע. עס קומען כסדר צו קרבנות פון די לאַגערן, הגם אין אַ טייל לאַגערן האָט זיך דער מצב פאַרבעסערט. אין לאָדזש זענען דאָ 20.000 רעגיסטרירטע לונגען־קראַנקע. אמת איז, אין לאָדזש ווי אין אַ פאַבריקס־שטאָט איז אויך פאַר דער מלחמה געווען אַ סך, אָבער די צאָל 15 פּראָצענט פון דער באַפעלקע־

201) וואַרשעווער דער קרימינאַליסטיק־רעפּאָרטער פון דער יידישער פּרעסע פיינקינד.

202) וואַרשעווער — אַ געסטאַפּאָ־באַאַמטער.

203) קורס פון לאַגער־וואַכמענער.

204) דורך דעם לוויה־אַנשטאַלט „חסד של אמת“ פון מאָטל פּינקערט זע הערה 117.

רונג איז דערשיטערנד. די שטערבלעכקייט איז נאָך אַלץ גרעסער ווי אין וואַרשע.[205] אין שייכות מיטן באַזוך פון רומקאָווסקי,[206] איז כדאַי צו באַמערקן, אַז 3/4 יאָר צוריק, ווען אַ דייטשע קאָמיסיע האָט באַזוכט לאָדזש, האָט ער פאַרגעשטעלט דאָס געטאָ ווי אַ גן־עדן. דאָס דאָזיקע זאָל האָבן געווירקט אויפן גרינדן פון געטאָס אין אַנדערע שטעט פון גובערניע. ער האָט, הייסט עס, באַוויזן, אַז דער עקספּערימענט איז געלונגען. — פון מלאַווע זענען יידן אַרויסגעשיקט געוואָרן שוין צוויי מאָל. נישט קוקנדיק דערויף גייט מען ווידער צוריק, ווייל די באַדינגונגען זענען אַ סך בעסערע ווי אין וואַרשע. — אייניקע אַרבעטער, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן ביי די גרענעצן פון רייך, ווען זיי האָבן דערהערט, אַז די געכאַפּטע זוכן אַרבעט, האָט מען זיי דורכגעלאָזן. די פרייגיביקייט פון די רייכע, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען צו גרויס, האָט זיך לעצטנס פאַרקלענערט. די סיבה: מורא, אַז דער יקרות וועט וואַקסן און די געלט־זאַפּאַסן וועלן נישט קלעקן אויף לאַנגע יאָרן, נאָר אויף אַ קורצער צייט. מען האָט אויסגערעכנט, אַז אַ ייד באַקומט פּראָדוקטן פאַר 13 גראָשן טעגלעך צו נאָמינעלע פּרייזן, בשעת אַן אַריער — 37 גראָשן. — די אַקציע פון גרעסערע נתינות מיט דער הילף פון סאַנקציעס, הייסט ביי די גבירים די לאַבוזעס־אַקציע. דער שענסטער אַטעסטאַט פאַר דער ריכטיקייט פון דער אַקציע.

20 מאַי 1941

מיין ליבער![207]

אין דער צווייטער דעקאַדע פון מאַי איז דער הונגער און שטערבלעכקייט געווען איינע פון די וויכטיקסטע. עס שטאַרבן אין די לעצטע טעג אַן ערך 150 מענטשן אַ טאָג (ביזן 15־טן מאַי געווען 1700 מתים) און די שטערבלעכקייט האַלט אין איין וואַקסן. מען באַגראָבט די מתים ביינאַכט צווישן 1 — 5 פאַרטאָג אָן תכריכים — אין ווייס פּאַפּיר, וואָס ווערט אויך צוגענומען, אין מאַסן־קברים. לכתחילה פלעגט מען לייגן איינעם לעבן צווייטן אין אַ קבר, איצט אין איין קבר. איצט פעלט שוין אויס ערד צו באַגראָבן די מתים, ווייל אין דער טיף באַגראָבן קען מען נישט — דאָרט איז וואַסער און צום אויפשיטן פעלט ווידער ערד. עס איז דעריבער ביי די דייטשע און פּוילישע סאַניטאַר־אַמטן אויפגעשווומען די פּראַגע פון אַ קרעמאַטאָריע ספּעציעל פאַר יידן. — אויפן בית־עולם קומען כסדר פאַרשידענע גרופּן אויספלוגן: מיליטערלייט, פּריוואַטע באַזוכער. דער רוב ווייזט נישט אַרויס קיין שום מיטלייד צו יידן. אַ טייל האַלטן גאָר, אַז די שטערב־

---

205) די שטערבלעכקייט אין לאָדזשער געטאָ האָט באַטראָפן אין מאַי 1941 — 984 נפשות, אין יוני — 939, אין יולי — 897.

206) אין מאַי 1941 איז רומקאָווסקי געקומען אין וואַרשעווער געטאָ, כדי צו אַנגאַזשירן דאָקטוירים פאַרן לאָדזשער געטאָ.

207) קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.

לעכקייט איז צו קליין. אַ טייל מאַכט פאַרשידענע אויפנאַמעס. אַ באַזונדערן אינטערעס רופט אַרויס די שאַפע, ווו עס ליגן במשך פון טאָג צענדליקער מתים. איך האָב היינט באַזוכט די דאָזיקע שאַפע. דאָס איז פשוט אַ מאַקאַברישע בילד: אונטער אַ צודעק פון שוואַרץ פאַפיר זענען געלעגן מחנות מתים, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע — פשוט ווי אַ יאַטקע: די מתים זענען פשוט שקעלעטן, אויסער די ביינער האָט מען געזען בלויז אַ דין הייטל. לעצטנס מערן זיך אויך פאַלן פון באַגיין זעלבסטמאָרד, אַזוי למשל, האָבן אויף פאַנסקא 28 צוויי פליטים באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך סמען זיך מיט סטריכנין. לעצטנס פאַסירט אויך, אַז פון איין שטוב ווערן געבראַכט צו קבורה צו 2 — 3 מענטשן פון איין שטוב גלייכצייטיק. ביי 15 זל. אַ קילאָ ברויט, מוז האַלב אָדער דריי פערטל וואַרשע אויסשטאַרבן פון הונגער. דער יקרות האָט זיך לעצטנס סטאַביליזירט, ברויט צו 15 זל. אַ קילאָ, קאַרטאָפל 4 זל., קאַשע 18 זל. וכדומה. צווישן די שטאַרבנדיקע פאַרנעמען די פליטים דאָס ערשטע אָרט. אין דער ערשטער דעקאַדע פון מאַי זענען אויף 15.000 פליטים אין די פונקטן געשטאָרבן 147 מענטשן, ד. ה. אַזוי פיל וויפל ס'וואָלטן געדאַרפט נאָרמאַל שטאַרבן. — אין אַרבעטס-לאַגער דאָמבראָוויצאַ, לעבן סקערניעוויץ, האָט מען אָפּגעשאַפן דעם לאַגערשוץ און איינגעפירט דעם ייד[ישן] אָרדנונגסדינסט. אין רעזולטאַט איז די אויסגיביקייט געוואַקסן מיט 50%. די דייטשע פירמע האָט דעריבער געהעכערט די באַשפּייזונגס-ראַציעס. פון די לאַגעריסטן איז 25% צוריקגעקומען און אַ טייל פון זיי קראַנקע (גאַנגרענע פון פיס און הענט פון שלאָגן, פון שטיין אין וואַסער). שוין איבער צוויי וואָכן ליגן אויפן אומשלאַגפּלאַץ (אויפן בייטראַלן פּאַס צווישן אַרישן און יידישן טייל שטאָט אויף סטאַווקי) די פּעקלעך פאַר די לאַגעריסטן, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן צו דער אַרבעט און ביז איצט קענען זיי נישט אַרויסגעשיקט ווערן צוליב דעם, ווייל די טראַנספערשטעלע איז דערמיט נישט מסכים. דערווייל האָט זיך דעם 12 — 15 מאַי אָנגעהויבן די נייע כאַפּעריי. אויסער דעם נאָרמאַלן קאָנטינגענט איז געקומען אַ פאָדערונג אויף צוויי טויזנט יידן קיין קראָסנאָ. אויף דער גאַנצער לענג פון גענשע איז אַנטשטאַנען אַ נייער, ריזיקער באַזאַר. — דאָרט ווערט אויפן גאַס אויספאַרקויפט די יידישע וואַרשע. איך געפינט דאָרט וועש, העמדער, האַנטוכער, גאַטקעס, אָנצוגער, לייליעכער, שיך. דער עיקר אָבער וועש. עס שטייען דאָרט זיכער אַ טויזנט מענטשן, וואָס האַנדלען דערמיט. דאָרט קומען אויך קריסטן, וואָס שמוגלען זיך אַריבער איבער דער מויער. אַזאַ מאַרק איז קיינמאָל נישט געווען אין וואַרשע אפילו נישט אויפן קערצעלאַק. די יידישע גאַלעען געשריבן וועגן יידיש טעאַטער, רעוויע, וועגן די שטימונגען פון יידן און שייכות מיט מעשה איראַק,[208] אין די טויערן העגנגען מעלדונגען וועגן זוכן אַרב[עטער] דורך

[208]) דאָס איז אַ געשריבענער ראַפּאָרט פון די יידישע געסטאַפּאָ-אַגענטן פאַר דער געסטאַפּאָ.

דער מיליטערישע באַהערדע אין לובלינער און קראָקעווער געגנט פֿאַרן פּרייז 4.20 אַ טאָג. — מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זיך די וואָך אויף ראָג לעש — זשעלאַזנע פֿאַרגלוסט צו הייסן די יידן לויפֿן ביים ראָג גאַס. דער מאָטיוו: זיי קענען נישט פֿאַרטראָגן קיין יידן. וועגן דער פֿאַרדאָרבנקייט פֿון דער ייד[ישער] גמינע קען עדות זאָגן פֿאָלגנדער פֿאַל: די אַרבעטס־אָפּטיילונג האָט אַסיגנירט געלט אויף 17 ברויט פֿאַר די צוריקגעקומענע פֿון די אַרבעטס־לאַגערן, האָבן די באַאַמטע צוגענומען פֿון די קוים־לעבעדיקע לאַגעריסטן 10 ברויט און געגעבן זיי בלויז 7. — די מעשה העס[209] האָט אַרויסגערופֿן אַ דערשיטערונג אין געטאָ, פּונקט ווי אַמאָל מעשה יוגאָסלאַוויע, בשעת וועלכער מען האָט געטרונקען לחיים. ווען מען נעמט אין אַכט די אויבן געשילדערטע לאַגע: הונגער און אַרבעטס־לאַגערן, וועט מען פֿאַרשטיין, אַז מעשה העס האָט ווידער אויפֿגעלעבט דעם יידישן אָפּטימיזם, דעם גלויבן אין אַ גיכן שלום, וואָס קען אַליין ראַטעווען פֿון הונגער־טויט. דער עולם האָט אָנגעהויבן צו ביסלעך פֿאַבריצירן פֿאַרשידענע באַפּוצונגען, ווי, למשל, וועגן די 3 גענעראַלן: מילך, מאָלטקע און האָפֿמאַן, וואָס זענען צוזאַמען מיט אים אַנטלאָפֿן. מען האָט פֿאַרציילט, אַז דאָס איז פֿאַרבונדן מיט חילוקי־דעות, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט אויפֿן לעצטן פֿאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר. מען רעדט וועגן דעם, אַז גערינג איז דערהרגעט געוואָרן, אַז די אַקציע העס איז געווענדעט קעגן רוסלאַנד, ענגלאַנד מיט דייטשלאַנד זאָלן גיין קעגן רוסלאַנד. דער עולם האָט געקרוינט די מעשה מיט דער באַצייכענונג „נס". אין דער האָפֿנונגסלאָזער לאַגע האָט מען דערזען אַן אויסוועג. דער עולם שאַפֿט וויצן. פֿון אַ העס הויבט זיך אָן אַ נס. אינדערפֿרי איז העס געווען אַ מת (דער ערשטער קאָמוניקאַט, אַז ער האָט געסטאַרטעט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג און עס זענען וועגן אים נישטאָ קיין ידיעות), באַכמיטאָג איז געווען העס אַ נס און אינאָוונט איז דער נס־העס, אַז העס האָט געמאַכט אַ נס, ווערט פֿון העס אַ מת. עס איז געשען אַ העסלעכע מעשה וכדומה. דער הויפּט־וואַלוטציאַזש אין וואַרשע איז שלמה דער געלער (פֿון פּאַוויע גאַס), ער זיצט אַ גאַנצן טאָג ביי אַ בלאַט גמרא. אינצווישן קומט אַריין אַ יידענע מיט גרינס. ער רייסט איבער דאָס לערנען און מאַכט ביי איר אַ באַשטעלונג אויף „האַרטע" און „ווייכע". אַגב איז דער דאָלאַר באַדייטנד געשטיגן צוליב דער מעשה העס. האַרטע פֿון 128 אויף 170, ווייכע פֿון 50 אויף 70. פּלאַץ פֿון דריי מויערן הייסט דער פּלאַץ לעבן דער סינאַגאָגע. — מיט עטלעכע טעג [צוריק], אָן ערך דעם 10 מאַי, אָנגעקומען אַ ידיעה וועגן דער עוואַקואירונג פֿון יידן פֿון שעדלעץ דורך דער מיליטערישער מאַכט. דערוויילע 6.000 מענטשן. — העס איז צוגעגאַנ־

---

209) רודאָלף העס, געב. 1894, זינט 1933 היטלערס שטעלפֿאַרטרעטער אין דער פּאַרטיי, אַוועקגעפֿלויגן דעם 10 מאַי 1941 קיין ענגלאַנד מיטן ציל צו פֿירן פּאָליטישע געשפּרעכן און געוואָרן דאָרט אינטערנירט; פֿאַרמשפּט געוואָרן אינעם נירנבערגער פּראָצעס צו אייביקער תפֿיסה.

געגן צום מיקראָפאָן און געזאָגט איין וואָרט: „טו העס".[210] — דער רוב מתים זענען אַנאָנימע, באַזונדערס די פון גאַס האָבן נישט ביי זיך קיין שום דאָקומענטן. זעלטן ווען מעלדעט זיך עמעצער פון דער פאַמיליע און דאָס נאָך דעם העמד, וואָס איז איבערגעבליבן נאָכן פאַרשטאָרבענעם. די וועגעלעך פון די לויה־פירמעס דרייען זיך אַ גאַנצן טאָג אַרום אין גאַס, אַ טייל געשפּאַנטע מיט פערד, אַנדערע מיט ראָווערן.

20. 5. 41

אָנהייב יוני 1941[211]

זאַנדערבעאויפטראַגטער פאַר לעשנאָ[212]. — דאָס געשפּרעך בינד אונדז נישט — מיר קומען אים צו פרעגן, נישט צו געבן — מיר רעפּרעזענטירן קיינעם נישט. — ווער ביסטו — קאָנצעסיאָנירטע פירמע צו פאַרוואַלטן מיט הייזער. ער קען באַשעפטיקן אין אונדזערע אָפּטיילונג פון דיסטריקט (יידישע אָפּטיילונג „איז באַשעפטיקט"). האָט גאָרנישט צום זש. ט. ס. די קהלה טאָר ער נישט קריטיקירן, ווייל זי אונטערליגט דער ג. [עסטאַפּאָ] אַ סך אינטערווענצן — דאָס אויפהערן שלאָגן, באַזייטיקן שומרים — פאַר־וואָס אַרבעט נישט מיט זשיטאָס? ער וויל, מען זאָל אים פאַרבינדן — די גמינע וויל מיט אים נישט רעדן. ער איז געקומען אין גמינע אַלס קאַר־נער[213] זעלנער. ער קען ברענגען רוישטאָפן, וואָס די גמינע האָט מורא צו טון. ער האָט געקענט אָפּלייגן דאָס געטאָ. געווען אַ קאָנפערענץ מיט ל.[214] אַ האַלבער מיליאָן — געקענט זיין. ער דאַרף באַקומען אַ קאָנצעסיע אויף אַרויספירן מיסט. געוואָלט זיין אַ טייל פון קהלה, אָבער אויטאָנאָם, ווען די מאַכט וועט ווירקן, אַז ער זאָל זיין אַ טייל. ער וויל ווירקן בלויז אויף לעשנאָ — ער אָנערקענט די סופּרעמאַציע פון דער קהלה, ער וויל נישט פאַרטיילן די פּראָדוקטן, נאָר די געזעלשאַפט [אַליין, לעשנאָ אַליין זאָל טיילן. ער האָט מענטשן נישט געוווּנטשענע. פון וואַנען מיטלען? — ער וויל נישט פאַרן געלט פון נאָוואָליפּקי אָנעסן לעשנאָ. — פון וואַנען הכנ־סות? אדמיניסטראַציע פון הייזער, אינטערווענצן, דעלעגאַציעס פון פּראָווינץ וועגן אָפּלייגן די טערמינען פון אויסזידלונגען מעמאָריאַלן וועגן אַר־בעטס־לאַגערן — איינפירן אַרבעטס־צוואַנג אין געטאָ, דאָ באַשעפטיקן

210) פּויליש: דאָ איז פאַראַן העס.
211) קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.
212) געמיינט: גאַנצווייכן, וועלכער האָט באַקומען די אַדמיניסטראַציע פון אַ סך הייזער אויף לעשנאָ־גאַס. דער גאַנצער פראַגמענט האָט אַ שייכות צו אַ קאָנפערענץ, וועלכע גאַנצווייך האָט צונויפגערופן און אויף וועלכער ער האָט גע־געבן זיין „עקספּאָזע".
213) פּויליש: דיסציפּלינירטער.
214) וואַרשעווער דער היטלערישער שטאָט־קאָמיסאַר פון וואַרשע לודוויג לייסט.

אין פאַבריקן. ער ווייזט אָן ווו רוישטאָפּן. גאַרבעריי כמעט פאַרענדיקט. אַ יידישע צייטונג, אַ טאָג־צייטונג. וואָס וויל ער טון אויף לעשנאָ? ער וויל נישט קיין אייגענע מלוכה. נאָר צוגעבן צו דעם, וואָס אַנדערע געבן. שאַפן אַ קאָמיטעט פאַר לעשנאָ. ער וועט דעם קאָמיטעט שטיצן. וואָס איז מיטן ביוראָ צום באַקעמפן דעם וווכער? רעוויזיעס אין בעקערייען, 82 הענקאָ וועגט אַ ברויט. רעקווירירן צוקער און מעל. נישט איבערוויזן אויף יענער זייט, נאָר איבערלאָזן אין געטאָ. רעוויזיעס אין דירות. 30 טויזנט זל. אַ חודש. (18 טויזנט פון אַדמיניסטראַציע). ער וויל פאַרקלענערן די אינטערווענצן. קרייז פון פריינט פון לעשנאָ — וועלן איבערנעמען די פאַבריקן אין געטאָ.

אָנהויב יוני 1941

מיין ליבער![215]

די פּאַגאָטאָווע פון 13־טל[216] טראָגט אַ רויטן מגן־דוד און ספּעציעלע היטלען מיט העלבלויע פּאַסן. די פאַרלייזונג ביי דער אָרעמער באַפעלקע־רונג איז אַ שרעקלעכע. מען האָט נישט קיין שטיקל זייף, מען ווויינט אין שרעקלעכע באַדינגונגען, ענגשאַפט, שמוץ. די קראַנקן־שוועסטער פון „טאָז" געפונען אונטער די באַנדאַזשן גאַנצע נעסטן פון לייז. — העלער און קאָן זענען באַפרייט פון טראָגן אָפּאַסקעס. דאָס דאָזיקע רעכט האָבן 3 פער־זאָן אין דער קהלה. די בעטלער האָבן די אמתע אַרבעט נאָך 9 אין אָוונט. זיי האָבן פאַר קיינעם נישט קיין מורא און גייען אינמיטן גאַס שרייענדיק נאָך אַ שטיקל ברויט. די קוילן־אָפּטיילונג[217] מאַכט פאָלגנדע קאָמבינאַציע. מאַכערס ווענדן זיך צו אינסטיטוציעס, אַז זיי וועלן צושטעלן קוילן אונ־טערן באַדינג, אַז דריי פערטל וועלן זיי באַקומען. שבועות האָט מען צום ערשטן מאָל געדאַוונט אין טלאָמאַצקער שול.[218] טשערניאַקאָוו מיט זיינע אַדיוטאַנטן: זאַבלודאָווסקי[219] און ליכטענבוים זענען געקומען אין שול. פאַרן בנין איז געשטאַנען אַן ערן־וואַך פון ייד[ישער] פּאָליציי, וועלכע

215) קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.

216) דעם 15 מאי 1941 האָט דאָס „דרייצנטל" געעפנט א "יידישע גיכע הילף", וואָס איז פאַקטיש געווען א דעק־מאַנטל פאר דער טעטיקייט און אַפּערעס פון גאַנצוויַיך עט קאָמפּ.

217) אָפּטיילונג ביים פאַרזאָרג־אַמט פון יודענראַט.

218) לויט אַ צירקולאַר פון וואַרשעווער דיסטריקט־שעף פון 17 מערץ 1941 (אויפן סמך פון א דעקרעט פון דער „רעגירונג" פון דער גענעראַל־גובער־ניע פון 4 מערץ 1941) איז די יידן דערלויבט געוואָרן צונויפצוזאַמלען זיך אויף תפילות בציבור אין פּריוואַטע וווינונגען און בתי תפילות בלויז אין פסח (4 טעג), ראש השנה (2 טעג), יום כיפור (1 טאָג) און סוכות (4 טעג).

219) זע הערה 155.

האָט פאַר אים דעפּילירט. שבועות[220] איז פאָרגעקומען אין אזאזעל[221] די בר־מצוה פון גאַנצוויכס זון, דערביי איז ער נאָמינירט געוואָרן אַלס סעקציני.[222] — אויף פּזשעביעג איז אויפגעבויט אַ האָלצערנע בריק צוליב אַ קריסטלעכן אינטערנאַט, וואָס געפינט זיך צווישן די לעצטע נומערן פון פּזשעביעג. פון דאָרט האָט מען אַן אויסבליק אויף דער ווייסל און זשאָליבאָזש.[223] מאַסן יידן שטייען אַ גאַנצן טאָג און קוקן אויף יענער, פרייער וועלט. די פרוו־פאַרדונקעלונג האָט אַוועקגעשטעלט פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג אַ שווער פּראָבלעם פון קויפן שוואַרץ פּאַפּיר, וואָס איז געוואַלדיק געשטיגן. ווען וועט זיך ענדיקן די מלחמה, האָט מען געפרעגט אַ דייטש אין אַ שאָפּ. ווען מיר וועלן עסן איינמאָל אין טאָג, און איר, יידן, איינמאָל אין וואָך. ביזן ערשטן יאַנואַר האָבן געגלויבט אין נצחון פון אשכנז: ייִנגער פון 35 יאָר, פאַרן 1־טן מאַי (העס) אונטער 30 יאָר, נאָך מעשה העס אונטער 20 יאָר. — אשכנזיס[224] פּרוי איז מיט אַ צייט צוריק געשטאָרבן אלס משומדת אין אַרישן טייל שטאָט. זי איז באַגראָבן געוואָרן אונטער אַ פרעמדן נאָמען, ווייל אַלס משומדת וואָלט זי געמוזט אַריבער אין געטאָ. יידישע קינדער לערנען איצט וועגן וואַרשע פון בילדער, ווייל מחוץ די מויערן קען מען נישט אַרויס. — אין די קינאָס ווערט ווייטער געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע קעגן יידן אונטער דער לאָזונג: יידן, לייז, טיפוס. עס ווערן געבראַכט גאַנצע רעפּאָרטאַזשן פון געטאָ און געוויזן, ווי אַזוי יידן זענען פאַרלייזיקט. עס ווערן געבראַכט רעפּאָרטאַזשן פון אַרבעטס־לאַגערן, און עס ווערט געוויזן, אַז יידן זענען פויל. זייער אויסגיביקייט איז צען פּראָצענט לגבי פּאָליאַקן, אָבער נאָך אַ 6 וואָכן וואַקסט זייער אויסגיביקייט צו 60 פּראָצענט, מען זעט אויף דעם בילד יידן אויסגעמאַטערטע, באָרוועסע, בשעת פּאָליאַקן טראָגן שטיוול. עס איז פאַרבאָטן צו שרייבן בריוו קיין אויסלאַנד, נאָר קאַרטלעך. דאָס פאַרפליכטעט נישט אַריער. — די אויסוואַנדערונג פון וואַרשע דויערט. מען פאָרט מיט אויטאָס און מיט דער באַן. מען פאָרט אויך אין רייך, למשל קיין ציעכאַנאָוו,[225] ווו מען פאַרדינט דריי מאַרק אַ טאָג, דערפון קאָן מען גוט לעבן און נאָך אָפּשפּאָרן. מען באַקומט פּזשעפּוסטקעס, אַז מען איז באַפרייט געוואָרן פון אַרבעטס־לאַגער און מען פאָרט צוריק אַהיים אין דעם נייעם ווינאָרט. דער טיפוס פאַרשפּרייט זיך זייער שטאַרק. 280 הייזער זענען צוליב דעם פאַרמאַכט. דאָס רופט אַרויס זייער גרויסע שוועריקייטן. אין דער ערשטער

---

220) שבועות איז דעם יאָר אויסגעפאַלן אויפן 1 און 2 יוני.

221) דער דאַזיקער טעאַטער האָט זיך געפונען אויף נאָוואָליפּיע־גאַס 66.

222) אָנפירער פון א סעקציע פון דער יידישער אָרדענונגס־דינסט.

223) זשאָליבאָזש — אַ פּוילישער וווין־ראַיאָן צום צפון פון געטאָ.

224) פּראָפ׳ שמעון אשכנזי (1866—1935), באַוווסטער פּוילישער היסטאָריקער און דיפּלאָמאַט, פון אָפּשטאַם א ייד.

225) א פּוילישע שטאָט, וואָס איז אינגענעם מיטן גאַנצן ראַיאָן איינגעגליווערט געוואָרן אין דייטשישן (דריטן) רייך אונטערן נאָמען „בעצירק ציכענאו“.

דיי זענען פֿאַרמאַכט אַ סך ביוראָען און ווען זיי טראָגן זיך איבער אין אַ נייער דירה, ברעכט אויך דאָרט אויס דער טיפֿוס. דער בעקער געפֿען האָט גוט געשפּייזט דעם טיפֿוס־קראַנקן אין זיין הויז, בכדי ער זאָל וואָס שנעלער געזונט ווערן. אַן אילוסטראַציע צו דער קהלה־קאָרופּציע: אַפֿילו בעטלער מוזן זיך אויסקויפֿן, זיי מוזן געבן כאַבאַר, בכדי צו באַקומען שטי־צע אין דער קהלה. פֿאַרן פֿאַרריכטן אַ זאַל אויף עלעקטאָראַלנע 12 פֿאַרן „טאַפּאַראָל" האָט דער ווירטשאַפֿטס־אָפּטייל פֿון דער קהלה אויסקאַלקו־לירט 6.000 זל. געקאָסט האָט עס 200 זל. די האָבער־מיטאָגן (וועגן וואָס די קהלה האָט געמאָלדן דורך פּלאַקאַטן) האָבן אַ ביסל פֿאַרבעסערט די שטימונג. אַלע פּליטים פֿון די פּונקטן וועלן באַקומען מיטאָגן טאָג־טעגלעך, קינדער 3 מאָל אין טאָג באַשפּייזונג. עס באַקומען אויך מיטאָגן די אַרבע־טער פֿון די שאָפּן, אָנגעשטעלטע פֿון קהלה און ייד[ישע] געזעלש[אַפֿט־לעכע] אינסטיטוציעס. די סיבה פֿון דער פּלוצימדיקער גוטסקייט איז די קאָלאָסאַלע שטערבלעכקייט און דער עיקר דאָס אויסזען פֿון דער יידישער גאַס. די בעטלער און די מתים האָבן אויסגעקעמפֿט דאָס ביסל הנחות. אויך דער טיפֿוס האָט געטון דאָס זייניקע, עס קומען זעער אָפֿט עקסקורסיעס אויפֿן בית־עולם. מען פֿאָטאָגראַפֿירט כסדר די מתים און מען לאַכט דערביי הערצלעך. קיין מיטלייד־געפֿיל זעט מען נישט. בשעת איין — — — —

[אָנהויב יוני 1941]

קולטור־אַרבעט אין געטאָ.[226] — ווי אַזוי דער אָנהויב. — די מורא און שרעק פֿאַר פֿאַרזאַמלונגען. — מיינע לעגאַליזאַציעס. — די סכנות דערמיט פֿאַרבונדענע. — ביז דער מסירה גערעדט וועגן געטאָ. — ווען פֿאַרציילט וועגן דעם פֿינאַל. — דער פֿאַלשער באַגריף געשלאָסענער געטאָ. נאָר צוויי געטאָס פֿאַרמאַכטע. — לובלין, טשענסטאָכאָוו געעפֿנט. — דער ענטפֿער אויף דער ווענדונג פֿון יתומים־הויז. — ביכער־מאַרק שוויענטאָקשיסקא איבערגעטראָגן אויף אָרלאַ. פּרייז פֿון ביכער 5 זל. — 100 זל. — לעשנא פּוילישע, אויף נאָוואָליפּקי יידישע. פּויכטוואַנגער אַפֿילו דער פֿאַלשער נעראָן, ערפּאָלג,[227] צוויג.[228] — בוררות־געריכט אין 13־טל. — קויטסקי, אָנהויב פֿון קריסטנטום. — פּיקטיווע איינמעלדונגען. כאַראַקטעריסטיק פֿון גאַז [עטאַ] זשיד[אָווסקאַ] דינט אַלע געטער: טשערניאַקאָוו, גאַצווייכן (אַן אַ שיעור אַנאָנסן), נישט געווינען קיין איין זשורנאַליסט. אויסער שטיינען,[229]

---

226) די דאָזיקע גאַנצע נאָטיץ באַשטייט פֿון טעזן צו די קולטור־פּראָבלע־מען אין וואַרשעווער געטאָ.

227) טיטול פֿון אַ באַקאַנטן ראָמאַן פֿון ליאָן פּויכטוואַנגער.

228) וואַרשעווינלער אַרנאָלד צווייגס ראָמאַן „סיכסוך וועגן סערזשאַנט גרישאַ".

229) עדמונד (מנחם) שטיין, זע הערה 95 (1940).

באַלאַבאַן, ראָגאָווי[230] פון אגודה. — נודנע לעקציעס פון העברעיש, קאַלענדאַר: קאָמוניקאַטן פון פראָנט, יידישע ליטעראַטור, העברעישע ליטעראַטור.

צוואַנגס־יידישיזאַציע. — שמחה פון אַ טייל צוליב דער אויטאָנאָמיע.[231] — ראָזענפעלדס[232] זון מיטאַרבעטער, אַ רעוויזיאָניסטל. — ד״ר פעלדשוה ביי יוגנט־אָפּטיילונג פון פאַגאָטאָוויע. ליידאַקעס פון אַלע פאַרטייען פאַראייניקט אייך. — פרעזעס[233] אָפּגעזאָגט 15.000 זל. אויף דיזענטעריע־אימפונגען. — יקרות אַ ביסל סטאַביליזירט. — גוטע מיטאָגן אין די שאָפּן, 3,80 די וועדט. — אַ מיליטער־אויטאָ געטיילט ברויט. — די פּראָסטיטוטקע[234] דינט אַלעמען. — גאַנצוויכס פאָטער געשטאָרבן [מקבר געווען] אים מיט נעקראָלאָגן.[235] — געזען זיינע אונטערשטיצער און פריינט. — אינטעליגענץ, אַסימילאַציע אויף יידישע קאָנצערטן. — גאַלהפאַדען־אָוונט. — איציק־שפּיציק.[236] — שאַנטאַזש פון רובינשטיין, ער וועט שרייען „נידער מיט“[237] ער איז אַ מלוכה־באַאַמטער. ער צעחושט. עס וועט די מלחמה איבערלעבן: די גמינע, דאָס דרייצנטל און ער. יעדעס הויז, יעדע דירה פאַרלאַנגט 100 טויזנט מיטאָגן.

בעסער פאַרקויפן דאָס לעצטע וועסטל איידער צו ליגן אין קעסטל[238]— געלעגן געלט אין הילצערנע טרעפּעס, געקענט קויפן צו 9 זל. יעצט — 17 זל. — די מורא, אַז די הילף פאַר די לאַגעריסטן וועט באַפרייען די פירמעס. — נאָך דער דרשה פון גלח אין קאַמפּינאָס[239] אַלץ זיך געביטן: די לאַגערשוץ, די פּאַרמע, די פּירער. 50 זל. פאַר קראַנקע. די ערגסטע לאַגערן ווילגע.[240]

דער זון באַקומט פון טאַטן דעם לאָטניק — די פרוי, די אַריערין אויף שוויענטאָיערסקאַ 32 אין הויז־קאָמיטעט נישט געוואָלט זיך גטן. דאָס

---

230) מ. א. ראָגאָווי, רעדאַקטאָר פון דעם אגודהשן אָרגאַן „יידישער טאָגבלאַט“.

231) געמיינט: געטאָ.

231) אלעקסאנדער ראָזענפעלד, א יונגער זשורנאַליסט און רעוויזיאָניסט, זון פון באַקאַנטן פּאָליטאָניסט באַנטשע פון „מאָמענט“.

233) טשערניאַקאָוו.

234) אין דעם פאַל װאַרשיינלעך: די „גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ“.

235) א גרופּע טעלערלעקער האָט געגעבן אין „גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ“ נעקראָלאָגן צום טויט פון גאַנצוויכס פאָטער.

236) וואַרשיינלעך געמיינט די מאַריאָנעטן־פאָרשטעלונג פאַר קינדער אין יידיש א. נ. „איציק שפּיציק“, אָרגאַניזירט דורך דער אימפּרעזן־קאָמיסיע בײַם צענטאָס אויף טלאָמאַצקע 5.

237) „נידער מיט היטלערן!“ — מורא האָבנדיק פאַר אַזאַ הילכיקן אויסרוף, פלעגט מען נאָכגעבן רובינשטיינען זיינע פאַרלאַנגען.

238) דאָס זענען אַלץ ווערטלעך פון רובינשטיינען.

239) דער גלח פון קאַמפּינאָס, נעבן לוויטש, איז געווען באַקאַנט מיט זיינע דרשות לטובת די יידישע לאַגערניקעס.

240) ווילגע ליגט אין גאַרוואָלינער פּאָוויאַט.

ערשטע ווייב אַ יענע, די צווייטע אין אַ פּאַבריק. — ער פּאַרלירט פּעק־לעך אין געטאָ — ער האָט מורא צו טיילן. — „אַלע גלייך״[241] דאָס אומ־גליק פון געטאָ. סאָציאַליסטן קעגן צונעמען די ברויט־קאַרטן ביי די רייכע. — שולן אין יידיש אָדער העברעיש, נישט אין פּויליש.

אָנהויב יוני 1941

מיין ליבער![242]

דער רוב לאַגעריסטן פון וואַרשעווער דיסטריקט זענען זיך צעקראָכן. פון 7 טויזנט זענען געבליבן 2 טויזנט. אַ טייל לאַגערן איז אויפגעלעזט געוואָרן, ווייל עס איז נישט געווען קיין באַשפּייזונג פאַר זיי. אַ טייל לאַ־געריסטן איז אַנטלאָפן און געפונען אַרבעט ביי פּויערים, וועלכע פלעגן אָפט קומען אין די לאַגערן וועגן פערזאָנען, וואָס טויגן נישט פאַרן לאַגער. זיי פלעגן די מענטשן אַ פּאָר טעג באַשפּייזן און שפּעטער זיי באַשעפטיקן ביי פעלד־אַרבעט. אין אַ גאַנצער ריי דערפער האָבן די פּויערים אַרויס־געוויזן אַ סך מענטשלעכקייט און אַרויסגעוואָרפן ברויט און אַנדערע לעבנס־מיטל. — די געז. „טאָפּאַראָל״ האָט הייַיאָר אַ סך אויפגעטאָן. אין 200 הייף זענען פאַרזייעט געוואָרן בלומען און ירקות. אומעטום זעט מען די טאָוולען פון „טאָפּאַראָל״. נישט אומעטום איז עס אָבער געלונגען. אויף טייל פּלעצער איז די באַוועגונג אַזאַ גרויסע, אַז די פאַרזייטע פלעצער זע־נען צעטרעטן געוואָרן, אַזוי צ. ב. אויפן פּלאַץ פון 3 מויערן. 700 יוגנט־לעכע האָבן זיך אויסגעבילדערט אויף די קורסן פון „טאָפּאַראָל״ אויף עלעק־טאָראַלנע 12. — אויפן שטח פון פאַרברענטן שפּיטאָל פון „הייליקן גייסט״[243] איז איצט אַ ברייט פעלד פאַרזייט מיט פאַרשיידענע ירקות. עס איז געווען אַ שווערע אַרבעט דאָס באַזייטיקן די קופּעס גרוז. יעצט בליט דאָרט, וווּ עס זענען געווען מלחמה־חורבות. עס ווערן דאָרטן געהאָדעוועט אַפילו קינסטלעכע היבער. אויף גענשע איז פאַרזייט געוואָרן אַ גאַנצע ריי פון פּלעצער פון דער אַמאָליקער תפיסה. ביי דער דאָזיקער אַרבעט זענען באַשעפטיקט 20 אַגראָנאָמען. הויז־גערטנער, באַלקאָנען זענען פאַרזייט גע־וואָרן. עס איז אָבער נאָך ווייט דערצו, אַז דאָס געטאָ זאָל זיין באַדעקט מיט גרינס. — אַ סך הייף זענען אויסגענוצט געוואָרן אויף רעסטאָראַציעס. אַ טייל הייף איז פאַרדונגען געוואָרן אויף גערטנער פאַר קינדער. באַטיר־לעך קענען דערפון געניסן נאָר רייכע קינדער, וועלכע צאָלן צו 30 — 40 ביז 70 זל. אַ חודש. אָרעמע קינדער האָבן אַזוי אָרום אַפילו נישט קיין גרעזל פאַר די אויגן. האַנדל מיט פרישער לופט!

---

241) אַלע גלייך ד. ה. — גלייכע שטייערן פאַר אַלעמען, פאַר רייך און אָרעם.
242) קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.
243) שפּיטאָל א. נ. „שוויענטעגאָ דוכאַ״ (פּויליש: פון הייליקן גייסט) אויף עלעקטאָראַלנאַ־גאַס.

10 יוני 1941[244]

קאַנאַליעס פון אַלע גרופּן און שיכטן פֿאַראייניקט אייך אונטער די פליגל פון 13־טל. זיי שאַפן אַ רעליגיעזן סעקטאָר מיט די באַקאַנטע גנבים: הרב בלומענפעלד, הרב גליצענשטיין[245] בראש (אגב קיינמאָל נישט געווען קיין רב). אַרבעט מיט אין דער צענזור־אָפּטיילונג ביי דער פּאָסט. — אַ מאָדנע זאַך קומט פאָר מיט די לעבנסמיטל־קאַרטן. מען באַקומט אויף 10 נומערן, בשעת עס זענען דאָ 15. די סיבה: 10 פּראָצענט גייט פאַר סאָציאַלער הילף. ביזן 1־טן מאַי האָט דער מאַגיסטראַט אָנערקענט 400 טויזנט ברויט־קאַרטן. ער האָט נישט אָנערקענט צענדליקער טויזנטער פאַררעגיסטרירטע (דוכט זיך 446 טויזנט). נאָך לאַנגע באַמיונגען האָט מען אָנערקענט נאָך 16 טויזנט איבערגעזידלטע, הגם די מאַכט האָט אויסגעזידלט 50 טויזנט. צוליב דעם מוז מען 420 טויזנט ברויטקאַרטן פאַרטיילן צווישן 460 טויזנט. דעריבער פעלן נומערלעך. — ירקות ברענגט אַריין אין געטאָ די פירמע קאָן — העלער. זיי מאַכן דערביי גאָלדענע געשעפטן. ראַבאַרבאַרום קאָסט כמעט צוויי מאָל ווי אויף דער אַרישער זייט. — אַ טייל רופט דאָס 13־טל זובאַטאָווישטשיזנע,[246] זיי טוען אַ מיאוסע אַרבעט און ווילן דאָס איינהילן מיט אַ וועלאָן פון אָרדענטלעכקייט. דאָס דערמאָנט יאַנקל שאַפּשאָוויטש פון „גאָט פון נקמה", וואָס האָט געשאַפן אַ שולעכל, בכדי צו דעקן זיין מיאוסע פּראָפעסיע. דערמיט דערקלערט זיך די שטרעבונג צו פירן קולטור־אַרבעט און ווען דאָס איז נישט געלונגען (דער עולם איז נישט געגאַנגען צו זיי), נעמט מען זיך צו פירן אַ שרייערישע כאַריטאַטיווע אַרבעט (פּאָגאָטאָוויע). אַ טייל אָרנטלעכע לייט האָבן זיך אַ לענגערע אָדער קירצערע צייט געדרייט ביי זיי (קאַצענעלסאָן, סטופּניצקי, לייפונער א. א. אָדער אַזעלכע עובר־בטלניקעס, ווי קאָרטשאַק). — די שרעק פאַרן 13־טל איז אַזוי גרויס, אַז אַ טייל אָרנטלעכע מענטשן האָבן נישט דעם מוט נישט צו קומען אויף זיינע איינלאַדונגען. ווי ווייט עס גרייכט די מורא, קאָן דינען פאָלגנדער כאַראַקטעריסטישער פאַל. גאַנצווייך האָט איינגעלאַדן דעם הער ס. פ.[247] צו דער מיטאַרבעט אין דער פּאָגאָטאָוויע. בלית־ברירה האָט דער לעצטער אַבסאָלוט געזונטערהייט זיך אַריינגעלייגט אין בעט, אַרויסגערופן צו זיך אַ דאָקטאָר פון הויף און אַרויסבאַקומען פון אים אַ באַשטעטיקונג, אַז ער איז האַרצליידנד און טאָר נישט נעמען קיין שום אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

עס געפינט זיך לײדער אַ גרויסע צאָל מענטשן, וואָס לאָזט זיך פאַנגען

244) קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.
245) געקומען קיין וואַרשע פון גרודזשאָנדז.
246) די דיווערסאַנטישע „אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע", אָרגאַניזירט אין די יאָרן 1901 — 1903 דורך דעם צאַרישן זשאַנדאַרמעריע־פירער זובאַטאָוו.
247) נישט געלונגען פעסטצושטעלן דעם פאַמיליע־נאָמען פון דער פּערזאָן.

פון זיינע זיסע ריידעלעך, אין וועלכע ער באַמיט זיך צו באַווייזן, וואָס פאַרא טובות ער טוט פאַר יידן, וויפל גזירות ער האָט אָפּגעשאַפן און וואָס פאַרא זאַכן ער וואָלט געקענט אויפטון, ווען ער וואָלט געהאַט די אונטער־שטיצונג פון דער געזעלשאַפט. דער דאָזיקער רויש אָדער כישוף, וואָס זיינע רעדעס פאַרמאָגן (ער איז אַ גלענצנדער יידיש און העברעיש רעד־נער) פאַרשווינד אָבער זייער שנעל. די מענטשן ניכטערן זיך אויס און פילן אַ פריקרען בייגעשמאַק. לעצטנס האָט זיך ביי דעם 13־טל, ביי דער פּאַגאַטאָוויע געשאַפן אַ יוגנט־אָפּטיילונג מיטן אויסוווּרף פון דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע קאַץ בראַש[248]. די גרופּע האָט פאָרמולירט איר פאַנ־סעמיטיש פּראָגראַם אין 7 פּונקטן (אויסגאַבע: מצודה): ראַסע און רעליגיע, אין געטאָ זיינען דאָ 3 וואַלוטעס: האַרטע, ווייכע און גאַנץ־ווייכע [249]. מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אין קוטנער געטאָ האָט דער אָבמאַן אויסגע־טון אַלע יידן באַקעט און צונויפגענומען ביי אַלעמען אַנדערטהאַלבן מיליאָן מאַרק, צווישן זיי ביי איין ייד אַ פערטל מיליאָן מאַרק.

העלפּט אויגוסט 1941.

העלפּט אויגוסט. געסטאַפּאָ וואָס מאַכט אַן אָבלאַווע אויף די זעל־נער. דעמלט דערהערט זיך אַ פּאַראָל: „די שווינע קאָממען" און דער עולם זעלנער אַנטלויפט אין די הייזער, ווו מען באַהאַלט זיך אויס אין פּריוואַטע דירות. איינער אַזאַ זעלנער איז אַנטלאָפן אין אַ פּריוואַט־וווינונג אויף כמיעלנאַ, ווו עס איז געווען אַ יידישע פּרוי, וואָס איר שוועסטער אַ משו־מדת האָט געוווינט מיט איר מאַן אַ קריסט. דער זעלנער האָט פאַרציילט, אַז יעדן טאָג קומט ער אין די קאַסערן אויף עפּעס צוצוגנבענען און פאַר־קויפן, דערפון לעבט ער. ער האָט שוין 3 מאָל באַקומען אויפפאָדערונגען צו שטעלן זיך צו אַ קאָמיסיע, וואָס קוואַליפיצירט די וואָס דאַרפן גיין אויפן פראָנט. ער שטעלט זיך אָבער נישט צו צו דער קאָמיסיע, ווייל צו וואָס קעמפן, אַז די „שוואַרצע" זאָלן האָבן וואָס צו פרעסן און זויפן. בכלל איז ער קעגן דעם קריג מיט רוסלאַנד. די וואָס שטייען אין קאָנטאַקט מיט יענע גיבן איבער, אַז אַזעלכע שטימונגען זענען פאַרשפּרייט צווישן די דייטשן, ביי וועלכע די מלחמה מיט רוסלאַנד איז זייער נישט פּאָפּולער. יעדער ווייס, אַז אַ צוריקקער פון רוסישן פראָנט איז נישטאָ, דעריבער זענען פאַראַן אַזעלכע מיני שטימונגען.

אין דער קיך לעשנאָ 40 האָט מיר איבערגעגעבן די לייטערין [250] פון דער קיך וועגן אַ טעפּל, מיט וועלכן עס ווערן געבראַכט די מיטאָגן — פאַר

[248] דער טוער פון „הנוער הציוני" קאַץ איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע פאַר מיטאַרבעטן מיט גאַנצוויכן.

[249] אַן אַלוזיע צו גאַנצוויכן.

[250] וואַרשעווינלעך די שרייבערין רחל אויערבאַך.

אַ דריטער גענעראַציע — די ערשטע צוויי זענען שוין אויסגעשטאָרבן. דאָס איז אַן אָפּטע דערשיינונג ביי מענטשן, וואָס זייער איינציקע שפּייז איז די זופּקע פון די פאָלקסקיכן. די מיטאָגן פון די פאָלקסקיכן האָבן זיך לעצטנס זייער שטאַרק פאַרערגערט. דער האָבער, וואָס פלעגט געמאָלן ווערן אויף יענער זייט, ווערט איצט געמאָלן אין געטאָ. דאָס קאָסט טייערער ווי אויף יענער זייט און די קוואַליטעט איז אַן ערגערע. פאַרוואָס האָט מען איבער־געטראָגן דאָס מאָלן אין געטאָ? דערויף זענען פאַראַן צוויי תשובות — די אָפיציעלע: יענע מילן מוזן מאָלן פאַרן מיליטער, זיי ווילן נישט אַרבעטן פאַרן געטאָ. יש שאומרים, אַז דאָס איז אַ קאָמבינאַציע פון פאַרזאָרגונגס־אַמט. אַ פאַקט, אַז טייערער און ערגער.

אין הילכער ווערט געפירט אַ כסדרדיקע אַנטי - יידישע קאַמפּאַניע. אין גאַס ווערן פאַרשפּרייט בילדער מיט דער אויפשריפט באָלשעוויק — אַנטיכריסט.

אויגוסט 1941 [251]

די בעטלער — פראַגע גייט נישט אַראָפּ פון אונדזער טאָג - אָרדענונג, נישט געקוקט אויף די 120 טויזנט מיטאָגן. מחוץ דער קהלה און „צענטאָס"־אַקציע וואַקסט די צאָל בעטלער פון טאָג צו טאָג. עס איז איצט דאָ מער בעטלער אין די גאַסן, הגם די פאָליציי האָט מיט עטלעכע חדשים צוריק געפירט לויט אַ פאַראָרדנונג פון דער מאַכט אַן ענערגישן קאַמף מיט די בעטלער. אַ גרויסן טייל בילדן קינדער. געזען אַ גרופּע פון 4 — 5 קינדער, וואָס מאַכן אַ לעבן פון שפּילן אין גאַס אַ קינ־דער - שפּיל, אויסגעלערנט מסתמא אין שול. איין בעטלער, אַ געוועזענער לאַגעריסט, טראָגט ארום זיין פאָטאָגראַפיע, ווי ער זעט אויס שיין, פריש און געזונט און איצט שטעלט ער פאַר אַ בילד פון אַ חורבה אין שמאַטעס איינגעוויקלט. דאָס ווייזן פאָטאָגראַפיעס איז בכלל לעצטנס געוואָרן אַ מאָ־דערנע זאַך. דאָס ווירקט, ווייזט אויס, אויפן מענטש.

אַ טייל יידישע בעטלער האָבן זיך איבערגעטראָגן אין דער אַרישער זייט. מיט אַ חודש צוריק איז דאָס געווען זייער פאַרשפּרייט. הונדערטער בעטלער: פרויען און קינדער פלעגן זיך אַריבערשמוגלען אויף יענער זייט. דאָרט פלעגט מען זיי גוט אויפנעמען, גוט באַשפּייזן און אָפּט מיטגעבן עסנ־וואַרג. הגם מען האָט דעם רוב דערקענט, האָט מען דאָך געגעבן זיי דווקא אַלס יידן. דאָס איז זייער אַ סימפּטאָמאַטישע און כאַראַקטעריסטישע דער־שיינונג, וואָס באַווייזט, אַז אין דער פּוילישער געזעלשאַפט איז פאַרגעקומען אַ טיפע ענדערונג. לעצטנס אָבער האָט די מאַכט אָנגעהויבן אַ שאַרפן קאַמף קעגן די יידישע בעטלער. פאָליציי זאַמלט זיי צונויף, שלאָגט און הרגעט און וואַרפט אַריבער אויף דער יידישער זייט. די פּוילישע פאָליציי

[251]) מאַשין־קאָפּיע.

האָט נישט קיין רחמנות אויף קיין פרויען און קינדער. בכלל איז די פּוילישע פּאָליציי זייער טרויעריק בלעטל אין דער געשיכטע. לעצטנס נאָכן פאַרשווינדן פונעם „דרייצנטל" פאַרטרעטן זיי דאָס אָרט פון זיי. זיי פאַרהאַלטן ווענן אין גאַס און פרעסן אויס געלט. זיי גייען אין בעקערייען, וווּ עס איז דאָ מעל נישט קאָנטינגענטירט, זיי גייען אַרום אין די געוועלבער און פרעסן אויס גראָבע הונדערטער. דער לופט-שוץ איז אויך אַ פּיק מיטל אויסצופרעסן ביי די יידן געלט. די אומלעגאַלע פּוילישע פרעסע האָט אַפילו אָנגעגעבן די נומערן פון פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן געשלאָגן מכות רצח סיי פרויען און קינדער ביים שמוגלען אָדער בעטלען. זייער אויפפירונג צו די יידן איז אַ חוצפּהדיקע און זייער אָפט אַ סך אַן ערגערע ווי פון דייטשן. למשל, ביי דער וואַך זענען זיי אָפט אַ סך ערגער און שטרענגער, ווי די דייטשן. צווישן די פּוילישע פּאָליציאַנטן איז אויך דאָ אַ טייל פאָלקס-דייטשן און די זענען די ערגסטע.

אַ צווייטע פּלאָג זענען די קאָנטראָלערן אין די טראַמווייען. די נייע פאַראָרדנונג וועגן האַרבע שטראָפן פאַר די, וואָס צאָלן נישט פאַר די בילעטן, האָט געבראַכט טרויעריקע פאָלגן. די קאָנטראָלערן האָבן דערפון געמאַכט אַ גוט געשעפט. מען גייט אַריין אין טראַמוויי פון ביידע זייטן און מען פאַרלאַנגט שטראָפן צו 5 זל. פון די, וואָס האָבן נישט קיין בילעטן, הגם אָפט טרעפט, אַז מען אָקאָרשט אַריינגעשטיגן און מען האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצוקויפן קיין בילעט. אויב מען האָט נישט קיין געלט אויף צו באַצאָלן שטראָף אָדער מען רעדט אַקעגן דעם קאָנטראָלער, ווערט מען אָפּגעפירט אין דער וואַך. געוויסן פאַלן, ווען מענטשן זענען צוליב דעם אַוועק קיין אָשוויענטשים פון וואַנען זייער געביין איז שוין נישט צוריקגעקומען. אַנדערע ווערן איינגעזעצט אין דער יידישער תפיסה אויף גענשע. דאָרט איז פאַראַן אַ דייטשער קאָמיסאַר שאַממע. דער לייטער פון תפיסה בלויפּאַפּיר מאַכט מיט אים שותפות. די, וואָס „נתנען" אין יד אַריין, ווערן מיטן הסכם פון קאָמיסאַר גיך באַפרייט, אַנדערע מוזן זיצן לאַנגע וואָכן. די תפיסה געפינט זיך אויפן אָרט פון דער פריערדיקער מיליטערישער תפיסה.

פאַראַן דייטשן, וואָס פאָרן אַדורך דורכן געטאָ און לאָזן איבער ברויט פאַר די בעטלער. איינער „פאַרלירט" ברויט ביים אַדורכפאָרן מיט אַן אויטאָ, אַן אַנדערער האָט אָפּגעשטעלט דאָס אויטאָ, צוגערופן אַ ייִנגל און אים געגעבן אַ ברויט. דאָס זענען אָבער זעלטענע פאַלן פון מענטשלעכער האַנדלונג. קינדער-בעטלער שטייען אָפּ נעבן שפּיטאָל אויף אָגראָדאָוואַ, נעבן דעם טעלעפאָן-בנין אויף לעשנאָ און וואַרטן אויף אַ מאָמענט, ווען מען וועט זיך אויף זיי דערבאַרעמען און אַראָפּוואַרפן אַ שטיקל ברויט.

אַ ספּעציעלע קאַטעגאָריע בעטלער זענען די, וואָס בעטלען נאָך 9 אין אָוונט. ווען דו שטייסט פאַרן טויער דערזעסטו פּלוצים, נייע בעטלער, וועלכע דו האָסט פריער נישט געזען. זיי גייען אין דער מיט גאַס און בעטן ברויט. דער רוב זענען דאָס קינדער. אין דער אַרומיקער שטילקייט ווירקט דאָס געשריי פון די הונגעריקע בעטלער-קינדער אומהיימלעך און ווי

האַרט דו זאָלסט נישט זיין וועסטו סוף כל סוף מוזן אַראָפּוואַרפן אַ שטיקל ברויט, אויב נישט, קענסטו אין שטוב נישט איינזיצן. די בעטלער רעכע־נען זיך ווייניק מיט דער פּאָליציי־ שעה און זייער געשריי הערסטו אויך שפּעטער אין אָוונט אַרום 11 און אַפילו 12. זיי האָבן פאַר קיינעם און גאָר־נישט קיין מורא נישט. עס איז אויך נישט געווען קיין פאַל, אַז די פּאַטראָלן זאָלן שיסן צו די בעטלער, הגם זיי באַוועגן זיך נאָך דער פּאָליציי־ שעה אָן אַ פּוּשעפּוסטקע. זייער אָפט טרעפט, אַז אַזעלכע בעטלער־ קינדער שטאַרבן ביינאַכט אויפן טראָטואַר. מען האָט מיר איבערגעגעבן וועגן אַזאַ שוידער־לעכער סצענע אויף מוראַנאָוו 24, וו אַ 6־יעריק בעטלער־ קינד האָט אַ גאַנצע נאַכט געגוסט און נישט געקענט צוקייקלען זיך צום שטיקל ברויט, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן פון באַלקאָן.

לעצטנס בעטלען גאַנצע פאַמיליעס און דאָס טייל מאָל גוט געקליי־דעטע. מוזיקער און זינגער אַרבעטן צוזאַמען מיט זייערע קינדער. דער מוזיקאַנט — דער פאָטער שפּילט, דאָס קינד אָדער די קינדער שטרעקן אויס די הענט מיט היטן נאָך געלט. עס איז דאָ אַ זינגער, וואָס שטייט מיט זיין יינגער, ממש עלעגאַנט געקליידעטער פרוי אין גאַס. ער זינגט, די פרוי זאַמלט נדבות. ביי דער זייט שטייט אַ וויגל מיטן קליינעם קינד, וועלכעס די עלטערן האָבן נישט ביי וועמען איבערצולאָזן. דאָס קינד וועט אַלזאָ פון דער וויג אויפגעצויגן ווערן אַלס בעטלער. בכלל איז זייער כאַראַקטעריס־טיש דאָס בעטלען פון גאַנצע פאַמיליעס. טייל טוען דאָס, כדי מיט דער הילף פון קינדער צוציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, אַנדערע דערפאַר, ווייל מען קען נישט איבערלאָזן אַליין אין דער היים די קינדער. אגב איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דאָס ליגן אויף דער ערד האָט אויפגעהערט. די אמתע „ערדליגער" זענען אויסגעשטאָרבן און די סימולאַנטן האָבן, ווייזט אויס איינגעזען, אַז דאָס העלפט ווייניק צו פּרנסה. אַ טייל זינגען לעצטנס אין די הייף פאַרשיידענע לידער, באַזונדערס פּאָפּולער איז אַ לידל וועגן ביאַליסטאָק.

צווייטע העלפט אויגוסט 1941

11 יולי — די אות V [252] פאַרפּלייצט דאָס גאַנצע לעבן. איר זעט זי אומעטום אין די טראַמווייען, קינאָס, ווענט, אויף די בריוו־ מאַרקן וכדומה.

דער עולם פּראָדוצירט כסדר וויצן, למשל די V ביי דער מאַרינאַרקע־קלאַפּע, V־טע קלאַס פון מלוכה־ לאָטעריע — 1 מיליאָן איז שוין געפאַלן א.א.וו. אויף דער אַרישער זייט איז אומעטום צוגעשריבן געוואָרן דייטשלאַנד „פערלאָרען, פאַרשפּילט, פערראַט" וכדומה. מען זאָגט, אַז אַ סך טראַמ־וויי־קאָנדוקטאָרן זיינען פאַרהאַפטעט געוואָרן פאַר לאָזן אַראָפּרייסן, אַראָפּ־קראַצן דעם V. לעצטנס זיינען געווען אַ ריי בצחוקדיקע דייטשע קאָמוני־

[252] V — וויקטאָריאַ (נצחון).

קאַטן וועגן רוסלאַנד. דער עולם האָט אָבער נאָך דעם קאָמוניקאַט פון 12 יולי וועגן דעם, אַז זיי זענען ביי די טויערן פון קיעוו, פאַרלוירן דעם צוטרוי צו די דאָזיקע קאָמוניקאַטן. מען האַלט, אַז אַזוי ווי מען קען נישט אָנווייזן קיין נצחונות טעריטאָריעלע, זוכט מען ציפערן, וואָס זאָלן מאַכן אַן איינדרוק. דער עולם איז פול מיט בטחון און גלויבט אין זיג פון די סאָוויעטן ווי בכלל פון דער אַליאַנס. די האַלטונג פון סאָוויעטישן מיליטער רופט אַרויס די גרעסטע באַוווּנדערונג ביים ייד[ישן] עולם, וועלכער האָט לויט די דערציי־לונגען פון די צוריקגעקומענע פון יענער זייט זיך געמאַכט אַ בילד וועגן דער האָזיקער אַרמיי, וועלכע באַנוצט זיך מיט שטריקלעך שטאַט לעדער צו די ביקסן — אויך צו די טשאָלגן [253] א.א. מעכאַנישע כלי־זין, האָט מען נישט געהאַט קיין גלויבן. איצט, אַז זיי האַלטן זיך שוין די 8־טע וואָך, וואַקסט פון טאָג צו טאָג דער גלויבן, אַז זיי וועלן סוף כל סוף באַפרייען אונדז פון די אָקופּאַנטן. דער עולם האָט זיך מאַסנהאַפט געוווּנט וועגן דעם פאַרלויף פון מלחמה. אַ סך האָבן געשטעלט, אַז קיעוו וועט פאַלן ביזן 15 יולי, ווען דאָס איז דעמלט נישט געשען, האָט מען דעם טערמין פּראָלאָנגירט. מען גיט איבער אַ סך פּרטים וועגן דער מלחמה־מידקייט און אָנהויב פון צעפאַלונג ביי יענע. אַזוי למשל זיינען לעצטנס פאַרשפּרייט געוואָרן דער 13־טער נומער פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אָרגאַן „דער האַמער", וועלכער איז אויך געווען אין געטאָ. — מען גיט איבער געשפּרעכן פון פאָלקס ד[ייטשן] וועלכע זיינען פאַרצווייפלט, רעזיגנירט און זיכער, אַז זיי וועלן פאַרשפּילן די מלחמה. געהערט וועגן אַ פאַל, וואָס אַ פאָלקס ד. האָט געקויפט אַ פלאַץ אויפן נאָמען פון זיין מומען — אַ פּאָלקע.

ווי געווײנלעך אין אַזעלכע צייטן גלויבט מען אין פאַרשיידענע העלזעער. אָסאָוויעצקי, זאָגט מען, האָט פאָרויסגעזען, אַז דעם 17 אויגוסט וועט פאָר־קומען אַ זייער וויכטיקע געשעעניש. אַ יידישע פרוי, אַ פאָרויסזאָגערין, וועל־כע האָט לויט דער דערקלערונג פון איינעם [אַ] באַקאַנטן פאָרויסגעזאָגט די אָקופּאַציע פון די נייטראַלע לענדער, פון דער מלחמה מיט רוסלאַנד, זאָגט פאָרויס, אַז אין 3 חדשים וועט זיין שלום. אגב דאָס זעלבע זאָגט דער עולם — אָבער לעצטנס, ווען מען זעט, אַז די מלחמה מיט רוסלאַנד הייבט זיך אָן צו פאַרלענגערן, הייבט מען ווידער [אָן] צו גלויבן, אַז מיר וועלן מיט זיי ווינטערן און דאָס נעמט אַרום מיט אַ גרויסן פחד דעם עולם, ווייל פון וואַ־נען נעמט מען קוילן אויפן ווינטער און וויאַזוי וועט מען זיך באַזאָרגן מיט אַ ביסל שפּייז. אַ גרויל נעמט אַרום צוליבן קורל פון די פּליטים, וועלכע שטאַרבן שרעקלעך אויס. אין דעם פּליטים־צענטער סטאַווקי זענען אין משך, פון 4 חדשים אויסגעשטאָרבן 34 פּראָצענט — געהערט אַ שיינעם פאַקט, וואָס באַווייזט די באַציונג פון די אַרבעטער צו די יידן. אין דער שאָקאָלאַד פאַבריק „אַלפאַ" האָט געאַרבעט אַ יידישער אַרבעטער. נאָכן שליסן דאָס געטאָ איז ער מיט דער פרוי און 3 קינדער געבליבן אָן מיטלען צום לעבן. ער האָט

---

253) פּויליש: טאַנקן.

אַלץ גענומען אויספּאַרקויפן. די פּויל[ישע] אַרבעטער האָבן צו אים אייניקע
מאָל געשריבן, אָבער אָן אַ תשובה. אין אַ געוויסן אָוונט איז צו אים געקומען
אַ פּוילישער חבר. זעענדיק, וואָס עס טוט זיך ביי אים אין שטוב, האָט ער
צוזאַמען מיט די אַנדערע חברים צוגעשיקט נאָך עטלעכע טעג אַ ריקשע מיט
350 זל. אויף צופּאַסן זי צום פאָרן. אַדאַנק די פּויל[ישע] חברים פאַרדינט
היינט דער ריקשאַזש אויף פּרנסה. פון די 4 טעאַטערס,[254] וואָס זיינען טע־
טיק, איז כדאי צו דערמאָנען מאַרק ארנשטיינס אויפפירונג פון מירעלע
אפרת — אין פויליש. דאָס שטיק ווערט געשפּילט אין אַ טעאַטער, וואָס איז
איבערגעאַרבעט פון אַ קריסטל[עכער] קאַפּליצע אין דעם קלויסטער־
הויז אויף נאָוואָליפּקי. דאָס שפּילן אין פויליש נעמט זיך דערפון, וואָס אין
געטאָ איז דאָ אַ היפּש ביסל משומדים און אַסימילירטע עלעמענטן, צווייטנס
זיינען אויך דאָ אַרטיסטן־משומדים פון די פּוילישע סצענעס. דאָס 13־טל איז
ענדגילטיק אויפגעלעזט געוואָרן, זיי ווערן טיילוויז איינגעגלידערט אין דער
ייד[ישער] פּאָליציי, ווו די וועריפיקאַציעס פון 200 חברה־לייט וועט אַדורכ־
פירן דער באַקאַנטער פאַרשוין, דער קאָמענדאַנט שטערנפעלד. עס איז דאָ
אַ באַגרינדעטע מורא, אַז אויב עס איז נאָך דאָ עפּעס אָרנטלעכע מענטשן
אין דער ייד[ישער] פּאָליציי, וועלן זיי פולשטענדיק דעמאָראַליזירט [ווערן].
וואָס וועלן טון די אַרבעטסלאָזע 13־טלעך. מען זאָגט, אַז אַ טייל האָט שוין
אָנגעהויבן צו אַרבעטן צוזאַמען מיט יענע — גאַנץ אָפן. עס וועט וואַקסן
די צאָל מוסרים און שאַנטאַזשיסטן און דערצו וועט מען זיך נישט וויסן
צו היטן פאַר זיי צוליב דעם, וואָס זיי טראָגן מער נישט די גרינע היטלעך.
מען זאָגט אַז גאַנצווייך איז אַוועקגעפאָרן קיין לעמבערג, כדי דאָרט צו מאַכן
אַ „ביזנעס". מען זאָגט, [אַ]ז אַנדערע חברה־לייט זיינען אַוועק קיין ביאַליס־
טאָק, כדי דאָרט מיטצוהעלפן אין דער אַרבעט פון מסרן וכדומה. אין לאָקאַל
פון 13־טל[255] איז געבליבן דאָס „פּאָגאָטאָוויע", וואָס איז בלויז בלאָף און
שווינדל. זיי האָבן גענומען געלט פאַר די היטלעך, אָבער קיין שום פּאָזי־
טיווע אַרבעט טוען זיי נישט. וועגן די געפאַנגענע באָלשעוויקעס ווערן דער־
ציילט פאַרשיידענע שיינע מעשיות. זייער האַלטונג רופט אַרויס ביי אַלע־
מען גרויס דרך־ארץ און אַכטונג. כדי צו באַווייזן, אַז די באָלשעוויסטישע
אַרמיי גייט אַרום נאַקעט און באָרוועס, האָט מען ביי זיי צוגענומען די
שיך. די געפאַנגענע שרייען אָבער ווי עס איז נאָר מעגלעך, אַז „די גער־
מאַנצעס" האָבן ביי זיי צוגענומען די שיך. איך האָב געזען ווי דער פּוי־
לישער עולם האָט זיי באַוואָרפן מיט פּאַפּיראָסן. מען גיט איבער פאַלן פון

---

[254]) אין וואַרשעווער געטאָ זענען געווען די פאָלגנדיקע טעאַטערס: „עלדאָ־
ראַדאָ" (דזשעלנע 1, ווו עס איז אַמאָל געווען טעאַטער „סקאַלאַ"), „נאָפּיענטער־
קו" (פויליש: „אויפן קליינעם שטאָק", נאָוואָליפּקי 29), „נייאַזאַזעל" (נאָוואָ־
ליפּיע 72), „פעמינאַ" (לעשנאָ 53), „נאָווי טעאַטר קאַמעראַלני" (פויליש: נייער
קאַמעראַל טעאַטער, נאָוואָליפּקי 52).

[255]) דאָס „דרייצנטל" איז אויפגעלייזט געוואָרן דעם 17 יולי 1941 לויט
אַ פאַראָרדענונג פון דער דייטשישער מאַכט.

זייער מוטיקן האַלטן [זיך] לגבי די דייטשע באַגלייטער. דער עולם פאַר־ציילט, אַז די זעלבע פּאַרטיע פירט מען עטלעכע מאָל אַרום איבערן שטאָט, כדי עס זאָל מאַכן אַ גרעסערן איינדרוק און מען זאָל מיינען, אַז ווער ווייסט וויפל געפאַנגענע מען האָט דאָ. מען גיט איבער, אַז אין דעם מיליטער־שפּיטאָל אויף לעשנאָ־אַגראַדאָווע האָבן די פאַרוואונדעטע זעלנער אין אַ שיינעם פרימאָרגן אויפגעהערט זיך צו גריסן מיטן היטלער־גרוס, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגערעדט. מען פאַרציילט אויך, אַז יעדן טאָג בונטעווען זיך די פאַרוואונדעטע, וואָס ווערן אויסגעשריבן פון שפּיטאָל צו גיין אויפן פראָנט. זיי ווערן דערפאַר דערשאָסן אין דער ציטאַדעל. מען פאַרציילט, אַז די קראַנקע האָבן דורכן פענסטער באַוואונדערט און אַפּלאָדירט 2 ייד[ישע] יינגלעך, וואָס האָבן זיך אַריבערגעדראַפּעט איבער דער מויער. ווען דער פּוילישער פּאָליציאַנט און דערנאָך 2 דייטשע זשאַנדאַרמען האָבן גענומען שלאָגן די קינדער, האָבן זיי געשריגן: „דו אויסגעפרעסענער שווייניש הונד, דו הרקעבירגער". וועגן אַן ענלעכער מעשה פאַרציילט מען אין קראַשינסקיס גאָרטן, ווו זעלנער האָבן אַריבערגעוואָרפן ברויט פאַר ייד[ישע] קינדער. ווען אַ זשאַנדאַר האָט זיי גענומען שלאָגן, האָבן זיי אים געזידלט: „דו אויסגעפרעסענער חזיר".

די יידן רופן נישט, זיי האָבן אַן אייגענע פּאָליטיק, אַן אייגענע סטראַטעגיע. לויט זיי קומט אויס, אַז טערקיי האָט שוין לאַנג באַדאַרפט צוטרעטן צו מלחמה. פאַרשפּרייט מען יעדע פּאָר טעג קלאַנגען, אַז טערקיי האָט דערקלערט קריג דייטשלאַנד. אַזאַ קלאַנג למשל האָט זיך שוין עטלעכע מאָל פאַרשפּרייט. דאָס לעצטע מאָל אין דער מיט אויגוסט.

געהערט וועגן אַ שטאַרקער דעמאָראַליזאַציע צווישן זעלנער. לעבן הויפּט־באַנהאָף איז דאָ אַ גאַנצע בערזע, ווו עס ווערן פאַרקויפט דורך זעלנער פאַרשיידענע זאַכן, ווי שטיוול, ליילעכער, קאָנסערוון וכדומה. אַלץ וואָס מען קען נאָר צונעמען אין די קאַסערן ווערט דאָרט געבראַכט און פאַרקויפט. פון צייט צו צייט באַווייזט זיך אַן אויטאָ מיט — —

25 אויגוסט 1941

25/8 געהערט וועגן אַ יידישן שניידער פון באַלימאָוו (וואַרשעווער פּאַוויאַט) וואָס איז 10 מאָל אין טאָג געשטאָרבן: האָט ער זיך אַריבערגעשמוגלט צוריק אין זיין דאָרף. ווען ער איז אָנגעקומען אין דאָרף, האָבן אים די פּויערים געהויבן אין די לופטן. „גאַש קראַוויעץ ווראָטשיל"[256] ער שרייבט פון דאָרט גלענצנדיקע בריוו. ער אַרבעט דאָרט אַ וואָך, צוויי ביי יעדן פּויער באַזונדער. יעדער פון זיי האָט ליגן אַסך סחורה, פון וועלכער אונדזער שניידער מאַכט פאַרשיידענע מלבושים. דעם שניידער גייט זייער גוט. ער האָט פון אַלדאָס גוטס. אין דאָרף ווערט בכלל נישט אָנגענומען

256) פּויליש: אונדזער שניידער האָט זיך צוריקגעקערט.

קיין פּאַפּיר־געלט נאָר זילבער־געלט אָדער סחורה. דער פּויער מאַכט אַ לעבן. נאָכן דעקן דעם באַדאַרף פאַר די דייטשן בלייבט אים נאָך אַ היפּשער טייל וועלכן ער פאַרצוקערט ממש. אַ טייל סוחרים מאַכן מיט זיי גוטע געשעפטן. מען טוישט סחורה אויף פּראָדוקטן צו פאַרמלחמהדיקע פּרייזן, אַזוי ווי די שער צווישן אינדוסטריעלע אַרטיקלען און שפּייז־אַרטיקלען איז אַ גרויסע, מאַכן די שמוגלער גאַנץ גוטע געשעפטן מיט די פּויערים.

דער פאַרשטאַרבענער אַדוואָקאַט בערענסאָן האָט געהאַלטן, אַז דאָס באַפּרייטע געטאָ וועט דאַרפן אויפשטעלן אַ מאָנומענט פאַר דעם אומבאַקאַנטן שמוגלער. די טעג האָט הענריקע לאַזאָווערט[257] דעקלאַמירט אַ שיין ליד אין פּויליש וועגן שמוגלער. זיי ווייזן באמת אַרויס אַן אויסערגעוויינלעכן העלדנטום אין קאַמף מיט לאַבוזעס, יידישער, פּוילישער און דייטשער פּאָליציי. באַזונדערס פאַרדינען אויף מיטגעפיל די יונגיטשקע שמוגלער וואָס קריכן אַדורך ווי שטשורעס דורך די רינעלעכער ביי די טויערן. זייער העלדנטום ביים אַריבערגיין אויף יענער זייט, ווי זיי ווערן פאַרפּייניקט דורך דער פּוילישער פּאָליציי און די לאַבוזעס, איז נישט אויסצומאָלן. און ווי אָפט טרעפט, אַז זיין גאַנץ האָב און גוטס ווערט צוגענומען דורך דער וואַך. איך האָב געזען מיט אייניקע וואָכן צוריק אַזאַ בילד: אויף ראָג כלאָדנאַ־זשעלאַזנאַ האָט אַ יונגער בחור געשריגן, געריסן זיך די האָר און געוואָרפן זיך אין קדחות אויף אַלע זייטן. זיין בליק איז געווען געווענדעט צו דער וואַך, וועלכע האָט אים באַרויבט זיין זאַק. דאָס קינדערישע געוויין האָט נישט געהאַט קיין שום פּעולה אויף דעם אַכזריותדיקן זשאַנדאַרם; לעצטנס האָט מען צוגענומען אַ ייד[ישן]פּאָליציאַנט פאַרן אַנטיילנעמען אין שמוגל. עס איז שוין אָנגעקומען אַ טעלעגראַם פון אָשוויענצים וועגן זיין טויט. געהערט וועגן 9 יאַריקע שמוגלער וואָס שפּילן אין קאָרטן שטעלנדיק צו 50 זל. דער „הילכער"[258] ווערט גערופן „בילער", „גרעגער", „פּאַנאַגראַף" א. א. וו.

26 אויגוסט 1941

26/8. עס מערקט זיך אָן מערקווירדיקע גלייכגילטיקייט צום טויט, וועלכער מאַכט שוין נישט קיין איינדרוק. מען גייט אַדורך גלייכגילטיק לעבן מתים. אין די שפּיטעלער קומט זעלטן ווער זיך פרעגן וועגן די קרובים. אויך אויפן בית־עולם אינטערעסירט מען זיך זעלטן מיט די פאַרשטאָרבענע.

לעבן דעם הונגער איז דער טיפוס געוואָרן די וויכטיקסטע פּראָגע,

257) הענריקאַ לאַזאָווערט, אַ יידישע דיכטערין, וואָס האָט געשריבן אין פּויליש, מחבר פון פּאָפּולערן ליד וועגן קליינעם שמוגלער, אומגעקומען בעת דער געטאָ־ליקווידאַציע.

258) דער הילכער — דער דייטשישער גאַסן־ראַדיאָ.

וואָס אַבסאָרבירט די גאַנצע ייד[ישע] עפנטלעכקייט. די פראַגע איז געוואָרן די ברענענדסטע אין דער לעצטער צייט. די קרומע פון טיפוס האַלט אין איין וואַקסן. אַזוי למשל זיינען איצט אין מיט אויגוסט פאַראַן אַ 6.000 — 7.000 קראַנקע אין שטובן און אַ 900 אין שפיטעלער. די דיספראָפּאָרץ צווישן דער צאָל קראַנקע אין די שפיטעלער און פריוואַט דערקלערט זיך דערמיט, אַז די שפיטעלער האָבן צוליב טויזנט טעמים פאַרלוירן זייער הייל־כאַראַקטער. זיי זענען געוואָרן „מאָרדאָווניעס”, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט ד״ר מילייקאָווסקי. די קראַנקע שטאַרבן דאָרט פאַר הונגער, ווייל אויסער דער זופּ און אַ בידנער דערנערונג באַקומט מען דאָרט גאָרנישט. קראַנקע שטאַרבן אויס נישט צוליב טיפוס נאָר צוליב אָפּגעשוואַכטקייט. דער טיפוס באַדראָט באַזונדערס די א. ג. בעסערע מענטשן, וועלכע האַלטן נישט אויס די קראַנקהייט און שטאַרבן אויס, בשעת „עמך”, הגם עס איז שוואַכער דערנערט, האַלט איבער. עס שטאַרבט אַן 8 פּראָצענט קראַנקע. די דערשיינונג וועגן דער גרויסער שטערבלעכקייט פון אינטעליגענץ איז אויך געווען אין דער פריערדיקער מלחמה, באַזונדערס אין רוסלאַנד, סערביע א. א. די אינטעליגענץ טוט טאַקע אַלץ כדי אויסצומיידן די פאַרלייזונג. אַ טייל שמירן זיך מיט אייל און נאַפט, אַנדערע טראָגן מיט זיך סאַבאַדיללע, כדי צו פאַרטרייבן די לייז. זיי זיינען אָבער פאַראַן אומעטום. זיי פליען ממש אין די לופטן און עס איז כמעט נישט מעגלעך אויסצומיידן. די א. ג. דעזינפעקציע־קאָלומנעס פון געזונטהייטס־אַמט ביי דער קהלה טוען אַלץ די פאַרלייזונג צו פאַרגרעסערן. דאָס זעלבע די סאַניטאַרע דאָקטוירים, וועלכע זיינען שוידערלעך קאָרומפּירט. די סאַניטאַר־קאָלומנעס פרעסן אויס געלט פון די רייכע דירות, וועלכע זענען בשעת אַ דעזינפעקציע באַפרייט דערפון. זיי טוען דאָס מיט דער מיטהילף פון די דאָקטוירים. די באָד־אַנטשטאַלטן פאַרקויפן פאַר כאַבאַר באָד־צעטלעך, דעריבער באָדן זיך נישט אויס די וואָס דאַרפן זיך אויסבאָדן. די סיאַרקע וואָס ווערט באַנוצט ביי דער דיזינפעקציע איז אַ שוואַכע, דעריבער בלייבן די לייז לעבעדיקע. אַזוי אַז די גאַנצע אַנטיעפּידעמישע אַקציע איז פּאַקטיש איין גרויסע אַפערע, וואָס די הויפּט־מחותּנים זיינען די דאָקטוירים און די סאַניטאַרע קאָלומנעס. אַ שטשעפּיאָנקע קעגן טיפוס קאָסט זייער אַ סך און איז צוגענגלעך נאָר פאַר יחידים. זי קאָסט 400 — 500 זל. פאַר צוויי מענטשן. עס גייען אַרום קלאַנגען, אַז פּראָפ. הירשפעלד זאָל געשטעלט ווערן בראש פון קאַמף מיט די עפּידעמיעס. אין יעדן הויז זאָל מען מוזן איינריכטן א פרישניץ און א דיזענסעקטאָר, דאָס זאָלן מוזן טאָן די הויזקאָמיטעטן. נישט בעסער איז די לאַגע אין דער קוואַראַנטאַנע, פון וואַנען מען קומט צוריק ערגער פאַרלייזיקט ווי פריער. די דיזענסעקטאָרן האָבן בלויז אַ ווירקונג פון 60%, 40 פּראָצענט בלייבט פאַרלייזיקט. בסך הכל האָבן 300 הייזער פון די 1.400 הייזער אין געטאָ אַדורכגעמאַכט דעם טיפוס. ד. ה. אַז אַ 150.000 מענטשן האָבן זיך געדאַרפט באָדן. לעצטנס האָט מען אָבער אויפגעהערט צו פאַרמאַכן די טויערן, ווייל מען וואָלט געדאַרפט

אַלע הייזער האַלטן פאַרמאַכט און צווייטנס זיינען די באָד־אַנשטאַלטן נישט אין שטאַנד אַזוי פיל מענטשן צו באָדן. מען דאַרף באָדן אַ טאָג 8.000 מענטשן און מען קען בלויז 2.000. די 8.000 זיינען בא 40 פאַלן אַ טאָג. אַזוי ווי לעצטנס זענען ביי אַ 70 — 80 קומט אויס, אַז באָדן דאַרפן זיך אַ 16.000 טעגלעך. דער טיפוס פאַרשפּרייט זיך לעצטנס זייער שטאַרק צווישן דעם פּערסאָנאַל פון די געזעלש[אַפטלעכע] אינסטיטוציעס, באַזונדערס צווישן די לייטערס פון די פּונקטן, שוויעטליטשאַנקעס,[259] דינער־שאַפט פון די קיכן א. א. — לעצטנס אין פאַל פון אַ טיפוס־פאַל, ווערט דאָס הויז פאַרמאַכט אויף איין טאָג, כדי אַלע וואָס האָבן שמוציקע דירות זאָלן זיך אויסבאָדן. די וואָס וווינען אין דער דירה פון דעם טיפוס־קראַנקן דאַרפן גיין אין קאַוואַראַנטאַנע. דאָס געשעט אָבער זייער זעלטן, ווייל דער עולם אַנטלויפט צוזאַמען מיט די זאַכן און די אָנגעשטעקטע לייז. אין מיין הויז איז געווען אַ טיפוס־פאַל,[260] האָט מען ביים קראַנקן צוגענומען אַלע פּאַפּירן, אים אַריינגעזעצט אין אַ ריקשע, אונטערגעקויפט אַ פּוילישן פּאָליציאַנט, דער קראַנקער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל פון אַ באַוווסטלאָזן. דער קראַנקער איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל און דאָס הויז האָט אויסגעמיטן אַ פאַרוווקע.[261] די פראַגע פון מתים איז אין די אָרעמע הייזער זייער אַ דרינגענדע. נישט האָבנדיק געלט צו באַגראָבן די מתים, וואַרפט מען זיי אָפּט אונטער אין גאַס. אַ טייל הייזער פאַרמאַכן די טויערן, נישט אַרויס־לאָזנדיק די לאָקאַטאָרן ביז וואַנען זיי וועלן נישט געבן אויף דער קבורה. די דזשעלניצאָוועס[262] ווידער, נישט ווילנדיק האָבן צו טאָן מיט די פּאָר־מאַליטעטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער פראַגע פון מתים, וואַרפן זיי איבער פון איין טראָטואַר אויפן צווייטן. אויפן בית־עולם ווערן זיי באַגראָבן אין מאַסן־גראָבן, אין סאַמע פראָנט פון בית־עולם ווו עס געפינט זיך דער עלטסטער טייל פון בית־עולם, געפינען זיך אַזעלכע הויכע זאַמד־בערג. אין די הייסע זומער־טעג איז דער געשטאַנק פון די דאָזיקע מאַסן־קברים אַזאַ שטאַרקער, אַז איר קענט נישט אַדורכגיין לעבן זיי, נישט פאַרשטעקנדיק זיך די נאָז. עס ווייזט אויס, אַז מען האָט די מאַסן־קברים געגראָבן צו פלאַך, פון דאַנען נעמט זיך דער גערוך. די קבורה־חברות, באַזונדערס פון די ברידער פינקערט, מאַכן אַן אויסערגעוויינלעך גוט געשעפט. אַ טייל האָבן ספּעציעלע קעטשלעך פאַר באַזונדערע הייזער, וואָס ליפערן סחורה יעדן טאָג. מען פירט מתים. נעמענדיק אין אַכט דאָס אַלץ זיינען די פּערס־פּעקטיוון אויפן ווינטער, ווען די עפּידעמיע וועט זיך אויף אַן אמת פאַר־שפּרייטן זייער געפערלעכע. די דאָקטוירים באַרעכענען, אַז יעדער 5־טער

---

259) דערציערינס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט די קינדער אין שול נאָך די לעקציעס.

260) רינגעלבלום האָט געוווינט אויף לעשנאָ 18.

261) די איינוווינער פונעם הויז, ווו עס איז געווען א טיפוס־פאל, האָבן געמוזט דורכמאַכן א דעזינפעקציע אין באָד.

262) פּאָליציייאישער אָנפירער פון א ראיאָן.

ייד וועט אין ווינטער קראַנק זיין אויף טיפוס. דעריבער האָבן זיך לעצטנס פאַרשפּרייט שטאַרקע קלאַנגען וועגן דער אויסזידלונג פון די יידן פון וואַרשע. דאָס זאָל זיין אַ מיטל אײַנגאַנצן צו באַפרייען זיך פון דער סכנה פון טיפוס. דאָקטוירים וואָס היילן אומלעגאַל די טויזנטער קראַנקע אין די שטובן מאַכן גאָלדענע געשעפטן. זיי נעמען זיך אויס אַ באַשטימטע צאָל באַזוכן טעגלעך ביי אַ קראַנקן.

סוף אויגוסט 1941[263]

מיט וועגעלעך, מיט פערד, האַנט־וועגעלעך, ראַווער־וועגעלעך, אויף טראָג־בעטלעך אדגל. די וועגן מיט פערד זענען אָנגעלאָדן נישט בלויז אינעווייניק מיט מתים, נאָר אויך אויפן וואָגן. שטאַרצן הויך 2 — 3 קעסט־לעך מיט מתים. אין אַ טייל הייזער פון דער יידישער אָרעמקייט, ווי למשל, אויף וואָלינסקע גאַס, שטאַרבן אויס גאַנצע פאַמיליעס. עס טרעפט טייל־מאָל, אַז אין דער שטוב שטאַרבט דער לעצטער פאַמיליע־מיטגליד און ליגט דאָרט אייניקע טעג, ביז וואַנען די שכנים דערשפּירן נישט דעם געררוך פון דעם מת. געווען אַ פאַל, אַז אַ מוטער האָט אויסבאַהאַלטן דעם מת פון איר קינד, כדי וואָס לענגער צו קענען געניסן פון די באָנעס. אין אַ טייל הייזער פון וואָלינסקע איז געווען פאַלן, אַז שטשורעס האָבן געביסן די מתים, וואָס זענען עטלעכע טעג געלעגן אין שטוב. אויף וואָלינסקע 7 זענען 10 דירות געבליבן ליידיקע, אַלע איינוווינער זענען אויסגעשטאָרבן. בכלל איז דאָס אויסשטאַרבן פון גאַנצע פאַמיליעס אין איין טאָג אָדער אין עטלעכע טעג אַ זייער אָפטע דערשיינונג. עס וואַקסט ריזיק די צאָל יתומים צוליב דעם, וואָס עס שטאַרבן אין דער ערשטער ריי די ערוואַקסענע, באַ־זונדערס מענער. קינדער ביז 2 יאָר שטאַרבן בכלל אינגאַנצן אויס, פּשוט דערפאַר, ווייל עס פעלט אינגאַנצן מילך פאַר די זויג־קינדער און פאַר די מוטערס. אויב עס וועט אַזוי ווייטער גיין, וועט די יידישע פראַגע אין וואַר[שע] גאָר אינגיכן ווערן געלייזט.

געהערט וועגן אַן עסקן פון ייג"א,[264] וואָס פאַסט איין מאָל אין וואָך, כדי צו קענען זיך באַשטייערן לטובת די אָרעמעלייט.

איינע פון די פראַגן, וואָס רופן אַרויס אַ גרויסן אינטערעס איז די פּאַסיווקייט פון די יידישע מאַסן, וועלכע שטאַרבן אויס מיט אַ שטילן קרעכץ. פאַרוואָס שווייגן די אַלע? פאַרוואָס שטאַרבט אויס דער טאַטע, די מאַמע, אַלע קינדער אָן שום פּראָטעסט? פאַרוואָס איז נישט געשען דאָס, מיט וואָס מיר האָבן געסטראַשעט פאַראַיאָרן דעם עולם (נעמלעך: רויבע־רייען און גזילות דאָס האָט, אגב, באַוויזן די הויז־קאָמיטעטן איינצוקויפן פּראָדוקטן פאַר די אָרעמע לאָקאַטאָרן פון די הייזער)? אויף דער פראַגע

[263] קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.

[264] יידישע געזעלשאַפטלעכע אַלייןהילף.

זענען פֿאַראַן זייער אַ סך תשובות: די אָקופּאַציע־מאַכט האָט געשאַפֿן אַ טעראָר, אַז מען האָט מורא אויפֿצוהייבן די קעפּ. מען האָט מורא פֿאַר מאַסן־טעראָר אַלס ענטפֿער אויף אַזאַ מין אויפֿברויז פֿון די הונגעריקע מאַסן און דאָס איז גורם, אַז דער באַוווסטזיניקער טייל שווייגט, בלייבט פּאַסיוו, נישט רוויסרופֿנדיק קיין מהומות אין דעם געטאָ. עס איז נאָך דאָ אַן אַנדערע סיבה: אַ געוויסער טייל פֿון דער אָרעמקייט, דער דירעוודיקער, האָט זיך ווי נישט איז איינגעאָרדנט. דער שמוגל גיט לעבנסמעגלעכקייטן פֿאַר טויזנטער און טויזנטער טרעגער, וואָס נעמען פֿון יעדן איבערגעטראָגענעם זעקל צו 10 זל. שווייג־געלט אויסער דעם טרעגערגעלט. די שאָפּן און די באַשטעלונגען פֿון די דייטשע קעמערלעך האָבן געגעבן מעגלעכקייטן פֿון אַרבעט פֿאַר אַ גרויסן טייל אַרבעטער און האַנטווערקער. אַ טייל פֿון דעם אַקטיוון אַרבעט־עלעמענט האָט זיך איבערגעוואָרפֿן אויף גאַסן־האַנדל (פֿאַרקויף פֿון ברויט, ביי וועלכע מען פֿאַרדינט צו 25 גר. פֿון אַ קילאָ). אַזוי אַרום איז געבליבן דער פּאַסיווער, הילפֿלאָזער טייל, וועלכער שטאַרבט אויס שטילשווייגנד. די יידישע פּאָליציי, וועלכע האָט זיך אויסגעלערנט צו שלאָגן, צו האַלטן אָרדנונג און צו שיקן אין אַרבעטס לאַגערן, איז אויך איינער פֿון די גורמים, וואָס האַלטן דעם עולם אין צוים. די שטאַרבנדיקע פֿון הונגער זענען אין אַ באַדייטנדן טייל פּליטים פֿון דער פּראָווינץ, וואָס פֿילן זיך פֿאַרלוירן, מוטלאָז, אין אַ פֿרעמדער סביבה. זייער פּראָטעסט סובלימירט זיך אין אַ בעטלערישן ווייגעשריי און אין ענערגישן פֿאָדערן פֿון דעם דורכגייער אַ נדבה, אין מאַכן אַ שטיקל אַוואַנטורע אין דער אייגענער לאַנדסמאַנשאַפֿט, אין פֿאָדערן אַ שטיקל ברויט אין דער אינסטיטוציע אָדער אין הויז־קאָמיטעט. די הילף איז אָבער נישט גענוגנד, באַזונדערס ווען אין הויף וווינען לויטער אָרעמעלייט. נאָך אַ ביסל געשרייען בלייבט מען שטיל, רעזיגנירט און מען וואַרט אויפֿן טויט — אייגנטלעך בעט מען דעמלט עס זאָל שוין קומען דער אויסלייזער פֿון דעם אַלעם ביזן — דער טויט. איך האָב גערעדט מיט אַ פּליט, וואָס האָט אַ לענגערע צייט געהונגערט. זיין גאַנץ דענקען האָט פֿאַרנומען די פֿראַגע פֿון עסן, פֿון ברויט. ווו ער איז געשטאַנען, ווו ער איז געגאַנגען, האָט ער געחלומט וועגן ברויט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן שויפֿענסטער מיט עסנוואַרג. גלייכצייטיק אָבער איז ער געוואָרן רעזיגנירט, אַפּאַטיש. עס איז אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען. עס איז אים אויסגעקומען שווער צו וואַשן זיך און נאָך אַדאַנק דעם, וואָס ער איז דערצו צוגעוווינט פֿון קינדווייז, האָט ער זיך געוואַשן. עס קאָן זיין, אַז די דאָזיקע פּאַסיוויקייט, וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון הונגער, האָט גורם געווען, אַז דער יידישער עולם גייט אויס שטילערהייט פֿון הונגער אָן קיין שום פּראָטעסט.

מיט עטלעכע טעג צוריק, (אַן ערך דעם 25 — 26 אויגוסט) איז דערשאָסן געוואָרן אינזש. לופּט. דער דאָזיקער טויט איז זייער כאַראַקטעריסטיש. לופּט איז געווען אַן עסטרייכישער אָפֿיציר, אויסגעצייכנט מיט אַן אייזערנעם קרייץ. ער האָט זיך געפֿילט ווי אַ שטאָלצער ייד. צווישן אים

און אַ מונדירטן אוקראַינער איז געקומען וועגן אַ ריקשע צו אַ ווערטער־אויסטויש. יענער האָט אים געוואָלט אויסלעגיטימירן. דער שטאָלצער לופט האָט אָבער באין אופן נישט געוואָלט ווייזן זיין פּאַס. דער אוקראַינער האָט אים געשטאָכן מיט אַ באַגנעט, אָבער יענער האָט ווייטער נישט געוואָלט ווייזן דעם פּאַס. דער סוף איז געווען, אַז דער מונדירטער האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און אים דערשאָסן צום טויט.

31 אויגוסט 1941

31/8. פון אַ באַפרייטן פון דער ייד[ישער] תפיסה געהערט פּאָלגנדע פּרטים. דער לייטער איז איינער בלויפּאַפּיר,[265] דער קאָמיסאַר איז אַ דייטש שמידט, א יונגער, עטלעכע און צוואַנציק יאָר אַלט. ער זאָל זיין אַן אָרנטלעכער מענטש. יעדנפאַלס מאַכט ער שותפות מיט בלויפּאַפּיר און באַפרייט פאַר דער צייט פאַר געלט. זיין באַציונג צו די אַרעשטירטע אַ גוטע. עס זיצן דאָרט 130, פון זיי אַ טייל משומדים, וועלכע מען האָט אויפגעכאַפּט אויף יענער זייט, יידן וואָס זיינען אַריבער זוכן פּרנסה אויף יענער זייט, מענטשן וועלכע האָבן זיך פאַרזינדיקט אויף די טראַמווייען מיטן נישט אויסקויפן קיין בילעטן וכדומה. צווישן אַנדערע געפינט זיך דאָרט אַ פרוי — אַ סאַדיסטקע, וואָס פלעגט אויפזאַמלען אין גאַס גוססדיקע מענטשן, זיי ברענגען אין שטוב אַריין און דאָרט ביי זיי צונעמען די מלבושים, אַרויסנעמען די גילדענע ציין וכדומה. עס ווערט איצט געגרייט אַ נייע תפיסה פאַר 600 מענטשן. עס ווייזט אויס, אַז אַלע פאַרמשפּטע יידן וועלן דאָ וווינען.

קראָכמאַלנע־גאַס איז ווידער געשלאָסן געוואָרן. דאָרט איז שרעקלעך פאַרשפּרייט דער טיפוס. די פּוילישע און יידישע פּאָליציי האָבן דאָרט געמאַכט אַ חורבן צוזאַמען מיט לאַבוזעס. מען האָט אַלעמען געהייסן אין 2 מינוטן אַרויס און שפּעטער צוגענומען אַלץ: געלט, שפּייז, וועש וכדומה. איבערגעלאָזט ליידיקע ווענט. אין איין הויז זיינען געלעגן 11 טיפוס קראַנקע.

עס פאַרשפּרייטן זיך ווידער פאַרשיידענע ידיעות וועגן סוף פון מלחמה. מען פאַררופט זיך אויף דעם העלזעער אָסאָוויעצקי, וועלכער איז נישט לאַנג געשטאָרבן און איבערגעלאָזן אַ ידיעה, אַז דעם 23 אָקטאָבער וועט זיין סוף מלחמה. פון אַ העלזעערין פרוי מערלינסקאַ געהערט, אַז אינגיכן וועט אויסברעכן אין דייטשלאַנד אַ רעוואָלוציע, די יידן וועלן נאָך האָבן איבערצולעבן שווערע מאָמענטן, אָבער אין יאַנואַר וועט זיין סוף מלחמה. בכלל גלייבן אַ סך מענטשן, אַז אין 2 — 3 חדשים וועט זיין סוף מלחמה. דעם

265) איגנאַצי בלויפּאַפּיר, אָפיציר פון אָרדנונגס־דינסט — אינטענדענט פון דער געטאָ־תפיסה (עק זאַמענהאָף־גענשאַ). לייטער פון דער תפיסה איז געווען דער געוו. אויספאָרשונגס־ריכטער ד"ר לודוויק לינדענפעלד, א משומד (דערשאָסן אין פעברואר 1943), בלויפּאַפּיר זיין געהילף — ראָזע, לייטער פונעם אָפּטייל פאַר תפיסה־עניינים ביים יודענראַט — קאַטשקאַ, א ייד פון לאָדזש, א געוו. קאָנפידענט פון דער פּאָלישער פּאָליציי.

דאָזיקן גלויבן שפּאַרט מען אָן אויף די ידיעות וועגן די פּעסימיסטישע אומרואיקע שטימונגען אין דייטשלאַנד, ווו עס זאָלן האָבן פּאָרגעקומען פּרויען־דעמאָנסטראַציעס, וועלכע זיינען צעטריבן געוואָרן דורך געסטאַפּאָ אומברחמנותדיק. מען פּאַרציילט אויך וועגן מאַסן־טעראָר אין דייטש־[לאַנד]. וועגן מאַסן־אַרעשטן, וועגן מאַסן־פאַרשפּרייטונג פון אומלעגאַלע אַנטיהיטלעריסטישער ליטעראַטור, צווישן אַנדערן גיט מען איבער וועגן דעם, אַז אין די ערטער ווו עס זיינען פּאָרגעקומען באָמבאַרדירונגען אין בערלין ווערן אויף די פּאַרקאַנעס אויפגעקלעפּט פּלאַקאַטלעך מיט דער אויפשריפט: דאָס פאַרדאַנקען מיר היטלערן. אַ טייל דייטשן דאָ האָבן באַקומען בריוו פון בערלין, אין וועלכע עס איז געלעגן אומלעגאַלע לי־טעראַטור.

גערערט וועגן זייער פיינער באַציאונג פון פויל[ישע] אַדוואָקאַטן צו יידן. איינער אַן אָ. נ. ר. אַדוואָקאַט געוו[עזנער] ראַטמאַן פון וואַרש[עווער] שטאָטראַט, וואָס פלעגט האַלטן פלאַמיקע אַנטייידישע רעדעס אין דער אדוואָקאַטן־קאַמער, ווייזט אַרויס די גרעסטע פריינדשאַפט צו יידן[266] פּאַר פּאַרטיידיקן יידישע קליענטן נעמט ער נישט קיין אײן גראָשן. ער נעמט נישט אָן קיין פּראָצעסן וועגן עקסמיסיע פון יידן א.א. וו. ווייל העלפן מיט וואָס נאָר מעגלעך די יידן. עס איז כדאי דאָס אונטערצושטרייכן, ווייל אַפילו אין די בעסטע צייטן איז קיינמאָל אין פּוילן נישט געווען קיין אַק־טיווע אַרויסטרעטונג קעגן אַנטיסעמיטיזם. מען האָט מורא געהאַט זיך אַנגאַזשירן קעגן יידן[267], ווייל דאָס וואָלט באַדייט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם שטראָם.

די באַקאַנטע פּוילישע אַרטיסטקע סאָלסקאַ האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צו אַ יידישער פריינדין וועגן דעם, אַז פּויליש ווערט נישט טאָלערירט אין די יידישע טעאַטערס, בכלל, אַז אויף פּויליש קוקט מען קרום אין געטאָ.

גערערט אינטערעסאַנטע מעשיות וועגן שמוגל. אויב דער ייד[ישער] פּאָליציאַנט האָט געמאַכט בלאַט מיטן דייטשן, זיינען דאָ פּאַרשידענע סי־מנים, אַז ער איז מסכים, ער לאָזט אַראָפּ אַ פּודעלע זאַפּאַלקעס. מען בויגט זיך איין זוכן די זאַפּאַלקעס און אינצווישן פּאָרט אַדורך די פור. מען גיט דעם זשאַנדאַר צו לייענען אַ פּאַפּיר. ער פּאַרטיפט זיך אין לייענען און פּילט אַרויס צווישן די פּאַפּירן אַ גרעבערע מטבע. אָדער דאָס פּשוטסטע — ער פּאַרשווינדט אויף אַ פּאָר מינוט אין דער בודקע און אינצווישן גייט אַדורך דער וואָגן. די באַציאונג פון די שומרים צו די שמוגלער־קינדער [איז] אַ פּאַרשיידענע. איינער נעמט צונויף די קינדער פוןביידע זייטן, נעמט אַרויס דעם זייגער און גיט אַ באַפעל, אַז אין 2 סעקונדן זאָלן אַלע זיין אויף

---

266) דער דעקאַן פון אַדוואָקאַטן־קאַמער נאָוואָדוואָרסקי, א באַקאַנטער אַנטי־סעמיט, האָט זיך בעת דער אָקופּאַציע שטאַרק געביטן און זיך אָפּגעזאָגט אויס־צושטרייכן די יידישע אַדוואָקאַטן פון דער אַדוואָקאַטן־ליסטע.

267) וואַרשיינלעך א טעות: עס דאַרף זיין נישט „קעגן“, נאָר „לטובת“ (יידן).

דער אַנדערער זייט. איינער אַ סאַדיסט האָט צונויפגענומען די קינדער אין דער בודקע און ביי זיי אַלץ צוגענומען.

די חברה א. נ. פון בערענסאָן זאַמלט אַרכיוו־מאַטעריאַלן אויך אין געטאָ[268]. די באַציאונג פון דער ייד[ישער] קהלה צו די פליטים איז אַ נישט דערלאָזבאַרע. לעצטנס ליקווידירט מען פונקטן. מאַכערס נעמען געלט ביי די הויז־קאָמיטעטן און טראָגן איבער די פונקטן אויף אַן אַנדער אָרט, געווינלעך אַן ערגערן פונקט. ערגער [איז, וואָס] די פליטים פאַרלירן אויך דעם שוץ פון דעם פּאַטראָנאַט.

יולי — סעפטעמבער 1941[269]

די פאַרדינסטן פון די בעקער זענען זייער גרויסע. אויך די אַרבעטער פאַרדינען נישקשה. אַ טייל אַפילו גאַנץ שיין, נעמלעך צו 500 זל. אַ וואָך, ביי אַ 5־טאָגיקער אַרעבטס־וואָך. די איבעריקע צוויי טעג אַרבעטן אַרבעטס־לאָזע, באַשטימטע דורכן פאַריין, וועלכער איז טעטיק, פאַרשטייט זיך, אומלעגאַל. די דעלעגאַטן פון פאַריין אַרבעטן נישט שטענדיק, נאָר פאַרנאַכט און טיילן זיך אויף דער העלפט מיט דעם אַרבעטער, וואָס אַרבעט פאַר זיי. אַזוי [...]ום, האָט מען מיך אינפאָרמירט, פאַרדינען די דעלעגאַטן פון פאַריין היפשע געלטער. דאָס לעצטע האָב איך נישט קאָנטראָלירט.

אויסער דער „גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ" אין וועלכער עס באַטייליקט זיך נישט קיין שום אָרנטלעכער זשורנאַליסט, ווערן שטילערהייט פאַרשפרייט פאַרשיידענע דייטשע צייטונגען, הגם עס איז פאַרבאָטן זיי צו פאַרשפרייטן אין געטאָ. עס העלפט אָבער נישט, ווייל פאַר פופציק גראָשן באַקומט מען אַ „קראַקאַוער" פאַר דעם העלבן פרייז פון דעם פוילישן „קוריער וואַרשאַווסקי".

סעפטעמבער 1941[207]

אָנהייבנדיק פון דער צווייטער העלפט יולי הערן זיך כסדר איבער קלאַנגען וועגן אַרויסשיקן יידן פון וואַרשע אין פאַרשיידענע ווערסיעס. אַ טייל זאָגן, אַז מען וועט אַרויסשיקן אַ טייל יידן, נעמלעך, די פליטים. מען גיט אַפילו אָן אַ ציפער פון 150 טויזנט, אַנדערע פון 200 טויזנט. אַנדערע ווידער פאַרציילן וועגן דעם אַרויסשיקן פון אַלע, אָן אויסנאַם,

---

268) געמיינט וואַרשעווער די אַדוואָקאַטן־גרופּע ביי דער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע פון די פוילישע סאָציאַליסטן (לינקער פליגל פון פ.פ.ס.) אין געטאָ. די דאָזיקע גרופּע האָט זיך געווידמעט צ.וו. א. צו זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן פאַרעטער, שפּיאָנען און געסטאַפּאָ־אַגענטן און פאַרלייגט אַן אונטערערדישן אַרכיוו.

269) קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.

270) קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.

יידן פון וואַרשע. די סיבה איז די שוידערלעכע פאַרשפּרייטונג פון טיפוס און אַנדערע קראַנקהייטן. די קלאַנגען זענען אַזוי שטאַרק, אַז טשערניאַקאָוו האָט געפונען פאַר מעגלעך צו פרעגן די געשטאַפּאָ. זיי האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט. פאַראַן אַזעלכע, וואָס באַהויפּטן, אַז דאָס וויל טון די קהלה, כדי צו מאַכן אַ גוט געשעפט דערביי. מען וועט נעמלעך נעמען פון די, וועלכע מען וועט דערלויבן צו בלייבן, גרויס אויסלייזגעלט. כאַראַקטעריסטיש, וואָס דער עולם טראַכט וועגן דער קהלה, אַז מען האַלט זי גרייט צו טון אַזאַ נבלה. דאָס איז דער בעסטער אַטעסטאַט וועגן דער יידישער קהלה.

געהערט אין די לעצטע טעג פון אויגוסט פון גאַנצווייכן, אַז די דייטשן גרייטן צו אַ פּראָיעקט פון איבערזידלען אַלע יידן פון ג.ג., פּראָטעקטאָראַט א. א. אין מזרח ערגעץ, קיין פּאָלעסיע, די טעג, האָט ער געזאָגט, וועט שוין דער פּראָיעקט זיין אינגאַנצן פאַרטיק.

קאָן און העלער פאַרנעמען זיך מיט בריגנגען גנבים[271] פון די אָקופּירטע געביטן. זיי נעמען דערפאַר גראָבע טויזנטער. די פערד־טראַמווייען, וואָס זענען שטענדיק איבערפולט און באַוועגן זיך פּאַמעלעך (פּרייז 60 גר.) און זענען דערמיט אַ נעסט פון טיפוס, געהערן צו דער פירמע קאָן און העלער. זיי מאַכן, זאָגט מען, אַ גלענצנד געשעפט. מיט אַ צייט צוריק האָבן זיי באַקומען אַ דערלויבעניש אַריינצוברענגען 20 וואַגאָן קאַרטאָפל, וועלכע זיי האָבן געקויפט צו 40 גר. און פאַרקויפט צו 2 זל. אין געטאָ.

גאַנצווייך עפנט אַ מאַרק־האַלע אויף לעשנאַ 44. דאָס וועט אויך זיין אַ גוט געשעפט. מען זאָגט אויך, אַז ער מאַכט באַמיונגען צו פאָרן קיין לעמבערג, וווּ ער וויל אָנהויבן אַ נייע קאַריערע.

1941 סעפּטעמבער

כאַראַקטעריסטיש, ווי גרויס עס איז דער שמוגל אין געטאָ, איז דאָס, אַז מיט עטלעכע וואָכן צוריק (אָנהייב אויגוסט 1941) איז ברויט טייערער געוואָרן אויף יענער זייט אײדער אין געטאָ. ד"ה, אַז מען האָט אַהער אַזוי פיל אַריינגעשמוגלט, אַז דאָרט האָט אַזש אויסגעפעלט. דער שמוגל גייט דאָס רוב פאַרנאַכט און נאָך 5 אַזייגער, הגם אויך בייטאָג, באַזונדערס אין געוויסע הייף, וווּ אינדערמיט גייט אַ מויער, וועלכער צעטיילט איין הויז אויף צוויי טיילן, אַזוי איז אויף שווענטאָיערסקע 5/7. דאָס זעלבע איז אויף קאָזשלע. דאָרט גייט טאַקי דער גרעסטער שמוגל. לעצטנס איז אין אַ מויער אויף נאַלעווקי צוגעפאָרן אַ וואָגן פון דער דייטשער פּאָסט. די סחורה איז גלייך איבערגעלאָדן געוואָרן אויף ריקשעס און פונאַנדערגעפירט געוואָרן. אַ צווייטן טאָג איז צוגעפאָרן אַ וואָגן פון פרידעריק פּולס

---

271) וואַרשיינלעך אַ טעות: נישט „גנבים", נאָר „קרובים".

אויך מיט געשמוגלטע סחורה. אויף קאָזשלע זענען פאַראַן קריסטלעכע הייזער מיט פאַרקראַטעוועטע פענסטער. די קריסטן האָבן געמאַכט לעכער אונטער די פענסטער און מען ליפערט אַן מאָס סחורה צו די יידן. ווען עס קומען אָן דייטשן ווערט אַ געשריי „יוזשקעס" גייען און דאַן ווערט די גאַס ריין. דאָס לאָך אין דער געוועזענער פּאָסט אויף לעשנאָ און דער בנין פון פינאַנץ־מיניסטעריום זענען אויך אַ וועג פאַר שמוגל. דאָס לאָך ווערט פאַרמויערט. עס דויערט אָבער אפילו נישט קיין טאָג, אַז דאָס לאָך, דאָס אומשטערבלעכע לאָך זאָל נישט אויפגעריסן ווערן. אויף רימאַרסקע 12, אין בנין פון „מעלאָדי פּאַלאַס" גייט דער שמוגל איבערן דאַך פון דעם שכנות־דיקן הויז. דער, וואָס גייט צו צום ערשטן צום — און לייגט פאָר אים אַרבעט ביים שמוגל הייסט „גראַיעק". זיי נעמען נישט קיין געלט, דער רוב מתנות, בפרט העכטשקעס, זאָקן, וועש אא"וו. אָבער זיי שעמען זיך נישט צו נעמען געלט. דאָס ווערט אָבער גענומען אַלס ריטשאַלט, נישט פון יעדן וואָגן באַזונדער.

סעפּטעמבער 1941

גערעדט וועגן אַ פּרוי, וואָס האָט אַ סך מענטשן פאָרויסגעזאָגט וואָס עס וועט מיט זיי פּאַסירן אין דער נאָענטסטער צייט און לויט ווי עס האָט מיר איבערגעגעבן ר' מנחם,[272] האָט די פּרוי פאָרויסגעזאָגט אַלע מלחמה־געשעענישן. די פּרוי באַהויפּטעט, אַז אין נאָוועמבער היי־יאָר (41) וועט זיך סוף מלחמה. — די יידן מיינען, [?] דאָס נייע יאָר תש"ב — איז דער טייטש שבת — אַלזאָ מוז קומען סוף מלחמה. דער עולם איז שרעקלעך מיד און קען לענגער נישט איבערהאַלטן די מלחמה.

אויף שעננאַ־גאַס, וווּ עס וווינט די יידישע אַריסטאָקראַטיע, דער עיקר די משומדים, בליט ווייטער די מאָדע. דאָרט שפּאַצירן די סאַמע עלעגאַנטסטע פּרויען. אַלזאָ — לעצטנס האָבן זיי זיך באַוויזן אין לאַנגע, גאַנצע שטיוול — אַזוי ווי מענער. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ פּאָר שטיוול קאָסט נישט ווייניקער ווי אַ 450 זל.

לעצטנס האָבן די ברידער קאָן און העלער, וועלכע זענען זייער רירעוודיק און מאַכן ריזיקע געשעפטן, געעפנט אייגענע שיין איינגעאָרדנטע האַלן אויף לעשנאָ 44. ביי דער טיר שטייען שומרים, וואָס לאָזן אַהין נישט אַריין קיין בעטלער. די פערד־אָמניבוסן, וואָס פאַראייניקן די גאַסן, וועלכע האָבן נישט קיין טראַמוויי־פאַרבינדונגען, האָבן גרויס דערפאָלג, זיי זיינען פול ביז איבער די ברעגעס. דער עולם רופט זיי: כאַטאַ וויאַ קאָנאַ", „כאַטאַ זע וושאָן".[273] אַ פּשוטער ייד רופט זיך אָן: איך פאָר מיט אַ קאָן — העלער.

---

[272]) וואַרשעווער מ. מ. קאָן.

[273]) פּויליש: דאָס הויז פון פעטער קאָן (פאַראַבראַזירט פון דער באַקאַנטער אַמעריקאַנישער דערציילונג פון ביטשער סטאָון „די הייזקע פון פעטער טאָם") —

לעצטנס האָבן זיי אַ ניי געשעפט. זיי ברענגען אַראָפּ קרובים פון די אָקופּירטע געביטן. פאַר אַ סך, וואָס האָבן פאַרנומען פאַרשיידענע אַמטלעכע שטעלן און זיינען באַדראָט מיט אַרעשט, איז דאָס אַן אומגעהויער וויכטיקע זאַך, ממש אַ לעבנס-פראַגע. פאַר ברענגען פון ביאַליסטאָק קאָסט אַ 1.500 — 2.000 זל. איינער האָט באַצאָלט פאַר ברענגען זיין פרוי 50.000 זל. דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג נאָך דעם פאַרנעמען דעם מזרח.

עס גייט אַרום אַ וויץ: דייטשלאַנד האָט געפירט אין פּוילן אַ טאָטאַלע מלחמה, אין פראַנקרייך אַ מאָמענטאַלע, אין ענגלאַנד אַ ראַטאַלע און אין רוסלאַנד אַ קאַטאַסטראָפאַלע (פאַטאַלע). ה.[יטלער] וויל נאָכמאַכן נאַפּאָלעאָנען. ער האָט אָנגעהויבן די מלחמה דעם 22 יולי, דעם טאָג ווען נאַפּאָלעאָן איז אַרויס קיין רוסלאַנד.[274] ער האָט אָבער שוין פאַרשפּעטיקט, ווייל נאַפּאָלעאָן איז שוין דעם 14 אָדער 15 סעפּטעמבער געווען אין מאָסקווע. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט פאַרציילט מען, אַז נאַפּאָלעאָן האָט זיך ביים אָנהויב פון דער קאַמפּאַניע אָנגעטון אַ רויט העמד אין פאַל פון פאַרוונדעט ווערן. ה.[יטלער] האָט אָנגעטון אַ פּאָר ברוינע קאַלעסאָנען.

מיט סעפּטעמבער 1941

ווען באַראַכאָוו וואָלט היינט געשריבן זיין „פּלאַטפאָרם“, וואָלט ער געקענט ברענגען אַ שיינעם ביישפּיל, אַ ביסל אַ קאָמישן. די ענגלישע קאָמוניקאַטן זיינען לעצטנס פול מיט באַשרייבונגען פון סאַבאָטאַזש-אַקטן אין פאַרשיידענע לענדער. אַזוי ווי קיין גרויס-אינדוסטריע איז אין געטאָ נישטאָ, האָבן די ייד[ישע] שניידער פון די שאָפּן, כדי צו דערפילן די מצווה פון סאַב.[אָטאַזש], געליפערט אַ טראַנספּאָרט מיליטער - מונדירן מיט צוגעניטע הויזן, פאַרקערט צוגעניטע קנעפּלעך, פאַטשעוקעס פאַרקערט געמאַכט, פאַרקערט געניייט די אַרבל (לינקס אויף רעכטס). דער טראַנספּאָרט איז צוריקגעקומען פון בערלין און איצט האָט די פּראָדוקציר-אָפּטיילונג צו זינגען און צו זאָגן. מען דראָט מיט האַרבע שטראָפן.

איצט איז ווידער אַקטועל די פראַגע פון שולן. זיי וועלן זיין אין דריי שפּראַכן: יידיש, פּויליש, העברעיש. עס זיינען אָבער דאָ גרויסע שוועריקייטן צוליב מאַנגל אין לאָקאַלן, וועלכע זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לאָקאַלן פון קיכן וכדומה. די משומדים וועלן האָבן אַ באַזונדערע שול. עס האָט זיך געפירט אַ גאַנצע פּלוגתא וועגן דער דאָזיקער שול. געפּנער האָט צוליב פּאָליטישע טעמים געהאַלטן, אַז זיי דאַרפן באַזוכן די געמיינ־

דאָס הויז מיט לייז (פאַראַפראַזירט פון דער באַקאַנטער פּוילישער דערציילונג פון איגנאַצי קראַשעווסקי „כאַטאַ זאַ ווּשאָן“ — די הייזקע הינטערן דאָרף); וועש אויף פּויליש — אַ לויז, וויעש אויף פּויליש — אַ דאָרף.

274) נאַפּאָלעאָן האָט אַריינמאַרשירט קיין רוסלאַנד דעם 24 יוני 1812. די דייטשישע אַגרעסיע אויפן ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך אָנגעהויבן דעם 22 יוני 1941.

זאַמע שולן, מער נישט לעקציעס פון רעליגיע דאַרפן זיי האָבן באַזונדערע. די משומדים ווילן אָבער נישט אַזעלכע שולן — זיי ווילן אַן אייגענע און זיי וועלן זי האָבן, ווייל משומדים באַקומען אַלץ וואָס זיי פאַרלאַנגען.

מיטאָגן באַקומען זיי וויפל זיי ווילן, אַפילו פאַרמעגלעכע באַקומען, אגב די משומדים האָבן אונדז לעצטנס געטון אַ „טובה". זייערע קאַרטאָס קיכן נעמען אַן אויך יידישע קאָנסומענטן. פּראָדוקטן באַקומען זיי אויך מער ווי אַנדערע. לעצטנס צו 4 אָדער 6 קילאָ צוקער. פּאָסטנס פאַרנעמען זיי די וויכטיקסטע אין קהלה, פּאָליציי א. דגל. זיי שטיצן איינע די צווייטע. זיי רייסן זיך אומעטום און דערגרייכן אַ סך. אַ טייל רבנים און נאַציאָנאַלע עלעמענטן האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמף. גערופן אַסיפות, אָבער דערווײַלע אָן רעזולטאַטן. אגב געהערט וועגן אַ משומד, וואָס האָט אויף דער פראַגע, פאַרוואָס האָט ער זיך געשמדט שוין בעת דער מלחמה, האָט ער געענטפערט: כדי צו באַקומען אַ גרעסערע ברויט־ראַציע. אגב גייען אַרום קלאַנגען, אַז נאָך איצט קומען פאָר פאַלן פון שמד אין געטאָ. וויפל אמת אין דעם נישט באַוויזן פעסטצושטעלן.

אין חודש סעפּטעמבער און סוף אויגוסט זיינען פאָרגעקומען כסדר פאַלן פון כאַפּן צו דער אַרבעט אויף דער באַן צו לאַדעווען פעסלעך מיט בענזין וכדומה. דאָס כאַפּן קומט פאָר אינדערפרי, דער עיקר אויף קאַר־מעליצקאַ. מען גייט אויך אין פּריוואַטע דירות. די לייט, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין אַרבעט מיט יידן, אין איינאָרדנען געטאָס, זיינען לעצטנס צוריסגעפאָרן אין די ניי באַזעצטע שטעט: כאַביש[275] אין לאָמזשע, ביאַ־ליסטאָק —

עס איז אָנהויב סעפּטעמבער 41 אַרעשטירט געוואָרן ד״ר מאָרגענ־שטערן, דער לייטער פון געוו. „יעאס"[276]. די דאָזיקע געזעלשאַפט איז ליקווידירט געוואָרן, אירע פונקציעס האָט איבערגענומען דער י.ה.ק.[277] ד״ר מאָרג[ענשטערן] האָט אָבער קאָרעספּאָנדירט מיט אויסלאַנד וועגן עמיגראַציע־ענינים און באַנוצט די קאָנווערטן פון „יעאס". מענדע פון געשטאַפּאָ, וועלכער האָט בשעתו געהייסן ליקווידירן דעם „יעאַס", דראָט איצט פאַר דער פרעכקייט צו שיקן ד״ר מאָרג[ענשטערן] אין אַ קאָנצענ־טראַציע־לאַגער אָדער ווי עס ווערט גערופן בקיצור ק.צ. מיט עטלעכע חדשים צוריק זיינען 100 יידן (אָדער אפשר 50) געכאַפּט געוואָרן ביי די וואַכן מיט פאַלשע פּושפּוסטקעס. זיי זיינען געווען עכטע, מער נישט, נישט פאַררעגיסטרירטע. די מענטשן זיינען אַרעשטירט געוואָרן, פאַרשיקט גע־וואָרן קיין אָשוויענטשים און פון דאָרט זיינען שוין אָנגעקומען באַקאַנטע טעלעגראַמעס (צווישן אַנדערע — פון איינעם לאַמפּערט).

---

275) דעם 1 יאַנואַר 1942 איז כאַביש געווען שטאָט־קאָמיסאַר אין שעדליעץ.

276) יעאס — יידישע עמיגראַציע־געזעלשאַפט.

277) יידישער הילפס־קאָמיטעט.

וואָס ערגער עס ווערט — און עס ווערט טאַקע כסדר אַלץ ערגער — אַלץ גרעסערע האָפענונגען לייגט מען אויף סוף מלחמה. וועגן דעם טער־מין זיינען אָבער פאַרשיידענע מענטשן מחולק. אַ טייל האַלטן, אַז עס וועט נאָך דויערן ביז צום פרילינג, אַנדערע האַלטן שוין אין אָקטאָבער, נאָוועמ־בער היי־יאָר.

מיט סעפטעמבער 1941.

די שטימונג אין שטאָט איז אַ געפערלעכע. ווידער די סכנה פון פאַר־קלענערן דאָס געטאָ מיט 40%. עס האַלט ביים ליקווידירן דאָס קליינע געטאָ, ד. ה. דער שטח ביז כלאָדנא. די סיבה זאָל זיין די דאָזיקע, וואָס דאָס מיליטער אין דער צאָל פון 1½ מיל. דאַרף קומען קיין וואַרשע און עס איז נישטאָ פאַר זיי קיין פלאַץ. אַנדערע זאָגן, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל כלאָדנע איז דער וועג דורך וועלכן עס גייט דאָס מיליטער קיין מזרח, וויל מען נישט האָבן קיין יידן אינמיטן. מען וויל אויך נישט אָננעמען דעם פאָרשלאַג פון דער קהלה אויפצובויען אַ בריק, וואָס זאָל פאַראייניקן ביידע טיילן פון געטאָ. — אין די לעצטע טעג איז געוואָרן אַקטועל די פראַגע פון שיעננא און שליסקא (דער טייל וואָס גרענעצט מיט שיעננא). דאָס זאָל זיין דער ערשטער עטאַפּ פון ליקווידירן דאָס קליינע געטאָ. אין קאָן שטייט דער גורל פון איבער טויזנט ייד[ישע] נפשות, וועלכע וואָלטן ביים אָנקומענדיקן ווינטער געדאַרפט נעמען די פעקלעך און זיך אַריבער־טראָגן אין דעם שוין סייווי איבערפולטן געטאָ. בכלל דערמאָנט דער עולם, אַז יעדעס יאָר באַקומען די יידן צו די ימים נוראים אַ געשאַנק: מיט צוויי יאָר [צוריק] די באַרימטע באָמבאַרדירונג בלויז פון געטאָ, פאַראַיאָרן דאָס געטאָ און היי־יאָר דאָס קליינע געטאָ. עס ווייזט אויס, אז ווען עס קומט דער ווינטער, קאָן נישט דאָס רשעות רוען. דער גאַנצער דייטשער סאַני־טאַריאַט איז קעגן דעם פּלאַן פון ליקווידירן דאָס קליינע געטאָ, וואָס זאָל עווענטועל רעקאָמפּענסירט ווערן דורך צוטיילן דאָס שטעטל פּאָוואָנזקי, דער עיקר צוליב דעם, וואָס די שוידערלעכע געדיכטקייט וועט גורם זיין אַ שרעקלעכן וווּקס פון עפּידעמיעס. דער איניציאַטאָר פון דער זאַך איז וואַרשיינלעך דער גובערנאַטאָר[278] אַליין. די באַונרואיקונג ביי דער באַ־פעלקערונג איז אַ געפערלעכע. דער עולם גייט אַרום ווי אָן אַ קאָפּ.

די צווייטע פראַגע, וואָס גייט נישט אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדנונג זייט אַ לענגערער צייט, זיינען די עפּידעמיעס, באַזונדערס דער טיפוס. די דאָקטוירים האָבן מורא, אַז אין ווינטער וועט יעדער 5־טער און אַ טייל באַהויפּטעט אַפילו יעדער 2־טער ייד ווערן קראַנק אויף טיפוס. די אַלע ביזאיצטיקע מיטלען העלפן נישט. די סאַניטאַרע קאָלומנעס שטאָט צו באַ־

[278]) לודוויג פישער, היטלעריסטישער גובערנאַטאָר פון וואַרשעווער דיס־טריקט.

קעמפן דעם טיפוס, פאַשפּרייטן אים, ווייל זיי שאַנטאַזשירן די רייכע דירות, ווו מען האַרף נישט אַדורכפירן קיין דיזענפעקציע מיט דראָונג פון פאַרניכטן די וועש, קליידער א. ד. גל. און די שמוציקע דירות, ווו מען קויפט זיך אויס, ווערן נישט דיזענפיצירט. אַזוי אַרום צעטראָגן זיך די לייז איבער גאַנץ וואַרשע. די איבערוויגנדיקע מערהייט טיפוס־פאַלן (אַ טייל באַהויפּטן, אַז עס זיינען דאָ אַ 4.000 — 5.000 געהיימע טיפוס־פאַלן — דער דייטשער סאַניטאַריאַט רעדט וועגן 14.000) זיינען באַהאַלטן. די דירות פון די קראַנקע ווערן נישט דיזענפיצירט, די קראַנקע לייז צעקריכן זיך איבער גאַנץ וואַרשע און דער טיפוס קריכט אומעטום אַריין. די דאָקטוירים מאַכן דערביי גלענצנדע געשעפטן, מען היילט געהיים און מען נעמט צו 50 און 100 זל. פאַר אַ וויזיט, דערביי רעדט מען זיך אָפּ לכתחילה וויפל צוואַנג־וויזיטן עס וועלן זיין טעגלעך. עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז די סאַניטאַר־קאָלומנעס, זייענדיק פאַרנומען מיט קלויבן דאָס אויספּרעס־געלט פון די רייכע דירות, האָבן נישט קיין צייט געהעריק צו פאַרקלעפּן די פענסטער פון דעם צימער, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גאַז־קאַמער, אַזוי אַז די לייז בלייבן לעבן, פאַרקערט, זיי באַקומען מער לעבנס־קראַפט און פאַרמערן זיך נאָך מער. דער עולם טוט פאַרשיידענע זאַכן, כדי אויסצוהיטן זיך פאַר לייז, אָבער אויב מען מוז אַדורכגיין דורך קאַרמעליצקאַ, וואָס איז פאַפּלייצט פון אַלע זייטן מיט אַ מחנה פון מענטשן, אָדער אין באַזאַר לעשנאָ 40 אָדער דורך וואָליצווו, אָדער אין טראַמוויי, אָדער אין דער פאָלקס־קיך— מוז מען פריער אָדער שפּעטער זיך אָנשטעקן. שרעקלעכע קרבנות גיבן די אָנגעשטעלטע פון די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי זשיטאָס, צענטאָס,[279] באַזונדערס „טאָז״[280] קיין געלט אויף אימפן זיך האָבן נישט די אָנגעשטעלטע און אויך נישט דער ברייטער עולם. אגב זענען די שטשעפּיאַנקעס זייער טייער — איינע פאַר 400 — 500 און אַפילו 600 זל. כאַראַקטעריסטיש, אַז די שטשעפּיאָנקעס זיינען אַלע געגנבֿעטע פון יענע שפּיטעלער אָדער געבראַכט פון ווייגעלס אינסטיטוט אין לעמבערג. דער פּרייז אין דערפאַר אַ הויכער, ווייל ערשטנס איז די אַרבעט פון מאַכן די שטשעפּיאָנקעס אַ שווערע, (מיט דער האַנט אַרויסנעמען דאָס אינעווייניקסטע פון 150 לייז) און צווייטנס גייט עס אַדורך אַלס געשמוגלטע זאַך דורך אַסך הענט, דעריבער האַלט דער פּרייז אין איין וואַקסן. דער עולם טראָגט זיך אַרום מיט פאַרשיידענע א קאַמפאָר[281] און אַנדערע כעמישע מיטלען, וואָס דאַרפן פאַרטרייבן דורך דעם שלעכטן ריח די לייז: אַ טייל שמירן זיך אויס דעם קערפּער מיט ליזאָל און ענלעכע דיזענפעקציע־מיטלען. אין —די הייזער לאָזט מען נישט אַריין די אָרעמעלייט צוליב דעם,

---

[279]) זע הערה 115 (1940).

[280]) ראשי תיבות פון פויליש: טאָוואַזשיסטוואָ אָכראָני זדראָוויאַ TOZ — יידישע געזעלשאַפט פאַר געזונט־שוץ, באַקאַנט מחוץ פוילישן אונטערן נאָמען אָ ז ע.

[281]) עס קאָן זיין, אַז דער מחבר איז דאָ אויסן קאַמפאָר־איינשפּריצונגען.

וואָס זיי טראָגן פונאַנדער לייז. דער פאַרלויף פון דער קראַנקהייט איז אַ מילדער. עס שטאַרבן אַ 8% פון די קראַנקע און דער רוב אין דער צייט פון רעקאָנוואַלעסצענץ, ווען מען דאַרף האָבן אַסך צו עסן און עס פעלט אויס שפּייז. ביי דעם פּשוטן עולם איז דער פאַרלויף אַ לייכטער. דאַקעגן ביי די בעסער־סיטואירטע מאַכן זיך אָפט קאָמפּליקאַציעס, באַזונדערס פון מוח און דאָס איז גורם צו אַסך טויטפאַלן.

סעפּטעמבער 1941

נישט לאַנג איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון דער קאַלישער לאַנדס־מאַנשאַפט. דער באַריכט אַ שרעקלעכער — 30% פון די פּליטים זיינען אויסגעשטאָרבן. דאָס איז, איבעריקנס, אַן אַלגעמיינע דערשיינונג. די פּליטים שטאַרבן אויס אין די פּונקטן.

די מעשה אָסאָווא ביי כעלם האָט ווי מיט אַ בליץ באַלויכטן די סיטואַציע און געוויזן צו וואָס פאַר אַ פאָלגן עס קען ברענגען דער טיפוס. דאָרט איז געווען אַ פריוויליקער אַרבעטס־לאַגער. עס זיינען קראַנק גע־וואָרן 2 לאַגעריסטן אויף טיפוס, איז געקומען די ס. ס.[,] געהייסן אַלעמען זיך אויסטון נאַקעט, געהייסן 5 גראָבן אַ גרוב און די אַנדערע 5 זיך אויסשטעלן אין אַ ריי. דערשאָסן די ערשטע 5, דערנאָך די קברנים א. א. וו. אַזוי אויסגעשאָסן 53 מענטשן. עס זיינען געראַטעוועט געוואָרן דער קוכער, דער פאַרוואַלטער און דער אָרדנונג דינסט. די צוויי קראַנקע זיינען געזונט געוואָרן. — די מעשה פאָמיעכאָוועק, וווּ מען האָט פאַרניכ־טעט 800 מענטשן אויך צוליב קראַנקהייט, האָט אויפגעציטערט די ייד[יש־ע] באַפעלקערונג, ווייל דאָס באַווייזט, וואָס מען קען דערוואַרטן, אויב עס וועט נישט געלינגען איינצושטילן די קראַנקהייט אין געטאָ. מען רעדט אויך וועגן דער שטאַרקער איזאָלירונג פון געטאָ צוליב די עפּידעמיעס. בכלל ווערט די ייד[יש]ע באַפעלקערונג באַשולדיקט אין פאַרשפּרייטן דעם טיפוס אין דער פּראָווינץ. די יידן, וואָס אַנטלויפן פון וואַרשע אין דער פּראָווינץ, טראָגן דאָס פונאַנדער דעם טיפוס.

סעפּטעמבער 1941[282]

20/9. די נייע קלאַנגען וועגן פּולן איזאָלירן — וועגן אויסבויען אַ הויכן מויער.

וועד שטיצט די אָרעמלייט — נאָר די אָרצי׳ לייט.

יודטאָווואָ[283] די טעאַטערס.

---

282) די גאַנצע ווייטערדיקע נאָטיץ איז געשטימט פון טעזן, וועלכע דער מחבר האָט, ווייזט אויס, געהאַט בדעה שפּעטער פונאַנדערצוואַרבעטן.

283) זע הערה 36.

2 פויל[ישע] טעאַטערס — פּעמינאַ[284]

פירשטין טשאַרדאַש.

די מעשה אין געריכט — אַרומגערינגלט.

חודש פון קינד.

3.000 קינדער בעטלען — 700 אין טאָג אינטערנאַטן.

פלעבאַניע — אינטריגעס, ווער איז קעגן פּראַלאַט[285] באַקומט אַ שלעכ־טע דירה.

טראַוּוניקע, 3 פון מזרח דערהרגט.

6.000 אין ביאַליסטאָקער געגנט.

פּאַרוואָס ביאַל[יסטאָק] אזוי געליטן.

געשפּיגן אויף יענע אַרויספאָרנדיקע.

25.000 געשיקט קיין פּרוזשאַנע.[286]

26/9. זייט עטלעכע טעג די מעשה מיטן קליינעם געטאָ. יעדן טאָג גוט אויפגערופן. שענגא מעלדונג אויף יענער זייט. סיבה שוואַרצבאַרדס[287] רעדע. סאַניטאַרע טעמים. דורכגאַנג דורך כלאָדנא — ערב יום־טוב דער סורפּריז אויף יום כיפּור.

ערב יום כיפּור. פול קנעפּלעך[288] אין דער שול.

מען מוז פריער אָנהויבן — די גרויסע צאָל מנינים אַ נייע אַריסטאָ־קראַטיע.

דער בעטלער וואָס האָט אַדורכגעמאַכט דעם טיפוס אין גאַס — די מוטער, זין און קליין קינד אין וויגעלע.

די קלאַנגען וועגן קליינעם געטאָ.

די נייע מוח קראַנקהייט — סיבות שמוגעל. שמוגעל פון מענטשן — ידיעות פון לאָמזשע.

---

284) זע הערה 254.

285) דאָס איז דער שטח פון דער קיך אויפן גזשיבאָוווער פּלאַץ, וואָס איז געוואָרן אָנגעפירט דורכן פּראַלאַט מאַרצעלי גאָדלעווסקי, א פאַרמלחמהדיקן אַנטי־סעמיט, וועלכער זיך געענדערט אין דער אָקופּאַציע־צייט אין זין פון העלפן יידן, דער עיקר געטויפטע.

286) דעם 18 סעפּטעמבער 1941 האָט זיך אין ביאַליסטאָקער געטאָ אָנגעהויבן א גירוש פון קרוב 4000 יידן קיין פּרוזשאַני (א שטעטל אין ביאַליסטאָקער באַ־צירק). דער גירוש, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אויפן באַפעל פון דער דייטשי־שער מאַכט דורך דער געטאָ־פּאָליציי, האָט אַרומגעכאַפּט נישט־ארבעטנדיקע עלע־מענטן (זקנים, קראַנקע, אָרעמע, היימלאָזע) און אויך ווידערשפּעניקע. די גולים האָבן גענומען צוריקלויפן קיין ביאַליסטאָק, ווו זיי האָבן געמוזט לעבן אומלע־גאַל. דער יודענראַט האָט אין פעברואַר 1942 געפירט קעגן זיי אַן אַקציע מיטן ציל צוריקצופירן קיין פּרוזשאַני.

287) ראַדיאָ־רעדע פון ד"ר איגנאַצי שוואַרצבאַרד אין לאָנדאָן צו די יידן אין אָקופּירטן פּוילן ערב ראש השנה.

288) אין דעם פאַל: פּאָליציאַנטן.

קאַמפּעלמאַכער[289]. וואָס דער עולם שרייבט דעם אמת. לאָמזשע אין וואַלד[290]. פאַרוואָס די אָרעמעלייט האַלטן בעסער איבער דעם טיפוס. זי גייט אַרויס פון שטוב ווען דער דאָקטאָר קומט. דאָס אַריבערפירן פון קראַנקע פון שעננאַ. די וועגעלעך אויף דער גאַס. די וואַך נעמט צו דער מעבל.

דער פּרייז פון לעמבערג 2.000 זל. מיט אויטאָס[291]. אַ 57 יעריקער געשלאָגן מיט 3 מלקות. איצט האָסטו שוין 60 יאָר. די מוטער דערקענט נישט איר אייגענע טאָכטער און גיט איר אַ נדבה.

פאַרקויפט איבערבעטן פאַר 75 זל. פאַר אַ שלאָפצימער געוואָלט געבן 3.000, איצט 1.000 זל. ייִדן פאַרקויפן אַלץ אויס צו קריסטן — אַלץ גייט אויף יענער זייט.

קברנים גראָבן אויף קברים, נעמען אַרויס תכריכים און גילדענע ציין. דער טויט געוואָרן אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. מאַכט אויף קיינעם קיין איינדרוק נישט.

אייגענע זעלבסטמאָרדן אויף שעננאַ. געפאַלן דער פּרייז פון מעבל פון 3.000 אויף 1.000.

סעפּטעמבער 1941

איינער אַ בעטלער, אַ דייטשער פּליט, האָט אַדורכגעמאַכט דעם טיפוס אין גאַס. פּלוצים האָט מען אים געזען אַרומגיין אין גאַס איינגעוויקלט אין אַ קאָלדרע. אַ דאָקטאָר האָט אים געמאָסטן די טעמפּעראַטור און פעסטגעשטעלט 39 גראַד. ווייזט אויס, אַז דער פאַרלויף פון דער קראַנקהייט איז געווען אַ לייכטער. איצט גייט ער אַרום אָן אַ מאַנטל.

אין בעטלער־ייִנגל זינגט מיט אַ באַהנט קול: „איך וויל נישט אָפּגעבן די באַנע, איך וויל נאָך גוטס דערלעבן". — דאָס זעלבע אויף פּויליש. דער עולם גיט אים געלט פאַר זיין שיין קול. רובינשטיינס ווערטל וועגן אָפּגעבן די באַנע־טויט האָט זיך אָנגענומען. מיין זון האָט געזאָגט, אַז ער האָט מורא, אַז פּעטערסבורג וועט אָפּגעבן די באַנע.[292]

די דעמאָראַליזאַציע פאַרשפּרייט זיך שטאַרק צווישן די קינדער. אַלס אילוסטראַציע זאָל דינען דער פאַקט פון אַנטשטיין פון קינדער־באַנדעס, וואָס שלאָגן זיך איינע מיט די אַנדערע, נעמען געפאַנגענע: איין באַנדע — קוציקס באַנדע — איז באַקאַנט דערפון, אַז זי שלאָגט אין אָונט מייד־

---

[289]) בערנאַרד קאַמפּעלמאַכער — לייטער פון דער ייִדישער שול אין גראָדזשיסק מאַזאָוויעצקי.

[290]) אין סעפּטעמבער 1941 זענען אַ סך ייִדן פון לאָמזשער געטאָ אַוועק אין די אַרומיקע וועלדער מיטן געדאַנק צו אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנישע מחנה.

[291]) דער פּרייז פון אַריבערפירן ייִדן אומלעגאַל פון לוואָוו קיין וואַרשע איז געווען 2000 זל.

[292]) ד. ה.: לענינגראַד וועט מוזן קאַפּיטולירן.

לעך אויף טלאָמאַצקע־פּלאַץ. אין אָוונט דערוואַגט זיך דאָרט נישט צו דערווייזן קיין שום מיידל. די ווייסע חברה־ניקעס לאָזן זיך אויס פון דער יידישער פּאָליציי. געזען אַזאַ בילד: עס איז געשטאַנען אויף טלאָמאַצקע דער פלוטאָן פון „ווידזשאַל זדראַוויאַ״[293] און געמאַכט איבונגען. די חברה האָט פון זיי חוזק געמאַכט און זיי נאָכגעשריען טראַ־טאַ שאַפּאַ גראַ.

אויף דער אַקאַדעמיע לכבוד שלום־עליכם געזען אַ בכבודיקן בעטלער, וואָס שטרעקט אויס די האַנט נאָך אַ נדבה.

געהערט וועגן פאָלגנדער דראַמאַטישער סצענע פון די פּאַראַיאַריקע אַרבעטס־לאַגערן: מען האָט געבראַכט פון שכנות פון וואַרשע מיט פינגערטס אַ וואָגן אייניקע פאַרפייניקטע לאַגעריסטן — צעשלאָגענע, צעבלוטיקטע. אין פויערישע וועגעלעך זיינען געפאָרן פאַרוווּנדעטע, פאַרמאַטערטע לאַגעריסטן. פון די פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט (קאָלעגיום)[294] די קאַנדידאַטן אויף צו פאָרן אין דעם זעלבן לאַגער. דערזעענדיק דעם מצב פון די צוריקגעקומענע, האָבן זיי זיך צעבונטעוועט און געשריגן: הרגעט אונדז, מיר וועלן נישט גיין, און גענומען שפּרינגען דורך די פענצטער. דער לייטער פון אַרבעטס־אַמט, ציעגלער, איז אַרויס פון די כלים און געוואָרפן זיך מיט אַ ביקס אויף די מונדירטע, וואָס האָבן געבראַכט די מתים.

אין חודש סעפּטעמבער צוריקגעקומען מלבושים מיליטערישע אין די שאַפעס, ווייל צוגעגייט שלעכט די קנעפּ — נישט אָפּגעהיטן דעם מהלך, וואָס דאַרף זיין פון איין קנאָפּ צום צווייטן וכדומה.

אין קיילעך פאַראַן פאָלגנדע נעמען פון גאַסן:

Jojnego, Abrahama, Czosnkowa, Figowego Liścia, Zaśniedziała, Trefna, Treifegasse, Jerozolimska, Rabina.[295]

ביים טויער פון געטאָ אַן אויפשריפט אין 4 שפּראַכן.

ציגלער אַן עסטרייכער, אויבערלייטענאַנט, געאַרבעט אין אַרבעטס־אָפּטיילונג פון קהלה, געהרגעט געוואָרן פאַראַיאָרן אין אַשוויענטשים. די סיבה: ער האָט אויפגעדעקט דאָס פאַרגוואַלדיקן 5 יידישע מיידלעך דורך אָפיצירן. מען האָט כלומרשט געדאַנקט דערפאַר, שפּעטער אויסגענוצט אַ געלעגנהייט, אַרעסטירט, פאַרשיקט קיין אַשוויענטשים.

ד״ר מאָרגענשטערן פון „יעאַס״ אַרעסטירט געוואָרן אין סעפּטעמבער דערפאַר, ווייל געשריבן קאָרטלעך אין נאָמען פון „יעאַס״, וועלכער איז

293) פּויליש: געזונט־אָפּטייל.

294) דער לאָקאַל פון דער גימנאַזיע א. נ. „קאָלעגיום“: אויף לעשנאָ 84 איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם זאַמל־פּונקט פון די באַאַמטע אויף אַרבעט אין די לאַגערן.

295) פּויליש: (די גאַסן האָבן געהייסן) יונהס, אברהמס, קנאָבל־גאַס, פייגן־בלאַט־גאַס, פאַרשטונקענע, טריפה, טריפה־גאַס (אויף דייטש), יעראָזאָלימער, דעם רבס גאַס.

געוואָרן ליקווידירט. אַ טייל פֿונקציעס זיינע האָט איבערגענומען דער י. ה. ק. (קרובים־הילף) — אויסגעשטראָכן אין אייניקע קאַרטלעך פֿון י. ה. ק. און אָנגעשריבן „יעאס". עס דראָט אים דערפֿאַר אַשוויענטשים.

ד"ר האַגען האָט געהאַלטן אַ פֿאָרלעזונג פֿאַר יידישע דאָקטוירים אין קהלה־זאַל. אַפּעלירט צו פֿאַרשטאַרקן דעם קאַמף מיט טיפֿוס. עס גרייטן זיך נייע פֿאַראָרדנונגען וועגן דעם: פֿאַר נישט מעלדן האַרבע שטראָפֿן ביז טויט־שטראָף. פֿאַר פֿאַרלאָזן דאָס געטאָ האַרבע שטראָפֿן. באַקאַנט אַ פֿאַל, ווען איין ייד פֿון וואַרשע האָט אין פּראָווינץ אָנגעשטעקט 7 מענטשן מיט טיפֿוס. ער ווייסט, אַז דער טיפֿוס האָט סוף 1940 געהאַלטן אין פֿאַלן און כמעט אויפֿגעהערט און דאָס אַריינדרינגען פֿון נייע פּליטים האָט גורם געווען צום אויפֿקומען פֿון דער נייער עפּידעמיע־כוואַליע. יידן דאַרפֿן געדענקען, אַז זיי[296] האָבן יידן געראַטעוועט פֿון דעם גרעסטן שונא, פֿון באָלשעוויזם.

די אַקטן פֿון 13־טל זענען עטלעכע טעג פֿאַר דער ליקווידאַציע פֿאַרברענט געוואָרן דורך די מענטשן פֿון 13־טל און דורך אַגענטן פֿון געשטאַפּאָ. מען האָט זיך אַלזאָ נישט דערוווסט וועגן זייערע סודות סיידן עמעץ פֿון זיי וועט עפּעס אויסזאָגן נאָך דער מלחמה.

די פֿערד־אָמניבוסן פֿון דער פֿירמע „קאָן און העלער" רופֿט מען אין גאַס „כאַטקע זע וושאָן", „כאַטאַ וויאַ קאַנאַ". די דאָזיקע אָמניבוסן פֿאַרבינדן דאָס קליינע געטאָ מיטן גרויסן (פֿון לעשנאָ ביז סאָלנאַ). פּרייז 60 גר. פֿאַר אַ קורס. — די דאָזיקע אָמניבוסן זיינען שטענדיק איבערפֿולט מיט מענטשן און ממילא אַ גוטער מיטל פֿון פֿאַרשפּרייטן פֿאַרשיידענע עפּידעמיעס.

אויפֿן בית־עולם געשען שוידערלעכע נבלות. די מאַסן־קברים — דער געמיינער אופֿן פֿון באַגראָבן אָרעמעלייט — דאָס אַריינוואַרפֿן זיי ווי די הינט אין די קברים — דאָס איז נאָך נישט אַלץ. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז מען גראָבט אויף קברים ביינאַכט. מען נעמט אַרויס ציין פֿון גאָלד און מען רויבט צו די תכריכים. לעצטנס האָט זיך געפֿירט אַ דיסציפּלינאַר־פֿאַרהאַנדלונג קעגן יידישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן זיך דערמיט באַשעפֿטיקט. מיט איין וואָרט — דער טיפֿסטער תהום פֿון געפֿאַלנקייט.

30 אויגוסט [געשען] טראַגעדיע אָסאָווע געבן כעלם. אין אַ דאָרטיקן פּרייוויליקן אַרבעטס־לאַגער זיינען פֿאָרגעקומען עטלעכע טיפֿוס־פֿאַלן. געקומען ס.ס.־לייט, געהייסן די עטלעכע פּופֿציק יידישע אַרבעטער זיך אויסשטעלן אין אַ ריי. 5 האָבן געגראָבן אַ קבר, די צווייטע 5 דערשאָסן פֿון אַ מאַשינען־געווער, דערנאָך די ווייטערדיקע אַזוי, אַז פֿון דעם גאַנצן לאַגער געבליבן לעבן 5—6 מענטשן: די יידישע פּאָליציי, דער קוכער, פֿאַרשטייער פֿון דער קהלה. אַ געפֿערלעכער מעמענטאָ, אויב די עפּידעמיע

296) די דייטשן.

וועט זיך נישט פאַרקלענערן. אינטערעסאַנט, אַז די טיפוס־קראַנקע זײַנען געזונט געוואָרן און געקומען אַהער פון שפּיטאָל.

אין חודש סעפּטעמבער פאַרגעקומען אייניקע מאָל קאָנפיסקאַטע פון פּעקלעך פאַרן געטאָ. דער תּירוץ: שמוגל, יידן באַקומען מאַסנווייז פּעקלעך פון פּראָווינץ. אין איין פאַל צוגענומען 4.000 פּעקלעך אָנגעקומענע פון אויסלאַנד (פּאָרטוגאַל)[297] — דאָס איז דאָך זיכער נישט קיין שמוגל.

כאַראַקטעריסטיש: אין געטאָ איז פאַרגעקומען בלויז איין פאַל פון מאָרד.

אָקטאָבער 1941, ערשטע דעקאַדע.

דער נייער נצחון פון די דייטשן — דאָס אַרומרינגלען פון מאָסקווע, דאָס צעקלאַפּן פון טימאָשענקאָס אַרמיי האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע כוואַליע פון פּעסימיזם ביי די יידן. מען פרעגט זיך מאין יבוא עזרי? דער עולם איז שטאַרק אויפגעבראַכט אויף ענגלאַנד, וואָס האָט גראָד אין די לעצטע צוויי וואָכן אויפגעהערט אינגאַנצן צו באָמבאַרדירן דייטשלאַנד. הגם עס איז איר פליכט געווען צו שאַפן אַן אַנטלאַסטונגס־אָפענסיווע קעגן דייטשלאַנד. דער דורכשניטלעכער מענטש האַלט, אַז ענגלאַנד וויל, אַז ביידע דיקטאַטאָרן זאָלן האָבן די מפּלה און אַלס זיגער זאָלן אַרויס ענגלאַנד און אַמעריקע. איי — נאָך דער פאַרניכטונג וועט זיך דאָך דאָס געשטאַרקטע דייטשלאַנד וואַרפן מיט נאָך אַ גרעסערן כּוח אויף ענגלאַנד — בלייבט דאָס טאַקע אַ קשיה. איך ווייס וועגן אַ פאַל ווען אַ פרוי דערגייט יעדן אינדערפרי [די יאָרן] איר מאַן הלמאי ענגלאַנד שווייגט. דער מאַן באַווייזט מיט אותות ומופתים, אַז ער איז דערין נישט שולדיק. דאָס העלפט אָבער גאָרנישט — די פרוי דערגייט דעם מאַן די יאָרן. הגם אַלע, סיי די אָפּטימיסטן, סיי די פּעסימיסטן זײַנען איבערצייגט, אַז דייטשלאַנד וועט פאַרשפּילן, האָט זיך אָבער ביי אַ טייל דערוועקט דער ספק אפשר דאָך, דעראָבערנדיק די אינדוסטרי־צענטערן וועט דייטשלאַנד דאָך באַהערשן די וועלט. אַזעלכע, וואָס גלויבן אין דעם איז אָבער דאָ ווייניק, ווייל דערפון וואָלט מען דאָך געדאַרפט ציען די געהעריקע קאָנסעקווענצן: קאָלעקטיווע זעלבסטמאָרד.

אין די לעצטע טעג פון סעפּטעמבער און די ערשטע טעג אָקטאָבער האָט די יידישע עפנטלעכקייט אין וואַרשע אויפגעצייטערט די פראַגע פון קליינעם געטאָ, ד. ה. גאַסן פון כלאָדנע אויף דרום צו. אין דעם קליינעם געטאָ וווינען 110 טויזנט יידן, דערפון אַ טייל זייער אָרעמע אויף שליסקע, קראָכמאַלנע, פּאַנסקע א. א., פאַר וועלכע דאָס איבערציען וואָלט געווען

---

297) דער וועד ההצלה (רעטונגס־קאָמיטעט), דער וועלט־קאָנגרעס, יידישע אַגענץ, דזשוינט, אַרבעטער־קאָמיטעט און אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס פון אויסלאַנד האָבן געשיקט די פּעקלעך צו. א. אויך דורך דעם נייטראַלן פּאָרטוגאַל.

אַ פולשטענדיקער עקאָנאָמישער חורבן. דערצו האָט מען געזאָלט געבן קריסטלעכע גאַסן (פאַרלענגערונג פון כלאָדנאַ, לעשנאָ, וואָלנאָשטש, זשיטניא א. א.), אין וועלכע עס וווינען בסך הכל 35 טויזנט מענטשן. מיט אַנדערע ווערטער, דאָס איבערגעפּלטע געטאָ וואָלט נאָך מער פאַרגעדיכטערט געוואָרן און ממילא וואָלטן די עפּידעמיעס זיך נאָך מער פאַרשפּרייט ווי ביז איצט. מיט איין וואָרט: דאָס ליקווידירן די קליינע געטאָ — וועלט וואָלט געווען אַ ווירטשאַפטלעכער און סאַניטאַרער חורבן.

וואָס האָט באַוויגן צום געדאַנק פון ליקווידירן דאָס קליינע געטאָ? ערשטנס, די פראַגע פון שמוגל. מען וויל, אַז די יידישע הייזער זאָלן גרענעצן זיך מיט די קריסטלעכע נאָר אין מיטן גאַס און נישט דורך שכנותדיקע הייזער, וואָס דערמעגלעכט דעם שמוגל, ווי למשל אויף דער שוין באַרימטער קאָזשלע־גאַס. דער זין איז אַלזאָ נאָך מער צו איזאָלירן די יידן פון די אַריער. פון דער גרויסער סכנה איז דערווייל געבליבן ביי דער עוואַקואירונג פון דער שעננאַ גאַס. די דאָזיקע גאַס איז פאַראַיאָרן אויך געווען באַדראָט. דעמאָלט איז געלונגען אויסצוקויפן מיט אַ סומע פון 4 קילאָ גאָלד (ווערט פון 200 טויזנט זלאָטעס) לטובת ווינטער־הילף. די סומע האָבן איינגעצאָלט אַלע לאָקאַטאָרן און סובלאָקאַטאָרן. דאַמאָל איז אָבער נישט געלונגען. די נעאָפּיטן־אַליי[298] איז אַרויסגעפאַלן פון געטאָ. אויף דער שעננאַ גאַס געפינט זיך אַ ריי מאָדערנע, שיינע הייזער מיט צענטראַל־באַהייצונג. בכלל איז שעננאַ גאַס געווען די גאַס פון דער יידישער אַריסטאָקראַטיע. [אַ] ברייטע גאַס, גוטע לופט, ווייניק אָרעמקייט, ווייניק בעטלער, ריין געהאַלטן — ממש אַן אינדזל אין געטאָ. אין אָוונט האָט איר געקענט זען אויסגעמאָלענע עלעגאַנטע דאַמעס מיט הינטלעך זיך רואיק שפּאַצירן — אַזוי ווי קיין מלחמה וואָלט נישט געווען. מען האָט דאָ נישט געזען די ענגשאַפט, דעם הו־האַ, די נערוועזקייט פון דעם געטאָ. מיט איין וואָרט — אַן אינדזל פון רואיקייט, רחבות און פאַרמלחמהדיקייט אין געטאָ. מען האָט געלאָזן אַ גאַנץ קורצן טערמין (ביזן 5־טן אָקטאָבער) אויף איבערציען זיך אין געטאָ. קיין נייע הייזער האָט מען נישט צוגעגעבן פאַר די 6.000 איינוווינער פון דער אום־זייט פון דער שעננע גאַס. מען האָט אַלץ געמעגט מיט זיך מיטנעמען. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ הילפס־ארבעט פאַר די איבערזידלער .די קהלה און די שעננע גאַס (רעשט פון דעם פאַראַיאָריקן געלט) האָבן ערטיילט 27 טויזנט זלאָטעס שטיצע — פאַר די אָרעמסטע. אַלע וואָס האָבן זיך געווענדעט האָבן באַקומען שטיצע. אַ שווער פּראָבלעם איז געווען מיט די טיפוס־קראַנקע. עס איז געווען אַ שווערע זאַך זיי איבערצופירן. עס זיינען געווען אייניקע פאַלן פון זעלבסטמאָרדן, ווייל אַ טייל האָט צוליבן איבערציען זיך פאַרלוירן פרנסה.

די סכנה איז אָבער נאָך נישט פאַרשוווּנדן, מען רעדט איצט וועגן נייע ענדערונגען אין די גאַסן. עס זאָלן אין הסכם מיטן אויבן־געזאָגטן אָפּפאַלן:

---

298) שעננאַ־גאַס.

עלעקטאָראַלנע אום־זייט, אַלע גאַסן אויף מערב פון זשעלאַזנע מיט אום־זייט פון כלאָדנע, אַלע גאַסן פון באַניפראַטערסקא אַראָפּ, טלאָמאַצקע — דאָס אַלץ צוזאַמען מאַכט אויס 55 טויזנט איינוווינער און דערויף לייגט מען פאַר הייזער מיט 8 טויזנט איינוווינער. דער האַמאַקלעס־שווערד פון איבערזידלונג הענגט ווייטער איבער דער יידישער באַפעלקערונג ווי פאַר־אַיאָרן. שטענדיק, ווען עס האַלט פאַר ווינטער שווימט אויף די פראַגע פון איבערזידלונג. דאָס דריטע מאָל באַקומט די וואַרשעווער יידישע באַפעל־קערונג אַ מתנה אויף די ימים־נוראים — פאַר 2 יאָר די באָמבאַרדירונג ספּעציעל פון יידישן וווין־פירטל[299], פאַראַיאָן דאָס געטאָ און הײַ־יאָר דאָס קליינע געטאָ.

די סאַניטעט־מאַכט (ד״ר האגען) איז געווען קעגן דער ליקווידירונג פון קליינעם געטאָ. אין אַ מעמאָריאַל אָנגעוויזן, אַז דאָס דאָזיקע קען האָבן אַ שלעכטע ווירקונג אויף דעם סאַניטאַרן מצב.

די וואַרשעווער יידן האָבן אויף אַ געמיינעם אופן אויסגענוצט די מעשה שעננע. מען האָט פאַרלאַנגט פאַר אַ צימער 150 און 200 זל. און דאָס פאַר אַ גאַנצע ריי חדשים פאָרויס. דער קוואַרטיר־אַמט האָט אַ סך איבער־זידלער אַרײַנגעזעצט אין געוויסע דירות.

אָקטאָבער 1941 [300].

צוויי בעטלער־קינדער זענען געזעסן אין גאַס און געטראָגן אַן אויפ־שריפט „ס. אָ. ס.״. מען מוז מודה זיין, אַז דאָס איז דאָס פּשוטסטע און ריכטיקסטע, וואָס האָט געקענט געטאָן ווערן אין דער פראַגע — די ריכ־טיקסטע לעזונג.

האַנדל מיט באַנעס איז איינס פון די טרויעריקסטע דערשיינונגען אין געטאָ. די אַדמיניסטראַטאָרן און די געוועלבער זענען די פּיאַווקעס, וואָס נוצן אויס די סיטואַציע פון די אָרעמעלייט, וועלכע האָבן נישט קיין געלט אויף צו קויפן ברויט און קויפן ביי זיי אָפּ אַ טייל ברויט־באַנעס און די גאַנצע צוקער־באַנעס. בכלל איז דער האַנדל מיט באַנעס פון פאַרשטאָר־בענע, גרויסגעפאָרענע אַ גאַנץ גוט געשעפט פאַר געוויסע עלעמענטן, באַ־זונדערס די אַדמיניסטראַטאָרן. דאָס זענען היענעס פון ערגסטן סאָרט. אַזוי ווי נישט אַלע אָרעמעלייט באַקומען אומזיסטע טאַלאָנען, פאַרקויפן אַ טייל זייערע באַנעס פאַרן באַקומען אומזיסטע טאַלאָנען. אַזוי ווי דער אָרעמער פויער פאַרקויפט די תבואה נאָך אויפן פעלד.

---

299) די גרעסטע באָמבאַרדירונג פון יידישן וווין־ראַיאָן בעת דער באַלאַגע־רונג פון וואַרשע אין סעפּטעמבער 1939 איז פאָרגעקומען ערב ראש השנה.

300) קאָפּיע איבערגעשריבן דורך בלומע וואַסער.

דעם 23 אָקטאָבער איז געשטאָרבן שמואל לעהמאַן[301]. געאַרבעט ביז צום לעצטן מאָמענט. געזאַמלט אַ סך מלחמה־פֿאָלקלאָר. אויף דער לויה האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן די פֿאָרשטייער פֿון יידישן וואַרשע. כאַראַקטע־ריסטיש, אַז זיין לויה האָט זיך צוזאַמענגעטראָפֿן מיט דער לויה פֿון איי־נעם פֿון זיינע העלדן: בערל חזיר, וואָס האָט אים דערציילט אַ סך מעשיות. בערלס לויה איז אָבער געווען אַ סך אַ גרעסערע ווי לעהמאַנס. דער פּרע־זעס טשערניאַקאָוו, צו וועמען מען האָט זיך געווענדעט וועגן אַן אומזיסטער קרקע, האָט נעבעך נישט געוווּסט ווער לעהמאַן איז. ער ליגט אין דער לי־טעראַרישער אַלעע, נעבן י. מ. וויסענבערגן.

די לובלינער קהלה האָט זיך געווענדעט וועגן אַ דערלויבעניש אויף אַן אימפּרעזע, האָט די מאַכט אָפּגעזאָגט — האָט זיך די קהלה פֿאַררופֿן, אַז אין וואַרשע זענען אימפּרעזן דערלויבט. דערויף האָט די מאַכט געענט־פֿערט: — מיר קענען אייך דערלויבן דערויף, אָבער בתנאי, אַז אין לובלין זאָל זיין אַזאַ פֿאַרמאַכט געטאָ ווי אין וואַרשע. מען האָט, נאַטירלעך, גע־דאַנקט פֿאַר דער טובה. בעסער אַן אָפֿענער געטאָ אָן אימפּרעזעס, איידער אַ פֿאַרמאַכטער מיט אימפּרעזעס.

הײַ־יאָר ראש־השנה האָט מען געכאַפּט צו אַרבעט. יידישע מוסרים האָבן אַראָפּגעבראַכט זעלנער אין מניינים און דאָרט האָט מען זיך פֿאַר געלט געקאָנט אויסקויפֿן.

געפֿייערט געוואָרן מיט וויין און טאָרט די 25־יעריקע חתונה פֿון ר׳ יצחקל[302]. ער האָט דערציילט זכרונות פֿון זיין יוגנט. ער פֿאַרדאַנקט זיין אַנטוויקלונג די צייט פֿון אויפֿברויז — דאָס איז געווען זיין וויכטיק־סטער שאַנס אין לעבן. פֿון פֿאָטער האָט ער געירשנט די געזונטע קערנדי־קייט, וואָס קלינגען ווי פֿאַנטאַסטישע מעשיות, צווישן אַנדערן, ווי אַזוי ער האָט אין טאָרנע צוזאַמען מיט זיינע חברים איבערגעטראָגן אַ פּויערטע וואָס האָט געהאַט אַ סטראַגאַן און גענעכטיקט אין מאַרק — אין מיט פֿון אַ וואַסער און ווי אַזוי ער האָט צוזאַמען מיט זיינע חברים אויסגעקוקט צווישן די קזשאַקעס ווען די פּויערטע וועט זיך אויפֿכאַפּן פֿון בייזן חלום.

געהערט פֿון אַ גאַנץ זיכערער קוועלע, אַז דאָס 13־טל האָט פֿאַר דער מלחמה מיט רוסלאַנד געטאָן אַ שפּיאָנאַזש־דינסט לטובת דייטשלאַנד. דער־מיט דערקלערט זיך אפשר די גנאַד, וואָס זיי האָבן געפֿונען אין די אויגן פֿון געסטאַפּאָ.

עס מערקט זיך אַ געפֿערלעך אָפּשוואַכן פֿון רחמנות־געפֿיל. מען גייט אַדורך די גאַסן און מען זעט קינדער דאַרע ווי שקעלעטן, באָרוועסע און

[301] שמואל לעהמאַן (1886 — 1941), יידישער פֿאָלקלאָריסט, מחבר פֿון פֿאָלקלאָר־זאַמלונגען „אַרבעט און פֿרייהייט“, „ליבע־לידער פֿון גנבים“ א. א. זיינע רייכע פֿאָלקלאָר־זאַמלונגען, וואָס ער האָט געהאַט אין וואַרשעווער געטאָ, זענען פֿאַרלאָרן געגאַנגען.

[302] ד״ר יצחק שיפּער.

נאָקעטע, וואָס שטעקן אַרויס זייערע בלויע, פאַרפרוירענע פיס און קיינעם אַרט דאָס נישט. מענטשן זענען געוואָרן ווי שטיינער. אַ ייִד, וואָס איז געוועזן אויף יענער זייט, האָט מיר איבערגעגעבן, אַז גאַנץ פרעמדע פּאָ־לאַקן האָבן אים פאַרהאַלטן אין גאַס, און געמאַטערט הלמאַי דערלאָזן דערצו ייִדן, אַז דאַרע, באָרוועסע קינדער זאָלן אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט און דאָרט אַרויסגיין בעטלען. ווי שעמען זיך נישט ייִדן, ווי דער־לאָזן זיי דערצו?

קאָנפיסקאַטע פון פעקלעך אין אָקטאָבער

אין די לעצטע צוויי חדשים פּאַסירט פון צייט צו צייט, אַז מען נעמט צו צו עטלעכע טויזנט פעקלעך פון פּראָווינץ, אָבער אויך פון אויסלאַנד. די סיבה זאָל כלומרשט זיין דער שמוגל, וואָס ווערט געפירט אויף דעם אופן. עס בלייבט אָבער אַ קשיה הלמאַי נעמט מען צו די פעקלעך אויך פון אויסלאַנד, וואָס קומען אָן אין קליינע קוואַנטומס?

אין געטאָ זענען טעטיק מעדיצינישע קורסן, וואָס ווערן אָנגעפירט דורך די אוניווערסיטעטס־פּראָפעסאָרן הירשפעלד און צווייבוים[303]. די קורסן פאַרטרעטן דעם אוניווערסיטעט. די סטודענטן אַרבעטן אין פּראָ־סעקטאָריום.

עס ווערט דערציילט אַ וויץ. אַ קימפּעטאָרן גייט שווער צום קינד. עס העלפן נישט קיין שום מיטלען. ווי נאָר די מענטשן גייען אַרויס פון שטוב קריכט אַרויס אַ ייִנגעלע און פרעגט די מאַמע: מאַמעשי, מען קען שוין אַרויס, מען כאַפּט נישט?

שמד־פאַלן קומען פאָר און דאָס גאַנץ אָפט. אין הושענא רבא האָבן זיך איבער 50 מאַן געשמדט (ידיעות פון קהלה). די סיבה: „קאַריטאַס" זאָרגט פאַר די משומדים. די האָפנונג אויף דעם, אַז די משומדים וועלן קענען אַרויס פון געטאָ. — מען האָט אַפילו גערעדט וועגן אַ משומדים־געטאָ אין זשאָליבאָזש. טראָץ דעם אַלעם איז עפּעס אַ פּסיכאָפּאַטאָלאָגישע דערשיינונג, סיידן ווי מען זאָגט אין וויץ: ווילסט באַקומען אַ פּאָסטן אין קהלה — טאָ שמד זיך אָפּ.

אומלעגאַלע פוילישע ליטעראַטור ווערט צו ביסלעך פאַרשפּרייט אין געטאָ. די אַריינברענגער זענען אַ טייל פוילישע פּאַטריאָטישע פּאָליציאַנטן, גאַסן־קערער, מען זאָגט אויך, אַז די פּ. אָ. וו. האָט אירע אָנהענגער אין געטאָ, וועלכע אַנטוויקלען אַ טעטיקייט, אָבער צווישן אַ באַגרענעצטן טייל באַפעלקערונג. פאַראַן פּאַשיידענע פוילישע שטיקער־[?]מטן. אַ טייל זע־נען לאָבוזעס, טוען אָפּ אין ייִדישע דירות, וואָס דאָס האַרץ גלוסט. זיי האָבן

303) דאָצענט יוליאַן צווייבוים (1887—1960), היסטאָלאָג, נאָך דער באַ־פרייונג פּראָפעסאָר פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט און מיטגליד פון פוילישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

רעכט צו מאַכן פּערזענלעכע רעוויזיעס און צונעמען דאָס געלט. זיי מאַכן נישט קיין אונטערשייד צווישן דעם לאָקאַטאָר און סובלאָקאַטאָר. אַלע, וואָס געפינען זיך אין דער דירה זענען סאָלידאַריש פאַראַנטוואָרטלעך. מען נעמט צו זאַכן, מען שלאָגט און מען הרגעט. פאַראַן הייזער, ווו זיי מאַכן פּשוט פּאָגראָמען. פאַראַן אָבער אײדעלע פּאַטריאָטן, וואָס גיבן עצות ווי אַזוי נישט צו צאָלן, כדי נישט צו פאַרגרעסערן די הכנסות פון דייטשלאַנד.

אויך פּאַוויע איז פאַראַן אַ גרופּע אַפּעריסטן, וואָס באַקומען פון די דאָרטיקע וואַלוטע־הענדלער וואָכן־געלט, וואָס מאַכט אויס 50, 100 און אַפילו 200 זל. אַ וואָך. די אַפּעריסטן זענען שותפים מיט דייטשן, וועלכע קומען מאָנען דאָס געלט פון די, וואָס האַלטן זיך אָפּ פון צאָלן עס.

וואַרשע, אָקטאָבער 1941. געהערט פון אַ געקומענעם פון אָסטראָוויעץ, אַז די יידן זענען דאָרט באַשעפטיקט דורך דייטשן אין גרויסע פאַבריקן. אין דער אַמוניציע־פאַבריק פון סטאַראַכאָוויצע אַרבעטן 600 יידן, וועלכע באַקומען אויסער לוין — שפּייז־דעפּוטאַטן. דאָס זעלבע איז אין אָסטראָוויעץ, ווו יידן זענען טעטיק אין די פאַבריקן.

דער חודש אָקטאָבער איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון ווייטערדיקער איבערזידלונג. דאָס מאָל איז געקומען די ריי אויף די גאַסן פון דער יידי־שער אָרעמקייט קראָכמאַלנע (כמעט די גאַנצע גאַס, אויסער אַ קליינעם טייל), צווישן אַנדערע די גרויסע פּאָלקס־שול קראָכמאַלנע 36 און אויך די לעצטע נומערן פון אָגראָדאָווע, גאַנץ כלאָדנע. דער צוועק איז אַ קלאָ־רער: אָפּשאַפן דעם שמוגל. אַזוי מאַכן דאָס יידישע געטאָ, אַז די גרענעצן זאָלן זיך ציען דורך די גאַסן און נישט איין הויז זאָל זיך גרענעצן מיט אַ קריסטלעך. די איבערזידלונג האָט אַרומגענומען אַן 18 טויזנט מענטשן. זי איז אַדורך רייבונגסלאָז. זי האָט נישט אָנגעטראָפן אויף קיין ספּעציעלע מניעות. דער עולם האָט אויספאַרקויפט, וואָס ער האָט נאָר געהאַט און זיך איבערגעצויגן אין דער צייט. די אָרעמקייט פון אַנדערע גאַסן האָט גאַסטפריינטלעך אויפגענומען זייערע ברידער פון קראָכמאַלנע, אַזוי, אַז די קהלה און דער זש. טאָ. ס., וואָס האָבן זיך פאַרנומען דערמיט האָבן געהאַט ווייניק צו טאָן. בס״ה אַ 200 — 300 מענטשן זענען געגאַנגען אין די פּונקטן. די פּרייזן פון טראַנספּאָרט מיטלען זענען געווען הויכע. אַ וועגעלע האָט גע־קאָסט 80 — 100 זל. כאַראַקטעריסטיש, אַז אין געטאָ האָבן זיך לעצטנס באַוויזן וועגנס, איינגעשפּאַנט מיט מענטשן. דער חשבון איז אַ פּשוטער: אַ פערד אויסהאַלטן קאָסט 80 זל. אַ טאָג, בשעת אַ מענטש נאָר 20 זל. אויך בשעת דער איבערזידלונג האָט מען געזען אַ סך וועגן אָנגעלאָדן מיט מעבל, איינגעשפּאַנטע מיט מענטשן. די גנבים האָבן בשעת דער אַקציע אָפּגעטון מעשים, זיי האָבן געריסן פּעקלעך פון די הענט, אונטערגעשטעלט די פיס די וועגעלעך, איבערגעקערט זיי און צוגענומען די זאַכן. ביי אַ טייל מענטשן האָבן זיי צוגענומען דאָס לעצטע. די איבערזידלונג פון זשעלאַזנע

און די גאַסן אויף רעכטס איז נאָר אַן אָנהויב פון דער ווייטערדיקער איבערזידלונג, וועלכע וועט אַרומנעמען טלאָמאַצקע, רימאַרסקע, עלעקטאָראַלנע און איניקע גאַסן פון דער אָרעמקייט, ווי: נאָוויניאַרסקע, פראַנטשישקאַנער, סאַפּיעזשינסקע. ביידע איבערזידלונגען — — [304]

אָנהויב נאָוועמבער 1941 [305].

קיין באַראַנאָוויטש זענען די דייטשן אַריין אויפן 5־טן טאָג מלחמה, ד. ה. ד.[עם] 27־טן יוני 1941. קיין קאַמפּן צוליב דער שטאָט זענען נישט פאָרגעקומען. די ערשטע עטלעכע טעג, ווען ס'איז נאָך געווען די בלויזע מיליטערישע פאַרוואַלטונג, איז נאָך געווען פאַרהעלטניסמעסיק צו דער־טראָגן. אָבער שוין אין די ערשטע טעג יולי איז די לאַגע געוואָרן זייער שווער — ווי אומעטום.

אָנהויב אויגוסט האָט זיך דער מיליטערישער וועטערינאַר־דאָקטאָר גע־וואָנדן (צו דער קהלה, מסתמה) וועגן צושטעלן אים 32 יידן אויף צו קאָנ־וואָירן פערד קיין ראַדאָם — ווייזט אויס, אַז דאָרט איז אַ פערד־לאַזאַ־רעט. מ'האָט די 32 יידן צעטיילט צווישן אַ געוויסער צאָל פערד, פאַרלאָדן אין בהמות־וואַגאָנען און אַריבערגעשיקט קיין ראָדעם. אויפן וועג האָט מען זיי, ד. ה. די יידן, געגעבן פאַרהעלטניסמעסיק נישט שלעכט צו עסן און קיין ספּעציעלע נגישות נישט אָנגעטון.

אָנגעקומען קיין ראָדעם האָבן זיי די פערד צוגעשטעלט אין אָרדנונג, וואָס דער מיטפאָרנדיקער לייטענאַנט־וועטערינאַר האָט בפירוש אונטערגע־שטראָכן. ער איז מיט די 32 מאַן אַוועק אין דער יידישער גמינע אין ראָ־דעם און, אַלס אָנערקענונג פאַר זייער גוטער אַרבעט, געהייסן אויסשטעלן פאַר יעדן פּאַסירשיינען, וווהין יעדער וויל.

פאַר אויסשטעלן אַ פּאַסירשיין נעמט די ראָדעמער קהלה, בדרך כלל, צו — — — זלאָטעס. דאָ איז קיין געלט, פאַרשטייט זיך, נישט געווען. די 32 האָבן אָבער פאַרלאַנגט דורכויס מען זאָל האָנאָרירן דעם אָפּיצירס אָ[נזאָג]. ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז ס'איז געקומען צוליב דעם צו אַ שאַרפערן ווערטער־אויסטויש צווישן די באַראַנאָוויטשער יידן און דער גמינע. למען האמת דאַרף מען באַמערקן, אַז דער פרעזעס (גלאָזער? וואַ־סער?) [305א] איז גראָד געווען אין אָטוואָצק אויף דאַטשע. דאָס, וואָס ווערט דאָ ווייטער באַשריבן איז געשען אויסשליסלעך מיטן וויסן און אפשר איניצ־יאַטיוו פונעם אַמטירנדיקן וויצע־פרעזעס (נאָמען אומבאַקאַנט).

---

304) דאָ רייסט זיך דער טעקסט איבער א נישטפאַרענדיקטער.

305) מאַשין=קאָפּיע.

305א) די צווייטע נעמען זענען נישט באַקאַנט. פאָרזיצער פון ראַדאָמער יודענ=ראַט איז געווען דיאַמענט, זיין פאַרטרעטער — אברהם מערין.

מ'האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די געלע [306] און געמאָלדן, אַז ס'זענען דאָ פאַראַן 32 בישט אַרטיקע יידן, פאַר וועלכע מען איז נישט פאַראַנטוואָרטליך. יענע זענען געקומען, פאַרהאַלטן אַלע, אַרויסגעפירט אין אַ דאָרף הינטער ראַדעם, געהייסן אויסגראָבן אַ גרויסן גרוב און — דער־שאָסן.

פון דער גאַנצער גרופּע איז 2 פּאַרשוין געלונגען אַנטקומען צו ווערן.

גע‌שר. אַנהייב נאָוועמבער 1941.

דעם 28־טן אָקטאָבער 1941 איז איבער אַלע דירות פון ביידע הייף אויף דזשעלנע 93 (אַן ערך 2.000 לאָקאַטאָרן) אַרומגעגאַנגען אַ יידישער פּאָליציאַנט און געמאַכט פּראָטאָקאָלן פאַר כלומרשט ברענען ליכט בשעת דעם לאַפּ־דיזשור. ווען, ווו — האָט ער נישט געזאָגט, אַלע טענות, אַז: 1) ס'איז שויך זינט העכער אַ וואָך נישטאָ קיין עלעקטריע, און 2) אין דעם רוב שטובן צינדט מען בכלל נישט אָן קיין ליכט, אַז 3) די פענצטער זענען פאַרהאַנגען מיט גראָבע געווענטער אָדער פאַרקלעפּט מיט שוואַרץ פּאַפּיר א. א. וו. — די אַלע טענות האָבן נישט געהאָלפן, ווער ס'האָט אים נישט געגעבן אין דער האַנט אַריין עטלעכע גילדן (5־ער האָט ער אויך גענו־מען) — דאָרט זענען פאַראַן פּראָטאָקאָלן פאַר האַלטן ליכט. די מערהייט לאָקאַטאָרן האָבן אים נישט געגעבן קיין געלט.

די שטראָף באַטרעפט 55 זלאָטעס.

דעם נומער פונעם פּאָליציאַנט האָט מען נ י ש ט פאַרנאָטירט.

געשר. אַנהייב נאָוועמבער 1941

צו די פּאָפּולערע מיטאַרבעטער מיט די געלע געהערן: אַנדערס (אַ פּאַ־מיליע־נאָמען, אַדרעס אומבאַקאַנט) און מיליעק (פאַרנאָמען, פאַמיליע־נאָ־מען אומבאַקאַנט).

אַנדערס איז עס דער פאַר דער מלחמה פּאָפּולערער באָקסער (פון מכבי, צי „גוויאַזדאַ" [307], אַ זון פון באַקאַנטן טרעגער אַנדערס — לעצטנס געווען פון די הויפּט־פירער פון פּראַקישע [308] טרעגער. מיליעק וווינט אויף פּאַנס־קע 52, איז מיטגליד פונעם הויז־קאָמיטעט.

ביידע גייען אַרום אָן לענטעס.

---

306) געסטאַפּאָ, אָדער זשאַנדאַרמעריע

307) אנדערס איז געווען א באָקסער פון „מכבי". און נישט פונעם אַרבע־טער־ספּאָרט־קלוב (פון לינק־פּועלי־ציוניסטישער ריכטונג) „גוויאַזדאַ". פון „גוויאַזדאַ" האָט געשטאַמט דער באָקסער שעפּסל ראָטהאָלץ, וועלכער איז געווען אן אָרדענונגסדינסט־מאַן.

308) די יידישע טרעגער, וואָס האָבן געהערט צום פּראָפאַריין פון די פּראַ־קעס, ד. ה. פון א. ג. פּ.פּ.ס. רעוואָלוציאָנערע פראַקציע — א רעכטע, פּילסודסקי־אָריענטירטע אָפּשפּאַלטונג פון פּ.פּ.ס. (פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי).

סוף 1940 זענען ביידע געווען פאַרשיקט אין אָשוויענטשים, האָבן זיך אָבער „רעהאַביליטירט” און צוגעזאָגט גרויסע זאַכן. זיי אָפּערירן אויס־שליסלעך אויפן פּאָליטישן געביט, פאַרשיטן בלויז פּאָליטישע טוער.

אַנדערס האָט אַ שוואָגער, פּעפּערמאַן, אַ יידישן פּאָליציאַנט פון 2־טן רעוויר (קראָכמאַלנע 32). איז שוין דאָרטן אָפּגעשמועסט, אַז פּעפּערמאַן זאָל גיין אויף די בעסטע „מעטעס”, וווּ מען פאַרדינט בעסער. פּעפּערמאַן טראָגט אַ היטל מיט אַ בענדל, ד. ה. ער האָט אַ בילדונגס־צענז און 2 „טשוועקעס”. ער זאָל זיין אַ גרויסער לא יוצלח און אַ טעמפּער קאָפּ. ער פאַרדינט זייער שיין, ווייל ער קריגט צוגעטיילט די מער פּרנסהדיקע וואַכן א. א. וו. אומעטום האַלט ער די אַלגעמיינע קאַסע.

געשר. אָנהייב נאָוועמבער 1941.

קאָמיסאַר פון 2־טן קאָמיסאַריאַט אויף קראָכמאַלנע 32 איז אַ געווי־סער — — יישמאַן[309] פון גאַליציע, אַ משומד. ער הייסט זיך רופן נישט אַנדערש ווי אָדער „נאַטשעלניק” אָדער „קאַפּיטאַן”. ווי זיינע אונטערגע־אָרדנטע גיבן איבער איז ער אַ גרויסער ריגאָריסט. האַלט זיי אַלע זייער קורץ. 4 פּאָליציאַנטן האָט ער געלאָזט פאַרשיקן קיין אָשוויענטשים.

געשר. אָנהייב נאָוועמבער 1941.

דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער תפיסה אויף זאַמענהאָף 19 איז יאַסעלע ערליך. פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ קאָמבינאַטאָר און כוח־גייער. געאַרבעט אומגעבער אין 1936 ביי פאַלש געלט. (מעגלעך, אַז ער איז געווען אין בעריעזע — מען דאַרף עס נאָך אויספאָרשן). נאָך דעם, ווי די דייטשן האָבן איינגענומען וואַרשע און די קרימינעלע פּאָליציי האָט זיך גענומען צו ליקווידירן די קרימינעלע, דער עיקר יידישע עלעמענטן, איז אויך יאַסעלע ערליך אַרעסטירט געוואָרן און ארויסגעשיקט קיין אָשוויענטשים. ווייזט אויס, אַז ער האָט גענומען אויף זיך געוויסע פאַרפליכטונגען, ווייל מ'האָט אים פאַרהעלטנישמעסיק גיך אַרויסגעלאָזט. ער איז דאַן געפאָרן אויף פּראָווינץ און אָרגאַניזירט 3 אָדער 4 פאַבריקן פון פאַלש געלט (איינס הינטער וואַרשע), וועלכע ער האָט דערנאָך אַרויסגעגעבן.

זינט יוני (אָדער יולי) היי־יאָר איז ער קאָמענדאַנט פון דער יידישער תפיסה. ווי ס'דערציילן יודעי־חן, איז ער — להיפוך צו אַנדערע מענטשן פון דעם טיפּ — דווקא א מענטש מיט אַ בפירוש שלעכטן כאַראַקטער, מיט דעספּאָטישע נייגונגען. זיינע אונטערגעוואָרפענע ציטערן פאַר אים אימת־מות.

געשר. אָנהייב נאָוועמבער 1941.

---

309) אלבין פלײשמאַן, געוו. קאַפּיטאַן פון פּוילישן מיליטער, קאָמענדאַנט פון דער רעזערוו פון אָרדענונגס־דינסט פון וואַרשעווער געטאָ; געפאַלן פון א קויל פון די יידישע אויפשטענדלער אין אַפּריל 1943.

מען דערציילט, אַז אין דער צווייטער העלפט אָקטאָבער זאָל האָבן געשען אַט־וואָס: צום דירעקטאָר פונעם טעאַטער אין דער פּוילישער שפּראַך אויף נאָוואָליפּקי 52 (זאָל זיין אַ משומד, דער נאָמען אומבאַקאַנט. דער הויפּט־אַקטיאָר איז דער פּאָפּולערער מיכאַל זניטש, אויך אַ משומד) זענען געקומען 6 יידן, זיך אויסלעגיטימירט ווי אָפיציעלע מיטאַרבעטער פון די געלע און פאַרלאַנגט 1.000 זלאָטעס, אַנישט וועלן זיי אים פאַרשיקן.

נאָך אַ לאַנגע שקלא־וטריא איז אָפּגעשמועסט געוואָרן, אַז מען גייט אַריין אין אַ קנייפּע און דערוויל וועט מען מאַכן אַ כוסה.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט, און פאַר דער קנייפּע איז פאַרפאָרן אַן אויטאָ מיט אוניפאָרמירטע געלע. איידער וואָס ווען, האָבן זיי געשמידט אין קייטן און דווקא די 6 פאַרשוינען. דערנאָך האָט מען מיטן דירעקטאָר געמאַכט אַ שפּאָר ביסל כוסות און אָוועקגעפירט די 6 אַרעסטאַנטן.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז ע ר גאָר געווען דער אמתדיקער „חברה־מאַן". אומבאַמערקט האָט ער אָנגעקלונגען נאָך די געלע, וועלכע זענען טאַקע צו דער מינוט אָנגעקומען.

לויט ווי מען גיט איבער, זאָל מען וועגן דעם ווייטערדיקן גורל פון די 6 האָבן אַזוי געמאָלדן: מען וועט זיי האַלטן אַ 2 חדשים אין פּאַוויאַק און דערנאָך אַוועקשיקן קיין אָשוויענטשים — „נאַ זאַגלאַדען"[310] (אַזוי זאָל מען האָבן בוכשטעבלעך געזאָגט דער פרוי פון איינעם פון זיי).

געשר. אָנהייב נאָוועמבער 1941.

1 — 10 נאָוועמבער 1941.

אין דער ערשטער דעקאַדע פון נאָוועמבער 41 איז אַרויס אַ פאַראָרדנונג וואָס דראָט מיט טויט־שטראָף פאַר יידן, וואָס וועלן אַרויס פון געטאָ אָן פּאַשפּאָסטקעס[311]. דאָס האָט אונדז איבערגעלאָזט פראַנק[312] בשעת זיין לעצטן באַזוך אין וואַרשע. די פאַראָרדנונג האָט געהאַט אַ שטיקל ווירקונג אויף די געשטאַלטונג פון די פרייזן, אָבער נישט קיין צו גרויסע. — דעם 8 נאָוועמבער זיינען אין גאַס (אַזוי זאָגט מען) אָן אַ ספּעציעלן געריכט דערשאָסן געוואָרן 2 יידן: איינער פון זיי דער באַקאַנטער קינאָ־אייגנטימער לעהמאַן (אויפן טעאַטער־פּלאַץ), אַ צווייטער ייד אויפן הויפּטבאַנהויף. איצט זיינען 8 יידן, דערונטער 6 פרויען איבערגעגעבן געוואָרן צום דערשיסן דער יידישער פּאָליציי. דער קאָמיסאַר פון געטאָ אוערסוואַלד פאַרלאַנגט

310) פּויליש: אויף פאַרניכטונג.

311) לויט דער פאַראָרדענונג פונעם גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק פון 15 אָקטאָבער 1941 האָט אַ ייד פאַר אַרויסגיין פון געטאָ אָן אַ דערלויבעניש געדראָט טויט־שטראָף.

312) אין אָקטאָבער 1941 האָט פראַנק באַזוכט וואַרשע און אָפּגעהאַלטן מיט די אָפּטיילונגס־לייטער פונעם דיסטריקט־אַמט אַ קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס האָט וועגן געטאָ רעפערירט דער דיסטריקט־באַאמטער מאַקס בישאָף.

דורכאויס, אַז די ייד[ישע] פּאָליציי זאָל בילדן אַן אייגענעם עקזעקוציע־פּלוטאָן, וואָס זאָל אין דער ייד[ישער] תּפיסה אויף זאַמענהאָף אויספירן דעם אורטייל. שערינסקי, דער משומד, וואָס האָט יעדן זונטיק אין קירך און איז באַקאַנט אַלס גרויסער כאַבאַרניק, האָט שוין מסכּים געווען דערויף, ווען מען האָט אים געדראָט פאַרן אָפּזאָגן מיט שיסן. דאָס וואָלט געווען אַ שווידערלעכע זאַך ווען יידן וואָלטן אַליין געדאַרפט זיין די תּליינים! אגב זיצן פאַר דעם זעלבן חטא א 100 יידן, איבער וועלכע עס הענגט די מורא פון טויט־שטראָף.

די עפּידעמיע פון טיפוס איז אַ ביסל קלענער געוואָרן, גראַד אין ווינטער, ווען די עפּידעמיע שטאַרקט זיך געוויינלעך, איז זי באַדייטנד פאַרקלענערט געוואָרן. די עפּידעמיע איז געפאַלן מיט אַ 40 פּראָצענט. דאָס האָב איך געהערט פון די אַפּטייק, דאָס זעלבע פון דאָקטוירים און שפּיטעלער. אייגנטלעך איז דאָס אַן איראַציאָנעלע דערשיינונג, ווייל קיין שום שכלדיקע דערקלערונג דערפון איז נישטאָ. די איינציקע איז די, אַז אין די פּונקטן, וואָס זענען דער הויפּט־מקור פון עפּידעמיעס איז שוין דער רוב אַדורכגעגאַנגען די קראַנקהייט. אַנדערע, זאָגן, אַז אין ווינטער גייען די אָרעמעלייט אָנגעטאָן אין דיקע מלבושים, דעריבער האָבן נישט די לייז קיין לייכטן צוטריט. אַזוי, צי אַזוי — די עפּידעמיע האָט זיך פאַרקלענערט.

די אויסנוצונג פון וואַרשעווער יידן לגבי איבערזידלער קען מען זען פון פאָלגנדן פאַקט: איינער האָט געדונגען אַ דירה צאָלט ער עלעקטריע פאַר זיך, פאַרן בעל־הבית און פאַרן שכן, וואָס האָט איינעם און דעם זעלבן ליטשניק. דער פאָרשטייער פון דער פּויל[ישער] זעלבסטהילף יאַלאָוויעצקי האָט באַוואונדערט די טעטיקייט פון די הויז־קאָמיטעטן. בשעת ביי פּאָליאַקן דויערט עטלעכע חדשים ביז מען קען אָנקומען צום פּעטענט, גייט עס ביי אונדז זייער שנעל.

אויף וואָלינסקא 7 האָט אַ מאַמע אויסבאַהאַלטן אַ וואָך צייט איר טויט קינד, כּדי איינצווישן צו געניסן פון דעם קינדס ברויט־באָנעס. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אין אַ פּליטים־פּונקט.

אַ קינד האָט אין 2 קיכן גענומען 2 מיטאָגן. ווען די קאָנטראָל האָט דאָס אַנטדעקט, האָט דאָס קינד מיט טרערן געבעטן מען זאָל אים דערלויבן געניסן פון 2 מיטאָגן, ווייל עס וויל נישט שטאַרבן ווי איר שוועסטערל.

געהערט וועגן אַן עסקן פון אַ רעוויר, וואָס פּאַסט אין מאָל, כּדי צו קענען דאָס געלט פאַרטיילן אַלס שטיצע.

דער נאַקעטער ייד[ישער] בית־עולם לעבן דעם עוואַנגעלישן און קאַטוילישן, וואָס האָבן נישט פאַרלוירן זייערעביימער, איז אַ סימן פון יידישע צרות. ביים לעבן און נאָכן טויט ווערן באַגאַנגען עוולות לגבי דער ייד[ישער] באַפעלקערונג.

אָנהויב נאָוועמבער 41 אָנגעקומען ידיעות פון לאָדזש וועגן פאַרבאָט

פּאַר יידן פון לאָדזש חתונה צו האָבן און האָבן קינדער [313]. די וואָס זענען שוואַנגער ביז 3 חדשים מוזן אַדורכפירן אַן אָפּעראַציע. מיט איין וואָרט — פּרהעס געזעצן באַגייט שפּעטער דורך די פּרייסן.

אין איינעם פון די הייזער אויף מילא־גאַס האָט דער הויז־קאָמיטעט פּאַראָרדנט, אַז קיין נייער לאָקאַטאָר טאָר זיך נישט אַריינציען, כּל־זמן ער האָט נישט איינגעצאָלט 20 זל. זאַלאָג. דאָס געלט איז אַ מין אַסעקוראַציע אין פאַל פון טויט זאָל דער ה. ק. נישט האָבן קיין שוועריקייטן מיט פּטור ווערן מיטן מת.

14 נאָוועמבער 1941

מיט נאָוועמבער 41. עס האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע פּרעסט און דער עולם ציטערט פּאַר קעלט. די שרעקלעכסטע זאַך דאָס זיינען פרירנדיקע קינדער. קינדערלעך מיט נאַקעטע פיס, נאַקעטע קני און צעריסענע מלבושים, וואָס שטייען שטום און וויינען. היינט דעם 14 אין אָוונט האָב איך אין אָוונט געהערט יאָמע[ר]ן אַ קליין ווערעמל פון אַ 4—3 יאָר. דאָס קינד וועט מסתמא נאָך עטלעכע שעה געפונען ווערן אין דער פרי אַ געפרוירענעס. נאָך אין אָקטאָבער, ווען עס איז געפאַלן דער ערשטער שניי, זיינען אין פאַרשיידענע היילן פון אַ ריי חרובע הייזער אויף טרעפּ געפונען געוואָרן אַ 17 געפרוירענע קינדער. בכלל ווערן געפרוירענע קינדער אַ מאַסן־דערשיינונג. די פּאָליציי זאָל עפענען אויף נאָוואָליפּיע 20 אַ ספּעציעלע אַנשטאַלט, ווו קינדער פון דער גאַס זאָלן געזאַמלט ווערן. דערווײַלע אָבער זיינען קינדערשע מתים און קינדערשער געיאָמער די שטענדיקע באַגלייט־דערשיינונג פון דער געטאָ. דער עולם דעקט צו די געפרוירענע קינדער מיט די פּראַכטפולע פּלאַקאָטן פון „חודש פון קינד" — מיט דער אויפשריפט: — אונדזערע קינדער מוזן לעבן — דאָס קינד איז די הייליקסטע זאַך. דער עולם וויל דערמיט אויסדריקן זיין פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס דער „צענטאָס" טוט גאָרנישט אויפצוזאַמלען די דאָזיקע קינדער און ראַטעווען זיי פון טויט. באַזונדערס ווען עס איז באַוווּסט, אַז דער „צענטאָס" האָט שוין צונויפגענומען פון באַשטייערונגען (פון פּאָסטאָפּצאָלן פון ברויטקאַרטן א. א.) כּמעט אַ מיליאָן זל. דער חודש פון קינד איז געפירט געוואָרן מיט אַ ריזיקער רעקלאַמע — אויף פּלאַקאָטן (יעדע 2 — 3 טעג אַ נייער) האָט מען אויסגעגעבן אַ מטמון מיט געלט, זייער איינגעגעבענע קאָנצערטן און אונטערנעמונגען. ער האָט אָבער נישט דערגרייכט צו דער ייד[ישער] געזעלשאַפט. עס זיינען נישט אויפגערודערט געוואָרן די הויז־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן טאַקע געגעבן אַ לעכערלעכע סומע פון

[313] די ידיעה איז נישט קיין ריכטיקע. זינט סעפּטעמבער 1942 האָט רומקאָווסקי אַליין געגעבן חופּה וקידושין.

אַ 50 טויזנט זל. דערביי האָבן כמעט אַזויפיל באַטראָפן די הוצאות. נאָך אַ זאַך האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן ביי דער דאָזיקער אַקציע: די עקל־האַפטע הכנעה פאַר דעם געלטגעבער, פאַר דעם קהלה־פּרעזעס, וועלכער איז דורך ד״ר וויעליקאָווסקי אויף דער דערעפענונגס־אַקאַדעמיע געקרוינט געוואָרן אַלס ערשטער בירגער פון דעם יידישן פערטל. אויף צו קרויגען עפּנטלעך אַזאַ לא יוצלח ווי טשערניאַקאָוון אַלס ערשטן בירגער דאַרף מען אַ סך מוט און הכנעה. דאָס זעלבע האָט מען געטון ביי אַנדערע גע־לעגנהייטן און אַזוי אַרום האָט מען געפונען חן און לייטזעליקייט אין די אויגן פון דעם פּרעזעס.

אַנדערש איז מיט דער ייג״א. די דאָזיקע געזעלשאַפט, וואָס האָט אויס־געבויט די הויז־קאָמיטעטן און בכלל געוועקט די גאַנצע ייד[ישע] געזעל־שאַפט צו דער הילפסאַרבעט, איז אַ דאָרן אין אויג פון די קהלה־מאַכטהאָבער, וועלכע ווילן זי דערשטיקן. די ייג״א, דערקלערן די קהלה־לייט איז די קוזשניע פון אָפּאָזיציע קעגן דער קהלה, דאָ ווערט געשמידט די שנאה קעגן דער קהלה. אמת איז טאַקע, אַז אויף פאַרזאַמלונגען פון הויז־קאָמי־טעטן ווערט שאַרף קריטיקירט די טעטיקייט פון דער קהלה אָבער דאָס איז די שולד פון דער קהלה־פּאָליטיק, פון איר בולטן קלאַסן־כאַראַקטער, פון אירע טענדענצן אריבערצוואַרפן אַלע שטייער־לאַסטן אויף דער אָרעמער באַפעלקערונג און באַפרייען אינגאַנצן די רייכע. די ייג״א איז די איינציקע אינסטיטוציע פון פרייען געדאַנק, ווו עס הערשט אַן אויפריכטיקע קריטיק פון דער קהלה און אירע מעשים תעתועים. דער אָנקומענדיקער ווינטער טרעפט זייער די ייד[ישע] באַפעלקערונג. עס פעלן 3 זאַכן: קוילן, גאַז, עלעקטריע. קוילן ווערן פאַרטיילט דורך דער טרויעריק באַרימטער באַ־הייצונגס־קאָמיסיע פון דער קהלה, פאַרשטיי זיך, נאָר פאַר קהלה־לייט און פאַר אייגענע. דאָרט הערשן לויטער משומדים, ווי קראַמשטיק א. א. וועגן באַזאָרגן די הייזער מיט קוילן אויף צו דערוואַרעמען לכל הפּחות איין די־רה אין אַ הויז, האָט מען אינגאַנצן נישט געטראַכט. איבריקנס האָט מען מורא פאַר עפּידעמיע, זאָל דער אָרעמאַן בעסער שטאַרבן פאַר קעלט. אין די דירות פעלט גאַז און אויך עלעקטריע איז זייט עטלעכע וואָכן פאַראַן נאָר אין באַשטימטע שעהן פון 10 אָוונט ביז 7 פרי. עס קומט דעריבער אויס, אַז דער רוב באַפעלקערונג און דאָס נישט דווקא די אָרעמסטע האָט נישט קיין גלאָז הייס וואַסער. עס ווערט דעריבער זייער ברענענד די פראַגע פון פאַרטיילן צווישן דער אָרעמער באַפעלקערונג פון הייס וואַסער.

דער מאַנגל אין עלעקטריע אַ גאַנצן טאָג האָט געצוווּנגען דעם רוב ייד[ישע] אונטערנעמונגען איבערצוגיין צו נאַכטאַרבעט. אַ טייל אַנשטאַלטן, ווי למשל, פריזיר־אַנשטאַלטן, האָבן זיך געמוזט שליסן. די מעשה מיט עלעקטריע האָבן אויסגענוצט אַ טייל אַפעריסטן אויף צוצוזאָגן, אַז נאָך אַ געלט־זאַמלונג פאַר דער עלעקטראָווניע וועט זיין ליכט. אַזוי האָט געטון למשל לעשנא 24, אָבער נאָך אַ טאָג צוויי איז דאָס ליכט ווידער פאַר־שווונדן, אָבער דאָס איינגעצאָלטע געלט האָט מען פאַרשטייט זיך נישט

אומגעקערט. דאָס פאַרקלענערן דעם עלעקטרישן שטראָם האָט אין ערשטן מאָמענט אַרויסגערופן פאַרשיידענע בויך־סברות, וועלכע האָבן זיך נישט אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק. לכתחילה האָט מען געמיינט, אַז דאָס איז געצילט קעגן געטאָ. אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז אויך אַ טייל אַרישע ראַיאָנען זענען דערמיט געטראָפן. אַנדערע האָבן עס דערקלערט מיט סאַבאָטאַזש — דאָס איז אָבער נישט ריכטיק, אַנדערע ווידער האָבן אויסגעטראַכט[314] מיט מאַכנאַפּטע גנבות פון שטראָם, פון אַ מיליאָן קילאָוואַט. אָבער סוף כל סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די סיבה איז אַ פשוטע [—] אָפּשפּאָרונגען.

אין טאָג פון 11 נאָוועמבער[315] זיינען אייניקע שעה אויף די פרייהייט־דענקמעלער געווען פוילישע פענדלעך. אויך אויף פּאָניאַטאָווסקי־דענקמאָל, וואָס ווערט דאָך געהיטן דורך אַ שומר, איז עטלעכע שעה געווען אַ פענדל, דאָס זעלבע אויפן דענקמאָל פון די פליער א. א.

22 נאָוועמבער 1941

דער טויט־אורטייל, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן איבער 8 יידן, דערונטער 6 פרויען, האָט אויפגעציטערט גאַנץ וואַרשע. מיר האָבן פאַרשיידענע זאכן איבערגעלעבט אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט, באַזונדערס אין ליטע, ווו עס קומען פאָר מאַסן־עקזעקוציעס. אָבער דאָס אַלץ פאַרבלאַסט לגבי דעם פאַקט, וואָס מען האָט 8 מענטשן הערשאָסן דערפאַר, וואָס זיי האָבן איבערגעטרעטן די שוועל פון געטאָ. די ידיעה וועגן דעם, אַז מען גרייט זיך אַרויסצוגעבן אַ געזעץ צו שיסן פאַר אַרויסגיין פון געטאָ, האָט זיך פאַרשפּרייט בשעת דעם לעצטן אויפהאַלט פון פראַנקן אין וואַרשע. דאָס זאָל זיין דער פּראָיעקט פון אויערסוואַלדן, וועמען די יידן האָבן פון אָנהויב געהאַלטן פאַר אַ פריינט און פאַר אַן אָרנטלעכן מענטש. דער אורטייל איבער די 8 פּערזאָן איז אויסגעפירט געוואָרן אין דער יידישער תפיסה אויף גענשע 24. לכתחילה האָט מען פאַרלאַנגט די יידישע פּאָליציי זאָל אויספירן דעם אורטייל און די ראַדצעס[316] זאָלן זיין אַנוועזנד דערביי. מען דערציילט, אַז שערינסקי האָט דערקלערט דעם קאָמענדאַנט פון דער פוילישער פּאָליציי פּזשעוואָרסקי, אַז ער וועט אויספירן דעם אורטייל, אָבער 15 מינוט נאָכדעם וועט ער באַגיין זעלבסטמאָרד. אַנדערע זאָגן, אַז שערינסקי האָט דערקלערט, אַז אויב עס דראָט אים דערשאָסן צו ווערן אין פאַל פון נישט אויספירן דעם אורטייל, וועט ער נאַטירלעך דעם אורטייל נישט אויספירן. דער פאַקט איז, אַז דעם אורטייל האָבן אויסגעפירט פוילישע פּאָליציאַנטן. אַ טייל זאָגן,

---

314) וואַרשיינלעך דאַרף אָנשטאָט אויסגעטראַכט זיין — אויסגעטייטשט.

315) דעם 11 נאָוועמבער איז געווען דער נאַציאָנאַלער טאָג פון פוילן (דעם 11 נאָוועמבער 1918 איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די אומאָפּהענגיקע פוילישע מלוכה נאָך קנאַפּע הונדערט פופציק יאָר שקלאַפעריי).

316) ראַטמענער פון יודענראַט.

אַז די קאַנדידאַטן האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן [317]. אַלע הכנות האָבן אָבער גענוצט מאַכן דער יידישער אָרדנונגס־דינסט. די אָרדנונגס־מענער האָבן ארויסגעפירט יעדן באַזונדער פון דער צעלע, צוגעבונדן צו א סלופּעק און דערנאָך פאַרבונדן די אויגן. אוערסוואלד האָט זיך צו דער עקזעקוציע פאַר־שפּעטיקט — ער האָט געזאָגט „שאַדע, צו שפּעט". עס האָבן בייגעוווינט די עקזעקוציע אייניקע אָפיצירן פון ס. ס., וועלכע האָבן געררייכערט פּאַפּיראָסן און ציניש זיך אויפגעפירט בשעת דער עקזעקוציע. מען זאָגט אויך, אַז לייסט איז געווען בשעת דער עקזעקוציע. פון יידן: שערינסקי, לעדערמאַן און לייקין, וועלכער זאָל זיך האָבן אויסגעצייכנט מיט שטאַרקן אמפּער ביים שלעפּן די פאַראורטיילטע פון די צעלן. דער פּראָקוראָר האָט אַדורכגעליי־ענט דעם אורטייל און דערנאָך איז פאָרגעקומען די עקזעקוציע. די גאַס איז געווען שוואַרץ פאַר דער תפיסה. עס האָבן זיך געהערט געוואלדן פון די קרובים. דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן האַלב אכט אין דער פרי דינסטיק. פון די 6 פרויען איז איינע געווען א בעטלערין, איינע א מוטער פון 3 קינדער, איינע א 16־יעריקע, וועלכע האָט שרעקלעך היסטעריזירט פאַר דער עקזעקוציע. עס איז אויך אָנוועזנד געווען דער רב ווייַנבערג, וועל־כער האָט מיטגעבראַכט אַ צוואה פון איינעם פון די פאַרמישפּטע מאַנסבילן. מען זאָגט, אַז די פאַראורטיילטע האָבן זיך רואיק געהאַלטן. אין דער גאַס האָבן זיך באַוויזן רויטע פּלאַקאַטן פון אוערסוואלדן וועגן דעם טויט־אור־טייל [318]. כאַראַקטעריסטיש, אַז אַלע 8 זענען געכאַפּט געוואָרן דורך פּוילישע פּאָליציאַנטן. איינע א פרוי האָט פאַרלוירן איר לעבן צוליב 100 זל. זי האָט געוואָלט געבן דעם פּאָליציאַנט נאָר 50 זל. און יענער האָט פאַרלאַנגט 100 זל. איינער פון די צוויי יידן איז געווען א גלעזער, וואָס האָט מפרנס געווען זיין פאַמיליע פון אַרבעט אויף יענער זייט. איצט זענען אַרעסטירט 400 יידן, דערפון זענען שוין 20 דורכן געריכט פאַרמשפּט צום טויט. מען זאָגט, אַז אויך צווישן די דייטשן האָט דער אורטייל אַרויסגערופן א גרויסע באַוועגונג. יעדנפאַלס זענען אַזעלכע פאַלן פון שיסן פאַרן פאַרלאָזן דאָס געטאָ אינגאַנצן אומבאַקאַנט. דאָס איז דער ערשטער פאַל פון דעם מין אין דער געשיכטע.

די גאַנצע מעשה, ווי בכלל די דראָונג מיט טויט־־אורטייל האָט אָבער [א] קנאַפּע ווירקונג אויפן שמוגל, וועלכער דויערט ווייטער מיט א נישט פאַרמינערטער קראַפט. יידישע שמוגלערס קריכן אויך ווייטער איבער די ווענט, ווייל אָן שמוגל, דערקלערן זיי, זענען זיי פאַרמשפּט צום טויט. דער־ריבער מערקט זיך אויך נישט קיין יקרות אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם טויט־

317) דער אויספירער פונעם אורטייל איז געווען דער פּוילישער פּאָליציאַנט וויקטאָר זאַלעק, וועלכער האָט זיך געמאָלדן פרייוויליק. ער איז געשטעלט געוואָרן צום שאַנד־סלופּ אין דער מערהייט פון דער פּוילישער אונטערערדישער פּרעסע.

318) דער היטלערישער געטאָ־קאָמיסאַר הייַנץ אויערסוואלד האָט וועגן אויספירן דעם טויט־אורטייל געמאָלדן אין דער באַקאַנטמאַכונג פון 17 נאָוועמ־בער 1941.

אורטייל. דער שמוגל בליט און וועט בליען כל־זמן עס זענען אין דעם פאַר־אינטערעסירט די דייטשן.

די ערשטע קעלטן האָבן געמאַכט זייער א שווערן איינדרוק. אויף די גאַסן טרעפט מען כסדר פארפרוירענע קינדער. מען זעט גיין אין גאַס קינ־דער' אָן שיך מיט נאַקעטע פארפרוירענע פיס. היינט, דעם 22 נאָוועמבער געזען אויף נאָוואָליפּקי א יינגעלע טאַנצן מיט נאַקעטע פיס פאַר קעלט. דאָס בילד פון נאַקעטע מענטשן און קינדער מאַכט א דערשיטערנדן איינדרוק און דאָך האָט מען אויסער דעם פארהאַלטונגס־פונקט פאַר קינדער גאָר־נישט פון דעם מין געשאַפן.

פאַרוואָס די „ווינטער־הילף" האָט פאַרשפּעטיקט? איינע פון די סיבות איז טאַקע די איבערזידלונג. אָבער די וויכטיקסטע, וואָס די קהלה וויל פאַר יעדן פּרייז ליקווידירן דעם זש. ט. אָ. ס. און דעריבער וויל זי נישט, אַז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע זאָל האָבן וועלכן נישט איז שייכות צו דער אַקציע. דעריבער ווערט דערווייל גאָרנישט געטאָן, הגם עס איז שוין יעצט סוף נאָוועמבער.

23 נאָוועמבער 1941.

23.11, היינט געקומען א יונגערמאַן פון ארבעטסלאַגער. נישט האָבנדיק פון וואָס צו לעבן האָט ער באַשלאָסן זוכן גליק אין דער אַרישער זייט. ער האָט נישט מורא פאַרן טויט־אורטייל, ווייל אין געטאָ איז ער פאַרמשפּט צום טויט. עס הערשט איך אַלגעמיין די מיינונג, אַז די טויט־אורטיילן זאָלן האָבן א קנאַפּע ווירקונג אויף דעם אַריבערגיין אויף יענער זייט; אַזוי פאַר־צווייפלט זיינען די מענטשן.

געווען היינט אויף א פייערונג פון השומר הצעיר, אין זאַל זיינען געווען פאַרזאַמלט כמעט 500 יוגנטלעכע פוןביידע מינים. דער פּראָגראַם איז גע־ווען א רייכער. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דאָס אַריינמישן פון אסך לידער, יידישע פאַרשטייט זיך, העברעישע, רוסישע, פּוילישע. עס איז פאָר־געקומען דער פייערלעכער אַקט פון אָננעמען אַ נייע גרופּע אין „השומר". ווען מען האָט צום סוף קאָלעקטיוו אַ געשריי געטון חזק ואמץ האָט זיך נישט בלויז דער זאַל, נאָר דער גאַנצער בנין אַ טרייסל געטון. אויף דער פייערונג איז אָנוועזנד געווען אַ פאָרשטייער פון פּוילישן סקויטן־פאַרבאַנד, וועלכע האָט זיך ספּעציעל אויף דעם טאָג אַריינגעשמוגלט אין געטאָ[319]. אגב ביי [א] געלעגנהייט זיך דערוווּסט, אַז א רייכסדייטש, וועלכער איז פאַר דער מלחמה געשטאַנען אין נאָענטע באַציונגען מיטן השומר אַלס אָנ־פירער פון פּויל[ישן] סקויטן־פאַרבאַנד, האָט איצט פון פּראָנט אונטער

319) די פאָרשטייערין פון פּוילישן סקויטן־פאַרבאַנד, וואָס איז געקומען אין געטאָ צום השומר הצעיר און דרור, איז געווען אירענא אדאמאָוויטש, זי לעבט אין וואַרשע.

לעניגגראַד צוגעשיקט אַ באַגריסונג צו דער קאָנפערענץ, וואָס איז מיט אַ צייט [צוריק] פאָרגעקומען. בכלל דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן די אויסערגעוויינלעכע דרייסטקייט פון די השומר־לייט. זיי מאַכן קאָנפערענצן צו וועלכע עס קומען צו גיין צופוס פאַרשטייער פון רייך, זיי פירן אַ גרויס צוגיקע אויפקלערונגס־ארבעט, גיבן ארויס אַן אָרגאַן, וואָס שטייט אויף אַ זייער — — הויך.

דער שמוגל פון פלייש אין געטאָ קומט פאַר אויף צווייערליי אופנים: לעבעדיקערהייט און שוין געשאָכטענע בהמות. לעבעדיקערהייט ברענגט מען אַריין פערד אויף אַזאַ אופן, אַז עס פאָרט אַריין אַ וואָגן מיט 2 פערד און ער פאָרט אַרויס בלויז מיט איינעם. געהערט, אַז אויף פראַנציסקאַנער גאַס קויפט מען אויף מיליטערישע זאַטלען און מען מאַכט דערפון זוילן. בכלל מערקט זיך אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג, אַז זעלנער פאַרקויפן אויס אַלעס.

24, 25 דעצעמבער 1941

מיינע ליבע!

איינע פון די כאַראַקטעריסטישע זאַכן אין געטאָ, דאָס איז דאָס אַנט־שטיין פון אַ 50 וועבוואַרשטאַטן אין וואַרשע. דאָס רוב זיינען עס לאָדזשער. זיי אַרבעטן אויס פאַרשטייט זיך אומלעגאַל פאַרשיידענע צייגן, קאָלדרעס א. א. דאָס איז אַ באַווייז פון וווּנדערבאַרער צופאַסונג צו די פאַרהעלטנישן. דאָס אַרויסבאַקומען פשענדזע געהערט נישט צו די לייכטע זאַכן. דאָס יאָר וועלן נישט זיין יאַסעלקעס ווייל ישו איז אין געטאָ, די מוטער־שאַריטקע, דער היי[ליקער] יוזעף אין אַשוויענטשים, דער טייוול אין מענדעלסאָנס שטאָט [320] און דער אייזל אין רוים [321]. מען [מאַכט] אַ חשבון פון וועלכן עס ווערט פינסטער אין די אויגן: אויב מען זאָל רעכענען, אַז דורכשניטלעך גיט מען דאָ אויס אויף אויסהאַלטן אַ נפש אַ סומע פון 2 זל. אויף אויסהאַל־טונג, קומט אויס, אַז אַ חודש וועט אַרויסגיין פון געטאָ 30 מיל. ווי אַזוי וועט מען אַזוי קענען לעבן? וויפיל מאַכן אויס די געלט־רעסורסן פון [דער] ייד[ישער] באַפעלקערונג? נעכטן האָט מען ניט אַריינגעלאָזט קיין האָלץ אין געטאָ, הגם עס זיינען נישט פאַראַן קיין קוילן אין געטאָ. מען האָט היינט דעם 2 דעצ. געצאָלט צו איין זל. און מער פאַר אַ וואַרשעווער צייטונג, ווו עס איז געווען פאַרעפנטלעכט דער טרויעריקער באַריכט פון גראַציאַני [322],

320) די שטאָט פון משה מענדעלסאָן — בערלין.

321) מוסאָליני.

322) רודאָלפאָ גראַציאַני (1882—1955), איטאַליענישער מאַרשאַל, אָנגע־פירט מיטן איטאַליענישן מיליטער אין ליביע, באַזיגט געוואָרן דורך די ענגלענ־דער אין 1940.

וועגן דער טרויעריקער לאַגע אין אפריקע. אין „פאָלסקאַ זשיע"[323] געווען אַן אויסרעכענונג, אַז וואַרשע גיט אויס הונדערט טויזנט זל. אויף ציאַסט־קעס (קריסטן) — — — אין געטאָ מאַכן די אויסשטעלונגען פול מיט כל טוב אַ שווערן איינדרוק, בפרט, אַז הינטער זיי ליגן בעטלערס, וואָס שרייען אַרויס זייער עלנד. אין אַסך הייזער ליגן מאַסן מענטשן געשוואָלענע פון הונגער. אין די פּליטים־פונקטן שטאַרבן יעדן טאָג אויס מאַסן מענטשן. אַ שומר האָט געפונען אונטער אַ מצבה אַ ברויט, האָט ער זיך אָנגערופן „די לייכן שיעבן זיך"[324].

— אויפן וועג איז געשטאַנען אַן אייזל און נישט געוואָלט זיך רירן פון אָרט. עס זיינען אָנגעקומען צוויי גרויסע, רופט זיך איינער: איך האָב שוין אַ מיטל, ער איז צוגעגאַנגען צום אייזל און אים אַריינגעשושקעט אין אויער. דער אייזל איז גלייך אַנטלאָפן. וואָס האָסטו אים אַזוינס געזאָגט [—] פרעגט איינער: איך האָב פאַרגעלייגט צוצוטרעטן צו דער אקס. פינף באַ־נעמען פון יודן־ראַט וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט קעגן סאַקסענבערגן[325] זיינען פאַרשיקט געוואָרן קיין אָשוויענטשים. געהערט פאָלגענדע מעשה: באַדאיאָרן האָט מען זיך געווענדעט צום ייד. ראַט וועגן גרינדן באָרדעלן פאַר יענע. נישט מסכים געווען. ווען געדראָט אים[326] מיט מיתה, געענט־פערט, אַז אַלס אינזש[יעניער] ווייס ער גוט דעם צוזאַמענשטעל פון סם. די זעלבע תשובה בשעת מען האָט אים פאָרגעלייגט, אַז יידן זאָלן גרינדן אַ חברה שומרים פאַר דער פוי[לישער] אומהאָפהענגיקייט־באַוועגונג. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ייד[ישע] צוקערניקעס קויפן ציאַסטקעס — פון יענער זייט ביי גאָגאָלעווסקין[327] א. א. א פאָלקס־ד[ייטש] האָט אַ פשעפוסטקע דערויף. אַזוי אַרום גייט אַ מאַסע געלט אין דרויסן, ייד[ישע] שומרים מינ־דלעך געהייסן אַרויסנעמען די ציאַסטעס פון די שויפענסטער. עס גייען אַרום פאַלשע קלאַנגען, אַז יענע וואָך זאָלן אויף דער נייער־וועלט האָבן געווען דעמאָנסטראַציעס מיט אַנטי־יידישע אויפשריפטן מיט דער פאָדערונג צו באַזייטיקן די יידן פון וואַרשע. אַ געוויסער בונדיסט[328]. האָט זיך פאַ־ראיאָרן געשמוגלט אויף יענער זייט, האָט אים אַן אשכנזישער איש־חייל ביי דער גרענעץ געטרייסלט און געשריגן: איר זייט 17 מיליאָן, פאַרוואָס האָט איר נישט קיין פאָטערלאַנד. פאַרוואָס זייט איר דערגאַנגען צו אַזאַ

---

[323] זע הערה 279 (1940).

[324] דייטש: די מתים באַוועגן זיך.

[325] א טעות. עס דאַרף זיין זאקסענהויז.

[326] טשערניאַקאָוו.

[327] א פאָפולערער פוילישער צוקערוואַרג־געשעפט און קאַפע־הויז אין וואַרשע.

[328] וואַרשעווינער געמיינט די בונדישע טוערין פון לובלין בעלאַ שאַפּיראָ, וועלכע איז אַוועק אין די סאָוויעטישע געביטן סוף 1939 און געקומען צוריק. זי האָט דערנאָך באַזוכט וואַרשע אין דזשווינט־ענינים. זי איז אומגעקומען אין מאַידאַנעק.

מדרגה. ווען יענער האָט פאַרגעוואָרפן אַ ייד פון אַ קליין שטעטל הלמאי צוליב אים איז די מלחמה, האָט ער געענטפערט, אַז מען האָט אים נישט געפרעגט. אין די לעצטע טעג ווערן יידן צווישן 2—3 געשלאָגן דורך יענע. אויפן וועג צום פּאַוויאַק שטייגן זיי אויס פון אויטאָ און שלאָגן מיט ראַפּניקעס אַדורכגייענדע יידן. לעשנאָ 13 רימט זיך, אַז ביי זיי אַרבעט אַ באַקאַנטער פּראָפעסאָר פון כעמיע. זיי פאַרנעמען זיך מיט ליקווידירן ייד[ישע] פאַרמעגנס אויף יענער זייט: איין דריטל נעמט דאָס ביוראָ, איין דריטל יענע און אַ דריטל דער בעל־הבית. מען זאָגט, אַז בשעת דער תפילה הייגט ביינאַכט 25 ידעצ. זאָל דער גלח האָבן געזאָגט, אַז די משומדים זאָלן זיך אָפּזאָגן פון די יידן. די ייד[ישע] פּאָליציי האָט געהאַלטן די אָרדנונג. איינע פון די פראַגן, וועלכע מען פרעגט יידן אויף יענער זייט איז וויאַזוי זעט אויס די ייד[ישע] פּאָליציי, וויאַזוי האַלט זי אָרדנונג וכדומה. אַ קריסטל[עכער] פּאַציענט אַרויסבאַקומען אַ פּשעפּוסטקע און געקומען צו זיינע ייד[ישע] דאָקטוירים. געזאָגט אים אַז 99 פּראָצענט קריסטן זיינען צופרידן פון איצטיקן צושטאַנד. זיי האָבן פאַרריכט די ייד[ישע] געוועלבער פון יענער זייט, געמאַכט זיי פיין און פול מיט סחורה. דער שומר האָט אַ יהודי פון קראָקע, וואָס איז לויט פאַפירן אַ גוי און יענער פירט פאַנאַנדער זייער סחורה. אַ. גאַנצוויך פון לאָדזש, וואָס דיריגירט מיט לעשנ.13 האָט אין מעלאָדיפּאַלאַס געהאַלטן אַ רעדע וועגן חנוכה, ווו ער האָט גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט פון אויסדויער און צופּאַסונג. ער איז מעריגנס אַ קרוב און דערקלערט, אַז ער וויל גיין אין זיינע דרכים און גוטס טון די יידן. דעם הייניקן חנוכה האָט מען אומעטום געפייערט מיט גרויסע התמדה. הונדערטער קינדער־פאָרשטעלונגען און אָוונטן זיינען פאָרגעקומען אין וואַרשע. עס ווערט אָפט דיסקוטירט די פראַגע פון אַרויספאָרן פון די אָנפירער פון איינסטיטוציעס און אַנטשטאַלטן, וואָס זיינען אין דער ערנסטער צייט אַוועקגעפאָרן, איבערלאָזנדיק אַלץ אויף הפקר. דאָס ביכל פון חמשה עשר אַלפים פון איין אינסטיטוציע. באַזונדערס ווערט קריטיקירט די האַנדלונג פון אַרב[עטער] ריכטונגען. דערוווסט זיך אינטערעסאַנטע פרטים וועגן שמאַטעס האַנדל. די זאַמלער דער רוב פון די מיסטקאַסטנס אָדער פון די ערטער ווו שמאַטעס ווערן אַרויסגעוואָרפן (אויסער דער שטאָט) זיינען קריסטן, די אויפקויפער זיינען יידן. זיי זיינען מחויב אָפּצוגעבן די געזאַמלטע שמאַטעס אַ ווינער פירמע, וועלכע האָט דעם מאָנאָפּאָל אין גאַנצן לאַנד[329]. עס ווערט באַשטימט אַ געוויסער קאָנטינגענט, וועלכן יעדער מוז צושטעלן. דער סוד פון האַנדל באַשטייט אין דעם, אַז מען פאַרקויפט הינטערוויילעכץ גרעסערע סכומען פאַר וועלכע מען נעמט אַ סך העכערע פרייזן ביז 10 מאָל העכערע, למשל פאַר אַ קילאָ שמאַטעס 40 גר. אין האַנדל 4 זל. געהערט אַז די לאָדזשער שמאַטעס־הענדלער האָבן געמאַכט גרויסע פאַרמעגנס. איינער קומט

329) די דייטשן האָבן געגעבן די יידן צייגעניש צו זאַמלען שמאַטעס און אָפּפאַלעכנס פאַר דער פירמע ראָשטאָפּערפאַסונג.

זיי קלייבן אויס אַלטע מאַשינען, שרויפן וכדומה און פאַרקויפן עס נישט צו דער פרוי צו פאָרן מיט אַן אייגענעם אויטאָ קיין וואַרשע. ער לאָזט איבער אין קהלה גרעסערע סומעס. דער מעטאַל זאַמלער פאַרדינט דערמיט, וואָס אויף דער וואָג נאָר אויפן שטיק.

היינט דעם 26 דעצ. האָט מען ווידער געשלאָגן צווישן 2 — 3. אין דער קירך אויף לעשנאָ איז דער גלח אַ משומד פודער, באַקאַנט דערפון וואָס מען האָט אים (אָ.נ.ר.) געשלאָגן פאַר דער מלחמה. אָבסערוואַטאָרן פאַרציילן, אַז עס גייט אין דער קירך אַ פשוטער המון טרעגערס וכדומה. אַ גאַנצע ריי פון ייד[ישע] פאָליציאַנטן היט אָפּ, מען זאָל זיי ניט טשעפּען. אין גריצע האָט יעדער ייד דרייערליי בלעכלעך, וואָס באַדייט זיין באַציונג צום אַרבעטס־דינסט. דעם 17 איז פאָרגעקומען אַ באַראָכאָוו אַקאַדעמיע. מען האָט געלייענט די שבועה, נישט געזונגען, מען זאָל נישט הערן אין גאַס. גאַנצווייך [זאָגט] צו שאַפן אַ מעדיציניש־היגיענישע קאָמיסיע. ער וויל מאַכן קאָנקורענץ דער קהלה. ער ווערט געשטיצט פון די גאַ[לעען]. איינער אַ [דייטש] דורכפאָרנדיק געזעען יידן אַרבעטן אין גראָכאָוו[330], געקומען אין דער קהלה מלא חמה: ס'טייטש [יידן] דערוועגן זיך עפּעס צו באַזיצן. מען זאָגט אַז די לעצטע טעג געווען דעמאָנסטראַציעס קעגן יידן אין וואַרשע. [לעצטנס] דיסקוסיע [וועגן] חילוק פון דער באַציאונג פון יידן צו דער אָקו[פּאַציע] פון 1916 און היינט. דעמלט די וואָס געגאַנגען מיט זיי רעפּרעזענטירט אַ שיטה, די דאָזיקע אָנהענגער פאַרגעסן זייער — — (א. א.), געשטאָרבן אַ סוחרים־טוער גראַף[331] .ר' מאיר[332] געהאַלטן אַ דרייסטע רעדע. קריסט־[לעכע] — — זיך אַדורכגעשמוגלט געקומען צו דער לויה, געטראָגן דעם אָרון, געזאָגט: גייט אַריבער און — — דערציילט האָרט וועגן די צרות וואָס מיר שטייען אויס.

אָנגעקומען צו איינעם אַ קאַרטל פון אויסלאַנד, אַז זיין טאָכטער געבוירן אַ קינד, נישט געוווסט וואָס דאָס קען באַט[ייטן], [געפרעגט] אין גאַנץ וואַרשע, ביז עס איז אָנגעקומען אַ צווייט קאַרטל אַז די טאָכטער האָט [חתונה גע]האַט און געבוירן אַ קינד.

די געשלעגן אַרום 2 זיינען שולצס[333] מעשים. די פאַראָרדנונגען גייען לעצטנס אַרויס אין יידיש און דייטש. פאַר די אַסימילירטע איז עס אַ שווערע הלכה באַזונדערס ווען זיי קענען נישט יידיש און נישט דייטש. יזכור —

---

330) די חלוצישע הכשרה־פערמעס אין גראָכאָוו און טשערניאַקאָוו זענען ליקווידירט געוואָרן אין דעצעמבער 1942. די חלוצים, אין צאָל פון 150, זענען געקומען אין וואַרשעווער געטאָ.

331) דאָס איז געווען יעזשי גראַף, א מיטגליד פון יודענראַט.

332) פּראָפ' מאיר באַלאַבאַן.

333) עס זענען געווען אין וואַרשעווער געטאָ צוויי דייטשישע פאַבריקאַנטן מיטן נאָמען שולץ — קאַרל געאָרג און פריץ. די געשלעגן פלעגן פאָרקומען אַרום 2 אַזייגער ביינאַכט.

די נייע פּאָעמע „עיר השחיטה" [334]. עס וואַקסן די צוקערניעס יעדן טאָג. דער געוועזענער בעל־הבית פון דער לאָדזשער „אַסטאָריע", וואָס איז געווען באַרימט דערמיט, וואָס ער האָט זיך געפרעגט, צי רמ"בם עסט ביי אים קאַלאַציע, האָט אויך געעפנט אַן אַנשטאַלט. אין אָטוואָצק זאָגט מען, וועט מען פאַרדרוטעווען דאָס געטאָ. פראַנק זאָל האָבן דערקלערט אין זיין לעצטער רעדע, אַז ער האָט אַנטשולדיקט זיך הלמאי ער האָט נאָך נישט פאַרטיליקט די מייז און די יידן, ער וועט עס אָבער אין גיכן טון. דער פּאַסוס איז אָבער נישט געווען אין דער וואַר[שעווער] ציייטונג. ניינציק פּראָצענט פון די לעזער פון דייטשע צייטונגען אין וואַרשע זיינען יידן, פּאָליאַקן בויקאָטירן זיי [335], ייד[ישע] בריווטרעגער טראָגן פונאַנדער בריוו, זיי באַקומען שכר־הליכה 20 גראָשן פון יעדן בריוו. קיין פּענסיע באַקומען זיי נישט. דעהדווילע זיינען אויף דער ייד[ישער] פּאָסט געלעגן בריוו 8 טעג. אין דער טראַנספערשטעלע האָט מען געמוזט קויפן טייערע פּערסישע טעפּיכער. די קהלה האָט געמוזט איינאָרדענען אַ גרעסערע צאָל קאַנטינעס און וואַרשע. טראַנספערשטעלע האָט געקאָסט הונדערט טויזנט זל. אין טאָמאַשאָוו מ[אַזאָוויעצקי] האָבן 6.000 אשכנזים אַריין אין געטאָ און צוגענומען אַלע פּראָדוקטן, סחורות, געלד, גאָלד, וואַליוטע. איבערגעלאָזן אין אַ דירה נאָר אַזויפיל מאַנטלען וויפל געווען דאָרט מענטשן. אויף גענשע 27 האָט אַ 15 יאָריקער בחור, וועלכן מען האָט געצאָלט וואָכנגעלט און פאַרלאַנגט יעדן טאָג מער (לעצטנס 15 זל. פאַרלאַנגט 25 זל.), געבראַכט יענע. מען האָט איינעקע שעה בודק געווען, צוגענומען געלט, וואַליוטע און פּראָדוקטן. די שפּיל מיט די לאַנגע ראַפּניקעס דויערט ווייטער. יעדן טאָג אַזייגער 2 — 3. דער הויפּט־מאַכער איז שולץ מיט זיינע חברים. חנוכה האָט מען אומעטום געפייערט מיט גרויס התמדה. אין די הייף האָט מען מכבד געווען מיט אָנצינדן דאָס ערשטע ליכטל די אָנגעזעענע לייט פון הויף. אומעטום האָבן אין די פענסטער געברענט חנוכה לעכטלעך אַפילו אויף שיעננא. געהערט אַ שיינע דרשה פון ר' יצחק, אַז חנוכה איז דער יום־טוב ווען דער טאָג הויבט אָן בייצוקומען די נאַכט, דער טאָג אָבער איז געקאָוועט דורכן פראָסט. פורים איז דער מאָמענט ווען דער טאָג באַפרייט דורכן פראָסט קומט ביי די נאַכט. פסח איז דער פרילינג ווען עס זיגט דאָס גוטע איבערן שלעכטן. סלאָנינאַ איז לעצטנס אַזוי פּאָפּולער ביי יידן, אַז דער רב קאַנאַל האָטביים געבן אים פסק־געלט 7 זל. אַ זאָג געטון: גיט מיר 7 זל. און סלאָנינאַ קאָסט היינט 18 זל. אַ קילאָ. יידענעס מיט שייטלעך פאַרקויפן אויף דער קראָכמאַלנע סלאָנינאַ.

---

334) זע הערה 3.

335) די יידן האָבן געליפערט די דייטשישע פרעסע, ווייל זייענדיק אָפּגעריסן פון דער וועלט האָבן זיי געזוכט צווישן די שורות נייעס וועגן דער אמתער לאַגע אויף די פראָנטן.

סוף 1941

אין די שאָפּן קומען צוגעשניטענע מיליטער־אַנצוגן, ווי אויך די אַנט־שפּרעכנדע צאָל פּאָדעם. מען קען פאַרדינען נאָר ביי דער אַרבעט.

לויט די אויסרעכענונגען פון פּראָפעסאָר הערש [336] זענען בשעת יענער מלחמה אויסגעשטאָרבן 45 מיליאָן נייטראַלע. ווער ווייסט וויפל עס וועלן אויסשטאַרבן איצט, ווען דער הונגער האָט אַרומגעכאַפּט אַלע אָקופּירטע לענדער.

איקאָר [337] האָט אָרגאַניזירט אַ גאַנצע ריי מוסטער־היק, ווי אַלץ ווערט געפירט אין יידיש. אַ פיינער אויסנאַם פון די וואַרשעווער גבירים־חזנים איז ה׳ בערגמאַן, וועלכער האַלט אויס זייט חדשים 42 מענטשן מיט טאָג־טעגלעכע מיטאָגן.

פון דעם פאַרדינסט 6 זל. אַ טאָג פאַר די אַרבעטער אין די שאָפּן נעמט די קהלה אַראָפּ 5%. די טראַספּערשטעלע 10 פּראָצענט.

די פּליטים פון די פּונקטן קאָכן די קאַרטאָפל־שאָלעכץ. מען ווערט דער־פון געשוואָלן.

געהערט, אַז די, וואָס אַנטלויפן פון וואַרשע אין אַנדערע שטעט, וואַנ־דערן פון אָרט צו אָרט, ווייל אומעטום איז דער יקרות געוואָרן זייער גרויס. אין לובלין קאָסט שוין אַ קילאָ קאַשע ביז 20 זל.

סוף 1941

מיט וואָס צילט גאַנצוויך? איינס ווייסט מען, אַז ער שרייבט וועכנטלעכע באַריכטן וועגן דעם געטאָ [338]. איינעם אַזאַ באַריכט האָט מען אַפילו געזען. דאָרט האָט זיך גערעדט וועגן די פּאָליטישע שטימונגען אין געטאָ. עס איז אויך פאַראַן אַ באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון די פּאָליטישע פּאַרטייען אין געטאָ, ווו עס איז, למשל, וועגן אגודה דערמאָנט געוואָרן, אַז זיי פירן אומלעגאַלע חדרים וכדומה. וואָס איז דאָרט געשריבן וועגן די לינקע פּאַר־טייען, איז נישט באַוווּסט, עס איז אויך באַוווּסט, אַז גאַנצוויך האָט אָנגע־שריבן אַ בוך: אַ יאָר געטאָ [339]. דער טעקסט איז אָבער נישט באַקאַנט.

זייב גאַנצוויך זוכט רייניקונג ביי דער ליטעראַטור און קונסט, זוכן קאָן און העלער ביי דער פרומער וועלט. זיי גיבן אויף חדרים און ישיבות, שטיצן רבנים און אַנדערע כלי־קודש. מענטשן האָבן געזען לויב־געזאַנגען

[336] הערש פּסח־ליבמאַן (1882—1955), פירער און טעאָרעטיקער פון „בונד“, דעמאָגראַף און סטאַטיסטיקער, פּראָפעסאָר פון זשענעווער אוניווערסיטעט.

[337] יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע.

[333] געוויסע וועכנטלעכע באַריכטן פון גאַנצוויכן געפינען זיך אין אַרכיוו פון וואַרשע און וואַרשעווער וואָיעוואָדשאַפט.

[339] גאַנצוויכס יערלעכער באַריכט איז פאַראַן אין אַרכיוו פון ייד. היס־טאָרישן אינסטיטוט.

פון גערער רבינס ברודער מאיר אלטער פון פאַביאַניץ לכבוד קאָן און הע־
לער. זיי זוכן אויך רייניקונג אין פאַטראָנאַטן, קינדער־אינטערנאַטן וכדומה,
וועלכע זיי וואַרפן צו פון צייט צו צייט עטלעכע הונדערט זל. אַמאָל אַ טויזנ־
טער. קיין צופיל געלט אויף אַזעלכע צוועקן וואַרפט מען נישט אַרויס, אָבער
אפשר דאַרף וועלן די ברכות פון די פרומע יידן העלפן, אויב נישט אויף
דער זינדיקער וועלט, איז דאָך אויף יענער וועלט. זיי האָבן אייגענע האַ־
לעס אויף לושנאַ, פערד־אַמניבוסן, קאָנצעסיעס פאַרשיידענע וכדומה. אַחוץ
דעם האָבן זיי געמאַכט מיליאָנען דורך דעם אַראָפּברענגען קיין וואַרשע הונ־
דערטער פליטים פון לאָדזש נעמענדיק פון אַ קאָפּ 3.000—5.000 זל.
מען זאָגט, אַז קאָן און העלער זיינען זייער סאָליד אין געשעפטן. אויב זיי
זאָגן צו עמעצן צו באַפרייען פון תּפיסה פאַר געלט, נעמען זיי דאָס געלט נאָר
אין פאַל פון באַפרייונג, מיט איין וואָרט — גנבֿישע עטיק.

דעצעמבער 1941

די מעשה עלעקטרי האָט שטאַרק געטראָפן די יידישע באַפעלקערונג
פון געטאָ אין נאָוועמבער און דעצעמבער. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט
מען, אָן שום וואָרענונגען, פאַרפעלט שטראָם אין געטאָ. קודם האָט פאַר־
בלעט פון 7 פרי ביז 10 אין אָוונט, דערנאָך האָט אינגאַנצן אויפגעהערט.
אַן אויסנאַם זענען די רייכע ה[ייזער, וואָס האָבן] איינגעצאָלט פאַרשיי־
דענע כּל־בֿערס געלט אין באַקומען תּיכּף שטראָם. דער אָפּצאָל איז אַ פאַר־
שיידענער, פון 1.100 זל. און העכער. טיילמאָל טרעפט, אַז נאָכן באַצאָלן
איינמאָל, דאַרף מען באַצאָלן אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל. עס איז פּשוט
נישט צו פאַרשטייען, ווי אַזוי דאָס אַלץ געשעט. אָבער אין געטאָ זענען דאָ
אַ סך אומפאַרשטענדלעכע זאַכן. דער מאַנגל אין עלעקטרי האָט רואינירט
גאַנצע ווירטשאַפטס־צווייגן, ווי מילעכלעך, פאַבריקלעך, וכדומה. קאַרביד
איז שרעקלעך געשטיגן — ביז 9 זל. אַ קילאָ, נאָכט ביז 24 זל. אַ קילאָ
דאָס זעלבע ליכט — 27 זל. אַ קילאָ. דעם גרעסטן דורפאָלג האָט קאַרביד.
דער מאַנגל אין ליכט האָט אָפּגעלייגט די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אַר־
בעט. פאַרזאַמלונגען פון הויז־קאָמיטעטן איז זייער שווער צונויפצורופן —
דאָס זעלבע פאַרזאַמלונגען אין רעווירן.

סוף 1941[340]

די פע[סימיסטן]

און דערציילן אַ וויץ:
האָסט געהערט בערל — —

---

340) מאַשין־קאָפּיע. דער ערשטער פראַגמענט פון דער וויטערדיקער נאָטיץ
איז צעשטערט און נישט לייענבאַר.

ענטפּערט אים שמערל: וואַש — —
טונג, נישט מער ווי אַ מאָראַל — —
לעצטנס האָבן אויך קורסירט קל[אַנגען]
לובלין, ביאַלע, קראָקע און א. א. שטעט — די קל[אַנגען]
אַרויסגעוויזן פאַר נישט באַגרינדעטע. געהע[רט]
אַרויסשיקן פון יידן פון בערלין איז אָפּגעשט[עלט] [אַ דאַנק]
דער ענערגישער אינטערווענץ פון גערינגן, וועו[לכער איז אַרויס־]

געטרעטן קעגן דעם אין נאָמען די דייטשע מיליטע — —
איבעריקנס, וועגן דעם איינדרוק פון דער אַרויסשיקונג (פון די — —)
יידן קיין מזרח קען עדות זאָגן דער פאַרענטפערונגס־אַר[טיקל פון]
געבעלסן אין „רייך".

אין דעצעמבער באַקומען די יידן אַ טייל אַרישע הייזער אויף כלאָדנע, זשעלאַזנע, נאָוואָליפּיע א. א. די קריסטן לאָזן איבער די דירות אין אַ שרעק־לעכן מצב, מען נעמט אַרויס די שויבן, שלעסער, פּוטרינעס, אַפילו פּאָד־לאָגעס, גאַזאָמעטערס, פשוט פולשטענדיק דעמאָלירטע. אויף אַ טייל די־רות הענגען קוויטלעך פון [פאַרשיידענע] אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן פאַר־נומען די דירות פאַר זייערע יידן. בכלל קומען כסדר פאַר אינטערווענצן פון דייטשן לטובה זייערע יידן, פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע אינטערווענצן האָבן אַ פּעולה.

דעם 22 דעצעמבער האָט מען פלוצים פאַרבאָטן די יידן אַרויסצוגיין פון שעננע, נאָר פון שליסקע, וואָס גרענעצט זיך מיט שעננע. נישט אומע־טום איז דאָס אָבער מעגלעך געווען, ווייל מען האָט אפשר געדאַרפט אַנהויבן האַקן ווענט און מאַכן דורכגענג אויף שליסקע. אַ טייל מענטשן האָבן דע־ריבער געמוזט קריכן דורך לעכער, קעלערס וכדומה.

אין געטאָ ווילט מען זיך נישט בלויז אין די עפנטלעכע לאָקאַלן, וואָס זייער צאָל האַלט אין איין וואַקסן, נאָר אויך אין קאַרטן־קלובן, וואָס מערן זיך און פּרוכטבערן זיך כמעט אין יעדן הויז און — —
בילדן אָפּט דעם — —
נישט לאַנג האָט מען — —
געוויזן איבער 60 קלו[בן] — —
אַ ברוכטייל פון דער אַל[געמיינער] — —
דער בזיון — —
געווען אויפן בית־עולם און גע — —
קברים נאַקעטע מתים, פשוט ווי שטיינער, 3 — —
אא״וו. די אַרעמעליט, וואָס שטאַרבן אין די ג[אַסן] — —
פון אַלעמען און בלייבן אדם־נאַקעט, יעדנפ[אַלס] — —
אַראָפּגעצויגן און אויך די מלבושים. געהע[רט] — —
פלאַטקע, וואָס האָט אין פונקט פאַר הונגער פאַר[קויפט] — —
וועט פון איר טויטער טאָכטער און זי געלאָז — —

אויך פאַסירט, אַז ביי איינעם, וואָס האָט געחלשט, — —
געצויגן די שיך.

דער העלזער אַסאָוויעצקי איז געווען אין געטאָ און דערקלערט זיינע יידישע פריינט, אַז די — — לאַגע וועט אויפגעקלערט ווערן אין חודש דעצעמבער. — — ונג פון די יידן וועט פאָרקומען פריער איידער די גאולה פ — — אקן — —

וועגן דעם חודש פון קינד, וואָס איז פאָרגעקומען אין אָקטאָבער, נאָוועמבער האָט די גאַס געזאָגט:

די אַקציע איז געווען דורכאויס פון צוואַנגס-כאַראַקטער. מען האָט גענומען פון בריוו, פון ברויט, פון מעדיצינען וכדומה. דאָס האָט אַרויסגערופן גרויס אומצופרידנקייט ביי דער באַפעלקערונג.

נאָך דעם זיג פון די רוסן ביי ראָסטאָוו, האָבן די יידן אָנגעהויבן רופן די שטאָט ראש-טוב.

דער פלאַן פון איינאָרדנען געטאָס אין פוילן איז געווען נאָך פאַר דער מלחמה. יצחקן[341] האָט אַ העברעער דייטשער באַאַמטער געוויזן אַ העקטאָגראַפישע אַרבעט, דאַטירט פון יוני 1939, ווו עס זענען געווען אָנגעצייכנט 4 געטאָס אין פוילן.

זיך איינצ — —
מיט וואָס זיי ק. — —
אַדורך דורך די גא — —
וואַרשע מאַכט אין —— אַ שויד — — —
דער פאַרטונקלונג איז ממש אוממעגלעך אַ — —
נישט אָנפאַלן אויף יענעם צוליב דער פי — —
ברוק איז שוין זייט יאָרן נישט פאַרריכט — —
ווילע אַריין אין אַ קאַלוזשע בלאָטע אָדער — —
אָנצופאַלן איינער אויפן צווייטן טראָגט — — פאַר — —
בראָשקעס, וואָס דאַרפן יענעם וואַרענען, אַז דאָ גייט — —
אַ שרעקלעכן, פשוט אומהיימלעכן איינדרוק מאַכן — —
אייגענטלעך געיאָמער פון קינדער, וואָס שטייען אין די — —
נישט און בעטן אַ נדבה אָדער קלאָגן זיך, אַז זיי האָבן — —
צו נעכטיקן. אויף עק לעשנאָ און קאַרמעליצקע ווינען קינדער יעדן אָוונט מיט ביטערע טרערן. הגם איך הער יעדן אָוונט דאָס דאָזיקע געוויין, קען איך עס ביז שפעט ביינאַכט נישט פאַרגעסן. די פאָר גראָשן וואָס איך גיב יעדן אָוונט קענען נישט באַרואיקן מיין געוויסן.

דעצעמבער 1941

פון דער כאַפּטע מלחמה-גבירים, וואָס ווייסן פון איין זאַך: וואָס מערער און וואָס בעסער זיך דערנערן, אייגנטלעך פרעסן און זויפן (זיי צאָלן טייל-

[341]) וואַרשעווער: יצחק גיטערמאַן.

מאָל חשבונות צו טויזנטער זלאָטעס), צייכענען זיך אויס די ה״ה עמיל ווייץ און זילבערשטיין יעקב. ביידע פון טאָרנע, ווו ייז וווינען ביז היינט. זיי קומען נאָר קיין וואַרשע פון צייט צו צייט אויף צו דערליידיקן זייערע ענינים און פאָרן צוריק קיין טארנע. זיי מאַכן די ריזיקע געשעפטן. זיי אַרבעטן אויס בערשטן פאַר דער דייטשער אַרמיי און פאַרדינען דערביי מיליאָנען אין דעם בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. זייער חודש־אומזאַץ האָט נישט לאַנג באַטראָפן 2 מיליאָן זלאָטעס. זיי באַווייזן גאַנצע נסים. זיי מאַכן בערשטן פון שטעקנס, טשעפּאַטשקעס און ענלעכע זאַכן. די דערמאָנטע הערן טוען אַ גרויסע — — [342]

---

342) דער טעקסט איז ווייטער נישט ליענבאַר.

1942

8 — 26 יאנואר 1942.

יאַנואַר 1942. די לאַגע פון די פליטים אין די פונקטן איז פשוט אַן אומדערטרעגלעכע, צוליבן מאַנגל אין קוילן פרירן זיי צום טויט. אין פונקט סטאַווקי 9 איז אין משך פון דעם חודש פון איבער 1.000 פליטים געשטאָרבן 22 פראָצענט. קוילן פאַר פליטים־פונקטן איז נישטאָ, אָבער פאַר די קאַפע־הייזער פעלט נישט אויס קיין קוילן. די צאָל צום טויט געפרוירענע וואַקסט יעדן טאָג. דאָס איז ממש [אַ] טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. ביים אָנהייב ניי־יאָר האָט דער עולם געשיט פאַרשיידענע וויצן דערמיט פאַרבונדענע. צווישן אַנדערע האָט מען פאַרציילט, אַז דאָס יאָר 1942 וועט הייסן A 1941 דערפאַר, ווייל ה.[יטלער] האָט צוגעזאָגט זיין פאָלק צו פאַרענדיקן די מלחמה נאָך אין י. 1941.

דער חודש יאנואר איז געשטאנען אונטערן צייכן פון דער פוטערס־גזירה. — אַ גזירה וועלכע האָט איבריקנס אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע גענעראַל־גוווערנעמאַן. די דאָזיקע גזירה האָט שווער געטראָפן די אָרעמע שיכטן, וועלכע האָבן טיילמאָל גאָרנישט געהאַט וואָס אָנצוטון אויסער דעם צעריסענעם פוטער. די גזירה האָט דאָס גאַנצע געטאָ אָרעמער געמאַכט מיט צענדליקער מיליאָנען זל. (מען רעכנט אויף 30 — 50 מיליאָן זל.), דערביי האָט מען דאָ גאָרנישט באַקומען דערפאַר, בשעת אין לאָדזש האָט מען פאַראַיאָרן פאַרקויפט די פוטערס פאַר אַ סך געלט און באַקומען דערפאַר לעבנסמיטל. דער ערשטער טערמין 3 טעג איז געווען אַ קורצער, כדי דער עולם זאָל זיך נישט קענען געבן אַן עצה. אָבער דאָך האָט מען זיך ווי נישט איז געהאָלפן. טויזנטער פוטערס זיינען אַריבערגעשמוגלט געוואָרן אויף יענער זייט צו באַקאַנטע קריסטן. אַ סך פוטערס זיינען פאַרשטעקט געוואָרן אין געטאָ גופא, מאַנכע האָבן פאַרניכטעט די פוטערס, אַבי זיי נישט איבערצוגעבן אין

שונאס הענט. די מערהייט אָפּגעגעבן מורא האָבנדיק פאַר מסירות פון שכנים אָדער דערפאַר, אַז מען וועט קומען פרעגן נאָך אַ באַשטעטיקונג, וועגן אָפּגעגעבן די פוטערס. די שאַפּע האָט בשעת דעם אָפּגעבן די פוטערס ווונדערבאַר געשפּילט [1]. יידן האָבן געמאַכט גלענצנדע געשעפטן. די קהלה־באַאַמטע האָבן פאַרקויפט באַשטעטיקונגען אויף די אָפּגעגעבענע וויפל מען האָט נאָר געוואָלט, און אויף וואָס מען האָט נאָר געוואָלט. נאַטירלעך האָבן יידן פאַרקויפט ממש פאַר גראָשנס די פוטערס. ווען עס איז אָבער פאַרלענגערט געוואָרן דאָס אָפּגעבן די פוטערס איז דער פרייז געשטיגן. בשעת אָפּגעבן די פוטערס האָט וואַרשע געהאַט אַ מאָדנעם אויסזען. אין דער גאַס איז פול געווען מיט מיזנמיער קריסטן, בן־זונדערס פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן פאַרהאַלטן יידן וואָס זיינען געגאַנגען אין קהלה מיט די פוטערס און פאַרגעלייגט זיי צו קויפן. אין גאַס אָדער אין טויער פלעגט ערלייזדיקט ווערן די טראַנזאַקציע. געווען פאַלן, ווען בעטלער־קינדער האָבן באַקומען שטיקלעך פוטערס וועלכע זיי פלעגן פאַרנוצן אויף אָנוואַרעמען די פיס, די הענט א. א. עס איז אויך אנשטאַנען אַ רייכער פאָלקלאָר אַרום די פוטערס. די פאָלקספאַנטאַזיע איז אַ רייכע און רעאַגירט שנעל אויף אַלעם וואָס געשעט אין גאַס.

אין חודש יאַנואַר האָט מען אין צוזאַמענהאַנג מיט די נצחונות ביי מאָזשייסק און דעם דורכברוך ביי כאָלם געזאָגט אין גאַס :

Żydzi nie bójcie się,
Polacy radujcie się,
Niemcy pakujcie się [2]

אין דעם פאַריאָריקן פוילישן קאַלענדאַר זיינען אין די טעג פון נאַציאָנאַלן יום־טוב געווען ווייסע קאַרטלעך.

אויף אַלע פּלאַקאַטן האָבן זיך אָנהייב יאַנואַר אין געטאָ באַוויזן אויפשריפטן: 3.1812 [3] אויף אַלע סלופּעס פון דער אַרישער זייט האָבן זיך באַוויזן אויפשריפטן: „נור פיר דויטשן" דעם 8 יאַנואַר [4].

אָסטראָווסקאַ 14 איז אַ הויז פון ליטווער פּרויען און קינדער. אַלע מאַנסבילן זיינען אויסגעשטאָרבן. בכלל מערקט זיך אַ גרעסערע שטאַרביקייט פון מענער — די סיבה: מענער זיינען ווייניקער אויסהאַלטעוודיק, אַרבעטן שווערער א. א. געווריבדיקט אַ נייע גלייכווערטער: „קראַפּט דורך שאַדענפרוידע"[5].

---

1) ד. ה. ס'איז אָנגעגאַנגען כאַבאַר.

2) פוילישׁ: יידן, האָט נישט קיין מורא; פּאָליאַקן, פרייט זיך; דייטשן, פּאַקט זיך.

3) אין יאָר 1812 האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש פון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע אויף רוסלאַנד און אינעם זעלביקן יאָר איז געקומען זיין מפּלה.

4) אַן אָנצוהערעניש, אַז מען וועט אויף די סלופּעס הענגען דייטשן.

5) פאראפראזירט דעם היטלערישן לאָזונג „קראפט דורך פרוידע".

די משעה פוטערס האָט געהאַט איר המשך. אין דער העלפט יאַנואַר איז אַרויפגעשווומען די פראַגע פון באַפרייען פון טויט־אורטייל די יידן, וואָס זיינען צוליב איבערשרייטן די גרענעץ פון געטאָ פאַרמשפט געוואָרן דורך דעם זאָנדער־געריכט צום טויט. פאַרן פרייז פון 1500 פוטערס געקויפטע דורך דער ייד[ישער]קהלה האָט מען געוואָלט באַפרייען פון טויט־אורטייל די דאָזיקע יידן. דאָס דאָזיקע האָט אויך געזאָלט זיין חל אויף די עטלעכע הונדערט יידן, וואָס זיצן אין תפיסה צוליב דעם דאָזיקן. די קהלה לויט איר שטייגער האָט דאָס אַלץ געוואָלט אַרויפלייגן אויף די פּלייצעס פון די אָרעמע־סטע דורך דער הילף פון די הויז־קאָמיטעטן. עס איז אָבער געבליבן, אַז די אַקציע זאָל אַרומנעמען אויך די רייכע. מען האָט געהאַנדלט לגבי זיי ריק־זיכטלאָז. די, וואָס זיינען נישט געקומען אין דער קהלה צו ערליידיקן זייער ענין האָט מען ביינאַכט אַרויסגעשלעפּט פון די בעטן און געהאַלטן אַזוי לאַנג ביז וואַנען זיי האָבן איינגעצאָלט. אין די געזעלשאַפטלעכע קרייזן איז אָנגע־גאַנגען אַ דיסקוסיע צי דאַרפן די הויז־קאָמיטעטן מיטהעלפן אין דער אַק־ציע. אַ טייל האָבן געהאַלטן, אַז מיר טאָרן נישט טון דאָס. ווייל דערמיט העלפן מיר דעם שונא צו געווינען די מלחמה. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז מיר יידן האָבן געגעבן אַזוי פיל קרבנות, אַז ווען מיר האָבן אַ מעגלעכקייט אויסצוקויפן אַ פּאָר הונדערט יידן און ראַטעווען זיי פון טויט — דאַרפן מיר עס טון. באַזונדערס ווען די 1500 קאָזשוכעס זיינען אייגנטלעך נישט אַ פריי־ווילקע זאַך, נאָר אַ קאָנטריבוציע. די פאַרזאַמלונג פון די הויז־קאָמיטעטן, וואָס איז גערופן געוואָרן אין דער פראַגע, האָט געהאַט אַ ריזן דערפאָלג. דער זאַל און די קאָרידאָרן זיינען געווען איבערגעפולט. אויף די 1500 פו־טערס איז געווען בויטיק אַ סומע פון איבער 1 מיליאָן זל.

—• דייטשע אַלגעמיינע צרות [6] — שרייען אַ טייל ציימונגס־פאַרקויפער — „קראָקעווער צייטונג”, וויעלקיע בידי [7], עס געפינט זיך אַפילו אַ דרייס־טער ציימונגס־פאַרשפּרייטער, וואָס שרייט אין גאַס — „אַ גרויסע שרפה אויף פראַגע — (אַ שרפה פון מיליטערישע מאַגאַזינען) — טויזנטער מענטשן דערטרונקען” וכדומה.

דעם 26 יאַנואַר האָט די יידישע פּאָליציי געמאַכט אַן אָבלאַווע אויף אַלע קאָרטן־קלובן. דאָס געפונענע געלט האָט מען קאָנפיסקירט. פאַראַן אין וואַר־שע עטלעכע הונדערט קאָרטן־קלובן. אַ טייל פון זיי זיינען דער איינציקער אויסהאַלט פון די הויז־קאָמיטעטן.

אַ ייד האָט באַקומען פון זיין באַקאַנטן אין דער שווייץ פאָלגנדן אויטענ־טישן בריוו: „דער הער יאַקל [8] האָט שווערע אנפעלע בעקאָמען. עס ווערע דאס בעסטע ווען ער שטערבן ווירדע דאמיט ער נישט מער ליידן מוס. הער שלים ווערט באלד קאממען. ווער ערוואַרטען איהן אויך”. ווי [די] דעראָבערונג

6) אָנשטאָט „דויטשע אַלגעמיינע צייטונג”.

7) פּויליש: גרויסע ליגנס.

8) דאָ געמיינט: דייטשלאַנד.

פון מאָזשייסק האָט געדויערט זייער לאַנג האָבן אים די דייטשן גערופן „ביע מאזשייסק" [9].

„קאָם הערונטער גראָסער רייטער — דער געפּרייטער קאָן ניכט ווייטער" — האָט מען געזאָגט צום דענקמאָל פון פרידעריך דעם גרויסן אין בערלין.

אויסער ריכטיקע ראַדיאָ־ידיעות פאַרשפּרייטן געוועזענע זשורנאַליסטן פאַרשיידענע קאָמוניקאַטן מיט איבערגעטריבענע ידיעות. זיי לויפן שטענדיק פאַרויס דער רוסישער אַרמיי מיט היפּשע הונדערטער קילאָמעטער. נאָכן דורכברוך ביי כאָלם זיינען זיי געלאָפן אַזש קיין ווילנע, — נאָכן זיג ביי מאָזשייסק ביז נאָך סמאָלענסק, וויטעבסק, מינסק וכדומה. סטאַלין האָט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דעפּעשירט צו זיי: געוואַלט, נישט אַזוי שנעל — ער קען נישט נאָכלויפן. דעם 2 יאַנואַר האָבן יידן פאַרציילט וועגן פאַרנעמען פון ווילנע, עוואַקואַציע פון קיעוו [10].

דער קוואַרטיראַמט איז אַ נעסט פון דער ערגסטער קאָרופּציע. אויב עמעצער איז שוין אַדורכגעגאַנגען די אַלע שבעה מדורי גיהנום און באַקומען אַ דירה ווייזט זיך אַרויס — אויב ער האָט נישט געגעבן כאַבאַר — איז די דירה אָן וואַסער, גאַז, אויפן 5־טן שטאָק. דערצו קומען נאָך צו שיקאַנעס מצד די הויז אדמיניסטראַטאָרן, וועלכע — אין פאַל כלאָדנע 18 — מוישן די נומערן פון די צוגעטיילטע דירות. כאָר אַ ריכטיקן נומער נישט ערגעץ אויף אַ בוידעם־צימער מוז מען עקסטראַ באַצאָלן.

אין דער סילוועסטער־נאַכט האָט „די בורג" (דאָס ווייסע הויז אָדער דער זאַמעק) אַזוי רופט מען דאָס הויז כלאָדנע 20, וווּ עס וווינען טשערניאַקאָוו מיט די הויפּט־מאַכערס פון דער קהלה, געמאַכט אַ שמחה. זאַבלודאָווסקי האָט געטאַנצט אַ קאָזאַק, געטרונקען און געפּרעסן. דעם צווייטן טאָג איז ער געשטאָרבן. די שטאָט האָט אויפגענומען מיט שמחה די ידיעה פון טשערניאַקאָווס רעכטע האַנט. זאַבלו[דאָווסקי] איז געווען באַקאַנט אַלס אַ שלעכטער מענטש און דערצו האָט מען לעצטנס געספּקט אין זיין ערלעכקייט.

אין „צענטאָס" ווערן אָנגענומען נאָך באַאַמטע, נאָר ווען זיי זיינען נאָך אַ טיפוס. אַזוי גרויס איז די סכנה פון אָנשטעקן זיך מיט אַ טיפוס אין די אַנשטאַלטן, באַזונדערס פון גאַסן־קינדער.

יידן קויפן איין ספרים אויף צו האַנדלען מיט זיי נאָך דער מלחמה. די מעשה מיט די צוגאַב־קאַרטן פון ברויט פאַר דער פּאָליציי (12 קילאָ) פאַר קהלה און אַנדערע באַאַמטע צו 4 קילאָ. פאַר אַרבעטער 6 קילאָ (30.000), האָט אַרויסגערופן אַ קאָלאָסאַלע כּוַדביטערונג ביי דער באַפעלקערונג. דאָס אַלץ געטון אויפן חשבון פון די אָרעמסטע, ביי וועלכע עס ווערט צוגענומען

---

9) ווערטער־שפּיל: מאָזשייסק, די רוסישע שטאָט, וווּ עס זענען פאָרגעקומען לענגערע שלאַכטן, שטאַמט פון רוסישן וואָרט — קענען. ניע מאָזשייסק — נישט קענען. ד. ה.: מיר (די דייטשן) קענען עס נישט דעראָבערן.

10) דאָס זענען געווען נישט קיין ריכטיקע קלאַנגען.

צו האַלבע קילאָ ברויט פון אַ פּערזאָן. מען ווייסט נישט וועמענס קאָפּ עס שטעקט אין דעם, צי טאַקע פון קאָמיסאַר אוערסוואַלד אָדער גאָר פון יידן. יעדנפאַלס זעט מען אין דעם אַ געפאַר פאַר דער צוקונפט. מען האָט מורא צי הייסט דאָס נישט אַן אָנהייב פון צונעמען ביי יענע דאָס רעכט צו לעבן, צי וועט דאָס נישט פירן צו ווייטערע באַגרענעצונגען פאַר די דאָזיקע. ביי אַ טייל באַאַמטע איז אויפגעשוואומען דער געדאַנק אָפּצוזאָגן זיך פון דער „מתנה". מען האָט אָבער מורא געהאַט צי קען דאָס נישט האָבן קיין פאָלגן. עס איז דעריבער געבליבן, אַז די באַאַמטע זאָגן זיך אָפּ פון 1 — 2 קילאָ ברויט לטובת די פליטים פון די פונקטן. נישט אַלע באַאַמטן־פאַריינען זיינען דערמיט מסכים, ווי למשל קהלה־באַאַמטע.

יאנואר 1942

ביכער־האַנדל [11]

די יידישע בוכהאַנדלונגען זיינען נישטאָ. זיי זיינען געוואָרן פאַרמאַכט און די ביכער צוגענומען. דאָס רעשט ביכער, וואָס איז זיי געלונגען צו ראַטעווען פון דער שוו. קזשיסקע־גאַס, ווו עס זיינען געווען טעטיק גאַנצע דורות יידישע בוכהענדלער — ווערט איצט אַרויסגעפירט פון [illegible]ק און פריי אויף די גאַסן. דער הויפּט־צענטער איז לעשנאָ, ווו עס ווערן פאַרקויפט אין קוישן די בעסטע ווערק פון די לעצטנס מאָדערנע שרייבער. עס פעלט דאָרט אויך נישט קיין טרייפענע סחורה, ווי די ווערק פון פויכטוואַנגער, צווייג, קויטסקי, לענין, מאַרקס, ווערפעל א. א. אָדער בולט אַנטיהיטלעריסטישע ליטעראַטור פריי פאַרקויפט (דער פאַלשער נעראָן) [12]. ד"ר קרוקס פאַרטרעטער ערליך פאַרקויפט אויס די גאַנצע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור פון ד"ר קרוק [13], זיינע סאָציאַליסטישע בראָשורן, באַריכטן פון אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן וכדומה. זייער אַ גרויסן דערפאָלג האָבן פרעמדשפּראַכיקע ביכער, באַזונדערס אין ענגליש, ווייל דער עולם לערנט געשמאַק, גרייטנדיק זיך אויף עמיגראַציע נאָך דער מלחמה (פינגווין־פאַרלאַג). די ביכער־פאַרקויפער זענען דער רוב געוועזענע אייגנטימער פון גרויסע ביכער־געשעפטן אויף שוו. קזשיסקאַ, וואָס איז געווען באַרימט פון יאָר יערלעכע אָנפאַלן פון דער נאַראַ־יוגנט [14].

11) מאַשין=קאָפּיע.

12) טיטול פון א ראָמאַן פון ליאָן פויכטוואַנגער, וואָס דערמאָנט מיט זיין הויפּט=געשטאַלט היטלערן.

13) ד"ר יוסף קרוק, געוו. פירער פון דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין פּוילן, לעבט אין ישראל. ערליך — געוו. טוער פון דער דאָזיקער פּאַרטיי.

14) פּויליש: אָבוז נאַראָדאָווא=ראַדיקאַלני — נאַציאָנאַל=ראַדיקאַלער לאַגער, פּוילישע פאַשיסטיש=אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי, אַנטשטאַנען אין יאָר 1934 פון עקסטרעם=ענדעקישע און סאַנאַציאָרישע עלעמענטן מיטן הויפּט=לאָזונג פון פּאָגראָמירן יידן.

אויף לעשנאַ וועט פאַרקויפט פוילישע ביכער, אויף באַוואָליפקי, זאמענ־האָף און אַנדערע יידישע גאַסן וועט פאַרקויפט יידישע און העברעיִשע ספרים. לעצטנס מערקט זיך אויך, אַז עס ווערן אויספאַרקויפט תלמודישע ספרים — אַ זאַך וואָס פלעגט קיינמאָל נישט פאַרקומען. ספרים זענען גע־ווען אַ הייליקטום און פלעגן איבערגיין בירושה פון דור צו דור. פאַרקויפן ספרים אין קויש איז אַן אמתער חילול השם און באַווייזט צו וואָס פאַר אַ מדרגה פון ירידה איז איצט דערגאַנגען.

צווישן די ביכער־פאַרקויפער געפינט זיך אויך דער באַקאַנטער העב־רעיִשער שרייבער טשודנער [15]. ער האָט אָבער אַ שלעכטע טבע צו פאַר־האַלטן פאַר זיך די בעסטע ביכער. ליטעראַט בלייבט פאַרט ליטעראַט.

דאָס קלאַסן־פּנים פון דער יידישער קהלה

ציַיטן פון איבערברוך האָבן די מעלה, וואָס זיי באַלויכטן ווי מיט אַ ריזיקן רעפלעקטאָר דאָס, וואָס איז ביז איצט געווען פאַרדעקט. דאָס חיהשע פּנים פון דער יידישער בורזשואַזיע, איר מענטשן־פרעסערישער כאַ־ראַקטער איז געקומען בולט צום אויסדרוק אין די לעצטע ציַיטן פון הונגער. די גאַנצע אַרבעט פון דער קהלה איז איין גרויסע הימלשרייענדיקע עוולה לגבי דער אָרעמקייט און וואָלט געווען אַ גאָט אויף דער וועלט וואָלט ער מיט דונערן חרוב געמאַכט די נעסט פון רשעות, צביעות און הויט־שינדע־ריי. די גאַנצע פינאַנץ־פּאָליטיק פון דער קהלה איז איין גרויסער סקאַנדאַל: „אַלע גלייך" — דאָס איז דער אומגליקלעכער דעוויז פון דעם פינאַנץ־מי־ניסטער. מען נעמט אומדירעקטע שטייערן, וואָס פאַלן מיט זייער לאַסט אויף דעם אָרעמאַן. האָט זיך געפונען אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָט אין דער אי־בערזידלונגס־קאָמיסיע געפאָדערט געלד ביי רייכע און אַנגעווענדט סאַנק־ציעס קעגן די, וואָס האָבן נישט געוואָלט צאָלן, האָט מען אַלץ געטון אין דער וועלט, כדי די אַקציע זאָל באַגראָבן ווערן. אַפילו די הילף, וואָס ווערט געגעבן דער אָרעמקייט, ווערט געדעקט דורך דער אָרעמקייט גופא. די דערוואַקסענע, למשל, צאָלן 70 גר. פאַר אַ מיטאָג, בשעת העך ווערט פון אַ מיטאָג איז נאָר 50 גר., כדי מיט איבעריקע 20 גר. צו דעקן דעם דעפיציט, וואָס ווערט געשאַפן צוליב דעם, וואָס די קינדער צאָלן 25 גר. פאַר אַ מי־טאָג. דאָס זעלבע איז אויך מיט די 10% פּראָדוקטן, וואָס די קהלה נעמט אַראָפּ. דאָס ווערט אויך אַראָפּגענומען פון די רייכע און פון די אָרעמסטע בעטלער. דאָס זעלבע איז אויך ביים אַרבעטס־באַטאַליאָן. אויך דאָ צאָלן די רייכע גראָשנס, בשעת דער פּאַראָמטער מיטלשטאַנד און די אָרעמקייט מוזן צאָלן פּראָפּאָרציאָנעל גרעסערע סומעס. אַלע מעדיצינען ווערן באַשטיי־

---

15) יצחק טשודנער, העברעיִשער דיכטער, מיטגעאַרבעט מיט דער אומלעגאַ־לער חלוצישער פּרעסע, אומגעקומען בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ.

ערט מיט 40% לטובת דער קהלה. דאָס טרעפט אין דער ערשטער ריי די אָרעמקייט, וואָס ליידט אממיינסטן צוליב קראַנקהייטן און מוז אַלץ פאַר־קויפן, כדי צו קענען אויסקויפן אַ מעדיצין. אין „חודש פון קינד" (אָקטאָבער) האָט מען ווידער אַלע קאָנסומענטן גלייך בן־[ן]שטייערט. דאָס זעלבע אויף דער פאָסט אאַ"וו. דאַרף מען האָבן געלט אויף באַקעמפן עפּידעמיעס, באַשטייערט מען אַלע גלייך צו 2 זל. פון אַ ברויט־טאַלאָן אאַ"וו. אַזעלכע ביישפּילן קען מען אויסרעכענען צענדליקער. דעם בודזשעט פון דער קהלה דעקט די יידי־שע אָרעמקייט. די רייכע מאַכן ריזיקע געשעפטן און זיינען אינגאַנצן באַפרייט פון שטייערן. דאָס איז די איינציקע קהלה, וואָס פירט אַזאַ פאַרברעכערי־שע פּאָליטיק.

*　　*
*

מען האָט אַ ייד געשלאָגן אין געשטאַפּאָ. צום סוף האָט מען אים צו־געזאָגט צו באַפרייען בתנאי, אַז ער זאָל דערציילן, ווער עס וועט זיגן. זיין תשובה איז געווען: „די אכסע". ווער וועט פאַרשפּילן: „דער איד". מען האָט, פאַרשטייט זיך, נאָך אַזאַ תשובה באַפרייט. איינער פון די געשטאַפּאָ־אָפיצירן האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ מוז עפּעס שטעקן. איז ער נאָכגעלאָפן נאָכן ייד, אים געפרעגט, וואָס האָט ער אין זינען געהאַט מיט זיין תשובה. האָט דער ייד געענטפערט: „די אכסע" איז דער טייטש — אַמעריקע, כינע, סאָוויעט־רוסלאַנד, ענגלאַנד. „איד" — איז דער טייטש — איטאַליע, יאַפּאַן, דייטשלאַנד".

יאנואר 1942

—· — מויער. „א" למשל אַ זייגער 5 הייסט, אַז מען קען אַריבערפירן די זאַכן, „ב" הייסט, אַז מען טאָר נישט. אויף איין אָרט איז איינגעאָרדנט אַ זשוראַוו, וואָס וואַרפט אַריבער זעק מיט מעל, צוקער וכדומה. דאָרט איז פאַראַן אַ נידעריקע מויער, וועלכע טיילט אָפּ דאָס געטאָ פון דער דרויסנדיקער וועלט. אין לאָדזש, דערציילט מען, קאָסט א ברויט 8 מאַרק[16]. קוילן איז נישט צו באַקומען. אַ טאָפּ הייס וואַסער קאָסט אַ גוזמא מיט געלט. עס זיינען 5.000 יידן געגאַנגען פרייוויליק צו דער אַרבעט אין אשכנז. 10.000 האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן צו דער אַרבעט . אין וואַר־שע זיינען אין דער לעצטער וואָך (אָנהייב יאַנואַר) אין איין טאָג דער־הרגעט געוואָרן 3 יידן ביים שמוגלען אויף סטאַווקי. איינער אַ פּליט, אַ פאָטער פון 8 קינדער. דער שמוגל דויערט ווייטער. אַדאַנק [אים] איז

[16]) היות אין דעצעמבער 1941 האָבן די דייטשישע יידן אין לאָדזשער געטאָ אָנגעהויבן באַקומען געלט־איבערוואַרפונגען פון דייטשלאַנד, זענען געוואַקסן די פּרייזן אויף ברויט ביז 8—9 מאַרק אַ קילאָ.

פאַראַן געגוג לעבנסמיטל, און דער פּרייז־אונטערשייד איז נישט קיין צו
גרויסער. לעצטנס רעדט מען אַ סך וועגן גאַנצווייכן. ער האָט רעדאַגירט
אַ וואָכנבלאַט אין סאָסנאָוויעץ. געווען אַמאָל אַ קאָמוניסט, אַ ציוניסט, רעדט
גוט העברעיש (מיט וואַרשאַוויאַקן[17] רעדט ער העברעיש), פּויליש און
יידיש. זייער אַ פּעיקער, אָבער צו אַלעם גרייט. ער פאַררופט זיך אויף זיין
קוזין מערינגען, עס איז אָבער אַ ספק צי יענער שטיצט אים טאַקע, ער
זאָגט, אַז ער [וועט] גיין אין מעריגנס וועגן.[18] ער ווערט געשטיצט דורך דער
פּאָליט[ישער] אָפּטיילונג פון יענע. מען רופט זיין ביורא: לאָדזשער ג[ע־
סטאַפּאָ], אָדער יידישער ג. ער פאַרציילט, אַז ער האָט ברייטע פּלייצעס
אין דאָרט און וועט איבערנעמען די קהלה. ער זוכט איצט צו געווינען אָנ־
הענגער און סימפּאַטיעס פון דער געזעלשאַפט. דערביי איז אים ביהילפיק
י. וואַרשאַוויאַק, באַקאַנט פון זיין קריכערישער טעטיקייט (פאַרשאַוויאַק).
יענער שרייבט יעדן טאָג בריוו צו זשורנאַליסטן, שרייבער און אַנדערע
פּערזאָנען מיט אַ נאָמען. ער באַנוצט זיך יעדן טאָג מיט אַ נייעם נאָמען
פון מענטשן, וועלכע האָבן דערויף נישט אויסגעדרוקט זייער הסכמה. ער
זאָגט, אַז זיי זיינען גרייט מיט אים מיטצואַרבעטן און האַלטן רעפעראַטן.
מען זאָגט, אַז זיי זאָלן עס שאַפן דעם קולטורבונד. ד"ר שובערט פון דיסט־
ריקט, וואָס שטיצט זיי, זאָל האָבן אויסגעדריקט זיין פאַרוווּנדערונג הלמאי
טשערניאַקאָוו האָט זיך צו אים קיינמאָל נישט געווענדעט וועגן קולטור־
פראַגן. קולטור זיינען זיי גרייט וויפל מען וויל — ברויט — לאו דווקא.
אין גאַס זאָגט מען, אַז אין גאַנצווייכס לאָקאַל קומען פאַר אָרגיעס ביינאַכט.
וויפל אמת, נישט געקענט פעסטשטעלן. גאַנצווייך זאָגט צו צו שאַפן קיכן
פאַר די יידן פון לעשנא, וווּ ער איז אַדמיניסטראַטאָר פון הייזער. זיין פאַר־
דינסט, האָט ער דערקלערט אויף אַ קאָנפערענץ פון די ה. ק. [הויז־קאָמי־
טעטן] פון לעשנאָ־גאַס, איז דאָס באַפרייען פון קאַרטשאַקן, פון ברודער
פון גערער רבין, פון אָפּשאַפן דאָס געטאָ אין מינסק־מאַזאָוו., דאָס אָפּראַ־
טעווען די שעננא גאַס, דעם גזשיבאָוו (זיין ערפינדונג איז עס, אַז דער קאָש־
טשאָל אויף גזשיבאָוו איז בויטיק פאַר די משומדים). געהערט אַזאַ מיינונג
וועגן אים: דריי פערטל פאַסקודניק, איין פערטל ראָמאַנטיקער. די גאַס
ווייסט גוט וואָס ער איז, אָבער מען שטראָמט אין זיין לאָקאַל. זיינע גע־
הילפן אַ געוויסער קאָן, קאָנערשטיק, שטערנפעלד, אדוו. גלייכוועקסלער,
אַדוו. בראַמערסאָן, אַדוו. זיידלער, בכלל די מערהייט לאָדזשער. מען שמו־
עסט, אָבער ווייסט אויס אָן אַ גרונד, אַז אין קינאָ קאָלאָסעום זאָל האָבן
פאָרגעקומען אַ מיטינג אונטערן לאָזונג: וואַרשע אָן יידן און אָן מויערן,
אויף יענער זייט זיך געשאַפן באַנדעס, וואָס נעמען צו ברויט און אַנדערע
פּראָדוקטן געקויפטע דורך יידן. מען זאָגט, אַז אין לאָדזש שטאַרבן הונ־
דערטער מענטשן אַ טאָג פון קעלט און הונגער. — אין אָשוויענטשים

17) יהודה וואַרשאַוויאַק, העברעישער שריפטשטעלער, אומגעקומען.

18) ד. ה. ער וועט הערשן אין געטאָ מיט דער הילף פון די דייטשישע מאכט־
אָרגאַנען.

טראָגן די אינזאַסן הילצערנע כּאָדאָקעס אויף די באָרוועסע פיס. דערפון מאַכן זיך וואונדן, וועלכע ווערן נישט געהיילט, בלוט־פאַרגיפטונג און טויט. אַנדערע ווערן אַריינגעלאָזן פון אַ הייסער שטוב אין אַ צימער מיט אַ קאַלטן פּרישניץ, לונגען־אָנצינדונג, טויט. לעצטנס ד"ר רובינשטיין און — — נהרג אויפן פאַוויאַק פאַרן טראָגן [!] רויטן סוועטער מיט אַ ווייס העמד — נאַציאָנאַלע דעמאָנסטראַציע. אָנגעקומען אַ בריוו פון סיביר, אינעווייניק אַ צעטעלע, אַז אין יידיש מיט העברעיש אותיות פאַרבאָטן. פון אַ טייל פּראָווינץ שטעט קומען אָן דורך פּאָסט פּעקלעך. מען זאָגט, אַז בלויז פון קעלצער געגנט, פון ראַדאָמער און לובלינער פאַרבאָטן. נישט איין מאָל ווערט דיסקוטירט די פראַגע וועמען איז איצט ערגער: יידן צי פּאָלאַקן. אַ קללה — קורווא מאַטש — גמינא. אין די לעצטע טעג האָט מען צוגענומען די יידן[ישע] סחורות אין שענקערס אַפּטיילונג אין געטאָ, דאָס טאָר־מאָזירט דעם האַנדל. יידן האָבן אַ סך סחורה פאַרקויפט אויף יענער זייט בײַקומענדיק רווישטאָפן. אַנהייב יאַנואַר האָבן 80 מענטשן צוזאַמען געמאַכט גימנאַסטיק אויף כּלאָדנאַ. כאַראַקטעריסטיש, אויף דעם זעלבן אָרט, וווּ 3 געהרגעט, נאָך אַ שעה ביי דער נייער וואַך ווידער געשמוגלט. אויפן בית־עולם קומען אַנשי־חיל, געמוזט אַראָפּנעמען די היט. אַ קלאַנג, אַ נישט קאָנטראָלירטער, אַז אין לאָדזש טאָר מען נישט מקבר זיין די געשטאָרבענע יידן, מען מוז זיי אַרויסגעבן. סיבה — אומבאַקאַנט. קוילן קאָסטן הי 700 — 800 זל. דאָרט 400 זל. עס פּאַסירט לעצטנס, אַז הונגעריקע רייסן אַרויס ברויט פון די הענט. גלות דערמאָראַליזירט: דערפאַר אַזוי פיל לאָדזשער אויף לעש. 13. אויף די טירן מוזן זיין אויפשריפטן פון די איינוווינער. די ערשטע אויפן פאַוויאַק פון כּלומרשט באַפרייען עטלעכע מאָל מענטשן. וועלכע מאַכן זיך גרייט, זייערע מלבושים ווערן דעזינפיצירט און דערנאָך בלייבן זיי צוריק. באַציונג צו שקלאַפן אין אַלטערטום געווען אַ בעסערע ווי אין די אַרבעטס־לאַגערן: 15 וואָכן נישט אויסגעטון מלבושים, ביים צוריקקערן געמוזט אויפשניידן די שיך. יענער דאָקטער [19] דערקלערט, וואָס מאַכט איר נישט אָרדנונג מיטן מיסט — דער געשטאַנק הערט זיך שוין איבער די מויערן. געהערט אַז יידן האָבן אַ סך ספרים פאַרברענט, מורא האָבנדיק מען זאָל זיי נישט באַשולדיקן אין האַלטן דעם תלמוד. אין די היכּע פענסטער איינער געזאָגט, אַז אין וואַר[שעווער] יידנראַט זענען דאָ גוטע קענער פון געטאָ ענינים. ער וועט זיי איבערפירן קיין לאָנדאָן, וועט מען וועט דאָרט דאַרפן מאַכן אַ געטאָ. אין האָטעל בריטאַניאַ אויף נאָוואָליפּיע 18 אין די קעלערן געעפנט אַ לאָקאַל, אָפן ביז 7 פרי (אייגנטלעך אַ בית הזונות). די בעלי־בתים, די לייט פון לעש. 13. עס ווערט דאָרט געהוליעט מיט אַ ברייטער האַנט. דעם ערשטן טאָג געלייזט 10.000 זל. דעם צווייטן צוויי טויזנט. אַ קילאָ ווייַנטרויבן קאָסט דאָרט 25 זל. חשבונות ווערן באַצאָלט צו 500 און מער זל. איינער אָנגעציילט — — אין גאַס

---

19) ד"ר האגען.

4 פֿאַלן פֿון אַרויסרייסן ברויט פֿון די הענט. דער הונגער וואַקסט. כמעט לעבן יעדן הויז און יעדן דורכגאַנגס־טויער ליגן אויף דער ערד מענער, פֿרויען מיט קינדער וואָס בעטן הילף. אויף יענער זייט זאָגט מען: ווילסט זיך ווילן — גיי אין געטאָ. וואַרשע ווילט זיך. יעדן שבת ווערן איינגעאָרדנט הונדערטער אימפּרעזן לטובת די ה[ויז] ק[אָמיטעטן]. געהערט וועגן איניקע פֿאַלן פֿון אויספּרעסונג. דאָס קומט פֿאָר אויף אַזאַ אופֿן: יענע פֿאַרהאַלטן אַ ייד, דערנאָך מעלדעט מען זיך פֿון לעש. 13, אַז מען [קען] אַרויסלאָזן פֿאַר אַ גרעסערער געלט־סומע. דאָס געלט ליגט ביי זיי איינגעלייגט. צו דעם וויץ וועגן דער סיבה פֿאַרוואָס היי יאָר זיינען נישטאָ קיין יאָסעלקעס, איז כדאַי צוצוגעבן: די דריי קיניגן זיינען אין לאָנדאָן[20]. לויט זיינע איבערצייגונגען איז גאַנצווייך פֿאַר דער מלחמה געווען אַ רעכטער פּ. צ. ער זאָל האָבן געוועזן מיט אַ 6 יאָר [צוריק] אין דייטשלאַנד, ווו ער זאָל האָבן געגרינדעט אַ נאַציִשע ייד[ישע] יוגנט־אָרגאַניזאַציע. יענע וואָך האָט מען פֿאַרמאַכט אַלע ייד[ישע] בוכהאַנדלונגען, ווי קאָזאַק א. א. אויך ביבליאָטעקן פּריוואַטע זיינען געשלאָסן געוואָרן. די פּאָלאַקן זאָלן האָבן דערהרגעט זיאָמבען און דעם רעדאַקטאָר פֿון וואַרש[עווער] קוריער פֿאַר זייערע רעוועלאַציעס וועגן די אַמאָליקע פּויל[ישע] מאַכטהאָבער. לעבן אים זאָל האָבן געלעגן אַ צעטל מיט דער אויפֿשריפֿט, אַז דאָס האָט געטון די אומלעג[אַלע] פּויל[ישע] אָרגאַניזאַציע. אַלס רעזולטאַט זאָלן האָבן דערשאָסן געוואָרן עטלעכע צענדליקער פּאָלאַקן, אַנדערע זאָגן עטלעכע הונדערט און טויזנטער זאָל מען האָבן איינגעשפּאַרט. ר' מאיר זאָגט, מען וועט האַלטן רעפּעראַטן אין דעם פֿאָלקס־אוניווערסיטעט, וועלכן עס האָט אָרגאַניזירט וואַרשאַוויאַק. אויך ד"ר לייפּונער האָט צוגעזאָגט צו האַלטן רעפּעראַטן. מען זאָגט, אַז גאַנצווייך רופֿט צונויף פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער אינטעליגענץ, אויף וועלכע עס ווערט קריטיקירט די קהלה. געזען אויף פֿאַנסקע אַ מיידעלע בעטלען, זינגנדיק דאָס באַקאַנטע פֿאָלקס־לידל: דער ווינטער איז געקומען, דער ווינטער איז שוין דאָ. יענעם פֿרייטיק זיינען געווען 90 מתים, דערפֿון 16 פֿון די פּליטים־פּונקטן. אין דעם פֿינדלינג־הויז (פֿריער וואָלסקאַ) איז פֿאַרפֿרוירן געוואָרן צום טויט אַ קינד. דעם 17 יאַ[נואַר] געהערט, אַז דעם 7 פֿעברואַר זאָל דאָס געטאָ זיין אינגאַנצן געשלאָסן. געהערט, אַז אַ פֿאַרמיטלער פֿון בריליאַנטן האָט געהאַט צו פֿאַרקויפֿן בריליאַנטן פֿאַר קריסטן אויף אַ סומע פֿון עטלעכע הונדערט טויזנט זל. אַן אַשכנז איינגעקויפֿט באַצייטנס פֿאַר צוואַנציק טויזנט זל. פֿאַרקויפֿט זיי אין לאָדזש און דאָרט פֿאַר צוואַנציק טויזנט מאַרק. פֿאַר דעם געפֿונענעם געלט געקויפֿט לאָקשן. לעצטנס געווען רעוויזיעס ביי וואַלאָטשאַזשעס און בריליאַנטשאַזשעס. אין „מעלאָדי פּאַלאַס” צוגענומען די מו־

[20]) קאַטוילישער יום־טוב פֿון די דריי קעניגן. געמיינט די דריי קעניגן — דעם גריכישן, סערבישן און כאָרוועגישן — וואָס זענען געווען אין גלות אין לאָנדאָן.

זיק־אינסטרומענטן פֿאַרן סכום פֿון פֿערציק טויזנט זל. אויך ביי דיקשטייִנוונא. אַ חברה־מאַן פֿון לעש. 13 געקומען אין אַ געוועלב, געקויפֿט עכטע קאַווע, אין אַ שעה אַרום געקומען יענע צוגענומען 10 קילאָ קאַווע, איינגעשיבנט דעם בעל־הבית. פֿאַר אַ סומע פֿון טויזנט זל. גרייט אים אָפּצולאָזן.

26 פֿעברואַר 1942[21]

די לעצטע רייניקונג פֿון ווייסע שיינען 500 [22] — נישטאָ קיין פֿאַמיליע אָן אַ קרבן. — שטימונג און שפּאַנונג שלעכטע. 700 יידן צו דער אַרבעט — געענטפֿערט דער קאָמיסאַר. נישטאָ קיין פֿרייע יידן — וואַרשיינלעך 300 אויף גראָבן אָקאָפּעס אין ריגע. מען רעדט נישט וועגן אַ טשיסטקע, אָרעמקייט פֿאַרגרעסערט זיך — דער דראַנג אין דער קיך (אַ שיטערע זופּ, טייל־מאָל 6 דעקאָ ברויט) — מיטאָגן 3.500 — — געשאַפֿן אַ הילפֿס־קאָמיטעט — פֿאַרלאַנגען אַ העלפֿט פֿאַרטרעטערשאַפֿט — די באַהערשן ווילנע, וו[אַרשע] און אויך אַמעריקע [23] — סטראַשון געהאָנגען ביים שאַפֿן דאָס געטאָ [24] — יענע פֿאַרשער האָבן אַריבערגענומען אין אוניווערסיטעט [די ביכער] — אין באַהאַלטענע לעכער ליגן באַהאַלטענע [ביכער].

„ייוואָ" לאַגער כלי־זין קאַסטנס מיט מאַטעריאַלן אַוועקגענומען [25].

וווהין ווייסט מען נישט — 4 מאַרק אַ קילאָ ברויט — 35 מאַרק אַ קילאָ פּוטער.

שאַליט, יעווזעראָוו, לאַנגבאַרד, גראַדע, וואָגלער, יעדוואַבניק[26].

---

21) די גאַנצע ווייטערדיקע נאָטיץ איז נוגע דאָס לעבן אין ווילנער געטאָ.

22) ווען עס איז געשאַפֿן געוואָרן דאָס ווילנער געטאָ, דעם 6 סעפּטעמבער 1941, האָבן די דייטשן איינגעפֿירט דריי קאַטעגאָריעס ווייסע שיינען: מיט אַן אָנשריפֿט „פֿאַך־אַרבעטער", אָן אַזאַ אָנשריפֿט און ספּעציעלע פֿאַר די אָנגעשטעלטע פֿון יודענראַט. די ווייסע שיינען אָן אַ צושריפֿט „פֿאַך־אַרבעטער" האָבן באַטייט אַ געפֿאַר פֿאַר זייערע באַזיצער.

23) וואַרשיינלעך געמיינט דעם „בונד", וועלכער האָט זיך פֿאַררופֿן אויף זיינע איינפֿלוסן אין די געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס אין וואַרשע און אין אַמעריקע (אַרבעטער־קאָמיטעט, אַרבעטער־רינג א. ד. גל.).

24) נישט קלאָר. די ידיעה באַשטעטיקט זיך נישט.

25) וואַרשיינלעך געמיינט, אַז די דייטשן האָבן אַרויסגעפֿירט ייוואָ־מאַטעריאַלן אין מיליטערישע קאַסטנס.

26) משה שאַליט — געזעלשאַפֿטלעכער טוער און שריפֿטשטעלער אין ווילנע, אומגעבראַכט געוואָרן אין אויגוסט 1941 אין פּאָנאַר. מרדכי יעווזעראָוו — בונדישער טוער און שריפֿטשטעלער, דירעקטאָר פֿון ייד. קאָאָפּעראַטיוון באַנק אין ווילנע. אומגעקומען אין אויגוסט 1941. אין פּאָנאַר. א. לאַנגבאַרד — מיטגליד פֿון ערשטן יודענראַט אין ווילנע, אומגעקומען. חיים גראַדע — באַקאַנטער ווילנער דיכטער, נישט געווען אין געטאָ, נאָר אין ראַטנפֿאַרבאַנד, לעבט אין אַמעריקע. אלחנן וואָגלער — באַקאַנטער ווילנער דיכטער, נישט געווען אין געטאָ, נאָר אין ראַטנפֿאַרבאַנד, לעבט אין פּאַריז. יעדוואַבניק, ייד. געזעלשאַפֿטלעכער טוער אין ווילנע — געפֿינט זיך אין אַמעריקע.

די רעכטלעכע — — מורער[27] באשטעטיקט דאס געטא. לעבנס־שיי־נען, געבליבן יונגע מענטשן אַרבעטנדע — פאַראַן קאַטעגאָריע מיט ווייסע שיינען אַ 2.000 — פאַרגרעסערט זיך די צאָל יידן (אויסבאַהאַלטענע) מיט 3 — 4 טויזנט — אַ סך געביטן די פאַמיליע, אַ סך באַקומען ראָזע שיינען.

געלע — אַרבעטנדע,

בלויע — צוגעשריבן צו אַ געלן שיין — אַליין האָבן נישט קיין רעכט צו עקזיסטירן[28].

ראָזע שיף־שיינען — פאַמיליע מיטגלידער.

— — דערווײַלע ווען דער פריינט נישט אוממיטלבאַ — —

ריגע עוואַקואירט יידן — —

געטאָ אָפענער רודניצקאַ, שאטקאָווא[29], שפּיטאַלנא

פּאַסירשיינען רעכט אַרויסצוגיין פון געטאָ אינדיווידועל:

אָן דעם בריגאַדיר קען מען נישט אַרויסגיין — רודניצקי, זאוואלנא (אַ הילצערנער פּאַרקאַן זייער אַסך).

ביים אַריינגאַנג אַ ליטווישער און יידישער [פּאָליציאַנט].

אַריינגאַנג פאַרשאַרפט — רייניקונג פון דער אָרדענונג־דינסט „טאַר־וואַכע"[30] בלויע אָפּאַסקעס מיט אַ ווייסן מגן־דוד אָן פּאַלקעס, אין היטלעך — 150 פּאָליציאַנטן — געווען 250 שפּעטער רעדוצירט.

קאַרטן 18 דעקאָ ברויט פון צייט צו צייט שמאַלץ.

50% פון דער אַרישער — מען טראָגט אַריין אַ פאַלאַנע האַלץ פון דרויסן 500 רובל אַ מעטער.

נישטאָ קיין זאַפּאַסן, נישטאָ קיין געלט —

יידן לעבן פון פאַרקויפן זאַכן אָבער ווייניק מיטגענומען. דער קוואַר־טאַל געווען אָן אַרעמער דעריבער נישטאָ קיין שום זאַפּאַסן — טאָג־לוין איין מאַרק אַ טאָג.

---

27) האַנס מורער — פּערזענלעכער אַדיוטאַנט פונעם געביטס־קאָמיסאַר הינגסט אין ווילנע, איינער פון די תליינים פון ווילנער געטאָ, פאַרמשפּט גע־וואָרן אין ווילנע אין 1948 צו 25 יאָר שווערע תפיסה.

28) געלע שיינען זענען אין ווילנער געטאָ אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די דייטשן פאַר 3000 אויסדערוויילטע פאַכלייט, וועלכע האָבן געהאַט אַ רעכט צוצושרייבן אויפן שיין די פרוי און קינדער אין עלטער ביז 16 יאָר. פון 24 אָקטאָבער 1941 האָבן די משפּחה־מיטגלידער פון די געלע שיינען באַקומען בלויע שיינען. אין משך פון 5 סעפּטעמבער ביז 24 אָקטאָבער 1941 זענען 8000 יידן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלע שיינען, דעפּאָרטירט געוואָרן. אַלע איבעריקע, וואָס האָבן געהאַט ווייסע שיינען, האָבן באַקומען ראָזע שיינען און די פאַכ־לייט פון צווישן זיי — א. ג. ראָזע שוץ־שיינען. אַ געלע שיין האָט באַרעכטיקט אַרויסגיין אַרבעטן מחוץ דעם געטאָ, אַ ראָזע שיין — בלויז צו לעבן אין געטאָ. אויף אַרויסגיין האָבן זיי געמוזט האָבן בלויע צוגאָב־שיינען.

29) אַ טעות: עס דאַרף זיין י אַ ט ק אָ וו אַ.

30) די יידישע „מיליציאָנערן", וואָס האָבן געהאַלטן וואַך ביים געטאָ־טויער.

אין יודנראט 750 רובל — 70 מאַרק.

סכנה פון א הונגער פאַר אַלע — נישטאָ קיין קאָנטראסטן.

4.000 יידן אַרבעטן — א טייל פון אָפּצאָל גייט פאַרן יודנראט.

געשאַפן א הילפס־קאָמיטעט — הילף אין זאכן (פון די צוגעפירטע) פּראָדוקטן — א פּאָליציאישע קיך, א שומרישע [31].

טאָן (?)־ווייכע 180 רובל מען פירט וואלוטע קיין ביאַליסטאָק. פאַרבאָט פון געבורט פון קינדער [32] — פאַרבאָט — — צעשאָסן עטלעכע צענדליקער טויזנטער יידן פון פראנקרייך [און] דייטשלאַנד — צעשאָסן לעבן קאָוונע, ווילנע [33].

24 מערץ 1942

לעמבערג (באַריכט 24. 3.)

זייט א צוויי חדשים געווען אקטועל די איבערזידלונג. פאַרלאַנגען 33.000 ד. ה. א 1/3 יידן שבת 7.[טן][34]. ייד[ישע] מיליץ געווען מיט גרייט אָנצוהויבן די אַקציע. נעמען די, וואָס געניסן פון סאָצ[יאַלע] הילף, פאַרברעכער, אַרבעטסלאָזע. די אַלע האָבן געווינט אין זאמארסטינאָוו. פאַר דער בריק נאָר די וואָס ,אַרבעטן. 20.000 יידן ווינען אין ארישן טייל. יידן טאָרן נישט פאַרלאָזן זייערע דירות אונטער א טויט שטראָף. קריסטן וואָס באַהאַלטן אויס יידן ווערן באַשטראָפט מיט טויט. — שבת אָנגעהויבן די לאַפּאַנקע מיט א ליסטע. א ייד[ישע] קאָמיסיע האָט סעגרעגירט די געכאַפּטע, פון 1500 באַפרייט 700. די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין באַשטעטיקונג פון אַרבעט האָט מען גענומען. דעם צווייטן טאָג אָנגעהויבן א „בלינדע״ אַקציע ד. ה. נישט לויט ליסטעס, נאָר די וואָס אָן באַשטעטיקונג ווערן געכאַפּט. בעלי מלאכות רעגיסטרירט זיך ווייניק, ווייל 200 געקאָסט א קאַרטע.

---

[31]) אין ווילנער געטאָ זײַנען געווען די פּאָלגנדיקע פּאָלקס־קיכן: די קיבוצישע (פון השומר הצעיר און החלוץ) אויף סטראַשון־גאַס 2, די קינדער־קיך אויף סטראַשון־גאַס 12, די בונדישע קיך אויף רודניצקע־גאַס 17, די כשרע קיך אויף שפּיטאָלסקע־גאַס 5, די קיך פון אָנגעשטעלטע פון יודענראַט אויף רודניצקע־גאַס 6.

[32]) ווי עס גיט איבער ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי אין זיין בוך „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום״ (פּאַריז 1948), ז׳ 189 — איז די יידן אין ווילנער געטאָ געווען פאַרווערט, אונטער דראָונג פון טויט־שטראָף, צו געבוירן קינדער.

[33]) אין יאַנואַר 1942 זײַנען נעבן קאָוונע דורכגעפירט געוואָרן גרופּן יידן פון בערלין און אַנדערע אויסלענדישע שטעט און זײַנען דאָ אומגעבראַכט געוואָרן.

[34]) שבת, דעם 7־טן מערץ. די אַקציע אין לוואָוו האָט זיך אָנגעהויבן דעם 10 מערץ און געדויערט ביזן 1 אַפּריל 1942.

1.100 א טאָג געדאַרפט צושטעלן, אָבער נישט געקענט צושטעלן אַזאַ צאָל, דעריבער האָט מען אויפגעהערט צו רעספּעקטירן באַשטעטיקונגען פון פּריוואַטע אינסטיטוציעס. שפּעטער האָבן די באַשטעטיקונגען נישט געדעקט. מען האָט דעריבער אויפגעהערט צו רעספּעקטירן באַשטעטיקונגען. מיט דער צייט האָט דער שופּפּא[35] איבערגענומען די גאַנצע אָנפירונג, לכתחילה בלויז אָבסערווירט, אַרויסגעפירט. — 5.000 אויפן קלעפּעראַווסקער באַנהאָף. — א טייל אויף פּאַלעסיע אויף מזרח[36]. נישט ערלויבט אין וואַגאָנען אַריינברענגען עסן און באַגאַזש. שופּפּא געגאַנגען מיט הינט זוכן די באַהאַלטענע.

10 אַפּריל 1942

די נאַכט האָט פּאַסירט פאָלגענדער פאַל: אין דעם באַרימטן לאָך אויף לעשנאָ 5 (געוועזענע פּאָסט), וווּ עס פלעגט פּאָרקומען דער גרעסטער שמוגל, האָט בייטאָג אַ זשאַנדאַרם דערשאָסן אַ שמוגלער. ער איז געקומען אין שפּיטאָל, מיטגענומען אַ דאָקטאָר מיט אַ קראַנקן־שוועסטער און געקומען ראַטעווען דעם דערשאָסענעם. אינצווישן איז דער פאַרוווּנדעטער געשטאָרבן. אגב דאָס באַרימטע לאָך — דאָס אומשטערבלעכע לאָך, ווייל מען פלעגט עס כסדר פאַרמוירן און די שמוגלער פלעגן עס יעדן טאָג אויפרייסן, און סוף־כּל־סוף נאָך דער מעשה מיטן יונאַק, וועלכער איז אויף רימאַרסקאַ־גאַס אין צוזאַמענהאַנג מיטן שמוגל דערשאָסן געוואָרן דורך אַ זשאַנדאַר, דאָך פאַרמויערט געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז עס איז זייער שווער עס אויפצורייסן. דאָס לאָך האָט אויפגעהערט צו ווערן אַ מעטע.

12 אַפּריל. האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז קיין וואַרשע איז געקומען אַ פאַרניכטונגס־בריגאַדע, וועלכע האָט געבעטן אַ דערלויבעניש צו הוליען אין געטאָ צוויי שעה. זי האָט אָבער אַזאַ דערלויבעניש נישט באַקומען. אוערסוואַלד האָט דערויף נישט מסכּים געווען. אַ טייל האָבן פאַרציילט, אַז ווען די פאַרניכטונגס־בריגאַדע איז פון דער פּראָווינץ געקומען קיין וואַרשע האָט זי שוין דאָ געטראָפן אַ באַפעל צו גיין אויפן פראָנט. דער דאָזיקער קלאַנג שטייט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אַז אין וואַרשע זיינען פאַראַן פאַרשיידענע פרעמדע פאָרמאַציעס, ווי ליטווינער, אוקראַינער א. א. וועלכע וואַרטן נאָר אויף אַ פּאַסיקן מאָמענט צו פאַרניכטן די יידן. איבעריקנס הערט מען זיך אָן כסדר פאַרשיידענע ידיעות וועגן פאַרניכטונגס־בריגאַדעס, וואָס מעקן אָפּ פון דער אויבערפלאַך גאַנצע ישובים.

פון די דייטשע יידן וועלכע זיינען געקומען מיט עטלעכע טעג צוריק קיין וואַרשע, האָט מען 164 די בעסטע און שענסטע יוגנט, דערפון אַ גרויסן טייל חלוצים, אַרויסגעשיקט אין דעם שטראָף־לאַגער טרעבלינקע לעבן

35) שופּאָ, שוץ־פּאָליצײַ.

36) פאַקטיש דעפּאָרטירט נישט קיין פּאָלעסיע, נאָר קיין בעלזשעץ.

סאָקאָלאָוו [37], ווו דער רוב אַרויסגעשיקטע ווערט אין א קורצער צייט פאַרניכטעט. דאָרט איז אין משך פון 3 וואָכן פון 160 אַטוואַצקער יידישע יונגעלייט געבליבן בלויז 38.

7 מאי 1942[38]

קאָמענדאַנט פון ווילנע הערינג [39] — איך פיר יידן וואָס זיינען מער ווערט ווי איך — לויט א באַפעל פון בערלין איז אַלץ געטאָן געוואָרן. אין גאַסן געבערענט יידן: אין אַלע ליטווישע שטעטלעך. אין מיטן שטאָט נאָך דאָ א קבר.

קאָוונע־געטאָ לעצטן חודש געווען א נייע אַקציע [40] — עקאָנאָמיש — אין געטאָ דייטשע פּאָליציי. שלעכט, עקאָנאָמיש — דראָט זיי א טויט הונגער.

שאַוול — 4.000 יידן אין פאַבריקן זייער גוט.

ריגע — 4.000 יידן — אין מינסק 900 יידן — זייער א שלעכטע לאַגע. יידן אין די טאָרף־ערטער, ווילנער געגנט.

אין ווילנע 20.000 יידן, צוגעקומען 50.000 יידן, וואָס זיינען צוגעקומען פון די אַרומיקע געגנטן.

שוידערלעך טייער — 43 רובל א קילאָ ברויט — 10 מאַרק א וואָך פאַרדינט אַן אַרבעטער. אין ביאַליסטאָק 13 רובל א קילאָ ברויט, לעבנסמיטל טייער אין — — געזעלש[אפטלעכע]אַרבעט בליט אין ווילנע — אוונט־קאָנצערטן — לערער־פאַריין געשאַפן.

אין ווילנע געשאַפן גימנאַזיעס, ליצעומס. — ברית־עברית יעדן פרייטיק אוונטן. ליטעראַטן־פאַריין 2 מאָל אין וואָך רעפעראַטן — אין געטאָ זייער פריי. אַ ייד דעסלער[41] אַ פּראָוואָקאַטאָר גייט אַן א לאַטע — א לאַטע פון ביידע זייטן. יידישע מלוכה. ס.ס.ס.ר. — סטראַשונא, שאַוועלסקא, שפּיטאַלנע, רודניצקע. יוו״א־ק [42] מיט 20 מענטשן — סעגרעגירט אַרכיוו פון

---

37) די דאָזיקע גרופּע צוזאַמען מיט אַ צאָל יידן פון וואַרשעווער דיסטריקט איז וואַרשיינלעך באַנוצט געוואָרן צו בויען דעם טויט־לאַגער אין טרעבלינקע, די א. ג. טרעבלינקע 2.

38) די דאָזיקע נאָטיץ איז נוגע די געטאָס אין ווילנע און ביאַליסטאָק.

39) הערינג איז געווען אַן אַדוטאַנט פון געסטאַפּאָ־ליטער אין ווילנע שווייגענבערג און זיך באַטייליקט אין די בלוטיקע אקציעס אין יולי און אויגוסט 1941.

40) אין יאַנואַר 1942 האָט זיך אין קאָוונער געטאָ אָנגעהויבן די א. ג. ריגער אַקציע, 700 יידן זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין לאַגערן אַרום ריגע און דאָ אומגעקומען.

41) סאַלעק דעסלער, שעף פון דער ייד. פּאָליציי אין ווילנער געטאָ, דייטשישער אַגענט.

24) ייוואָ — זעליג קאַלמאַנאָוויטש.

ייוואָ — סטראַשון — ביבל — [יאַטעק] ליגט אין דער אוניווערסיטעט ביבליאָטעק — דעם.

לערער — הערצל כתב יד געפונען — אַ סך ווערטפולע זאַכן פאַרהאַל־טן אין געטאָ — געפונען דעם אַרכיוו פון אַרב[עטער] באַוועגונג.

אין געטאָ [43] איז נישט קיין הימל נאָר אַ שמאָלער פּאַס, געשאַפן אַ ספּאָרט־סעקציע, געמאַכט פריי אַ הויף — נישטאָ קיין אַיין ביימל — אַ הויף וועלכן מען האָט אָפּגערייניקט וויל מען פאַרוואַנדלען אין אַ באַסיין — בראש פון יודנראַט יאַשונסקי [44] — צווישן יודנראַט און פּאָליציי דאָ אַ ריוואַליזאַציע.

אַ 2.000 יידן אַרבעטן אויס פוטערס און געפינען זיך אויף סלאָוואַצקי־גאַס — אויסערן געטאָ.

ביאַליסטאָק — ג. [עסטאַפּאָ] געפאָדערט די רשימות פון די צוגעקו־מענע מענטשן פון פּרוזשאַני [45] (אַריבער 2.000 יידן) — מען ריכט זיך אויף אָבלאַוועס — די געקומענע פון ווילנע זיינען באַדראָט — די קהלה געוועגדעט זיך וועגן לעגאַליזירן אָפיציעל 35.000 יידן, נישט אָפיציעל 40.000. פון ווילנע אַ 200—300 מענטשן, אַרבעטן אַ סך פאַר באַוואָפענונג: טעקסטיל, לעדער, מעבל, פעסער. די קהלה ליגט אריין די גאַנצע ענערגיע די טעקסטיל־פאַבריקן ווערן באַזעצט מיט יידן, עס ווערן אַרויסגעזעצט פּאָליאַקן. געקומען אַ סך דייטשן, וואָס פאַרלייגן פאַבריקן. די יידן זיינען די אָרגאַניזאַטאָרן און אויספירער פון דער גאַנצער פאַבריק. אַ 2.000 יידן אָדער מער גייען אַרויס פון געטאָ [46]. מען גרייט שוין ווינטער־קליידונג, מען נייט אָן אויפהער. אויסשטעלונג מחוץ פון געטאָ פון זאַכן, וואָס יידן מאַכן. פּאָליטיק פון נישט לאָזן גיין אין די גאַסן, מען זאָל זיך נישט וואַרפן אין די אויגן. אַפּראָוויזאַציע אַ גוטע. 25 דעקאָ ברויט, פערד־פלייש, בוימ־אייל, קאַרטאָפל. די אַרבעטנדע אַ צוגאָב ½ קילאָ ברויט, יעדער אַרבעטנ־דיקער 50 קילאָ קאַרטאָפל. קיין הונגער נישט פאַראַן. אַלץ איז ביליקער. 13 רובל אַ קילאָ ברויט, פוטער 200 רובל. זיכערקייט, אַז אונדז וועט גאָרנישט געשען. יענע געזאָגט, אַז — — די שולן געמישטע: יידישע און העברעישע.

8 מאַי 1942

די שטימונג אין גאַס האָט זיך נאָך דער שחיטה פון 18־טן אַפּריל (דאָס דערשיסן 52 מענטשן אויף די גאַסן [47]) אַ ביסל פאַרבעסערט. דער עולם

---

[43] אין ווילנער געטאָ.

[44] גדשעגאָזש יאַשונסקי איז נישט געשטאַנען בראש פונעם יודענראַט, נאָר איז געווען אַ מיטגליד און דער לייטער פון די אָפּטיילונגען פאַר אַפּראָ־וויזאַציע און קולטור. ער איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער אונטערערד.

[45] זע הערה 286, (1941).

[46] זיין גייען אַרויס אויף אַרבעט אין דער „אַרישער זייט".

[47] בעת דער שחיטה־נאַכט פון פרייטיק דעם 18 אויפן 19 אַפּריל זענען

האָט זיך באַרואיקט און געוואָרן א ביסל אָפּטימיסטיש. מען הויבט ווידער
אָן צו גלויבן, אז אין א פּאָר חדשים אַרום וועט זיך די מלחמה ענדיקן און
מען וועט ווידער קענען צוטרעטן צו א נאָרמאַלן לעבן. די גוטע שטימונג
האָבן צוגעהאָלפן צו שאַפן די פאַלשע קאָמוניקאַטן, וואָס ווערן פאַרשפּרייט
נאָך דעם ווי די אמתדיקע האָבן נאָך דער פּרייטיקדיקער שחיטה אויפגע־
הערט צו דערשיינען. עס האָבן זיך געפונען פּיפיקע חברה־לייט (מסתמא
אַרבעטסלאָזע זשורנאַליסטן), וואָס רעדאַגירן און פאַרשפּרייטן פאַר געלט
די דאָזיקע ליגנערישע קאָמוניקאַטן. וואָס שטייט אין די דאָזיקע קאָמוניקאַ־
טן? ערשטנס, סמאָלענסק איז גענומען געוואָרן דורך א דעסאַנט פון 60.000
סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט מיט דער רוסישער אַרמיי, וואָס גע־
פינט זיך אויף מערב פון סמאָלענסק. דער דאָזיקער קאָמוניקאַט האָט אויך
גענומען כאַרקאָוו. ביי מורמאַנסק האָט דער קאָמוניקאַט אַריינגעלאָזט אויף
שיפן א גאַנצע אַרמיי, וואָס איז געקומען אויף 160 שיפן, פון וועלכע קיין
איינע איז נישט דערטרונקען געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אַז נאָכדעם ווי היט־
לער האָט זיך וועגן דעם דערוווסט (געווען איז שוין נאָך זיין רעדע פון 1
מאַי), האָט ער געחלשט. צו דעם קומט צו א זיג ביי דער אילמען־זעע.
דאָרט האָט דער קאָמוניקאַט אַוועקגעלייגט 43 טויזנט זעלנער און גענומען
אין געפאַנגען איבער 80 טויזנט. געשען איז עס מיט דער 10־טער אַרמיי,
וועלכע זיינען גענומען געוואָרן געפאַנגען צוויי דייטשע גענעראַלן. אויב דאָס
איז אויך ווייניק האָט מען אַוועקגעלייגט מוסאָלינין און געמאַכט א רעוואָלו־
ציע אין איטאַליע. צו דעם אַלעם קומט נאָך צו אַן אולטימאַטום פון רוזוועל־
טן צום דייטשן פאָלק, וועמענס טערמין עס ענדיקט זיך דעם 15־טן מאַי.
מיט איין וואָרט: דער יידישער עולם באַגניגט זיך (נישט בלויז) מיט א קאַ־
פּיטל תהילים, נאָר מען אַרבעט מעשים צו מאַכן א תל פון שונא און מאַכן
וואָס גיכער שלום.

ווען וועט זיך טאַקע ענדיקן די מלחמה? די יידן קענען לענגער נישט
אויסהאַלטן, דעריבער ווילן זיי זי פאַר יעדן פּרייז וואָס גיכער פאַרענדיקן.
פאַראַן ערנסטע מיינונגען, אַז די לאַגע אין דייטשלאַנד דערמאָנט דאָס יאָר
1918. מען פאַררופט זיך אויף שטימען פון באַקאַנטע דייטשן און אויף
ידיעות געבראַכטע פון דייטשע יידן, פאַרטריבענע קיין וואַרשע. די דאָזיקע
יידן פאַרציילן, אַז אין דער לעצטער צייט ווערט דייטשלאַנד פאַרפלייצט פון
אומלעגאַלע בלעטלעך א. ג. צירקולאַרן, וואָס רופן די סאָלדאַטן, אַרבעטער,
אינטעליגענץ און פאָלקס־מאַסן צו מרידה קעגן דעם רעזשים. א צווייטער
באַוויז זאָלן זיין די אומלעגאַלע 4—5 ראַדיאָ־סטאַציעס, און די שווערע
אַפּראָוויזאַציע־לאַגע. בריוו, פאַרשטייט זיך, שיפרירטע, וואָס קומען אָן פון
דייטשלאַנד פאַרציילן אויך וועגן א קאָלאָסאַלער אומצופרידנקייט. דער
לעצטער אַרגומענט פאַר דער גיכער פאַרענדיקונג פון דער מלחמה איז דער

אומגעקומען אונטערערדישע טוער, זעצער, מענטשן, וואָס האָבן געשטיצט די
אונטערערדישע באַוועגונג און איניציאַטיוו — מענטשן פאַרבונדענע מיט גאַנצ־
וויכם ״דריצנטל״.

ייד מיטן צונעמען טשערוויעץ און די טרעפערקע מאַדאַם מ. דער ייד טשער־וויעץ [48] איז א ייד פון נאַלעווקעס, וואָס האָט פאַראויסגעזאָגט די מלחמה מיט רוסלאַנד אין חודש יוני. ווען מען האָט אים געפרעגט, וואָס וועט ווייטער פאָרקומען האָט ער פאָרויסגעזאָגט, אַז אין נאָוועמבער וועלן די דייטשן בלייבן שטיין און נישט קענען גיין קיין שריט פאָרויס. האָט מען [אים] געגעבן א צונאָמען ליסטאָפאַד [49], שפּעטער האָט מען אים גערופן לוטי [50], ווייל ער האָט פאָרויסגעזאָגט, אַז אין לוטי וועט האַלטן שמאָל מיט די דייטשן. איצט רופט מען אים ווידער טשערוויעץ, ווייל ער זאָגט פאָראויס דעם סוף פון דער מלחמה מיט די דייטשן אויף יוני.

די מאַדאַם מ. א טרעפערקע איז אן אַדוואָקאַטן־אַפּליקאַנטקע, וואָס האָט בשעת דער מלחמה פאַרלוירן איר מאַן א ווארשעווער אַדוואָקאַט. זי האָט געוווסט וועגן דעם 11 חדשים פריער, אָבער דעם גורל קען מען נישט אויסמיידן — זאָגט זי. אייניקע חדשים פאַר דער מלחמה האָט זי אירע אן אדהערענטין — א פרוי פון אן אַדוואָקאַט דיקטירט פרטים וועגן אויסברוך פון מלחמה (גענויע דאַטע) און די באַשרייבונג פון דער באָמבאַרדירונג, פאַרניכטונג פון דער עלעקטראָווניע, מאַנגל אין גאַז, עלעקטריע און וואַ־סער. שפּעטער זאָל זי האָבן פאָראויסגעזאָגט די ווייטערדיקע געשעענישן. מיר איז באַוווסט, אַז א 2—3 חדשים פאַר נאָוועמבער 1941 האָט זי פאָר־אויסגעזאָגט, אַז אין דער צווייטער העלפט נאָוועמבער וועט די דייטשע אַרמיי ליידן א מפּלה אין רוסלאַנד און וועט נישט ווייטער פאָראויסגיין. שפּעטער האָט זי פאָראויסגעזאָגט זייער שווערע מאָמענטן פאַר די יידן. איצט זאָגט זי פאַר, אַז אין יוני וועלן נישט זיין קיין מויערן אין ווארשע, יידן וועלן אָבער זיין. יידן אין וואַרשע וועלן נישט אויסגעזידלט ווערן. זיי דערוואַרטן אָבער זייער שווערע מאָמענטן. די דייטשן וועלן אַקעגן זיי אונ־טערהעצן די פוילישע באַפעלקערונג. עס וועט פאָרקומען א דרייטאָגיקער פאָגראָם. די וואָס וועלן בלייבן לעבן וועלן אָבער זיך דערוואַרטן די גאולה.

אַן ענלעכע שחיטה ווי פרייטיק דעם 18־טן אַפּריל איז פאָרגעקומען אין א גאַנצער ריי שטעט פון גובערניע [51]. עס זיינען פאַראַן ידיעות וועגן אַזאַ שחיטה אין קראָקע, טאָרנע, טשענסטאָכאָוו, ראָדעם, קעלץ, אָסטראָוויעץ א. א. אומעטום געווען מער ווייניקער צו 50 הרוגים. די הריגות זיינען אויך פאָרגעקומען ביינאַכט אויף די גאַסן. דער עלעמענט א פארשיידענער, אין א טייל שטעט האָט מען גענומען די געקומענע פון רוסלאַנד, וועלכע מען באַטראַכט פאַר קאָמוניסטן. אומעטום האָט די אַרטיקע מאַכט דערקלערט: אַז זי האָט נישט געוווסט וועגן דעם, נישט צוגעשטעלט קיין ליסטע וכדומה. אין א טייל שטעט זיינען גלייכצייטיק פאָרגעקומען אַרעשטן, דערביי זיינען

48) פוילישׁ: יוני.
49) פוילישׁ: נאָוועמבער.
50) פוילישׁ: פעברואַר.
51) אָנשטאָט גובערניע (איין דיסטריקט) דאַרף זיין גענעראַל־גובערניע.

די אַרעשטירטע אַרויסגעפירט געוואָרן און מען ווייסט נישט ביזן היינטיקן טאָג וווּ אַהין. צווישן אַנדערע איז אַרעשטירט געוואָרן דער פּרעזעס פון דער ראַדאָמער קהלה דיאַמענט [52] מיט זיין פּאַרטרעטער מערין. פון דעם אַלעם קען מען דרינגען, אַז עס איז אַ ליגן די באַהויפּטונג פון די קהלה־לייט, אַז די וואַרשעווער שחיטה איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור. די סיבה איז געווען אַן אַלגעמיינע: הימלער האָט בשעת זיין לעצטן באַזוך געמוזט אַרויסלאָזן אַ באַפעל מען זאָל אומעטום אויספירן די שחיטות, כדי צו וואַרפן אַ שרעק אויף דער יידישער באַפעלקערונג. מסתמא שטייט עס אין צוזאַמענהאַנג מיט די פרילינגס־קאַמפן בשעת וועלכע מען וויל האָבן אַ זיכערן „טיל" [53]. דעריבער האָט מען געמוזט אַריינגעבן אַ פּאָרציע טעראָר, כדי מען זאָל נישט האַלטן דעם קאָפּ צו הויך.

די ערשטע טעג מאַי און די לעצטע טעג פון חודש אַפּריל זיינען געשטאַנען אונטערן צייכן פון מורא פאַר אויסזידלונג. פון וואַנען עס האָט זיך גענומען דער דאָזיקער קלאַנג ווייסט מען נישט. יש שאומרים, אַז פאַרשפּרייט האָבן עס די פּוילישע סוחרים, כדי צו באַווירקן די יידישע באַפעלקערונג זי זאָל אָנהייבן אויספאַרקויפן אירע זאַכן. מען האָט אפילו גערעדט וועגן אַ ציפער פון 150 ביז 200 טויזנט אויסגעזידלטע, דערביי האָט מען אַפילו באַשטימט די ריכטונג: רומעניע. די קלאַנגען וועגן אויסזידלונג פון די נישט פּראָדוקטיווע עלעמענטן האָבן זיך גענומען פון דער קיך־אָפּטיילונג ביים ק.אָ.מ. [54] וועגן דעם, אַז פון די קיכן וועלן קענען געניסן נאָר אַרבעטנדיקע עלעמענטן. דער עולם האָט אין דעם געזען אַ סימן, אַז די נישט פּראָדוקטיווע עלעמענטן וועלן באַזייטיקט ווערן פון וואַרשע. פון קהלה־ספערן האָט מען פאַרזיכערט, אַז די סכנה וועגן אויסזידלונג, וועלכע האָט געשוועבט איבער אונדזערע קעפּ, איז אויסגעמיטן געוואָרן אַ דאַנק דעם, וואָס אין געטאָ זענען פאַראַן אַרבעטס־וואַרשטאַטן וועלכע אַרבעטן פאַר די באַדערפעענישן פון דער דייטשער אַרמיי. עס איז אַ טראַגישער קנויל יידן האָבן רעכט צו לעבן נאָר דעמלט, ווען זיי אַרבעטן פאַר די באַדערפעענישן פון דער דייטשער אַרמיי. אַזוי איז געווען אין ווילנע, ראָוונע און אין צענדליקער אַנדערע שטעט, ווו עס זיינען פאָרגעקומען מאַסן־שחיטות פון דער יידישער באַפעלקערונג. געבליבן לעבן זיינען נאָר די, וואָס האָבן דירעקט אָדער אומדירעקט געאַרבעט פאַרן דייטש. אַזאַ טראַגעדיע פון אַ פאָלק איז נאָך נישט געווען אין דער געשיכטע. אַ פאָלק, וואָס האַסט מיט אַלע רמ"ח אברים דעם דייטש קען אויסקויפן זיך פון טויט נאָר פאַרן פּרייז פון צוהעלפן דעם שונא צום זיג, צו דעם זיג וואָס באַטייט די פולשטענדיקע

---

52) יוסף דיאַמאַנט, דער פּרעזעס פונעם יודענראַט פון ראַדאָמער געטאָ, איז אומגעקומען אין מאַי 1942. אברהם מערין איז געווען זיין פּאַרטרעטער.

53) פּויליש: הינטערלאַנד.

54) פּוילישע ראשי תיבות: קאָמיטעט אָפּיעקונטשי מיעיסקי (שטאָטישער הילפס־קאָמיטעט).

פאַרטיליקונג פון די יידן פון דער אויבערפלאך פון אייראָפּע און אפשר פון דער גאַנצער וועלט.

דאָס וואַרשעווער געטאָ אַרבעט טאַקע אינטענסיוו פאַר די דייטשן. מען אַרבעט איבער מלבושים פון די געהרגעטע זעלנער, מען גרייט צו שוין צום ווינטער וואַטעווע הויזן, וועסטלעך און מאַרינאַרקעס. מען אַרבעט אויס שטרויענע שיך, מעבל וכדומה. דער צענטער פון דעם אַלעם איז די פירמע טעבענס אויף פּראָסטע 12, ווו עס אַרבעטן איבער 1.000 אַרבעטער. כאַראַקטעריסטיש, אַז אין דעם אויפנאַם־צימער פון דעם ווערקלייטער בויך[55] הענגען אויף דער וואַנט עטלעכע שפּיצרוטן פון פאַרשיידענע גרויסן און גראַב. דאָס זיינען, ווייזט אויס געצייגן, אַן וועלכע עס קען זיך נישט באַגיין קיין דייטש. דאָס זיינען סימבאָלן פון דעם בלוט־דורשטיקן היטלעריזם, וועלכע מען טרעפט אומעטום אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, אין אַרבעטס־לאַגער, אין תפיסה און אַפילו ביי דער אַרבעט.

מען פאַרציילט פאָלגענדע כאַראַקטעריסטישע מעשה, וואָס גיט אַ באַגריף וועגן דער באַציונג פון די פוילישע יידן צו צדקה. דער ראַדזינער רבי האָט מיט אַ 2 יאָר צוריק געשריבן צו זיינע חסידים אין לובלין זיי זאָלן פאַרקויפן די מעבל און דאָס געלט אַוועקגעבן אויף צדקה. ער פאַרשטייט, אַז זיי מאַכן נישט איצט קיין געשעפטן, דעריבער האָבן זיי נישט קיין געלט, על־כן זאָלן זיי פאַרקויפן די מעבל. די חסידים האָבן אים נישט געפאָלגט און די מעבל נישט פאַרקויפט. די דייטשן האָבן אין לובלין צוגענומען אין כמעט אַלע דירות די מעבל. שפּעטער האָט דער רבי געשריבן צו די חסידים זיי זאָלן פאַרקויפן די פוטערס און דאָס געלייזטע געלט אַוועקגעבן אויף צדקה. די חסידים האָבן אים ווידער נישט געפאָלגט, זיינען געקומען די דייטשן און צוגענומען ביי אַלע די פוטערס. שפּעטער האָט דער רבי געשריבן צו די חסידים זיי זאָלן פאַרקויפן די בגדי שבת און דאָס געלט פאַרווענדן אויף צדקה. אויך דאָס האָבן נישט געטאָן די חסידים און די יידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון לובלין.

מיט צוויי דריי טעג צוריק (5 — 6 מאַי 42) איז פאָרגעקומען אַ כאַראַקטעריסטישע שמוגל־געשיכטע. דאָס ראָג־הויז פראַנציסקאַנער 21, וואָס ליגט ביי דער מויער איז אַ צענטער פון שמוגל. ביי דער וואַנט ווערט אָראָפּגעלאָזט אַ לייטער און עס גייט אַ גאַנצע נאַכט אַ גרויסער שמוגל. האָבן זיך אָבער די שמוגלער צוקריגט און מען האָט געמסרט דאָרט ווו מען דאַרף. ביינאַכט זיינען געקומען זשאַנדאַרמען און געטראָפן דעם עולם ביי דער סאַמע ברען פון דער אַרבעט. האָבן זיי אָנגעהויבן שיסן פון אַ מאַשין־געווער און אויפן אָרט דערשאָסן אַ שמוגלער, איינעם אָדער צוויי פאַרוואונדעט. דאַן האָבן זיי געמאַכט רעוויזיעס אין אַלע דירות, צוגענומען אַ סך סחורה און 40 שמוגלער פאַרהאַלטן. דעם צווייטן טאָג האָבן אָבער די מאַכערס געמאַכט שלום. פאַרן פרייז פון 40.000 זל. האָט מען

---

55) באַוך איז געווען דער דייטשישער דירעקטאָר פון טעבענסעס פאַבריקן.

אומגעקערט די צוגענומענע סחורה און אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי די שמוגלער. די זשאַנדאַרמען האָבן פאַרלאַנגט די סומע אַלס אַנטשעדיקונג פאַר דעם שאָדן וואָס מען האָט זיי פאַרשאַפן פירנדיק דעם שמוגל דורך דער וואַנט און נישט דורך דער וואַך, ביי וואָס די זשאַנדאַרמען וואָלטן געקאָנט פאַרדינען. דער הויפּט־שמוגל גייט איצט דורך די וואַכן. דער פרייז איז 100 זל. פון אַ וואָגן. דער בעל־עגלה מוז קענען דעם פּאַראָל. אַנדערש ווערט ער נישט אַדורכגעלאָזן. פאַראַן זשאַנדאַרמען, וואָס מאַכן ביי איינע 2 שעה ביז 2.000 זל. דער שמוגל דורך די ווענט קומט אָבער ווייטער פאָר. ער קאָסט כמעט יעדן טאָג קרבנות, פאַרוואונדעטע און געהר־געטע. דערביי טרעפט אָפט, אַז געהרגעט ווערן אַפילו מינדעריעריקע און קינדער. פאַראַן צווישן די זשאַנדאַרמען איינער, וואָס איז געוואָרן אַ שם דבר פון אַן אָרענטלעכן דייטש. מען רופט אים דזשענטעלמען. ער נעמט נישט קיין כאַבאַר און לאָזט אַדורך וועגן מיט סחורה. ער לאָזט אויך אַדורך צענדליקער יידישע קינדער, וואָס קויפן איין אויף יענער זייט דער רוב קאַרטאָפל און אַנדערע ירקות. יעדן טאָג פאַרציילט מען זיך וועגן אים וווּנדערלעכע מעשיות פון זיין גוטקייט און אָרענטלעכקייט. ער מאַכט מיט די שמוגלער — קינדער פאַרשיידענע קונצן. ער שטעלט זיי אויס אין רייען, הייסט זיי זינגען און פירט זיי אַריבער מיט גרויס פאַראַד. אויך די קאָנט־ראָלערן לאָזן זיך איבערקויפן. נישט לאַנג האָט פּאַסירט, אַז עס איז „פאַר־ברענט" געוואָרן (ד. ה. צוגענומען געוואָרן) אַ גאַנצער וואָגן מיט שמוגל. עס איז אָבער גענוג געווען 200 זל., דער קאָנטראָלער זאָל זיך לאָזן איבער־רעדן און אַריינלאָזן דעם וואָגן אין געטאָ. נישט אומזיסט זאָגט אַ שפּריכ־וואָרט, אַז דריי זאַכן זיינען אומבאַזיגבאַר: די דייטשע אַרמיי, די ענגלישע אינזל און דער יידישער שמוגל.

טשערטשיל, פּון רציילט מען, האָט איינגעלאַדן צו זיך דעם גערער רבין און געראַטן זיך מיט אים ווי אַזוי איינצונעמען דייטשלאַנד. דער רבי האָט אים געגעבן פאָלגנדע תשובה: עס זיינען דאָ צוויי אויסוועגן. אָדער על פּי דרך הטבע אָדער על פּי נס. דער דרך הטבע איז, אַז אַ מיליאָן מלאכים מיט פלאַמענדיקע שווערדן זאָלן אָנפאַלן אויף דייטשלאַנד און עס פאַר־ניכטן. דער נס איז, אַז אַ מיליאָן ענגלענדער זאָלן מאַכן אַ דעסאַנט אין דייטשלאַנד און פאַרניכטן עס.

מען פילמירט איצט דאָס געטאָ. מען האָט אַ צוויי טעג פילמירט דאָס יידישע אַרעשט, די קהלה. אויף סמאָטשע האָט מען צונויפגעטריבן דעם יידישן עולם און געהייסן די ייד[ישע] פּאָליציאַנטן פונאַנדערטרייבן. אויף אַן אַנדער אָרט האָט מען פילמירט ווי אַזוי אַ יידישער פּאָליציאַנט וויל שלאָגן אַ ייד און אַ דייטש קומט צו הילף דעם אָנגעפאַלענעם ייד און לאָזט אים נישט שלאָגן.

אויף דעם בית־עולם איז דאָ אַ גרויסע דייטשע אויפשריפט, אַז דייטשן טאָרן נישט באַזוכן דעם יידישן בית־עולם. די סיבה איז כלומרשט אַ סאַ־ניטאַרע, פאַקטיש איז די סיבה אַן אַנדערע. עס פלעגן מאַסן דייטשן קומען

אויפן בית־עולם און באַקוקן די באַרימטע שאָפּע, ווו עס ליגן יעדן טאָג הויפנס מתים־שקעלעטן געפונענע אין גאַס, אָדער די אַרעמסטע, געשטאָרבענע פאַר הונגער, קאַנדידאַטן פאַר די מאַסן־קבֿרים. בשעת די באַזוכן פלעגן קומען צווישן די דייטשן גופא צו דיסקוסיעס וועגן דער יידן־פראַגע. געוועזן אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט הנאה פון די קרבנות פון דער היטלעריסטישער אויסראָטונגס־פּאָליטיק, געוועזן אָבער אַנדערע, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער עמפּערונג קעגן דעם און אָנגערופן עס „דייטשע קולטור". עס ווייזט אויס, אַז די עקסקורסיעס האָבן געהאַט אַ פאַטאַלע ווירקונג אויף די באַזוכער, און דעריבער האָט מען זיי אָפּגעשאַפן.

12 מאַי 1942

היינט דעם 12 מאַי 42 האָט ווידער פּאַסירט אַן ענלעכע מעשה ווי פרייטיק דעם 18 אַפּריל. מען האָט די נאַכט אויף דעם זעלבן שטייגער דערשאָסן 4 יידן: שקלאַר, פאַסס, זאַקס (אַ ספּאָרטסמען) און טענענבוים [56]. די מענטשן האָבן ווייזט אויס אַ שייכות געהאַט צו דער פרייהייט־באַוועגונג. מען האָט זיי ביינאַכט אַרויסגעפירט פון פּאַוויאַק און דערשאָסן אויף פאַרשיידענע גאַסן. דאָס איז געווען זייט אַפּריל אַ מעטאָד: שיסן מענטשן אין די גאַסן. דער צוועק: וואַרפן אַ מורא אויף דער באַפעלקערונג, אָנשרעקן, טעראָריזירן. קיין וואַרשע אין געטאָ האָט מען געבראַכט צוויי הונדערט טויזנט מונדירן פון געהרגעטע זעלנער. די מונדירן זענען שרעקלעך פאַרלייזיקטע און איינגעטונקען אין בלוט. פון דער צאָל צוויי הונדערט טויזנט בלויז אין וואַרשע קען מען האָבן אַ באַגריף וויפל הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען עס זיינען געפאַלן אין דעם ווינטער אויפן מזרח. אין די קעשענעס פון אַ סך געפאַלענע זיינען דאָ אויפרופן אַראָפּגעוואָרפענע פון די סאָוויעטישע אַעראָפּלאַנען, וואָס זיינען אַ מין פּאַספּאָרט באַטראַכט צו ווערן ביי די סאָוויעטן פאַר אַ פריינט. הגם עס זיינען באַשטימט געוואָרן האַרבע שטראָפן פאַר די וואָס באַהאַלטן אַזעלכע אויפרופן, זיינען אַפילו אין די טאַשן פון אַ סך אָפיצירן באַהאַלטן געווען די דאָזיקע אויפרופן. אויסער דעם זיינען אין די קעשענעס פאַראַן בריוו פון פריינט און פאַמיליעס אין דער היים, וואָס גיבן אַן איבערבליק איבער די שטימונגען פון די זעלנער און פון הינטערלאַנד. דער אַלגעמיינער איינדרוק איז, אַז די שטימונג פון די זעלנער [איז] אַ געהרגעטע. דער פּראַגער בית־עולם, וואָס איז אַלט איבער 150 יאָר, ווערט ניוועלירט. די טיטולאָנים לאָזן נישט רוען אַפילו די טויטע. איבעריקנס ענלעכע זאַכן זיינען דורך זיי אָפּגעטאָן געוואָרן אין אַנדערע שטעט פון פּוילן און פון דייטשלאַנד. אַזאַ קלייניקייט, ווי די אַלט־

---

[56]) משה סקלאַר — אַ זעצער, טוער פון „בונד" און פונעם ייד. דרוקער־פאַריין, אָרגאַניזאַטאָר פון אונטערערדישע פּרעסע. פּאַסס — זעצער, מיטגליד פון „בונד". טענענבוים — זעצער.

קייט פון אַ בית־עולם, זיין קולטור־היסטאָרישע באַדייטונג שפּילט פאַר זיי קיין שום ראָלע נישט.

די דרום־אַמעריקאַנישע בירגער, וואָס וווינען אין געטאָ, זיינען גערופן געוואָרן אין פּאַוויאַק. דאָרט האָט מען זיי דערקלערט, אַז ביזן 18־טן ד. ח. דאַרפן זיי פאַרלאָזן וואַרשע, זיי פאָרן קיין שווייץ ווו מען וועט זיי איינטוישן אויף דייטשן פון דאָרט. עס איז אָבער אַ פראַגע צי די געמלאַכהטע בירגער ד. ה. די וואָס האָבן זיך געקויפט די בירגערשאַפט שוין בשעת דער מלחמה וועלן דערפון קענען געניסן.

אַ רעטעניש: סוריק, אַ סאָוויעטישער בירגער, געזעסן אין פּאַוויאַק צוזאַמען מיט אַלע רוסישע בירגער, דרייט זיך איצט אַרום פראַנק און פריי, אָן אַן אָפּאַסקע וווינט אויף יענער זייט, מאַכט געשעפטן. ווי אַזוי מאַכט ער דאָס? וואָס פאַר אַ פרייז האָט ער באַצאָלט פאַר דער געוווּנענער פרייהייט?

דאָס געטאָ איז אָפּטמאָל דער פאַרמיטלער צווישן די קריסטלעכע סוח־רים גופא. דאָס קלינגט אויבנאויפיק ווי אַ פּאַראַדאָקס. אָבער אַזוי איז עס. קריסטלעכע סוחרים האָבן מורא איינער צו האַנדלען מיטן צווייטן, ווייל צוליב דער פרייז־איבערוואַכונגסשטעלע האָט מען מורא דאָס געוועלב זאָל נישט פאַרמאַכט ווערן צוליב די הויכע פרייזן. אויב מען קויפט אָבער און פאַרקויפט אין געטאָ, זיינען נישט גילטיק קיין שום פרייזן. מעג מען נע־מען וויפיל מען וויל. נישט לאַנג האָב איך געהערט וועגן אַזאַ מעשה: איין פירמע האָט געקויפט 1.000 קאַרביד־לאָמפּן, האָט מען די לאָמפּן געבראַכט אין געטאָ און דאַן צוריקגעשמוגלט צו אַ צווייטער קריסטלעכער פירמע. דאָס זעלבע געהערט וועגן אַנדערע פירמעס. לעצטנס זיינען די האַרטע געשטיגן פון 150 אויף 186 זל. די סיבה זאָל זיין פאָלגנדע: אַזוי ווי סחורה ווערט רעקווירירט האָבן פוילישע סוחרים באַשלאָסן צו לאָקירן זייער געלט אין וואַלוטע. די וואַלוטע ווערט אַלזאָ אַרויסגעשיקט אויף יענער זייט.

די דעמאָראַליזאַציע פון דער פוילישער פּאָליציי און פון פוי[לישע] געהיים־[אַ]געגטן איז אין לשער. זיי טוען גאָרנישט אין געטאָ, נור דרייען זיך אַרום אין גאַס, פאַרהאַלטן וועגנס מיט סחורה און פרעסן אויס פּרע־טענזיע־געלט. דער עולם ציטערט פאַר זיי און גיט זיי וואָס זיי ווילן נאָר. זיי באַקומען ביי אַלע סוחרים חודש־פּענסיע. די געהיים־אַגענטן פון דעם צירקל אַרום פראַנציסקאַנער־גאַס באַקומען צו 200 זל. פון יעדן לעדער־סוחר. דאָס געלט נעמט צונויף איין סוחר און טראָגט עס צו די 8 אַגענטן פון דעם ראַיאָן. אויב עמעצער וויל עפענען אַ געהיים מילעכל, מוז ער פריער מעלדן די אַגענטן און באַצאָלן אויסקויף־געלט. אַ נישט דראָט אים ער זאָל מוזן [צאָלן] ביים כאַפּן אים ביי דער אַרבעט אַ שטראָף פון 2.000 זל. די צאָל מילעכלעך איז זייער אַ גרויסע. אין כמעט יעדן הויז ווו עס איז דאָ עלעקטריע, איז דאָ אַמילעכל.

מען פילמט אַלץ נאָך דאָס געטאָ. יעדע סצענע ווערט איינרעזשיסירט. נעכטן האָט מען אַ קינד געהייסן אַריבערלויפן אויף יענער זייט געטאָ־

טויער (ראָג לעשנאָ־זשעלאַזנע) און דאָרט קויפן קאַרטאָפל. אַ פּוילישער פּאָליציאַנט האָט דעם ייִנגל געכאַפּט און אויפגעהויבן אַ האַנט כּדי עס צו שלאָגן, אין דעם מאָמענט איז אונטערגעלאָפן אַ דייטש און אַ כאַפּ געטאָן דעם פּאָלאַק פאַר דער האַנט: אַ קינד טאָר מען נישט שלאָגן. היינט האָט מען באַשטעלט אַ שוחט און דאָרט געהייסן אים שעכטן אַן עוף. זייערע געוואַלדעס אין דעם קהלה־בנין האָבן געגרייכט ביז צום הימל. פון וואַנען האָבן זיי אַזויפיל כּוח צו שרייען. צוליב יעדער קלייניקייט האָבן זיי אויפגעהויבן געוואַלדעם עד לב השמים.

לעגאַלע קאָנספּיראַציע קען מען אָנרופן די תקופה ביז צום באַרימטן פרייטיק 18 אַפּריל. אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן געפירט אַ כּמעט האַלב־לעגאַלע טעטיקייט, אויסגאַבן האָבן זיך געמערט ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. גיסטו אַרויס אַ צייטונג איין מאָל אין חודש — גיב איך אַרויס צוויי מאָל אין חודש, גיסטו אַרויס צוויי מאָל אין חודש — דערשיינט מיינע יעדע וואָך, ביז וואַנען עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז דער ביולעטין פון אַ געוויסער ריכטונג איז אַרויס צוויי מאָל אין וואָך [57]. דער קאָלפּאָרטאַזש איז געווען בפני כּל עם ועדה. מען פלעגט בלעטלעך און קאָמוניקאַטן לייענען אין ביוראָען, וואַרשטאַטן וכדומה.

פאַרזאַמלונגען פון פאַרשיידענע פּאַרטייען פלעגן פאָרקומען כּמעט אָפן אין געזעלשאַפטלעכע לאָקאַלן. מען פלעגט אַפילו מאַכן גרויסע פייערונגען עפנטלעך. אויף איינער אַזאַ פאַרזאַמלונג האָט אַ רעדנער פאַר אַן עולם פון אַ 150 מענטשן גערעדט וועגן אַקטיוון ווידערשטאַנד. איך האָב בייגעווינט אַ פייערונג מיט 500 יוגנטלעכע פון איין גרופּירונג. מען האָט געוווסט ווער עס זיינען די מחברים פון די אַרטיקלען אין די צייטונגען. מען האָט אַפילו שוין צווישן זיך פּאָלעמיזירט און דאָרט כּמעט זיך געזידלט ווי אין די גוטע פאַרמלחמהדיקע יאָרן. עס האָט זיך אַלעמען געדוכט, אַז מען מעג אַלץ. אַפילו פּוילישע אומלעגאַלע אויסגאַבן, ווי „באַריקאַדאַ וואָלנאָשטשי“ (אַזאַ ווערסיע געהערט — נישט קאָנטראָלירט) פלעגן געדרוקט ווערן און פאַרשפּרייט אין געטאָ.[58] דער עולם האָט געמיינט, אַז די דייטשן אַרט ווייניק, וואָס די ייִדן טראַכטן און טוען. געמיינט האָט מען, אַז זיי גייט נאָר וועגן אויסשפּיאָנירן ייִדישע סחורות, געלט, וואַלוטע—גייסטיקע זאַכן האָבן זיי נישט אָנגעגאַנגען. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ טעות. דער בלוטיקער פרייטיק, בשעת וועלכן מ'האָט דערשאָסן די אַרויסגעבער, קאָלפּאָרטערן פון אומלעגאַלע אויסגאַבן, האָבן באַוויזן, אַז דאָס פּאָליטישע

---

57) „ביולעטין“ — אומלעגאַלע בונדישע צייטשריפט אין וואַרשעווער געטאָ.

58) „באַריקאַדאַ וואָלנאָשטשי“ (די באַריקאַדע פון פרייהייט) — אומלעגאַלע צייטשריפט פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פּוילישע סאָציאַליסטן (לינקע אָפּשפּאַלטונג פון פּ.פּ.ס.), וועלכע האָט געהאַט אַן אָפּטיילונג אין געטאָ, ווו עס איז דערשינען אַ צוגאָב־צייטשריפט צו „באַריקאַדאַ וואָלנאָשטשי“ א. נ. „געטאָ פּאָדזשעמנע“ (אונטערערדישע געטאָ).

פּרצוף פון די יידן איז נישט גלייכגילטיק פאַר זיי, באַזונדערס ווען עס האָט אַ שייכות צו דער פּוילישער זייט.

די קהלה־לייט האָבן געפּרוווט אויסצונוצן דעם בלוטיקן פּרייטיק, כדי פולשטענדיק צו דערדריקן דאָס געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע לעבן אין געטאָ. זיי האָבן פאַרשפּרייט קודם־כל דעם קלאַנג, אַז דער „פּרייטיק" איז פאָרגעקומען צוליב די אומלעגאַלע אויסגאַבן, און אַז מען האָט זיי געוואָרנט, אַז אויב דאָס וועט זיך איבערחזרן, וועט מען אָפּטאָן מיט וואַרשע דאָס זעלבע וואָס מיט לובלין, ד. ה. אויסזידלען די יידישע באַפעלקערונג. עס שטעלט זיך נאָך אַ פראַגע: פאַרוואָס זיינען ענלעכע שחיטות לויט דעם זעלבן שטייגער (דערשיסן אין די הייף) פאָרגעקומען אין ראַדעם און אין אַנדערע שטעט — דאָרט זיינען דאָך קיין אומלעגאַלע אויסגאַבן נישט געווען. געהערט אַ מיינונג, אַז די פּרייטיקדיקע שחיטה האָט רעהאַביליטירט דאָס געטאָ, צום ערשטן מאָל איז פאַרגאָסן געוואָרן יידיש בלוט פאַר אַ פּאָליטישן טאַט.

די פאָלגן פון דעם בלוטיקן פּרייטיק זיינען גאַנץ שווערע. די אומלעגאַלע פּרעסע האָט זיך אָפּגעשטעלט. די פּאָליטישע טעטיקייט איז באַדייטנד אָפּגעשוואַכט. עס איז פאַרקלענערט געוואָרן דער אינטערעס צו אימפּרעזן. אַ שווערער קלאַפּ האָט זיך געלייגט אויף די געמיטער פון דער באַפעלקערונג.

אַ האַלבע שטאָט נעכטיקט נישט היינט אין דער היים. יעדער וואָס האָט נאָר געהאַט די קלענסטע שייכות צו וועלכער נישט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט האָט מורא. אַזוי ווי די שחיטה איז געווען אַ רעזולטאַט פון יידישע מוסרים (וואַרשיינלעך פון דער פירמע קאָן און העלער) ציטערט מען אַרויסצורעדן איינער צום אַנדערן אַ וואָרט. די ענגלישע קאָמוניקאַטן, וואָס פלעגן פריער אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט ווערן (אַ טייל מענטשן האָבן דערפון געהאַט פּרנסה) האָבן אויפגעהערט צו דערשיינען. אַזוי ווי אָבער מענטשן זיינען דורשטיק נאָך אַ ידיעהלע, באַקט מען ליגנס אויף וואָס די וועלט שטייט. דערביי קומט יעדן טאָג צו אַ נייע פּאַרציע ליגנס. נאָך דער פּרייטיקדיקער שחיטה האָבן זיך געפונען קאָמבינאַטאָרן, וואָס האָבן אויסגענאַרט געלט ביי מענטשן מיט אַ תירוץ, אַז מען נעמט זיי אַראָפּ פון נייע שחיטה־ליסטעס. דער ביישפּיל בליימאַן, וועלכן מען האָט אין דער לעצטער וואָך פאַר דער שחיטה שאַנטאַזשירט און געפּאָדערט 5.000 זל. אויסלייז־געלט, האָט אָנגעוואָרפן אויף די מענטשן אַ מורא פאַר די שאַנטאַזשיסטן. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך הייבט מען אָבער אָן ווידער אויסצוגלייכן די פלייצעס. מער נישט די לעגאַלע קאָנספּיראַציע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אמתדיקער קאָנספּיראַציע, וואָס דרינגט אַריין טיפער אונטער דער ערד.

די יידישע געסטאַפּאָוצעס זוכן שוין איצט אַן אַליבי. זיי באַמיען זיך מיט אַלע מיטלען אויסצופיינערן זיך און צו באַווייזן, אַז זיי זיינען אָרנטלעכע, גוטע יידן, וואָס האָבן אין זינען די ענינים פון כלל. גאַנצוויך איז אַ גאַנצער מעצענאַט פון דער יידישער ליטעראַטור, קונסט, טעאַטער. ער

מאַכט כסדר אויפנאַמעס פאַר יידישע שרייבער, אַרטיסטן און גיט גוט צו עסן, וואָס איז אין די היינטיקע צייטן די וויכטיקסטע זאַך. נישט לאַנג האָט ער געמאַכט אַ גאַנצע נאַכט אַ פייערונג פאַר דעם „עלדאָראַדאָ”. יידישע שרייבער, ווי הלל צייטלין [59] באַקומען ביי אים חודש־שכירות (500 זל. צייטלין). יצחק קאַצענעלסאָן איז ביי אים אַן אַריינגייער פון צייט צו צייט. לאַזאַראָוויטש, דער רעוויזיאָניסט פון „מאָמענט” צי פון „היינט” [60] איז זיין נושא כלים. ער האָט געעפנט די פייערונג בשעת מען האָט געלאָזט אין באַוועגונג דאָס קעטשל „מרים” פון דער „פאַגאָטאָוויע” (לויטן פאַרנאָמען פון מאַדאַם גאַנצוויך). סאַמבערג [61] איז אַ גאַנצער גוטער פריינט מיט גאַנצווייכן. אפילו ד״ר שיפּער האָט זיך געלאָזט פאַרבעטן צו אים, אויף פיש אויף פרייטיק. נאַטירלעך, אַז גאַנצוויך האָט עס גלייך צעטרומייטערט איבער דער גאַנצער שטאָט, אַז אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי ד״ר שיפּער קומט צו אים אַריין. אַ גאַנצע ריי אַרטיסטן באַקומען ביי אים חודש־פענסיע. איצט האַלט ער ביים שאַפן אַ פּאַטראָנאַט איבער יידישע שרייבער און אַרטיסטן. גאַנצוויך מאַכט גלענצנדע געשעפטן. ער האָט די אַדמיניסטראַ־ציע פון 100 הייזער, וואָס ברענגט אים אַריין אַ סך פּרנסה. אויסער דעם האָט ער אַ חודש 30 פּשעפּוסטקעס, פאַרוואָס ער באַקומט צו עטלעכע טויזנט. זל. אַ פּשעפּוסטקע [62]. אויסער דעם איז ער אַ שותף צו פאַר־שיידענע געשעפטן. מיט איין וואָרט: ער מאַכט אַ ריזן־פאַרמעגן. גאַנצוויכס פונקציע אין געסטאַפּאָ איז נישט אינגאַנצן אַ קלאָרע. איינס איז אָבער זיכער, אַז אומזיסט באַקומט מען גאָרנישט. פאַר אַלץ מוז מען צאָלן. גאַנצ־וויך האָט אויף פסח געשיקט פאַר די יידישע שרייבער 6.000 זל.

18 מאַי 1942.

די געסטאַפּאָ־חיה עסט אויף אירע אייגענע קינדער. פאַראַן אַזעלכע חיות, וואָס עסן אויף זייערע אייגענע קינדער. פאַרוואָס זי טוט עס וועלן [מיר] זיך דאָ נישט גראַבלען. אַ פאַקט, אַז אַזאַ נאַטור דערשיינונג איז פאַראַן. דאָס זעלבע טוט די געסטאַפּאָ מיט אירע יידישע אַגענטן, וועלכע ווערן איינער נאָך דעם אַנדערן אָפּגערוימט אַזוי אַז די פירער אַליין, גאַנצ־

[59] הלל צייטלין (1872—1942), באַוווסטער יידישער שריפטשטעלער פו־נעם רעליגיעז־נאַציאָנאַלן לאַגער, מיטאַרבעטער פון „מאָמענט“, פאָטער פון באַ־וווסטן דיכטער און דראַמאַטורג אהרן צייטלין און פונעם זשורנאַליסט אלחנן צייטלין. אומגעקומען בעת דער ערשטער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ אין יולי 1942, איז אַוועק צום טויט איינגעהילט אין אַ טלית.

[60] נישט לאַזאַראָוויטש, נאָר לייזעראָוויטש; געווען אַ מיטאַרבעטער פון „היינט“.

[61] אייזיק סאַמבערג, באַוווסטער יידישער שוישפּילער. אומגעקומען אין טראַווניק אין נאָוועמבער 1943.

[62] עס זענען געווען נישט בלויז פּערזענלעכע פּשעפּוסטקעס (צייגענישן, דערלויבענישן), נאָר אויך אויף אַריין־ און אַרויספירן סחורות.

ווייך, קאָן און העלער, ערליך, ציטערן שוין אַלייך פאַר זייער פּעל. די סיבות זיינען מסתמא פאָלגנדע: ערשטנס, ווייסן די יידישע אַגענטן צופיל, נישט איין געשעפט האָט מען געמאַכט בשותפות, האָט מען מורא טאָמער וועט דער ייד עס פאַרציילן אַ צווייטן דייטש און מען וועט דערביי אַדורכפאַלן. צווייטנס זיינען פאַראַן קאָנקורירנדע געסטאַפּאָ־גרופּן. יעדער גדול, יעדע אָפּטיילונג פון געסטאַפּאָ האָט זיך אירע אַגענטן קריגט זיך איין געסטאַפּאָ־גדול מיטן צווייטן, הרגעט ער איינצווישן די אַגענטן פון דעם צד שכנגד. די דריי פריער דערמאָנטע גדולים רעפּרעזענטירן דריי קאָנקורירנדע גרופּן. אגב הייסט גאַנצווייך ביי קאָן און העלערן — אַזעף[63]. איצט האָט דוכט זיך די שטאַרקסטע השפּעה: קאָן און העלער. דעריבער זיינען דעם באַרימטן פרייטיק געפאַלן די אַגענטן פון די קאָנקורענטן: גאַנצווייך און ערליך. ער־ליכס שותף גורמאַן גערופן כלאָפּאַק איז דערשאָסן געוואָרן, דאָס זעלבע איז געשען מיט גאַנצווייכס גוטע פריינט, וואָס זיינען די נאַכט דערשאָסן געוואָרן אין דעם באַקאַנטן נאַכט קאַבאַרעט (מילנאָ 18, אַריזאָנאַ). נאָך פריער זיינען דערשאָסן געוואָרן די באַקאַנטע געסטאַפּאָוצעס מילעק טינע
Psu — psia śmierć, zdechł (געוועזן אויף די ווענט אַזאַ אויפשריפט:
Milek Tine 64 דאָס זעלבע איז געשען מיט אַנדערסן. איצט זיצן אין תפיסה די געסטאַפּאָוצעס: שוויעצאַ און עסטעראָוויטש, וועלכע האָבן די ערשטע געמאַכט אין געסטאַפּאָ אַ מסירה וועגן די אומלעגאַלע יידישע אָר־גאַניזאַציעס און וועגן די אומלעגאַלע אויסגאַבן. מען גיט איבער, אַז זיי זיינען שוין דערשאָסן געוואָרן אין פּאַוויאַק מיט אַ 10 טעג צוריק, ד. ה. אַן ערך דעם 8 מאַי.

דאָ איז כדאי זיך צו פאַרטראַכטן, צי האָבן מיר מער מוסרים און געסטאַפּאָוצעס ווי אַנדערע. עס גייט אַרום אַ וויץ: 2 יידן טרעפן זיך. פרעגט זיך איינער דעם צווייטן: וואָס הערט זיך? ענטפערט דער צווייטער: איינער פון אונדז דינט דאָך זיכער אין געסטאַפּאָ, וויל איך דיר נישט זאָגן. מען גיט איבער, אַז עס זיינען פאַראַן אַ 400 מוסרים. איך מיין אָבער, אַז אויב עס קענען זיין טעטיק אין געטאָ הונדערטער אומלעגאַלע מילעכלעך, מיט מאַגאַזינען פון מעל, מיט אומלעגאַלע בעקערייען, פאַבריקלעך, מסחרים מיט לעדער און מיט אַלץ וואָס איז טריף איז דאָך נישטאָ אַזויפיל מוסרים מען זאָל קענען באַהויפּטן, אַז ביי אונדז איז דאָ מער ווי ביי אַנדערע. דאָך האָט די אומלעגאַלע באַוועגונג, די געקומענע פון מזרח נישט אַזוי מורא פאַר יעדן סטרוזש, פאַר יעדן פרעמדן ווי דאָס איז אויף יענער זייט. איך

---

63) יעוונאַ (יונה) אַזעף (1869—1918), אַן אַגענט און פּראָוואָקאַטאָר פון דער אָכראַנקע (רוסישער געהיים־פּאָליציי) אין צ. ק. פון דער פּאַרטיי סאָציאַ־ליסטן־רעוואָלוציאָניסטן. דעמאַסקירט אין 1908, אַנטלאָפן און נעלם געוואָרן. געשטאָרבן וואַרשיינלעך אין אַמעריקע אונטער אַ פרעמדן נאָמען.

64) פּויליש: אַ הונט — אַ הינטישער טויט, געפּגרט מילעק טינע.

מיין דעריבער אַז די באַהויפּטונג, אַז מיר זיינען מער דעמאָראַליזירט ווי אַנדערע איז אַ איבערגעטריבענע באַזונדערס ווען מען וועט נעמען אין אַכט, אַז ביי אונדז איז אַזאַ שווערע לאַגע, אַז ביי אונדז שטייט פאַר אַ גרויסן טייל די אַלטערנאַטיוו פון גיין אויף קרומע וועגן איידער שטאַרבן פון הונ־גער. לאָמיר דעריבער נישט מאַכן דאָס בילד מער שוואַרץ ווי עס איז. בפרט אַז עס איז גענוג שוואַרץ. שטאַרק פאַרשפּרייט זיינען די מסירות צווישן די דייטשע יידן. די ערשטע פאַרטיע געקומענע פון זבאָנשין האָבן געליפערט אַ סך מוסרים, אַפּעריסטן און שאַנטאַזשיסטן. די דייטשע יידן האָבן דעריבער ביי אונדז באַקומען זייער אַ שלעכטן שם. זיי זיינען עס די, וואָס פירן אָן מיט אַרבעטער־גרופּן אויף דייטשע פּלאַצוווקעס (אגב דער השומר הצעיר האָט פאַרבאָטן זיינע מיטגלידער נאָך יוני 1941 צו אַרבעטן אויף דייטשע פּלאַצוווקעס, כדי נישט צו העלפן דעם שונא). איצט ווען עס זיינען געקומען די גייע דייטשע יידן האָט ווידער אַרומגענומען אַ שרעק צי גייט נישט אויף אונדז אַ כוואַליע פון נייע מוסרים און אַפּעריסטן. מען האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז טאַקע דער צוועק וועגן שיקן זיי אין געטאָ אַריין. בכלל האָט מען דאָ מיט דייטשע יידן געהאַט אַ טרויעריקע דערפאַ־רונג. ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט דראָען זיי: „איך מאַכע איינע אַנצייגע”, איך גיי אין געסטאַפּאָ. נישט איין זאַך האָבן זיי באַקומען אַ דאַנק דער מורא פאַר דער רעאַליזירונג פון זייערע דראָונגען.

דאָס פּראָבלעם מוסרים, וואָס האָט אַזוי אָפט אַבסאָרבירט די יידישע געשיכטע איז ווידער אַרויף אויף דער טאָג־אָרדנונג. ליידער האָט מען מורא אָנצווענדן קעגן זיי טעראָר־מיטלען, ווייל דער אָקופּאַנט קען דערפאַר נע־מען בלוטיקע נקמה. דאָס איז אפשר דאָס טראַגישסטע, וואָס אַזאַ יאָסעק ערליך (קאַפּאָטאַ — צונאָמען) גייט זיך אַרום פראַנק און פריי, באַקומט פון פאַרזאָרגונגס אַנשטאַלט קאָנצעסיעס, אינטערוועניר אין פאַרשיידע־נע קהלה־אמטן פאַר זיינע לייט און אַלע טוען וואָס ער וויל נאָר — אַלץ אויס מורא פאַר מסירות, פאַר זיין נקמה. אָדער אַזאַ יוטאָווא, איר יחוס נעמט זיך דערפון, וואָס בשעת יענער וועלט־מלחמה האָט זי געלעבט מיט אַ דייטשן אָפיציר, וועלכער איז איצט קאָמענדאַנט פון וואַרשע. די דאָזיקע קורווע נוצט אויס איר אַמאָליקע באַקאַנטשאַפט אויף באַקומען כלערליי קאָנצעסיעס און ריווחים. זי האָט באַקומען די קאָנצעסיעס אויף די יידישע טעאַטערן און איז אַ מיטאינהאָבערין פון אַ פּאָר טעאַטערס. זי האָט באַ־קומען אַ קאָנצעסיע אויף אַ בעקעריי און צו דעם אַלעם האָט זי נאָך אַרויס־באַקומען — עטלעכע הונדערט זל. פון דער אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלן שוץ ביי דעם יידן־ראַט. אויסערדעם איז [זי] געווען אַ מאַכערקע צו פאַרשיי־דענע אַמטן פון קהלה, ווו אַלע האָבן פאַר איר, אייגנטלעך פאַר איר אָבערסט מורא געהאַט. עס ווייזט אויס אָבער, אַז זי האָט איבערגעצויגן דאָס שטריקל און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט טשערניאַקאָוו פונאַנדערגעשיקט אַ ציר־קוליאַר צו אַלע קהלה־אָפּטיילונגען, אַז מען טאָר מער נישט אָננעמען די אינטערווענצן פון יוטאָווא. איצט זוכט זי פרנסה דורך פאַרשיידענע [illegible]־

טאַזשן, ווי למשל, אַז מענטשן זיינען דאָ אויף ליסטעס געהרגט צו ווערן וכדומה.

19 מאי 1942

דער פּאַוויאַק[65] איז געוואָרן אַ מקום לפורעניות נישט בלויז פון אי־נעווייניק נאָר פון אויסנווייניק. אינעווייניק פּייניקט מען דאָרט אָן אויפהער די אַרעשטאַנטן. לעצטנס איז דאָרט געקומען אַ נייע וואַך: אוקראַאינער — זאָגן א טייל, די אַמאָליקע סאָוויעטישע[66] וואַך — זאָגן אַנדערע (ר' נוס). אַזוי צי אַזוי, די אַרעשטאַנטן ווערן געפּייניקט. לעצטנס איז דער פּאַוויאַק געוואָרן אַן אָרט, פון וואַנען מען פאָרט כסדר ארויס קיין אָשוויענטשים, פון דאָרט זיינען אַרויסגענומען געוואָרן אַ ריי מענטשן און אויף די גאַסן דער־שאָסן געוואָרן(שקלאַר, פּאסס א א.). לעצטנס איז אָבער דער פּאַוויאַק גע־וואָרן אַ צרה פאַר די דרויסנדיקע, פאַר די שכנים און פאַר די דורכגייער. פון ביידע זייטן פּאַוויאַק האָט מען געמוזט די פענסטער פאַרדעקן מיט דיקן שוואַרצן פּאַפּיר אָדער מיט שוואַרצע דיקטע. בייטאָג און ביינאַכט מוזן די פענסטער זיין פאַרמאַכט. ביי יעדער שפּאַרע, ביי יעדן לעכעלע דראָט טויט־שטראָף. געווען פאַלן ווען מען האָט די איינוווינער פון אַ דירה, ווו איינער האָט געעפנט דעם לופטשיק שרעקלעך געפּייניקט. איינער פון די פּייניקונגס־מיטלען באַשטייט אין הייסן אויסטאָן זיך נאַקעט און זיך אַראָפּ־קאָלערן פון אַ באַרג מיט קאָקס, וואָס טוט שרעקלעך ווייי און פאַרבלוטיקט דעם גאַנצן גוף. אויסער דעם כאַפּט מען פון צייט צו צייט יידן, דורכגייער און מען פּייניקט זיי, שלאָגט זיי. די [וואַכן פון די] לאַסט־אויטאָס וואָס ברענגען די אַרעשטירטע אין פּאַוויאַק שלאָגן מכות־רצח די אַדורכגייער. דער געסטאַפּאָוויעץ, וואָס זיצט פון הינטן פון אויטאָ, בייגט זיך אַרויס אויף דער שמאָלער קאַרמעליצקע גאַס און שלאָגט די אַדורכגייער מיט אַ לאַנגן קאַנטשיק מיט אַ בלייענעם שפּיץ. ער פאַרטשעפּעט ריקשעס און שלאָגט די ריקשע־פירער ווען דער עולם דערזעט דאָס אויטאָ באַהאַלט מען זיך פּאַניש אין די טויערן, זייער אָפט שיסן די געסטאַפּאָוצעס. נישט איין גע־הרגעטער אין פאַרוואונדעטער איז אַ קרבן פון דער גאַסן־הריגה, וואָס איז געוואָרן אַ סיסטעם זייט 18־טן אַפּריל, דעם בלוטיקן פרייטיק.

ווי ווייט עס דערגייט דער עלנט אין אַ טייל שטובן און אין די פונקטן קען מען זען דערפון, אַז צוליב אָרעמקייט און הונגער פאַרקויפן זיי אויס אַלץ, אַפילו דעם איינשיט פון קישן און איבערבעט און מען ליגט בלויז

65) תפיסה אין וואַרשע, דער נאָמען שטאַמט פון דער דערנעבנדיקער פאַ־וויע־גאַס, אויפגעבויט דורך דער צאַרישער מאַכט אין יאָר 1835. דער פּאַוויאַק איז געלעגן אויפן שטח פון געטאָ.

66) געמיינט די אוקראַאינישע וואַכמענער, וועלכע האָבן זיך ס'רוב רע־קרוטירט פון פאַרעטער פון צווישן די געוו. סאָוויעטישע זעלנער קריגס־געפאַנ־גענע (וולאַסאָווצעס).

אין די פּעדערן. איר טרעפט דערי־בער בעטלער פול מיט פעדערן. דאָס זיינען די, וואָס געפינען זיך שוין נידעריקער ווי דער ראַנד פון אונטערגאַנג.

די היי־יעריקע ל״ג־פייערונגען זיינען פאַרוואַנדלט — —

* *

*

די עלדישע מיידלעך חיקה, פרומקע[67] א א. דאָס איז אַ טעמע, וואָס פאָדערט אַ פּען פון אַ גרויסן שרייבער, דרייסטע, העלדישע מיידלעך, וואָס פאָרן אַהין און צוריק אין שטעט און שטעטלעך פון פוילן זיי האָבן אַרישע פּאַפּירן אַלס אַריערינס — פאַלקעס אָדער אוקראַינקעס. איינע טראָגט אַפילו אַ צלם, מיט וועלכן זי צעשיידט זיך נישט און וועלכער פעלט איר אין געטאָ. יעדן טאָג זיינען זיי אויסגעשטעלט אויף דער גרעסטער סכנה אַלץ שטעלן זיי אויף זייערע אַרישע פּנימער, אויף די טיכלעך, וועלכע זיי טראָגן אויף די קעפּ. די געפערלעכסטע מיסיעס נעמען זיי אויף זיך און דערפילן זיי אָן אַ פּיפּס, אָן אַ מינוט וואַקלען זיך. דאַרף מען פאָרן קיין ווילנע, ביאַליסטאָק, לעמבערג, קאָוועל, לובלין, טשענסטאָכאָוו, ראָדעם א. א. און שמוגלען אַהין טריפהנע סחורה, ווי למשל, אומלעגאַלע אויסגאַבן, מאַטעריאַלן, געלט, וואָס דאָס אַלץ טוען זיי ווי עפּעס אַ נאַטירלעכע זאַך. דאַרף מען ראַטעווען חברים פון ווילנע, לובלין אָדער אַנדערע שטעט, נעמען זיי אויף זיך די שליחות. נישטאָ פאַר זיי קיין שום מניעות, קיין שטערונגען. דאַרף מען זיך באַקענען מיט צוגספּירער — דעם דייטש, כדי צו קענען פאָרן אויף די באַנען אויסער דער גובערניע, ווו עס קענען זיך באַוועגן מענטשן מיט ספּעציעלע פּזשעפּוסטקעס — טוט מען עס פּשוט, ווי דאָס וואָלט געווען זייער פאַך. זיי פאָרן אַרום איבער שטעט, ווו קיין שום דעלעגאַט פון קיין שום יידישער אינסטיטוציע האָט נישט דערגרייכט, ווי למשל וואָלין, ליטע. זיי האָבן עס די ערשטע געבראַכט דעם גרוס פון דער טראַגעדיע ווילנע. זיי האָבן עס די ערשטע געבראַכט ווערטער פון דערמוטיקונג און שטיצע פאַר דעם שארית־הפליטה פון ווילנע. וויפל מאָל האָבן זיי געקוקט דעם טויט אין די אויגן אַריין? וויפל מאָל זיינען זיי געווען אַרעשטירט, רעווידירט — דאָס גליק האָט זיי אָבער צוגעשפּילט. שליחי־ציבור שאינן נזיקין[68]. מיט וואָס פאַר אַ פּשטות און באַשיידנקייט גיבן זיי אָפּ

---

67) חיקה — חיהקע גראָסמאַן, טוערין פון „השומר הצעיר“, פאַרבינדלערין צווישן די אונטערערדן אין ביאַליסטאָקער, וואַרשעווער און אַנדערע געטאָס, לעבט אין ישראל. פרומקע — פרומקע פלאָטניצקאַ, טוערין פון „דרור“, פאַרבינדלערין צווישן דער אונטערערד פון וואַרשעווער געטאָ מיט דער באַוועגונג אין פיל אַנדערע געטאָס; אומגעקומען בעתן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין בענדינער געטאָ.

68) העברעיש: געזעלשאַפטלעכע פאָרשטייער, וואָס גייען ארויס גאַנץ.

באַריכטן וועגן דעם, וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן אויף די נסיעות, אויף די באַנען, ווו קריסטן: מענער און פרויען, ווערן געכאַפּט צו דער אַרבעט אין דייטשלאַנד. די יידישע פרוי האָט צו פאַרצייכענען אַ שיין בלאַט אין דער געשיכטע בשעת דער איצטיקער וועלט־מלחמה. די חיהקעס און די פּרומקעס וועלן אין דער דאָזיקער געשיכטע פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט. די דאָזיקע מיידלעך ווייסן נישט פון קיין אָפּרו. אָקאָרשט געקומען פון טשענסטאָכאָוו, ווו אַהין געפירט טריפהנע סחורה, און אָט דאַרף מען אין אַ פּאָר שעה פאָרן ווייטער: זיי טוען עס אָן אַ מינוט צו וואַקלען זיך, אָן אַ מינוט פון רו.

22 מאַי 1942

פרייטיק איז די גאַנצע פּאָליציי אַליאַרמירט געוואָרן. אין גאַס האָט געהערשט אַ גרויסע באַאומרואיקונג. מען האָט גערעדט וועגן דער איבערזידלונג פון אַלטע, שוואַכע און אַרבעטסלאָזע. אַנדערע האָבן גערעדט וועגן אַ כאַפּעניש צו די לאַגערן. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מען האָט געכאַפּט פּאַכלייט צו די אַרבעטסלאַגערן. גענומען האָט [מען] לויט אַדרעסן פּאַכלייט: שלאָסערס, מאַפּעציריער א. אַ. אויב מען האָט נישט געטראָפן די באַטרעפנדע פּערזאָן, האָט מען גענומען דעם פאָטער, אָדער די נאָענטסטע קרובים. די געכאַפּטע וועלן געשיקט ווערן קיין זאַמבראָוו. דאָס אומגליק איז אָבער דאָס, אַז אַ סך פון די, וואָס האָבן זיך אָנגעגעבן בעת דער רעגיסטראַציע אַלס פּאַכלייט, זיינען עס נישט אין דער אמתן, נאָר צוליב מורא צו פיגורירן אַלס אַרבעטסלאָזע האָבן זיי זיך אָנגעגעבן אַלס אַזעלכע. מען זאָגט, אַז די כאַפּעניש פון פרייטיק איז אָן אָנהייב פון אַ גרויסער אַקציע, וואָס באַצוועקט אַריינצוציען די יידן[ישע] באַפעלקערונג אין די פאַבריקן, אין וועלכע עס האָבן ביז איצט געאַרבעט פּאָלאַקן. אויב דאָס זאָל באמת רעאַליזירט ווערן, קען דאָס צייטווייליק ראַטעווען דאָס וואַרשעווער געטאָ.

יידן ווילן נישט אַרבעטן — שרייען די דייטשע צייטונגען. אַלס אילוסטראַציע ברענג איך פאָלגנדעס בילד: אויף דעם פּלאַץ זשעלאַזנע 103 פאַרזאַמלען זיך די אַרבעטער, וואָס גייען צו דער אַרבעט אויף דייטשע פּלאַצוווקעס. עס פאַרפאָרט אַ לאַסט־אויטאָ און פון אַלע זייטן רייסן זיך יידן צום אויטאָ. מען קריכט אַרויף פון אַלע זייטן. די זעלנער קענען זיך נישט געבן קיין עצה מיט דעם דראַנג פון די מענטשן. זיי שלאָגן — אָבער דאָס העלפט גאָרנישט. דער עולם רירט זיך נישט. דער עולם וויל פאַר יעדן פרייז אַרויף אויפן אויטאָ אין אַ סך אַ גרעסערער צאָל, ווי די פּלאַצוווקע קען אויפנעמען. די זעלנער שיסן אין דער לופטן — עס העלפט נישט. דער עולם טרעט נישט אָפּ. סוף־כל־סוף פאַרקערעוועט דער שאָפער דאָס אויטאָ אויף צוריק. דער עולם קערט זיך איבער און איינער ווערט שווער פאַרוווּנדעט. ערשט דעמלט קען מען שאַפן אָרדנונג. פאַרוואָס האָט מען זיך אַזוי געשטופּט צו דעם אויטאָ? די תשובה איז אַ פּשוטע: אויף דער

פלאַצוווקע האָט מען געגעבן גוטע צוויי זופּן און אַ האַלב קילאָ ברויט, דער־ריבער האָט זיך דער עולם אַזוי געריסן.

23 מאַי 1942

די געסטאַפּאָוצעס פון פּאַוויאַק מוזן יעדן טאָג האָבן קרבנות. פּונקט ווי אַ פרומער ייד פּילט זיך שלעכט ווען ער דאַוונט נישט אַ טאָג, פּונקט אַזוי מוזן זיי יעדן טאָג צעברעכן דיביינער עטלעכע געכאַפּטע יידן פון גאַס. אַזוי ווי די גאַס ווערט ליידיק, ווען דאָס אויטאָ מיט די געסטאַפּאָוצעס פאָרט דורך און אַזוי ווי דער עולם מיידט אויס די גאַסן אַרום דעם פּאַוויאַק, דעריבער האָבן זיי נעכטן פאַרהאַלטן דעם טראַמוויי, וואָס איז אַדורכגעפאָרן סמאָטשע לעבן פּאַוויע און אַרויסגעשלעפּט עטלעכע יידן.

די אָנהענגער פון מרדכי[69] האָבן נעכטן אָנהויב פון רוסיש־דייטשן [קריג] — באַשלאָסן צוריקצוציען זייערע מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דייטשע פּלאַצוווקעס, כדי נישט צו העלפן דעם שונא פון ראַטנפאַר־באַנד. אַנדערש טוען די „איינציקע פאַרשטייער״[70]. זייער קאָאָפּעראַטיוו אַגראַדאָווע 40 האָט געליפערט די בעסטע סחורה פאַר די שאָפּן. שטאַרקע פרייזן — שוואַכע מעשים, אָדער אייגנטלעך קיינע מעשים. מער נישט אין אויסלאַנד בלאָפט מען, אַז מען טוט אויף ווער ווייס וואָס.

דער ע״ש[71] גייט איבער פון „שלעכטער״ אַרבעט (אָקטאָבער 1939 ביז מאַי 1940) צו „גוטער״ און נאָך פרייטיק 18 אַפּריל צוריק צו שלעכטער. מען דאַרף ראַטעווען דאָס פאַראַנענע — דער מעטאָד: מאַכן אַ גלאָז טיי און פאַרשרייבן לאחר המעשה. דאָס „גרויסע גליק״ פון ע״ש געבליבן איז שאָטן[72].

מאַי 42. די תפיסה אויף גענשע ציילט איבער 1.300 אַרעשטאַנטן, דער־פון איבער 500 קינדער. אַ טייל איז צום דינסט פון זאַנדער־געריכט, אַן אַנדערער טייל פון אייערסוואַלדן. דאָס זאַנדערגעריכט האָט שוין אַרויסגע־טראָגן איבער 200 טויט־אורטיילן, וועלכע זיינען דערווייל נישט אויסגע־

69) מרדכי אניעלעוויטש (1919 — 1943), פירער פון „השומר הצעיר“, מיטגליד פון דער אָנפירונג פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק און קאָמענדאַנט פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע און פונעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. געפאַלן דעם 8 מאַי 1943. דאָ געמיינט דעם „השומר הצעיר“.

70) דער „בונד“ (וועלכער האָט אין דער אַמאָליקער סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שער אַרבעטער־פאַרטיי פון רוסלאַנד אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג אים צו אָנער־קענען אַלס דעם איינציקן פאַרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט).

71) ראשי תיבות פון „עונג שבת“, דעם קריפּטאָנים פון דער געזעלשאַפט פון אונטערערדישן געטאָ־אַרכיוו, וואָס אין זיין שפּיץ איז געשטאַנען רינגעלבלום.

72) געמיינט דעם אומשטאַנד, וואָס בעת די אַרעסטן פון אַפּריל—מאַי 1942 איז נישט אַריינגעפאַלן דער אַרכיוו און זיינע מיטאַרבעטער.

פירט געוואָרן, הגם די סלופּקעס צו וועלכע מען בינדט צו די פּאַראָורטייל־טע שטייען נאָך היינט אויף דעם עקזעקוציע־פּלאַץ, ווו עס קומען פאָר יעדן טאָג די שפּאַצירן פון די אַרעשטירטע. די ענגשאַפט איז דאָרט אומבאַשרייב־לעך. די תפיסה קען אַריינגעמען 300 — 500 מענטשן און איצט איז דאָרט ביי 4 מאָל אַזויפיל. די דושנעקייט אין די צעלן איז נישט צו באַשרייבן. די אינטעליגענץ ווערט געהאַלטן אין בעסערע באַדינגונגען. די שטערבלעכקייט אין דער תפיסה איז זייער אַ גרויסע. וווּנדער האָט מען באַוויזן אויפצוטאָן מיט די קינדער, וועלכע גייען אַרום האַלב נאַקעט אויף דער זון אָפּגעבריִנט, אַ גאַנצן טאָג כמעט אויף דער פרישער לופט. זיי מאַכן גימנאַסטיק, זינגען יידישע און פּוילישע לידער. מאַמעס קומען בעטן מען זאָל צוריקנעמען אין תפיסה זייערע באַפרייטע קינדער. אגב צווישן די אַרעשטאַנטן געזען אַ 9־יאָריק קינד. צווישן די אַרעשטירטע פאַראַן אויך ציגיינער, וועלכע אוערסוואַלד רופט: ציגוינער־יודען. אַ טייל פון זיי — רומענישע בירגער — זיינען באַפרייט געוואָרן. די ציגיינערקעס זיינען אין אַ באַזונדערע צעלע. די ציגיינער זיצן צוזאַמען מיט יידן. אין דער צעלע פאַר פאַרמשפּטע צום טויט האָט אונדז באַגעגנט אַ היסטעריש געוויין. זיי בעטן בעסער עסן, כדי זייערע נערוון זאָלן קענען אויסהאַלטן. עס ווערן צוגעגרייט וואַרשטאַטן, שניידעריי, בערשטעריי א. א. אין וועלכע עס וועלן זיין באַשעפטיקט עט־לעכע הונדערט פּערזאָן. דאָס וועט אפשר ראַטעווען די צום טויט פאַרמש־פּטע. אַן אויסלענדישע דעלעגאַציע — וואָס האָט באַזוכט די תפיסה האָט נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי מען קען דערשיסן מענטשן פאַר אַריבערגיין אויף דער אַרישער זייט. דאָס איז אויסגעשלאָסן, האָבן זיי דערקלערט. די מענטשן האָבן געמוזט באַגיין פאַרברעכן אויף יענער זייט. די ריינקייט אין דער תפיסה איז אַן אידעאַלע. פאַראַן דאָרט אַ ספּעציעלע באַדאַנשטאַלט, אין וועלכע יעדער אַרעשטאַנט ווערט 2 מאָל אַ וואָך געבאָדן און די זאַכן דיזענפעציִרט. דער רוב אַרעשטאַנטן איז בעטלער — קינדער, וואָס [זיינען] אַריבער אויף יענער זייט, אויסער דעם, שמוגלער. דאָס זיינען די הויפּט־פאַרברעכער פון די תושבים. דער מיט ציגל באַדעקטער פּלאַץ איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ בליענדן גאָרטן, וואָס די פּירות וועלן אַריינברענגען איבער 200.000 זל. דער גאָרטן ווערט באַאַרבעט דורך גערטנער־אַרעש־טאַנטן.

25 מאַי 1942

די היינטיקע נאַכט וועט בלייבן אין געדעכעניש פון די וואַרש[עווער] יידן, די נאַכט איז אויסגערייניקט געוואָרן דאָס ווילדגראָז פון דער געטאָ. די הויפּטרעדלפירער פון דעם 13־טל: לעווין, מאַנדעל, שימאָוויטש (גאַנצ־וויכס [אַ קרוב) און הורוויטש. דעם ראש האַבאַנדע גאַנצוויכן האָט מען אין דער היים נישט געטראָפן. אויך שטערנפעלד[ן] האָט זיך איינגעגעבן אַנט־רונען צו ווערן. דאָס זעלבע, זאָגט מען, איז געשען מיט אַנדערע מצורעים.

די סיבות פון ליקווידירן דאָס 13־טל זיינען פאַרשיידענע. עס גייט אַוועק דער טייל פון געסטאַפּאָ, וואָס האָט מיטגעאַרבעט מיט גאַנצוויכן, וויל זי נישט איבערלאָזן זייערע יידישע שותפים מיט וועלכע מען האָט צוזאַמען קאָמבינירט. אַנדערע מיינען, אַז די „טשיסטקע" האָט אָנגעפירט די דייטשע שותפים, האָט מען זיך גענומען אויך צו יידן. אַנדערע ווידער דערציילן, אַז מען האָט איינגעזעצט עמעצן פון 13־טל, שיט ער אַלץ נייע מענטשן. ער' דעקט אויף אַלע זייערע מעשים תעתועים, צווישן אַנדערע — די שאַנ־טאַזשן מיט געפונענע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן וכדומה. עס זיינען אויך דאָ שטי־מען, אַז מען האָט זיי פאַרגעלייגט פּאָליטישן שאַנטאַזש און זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט. נאַטירלעך, אַז דאָס איז אַן אומזין. בדרך כלל איז דאָס אַ המשך פון דער אַלגעמיינער אַקציע אָפּצורוימען די אומגעוווּנטשענע געסטאַפּאָוו־צעס — אַן אַקציע, וועלכע דויערט שוין עטלעכע חדשים און האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַנדערסן, מילעקן א. א. צווישן אַנדערן פאַרציילט, אַז מיט עטלעכע וואָכן האָט שימאַוויטש געמאַכט אַ סעודה מיט דער באַטייליקונג פון געסטאַפּאָ־אָפיצירן, וועלכע האָט געקאָסט איבער 25.000 זל. און דאָס זאָל' האָבן איבערגעפולט דעם בעכער.

די ייד[ישע] גענגסטער־פּאָליציי נוצט אויס יעדע סיטואַציע צו מאַכן געלט. לעצטנס זיינען זיי געפאַלן אויף אַ נייעם שווינדל. אַזוי ווי מען דרייט איצט דעם פילם, גייט מען צו רעסטאָראַטאָרן און פאַרלאַנגט, למשל, עסן אויף דעם באַל, וועלכער ווערט פילמירט, אין אַ סך גרעסערער צאָל ווי עס איז אין דער אמת[ן] נויטיק. לעצטנס זיינען זיי געקומען אין אַ דירה לעש 27 און דערקלערט, אַז אַזוי ווי מען גייט פילמירן דאַרפן זיי גלייך פאַרלאָזן די דירה, מער נישט פאַרן פרייז פון 50 גילדן זיינען זיי גרייט צו באַפרייען דערפון די דירה. בינו לבינו האָבן זיי צוגענומען אַ גאָלדן זייגערל, וואָס איז געלעגן אויפן טיש.

אויפן בית־עולם קומען אַלץ דייטשע עקסקורסיעס. הגם עס איז דאָרט דאָ אַ ריזיקער אויפשריפט, אַז דייטשן טאָרן נישט באַזוכן דעם בית־עולם. די סיבע איז אַ פאַרשטענדלעכע: די באַרימטע שאַכטע מיט מתים פון הונגער איז אַ שוידערלעכער אָנקלאַג־אַקט קעגן די דייטשן און זייער אויסהונגע־רונג פון דער ייד[ישער] באַפעלקערונג. נישט איין מאָל האָט מען געהערט פון דייטשן ווערטער פון עמפּערונג קעגן דעם: „דאָס איז דייטשע קולטור". לעצטנס האָט איינער זיך אָנגערופן צום צווייטן, ווייזנדיק אים די שאַכטע: „מיט די פירן מיר מלחמה".

מאַי 42.

אין געטאָ גנבעט מען אַלץ, אַפילו טעלעפאָנען. די מאָנטערן מאַכן פאָלגנדע קאָמבינאַציע: פאַר געלט שטעלט מען אַריין אין געוועלבער אַ טעלעפאָן, ווען נומער מען האָט צוגעגנבעט ביי אַן אַנדערן. דאָס איז למשל געשען אין הויף לעשנאָ 18 בא ד״ר מעש האָט דער טעלעפאָן

אויפגעהערט צו קלינגען. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם נימער טעלעפאָן האָט באַזיצט אַ געוועלבער אויף דער זעלבער גאַס.

26 מאַי 1942

הייַנט האָבן זיך די געסטאַפּאָ־לייט אויסגעפונען אַ נייַע פאַרווייַלונג. מען שלעפּט צונויף די ייִדישע מוזיקער פון אַלע קאַפעהייַזער, געווירטנ־דלער א. א. אין פּאַוויאַק און דאָרט מוזן זיי אַ גאַנצע נאַכט ווייַלן די חבֿרה מיט מוזיק. דאָס האָבן זיי געטון נעכטן אין אָוונט, דאָס האָבן זיי געטון אויך הייַנטיקן אָוונט. עס איז דאָ אַ סבֿרה, אַז דאָס דערשיסן די לייט פון 13־טל איז געווען אַ רעזולטאַט הערפון,וואָס זיי ברענגען אַרייַן גרעסערע סכומים פּראָדוקטן אין געטאָ.

ביי די וואַכן האָט מען באַשטימט אויסער די זשאַנדאַרמען ציוויל געקליידעטע קאָנטראָלערן פון דער טראַנספּערשטעלע, וועלכע דאַרפן היטן די זשאַנדאַרמען. עס העלפט אָבער גאָרנישט. אויך מיט זיי גיט מען זיך אַן עצה. מען קויפט זיי אונטער. אַזוי אַרום דאַרף אַ שמוגלער איבערקויפן דעם פירלינג: פּוילישע, ייִד[ישע] און דייטשע פּאָליצייַ און אויסערדעם די ציווילע אַגענטן. שוין נאַפּאָלעאָן האָט זיך נישט געקענט געבן קיין עצה מיטן שמוגל. אויך דער מאָדערנער דיקטאַטאָר וועט עס נישט באַוויַזן. די הוצאות ביים שמוגלען זייַנען גאַנץ גרויסע. געהערט וועגן אַ שותּפֿות פון 4 שמוגלער, וועלכע האָבן אין משך פון אַ וואָך פאַרדינט 35.000 זל. אָבער אויסגעגעבן 19 טויזנט זל. דער רעשט איז זייער פאַרדינסט. זיי האָבן אָבער כלערליי נישט פאַראויסגעזעענע הוצאות. למשל, ווען אַ וואָגן ווערט „פאַרבערענט” און דער שאָפער גייט אין תּפֿיסה האַלטן די שמוגלער אויס די פאַמיליע, שיקן אים פּעקלעך, זאָרגן אים אַרויסצוקויפן, צאָלן דעם אַדוואָקאַט וכדומה. אויסער דעם ווערט הורך די שמוגלער אויסגעהאַלטן די פאַמיליע פון די געהרגעטע. בכלל האָבן די שמוגלער אַ לייכטע האַנט. דאָס געלט קומט לייכט אָן און גייט לייכט אַוועק. די שמחות פון די שמוגלער זייַנען באַרימט אין געטאָ. אויף זיי ווערט אַסך מאכלים דערלאַנגט. די שמוגלער האָבן שטענדיק ליב געהאַט אַ לעבן צו טאָן. סיידווי איז מען נישט זיכער מיטן מאָרגן, (אַ קויל, אַ מסירה, אַרעסט) טאָ זאָל מען כאָטש אַ גוטן לעבן טאָן. דאָס איז איבערריקנס אַן אַלגעמייַנער שטריך פון די אַלע מלחמה געוויננערס: אַז מען גיט לייכט אויס גרויסע געלט־סומען פאַרשטייט זיך פאַרן פרעס און אַמאָל אויך פאַר אָרעמע פאַמיליע־מיטגלידער. די שמוגלער זייַנען לויט זייער אָפּשטאַמונג מענטשן פון נידעריקסטן סאָרט: פּאַסערס, גנבֿים, טרעגערס, אַלפאָנסן בכלל אונטערוועלט־מענטשן.

אויף די שמחות קומען אָפט פּוילישע און דייטשע געסט, מענטשן מיט וועלכע מען אַרבעט צוזאַמען.

אינטערעסאַנט, אַז די וועגן, וואָס קומען אָן אין געטאָ זייַנען אַסי־קורירט אין א ספּעציעלער יידישער געזעלשאַפט קועגן „פאַרברענען״. ביז נאַלעווקי 10 ד. ה. האַרט ביי דער וואַך איז איך פרייַז, וויטער קאָסט שוין די פאַרזיכערונג מער. מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז אין געטאָ גופא קאָמאַנדעווען די א. ג. „יונאַקעס״ ד. ה. פאָלקס־דויטשן מונדירטע, וואָס שטייען אין דינסט פון קאָמיסאַר [72א]. זיי יאָגן זיך נאָך וועגן מיט שמוגל, און נעמען זיי צו, אויב עס פאַלט זיי אַריין אין די הענט א וואָגן. די געשמוגלטע סחורה האָט פירסט [72ב]. פון דער קהלה (א טיפּ פון א גרויסן קאָמבינאַטאָר דער לייטער פון דער ווירטשאַפטס־אָפּטיילונג אין דער קהלה) אַרויסבאַקומען פאַר דעם קאָאָפּעראַטיוו פון קהלה־אָנגעשטעלטע.

אַרום די הילכער, וואָס אין געטאָ (ראָג מילע און זאַמענהאָף, ראָג געשע און זאַמענהאָף, ראָג נאַלעווקעס און נאָוואָליפּקי) זאַמלט זיך יעדן טאָג א גרויסער עולם. אין פאָלקס־לשון האָט דער הילכער פאַרשיידענע נעמען דער בילדער, דער גרעגער, דער קאַפּעלוש.

די סאָציאַלע הילף לייזט נישט די פראַגע, זי האַלט אויף מענטשן א קורצע צייט. די מענטשן מוזן סיווי שטאַרבן. זי פאַרלענגערט די ליידן ברענגט נישט קיין גאולה, ווייל אויב זי וואָלט געדאַרפט אויפטאָן עפּעס וואָלט זי געדאַרפט דיספּאָנירן מיט מיליאָנען זל. א חודש און זי האָט עס נישט. עס בלייבט אַ פּעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז די קאָנסומענטן פון די קיכן שטאַרבן אַלע אויס, אויב זיי עסן בלויז די קיך־זופּע און דאָס טרוקענע באָנע־ברויט. עס שטעלט זיך דעריבער אַ פראַגע צי וואָלט נישט צוועקמעסיקער געווען צו באַשטימען דעם סכום פאַר אויסדערווײלטע. פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן אקטיוו, פאַר דער גייסטיקער עליטע וכדומה, איז אָבער די לאַגע אַזעלכע, אַז ערשטנס זייַנען די אויסדערוויילטע אַ גאַנץ באַדייטנדע גרופּע און אפילו פאַר זיי וואָלט נישט געקלעקט, צווייטנס, שטעלט זיך די פראַגע פאַרוואָס זאָל מען פאַרמשפּטן בעל־מלאכעס, אַרבעטער און ווערטפולע מענטשן, וועלכע זייַנען ביי זיך אין די שטעטלעך פּראָדוקטיווע מענטשן און בלויז דאָס געטאָ און די מלחמה האָט זיי געמאַכט פאַר נישט מענטשן, פאַר שמעלץ, פאַר אָפּפאַל, פאַר קאַנדידאַטן פון מאַסן־קברים. בלייבט טאַקע א טראַגישע פראַגע: וואָס טאָן: [געבן] אַלעמען צו לעפעלעך וועט קיינער נישט איבערלעבן אָדער מיט פולע הענט קלעקט קוים פאַר א הייפל.

[72א] „יונאַקעס האָט מען גערופן די יונגטלעכע — נישט־יידן — וועלכע מ׳האָט צוגעגרייט צו דער א. ג. „באַודינסט״, וואָס איז אַנטשטאַנען לויט דער פאַראָרדענונג פון גענעראַל־גובערנאַטאָר פון 1־טן דעצעמבער 1940.. „יונאַקעס״ האָט מען אויך גערופן דייטשע פאָרמאַציע — זאָנדער־דינסט מענער. ס׳רוב באַשטאַנען פון פאָלקס־דויטשן.

[72ב] ישראל פירסט, איז דערנאָך דערשאָסן געוואָרן דורך דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

דערצו קומט נאך צו א נייער מאמענט. דער קאמיסאר פון יידישן וווינפערטל אויערסוואלד מישט זיך לעצטנס גאר שטארק אין די אינערלעכע ענינים פון געטא. ער באטראכט די פליטים פאר פארוועלקטע בלעטער, וועלכע מוזן אפפאלן און האלט, אז מען דארף זיי נישט באשפייזן, ער האלט בכלל, אז סאציאלע הילף קומט נאר די ארבעטנדיקע. ער פארקלענערט כסדר די צאל פראדוקטן פאר דער סאצ[יאלער] הילף און איז גורם, אז מען גיט לעצטנס ארויס זופן נאר 3 מאל אין וואך, דער ביי האט מען דעם פרייז פון א מיטאג געמוזט הייבן פון 70 אויף 90 גראשן.

עס איז פאראן נאך א צד, וואס איז קעגן דער סאצ[יאלער] הילף פאר דערוואקסענע. דאס איז דער פרעזעס פון אמאליקן סוחרים־פאראיין אברהם געפנער. איצט איז ער דער פאראנטווארטלעכער פאר דער אפראוויזאציע און אלס אזעלכער האט ער ריזיקע מעגלעכקייטן פון דיספאנירן מיט באדייטנדע געלט־סומעס. געפנער איז א פיינער מענטש, אבער א קאפריזנער, אגעזעלשאפטלעכער. ער איז א דיקטאטארישע נאטור, וואס ליידט נישט קיין שום ווידערשטאנד לגבי זיין פערזאן, לגבי זיין מיינונג. א באזונדער קאפיטל איז די סקאנדאליעזע, טרויעריקע בארימטע פאליטיק פון ז. ז. (זאקלאד זאפאטריוויניא)[72ג]. דאס איז א קאפיטל פאר זיך און דוקא א גאנץ טרויעריגס. געפנער, וואס איז געבליבן אן די קינדער (זיי זענען אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל) גיסט אויס זיין פאטערלעך געפיל אויף קינדער בכלל. ער איז געווארן דער גרויסער קינדער־פריינט פון געטא אבער נישט פון אלע קינדער, נור פון די קינדער, וועלכע האבן געהאט די זכיה אנצוקומען אין די פאטראנאטן איבער וועלכע ער האט איבערגענומען דעם פאטראנאט. פאר די קינדער איז דא ממש לוקסוס, אנדערע מעגן אויסגיין. די קינדער ווערן באזארגט מיט באקליידונג, שיך, לוקסוס־לאקאלן, דאקעגן די פליטים־קינדער אין די פונקטן האבן נישט די עלעמענטארע זאכן. זיי גייען אויס פון שמוץ און הונגער. אונדזערע קינדער [illegible] „לעבן" — דאס איז א לאזונג פון געפנערן, אבער אונדזערע קינדער ד.ה. די קינדער פון זיינע אינטערנאטן. געפנער איז איינזייטיק און די אלע מיטלען וועלכע עס האט דער ז. ז., שטעלט ער צו דער דיספאזיציע פון קינדער, מעגן די עלטערן אויסשטארבן. מע פעלן געלט אויף די זופן — אלץ דארף גיין פאר די קינדער. ער פארגעסט, אין אינטערעס פון די קינדער דארף מען אין דער ערשטער ריי זארגן דערפאר, אז די עלטערן זאלן בלייבן לעבן, ווייל די ערגסטע עלטערן זיינען בעסער ווי דער בעסטער אינטערנאט. די קינדער דארפן אן ספק האבן פארצוג אין דער סאצ.[יאלער] הילף, אבער מען קאן נישט און מען טאר נישט דערפירן צו אזא קאריקאטור ווי עס שאפט זיך איצט אין געטא, ווייל די געפנערסאטעליטן, די וואס מאכן גרויסע געלטער מיט דער הילף פון די ברייטע

72ג. פארזארגונגס־אנשטאלט ביים יודענראט.

מאַסן, זיי קויפֿן זיך איין לאַסקעס ביי געפֿנערן אַ דאַנק טאַקע אַ פּאָר טויזנטער, וועלכע מען גיט אַוועק און נאָר אויף איינטערנאַטן. עס איז פֿאַרשטענדליך, ווען אַלץ גייט נאָכן קאַפּריז פֿון אַן אַלטן הער, קען נישט זיין קיין נאָרמאַלע סאַץ. [יאַלע] הילף. אַלס אילוסטראַציע פֿון דער איינזייטיקייט און קאַפּריזניקייט פֿון געפֿנערן וועל איך ברענגען א צווייטן ביישפּיל. געפֿנער דער אידעלער און פֿיינער מענטש, וואָס אימפּאָנירט נישט איינעם מיט זיין בירגערלעכן מוט, מיט זיין שטאָלצער האַלטונג, איז אָבער אין פֿראַגן פֿון שטייער־פּאָליטיק א טיפּישער פֿאָרשטייער פֿון דער גרויס־בורזשואַזיע, צו וועלכער ער האָט אַמאָל געהערט. ער האַלט, אַז שטייערן דאַרפֿן צאָלן אַלע גלייך, דעריבער לייגט ער אַרויף שטייערן אויף ברויט־קאַרטן, ברויט, צוקער, האָניג. ער איז אָבער א קאַטעגאָרישער קעגנער מען זאָל [נעמען מיט] געוואַלט גרעסערע נתינות פֿון די זעלבע פֿאַבריקאַנטן און סוחרים, וואָס מאַכן איצט גאָלדענע געשעפֿטן, בעסערע נאָך ווי פֿאַר דער מלחמה. אָנווענדן סאַנקציעס קעגן אַזעלכע מענטשן, וואָס ווילן נישט צאָלן אַזעלכע שטייערן, אַרויסנעמען זיי פֿון בעט ביינאַכט און שלעפּן צו אַרבעט אין די פּונקטן, דאָס איז ביי אים באַגרענעצונג פֿון פּערזענלעכער פֿרייהייט, דאָס זענען ראַבעספּיערן, וואָס ווענדן אָן טעראָר. אַזאַ באַציונג פֿון די קהלה גדולים צו דער פֿראַגע פֿון באַשטייערן די רייכע איז איינע פֿון די טרויעריקסטע בלעטלעך אין דער געשיכטע פֿון וואַרשעווער געטאָ.

די היגע ל״ג־בעומר פֿייערונגען פֿון קינדער זיינען אויסגעפֿאַלן זייער אימפּאָזאַנט. מען האָט איינגעאָרדנט גרויסע קינדער פֿאַרשטעלונגען אין דעם גרעסטן לאָקאַל „פֿעמינאַ”. קינדער פֿון אַלע טיפּן שולן האָבן געגעבן פֿאָרשטעלונגען. מען האָט קינדער געטיילט צוקערלעך. אין די גאַסן האָט מען כסדר געזען גרויסע רייען פֿון שול־קינדער גייען אין „פֿעמינא”.

דער „טאָפּאָראָל„ האָט איינגעפֿירט אַ גוטן מנהג. ער האָט יעדן פּינאַנ־דערגעטיילט דעם פּאַראַנענעם פֿרייען שטח צווישן איינצעלנע פּערזאָנען, וועלכע האָבן באַקומען דזשאַלקעס.

דעם 12 מאַי איז פֿאָרגעקומען אויפֿן קערצעלאַק און די אַרומיקע מאַרק־פּלעצער אַ גרויסע לאַפּאַנקע אויף פּאָליאַקן. מען האָט צוגענומען אַסך מאַנופֿאַקטור, לעדער און טויזנטער פּאָליאַקן געכאַפּט צ אַרבעט. די יידן האָבן דערביי אָנגעוווירן זייער אַסך געלט, ווייל דער רוב סחורה איז באַשטאַנען פֿון זאַכן, וועלכע די יידן האָבן געגעבן קריסטן אין קאָמיס צו פֿאַרקויפֿן אויף יענער זייט.

מאַי 1942

די בעטלער, וואָס פֿאַרפּלייצן איצט די גאַסן, זיינען אַנדערע ווי פֿאַראַיאָרן. די פּראָווינצער בעטלער זיינען דער רוב אויסגעשטאָרבן. די פּריש

צוגעקומענע זיינען בעסערע מענטשן, וואָס זייער אָפּשטאַמונג ליגט זיי אויפן פּנים און הולך: זיי רעדן אַ גוטן, טיילמאָל פּרעכטיקן פּויליש:

Drodzy państwo — jeszcze dziś nie jadłem.[73]

טיילמאָל זיינען דאָס געוועזענע תּלמידים פון יודאַיסטישן אינסטיטוט, וואָס בעטן הילף אין העברעיִש. אַ טייל בעטלער זיינען גוט געקליידעט און ווען זיי וואָלטן נישט אויסגעשטרעקט שטיל די האַנט, אָבער אויך שטילערהייט געזאָגט, אַז זיי דאַרפֿן אַ נדבֿה, וואָלט איך קיינמאָל אין לעבן נישט איינ־געפֿאַלן, אַז דאָס זיינען בעטלער. אויף קאַרמעליצקע לעבן דער וואַכט פֿון עוואַנגעלישן שפּיטאָל שטייט אַ בעטלער ריין געקליידעט מיט אַ שיין קינד, ריין געהאַלטן, גוט געוואַשן, וואָס שטרעקט נישט אויס די האַנט, נאָר מיט די אויגן בעט ער הילף. צווישן די בעטלער בילדן די קינדער, נישט גע־קוקט אויף די אַלע אינסטיטוציעס פֿון צענטאָס, די מערהייט. זיי מאַכן אין די גאַסן גאַנצע כאָרן, וואָס ציִען דעם עולם מיט זייער געזאַנג. בכלל זעט מען אָפּט גאַנצע גרופּן מוזיקאַנטן, וואָס גיבן אין גאַס אמתדיקע קאָנ־צערטן, וואָס ציִען גאַנצע מחנות מענטשן, וועלכע הערן זיך צו גערן צום שפּילן.

דאָס, פֿאַר וועלכן מען האָט אַזוי מורא געהאַט אין ווינטער, אַז אין פֿרילינג זאָל מען נישט קענען אַדורכגיין דורך די גאַסן צוליב דעם שמוץ, האָבן מיר מיט גליק אויסגעמיטן. מען האָט זיך ענערגיש גענומען צו די הויזוועכטערס און עס איז געוואָרן ריין אויף די גאַסן, אין די הייף — אויף די טרעפּ און אַפֿילו אין די דירות. מערניסט, דער עולם האָט נישט קיין נאָזטיכלעך, אָדער ווייזט אויס, אַז דאָס וואַשן קאָסט אַלץ טייערער, ווייל אַלץ אָפּטער זעט מען מענטשן אַפֿילו א. ג. קולטורעלע, וואָס שנייצן די נאָז אינמיטן גאַס און דערנאָך פֿאַרריכטן זיי עס מיט אַ טיכעלע. זעט מען טאַקע אומעטום אויף די טרעפּ, אין די הייף און אין די גאַס די שפּורן פֿון דעם שנייצן.

30 מאַי 1942

די לעצטע וואָך איז געווען אַ בלוטיקע וואָך אין דער געשיכטע פֿון געטאָ. עס זיינען כּמעט יעדן טאָג געווען אַ סך קרבנות צווישן די שמוגלער, באַזונדערס אין דער געגנט פֿון קליינעם געטאָ, ווו עס האָט [געהאַלטן וואַך] ביינאַכט אַ זשאַנדאַר, וועלכער איז געקרוינט געוואָרן מיטן צונאָמען פֿראַנקענשטיין. דעם צונאָמען האָט ער באַקומען אַדאַנק זיין ענלעכקייט מיט דעם מאַלפּע־פּנים פֿון פֿראַנקענשטיין פֿון פֿילם. ער איז דער בלוטי־

73) פּויליש: טייערע הערשאַפֿטן, איך האָב הייַנט נאָך נישט געגעסן.

קער הונט, וואָס הרגעט יעדן טאָג אַ פּאָר שמוגלער. ער קען נישט עסן דעם פרישטיק אָן בלוט־פאַרגיסונג פון יידן.

די נאַכט פון פרייטיק אויף שבת זענען ווידער דערהרגעט געוואָרן לויט דעם נוסח פון פרייטיק דעם 18־טן אַפּריל 19, אַנדערע זאָגן 8 מענטשן. צווישן די דערהרגעטע געפינט זיך איינער ווילנער (מילנא 11), וועלכער איז געלעגן אַ קראַנקער אין בעט. ער האָט זיך אויפן באַפעל פון די תליגים קוים געקאָנט אויפהייבן פון בעט. און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, נישט קענענדיק זיך ווייטער רירן. האָבן זיי אים צוזאַמען מיט דער שטול אַרויסגעוואָרפן פון צווייטן שטאָק און דערביי אים נאָכגעשאָסן. מען האָט אין דער זעלבער דירה דערשאָסן 3 אַנדערע מאַנסבילן: זיינעם אַ שוואָגער רודניצקי, זיינעם אַ זון און נאָך איינעם. די סיבה אומבאַקאַנט. אויסער דעם האָט מען דערשאָסן 3 פון פּאָגאָטאָוויע לעקאַרסקע פון 13־טל — דאָס זאָל אַלזאָ זיין דער המשך פון דער רייניקונגס־אַקציע פון 13־טל. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען אַלע יידן דורך דער פאַרמיטלונג פון די הויזקאָמיטעטן מודיע געווען, אַז גאַנצוויך, שטערנפעלד, ביידע ברידער זאַכאַריאַש ווערן געזוכט דורך דער זיכערהייטס־פּאָליציי. ווער עס וועט זיי אויסבאַהאַלטן וועט ער צוזאַמען מיט אַלע איינוווינער פון הויז זיין דערפאַר פאַראַנטוואָרטלעך. צווישן די דערשאָסענע פון נעכטן פרייטיק דעם 29 מאַי געפינט זיך אויך די טרויעריק באַרימטע פרוי יודטאָווא, וואָס פאַרדאַנקט איר קאַריערע אַ נאָענטער באַקאַנטשאַפט מיט אַ דייטשן אָפיציר (זי זאָל פון אים האָבן אַ זון), וועלכער איז היינט אַ גאַנצע שישקע אין וואַרשע. איר אַמאָליקן געליבטן פאַרדאַנקט זי אַ גאַנצע ריי קאָנצעסיעס אויף יידישע טעאַטערס, וווּ זי איז אַ מיטשותּף. זי האָט אויך אַ קאָנצעסיע אויף אַ בעקעריי. אויסער דעם איז זי געווען אַ מאַכערין אין קהלה־אינסטיטוציעס, וווּ זי פלעגט מיטן שם־המפורש פון „איר" דייטש אַלץ פועלן. איר געמיינקייט און חוצפּה איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז ביי אַלע אירע גרויסע פאַרדינסטן האָט זי זיך נאָך געלאַשטשעט אויף אַ פּאָר הונדערט גילדן אַ חודש פון דער סאָציאַלער הילף. אין דער קהלה, וואָס זענען באַשטימט פאַר די אָרעמסטע. לעצטנס איז אַרויס אַ צירקולאַר פון טשערניאַקאָוון, אַז מען טאָר זי נישט אויפנעמען אין קיין שום קהלה־אינסטיטוציע. איצט איז געקומען אַ סוף צום לעבן פון דער דאָזיקער מנובלדיקער שאַנטאַזשיסטקע, אַפעריסטקע און מאַכערקע.

נעכטן פרייטיק דעם 29 מאַי איז געווען אַ גרויסע לאַפּאַנקע אין גאַס צו אַרבעטס־לאַגערן, אייגנטלעך צו דער אַרבעט אין דער אָרגאַניזאַציע „טאָדט" [74] קיין באָברויסק. די וואַגאָנען באַשטימט פאַר די אַרבעטער שטאַ־

---

74) ד"ר אינזש. פריץ טאָדט (1891—1942) — דער הויפּט־בויער פון דער זיגפריד־ליניע, זינט 1940 באַוואָפענונגס־מיניסטער פון דריטן רייך, אָרגאַניזאַטאָר פון צוואַנגס־אַרבעט (בויונג פון וועגן, בריקן, פאָרטיפיקאַציעס) אין די אָקופּירטע לענדער פון אים נעמט זיך דער נאָמען: טאָדט־אָרגאַניזאַציאָן.

מען פון דאָרט. געגאַנגען איז, פאַרשטייט זיך, די אָרעמקייט, וועלכע האָט זיך נישט געקענט אויסקויפן פון די הענט פון די ייד[ישע] פּאָליציאַנטן. דער פּרייז פון באַפרייען אויפן [ג]אַס איז געווען 10 — 15 זל. אין ראַיאָן האָט שוין געקאָסט 100 זל. אין צענטראַלן זאַמלפּונקט 500 זל. געגאַנגען איז ווי תמיד די יידישע אָרעמקייט, וועלכע האָט נישט קיין געלט זיך אויסצוקויפן. אויפן גאַס האָט זיך געטאָן חושך. פאַרן זאַמל־פּונקט אויף זאַמענהאָף 19 זײַנען געשטאַנען טויזנטער מענטשן — וואָס האָבן געוואָלט דערלאַנגען אַ פּעקל פאַר די געכאַפּטע. אויפן אָרט האָט אַמטירט אַ מעדיצינישע קאָמיסיע, וועלכע האָט די געכאַפּטע גלייך איבערזוכט און אויפן אָרט גענומען צו דער אַרבעט.

מאַי 1942

די דייטשע יידן וואָס זײַנען געבראַכט געוואָרן אַהער פון האַנאָווער, בערלין א. א. האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פאַרשיידענע וויצן, צווישן אַנדערן טייטשן זיי אויס דאָס וואָרט יודע וואָס זיי טראָגן פון פראַנט פאָלגנד: איטאַליעס און דייטשלאַנדס ענדע. נישט געקוקט אויף דעם אַלעם וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט אין דייטשלאַנד רעדן זיי אַלץ וועגן „אונדזער פירער" און גלויבן אַלץ אין זיג. אָפּגערעדט דערפון, אַז זיי זײַנען זיכער, אַז זיי וועלן זיך אומקערן צוריק קיין דייטשלאַנד. נישט געקוקט דערויף, וואָס עס איז שוין אַוועק אַ לענגערע צייט וואָס זיי זײַנען געקומען קיין וואַרשע (שוין איבער אַ חודש) ווערן זיי געהאַלטן אָפּגעזונדערט. זיי וווינען נאָך אַלץ אויסערן געטאָ אין ספּעציעלע קאַראַנטין־הייזער. אַ 300 מענטשן אַרבעטן אויף פאַרשיידענע פּלאַצוווקעס זיי מוזן טראָגן די אָפּצייכנונג „יודע" אַפילו ווען זיי האָבן אַ דערלויבעניש צו וווינען אין געטאָ. (די וואָס האָבן קרובים, וועלכע האָבן איבערגענומען די אחריות אויסצוהאַלטן זייערע קרובים). די ערשטע זאַך וועלכע זיי האָבן באַרירט איז די פראַגע פון אַרבעט: זיי אַלע זײַנען אין דייטשלאַנד געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשיידענע אַרבעטן. די אַלטע קענען זיך נישט צוגעוווינען צו די נייע באַדינגונגען, זיי שטאַרבן דעריבער שטאַרק אויס. זיי ווערן אַ סך בעסער באַהאַנדלט ווי די אַנדערע פּליטים. עס איז פּשוט נישט קיין פאַרגלייך צווישן דעם ווי די קהלה באַהאַנדלט די פּוילישע פּליטים מיט דעם ווי מען באַציט זיך צו די דייטשע יידן. זיי באַקומען אַ פערטל קילאָ ברויט, זופּן, קאַווע. אמת, אַז דאָס איז אַ סך ערגער ווי אין דייטשלאַנד אָבער אין פאַרגלייך מיט די באַדינגונגען אין געטאָ איז דאָס אַ גן־עדן.

די דעמאָראַליזאַציע אין געטאָ פאַרשפּרייט זיך זייער שטאַרק. אין דער זעלבער צייט ווען די אָרעמע ווערן אַלץ אָרעמער און גייען אַרום געקליידט אין שמאַטעס מערקט זיך, אַז מיידלעך גייען אָנגעטאָן אַלץ עלעגאַנטער פונקט ווי אַ מלחמה וואָלט בכלל נישט געווען אויף דער וועלט. עס האָבן

געטראָפֿן אַ סך פֿאַלן, אַז מיידלעך באַגנבֿענען זייערע עלטערן, טראָגן אַרויס זאַכן פֿון דער היים, פֿאַרקויפֿן זיי און גיבן עס אויס אויף פּוץ, אויף אָנדו־לאַציע פֿון האָר מיט איין וואָרט אויף לוקסוס.

אַרויס אין אַפּריל צי מערץ אַ פֿאַראָרדענונג, אַז יידן טאָרן נישט באַ־נוצן מאַרקעס מיט ה.[יטלערס] פּאָרטרעט. אַפּנים מען האָט מורא, יידן זאָלן נישט געבן קיין גוטן אויג.

יאָנאַס טורקאָוו [75] האָט אין היי־יאָריקן סעזאָן געשפּילט טעאַטער אויף פּויליש מאַטורע [76]. די סיבה: קיין גוט טעאַטער אין יידיש איז נישט פֿאַראַן. צווייטנס איז עס אַ באַווייז פֿון שטאַרקער אַסימילאַציע, וועלכע מערקט זיך אין געטאָ. דער עולם רעדט געשמאַק פּויליש. יידיש הערט מען זייער ווייניק אויף די גאַסן. וועגן דער פֿראַגע זיינען געפֿירט געוואָרן זייער הייסע דיסקוסיעס. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן עס דערקלערט דער־מיט, אַז דאָס פּויליש רעדן דערקלערט זיך פּסיכאָלאָגיש מיט אַ פּראָטעסט קעגן דעם געטאָ — מען וואַרפֿט אונדז אַריין אין אַ יידיש געטאָ און מיר וועלן אייך ווייזן, אַז [ס'איז] אַ פּוילישע גאַס. דווקא דאָס, פֿון וואָס איר ווילט אונדז אָפּטיילן, די פּוילישע שפּראַך און קולטור, וועלן מיר אייך אויף צו להכעיס באַנוצן. איך מיין אָבער, אַז דאָס איז אַ באַווייז פֿון אַ שטאַרקער שפּראַך־אַסימילאַציע, וואָס איז געווען קענטיק נאָך פֿאַר דער מלחמה און איצט איז עס געוואָרן נאָך בולטער אין די פּוילישע גאַסן. כל זמן די גאַסן זיינען געמישטע האָט זיך עס אַזוי נישט געוואָרפֿן אין די אויגן, היינט אָבער ווען די גאַסן זיינען יידישע, זעט מען ווי גרויס עס איז דער בראָך. עס ווייזט זיך אויס, אַז אין דער טעריטאָריעלער קאָנצענטראַציע זיינען מיר פֿאַרמישפּט צו פֿולשטענדיקער אַסימאַלאַציע, סיידן די רעוואָלוציע זאָל פֿאַר אונדז עפֿענען נייע פּערספּעקטיוון פֿון נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. די מלחמה איז אָבער אַ קנאַפּע, ווייל די באַריכטן, וועלכע מיר האָבן געהערט פֿון דאָרטן, האָבן עדות געזאָגט, אַז דאָרט איז די אַסימילאַציע אַ פֿולשטענ־דיקע, אַז די יידישע שולן אין קיעוו, מינסק א. א. יידישע שטעט זיינען פֿאַרמאַכט געוואָרן און אַז דער איינציקער לעצטער אָנשפּאָר פֿון יידישקייט איז דאָרט דער טעאַטער. קיין יידישע וויסנשאַפֿט איז דאָרט לחלוטין נישט פֿאַראַן.

10 יוני 1942

קאָלעקטיווע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט איז דער פּרינציפּ, וואָס ווערט דורכן אָקופּאַנט אָנגעווענדעט אויף שריט און טריט. דעם דאָזיקן פּרינ־

75) יאָנאַס טורקאָוו — באַקאַנטער יידישער שוישפּילער און רעזשיסער, מיטאַרבעטער פֿון דער יידישער אַליינהילף־געזעלשאַפֿט. לעבט אין אַמעריקע. מחבר פֿון זכרונות־ביכער פֿון דער אָקופּאַציע־צייט.

76) „מאַטורע" — אַ פּאָפּולער טעאַטער־שטיק פֿון דעם אונגאַרישן דראַמאַ־טורג פֿעדאָר, געשפּילט אין די 30־ער יאָרן אין די פּוילישע טעאַטערס.

ציפּ נעמען איבער אויך אַנשטאַלטן פון עפנטלעכן געברויך, ווי גאַז און עלעקטריע. אויב אַ לאָקאַטאָר צאָלט נישט דעם חשבון פאַרן גאַז, מוז דער רעשט לאָקאַטאָרן דערפאַר באַצאָלן און אויב נישט ווערט דער גאַז פאַרמאַכט נישט אין דער איינצלנער דירה, נאָר אין גאַנצן הויז. ווילנדיק נישט ווילנדיק מוז זיך דעריבער דער הויז־קאָמיטעט פאַרנעמען מיט דעם שאַפן די צענדליקער און טיילמאָל אויך הונדערטער זל. וואָס זענען נייטיק פאַר דעם צוועק.

די באַציונג פון די דייטשן צו די יידן כאַראַקטעריזירט אַמבעסטן פאָלגנדע פאָלקס־מעשה. געווען אַמאָל אַ פריץ, וואָס האָט געלעבט אַ גוטן טאָג, געבאָרגט כסדר געלט אויף פראָצענט ביז וואַנען זיין באַנקיר שלמה האָט אים צוגענומען זיין גוט בדרך ליציטאַציע. דער פּאַראָמעטער פריץ האָט מיט שום אויף די ליפּן דערמאָנט דעם נאָמען פון דעם ייד, וואָס האָט אים בדיל הדל געמאַכט. אַלס נקמה האָט ער זיין הונט אָנגערופן שלמה און אים עטלעכע מאָל אין טאָג געקאַטעוועט. דאָס זעלבע, זאָגט עמך, קומט היינט פאָר מיטן דייטש. ער קריגט קלעפּ, מען פאַרניכטעט זיינע שטעט, נעמט ער 3 מאָל אַ טאָג נקמה אין ייד.

אין אַ מסיבה פון איניקע פּערזאָן איז פאָרגעקומען אַ דיסקוסיע, וואָס וואָלט מען געדאַרפט טון ווען מען קען איצט איינעם אַרויסשיקן אין דער גרויסער וועלט. אַלע זענען מסכים געווען, אַז פאַר יעדן פּרייז וואָלט מען געדאַרפט מעורר זיין די וועלט וועגן דער פאַרניכטונגס־אַקציע, וואָס ווערט געפירט קעגן אונדז. מען וואָלט זיך נישט געדאַרפט אָפּשטעלן דעריון צי וואָלט דאָס פאַרערגערט אונדזער לאַגע, מיר האָבן גאָרנישט צו פאַרלירן. דער אויסראָטונגס־פּלאַן ווערט דורכגעפירט פּלאַנמעסיק און סיסטעמאַטיש לויט אַ לכתחילה אָנגעצייכנטער סכעמע. אונדז קען ראַטעווען נאָר אַ נס: דאָס פּלוצימדיקע פאַרענדיקן די מלחמה, אַ נישט זיינען מיר פאַרלוירן. צי וואָלט מען געדאַרפט פאַרלאַנגען פאַרגעלטונג? אַ טייל האָט געהאַלטן, אַז יאָ. מען וואָלט געדאַרפט צונויפנעמען די פאָר צענדליק טויזנט דייטשן פון אַמעריקע, פאַרשליסן זיי אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער — הינטער שטעכיקן דראָט, אָן שפּייז און וואַסער און זאָלן זיי אויסגיין פון הונגער און נויט, ווי מען טוט עס דאָ אין פּוילן. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז פאַרן [illegible] פאַרגעלטונג וואָלט נאָך מער אויפגעהעצט די דייטשן און געבראַכט צו דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון די יידן. די וואָס האָבן פאַרלאַנגט פאַרגעלטונג האָבן דערמאָנט די מעשה מיט דעם כלומרשטן נישט געבן קיין עסן די דייטשע קריגסגעפאַנגענע ביז צום פאַרהער אין ליביע. אַ צווייטע פראַגע, וואָס איז דאָרט דיסקוטירט געוואָרן, איז געווען צי וואָלט מען געדאַרפט שיקן אַ רשימה פון וועדטפולע מענטשן קיין אויסלאַנד, כדי פאַר זיי צו באַקומען אויסלענדישע פּעסער און דערמיט זיי צו ראַטעווען. איניקע האָבן אָנגעוויזן, אַז די עליטע דאַרף בלייבן מיטן פאָלק און צוזאַמען מיט אים אונטערגיין. איניקע ווידער האָבן

זיך פאַררופן אויף ביישפילן פון דער יידישער געשיכטע און טראַדיציע, וואָס פאַרלאַנגען צו ראַטעווען אַפילו נפש אחד בישראל[77]. עס איז געבלי־בן, אַז יעדע געזעלשאַפטלעכע גרופּע דאַרף מאַכן באַמיונגען פאַר אירע ווערטפולע מענטשן און נישט דעם כלל אַלס אַזעלכער. עס איז ווייטער אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז מען דאַרף אויפקלערן דאָס דייטשע פאָלק וועגן דעם פאַרניכטונגס־פּלאַן פון דער ייד[ישער] באַפעלקערונג, ווייל הגם ה. [יטלער] האָט אייניקע מאָל צוגעזאָגט צו פאַרניכטן דאָס ייד[ישע] פאָלק, ווערט אָבער אַלץ אין דער וועלט געטון די דייטשן זאָלן נישט וויסן, וואָס עס ווערט געטון מיט די יידן. אויב לכתחילה האָט מען דער־שאָסן טויזנטער יידן אין מיט שטאָט אָדער אויסער דער שטאָט, ווערט עס לעצטנס געטון לויט פאָלגנדן פּלאַן: די נישט פּראָדוקטיווע עלעמענטן, קינדער ביז 10 יאָר און זקנים איבער 60, ווערן פאַרלאָדן אין פלאָמבירטע וואַגאָנען, וואָס ווערן געהיטן דורך א דייטשער מאַנשאַפט, און אַוועקגע־פירט אין אן אומבאַקאַנטער ריכטונג. געוויינלעך איז עס אין דער ריכטונג פון בעלזשעץ, ווו עס פאַרשווינדעט יעדער שפּור פון די אויסגעזידלטע יידן. דער פאַקט, אַז ביז היינט איז קיינעם נישט געלונגען צו ראַטעווען זיך פון דעם טויט־לאַגער אין בעלזשעץ, אַז ביז היינט איז נישטאָ קיין איין יידישער אָדער פּוילישער עדות פון דער פאַרניכטונגס־אַרבעט, וואָס ווערט אָפּגעטון אין בעלזשעץ, איז דער בעסטער סימן ווי שטאַרק עס ווערט געזאָרגט דערפאַר, אַז די ידיעה זאָל נישט מפורסם ווערן צווישן אייגענע. דאָס באַווייזט, אַז ווען די דייטשע באַפעלקערונג וואָלט וועגן דעם געוווסט, וואָלט מען מסתמא נישט אָפּגעטאָן אַזא מאַסן־מאָרד.

די מעשים תעתועים פון די פּוילישע פינאַנס־באַאַמטע איז פּשוט נישט צו באַשרייבן. עס איז א געוויינלעכער רויב. ווען מען קומט אַריין צו א געוועלבער, וואָס איז שולדיק פאַר שטייערן — פאַרהאַלט מען גלייכצייטיק אַלע קונים, און מ׳פירט ביי זיי אַדורך א רעוויזיע און מען נעמט צו דאָס גאַנצע מזומענע געלט, וואָס געפינט זיך ביי זיי על חשבון פון צוקונפטיקע שטייערן. אַזוי האָט מען געטאָן אין געריכט מיט אייניקע וואָכן צוריק, אַזוי טוט מען אויף שריט און טריט. מען נעמט צו געלט ביים לאָקאַטאָר ווען דער סובלאָקאַטאָר קען נישט באַצאָלן פאַר שטייערן און פאַרקערט. ענלעך האַנדלען די פּוילישע פּאָליציאַנטן. דאָס זענען גאַנץ איינפאַכע רויבער. זעט א פּאָליציאַנט א וועגעלע מיט סחורה, ווערט ער דערצו א שותף. יעדנפאַלס שטעלט ער אריס געוויסע געלט־פאָדערונגען, וועלכע מוזן באַפרידיקט ווערן, אַ נישט נעמט ער צו די סחורה. לעצטנס טרעפט, אַז ביי די פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן (למשל אויף ניסקע) ווערן פאַרהאַלטן יידן, אָן א שום פאַרוועך און פאַרוואָס פאַרלאַנגט מען פון זיי הונדערטער זל. אויס קויף־געלט.

---

77) העברעיש: נישט אַרויסגעגעבן אפילו קיין ייד (אינעם טעקסט אַ טעות: אַנשטאָט נפש אחת שטייט — נפש אחד).

די נאַכט פון 10 אויפן 11 יוני 42 וועט ווערן פאַרשריבן מיט בלוטיקע אותיות אין דער געשיכטע פון יידישן געטאָ אין וואַרשע. מען האָט, ווייזט אויס, באַשלאָסן פאַר יעדן פרייז צו ליקווידירן דעם שמוגל ביי די ווענט, דעריבער האָט מען באַשלאָסן דורך א מאַסן־טעראָר, דורך א מאַסן־שחיטה ליקווידירן פאַר יעדן פרייז דעם שמוגל. צענדליקער שמוגלער זיינען די נאַכט ליקווידירט געוואָרן לויטן באַקאַנטן נוסח. מען האָט די מענטשן אַרויסגעצויגן פון די שטובן און אויפן גאַס דערשאָסן. די שחיטה איז אויך פאָרגעקומען ביי די מויערן אינדערפרי און נעכטן אינאָוונט. פראַנקענשטייק, איבערגעטאָן פאַר א ייד מיט אַן אָפּאַסקע האָט פון אַ מאַשין־געווער, באַהאַלטן אין א זאַק דערשאָסן א פּאָר יידן. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען ביי אַנדערע מעטעס, באַזונדערס אין קליינעם געטאָ אויף קראָכמאַלנע און ציעפּלאַ. עס ווייזט אויס, [אַ]ז דער פאַרניכטונגס־פּלאַן פון די יידן אין פּוילן גייט אין גרעסערע שטעט דורכן וועג פון אויסהונגערונג. דאָס ווערט רעאַליזירט אין לאָדזש, דאָס זעלבע הויבט איצט [אָן] פאָרצוקומען אין וואַרשע, ווו מען וויל פאַר יעדן פרייז ליקווידירן דעם שמוגל און דערמיט צווינגען די ייד[ישע] באַפעלקערונג צו באַגנוגענען זיך מיט די 7.½ דעקאָ ברויט טעגלעך. אַגב האָט מען נעכטן און היינט פרי געשאָסן צו די שמוגלער פון די דעכער, פון באַהעלטענישן, דערביי זיינען די דייטשן געווען פאַרקליידעט. דער עולם שמוגלער שרעקט זיך אָבער נישט פאַר קוילן. א שמוגלער האָט געזאָגט צו איינעם א באַקאַנטן, אַז ער וועט ווייטער טאָן זיין אַרבעט, ווייל א נישט וועט ער שטאַרבן פון הונגער. איידער אויסגיין פּאַמעלעך פון הונגער איז שוין בעסער פון אַ קויל.

עס קומען כסדר אָן נייע ידיעות וועגן דער פאַרניכטונגס־אַקציע פון יידישע קינדער און זקנים. דאָס זעלבע וואָס איז פאָרגעקומען אין פּאַביאַניץ[78] קומט איצט פאָר אין ביאַלאַ־פּאָדלאַסקאַ, ווו מען האָט פאַרלאָדן 60 וואַגאָנען מיט קינדער אונטער 10 יאָר און זקנים איבער 60 יאָר[79]. עס איז קלאָר, אז דאָס מיינט מען נישט קיין שום לאַגער, נאָר פּשוטע אויסראָטונג פון דער יוגנט. קיין יידן וואָס אַרבעטן נישט פאַר די צוועקן פון די דייטשן, דאַרף מען נישט האָבן. זיי מוזן אין דער ערשטער ריי פאַרניכטעט ווערן. אין דער יידישער געשיכטע איז נישט פאַראַן קיין ענלעכער פּרעצעדענס, אויסער פּרעהן, וואָס האָט געהייסן אַריינוואַרפן אין וואַסער אַריין ניי־געבאָרענע קינד, איז אונדז נישט באַקאַנט קיין צווייטער פאַל פון אַזאַ מין. פאַרקערט די קינדער האָט מען שטענדיק געלאָזט לעבן, כדי

---

[78]) דעם 17 און 18 מאַי 1942 איז פאָרגעקומען אַ גירוש פון די יידן פון פּאַביאַניץ אין דעם טויט־לאַגער כעלמנאָ. צווישן די דעפּאָרטירטע זענען געווען אויך קינדער.

[79]) דעם 10 מערץ 1942 זענען פון ביאַלע־פּאָדלאַסקע אַרויסגעשיקט געוואָרן אַרום 3000 יידן אין דעם טויט־לאַגער סאָביבאָר, בתוכם א סך קינדער.

זיי אַריבערצופירן צום קריסטלעכן גלויבן. אַפילו אין די סאַמע פאַרווילד־סטע צייטן האָט דאָך געטליעט א מענטשלעכער פונק אין די הערצער פון די סאַמע פאַרגרעבסטע באַרבאַרן און דאָך פלעגט מען געוויינלעך שוינען די קינדער. דאָס איז אָבער נישט חל אויף דער היטלעריסטישער חיה. זי וויל פאַרציקן דווקא דאָס טייערסטע, וואָס דערוועקט דאָס גרעסטע — רחמנות — די אומשולדיקע קינדער.

דער צוקונפטיקער היסטאָריקער וועט דאַרפן ווידמען א געהעריק בלאַט דער ייד[ישער] פרוי אין דער מלחמה. זי וועט פאַרנעמען א וויכטיק בלאַט אין דער יידישער געשיכטע אַדאַנק איר מוט און אויסדויער, אַדאַנק וועלכע טויזנטער פאַמיליעס האָבן געקענט איבערהאַלטן די ביטערע צייט. לעצטנס מערקט זיך אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג. אין א טייל הויז־קאָמיטעטן רוקן זיך ארויס פרויען אויפן אָרט פון די מענער, וועלכע טרעטן אָפּ דעם פּלאַץ אויסגעמאַטערטע און מידע פון דער ביזאיצטיקער אַרבעט. עס איז דאָ הויז־קאָמיטעטן, ווו די גאַנצע אָנפירונג באַשטייט פון לויטער פרויען. פאַר דער סאָציאַלער הילף, וואָס נויטיקט זיך איצט אין פרישע, נישט בלאַזירטע כוחות —איז זייער וויכטיק צו האָבן א רעזערוואַר פון נייע כוחות.

אויפן בית־עולם קומען כסדר דייטשן אָנצוקוקן די באַרימטע שאַפּע, ווו עס ליגן די קאַנדידאַטן אין די מאַסן־קברים, הגם דאָס איז פאַר זיי פאַרבאָטן. נישט לאַנג איז געווען א גרופּע דייטשע זעלנער. האָט איינער געוויינט און געזאָגט צום חבר: דאָס האָט געזאָלט זען דער פירער...

אין געטאָ מאַכן ייד[ישע] דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן — אויך אַזעלכע פעלן נישט אין געטאָ — וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען[80]. איינע פון די אינטערעסאַנטע טעמעס איז דער הונגער, ווייל דאָס איז די סאַמע פאַרשפּרייטסטע קראַנקהייט אין געטאָ און צו איר איז דאָ איין עצה: די דייטשן זאָלן אַוועק פון פּוילן. אַלזאָ, אין לאָדזש האָט א באַרימטער יידישער פּראָפעסאָר פון פּראָג געמאַכט אַן אַנטדעקונג, אַז דער בעסטער מיטל קעגן געשווילעכץ פון הונגער זענען קאַרטאָפל — מער נישט עס איז זיי נישט לייכט צו באַקומען

נישט לאַנג האָט בשעתן פילמירן דאָס געטאָ פּאַסירט אַזא פאַל, א פרוי, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן אין פּאַוויאַק צו דער באַרימטער מקוה אויף דזשעלנע 38, האָט געמאַכט געוואַלדן און באַין אופן נישט געלאָזט זיך אויסטאָן. דער זעלנער האָט איר א קאַפּ געטאָן און אַרויסגעוואָרפן. אין צווייטן צימער איז געווען א יידישער פּאָליציאַנט, האָט ער פאַרלאַנגט פאַ־רן אַרויסלאָזן איר 50 זל. הגם דער זעלנער האָט די פרוי באַפרייט. די פרוי

[80]) די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט וועגן הונגער אין וואַרשעווער געטאָ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָך דער מלחמה אין וואַרשע.

האָט אָבער נישט געהאַט מער ווי 30 זל. עס איז אויסגעבראָכן אַן אמפּעריי צווישן ביידע, האָט עס דערהערט דער זעלנער, געעפנט די טיר און דער־זען די פרוי, האָט ער אויף איר גוט אָנגעשריגן, געגעבן אַ קאַפּ און אַרויסגע־וואָרפן פון שטוב. די דאָזיקע מעשה איז אַן אילוסטראַציע צו דער מוראדי־קער הפקרות און קאָרופּציע, וואָס הערשן אין געטאָ. עס חזרט זיך איבער דאָס זעלבע, וואָס מיר האָבן שוין געלייענט נישט איין מאָל אין דער ייד[ישער] געשיכטע, נעמלעך: אַז די יידישע קהלה מיט איר אַפּאַראַט האָט שטענדיק מער עקספּלאָאַטירט די יידישע מאַסע ווי דער קריסטלעכער מאַגיסטראַט זיינע אונטערטאַנען. די סיבה איז א גאַנץ פּשוטע: דער קהל האָט געהערשט אַלמעכטיק איבער דער יידישער עדה ער האָט געצאָלט אויסקויף־געלט די שררות און יענע האָבן אים דערלויבט צו טאָן מיט דעם יידישן עולם, וואָס אים האָט נאָר געגלוסט. דאָס דאָזיקע חזרט זיך איבער היינט אין א נאָך בולטער פאָרם. צווישן די פּלאַצוווקעס אויף וועלכע עס אַרבעטן ייד[ישע] אַרבעטער איז כדאי צו דערמאָנען די פּלאַצוווקע פּאָ־וואָנזקע. 700 ייד[ישע] אַרבעטער זיינען טעטיק אויפן בית־עולם, צווישן אַנדערע גראָבן זיי קברים פאַר די אין שפּיטעלער געשטאָרבענע דייטשע זעלנער. צו אַזאַ אַרבעט וואָלטן זיך געמאָלדן א סך יידן. מיר דוכט, אַז זיי וואָלטן אַפילו צוגעצאָלט.

26 יוני 1942

פרייטיק 26 יוני 42 איז פאַר ע״ש א טאָג פון גרויסע געשעענישן. היינט פאַרמיטאָג איז אויפגעגעבן געוואָרן אַן אוידיציע פון ענגל[ישן] ראַדיאָ פאַר די פּוילישע יידן. עס איז איבערגעגעבן געוואָרן דאָס אַלץ, וואָס איז אונדז גוט באַקאַנט: סלאָנים און ווילנע, לעמבערג און כעלמנאָ[81]. א. א וו. חדשים לאַנג האָבן מיר געווייטיקט איבער דעם, וואָס די וועלט איז טויב און שטום צו אונדזער טראַגעדיע, וואָס האָט נישט קיין אירס גלייכן אין דער געשיכטע. מיר האָבן געהאַט טענות צו דער פּוילישער עפנטלעכקייט, צו די פאַקטאָרן וואָס שטייען אין קאָנטאַקט מיט דער פּוי־לישער רעגירונג, הלמאי מען גייט נישט איבער וועגן די שחיטות פון די פּוילישע יידן, הלמאי די וועלט ווייסט נישט וועגן דעם. מיר האָבן באַ־שולדיקט די פּוילישע פאַקטאָרן, אַז זיי פאַרשווייגן מיט א כיוון אונדזער טראַגעדיע, כדי עס זאָל נישט פאַרבלאַסן זייער אייגענע טראַגעדיע. עס ווייזט אויס, אַז די אַלע אינטערווענצן האָבן ענדלעך זייערס דערגרייכט.

---

81) די גרויסע שחיטה איבער די יידן אין סלאָנים איז פאָרגעקומען דעם 14 נאָוועמבער 1941. עס זענען דעמלט אויסגעמאָרדעט געוואָרן העכער 10 טויזנט יידן. אין דער שחיטה האָבן זיך באַטייליקט די ווערמאַכט און די ליט־ווישע פאַשיסטן. דער טויט־לאַגער אין כעלמנאָ איז געווען טעטיק שוין אין דע־צעמבער 1941. לוואָוו — זע הערה 34 (1942). אין יוני 1942 זענען פאָרגעקו־מען שחיטות אויף יידן פון ווילנער פראָווינץ.

אין די לעצטע וואָכן זיינען כסדר געבראַכט געוואָרן ידיעות פון ענגלישן ראַדיאָ וועגן די אכזריותדיקייטן איבער די פּוילישע יידן: כעלמנאָ, ווילנע, בעלזשעץ וכדומה. היינט איז איבערגעגעבן געוואָרן דער קיצור פון באַריכט וועגן דער לאַגע פון די פּוילישע יידן און עס איז דערמאָנט געוואָרן די ציפער פון 700.000 אויסגעהרגעטע יידן אין פּוילן. גלייכצייטיק איז אָנגעזאָגט געוואָרן נקמה און אָפּרעכענונג פאַר די באַגאַנגענע גוואַלטאַטן. די ע״ש־גרופּע האָט דערמיט דערפילט אַ גרויסע היסטאָרישע שליחות[82], זי האָט אַליאַרמירט די וועלט וועגן אונדזער גורל און אפשר געראַטעוועט הונדערטער טויזנטער פּוילישע יידן פון פאַרניכטונג. דאָס לעצטע, נאַטירלעך, וועט אונדז באַווייזן די נאָענטסטע צוקונפט. איך ווייס נישט ווער עס וועט פון דער גרופּע בלייבן לעבן — ווער עס וועט זוכה זיין בגורל צו באַאַרבעטן די געזאַמלטע מאַטעריאַלן. איינס איז אָבער פאַר אונדז אַלעמען קלאָר: אונדזער מי און מאַטערניש, אונדזער מסירת־נפש און לעבן אין כסדרדיקן פּחד איז נישט געווען אומזיסט. מיר האָבן דעם שונא געגעבן אַ קלאַפּ. נישט וויכטיק צי וועט די אַנטפּלעקונג פון די אומגלויבלעכע יידן־שחיטות געבן דעם געהעריקן עפעקט — צי וועט אָפּגעשטעלט ווערן דאָס ווייטערדיקע אויסשעכטן פון גאַנצע יידישע ישובים. איינס ווייסן מיר — אונדזער פליכט האָבן מיר דערפילט. מיר האָבן בייגעקומען אַלע מניעות און שטרויכלונגען און אונדזערס דערגרייכט. אפילו אונדזער טויט וועט נישט זיין אומזיניק ווי דער טויט פון צענדליקער טויזנטער יידן, מיר האָבן דעם שונא געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ. מיר האָבן אַנטפּלעקט זיין טייוולאָנישן פּלאַן צו פאַרניכטן דאָס פּוילישע יידנטום, וועלכן ער האָט געוואָלט אויספירן בשתיקה. מיר האָבן געמאַכט אַ שטריך איבער זיינע רעכענונגען און אויפגעדעקט זיינע קאָרטן. און אויב ענגלאַנד וועט נאָך האַלטן וואָרט מיט אירע דראָאונגען וועגן אַנווענדן אַנטשפּרעכנדע מאָסמיטלען שוין איצט, דאַן זיינען מיר אפשר געראַטעוועט.

30 יוני 1942

די לעצטע טעג לעבט די ייד.[ישע] באַפעלקערונג אונטערן צייכן פון לאָנדאָן. די ידיעה, אַז די וועלט איז אויפגעציטערט געוואָרן פון די גרויסן וועגן די שחיטות אין פּוילן, האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן אַ טיפע דערשיטערונג. לאַנגע, לאַנגע חדשים האָבן מיר זיך געמאַטערט אין די גרעסטע ליידן און געפרעגט: צי ווייסט די וועלט וועגן אונדזערע ליידן? און אויב זי ווייס פאַרוואָס שוויגט [זי]? פאַרוואָס איז די וועלט נישט אויפגעציטערט געוואָרן ווען עס זענען צענדליקער טויזנטער יידן אויסגעשאָסן געוואָרן אין

[82]) אויפן סמך פון די מאַטעריאַלן פון „עונג שבת“ און פון די ס.אָ.ס.־בריוו פון „בונד“ האָט מען אויפן מערב אליארמירט די עפנטלעכע מיינונג וועגן די גרוילִיקייטן אין פּוילן.

פאנארי? פארוואס האט די וועלט געשוויגן, ווען מען האט צענדליקער טויזנטער יידן אויסגעסמט אין כעלמנא? פארוואס האט די וועלט געשוויגן, ווען הונדערטער טויזנטער יידן זיינען אויסגעשאכטן געווארן אין גאליציע און אין אנדערע נייע אקופירטע געביטן? מיר האבן געשטעלט די פראגע אין זיך אליין געענטפערט: פארוואס [זאל] מען דערשיטערט ווערן פון דער שחיטה ווילנע, ווען אין א ראסטאוו האבן די דייטשן אויסגעשאכטן 180 טויזנט מענטשן [83], ווען אין קיעוו איז אן ענלעכע צאל אוקראינער און יידן אויסגעמארדעט געווארן[84]? פארוואס זאל די וועלט אויפגעציטערט ווערן, ווען טאג־טעגלעך גיסן זיך טייכן בלוט אויף אלע שלאכטפעלדער. מיט וואס איז דאס בלוט פון די יידן טייערער פאר דעם בלוט פון די רוסישע, כינעזישע, ענגלישע א. א. זעלנער. מיר האבן זיך געגעבן די אייביקע תשובה, אבער געפילט האבן מיר, אז די תשובה איז קיין תשובה נישט. איצט האבן מיר ערשט פארשטאנען, ווו עס האט געשטעקט די סיבה פון שטילשוויגן. לאנדאן האט פשוט נישט געוווסט וועגן דעם אלעם, וואס דא קומט פאר, דעריבער האט זי געשוויגן.[85] אן אנדערע זאך איז, אז ווי אזוי איז דאס מעגלעך, אז האבנדיק אן אייגענע ראדיאסטאציע זאל די פוילישע רעגירונג נישט קענען וויסן וועגן דעם, וואס דא קומט פאר. עס שטעלט זיך דאך די הארבע קשיה, הלמאי האט מען אין לאנדאן געוווסט אויפן צווייטן טאג וועגן 100 דערשאסענע אין פאוויאק און גאנצע חדשים האט געמוזט געדויערן ביז וואנען מען האט זיך דערוווסט אין לאנדאן וועגן הונדערטער טויזנטער דערמארדעטע יידן. דאס איז טאקע א קשיה, וועלכע קיין שום תירוצים וועלן נישט קאנען פארענטפערן. די ידיעה, אז מען האט די אינטערפעלאציע פון דער פוילישער רעגירונג איבערגעגעבן דורך אלע בריטישע זענדערס אין אלע שפראכן פון די אלירטע פעלקער אין דעם שבתדיקן טאג עטלעכע מאל אין דייטש (צווישן אנדערע דער דייטשער פרויען־זענדער), דאן די רעדעס פון ארציבישאף פון קענטערבערי, די רעדע פון הרב ד״ר הערץ [86], די רעדע פון דעפוטאט זיגעלבוים [87] — דאס אלץ צוזאמען האט אויפגעטרייסלט די יידישע עפנטלעכקייט אין ווארשע. מען האט זיך געפרייט, אבער גלייכצייטיק זיך געשרעקט, ווי אזוי וועט ענטפערן דער אקופאנט. ס׳רוב האט מען געהאלטן, אז גוט וואס די וועלט ווייסט וועגן אלץ, אפשר וועט זי דאך געפינען די געהעריקע מיטלען, כדי צו צווינגען דעם

---

83) די צאל איז א גוזמא.

84) אין קיעוו זענען אין סעפטעמבער 1941 דערמארדעט געווארן דורך די דייטשן אין באבי יאר איבער 70 טויזנט יידן.

85) אין די רעגירונגס־קרייזן אין לאנדאן האט מען פאקטיש יא געוווסט.

86) יוסף הערץ (1872—1946) — הויפט־רב פון בריטישן יידנטום, אנפירנדיקע פיגור אין דער הילפס־אקציע לטובת דער סאוויעטישער ארמיי בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

87) די רעדע געהאלטן אין פוילישן נאציאנאל־ראט אין לאנדאן.

אָקופּאַנט אָפּצושטעלן די ווייטערדיקע שחיטות. מען האָט ציטירט די שטעלעס אין די רעדעס פון זיגעלבוים, ווו ס׳רעדט זיך וועגן רעפּרעסיעס קעגן דייטשן אין אַמעריקע וועלכע זאָלן זיי צווינגען אָפּצושטעלן די שחיטות אין פּוילן. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז די אַלירטע, באַזונדערס די דעמאָקראַטישע אַמעריקע, וועט נישט גיין אויפן וועג פון שעכטן דייטשן, ווייל ערשטנס זיינען עס אַמעריקאַנער בירגער און צווייטנס, וועט די עפנטלעכע מיינונג דערצו נישט דערלאָזן. אַלע האַלטן אָבער, אַז ביז גאָר וויכטיק איז די דייטשן גופא זאָלן זיך וועגן דעם דערוויסן. די אַלע, וועלכע האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו טרעפן זיך מיט דייטשן, ווייסן גאַנץ גוט, אַז די דייטשן ווייסן נישט וועגן די הריגות און שחיטות [וואָס ווערן] אָפּגעטאָן דורך ספּעציעלע מערדער־באַנדעס אויסער דער שטאָט, אָדער אין דער מאָרדאָווניע ווי בעלזשעץ. דער אָקופּאַנט האָט מורא, אַז די דייטשע באַפעלקערונג, אַפילו די דייטשע זעלבער זאָלן וויסן וועגן די שחיטות פון יידן, דעריבער באַמיט מען זיך, אַז דאָס הרגענען די יידן זאָל פאָרקומען אין געהיים. אַפילו צום באַגראָבן די דערמאָרדעטע באַנוצט מען זיך מיט די יידן גופא, וואָס ווערן צום סוף דערמאָרדעט. אויב אויסלאַנד וועט אָפּקומען בלויז מיט רעדעס און סטראַשונקעס, דאַן וועט אונדז אפשר ראַטעווען די מורא פאַר דער עפנטלעכער מיינונג אין דייטשלאַנד גופא. איינצעלנע דייטשן, וואָס האָבן זיך דערוווסט וועגן ענין כעלמנאָ, האָבן מיט אויפרעגונג געזאָגט: מיר וועלן דאָך דערפאַר באַצאָלן מיט די קעפּ פון אונדזערע פרויען און קינדער. מען וועט דאָך דערפאַר נעמען אַ בלוטיקע נקמה. מען רעכנט, אַז די אויפרודערונג אין לאָנדאָן און אין דער גאַנצער וועלט וועט האָבן א געוויסע ווירקונג אויף דער באַציונג פון דער פּוילי[שער] באַפעלקערונג צו די יידן, וועלכע איז בדרך כלל זייער אַ שלעכטע. די דייטשע פרעסע און ראַדיאָ האָט דערווייל אָנגענומען אַ פול מויל און שווייגן. וואָס זאָלן זיי טאָן: באַשטעטיקן — ד. ה. דאָך אַליאַרמירן די אייגענע באַפעלקערונג, — אָפּלייקענען, הייסט דאָך עס, אַז די אַלע חבטחות וועגן מאַכן אַ סוף צו יידן זענען בלויז פראַזן. דער עולם דערוואַרט מיט גרויס אינטערעס די רעאַקציע פון דער דייטשער רעגירונג און פאַרבינדט דערמיט גרויסע האָפענונגען. מען גלויבט דאָך, אַז די דייטשן וועלן פון איצט אָן מורא האָבן עפנטלעך צו מאַכן אַזעלכע מאַסן־שחיטות, ווי ביז איצט. מען ברענגט אַפילו אַ פאַקט פון אָסטראָוויעץ, ווו יידן זענען באַפרייט געוואָרן פון פלאָמבירטע וואַגאָנען מיט וועלכע זיי האָבן געזאָלט ווערן אויסגעזידלט 88. אויב דאָס זאָל זיך באַשטעטיקן, דאַן איז עס טאַקע אַן אָנהויב פון אַ נייער ערע. די מער ניכטערע וואָרענען אָבער פאַר אילוזיעס. פון די דייטשן קאָן מען זיך נישט ריכטן אויף קיין שום רחמנות. אונדזער לעבן אָדער טויט איז אָפּהענגיק דערפון, וויפל צייט זיי וועלן האָבן. וועלן זי־

88) מען קאָן נישט פעסטשטעלן.

האָבן אַ סך צייט, דאַן זענען מיר פאַרלוירן, ווען די גאולה קומען בקרוב, דאַן זענען מיר געראַטעוועט.

יוני 1942

וואָס לייענט דער עולם? די דאָזיקע טעמע אינטערעסירט יעדן און ווען נאָך דער מלחמה שטאַרק אינטערעסירן די וועלט. עס וועט זיך די וועלט פרעגן, וואָס האָבן געטראַכט די מענטשן פון מוזא־דאַג [89] פון דעם וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער טויט וועט זיי נישט אויסמיידן פונקט ווי ער האָט נישט אויסגעמיטן די יידישע ישובים אין די קליינע שטעטלעך. עס מעג געזאָגט ווערן, אַז הגם מיר זיינען פאַרמשפטע צום טויט, האָבן מיר דאָך נישט פאַרלוירן דעם מענטשלעכן פרצוף און אונדזער מוח אַרבעט ווי פאַר דער מלחמה. דער ערנסטער יידישער לייענער אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט דער מלחמה־ליטעראַטור. מען לייענט די מעמואַרן פון לאָיד דזשאָרדזש [90]. ראָמאַנען פון דער וועלט־ליטעראַטור, פון דער פריערדיקער וועלט־מלחמה א.ד.גל. מען האָט הנאה פון די בלעטלעך, אין וועלכע עס ווערט באַשריבן דאָס יאָר 1918, די מפלה פון די דייטשן. מען זוכט פאַרגלייכן מיט די הייַנטיקע צייטן און מען וויל מיט אותות ומופתים באַווייזן, אַז עס דערנעענטערט זיך די מפלה פון דער אומבאַזיגטער דייטשער אַרמיי. מען לייענט מיט גרויס הנאה די אויפנאַמען פון די דייטשע פאַרלאַמענטאַריער אין קאַמפיען [91] און [מען] זעט שוין אין דער פאַנטאַזיע ווי אַזוי עס וועט געשעפן ווערן א נייעס, פיל מער שטאַרקערס קאָמפיען. עס איז מיר אויסגעקומען צו לייענען דאָס גרויסע בוך פון וואַן דער מערש [92] וועגן דער דייטשער הערשאַפט אין פראַנקרייך און בעלגיע. אויף שריט און טריט האָט זיך פשוט געבעטן אַ פאַרגלייך מיט דער הייַנטיקער צייט, וועלכע איז אַ סך, אַ סך מאָל אַכזריותדיקער ווי אין יענער וועלט־מלחמה. איין זאַך איז אָבער געמיינזאַם: דאָס קאַלטע אומברחמנותדיקע באַרויבן און באַראַבעווען די ציווילע באַפעלקערונג פון די אָקופירטע לענדער פון דעם אלעם, וואָס זיי פאַרמאָגן. פון די זייער שטאַרקע

---

89) דער ראָמאַן פון פראַנץ ווערפעל „די פערציק טעג פון מוסאַ דאַג“ וועגן די שחיטות פון די טערקן איבער די ארמעניער פאר און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

90) דייוויד ללאָיד דזשאָרדזש (1945—1863), פרעמיער פון דער ענגלישער רעגירונג אין די יאָרן 1916 — 1922, פירנדיקער מלוכה־מאַן אויף דער שלום־קאָנפערענץ אין פאַריז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

91) אין קאָמפיען (פראַנקרייך) איז פאָרגעקומען דער קאַפּיטוליר־אַקט פון די דייטשן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. נאָכן באַהערשן פראַנקרייך בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט היטלער אויפגענומען די פראַנצויזישע קאַפּיטולאַציע אין זעלביקן קאַמפּיען.

92) מאַקסאַנס וואַן דער מערש, ליטעראַרישער פסעוודאָנים פון זשאָזעף קאַרדין (1907 — 1951), פראַנצויזישער שרייבער, מחבר פון פסיכאָלאָגישע ראָמאַנען, אין וועלכע עס איז פאַראַן א קריטיק פון קאַפּיטאַליזם.

בלעטלעך פון וואַן דער מערשס ראָמאַן איז צו זען, אַז נישט בלויז די היינ־טיקע מלחמה איז [אַ] טאָטאַלע, אויך די פריערדיקע וועלט־מלחמה איז געווען אַזעלכע. די אָקופּירטע לענדער זיינען באַרויבט געוואָרן פון אַלץ, די באַפעלקערונג איז געוואָרן פאַרשקלאַפט און געצוואונגען צו אַרבעטן פאַר די דייטשן. נאָכן דורכלייענען דאָס דאָזיקע בוך פרעגט זיך אַ יעדער: און וואָס האָט מען געטאָן, כדי צו פאַרמיידן אַזאַ נייע הונגען־הערשאַפט אין אייראָפּע?

אַ טייל לייענט זייער גערן נאַפּאָלעאָנען. מען פירט אַדורך אַנאַלאָגיעס צווישן דעם ימח־שמו[93] און נאַפּאָלעאָנען, וועלכע פאַלן שטענדיק אויס לטובת דעם לעצטן. ווייל הגם אויף זיין געוויסן ליגן טייכן בלוט פאַרגאָסן אויף אַלע שלאַכטפעלדער פון אייראָפּע, האָט ער דאָך אויפגערודערט די פּעאָדאַלע וועלט און אַריינגעבראַכט אומעטום דעם נייעם רעוואָלוציאָנערן סדר. נאָך דעם ימח־שמוניק וועט אָבער גאָרנישט בלייבן ווי צענדליקער מיליאָנען קרבנות אין אַלע לענדער פון דער וועלט און אַ פאַרברענטע, רו־אינירטע אייראָפּע, וועלכע איז צוליב דעם קריג צוריקגעוואָרפן געוואָרן גאַנצע יאָרהונדערטער צוריק.

מען לייענט גערן וועגן נאַפּאָלעאָנען דערפאַר, ווייל מען זעט, אַז דער שטערן פון אַ דיקטאַטאָר, פון אַן אומבאַזיגבאַרן געווינער און דעראָבערער פאַרגייט און דאָס אַ סך גיכער, ווי עס קען זיך עמעצן אויסדוכטן. מיט דער גרעסטער הנאה לייענט מען די בלעטלעך וועגן דעם מאַרש אויף מאָסקווע, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַזאַ טראַגישע מפּלה, און וואָס איז געווען דער אָנהויב פון זיין סוף. אין ווינטער האָט מען מיט גרויס הנאָה געלייענט די בלעטלעך וועגן די שווערקייטן פון רוסישן ווינטער און געהאָפט, אַז די געשיכטע וועט זיך דאָס מאָל אויך איבערחזרן און זיך ענדיקן מיט דער מפּלה פון דעם ימח־שמוניק. הגם דער הייאָריקער ווינטער האָט זיך נישט פאַרענדיקט מיט דער זעלבער קאַטאַסטראָפע, ווי אין יאָר 1812, איז אָבער זיכער, אַז פונקט ווי נאַפּאָלעאָן האָט אויך ה. געמאַכט דעם טויט־פעלער, אָנהויבנדיק מיט דעם רוסישן קאָלאָס, וואָס האָט ריזיקע רעזערוואָרן פון מענטשן און מאַטעריאַלן. מיט גרויס פּאָפּולאַריטעט פרייט זיך איצט שטאַרק דאָס בוך פון טאָלסטאָי „וואָינאַ אי מיר”. אַ סך מענטשן, וואָס האָבן עס שוין נישט איין מאָל געלעזן, לייענען עס איצט צוליב דער נאַפּאָלעאָני־שער עפּאָפּיי.

מיט איין וואָרט: נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו נעמען נקמה ביים שונא אין דער ווירקלעכקייט, זוכט מען עס אין דער פאַנטאַזיע, אין דער ליטעראַטור. דערמיט דערקלערט זיך דאָס גאָרן נאָך מלחמה־ביכער, וואָס זאָלן אונדז אָנווייזן אַ וועג פון לעזן די טראַגישע פּראָבלעמען פון דער איצטיקער מלחמה. מיר דוכט אָבער, אַז די אַלע זוכענישן אויפן פעלד פון געשיכטע וועלן צו קיין שום זאַך נישט פירן. די געשיכטע חזרט זיך נישט

93) היטלער.

איבער, באַזונדערס ווען מיר שטייען איצט ביים שייד־וועג פון אַ נייער תקופה, וואָס ווערט געבוירן אין שווערע ווייען פון דער אָפּשטאַרבנדיקער וועלט. ווי קען מען געפינען אַ פאַרגלייך מיט אַ פריערדיקער תקופה? קאָן דען זיין אַ פאַרגלייך צווישן דעם ווייסן טעראָר פון דער פעאָדאַלער וועלט מיט אַ שחיטה פון קיעוו אָדער ראָסטאָוו, ווו עס זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן צו הונדערטער טויזנטער קרבנות צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג? דער היטלעריזם וויל פיזיש אויסראָטן מיליאָנען מענטשן נאָר דערפאַר, ווייל זיי ווילן נישט אָנערקענען זיין „ניי־אָרדנונג" פון אייראָפּע. עס פאָדערט אַ ספּעציעלע אויספאָרשונג: דער פאַרגלייך צווישן די קאַמפן פון דער אָפּשטאַרבנדיקער פעאָדאַלער און קאַפּיטאַליסטישער וועלט. איינס איז אָבער קלאָר, אַז פאַרגלייכן די צוויי תקופות איז אוממעגלעך — דאָס זיינען צוויי פאַרשידענע תקופות מיט אַ גאָר אַנדערע „השגות".

יוני 1942

עס האַלט ביים געשאַפן ווערן אַ נייע פאָרמאַציע פון דער יידישער פּאָליציי, וועלכע האָט שוין אַפילו באַקומען אַ געלונגענעם נאָמען: „ק. אָ. פּ". (קאָרפּוס אָכראָני פּאַגראַניטשאַ — אַמאָליקע פּוילישע גרענעץ־וואַך). די דאָזיקע פאָרמאַציע זאָל האָבן אַן אויפגאַבע צו היטן די מויערן פון געטאָ, כדי עס זאָל זיך נישט אַריינבאַקומען קיין שמוגל. די ווענט פון געטאָ ווערן שוין באַשמירט מיט גרויסע ווייסע נומערן (יעדע 50 מעטער וועלן האָבן אַ נומער). די דאָזיקע מויערן־פּאָליציאַנטן וועלן האָבן באַזונדערע ראַיאָנען און באַקומען אַ ספּעציעלע שכירות: 10 זל. אַ טאָג און אַ גרעסערן סכום ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן.

דער לייטער פון פּאָליציי לייקין האָט צוזאַמענגערופן די פּאָליציי און אַפּעלירט, מען זאָל זיך מעלדן פריוויליק. אַזוי ווי אָבער אַ קליינע צאָל פריוויליקע האָט זיך געמאָלדן, האָט מען באַשטימט די דאָזיקע פּאָליציאַנטן, וואָס ווערן אָפּקאָמאַנדירט צו דער דאָזיקער ביטערער און געפערלעכער אַרבעט (יעדער פּאָליציאַנט וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן שמוגל אין זיין שטח). עס איז אַ טיוולאָנישער פּלאַן, וואָס וויל אויסהונגערן דאָס געטאָ מיט דער הילף פון יידן גופא. דאָס איז איבריקנס נישט צום ערשטן מאָל, אַז דער אָקופּאַנט צווינגט די יידישע באַפעלקערונג אויסצוגראָבן אַ קבר פאַר זיך אַליין. דאָס טוט ער אויף שריט און טריט. צו אונדזער גרויסן ווייטיק מוז געזאָגט ווערן, אַז ער געפינט שטענדיק מענטשן, וואָס זענען גרייט צו טאָן אַזאַ שמוציקע אַרבעט מיט גרויס חשק און טיילמאָל מיט אַ איבערגעטריבענעם אייפער.

יוני 1942. עס זענען פאַראַן אַ סך מונדירן פון געהרגעטע זעלנער אין געטאָ. זיי ווערן דאָ אין שאָפּן געוואַשן, דיזענפיצירט — — אין די קעשענעס פון די זעלנער געפינט מען זייער אָפט בריוו פון דער היים ווי אויך פון פראָנט. די לעצטע זיינען, פאַרשטייט זיך, זייער אינטערעסאַנט, ווייל

זיי גיבן אַ בילד פון די שטימונגען, וועלכע זיינען, לויט ווי מען פאַרציילט זייער פּעסימיסטיש. אינטערעסאַנט, אַז די מלבושים זיינען שוידערלעך פאַרלייזיקט! ווייניק אייגענע לייז האָט דאָס געטאָ, דאַרף עס נאָך באַקומען פון דרויסן! כאַראַקטעריסטיש, אַז אין די קעשענעס פון די געהרגעטע זעלנער געפינט מען אָפט זאַכן, וואָס שטאַמען פון רויב און דווקא פון וואַרשע. ווי למשל פאַרשיידענע גאַלאַנטעריע־זאַכן פון וואַרשעווער פירמעס, אַפילו טליתים. צוגענומען געוואָרן ביי יידן — קומט עס צוריק צו יידן. מונדירן אַזעלכע איז שוין איבער דריי הונדערט טויזנט. איצט קען מען האָבן אַ שטיקל באַגריף וויפל דייטשע זעלנער עס זיינען געהרגעט געוואָרן דעם ווינטער אין דעם קאַלטן רוסלאַנד.

דער ווילקיר פון די דייטשע זעלנער. לגבי די יידן איז אין לשער. אַלס אילוסטראַציע וועל איך ברענגען פאָלגנדע פּאַסירונג פון אַ וואָך צוריק. אַן אָפיציר מיט אַ זעלנער קומען אריין צו אַ יידישן בעל־מלאכה פון גומי־אַרטיקלען און פאַרלאַנגען פון אים אַ דענטקע מיט אַ פרישער אָפּאָנע. דער ייד דערקלערט, אַז ער האָט נישט. מען פירט אַדורך אַ רעוויזיע אין שטוב און געפינט גאָרנישט. דאָך נעמט מען אים צו און פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל אָנווייזן אַ צווייטן בעל־מלאכה, דערביי דראָט מען אים מיט שיסן נאָך דעם. ביים צווייטן געפינט מען אויך גאָרנישט. דאַן גייט מען צום דריטן מיט די פריערדיקע צוויי, אַזוי גוט ביז אַ גאַנצע קאַוואַלקאַדע פון בעל־מלאכות האָט אין דער באַגלייטונג פון דעם אָפיציר און זעלנער געדאַרפט דערשאָסן ווערן. אין לעצטן מאָמענט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אָפיציר מיט דעם זעלנער האָבן זייער דראָונג נישט דערפילט. די יידן זיינען ניצול געוואָרן.

געווען אַ פראָיעקט פון איינפירן אין גובערניע געלע לאַטעס אויפן אָרט פון די אָפּאַסקעס. אין [אַ] געשפרעך מיט די מאַכט־פאָרשטייער האָט טשערניאַקאָוו זיי דאָס אָפּגעראָטן צו טאָן מיט מאָטיוון פון ווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער. עס וועט דערויף נויטיק זיין צו פיל וואָל.

הונגער איז היינט געוואָרן זייער אַ פאַרשפרייטע קראַנקהייט. אין לאָדזש האָט אַ גרויסער פראָגער דאָקטאָר אויסגעפונען אַ גוט מיטל קעגן דער הונגער־געשווילעכץ. דאָס מיטל איז אַ פשוטעס — קאַרטאָפל. אָבער ווו נעמט מען זיי, אַז אַ קילאָ קאַרטאָפל קאָסט היינט ביליק (!) 4 זל. אַ קילאָ

דער קלאַנג וועגן טויט פון יודטאָווא, האָט זיך צום באַדויערן אַרויסגעוויזן פאַר אַ נישט ריכטיקן.

2 יוני 1942[94]

פריוואַטע איניציאַטיוו[95] — איניקע מענטשן קלייבן זיך צונויף די קערפּערשאַפטן וואָס באַשעפטיקן זיך דערמיט[96]

מאַנגל פון אַרבעטס־אינספּעקציע. — זאָרג פאַר פאַמיליע־מיטגלידער גשר צי טריף — פאַר וועמען גייט די אַרבעט[97],

אין אַ טורמע צווינגט מען מענטשן צו אַרבעטן.

דעקן אַ געוויסע צאָל אינטעליגענץ דורך די שאַפן

אויפפאָדערן דורך די ה.ק. [הויז־קאָמיטעטן]. לעגאַליזאַציע פון וואַרשטאַטן וואָס אַרבעטן אומלעגאַל,

מען האָט מורא פאַר שטייערן.

געזעל[שאַפטלעכע] שטייער פון די פאַרדינסטן פון אונטערנעמער.

2.000 לעפּ נאָ מוכי[98].

מיר דאַרפן נישט אָרגאַניזירן קיין שאַפן[99].

אויף יענער זייט דאַרף — — —

רעדוצירן אויסגאַבן צו אַרבעטס־שוץ

באַשטייערונגען לטובת די פאַמיליעס.

ביי טעבענס נישטאָ קיין אָפּזאָגונגען.

אַ סך אַרבעט אויף פּרווו — גאַנצע חדשים אויף פּראָבע.

אויפן חשבון פון שקלאַפערישער אַרבעט וועט מען ראַטעווען דאָס געטאָ[100] בעסער שיקן אויף אַרבעט אויף יענער זייט — דאָס וויכטיקסטע שמוגל פון פּראָדוקטן.

---

94) דאָס זענען טעזן צו אַן אַרבעט וועגן דיווירטשאַפטלעכע באַציונגען אין געטאָ.

95) אין אויגוסט 1941 זענען אין וואַרשעווער געטאָ געשאַפן געוואָרן צוויי ווירטשאַפטס-געזעלשאַפטן אַלס שותפותן מיט באַגרענעצטער אחריות: „יידישע פּראָדוקציע-געזעלשאַפט" („ווישוורטשאָשטש זשידאָווסקאַ") און „ליפערונגס-געזעלשאַפט".

96) די שותפים פון די צוויי ווירטשאַפט-געזעלשאַפטן (זע די פריערדיקע הערה 95) זענען געווען: טוער פון דעם צענטראַלן סוחרים-פאַריין און פון צענטראַלן האַנטווערקער-פאַריין און אויך עטלעכע יודענראַט-מיטגלידער. די אָר-גאַניזאַטאָרן פון די געזעלשאַפטן זענען געווען דער פּראָדוקציע-אָפּטייל און דער האַנדל-אינדוסטריעלער אָפּטייל פון יודענראַט.

97) וואַרשיינלעך האַנדלט זיך דאָ וועגן שמוגל.

98) זע: הערה 68 (1940). פּויליש: פליגן-פּאַפּיר.

99) עס קאָן זיין, אַז רינגעלבלום מיינט דאָ די שטעלונג פון דער ווידער-שטאַנד-באַוועגונג נישט צו אָרגאַניזירן שאָפּן, אָדער אז אזוי האַלט די פּריוואטע איניציאטיוו.

100) דאָס איז דער לאָזונג פון די יודענראַטן און פון געוויסע ווירטשאַפט-לעכע קרייזן.

יידישע אַרבעטער אַרבעטן לויט דעם פּאַמעלכן טעמפּאָ[101]. — יידן פּאַסן זיך צו — מוזן פאַרנעמען שטעלעס פון פּויל[ישע] באַפעלקערונג[102].
זעט אַז יידן אַרבעטן[103]. — — — נישט פאַרמאַכן הערמעטיש דאָס [געטאָ]
פאַרקלענערן די אַרבעט שעהן.
פאַר איבערשעצן — איז נישט — — — צו לעבן — — —
אויב מען אַרבעט פאַר 10 שעה באַקומט מען — —
די אַרבעטס באַדינגונגען ערגער
מעט גיט זיך אַן עצה דורך אַקאָרד
ריסטונגס[104] קען אַריינפירן פראָדוקטן פון פרייען מאַרק — האַלמאַן[105]
גענומען פראָדוקטן פאַר 500—600 מענטשן
נישטאָ קיין מעדיצינישע הילף אין אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון.
500 זל. אין אַ שאָפּ אַריינבאַקומען זיך.
אָנגעהויבן פון זייגערלעד־וואַרשטאַט און געמוזט אַריבערגיין צו מעכאַניז־מען פון גראַנאַטן

די געשיכטע פון סאָציאַלער הילף אין וואַרשע בעת דער מלחמה

די סאָציאַלע הילף אין נאָרמאַלע, שלום־צייט באַטייט הילף פאַר די דאָזיקע, וואָס האָבן זיך צוליב באַזונדערע מאָמענטן ווי צ. ב. עלטער, אָרעמקייט, קראַנקהייט, פאַריתומטקייט א. א. געפונען אין שווערע באַדינגונגען, אין וועלכע זיי קאָנען זיך מיט אייגענע כוחות נישט העלפן און מוזן אָנקומען צו דער הילף פון דער געזעלשאַפט. אַזוי ווי די צאָל געטראָפענע איז בדרך־כלל אַ נישט באַדייטנדע איז ממילא דער פאַרנעם פון סאָציאַלע הילפס־אינסטיטוציעס נישט קיין גרויסער און זי נעמט אַרום בלויז אַ קליינעם ברוכטייל פון דער באַפעלקערונג. אַנדערש איז בשעת אַ מלחמה אָדער בשעת אַ נאַטור קאַטאַסטראָפע. די צאָל געליטענע באַטרעפט דעמאָלט אָן אַ שיעור און די אַנאָמאַליע ווערט דעמאָלט אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. די סאָציאַלע הילף ווערט דעמאָלט די הילף פאַר דעם רוב פון דער באַפעלקערונג. אויסער ריזיקע מיטלען, וואָס זיינען

---

101) דאָס איז געווען דער אַלגעמיינער לאָזונג פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

102) אין געטאָ, ווו עס איז נישט געווען קיין פּאָליאַקן, האָבן יידן פאַרנומען אַזעלכע פּאָסטנס ווי הויז־וועכטער, אין פּאָסט וכדומה.

103) אַזוי זאָגן צו די דייטשן די יודענראַטן און פאַבריקאַנטן.

104) ריסטונג־אינספעקציאָן (באַוואָפענונג־אינספעקציע), וועלכע האָט אָנגעפירט מיט די באַשטעלונגען פאַר דער ווערמאַכט.

105) בערנאַרד האַללמאַן, דייטשישער אייגנטימער פונעם שאָפּ פון מעבל־אויסאַרבעטונג אין וואַרשעווער געטאָ.

נויטיק פאַר דעם דאָזיקן צוועק און וואָס שאַפן זיי קען נאָר אַ מלוכה־אַפּאַראַט, פאָדערט די סאָציאַלע הילף אין דער צייט פון מלחמה אַ גרויסן שטאַב געניטע מיטאַרבעטער, וועלכע זאָלן זיין אין שטאַנד צו באַהערשן די קאַטאַסטראָפע. זעלטן ווען געלינגט עס צו באַהערשן פולשטענדיק די גרויזאַמע סטיכיע פון מלחמה־אומגליקן. דעריבער מוז די סאָציאַלע הילף אין דער צייט פון מלחמה אַרויסרופן אומצופרידנקייט מצד די באַדייטנדע טיילן פון דער באַפעלקערונג, וועלכע די הילפסאינסטיטוציע האָט [איז] אין אַ נישט אַנטשפּרעכנדער מאָס געקומען צו הילף.

די איבּיקע באַמערקונגען זיינען וויכטיק כּדי אָפּצושאַצן די ראָל און באַדייטונג פון דער יידישער סאָציאַלער הילף אין דער צייט פון מלחמה און פאַרשטיין די אומצופרידנקייט מצד דער ייד.[ישער] באַפעלקערונג מיט דער טעטיקייט פון דער דאָזיקער סאָצ.[יאַלער] הילפסטעטיקייט.

ווייל מען געהעריק אָפּשאַצן די יידישע סאָצ. הילפסטעטיקייט אין דער צייט פון מלחמה מוז מען זיך דערמאָנען דאָס פּנים פון דער סאָצ. הילף נאָך דער מלחמה. אויסער דער פאַרזאָרגונג פון יתומים און זאָרג פאַר דער געזונטהייט, וועלכע זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף מאָדערנע, אייראָפּעאישע יסודות האָט קיין סאָציאַלע הילף אויף די איבעריקע געביטן נישט עקזיסטירט. די אַקציע צו באַקעמפן די בעטלעריי וואָס איז אַזוי געווען אויסגעבויט ביי די מערב־אייראָפּעאישע יידישע קהילות האָט ביי אונדז אָנגענומען די ערגסטע פאָרמען, וואָס האָט דעמאָראַליזירט און דערפירט דעם דעקלאַסירטן און פּרנסהלאָזן ייד צום נידעריקסטן שטאַפּל פון אונטערגאַנג. דערצו האָבן דערפירט די פילאַנטראָפּישע חברות ווי „בית־לחם“, „תּומכי־עניים“ וכדומה ווי אויך די אָפּטיילונגען פאַר סאָצ. הילף ביי די יידישע קהילות. זיי, די דאָזיקע חברות, וואָס האָבן טראַקטירט דעם נויטבאַדערפטיקן ווי אַ שלעפּער, האָבן עס דערצויגן אַ גאַנצן דור פון שנאָרער, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם מענטשלעכן פּרצוף און נישט פעאיק געווען צו קיין שום פּראָדוקטיווער אַרבעט. דערמיט ווילן מיר באַין אָפן נישט זאָגן, אַז דאָס פּראָבלעם פון בעטלער און שלעפּער האָבן גורם געווען איינציק און אַליין די פילאַנטראָפּישע חברות. דאָ האָבן געשטעקט עיקרדיקע ווירטשאַפטלעכע סיבות, די אַנאָרמאַלע עקאָנאָמישע סטרוקטור פון יידישן פאָלק, דער כּסדרדיקער פּראָצעס פון דעקלאַסירונג א. א. סיבות. ווי לויז די דאָזיקע חברות זיינען געווען פאַרוואָרצלט אין יידישן לעבן, ווי שוואַך עס איז געווען זייער געזעלשאַפטלעכע באַזע, ווי אָפּגעלעבט עס זיינען געווען זייערע הילפספאָרמען, האָט באַוויזן די וועלט־מלחמה. דער שטורעם פון דער נייער צייט האָט זיי אַוועקגעטראָגן ווי פאַרוועלקטע בלעטער אין אָשיען און נישט איבערגעלאָזט פון זיי קיין שום זכר אויסער דאָס געדעכעניש פון די געציילטע רעקלאַמע־נאָטיצן אין דעם „נאַש פּשעגלאָנד“ אָדער „מאָמענט“.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה זיינען זיך די אַלע חברות צאַנאַנדערגעפאַלן, הגם אַ טייל פון זיי האָבן געהאַט אונטער זיך צענדלי־

קער יאָרן פֿון פֿילאַנטראָפּישער טעטיקייט. עס האָבן נישט געהאָלפֿן קיין שום פּרוּוון צו גאַלוואַניזירן די דאָזיקע געזעלשאַפֿטן, אַרײַנצובלאָזן אין זיי אַ נײַע נשמה. זיי האָבן איבערגעלעבט זיך אַליין. און האָבן דעריבער געמוזט גיין אין זייער אייביקער רו.

נישט בעסער האָט אויסגעזען די וואַרשעווער קהילה, וועלכע די פֿאָלקסמאַסע האָט ריכטיק אָנגערופֿן דאָס מתים־שטיבל. די דאָזיקע גרעסטע קהילה אין אייראָפּע האָט געהאַט פֿאַר דער מלחמה אַ שם פֿון איינער פֿון די אַממייַנסטן אָפּגעשטאַנענע. באַהערשט דורך די אַגודיש־אַסימילאַטאָרישער מערהייט האָט די וואַרשעווער קהילה פֿאַרנאַכלעסיקט אינגאַנצן דעם געביט פֿון קאָנסטרוקטיווער אויפֿבוי־אַרבעט. די אָפּטיילונג פֿאַר סאָציאַלער הילף האָט געפֿירט אַ פֿאַרצייטיקע, אָפּגעלעבטע אַרבעטסמעטאָד, וואָס האָט אין רעזולטאַט פֿאַרבונדן די מחנות דעקלאַסירטע און פּרנסה־לאָזע ייִדן, וועלכע האָבן געקלאַפּט אין אירע טירן.

איר אַרבעט האָט זיך באַגרענעצט צום פֿאַרטיילן אויף אַן עפּעס פֿילאַנטראָפּישן אופֿן אַ ביסל געלט אַלס נדבות. מען האָט נישט געזוכט און אַפֿילו נישט געפּרוּווט אַוועקשטעלן דעם מקבל אויף די פֿיס, ממילא האָבן די דאָזיקע געלט־אונטערשטיצונגען פֿון דער קהילה געווירקט דעמאָראַליזירנדיק און האָבן דערצויגן אַ מחנה פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע שנאָרער און בעטלער.

אומזיסט וועט איר זוכן אין דער וואַרשעווער קהילה אַ שפּור פֿון עפּעס אַ נײַעם וועג אין קאַמף מיט בעטלערײַ, אומזיסט וועט איר דאָרט זוכן די אופֿנים פֿון סאָציאַלער הילף אין דער פֿאָרם פֿון באַראַטונגסשטעלן, פֿאַכבילדונג וכדומה.

די וואַרשעווער קהילה האָט נישט געהאַט קיין שום אָנשפּאַר אין די ברייטע ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן. פֿאַרקערט, זי איז געווען דורך זיי פֿאַרהאַסט צוליב איר בולטן קלאַסן־כאַראַקטער, צוליב איר גרינגשעצונג צו די ברענענדע אינטערעסן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. דאָס קליינע הייפֿל פֿון אַסימילאַטאָרישע סאַנאַטאָרן, וואָס זײַנען געווען דער אָנשפּאַר פֿון דער קהילה, זײַנען זיך ביים אויסברוך פֿון דער מלחמה צעלאָפֿן ווי שטשורעס פֿון אַ טרינקענדיקער שיף, איבערלאָזנדיק אויף גאָטס באַראָט דעם גורל פֿון אַ פֿירהונדערטטויזנטדיקן ציבור. עס איז דעריבער נישט קיין חידוש, אַז נישט דער באַאַמטן־אַפּאַראַט פֿון דער קהילה און נישט דער געזעלשאַפֿטלעכער עלעמענט אַרום דער קהילה האָבן נישט געקענט ווערן קיין באַזיס פֿאַר דער גרויסער הילפֿסאַרבעט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גלייך ביים אויסברוך פֿון דער מלחמה.

אויב באַ די פּאָליאַקן האָט עקזיסטירט דער „רויטער קרייץ", וואָס האָט געהאַט געניטע ספּעציאַליסטן אויף די אַלע געביטן פֿון הילף, האָבן [ביי] אונדז, ייִדן, געפֿעלט פֿאַכמענער אויף דעם געביט פֿון באַשפּייזונג, פֿון הילף פֿאַר פּליטים און היימלאָזע, פֿון באַקליידונג וכדומה. די פּאָליאַקן האָבן אַ דאַנק דער שטאַרק אויסגעבויטער באַשפּייזונגס־הילף פֿאַר אַרבעטסלאָזע געהאַט אַ גאַנצן קאַדר פֿון ספּעציאַליסטן אויפֿן געביט פֿון געזעלשאַפֿטלע־

כער באַשפּייזונג. בײַ אונדז יידן האָט פֿאַר דער מלחמה בסך־הכּל עקזיסטירט איין איינציקע פֿאָלקס־קיך, וועלכע איז דערצו אַזוי שלעכט געווען אַרויסגעשטעלט, אַז אין דער מלחמה־צייט האָט זי פֿאַרשאַפֿט זייער אַסך צרות דער אָנפֿירונג פֿון אַנדערע קיכן.

מיר זײַנען אַלזאָ אַרײַנגעטרעטן אין דער מלחמה נישט האָבנדיק קיין שום דערפֿאַרונג און קיין שום ספּעציאַליסטן אויף די געביטן פֿון סאָציאַלער הילף, וועלכע עס האָט אַרויסגערופֿן דער מלחמה־קאַטאַקליזם. דערצו איז נאָך צוגעקומען אַ וויכטיקער מאָמענט: דאָס אַוועקפֿאָרן אָדער ווי אַנדערע ווילן זאָגן — די דעזערציע פֿון די טעטיקע אין געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט ביים אויסברוך פֿון מלחמה. גאַנצע ביוראָען פֿון געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס זײַנען פֿאַר איין מאָל געוואָרן אויסגעליידיקט און עס האָט זיך געשטעלט די האַרבע פֿראַגע, פֿון וואַנען נעמען מענטשן צו די נײַע אינסטיטוציעס, וואָס דאַרפֿן געבויט ווערן. אין מאָמענט ווען די פֿילאַנטראָפּישע חברות, וואָס האָבן אייגנטלעך געדאַרפֿט איבערנעמען די הילפֿסאַרבעט פֿאַר די מלחמה־קרבנות, האָבן אָפּגעשטעלט בכלל זייער טעטיקייט, איז דער איינציקער אָנשפּאַרפּונקט פֿאַר דער גאַנצער הילפֿסאַרבעט געבליבן דער דזשוינט מיט דעם שארית־הפּליטה פֿון זיין אַפּאַראַט, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט מיטרייסן מיט דעם אַלגעמיינעם שטראָם פֿון „גיין" און געבליבן אויף די פּאָזיציעס. נישט דאָ איז דער אָרט אָפּצושאַצן די אַרבעט פֿון דזשוינט פֿאַר דער מלחמה. עס מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז דער כאַראַקטער פֿון דער דזשוינט־טעטיקייט פֿון פֿאַר דער מלחמה האָט אים לכתחילה פּרעדיספּאָנירט צו פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן פֿון דער הילפֿסאַרבעט פֿאַר די מלחמה־געליטענע. אין די יאָרן נאָך דער וועלט־מלחמה האָט דער דזשוינט דירעקט געפֿירט אַ גרויסע אויפֿבוי־אַרבעט פֿון די חרובֿ געוואָרענע יידישע ישובֿים. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער עס געטון דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון דער נעץ פֿון געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, ווי דער רעוויזיאָנס־פֿאַרבאַנד פֿון קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס, דער „צעקאָבע", „טאָז", „צענטאָס" א. א., וועלכע זײַנען דער רובֿ אַנטשטאַנען אַלס יורשים פֿון אַנטשפּרעכנדע דעפּאַרטאַמענטן פֿון דזשוינט. דער סימן מובהק פֿון דזשוינט פֿאַר דער צווייטער וועלט מלחמה איז געווען דאָס איבערוויזן די טעטיקייט פֿון די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס, דאָס באַוועגן זיי צו פֿאַרשיידענע נײַע אַרבעטסגעביטן וכדומה. אינספּיראַציע, אַקטיוויזאַציע פֿון יידישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, די קאָאָרדינירונג פֿון דער טעטיקייט פֿון די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס — דאָס פּרוּוון געבן אַן עטעמפּער אויף נײַע ווירטשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען פֿון יידישן לעבן — רופֿן צו דעם צוועק צום לעבן די אַנטשפּרעכנדע אָרגאַניזאַציעס — דאָס אונטערשטיצן און סטימולירן זייער טעטיקייט, אָט דאָס איז געווען די הויפּטאַרבעט פֿון דזשוינט. דער דזשוינט האָט געהאַט די רייכע דערפֿאַרונג פֿון צוויי יאָרצענדליקער הילפֿסאַרבעט. דער דזשוינט האָט געהאַט דעם געהעריקן אויטאָריטעט בײַ דער יידישער געזעלשאַפֿט, דער דזשוינט האָט אויך פֿאַרמאָגט

אַ קלײנעם קאַדער געשולטע באַמטע, װאָס האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון דער הילפס־אַרבעט און דער עיקר דער דזשױנט איז געװען די אײנציקע אָרגאַניזאַציע, װאָס האָט געהאַט דעם געהעריקן אױטאָריטעט אַװעקצוזעצן בײ אײן טיש די אַלע עקזיסטירנדע אָרגאַניזאַציעס און קאָאָרדינירן זײער הילפס־טעטיקײט דורכן שאַפן אײן אָרגאַניזאַציע: די קאָאָרדינירקאָמיסיע פון יידישע הילפס אינסטיטוציעס. עס װעט בלײבן דער היסטאָרישער פאַרדינסט פון „דזשױנט", אַז אין דער צײט װען די אָנפירונגען פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס װי די קהלה, „טאָז", „צענטאָס", רעטונגסקאָמיטעט, יעאַס א. א. זײנען אַװעקגעפאָרן איבערלאָזנדיק אַלץ אױף הפקר, איז די אָנפירונג פון דזשױנט געבליבן אױפן אָרט און געשטעלט זיך בראש פון דער הילפסאַרבעט. די דאָזיקע אָנפירנדע ראָל פון „דזשױנט" אין דער הילפסאַרבעט האָט געהאַט אַ גאַנצע רײ פּאָזיטיװע פאָלגן אױפן 1) כאַראַקטער פון דער הילפסאַרבעט, אױף איר 2) אינהאַלט און דעם 3) אַפּאַראַט, װאָס האָט די אַרבעט געפירט.

װי עס איז פריער דערמאָנט געװאָרן, האָט די אַרבעט פון דזשױנט געטראָגן פאַר דער מלחמה אַ דורכױס קאָנסטרוקטיװן כאַראַקטער. צו דער פילאַנטראָפּישער הילף האָט דער דזשױנט נישט געװאָלט האָבן קײן שום שײכות, האַלטנדיק די דאָזיקע אַרבעט פאַר גיסן װאַסער דורך אַ זיפּ — אַן אַרבעט, װאָס קען נישט ברענגען קײן שום רעזולטאַטן. אױב דעם דזשױנט איז אױסגעקומען אין געװיסע אױסנאַמספאַלן, װי למשל בײ דער מעשה פשיטיק אָדער ענלעכע עקסצעסן, צו העלפן די געליטענע — איז דאָס דאָזיקע אױך געטאָן געװאָרן אױף אַ קאָנסטרוקטיװן אופן, ד. ה. אַז די קהלות פון די געליטענע האָבן זיך אַלײן געמוזט באַטײליקן אין דער הילפס־אַרבעט און אפילו די אונטערשטיצונגען אױף אױפבױ פלעגן אַרױסגעגעבן װערן אין דער פאָרם פון הלװאות. דער דאָזיקער כאַראַקטער פון דער דזשױנט־אַרבעט האָט אױך געװירקט אױף דער הילפסאַרבעט בשעת דער מלחמה. עס איז אין דער דאָזיקער אַרבעט אַרײנגעבראַכט געװאָרן דער גײסט פון קאָנסטרוקטיװיזם, װאָס איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מען האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אױפגאַבע צו ראַטעװען די אַרבעטנדע װינטשאַפטלעך־טעטיקע עלעמענטן דורך שאַפן פאַר זײ פאָלקס־קיכן און דערמיט זײ העלפן איבערהאַלטן די שװערע צײט. די דאָזיקע קיכן זײנען געבױט געװאָרן נישט פאַר די באַזונדערע גרופּן און שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, נאָר דורך די דאָזיקע גרופּן, דורך די אָרגאַניזאַציעס און פאַרײנען, װעלכע זײנען געװען טעטיק פאַר דער מלחמה. דער קאָנסטרוקטיװיזם פון דער דאָזיקער הילפסאַרבעט איז באַשטאַנען נישט אין דער דירעקטער אױפבױ־אַרבעט — װי דאָס איז געטאָן געװאָרן פאַר דער מלחמה — נאָר אין אײנהאַלטן דעם מענטשן־מאַטעריאַל, װאָס װעט נױטיק זײן נאָך דער מלחמה צו דער דאָזיקער אַרבעט. אָדער דערמעגלעכן זײ איבערצוהאַלטן די שװערע צײט פון אַרבעטסלאָזיקײט ביז װאַנען עס װעט זיך נישט מאַכן קײן אַרבעטסמעגלעכקײט אין דער געגעבענער בראַנזשע.

דער דזשוינט האָט אויך אַריינגעבראַכט דעם געזעלשאַפטלעכן גייסט אין דער הילפסאַרבעט, וואָס איז אויך געווען די דזשוינט־טראַדיציע פון פאַר דער מלחמה. אמת איז, אַז דער דזשוינט האָט פאַר דער וועלט־מלחמה נישט מיטגעאַרבעט אָפיציעל מיט די פּאָליטישע פּאַרטייען. אָבער ווער עס דערמאָנט זיך די שטאַרקע צווישנפּאַרטייאישע קאַמפן, וואָס האָבן, למשל, געשפּאָלטן און טיילווייז אַפילו פאַרניכטעט די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, די ווירטשאַפטלעכע און קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס פון די סוחרים און בעל־מלאכות, וועט מוזן מודה זיין, אַז דאָס נישט דערלאָזן דערצו, אַז די פּאָליטישע קלייזל־ און גרופּן־קאַמפן זאָל זיך אָפּשפּיגלען אויפן שטח פון די דורכן דזשוינט געשאַפענע אָרגאַניזאַציעס איז געווען אייגנטלעך אַ גרויסער פאַרדינסט פון דזשוינט. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז דער דזשוינט איז פאַר דער מלחמה געווען אַ געזעלשאַפטלעך. פאַרקערט, דורכן אויסבויען אַ נעץ פון איבער 1000 ג״ח־קאַסעס מיט געוועלטע אויף דעמאָקראַטישע יסודות פאַרוואַלטונגען, דורך אויפשטעלן אַ נעץ פון עטלעכע הונדערט פאַרייניקטע קאָמיטעטן פאַר די ענינים פון מלאכה ביי יידן, דורך אַריינציען צו דער מיטאַרבעט די פאַרשטייער פון פאַרשיידענע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס — איז די טעטיקייט פון דזשוינט געווען דורך און דורך אַדורכגעדרונגען מיטן גייסט פון געזעלשאַפטלעכקייט.

די דאָזיקע טראַדיציעס פון צוזאַמענאַרבעט מיט דער געזעלשאַפט האָבן אָנגעהאַלטן אויך בשעת דער מלחמה. זיי האָבן געווירקט אויף דעם צוזאַמענשטעלן פון אַפּאַראַט פון די הילפסאָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אַנטשטאַנען בשעת דער מלחמה אונטער אויספּיציען פון דזשוינט. אויב אין דער קהלה און איר קעמערלעך האָט ביים אָננעמען צו דער מיטאַרבעט דעצידירט זייטיקע מאָמענטן און אַ גאַנץ היפּשע ראָלע האָט אין געוויסע טיילן געשפּילט די טרויעריק־באַרימטע „שאַפע" (קאָרופּציע בלע״ז), אַ זאַך, וואָס איז אַלגעמיין באַקאַנט אין וואַרשע — האָבן ביים אָננעמען אין זש. ט. ס. געשפּילט די דעצידירנדיקע ראָל געזעלשאַפטלעכע מאָמענטן. דעריבער טאַקע באַשטייט דער אַפּאַראַט פון זש. ט. ס. פון געוועזענע מיטאַרבעטער פון קרן־היסוד, קרן קימת, רעטונגס־קאָמיטעט, פאַראייניקטער קאָמיטעט פאַר די ענינים פון מלאכה, אַיק״אַ, פונדיישן, פּליטים־קאָמיטעט, צעקאָבע, קאָאָפּעראַטיווער טוער, פון פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, געוועזענע געזעלשאַפטלעכע טוער פון פּראָווינצער שטעט און שטעטלעך וכדומה (דער מחבר וויל דערמיט נישט באַהויפּטן, אַז פּראָטעקציע האָט נישט געשפּילט קיין געוויסע ראָל ביים צוזאַמענשטעל פון אַפּאַראַט).

אויסער די געזעלשאַפטלעכע טוער און מיטאַרבעטער פון געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס האָט מען אין אַפּאַראַט פון זש.ט.ס. און אין די קעמערלעך, וואָס זיינען דורך אים געשאַפן געוואָרן, אַריינגעצויגן די ווערטפולע עלעמענטן פון דער יידישער געזעלשאַפט ווי אַרטיסטן, שרייבער, זשורנאַליסטן א. א.

די באַדייטונג פון דזשוינט איז אַלזאָ געווען נישט בלויז אין קאָאָרדינירן די טעטיקייט פון הילפסאָרגאַניזאַציעס און אַריינברענגען אַ געזעלשאַפטלעכן גייסט אין דער דאָזיקער אַרבעט און שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכן אַפּאַראַט פון די הילפסאָרגאַניזאַציעס. דאָס וויכטיקסטע איז געווען דאָס, וואָס דער דזשוינט איז פאַרבליבן אויפן פלאַץ און מיט זיין עקזיסטענץ אַליין אַריינגעבלאָזן אַ רוח חיים אין דער יידישער געזעלשאַפט. דער עולם האָט אין דזשוינט פּערסאָניפיצירט די הילף פון אויסלאַנד, דער עולם האָט אין דזשוינט געזען די ברידערלעכע אויסגעשטרעקטע האַנט מעבר לים און דאָס האָט אין די ביטערע צייטן, ווען אַלע האָפענונגען, וועלכע מען האָט געלייגט אויף פראַנקרייך אָדער ענגלאַנד זיינען נאָך דער מפּלה פון די מערב־מלוכות צערונען געוואָרן ווי זייפן־בלאָזן, געהאַט אַ גאַנץ גרויסע מאָראַלישע באַדייטונג.

מען מוז אָבער מודה זיין, אַז דער „דזשוינט" האָט אויך אויסגעפּרעסט זיין חותם אויף אַ גאַנצער ריי נעגאַטיווע דערשיינונגען אין דער הילפסטעטיקייט פאַר די נשרפים, גולים און פּליטים. די ערשטע און די וויכטיקסטע איז געווען דער פּראָטעקציאָניזם, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעבליט אין די אַלע קעמערלעך פון דער הילפסאינסטיטוציע. מיר גיבן זיך אָפּ אַ דין־וחשבון, אַז כל זמן עס וועט זיין מער אַרבעטס־הענט ווי אַרבעטסמעגלעכקייטן, אַז כל זמן עס וועט זיין [מער] הילפסבאַדערפטיקע ווי הילפס־מעגלעכקייטן — אַזוי לאַנג וועט הערשן פּראָטעקציאָניזם ביים אָפּקלייבן פון אָנגעשטעלטע און ביים ערטיילן הילף פאַר נאָענטע און באַקאַנטע. מען מוז אָבער מודה זיין, אַז אַזוי לאַנג ווי די הילף איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון איין אָרט — פון דער צענטראַלע, האָט געהערשט אַ זייער וויטגייענדער פּראָטעקציאָניזם, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, אַז אָן אַ רעקאָמענדאַציע פון אַ גדול אין דער אינסטיטוציע איז נישט מעגלעך געווען צו באַקומען אַרבעט אָדער וועלכע נישט איז הילף פאַר [?] נויט־באַדערפטיקן. אונטערן מאַנטל פון הילף פאַר ווערטפולע פּערזאָנען האָט מען געטיילט שפּייזפּעקלעך סתם אָרעמעלייט אָדער וואָס ערגער — פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך נאָך אַ גאַנץ לאַנגע צייט געקאָנט באַגיין אָן דער הילף פון געזעלשאַפט. דער פּראָטעקציאָניזם האָט אויך געווירקט, אַז עס זאָלן אויך אָנגאַזשירט ווערן נישט תמיד די אַנטשפּרעכנדיקע פּערזאָנען.

די פּאָליטיק פון דזשוינט צו רעכענען זיך מער מיט די, וואָס מאַכן די עפנטלעכע מיינונג — פּרעסע־מענטשן, אָנפירער פון פּאָליטישע פּאַרטייען — איידער מיט דער עפנטלעכער מיינונג גופא, צו טראַכטן בשעת דער מלחמה נישט אייַנצורייסן מיט קיינעם, וואָס קען האָבן וועלכע נישט איז השפּעה נאָך דער מלחמה, האָט גורם געווען, אַז אין דער הילפסאַקציע פאַר יחידים האָט מען מער אין זינען געהאַט די, וואָס האָבן געקענט מאַכן אַרום זיך אַ טומל, איידער די באמת ווערטפולע פּערזענלעכקייטן, וואָס דערהאַלטן זיי האָט געדאַרפט זיין די עיקר אַרבעט פון דזשוינט.

די דאָזיקע דזשוינט־פּאָליטיק האָט אויך דערפֿירט דערצו, אַז אין דער הילפֿס־אַרבעט זיינען אין אַ גאָר גרויסער מאָס בעריקזיכטיקט געוואָרן די רעליגיעזע מנהיגים, די רבנים און פֿאַרשיידענערליי כּלי־קודש. עס האָט אין געוויסע קרייזן קורסירט אַ וויץ, אַז כּדי צו באַקומען שטיצע ביים דזשוינט איז דאָס בעסטע זיך צוצוקלעפּן אַ באָרד — דעמאָלט איז מען זיכער מיט דערפֿאָלג.

און נאָך איין נעגאַטיוון שטריך פֿון דער דזשוינט־טעטיקייט דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן. דער דזשוינט, וואָס האָט אין די ערשטע חדשים פֿון דער מלחמה געפֿירט אַ ברייט־פֿאַרצווייגטע הילפֿסטעטיקייט, האָט אָפּגעווינט די וואַרשעווער יידן פֿון זעלבסטהילף. דיספּאָנירנדיק מיט באַדייטנדע געלט־סומען האָט דער דזשוינט נישט אַרויפֿגעלייגט אויף דער געזעלשאַפֿט קיין שום פֿליכטן מיטצוהעלפֿן צו פֿאַרלייכטערן דעם שווערן גורל פֿון די מלחמה־קרבנות: די נשׂרפֿים פֿון וואַרשע און די פּליטים פֿון דער פּראָווינץ. דער דזשוינט האָט אַליין אויסגעטראָגן די לאַסט, נישט גלויבנדיק, אַז די באָמבאַרדירטע, פֿאַרברענטע און אויסגערויבטע וואַרשע האָט נאָך גענוג רייכע מענטשן, וואָס זיינען פֿאַרפּליכטעט צו העלפֿן זייערע ברידער אין נויט. די דאָזיקע שלעכטע מידה האָט געהאַט זייער שלעכטע פֿאָלגן פֿאַר דער צוקונפֿט. ווען די געלט־מיטלען פֿון דזשוינט האָבן זיך אין חודש מאַי 1940 אָנגעהויבן צו פֿאַרקלענערן — ווען עס איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז די אַמעריקאַנער יידן וועלן אין דער מלחמה נישט העלפֿן מיט אַזאַ ברייטער האַנט, ווי זיי האָבן עס געטאָן בשעת יענער וועלט־מלחמה, האָט מען נאָך אַלץ געגלייבט אין די אַמעריקאַנער מיליאָנען דאָלאַרס, וואָס וועלן שוין דעקן אַלע הוצאות אויף דער הילפֿסאַרבעט. עס האָט לאַנג גענומען און עס האָט געפֿאָדערט אַ סך מי און מאַטערניש ביז וואַנען די עפֿנטלעכקייט האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער איינציקער אָנשפּאַר פֿון אַלע הילפֿסאינסטיטוציעס איז איינציק און אויסשליסלעך די יידישע געזעלשאַפֿט. עס האָט לאַנג געדויערט ביז וואַנען עס איז געלונגען פֿון אַנדערע קוועלן מאָביליזירן די פֿאָנדן, וואָס זאָלן פֿאַרטרעטן דעם ביז איצטיקן דזשוינט־קוואַל.

רעזומירן מיר דאָס אַלץ, וואָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן דזשוינט, וועט דער בילאַנס נאָך אַלץ אויספֿאַלן לטובֿת דעם דזשוינט. עס וועט בלייבן דער היסטאָרישער פֿאַרדינסט פֿון דזשוינט — נישט געקוקט אויף געוויסע שאָטן־זייטן פֿון זיין טעטיקייט, ווייל ער איז געווען די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געבליבן דער קערן, אַרום וועלכן עס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט די גאַנצע הילפֿסאַרבעט אין וואַרשע. נישט אומזיסט איז ביים פּשוטן פֿאָלקסמענטש דאָס וואָרט „דזשוינט" געוואָרן דער סימבאָל פֿון סאָציאַלער הילף בכלל, אַז אַ פּשוטער ייד גייט אין אַ פֿאָלקסקיך — הייסט עס ביי אים, אַז ער גייט אין „דזשוינט", אפֿילו דער הויזקאָמיטעט ווערט ביים פֿאָלק אָנגערופֿן „דזשוינט".

רעדט מען וועגן דזשוינט־אַרבעט אין דער איצטיקער צייט, טאָר נישט פאַרגעסן וועגן אין וויכטיקער מאָמענט, וואָס גרענעצט מיט דער העכסטער מאָס פון אידעאַליזם. איך מיין דאָ דאָס באַרגן מיליאָניקע סומען אויף אָפּצוגעבן נאָך דער מלחמה, הגם דאָס דאָזיקע איז געווען פאַרבאָטן דורך דער מאַכט. די „דזשוינט"־דירעקטאָרן האָבן דאָ פון ערשטן מאָמענט אָן ריזיקירט בפועל ממש מיטן לעבן און הגם זיי האָבן גוט געוווּסט, וואָס עס דראָט זיי אין פאַל, ווען דער סוד וועט אויפגעדעקט ווערן, האָבן זיי עס נישט אויפגעהערט צו טאָן. עס וועט בלייבן איינס פון די גרעסטע סודות פון געטאָ, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען, אַז אין אַ צייט פון אַזאַ גרויסער דעמאָראַליזאַציע און קאָרופּציע זאָלן זיך נישט געפינען אין די צענדליקער מוסרים, וואָס זאָלן עס נישט האָבן איבערגעגעבן וועמען מען דאַרף. גאַנץ וואַרשע האָט געוווּסט וועגן די דאָזיקע טראַנזאַקציעס און דער אָקופּאַנט האָט זיך נאָך אין דער ערשטער צייט שטאַרק אַריינגעמישט אין די אינערלעכע ענינים פון יידישן לעבן און דאָך זיינען די דאָזיקע זאַכן וואָס זיינען געווען אַן עפנטלעכער סוד פאַרבליבן ווייזט אויס — אַ סוד פאַר די דייטשן. דער דאָזיקער „סוד", וואָס איז געגאַנגען אין מיליאָנען האָט געבראַכט דערצו, עס זאָל אין כמעט אַלע אינסטיטוציעס געשאַפן ווערן אַ פאָנד „ב", אַ צווייטער פאָנד, טיילמאָל נישט קיין קלענערער און אפשר אפילו אַ גרעסערער ווי דער אָפיציעלער. צענדליקער און הונדערטער באַאַמטע, וואָס האָבן אָפּגענומען די געלטער, פאַרשריבן זיי אין די דאָפּלטע ביכער, איינגעקויפט פאַר זיי סחורות, פאַרשריבענע אויפן פאָנד „ב", האָבן געוווּסט וועגן דעם סוד. עס האָבן וועגן דעם גלייך געוווּסט די, וואָס האָבן געגעסן פון די דאָזיקע פּראָדוקטן. עס האָבן וועגן דעם געוווּסט די קיכן און פאַרטיילונגספּונקטן, וועלכע האָבן געמוזט פאַרשרייבן די דאָזיקע סומעס אויף ספּעציעלע רובריקן — און דאָך איז דער סוד פאַרבליבן אַ סוד פאַר דער מאַכט.

מען זאָל זאָגן אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, ער זאָל אייך אָפּמאָלן אַ „דזשוינט"־דירעקטאָר, וועט ער אייך אים פאָרשטעלן ווי אַ הער מיט אַמעריקאַנער ברילן, מיט אַ ציגאַר אין מויל, אַ ניכטערער מענטש, וואָס וועגט און מעסט אַלץ באַכאַנאַנד — וואָס איז ווייט, ווייט פון אידעאַליזם און קרבנות־גרייטקייט. די איצטיקע וועלט־מלחמה האָט געשאַפן אַ נייעם טיפּ, אַ טיפּ פון אַ דזשוינט־דירעקטאָר, אַ מאַרטירער, וואָס שטעלט איין דאָס לעבן צען מאָל אין טאָג, וואָס ריזיקירט מיטן לעבן מיט דעם פולן באַוווּסטזיין. גוזשיק איז פון ערשטן מאָמענט געווען די פאַרקערפּערונג פון דער דאָזיקער שיטה, אַז דער דזשוינט מוז טאָן זאַכן, וואָס קאָלידירן מיט די פאַרשריפטן, פּונקט ווי עס מוז עס טאָן יעדער צען מאָל אַ טאָג. די מלחמה האָט ביזן גרונט געענדערט דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס וואָלט אין פרידנצייטן געבליבן נישט מער ווי אַ פינאַנס־דירעקטאָר פון דזשוינט, ד. ה. דער מענטש, וואָס איז אַריינגעטאָן אין דער טרוקענער וועלט פון ציפערן און וואָס זעט נישט קיין סך מחוץ די דאָזיקע ציפערן. די מלחמה

האָט אַריינגעבראַכט אַ טיפֿע מעטאַמאָרפֿאָזע אין לעבן פֿון דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס איז נתגלה געוואָרן צו איטעם פֿון די ל״ו-ניקעס. בשעת אין וואַרשע איז ביי דער באָמבאַרדירונג געבליבן געציילטע מענטשן אין דער אינסטיטוציע, האָט גוזשיק מיט זיין אָפּטימיסטישן שמייכל, מיט דעם בטחון, וואָס ער פֿלעגט אַריינגיסן אין די אַלע, וואָס האָבן זיך מיט אים צוזאַמענגעטראָפֿן ביי דער אַרבעט — פּשוט אויפֿגעהאַלטן די אַר־בעט, זי צעמענטירט און געגעבן פֿליגל צו איר אויפֿשטייג. גוזשיק איז

אין יענע צייטן געווען דער רעטער פֿון די אַלע שרייבער, זשורנאַליסטן, אַרטיסטן אַ. אַ., וואָס זיינען געבליבן אָן פּאַרדינסט־מעגלעכקייטן, אָן שום אנשפּאַר — דער — — [נישט פֿאַרענדיקט].

סוף פֿון ערשטן באַנד

פאטאקאפּיעס
פון עמנואל רינגעלבלומס
כתבים



3 פון די 10 מעטאלענע קעסטלעך אין וועלכע עמנואל רינגעלבלום האָט אויסבאַהאַלטן די מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, צווישן וועלכע עס האָט זיך גע־פונען דער ערשטער טייל פון זיין אונטערערדישן ארכיוו און דער ערשטער טייל פון זיינע כתבים.

אין סעפטעמבער 1946 יאָר זענען אונטער די חורבות פון הויז אויף נאָוואָליפקי 68 די דאָזיקע קעסטלעך געפונען געוואָרן.



[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible] [redacted] [illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]


[illegible]



[illegible]

[illegible] 8.000 [illegible]

[illegible] 70 – 80 [illegible] 16.000 [illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]



[illegible]

23/XII

[illegible]







[illegible]



אינדעקס פון נעמען

א

אַדאַמאָוויטש אירענאַ 319
אַדעלבערג סאַמועל 216
אויערבאך רחל 278
אולריך 163
אַוערסוואַלד הײנץ 313, 317, 318, 334, 361, 362, 366.
אונגער מרדכי 263
אַזעף יעווגאַ 356
אָזשעך מאַוריצי 104, 111, 123, 257
אָטאָ 56
אינדעלמאַן 115, 119
אײזענבאַך אַהרן 23
אײכמאַן אַדאָלף 117
אײנהאָרן אהרן 143, 239
אַלטען מאַרעק 214, 243
אלטער מאיר 226
אַנדערס 311, 312, 356, 363
אַנטאָנעסקו יאָן 205
אַניעלעוויטש מרדכי 361
אָסאָוויעצקי 282, 290, 328
אָסטערזעצער 33
אַפּעל, וואַן 206
אַפּעלבוים י. מ. 48
אָקס ד״ר 42
אַרלדט פריץ 99, 100, 133
אָרלעסקאָ 67
אַרנשטײן מאַרק 95, 283
אַשכנזי שמעון 273

ב

באַוך 349
באַך 121
באַלאַבאַן מאיר 120, 133, 216, 262, 275, 323, 339
באַרבאַל (באַלענבאַך) 134
באָראָכאָוו 295, 323
באַרוך 192
באַרטעל קאַזשימיעזש 38, 55, 67
באָרײשאָ מנחם 207
באָרנשטײן י. 10, 30, 110
באָרקאָווסקי איגנאַצי 219
בובניאַק 31
בוליט ו. 205
בוקסבוים נתן (אַנטאָני) 26
ביאַלאָבזשעסקי 36
ביאַליק חיים נחמן 141
ביאַלער 77
ביבערשטײן מאַרעק 99
בידערמאַן 31, 32
ביזעט 216
ביסטראָן סטאַניסלאַוו 33
בישאָף מאַקס 313
ביספינג 196
בלאָמבערג פריץ 43
בלויפאַפיר איגנאַצי 280, 290
בלומענטאַל נ. 22, 23
בלומזײד 187
בלומענפעלד דיאַנאַ 196
בלומענפעלד, רב 277
בלײמאַן 354
בליקלע 74
בנינסקי אַדאָלף 199
בעאַטוס ד״ר 104
בעגין 179
בעווין 241
בענקיעל 77, 212
בעק יוזעף 25, 116
בערגמאַן 325
בערגסאָן אנרי 179
בערלינסקי 147
בערמאַן א. 20, 21
בערמאַן באַשיע 21, 30
בערסאָן 97
בערענסאָן לעאָן 254, 265, 285, 292
בראָדעצקי זעליק 122
בראַמערסאָן 337
בראַנד אַנטאָן 114
בראַנדײס לואי 178
בראַנדשטעטער מיכאל 141
בראַסלאַווער ר׳ נחמן 215
ברוין סערגײ 178
בריאַנסקי 77
ברײערזאָן 180
ברעסלאַוו שמואל 120

ג

גאָגאָלעווסקי 321
גאָדלעווסקי מאַרצעלי 300
גאָטליב 29

גאַיעווסקי 124
גאָלאָמב אברהם 205
גאָלדע ד״ר 49
גאָלדפאַדען אברהם 275
גאָלדפײל 131
גאָלל סטאַניסלאַוו 112
גאַנצװײך אברהם 190, 202, 211, 222, 235, 242, 263, 271, 272, 273, 274, 275, 277, 283, 293, 322, 325, 337, 339, 354, 355, 356, 363, 369
גאָראָדינסקי ד״ר 189
גוזשיק דוד 71, 91, 97, 213, 293, 394
גורמאן 356
גיטערמאַן יצחק 75, 91, 104, 111, 120, 121, 250, 328
גילבערט שלמה 219
גינזבורג שאול 178, 249
גינסבורג 249
גלאטשטײן 196
גלײכװעקסלער אַדװ. 337
גליצענשטײן, רב 277
געבעטנער 227
געבעלס 135
געטעל פערדינאַנד 128
געפּנער אברהם 84, 120, 168, 209, 232, 295, 366, 367
געלמאַן ד״ר 145
געפּען 274
גערטנער 82, 126, 212
גערינג 130, 266, 270, 327
גערליטש 267
גערלינג 267
גראָסמאַן חיהקע 359
גראַציאַני רודאָלף 320
גראַף יעזשי 323
גרובער 65
גרינבוים יצחק 145
גרינבערג אורי צבי 179

ד

דאַלאַדיע עדואַרד 35
דובניאַק װלאַדיסלאַװ (דאַװבניאַ) 50
דיאַמענט יוסף 310, 348
דװאָזשעצקי מארק 242
דיקשטײנװנאַ 340
דעסלער סאַלעק 344

ה

האַגען נ. 243, 303, 306, 338
האַזענשפּרונג 120
האַלער, גענעראַל 207
האַלמאַן בערנאַרד 385
האַנדעלמאַן מאַרצעלי 8, 197
האָפמאַן 100
האָפמאַן, גענעראַל 270
האָר בעלישאַ 54, 66
הובערבאַנד, רב 50
הובערמאַן שמעון 85
היטלער אַדאָלף 90, 107, 130, 145, 149, 161, 174, 200, 256, 262, 291, 295, 330, 346, 371, 373, 381
הימלער 47, 201, 247, 348
הירשפעלד 87, 88
הירשפעלד, פּראָפעסאָר 218, 220, 236, 242, 286, 308
הײדריך 117
הײמאן 242
העלער 246, 251, 266, 272, 277, 293, 294, 325, 326, 354, 356
הענדעל מאַריאַן 234, 245
הענעבערג 166
העס רודאָלף 270, 271, 273
הערינג 344
הערץ בענעדיקט 218
הערץ יוסף 378
הערצל טעאָדאָר 151
הערשאַפט אַדאַם 88

ו

װאָגלער אלחנן 340
װאַהל 77
װאָלסקי מיעטשיסלאַװ 21
װאַן דער מערש 380, 381
װאַנקאָװיטש מעלכיאָר 41
װאַסאַנג 95
װאַסער בלומע 22, 147, 178, 192, 195, 202, 225, 239, 241, 244, 247, 250, 260, 266, 268, 271, 272, 276, 292, 306.
װאַסער הערש 22

וואַרשאַוויאַק יהודה 202, 337, 339
306
וויטאָס ווינצענטי 158
וויטקעוויטש סטאַניסלאַוו איגנאַצי (וויט־
קאַצי) 127
ווייכערט מיכאַל 72, 96, 110
וויינבערג, רב 318
וויינטרויב 35, 36
וויסענבערג י.מ. 307
ווייץ עמיל 55, 329
ווייצמאַן ־ יים 26, 173
ווילנער 369
ווינדער מאיר 264
וויעליקאָווסקי גוסטאַוו 254, 316
ווידעל ע. 47
וועללעס סומנער 113
ווערטהיים ד"ר 32, 218, 237
ווערפעל פרנאַץ 234, 380

ז

זאַבלודאָווסקי בנימין 153, 272, 333
זאַגאַיעווער 189
זאַגאַן שכנא 44, 48, 52, 121
זאַגורסקי 180
זאַגייסקי 189, 236
זאַבאַריאַש 369
זאַלעווסקי 207
זאַלעק וויקטאָר 318
זאַמענהאָף לודוויק 86
זאַקס 351
זאַקסאָוואַ 12
זאַקסענהויז 321
זביטקאָווער שמואל 10
זיבערט 133
זיגעלבוים (אַרטור) 207, 221, 378, 379
זיידמאַן הלל 149
זיידלער 337
זייטשיק שמעון 34
זילבערבערג פינקוס יאַנקל 68
זילבערשטיין יעקב 329
זילבערשטיין אַדאָלף 149
זיסקינד ר. 133
זניטש מיכאַל 313
זשאַבאָטינסקי זאב 142, 145, 151, 240

ט

טאַבאַטשניק מיכאַל 264
טאָדט פריץ 369
טאָלסטאָי לעוו 331
טאָס קאָנראַד 65
טאַרנאָווסקי 155
טוווים יוליאַן 103, 141, 230
טורקאָוו יאָנאַס 371
טיילאָר עדוואַרד 38, 67
טימאָשענקאָ 304
טיקאָטשינסקי 165
טעבענס 384
טענענבוים 351
טרונק ישעיה 22
טשאַפניק (היטלער) 149
טשודנער יצחק 335
טשיאַנאָ 161
טשעמבערליין נעוויל 35
טשערטשיל ווינסטאָן 197, 350
טשערניאַקאָוו אַדאַם 53, 98, 100, 103,
110, 112, 153, 155, 156, 170,
172, 174, 183, 200, 220, 234, 242,
244, 245, 247, 250, 256, 272, 274,
275, 293, 307, 316, 321, 333, 337,
357, 363, 383
טשערניכאָווסקי שאול 141

י

יאַבלאָנסקי ד"ר 191
יאַבלקאָווסקי 78
יאַלאָוויעצקי 314
יאַראָסלוי 210
יאַראַטש סטעפאַן 44, 227
יאשונסקי גזשעגאָזש 345
יאַשונסקי יוסף 53
יהודה הלוי 240
יודטאָוואַ 215, 293, 357, 369, 383
יורים ד"ר 179
יינגסטער לוי 263
יעדוואַבניק 340
יעוויזאָראָוו מרדכי 340

כ

כשאַנאָווסקי, פראָפעסאָר 89

ל

לאַדיש 207
לאַזאַוועַרט הענריקאַ 285
לאַטיינער יוסף 215
לאַיד דזשאָרדזש 380
לאַמפּערט 296
לאַנגבאַרד א. 340
לאַסאַל פערדינאַנד 81
לאַסקי האַראָלד 240, 241
לובעלסקי שמעון 81, 212
לופּט 289
ליבמאַן הערש 325
ליבערמאַן 73
ליובאָמירסקי 66
לייזעראָוויטש משה 263, 355
לייסט לודוויק 103, 152, 196, 175,
271, 318
לייערס 85
לייפּונער ד״ר 264, 277, 339
לייקין 318, 382
ליכטענבוים מאַרעק 224, 230, 242,
272
לינגערמאַן 64
לינדענפעלד לודוויק 290
ליפּמאַן ד״ר 263
לעדערמאַן 318
לעהמאַן שמואל 307
לעהמאַן 313
לעוואַנדאָווסקי 70
לעווין 112
לעווין 362
לעווין שלמה 264
לעניו ה. אי. 240, 334
לערער לייביש 205

מ

מאַהלער רפאל 10
מאַורער 240
מאַזאַ 67
מאַזעס (מישלאַגורסקי) 170
מאַכניצקי 66
מאַלאָוויסט מאַריאַן 90
מאַלאָטאָוו 163, 171, 180
מאַלטקע, גענעראַל 270
מאַליצקאַ מאַריאַ 227
מאַלראָ 41
מאַן (היינריך) 41
מאַן (טאָמאַס) 41
מאַנד אַלפרעד 122
מאַנדעל 362
מאַנדעלטאָרט 211
מאַקדאָנאַלד ראַמזיי 232, 233
מאַנס אָטטאָ 214, 254, 260
מאַקסימיליאַן 229
מאַרגולים (ברידער) 42
מאָרגענשטערן ד״ר 296, 302
מאַרשאַק לודאָמיר 21
מאַרקס קאַרל 334
מאָשטשיצקי איגנאַצי 22, 146
מוסאָליני בעניטאָ 145, 161, 320, 346
מוסערט 206
מורער האַנס 341
מייערבער 216
מייסנער 267
מיכאַלאָוויטש, פּראָפ. 227
מיליקאָווסקי ישראל 81, 110, 197,
236, 286
מילך, גענעראַל 270
מילמאַן 68
מילעק (טינע) 311, 356, 363
מינץ בנימין 236
מלינאַרסקי 249
מעדיאַנסקי 179
מעלטשעט, לאָרד 122
מענדעלסאָן משה 41, 216, 320
מענדעלע מוכר ספרים 240
מערין משה 76, 97, 117, 118, 135,
245, 249, 310, 222, 327, 348.
מערלינסקאַ 290
מעש ד״ר 363

נ

נאָוואָדוואָרסקי 125, 127, 291
נאַטאַנסאָן הענריק 220
נאַטאַנסאָן לודוויק 220
נאָסיג אַלפרעד 48, 49
נייטשטאַט לייב 75, 97
ניעדזיאַלקאָווסקי 64

ס

סאדאָװסקי 84
סאָלסקאַ 291
סאמבערג אײזיק 196, 355
סאָסנקאָװסקי גענ. 207
סאָפּיעהאַ אדאָם 99, 217
סאקסענהױז 170, 175, 235, 238
סװיעצאַ 230, 356
סוריק מיכאל 115, 135, 149
סטאַזשינסקי סטעפאַן 29, 52, 53
סטאַלין 130, 145, 256, 265, 333
סטאַנטשיק 207
סטודניצקי 125, 127
סטופּניצקי שאול 211, 277
סטעמפּאָװסקי 227
סטראָנסקי 207
סטראַשון 340, 345
סײדאַ 207
סײס־אינקװאַרט אַרטור 206
סים איגאַ 227, 229
סיראָטאַ 267
סמילאָנסקי 179
סעגאַלאָװיטש קלאַראַ 67
סעראַפים, פּעטער־הײנץ 216
ספּים 227
סקװאַרטשינסקי סטאַניסלאַװ 71
סקלאַדקאָװסקי 145, 220
סקלאַר משה 351, 358

ע

עטינגאַן 185
עליאָװיטש 93
עסטעראָװיטש 356
עפּשטײן 221
ערליך 334
ערליך יאָסל (קאַפּאַטע) 193, 238, 245, 312

פּ

פּאַדאַרעװסקי 70
פּאַװלו רודאָלף 131
פּאַװעל, פּרינץ 238
פּאָזנאַנסקי 124
פּאָזנער חיים 234
פּאַיעװסקי טעאָדאָר 20
פּאָניאַטאָװסקי 317
פּאָפּאָװער 175
פּאָפּראַצקי יוזעף 220, 221
פּאָקולסקי 227
פּודער 323
פּולאָװסקי 99, 125
פּזשעװאָרסקי 317
פּיאָטר II 236
פּילסודסקי יוזעף 311
פּינקערט מאָטל 228, 235, 236, 267, 287, 302
פּלאַטניצקא פרומע 359
פּלעס 196
פּעטען 243
פּרעה 374
פּשיבילקאָ־פּאַטאַצקאַ 227

פֿ

פֿאַביש 296
פֿאַסס 358
פֿױכטװאַנגער ליאָן 274, 334
פֿײנקינד 267
פֿײפּער 166
פֿינדנאַגעל 171
פֿירסט 365
פֿישער לודװיג 53, 156, 174, 219, 297
פֿלײשמאַן אַלבין 312
פֿעלדשוה ראובן 56, 263, 275
פֿעפּערמאַן 312
פֿערדינאַנד 207
פֿראַנק האַנס 53, 80, 86, 98, 130, 133, 146, 152, 154, 155, 215, 245, 313, 317, 324
פֿראַנק יעקב 97
פֿראַנקענשטײן 368, 374
פֿרידמאַן 165
פֿרידמאַן פֿיליפּ 50
פֿרידמאַן פֿעליקס 92
פֿרידעריק מאיר 217
פֿרײדלײן 151

צ

צוויג 41, 334
צוויבוים יוליאַן 308
צוקער מיעטעק 119
צוקערמאַן יצחק 120, 165
צייטלין דוד 73
צייטלין אלחנן 355
צייטלין אהרן 355
צייטלין דוד 73
צייטלין הלל 355
ציעגלער 302
צינבערג 201
צענטנערשווער מיעטשיסלאַוו 95, 187

ק

קאָבאַצקי 58
קאָברינער עדוואַרד 245
קאָדרעאַנו קאָרנעליו 205
קאָזאַק 339
קאָזיאָלקעוויטש 148
קאָזשען מ. 13
קאָט אנדזשעי 77, 87, 89
קאָטאַרבינסקי טאַדעוש 47, 193, 230
קאַטשקאַ 290
קאָכאַנאָווסקי י. 8
קאַלמאַן 216
קאַלמאַנאָוויטש זעליג 344
קאָמאַרניצקי טיטוס 26
קאַמינסקי 176
קאַמינסקי הענדיק 246
קאַמינער משולם 98, 200
קאַמפעלמאַכער בערנאַרד 301
קאָן 246, 251, 266, 272, 277, 293, 294, 325, 326, 354, 356
קאָן מ. מ. 265, 294
קאַנאַל ישראל 234, 324
קאַנט 264
קאָנערשטיין 337
קאָסטאַנעצקי אַנטאָני 89
קאַץ 278
קאָץ 207
קאַצענעלבאָגען, רב 191
קאַצענעלסאָן יצחק 39, 198, 209, 211, 277, 355
קאָראַל 165
קאַרגעל 256
קאָרטשאַק יאַנוש 162, 166, 189, 190, 263, 277, 337
קאָרנילאָוו 241
קאָשטשושקאָ 11, 129
קויטסקי 334
קונדט ערנסט 155
קוסאָטשינסקי יאַנוש 79
קופּשיקער לעאָפּאָלד 237, 245, 248, 255
קופּערמאַן ד״ר 59
קורניצער שאול 217
קורעק יאַלו 41
קורץ 196
קייטעל 245
קירשענבוים מ. מ. 249
קענער יעקב 25
קערמיש יוסף 22
קערענסקי 241
קרויזהאַר אַלעקסאַנדער 228
קראָל 179
קראַמשטיק 316
קראַשעווסקי איגנאַצי 295
קרוק יוסף 334
קריגער 99

ר

ראַבסקאַ זוזאַנאַ 228
ראָגאָוואָי מ. א. 275
ראדזשיוויל יאַנוש 36, 66
ראַדלינסקאַ העלענאַ 79
ראַדלינסקי, פּראָפ 227
ראוויצקי 251
ראזמילאָווסקי ראָמאַן 227
ראָזע 290
ראָזען הענריק 107, 253
ראָזענבערג 267
ראָזענטאַל ב. וו. 107
ראָזענפעלד 275
ראָזענשטיין 66
ראָטהאָלץ שעפּסל 311
ראַטשקעוויטש 207
ראָניקער, גראַף 111, 155, 167, 196, 217, 218, 234

ראפאפארט שבתי 217
רובינשטיין 228, 235, 243, 246, 262, 265, 275, 301
רובינשטיין ד״ר 338
רודניצקי 369
רוזוועלט 52, 128, 172, 235, 243, 346
רוזש 51
רויזן פ. 149
רומקאווסקי חיים 80, 93, 132, 137, 139, 143, 144, 150, 177, 184, 210, 211, 216, 268, 315
רוסינעק מיכאל 103,
רוקח 179
ריבענטראפ 113, 144, 161
רידז שמיגלי 28, 35, 107. 146
רייטנעמער 236
רייכמאן פראפ. 42
רינגעלבלום אורי 20, 32, 53
רינגעלבלום יהודית 20
רינגעלבלום עמנואל 7—22, 25, 42, 61, 67, 153, 215
ריפענטאל לעני 129
רמ״בם 324
רעשאל אברהם־יעקב 235

ש

שאלד הענריעטע 178
שאליט משה 340
שאממע 280
שאפירא בעלא 321
שאפירא דוד 178
שובערט 222
שובערט ריכארד 222
שווארץ פנחס 48
שווארצבארד איגנאצי 73, 207, 300
שווארצבארד מ. 22
שווייגענבערג 344
שולץ 137, 139, 324
שולץ קארל־געארג 323
שולץ פריץ 323
שיר לייב 264
שטאלצמאן 110
שטיין עדמונד (מנחם) 48
שטיינבערג־קאטארבינסקא דינה 90
שטערנפעלד דוד 190, 237, 362, 369
שטערנפעלד ישראל 234, 250
שטרייכער יוליוס 154
שטשופאקעוויטש (שטשופאק) 25
שימאוויטש 362, 363
שיפער הענריק 207
שיפער יצחק 8, 160, 250, 307, 355
שיקארסקי וולאדיסלאוו 79
שלום עליכם 302
שליווינסקי ארטור 66, 74
שמידט 290
שעין וואלדעמאר 162, 163, 181, 223
שניצער ד״ר 231
שערטאק 179
שערינסקי יוזעף־אנדזשעי 234, 264, 314, 317, 318
שערמאן 29
שפינאזא ברוך 206
שפירא 253
שראמעק אברהם 157
שרעמף ד״ר 134

אינדעקס פון שטעט

א

אַדעס אַבעבאַ 243
אַדערבערג 188
אוטרעכט 206
אונטערלאַקען 26
אָטוואָצק 27, 68, 119, 138, 140, 146, 147, 185, 201, 210, 310, 324, 344
איזביצע 34, 43
איללענשטיין 97, 102
אינאָווראַצלאַוו 103
אַלזשיר 157
אַמסטערדאַם 206
אַנטווערפּן 189
אַנין 112
אָסאָווא 299, 303
אָסטראָווע מאַז. 31, 39, 60, 62, 67, 68
אָסטראָווצע 33, 39, 54, 67, 220, 309, 347, 379
אָסטראָווע לובל. 39, 43, 46
אָסלאָ 206, 207
אָפּאָלע 218, 220
אָראַניענבורג 151
אָשוויענטשים 192, 195, 217, 220, 238, 294, 259, 280, 285, 296, 302, 303, 312, 320, 321, 337, 358

ב

באָברויסק 369
באָטשקי 45
באָכניע 89
באַלימאָוו 284
באַראַנאָוויטש 350
באָרדאָ 157
באָריסלאַוו 72
בודאַפּעשט 27
בוטשאַטש 7, 50
ביאַלע פּאָדלאַסק 33, 34, 35, 96, 143, 327, 374
ביאַליסטאָק 41, 48, 56, 130, 213, 281, 283, 295, 296, 300, 342, 344, 345, 359
בידגאָשטש 68, 76, 226, 229
ביעלסקאָ-ביאַלאַ 75
בלאָשקי 54
בלוינע 62, 68
בעלזשיצע 90, 136
בעלזשעץ 153, 177, 230, 373, 377, 379
בענדין 48, 75, 117, 212, 249
בערלין 57, 86, 102, 113, 117, 121, 140, 186, 259, 291, 295, 237, 233, 344, 370
בערן 26
ברעסלוי (וו‏ראָצלאַוו) 102
ברענער 161

ג

גאָטענהאָפען 113
גדיניע 49
גלאָווינע 39, 47, 173, 227
גלוסק 90
גער 116, 201, 326
גראָדזשיסק 62, 68, 220, 301
גראָדנע 41, 84, 213
גראָכאָוו 84, 127, 134, 141, 162, 236, 237, 323
גרודזשאָנדז 103, 115, 277
גרייערק 201
גריצע 160, 223, 240, 323

ד

דאָבזשין 41
דאַנציק (גדאַנסק) 76, 113, 226, 229, 230
דאָמבראָוויצע 269

ה

האַאַג 157
האַמעל 65
האַנאָווער 370
הענריקאָוו 162
הרוביעשאָוו 131

ו

וואַווער 57, 58, 64
וואָרמס 237
וואַרשע 7—14, 16—21, 27—31, 33—41, 43—45, 50, 53, 55—57, 59—62, 64, 67, 68, 73—76, 81, 83, 84, 85—

88, 94, 96, 101, 106, 109, 121, 122,
126, 133, 134, 138, 140—142, 144
—146, 153, 155, 156, 164, 166,
170, 172, 179, 181, 185, 189, 190,
192, 193, 195, 199, 201, 204, 206,
207, 209, 211, 214, 215, 220, 221,
226, 227, 229, 230, 232, 236, 237,
242, 243, 245, 247, 248, 250, 251
254, 256, 257, 260—263, 267, 268,
270, 273, 276, 277, 288, 292, 293,
297—299, 312—314, 317, 319—326,
331, 336, 339, 343, 346—348,
351, 352, 354, 357, 367, 369, 370,
374, 375, 378, 383, 390, 392—394

וויטעבסק 333

ווילגע 275

ווילנע 11, 41, 50, 53, 111, 157, 179,
196, 333, 340, 342, 344, 345, 348,
359, 376, 377, 378

ווין 31, 34, 86, 179, 218, 200

וויסקיטקי 62, 68

ווישעגראד 63

ווישי 157

ווישקעווע 32, 68

וולאדאווע 36, 48, 77, 78, 113, 130

וולאכי 46

וולאצלאוועק 45, 82, 90, 191

וולאשטשאווע 68, 70

ווענגראוו 167

ז

זאגוראוו 89

זאגרעב 27

זאוויערציע 75, 118

זאמאשטש 45, 254

זעמבראווע 360

זאפּיווקע 31, 142, 147, 186, 213, 251

זבאנשין 13, 64, 357

זגיערזש 125, 127, 151

זיגעסהיים 37

זשיכלין 72

זשיראַרדאוו 18

זשענעוו 25

זשעשאוו (ריישא) 80, 151, 159

ט

טאברוק 246

טאמאשאוו מאזאוויעצקי 73, 191, 167,
234

טאנענבערג 114

טארנע 59, 180, 329, 347

טווארקי 251

טורין 36, 158

טעשין 188

טראווניקי 20

טרעבלינקע 17, 343

טשיזשעוו 68

טשעבין 118

טשעוו 226, 229

טשענסטאכאוו 45, 54, 56, 131, 142, 156,
169, 274, 347, 359, 360

י

יוזעפוו לובל. 136, 143

ירושלים 208

כ

כאזשוו 75

כאלם 331, 333

כארקאוו 346

כזשאנאוו 249

כעלם 36, 42, 299, 303

כעלמנא 374, 376, 377, 378, 379

ל

לאדזש 29, 33, 37—45, 47, 49, 50, 52,
54—56, 58, 59, 62, 64, 69, 78—80,
82, 88, 91, 93, 95, 96, 103, 109,
114, 115, 119, 123, 127—129, 132,
135, 137, 139, 141, 143, 144, 147,
149, 152, 154, 161, 164, 165, 168,
169, 171, 175, 176, 184, 185, 189,
190, 196, 204, 210—212, 214, 215,
224, 226, 235, 237, 247, 251, 256,
258, 259, 265, 267, 268, 314,
315, 322, 326, 330, 336, 374, 375,
383

לאָמזשע 296
לאָנדאָן 70, 377, 378, 379
לאָסיץ 66, 71
לאַסקאַזשעװ 42, 88
לובאַװיטש 190
לובלין 32, 33, 37, 46, 56, 62, 66, 70, 73, 89, 90, 95, 134, 143, 148, 157, 189, 214, 217, 223, 229, 230, 243, 254, 263, 270, 274, 307, 321, 325, 327, 338, 349, 354, 359
לודװישין 163
לװאָװ (לעמבערג) 32, 38, 41, 76, 181, 213, 283, 293, 298, 301, 342, 359, 376
לױװיטש 38, 62, 83, 96, 114, 115, 126, 127, 128, 129, 227, 251, 254, 255, 257
לוקעװע 33, 34, 35, 140
לידע 157
ליידען 206
לימאַנאָװע 62
ליפּנע 38
לעגיאָנאָװאָ 45
לעװערטאָװ 43, 60
לענטשיץ 91
לענינגראַד 68, 301, 320

מ

מאַגדעבורג 102
מאָדלבאָזשיץ 220
מאָדלין 81
מאָזשײסק 331, 333
מײדאַנעק 321
מאַלקין 32, 48, 132
מאָסקװע 130, 181, 304, 381
מאָרדי 66, 71, 263
מארסעל 157, 205, 206,
מורמאַנסק 346
מילאָסנע 30, 33
מינכען 179
מינסק 333, 371
מינסק מאַזאָװיעצק 65, 337
מיעלעץ 42
מיענדזילעסיע 57
מישקאָװ 118
מלאַװע 43, 66, 194, 263, 268
מיעדזעשין 51
מעזריטש 33, 35, 116, 190
מעריש אָסטרע 118

נ

נאַגושעװאָ 92
נאָװידװאָר 45
נאַלענטשעװ 70
נאַשעלסק 33, 35, 57, 69
נױוקע 98
נױ־יאָרק 208
נײסאָנץ 127
ניסקאָ 118
ניעפּאָלאָמיצע 89
ניעפּאָקאָלאַנאָװ 39
נירנבערג 108

ס

סאָביבאָר 374
סאָכאַטשעװ 103, 135, 258
סאַלאָניק 246
סאָסנאָװיצע 48, 75, 86, 97, 98, 117, 118, 119, 193, 212, 225, 249, 337
סאָקאָלאָװע 39, 43, 167, 344
סאַרנאַקי 71
סװאַלק 31, 34, 35
סובאַ 118
סטאָטשעק 68
סטאַרגאַרד 102, 104, 122
סטאַראַכאָװיצע 309
סלאָװאטישש 86
סלאָנים 376
סלופּצע 89
סמאָלענסק 333, 346
סעראָצק 30, 33, 34, 35
סקאָטשאָװ 75
סקערניעװיץ 66, 113, 269

ע

עװיאן 48

פּ

פּאַביאַניץ 37, 38, 87, 326, 374
פּאַמיעכוּוועק 299
פּאָנאַר 378
פּאַרטשעוו 92, 230
פּויזן 33, 38, 39, 43, 46, 49, 56, 57, 58, 62, 67, 72, 135, 139
פּולאַוו 162
פּולטוסק 43, 224
פּיעטריקאַוו 45, 46, 47, 50, 63, 91
פּיאַסעטשנע 192, 223
פּיאַסקי 90
פּינטשעוו 63, 237
פּלאָנסק 217
פּלאָצק 32, 37, 38, 63, 228, 243, 247
פּראָג 118, 206, 207, 375, 383
פּרוזשענע 300, 345
פּרושקאָוו 161
פּראַשניץ 30, 32, 34, 66
פּשיטיק 389

פֿ

פֿאַלענטי 144, 148, 149, 171, 174, 176, 264
פֿאַלעניץ 106
פֿאַלענצוי 157
פֿראַנקפֿורט 169

צ

ציעכאַנאָוו 63, 273
ציוריך 26
ציעשין 75, 76

ק

קאָביעזשין 251
קאָוונע 50, 342
קאָוועל 359
קאָזשעניץ 46, 48, 75, 76
קאָלאָ (קויל) 34, 36
קאָלאָמיי 50
קאָלושין 37, 38, 265
קאַליש 36, 38, 43, 49, 50, 55, 59, 62, 68, 70, 132, 247, 263, 299
קאָמפּיען 380
קאָנסטאַנטינאָוו 62
קאָנסטאַנץ 97
קאָנסק (קינסק) 243
קאָסאָוו-לאַצקי 68, 141
קאַססעל 87
קאַרלסבאַד 220
קוטנע 165, 193, 204, 278
קיעוו 333, 371, 378, 382
קעלץ 48, 115, 214, 220, 223, 231, 302, 338, 347
קעניגסבערג 229
קראָסנאָ 269
קראָסנאָשעלץ 43
קראַסניסטאַוו 63
קראָקע 43, 46, 53, 74, 91, 99, 100, 102, 109—114, 118, 125—127, 131—133, 135, 146, 149, 155, 162, 179, 180, 181, 190, 192, 198, 214, 218, 229, 233, 270, 327, 347
קראַשניק 111
קרעמעניץ 10, 101

ר

ראַדאָם 54, 59, 130, 153, 179, 192, 209, 214, 223, 229, 243, 310, 338, 347, 359
ראַדאָמסקאָ 37, 38, 55, 67, 162, 214, 228
ראַדזין 32
ראַוואַ-מאַזאָוויעצקאַ 220, 263
ראָוונע 348
ראָספּזשע 63
ראָטערדאַם 206
ראָסטאָוו 328, 378, 382
ראַציאָנזש 63
ראַשין 174
ריבניק 118
ריגע 344
ריפּין 103, 193
רעיאָוויעץ 230
רעמבערטאָוו 38, 172, 262, 265

ש

שאַוול 344
שטראַסבורג 157
שטשעבזשעשין 45, 138
שטשעטשין 90
שובין 96
שימאַנאָוו 39
שעדלעץ 54, 65, 66, 73, 243, 270, 296
שערפּץ 63, 103

ת

תּל־אָבֿיב 207, 233

אינהאַלט:

	זייט
אַריינפיר	7
1940 — 1939	29
1941	209
1942	330
פאַטאָקאָפּיעס פון עמנואל רינגעלבלומס כתבים	395
אינדעקס פון נעמען	429
אינדעקס פון שטעט	439